STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10074

ZUMER

Romain Rolland

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראָמען ראָלאַן

זומער

ראָמאַן אין דריי טיילן

אידיש: צ. בודיש

פ א ר ל א ג
מ אַ ק ס י אַ נ ק אָ ו ו י ט ש
179 איסט בראָדוויי ניו יאָרק, נ. י.
1 9 2 7

NEW YORK UNIVERSITY
WASHINGTON SQUARE
LIBRARY

PJ 5181
F9R B

ערשטער טייל

I

אנעט, איינגעוויקעלט אין איר ווייסן מארגן קלייד, איז געזעסן אויפן בעט און האט געשמייכעלט. אין צימער איז געווען האלב ליכטיק, די לאדן זענען געווען פארמאכט. אירע נאר וואס אויסגעוואשענע האר האבן פארדעקט אירע פלייצעס. דורך די אפענע פענסטער האט זיך אריינגעגאסן אין צימער די באוועגלאזע גאלדענע ווארימקייט פון א הייסן אגוסט נאכמיטאג. ניט זעהענדיג דעם זשארדן דע באלאן, האט מען דאך געקענט פון איר צימער שפירן די פריידיגע אפאטיע פון גארטן, וועלכער איז געשלאפן דארטן אין דרויסן אויפן זון. אנעט האט געטיילט אט די גליקזעליגקייט.

דא האט זי געקענט רוהען שטונדן לאנג אויסגעצויגן, אומבאוועגלאך, ניט טראכטענדיג און אפילו ניט האבענדיג דעם מינדסטן פארלאנג צו טראכטן... עס איז געווען גענוג פאר איר צו וויסן אז זי איז ניט אליין, אז זי איז אין צווייען און זי האט אפילו ניט געמאכט די קלענסטע אנשטרענגונג צו רעדן צום „ברעקעלע“, וועלכער איז געווען אין איר, ווייל זי איז געווען זיכער אז עס פילט דאס, וואס זי פילט, אז זיי פארשטייען איינע די אנדערע אן ווערטער. כוואליס פון צערטלאכקייט האבן זיך צוגאסן איבער איר לייב און האבן אנגעגאסן אלע אברים פון איר גליקלאכן קערפער, און זי איז צוריק ווי איינגעדרימעלט געווארן מיט א גליקלאכן שמייכל אויף די ליפן.

אויב אבער אנעטס מוח האט איינגעדרימעלט, זענען דערפאר אלע אירע חושים דינער און שארפער געווארן. פון צייט צו צייט האב זיי נאכגעפאלגט די פיינע ציטערענדע באוועגונגען פון לופט און ליכט. דורך אירע נאזלעכער און צונג האט זי איינגעזאפט אין זיך דעם געשמאקן ריח פון רויטע יאגאדעס אין גארטן. איר אויער האט אויפגעכאפט דעם מינדסטן קלאנג, דאס בלאזן פון ווינטעל צווישן די בלעטער, א טראט פון פוס אויף די שטיינדלאך פון שטעזשקע, א שטים פון גאס, דאס קלינגען פון א קלויסטער גלאק, וואס רופט צו אוונט תפילות, און דאס ברויזענדע ברומען פון די גרויסע מאסן:

C 15921

פאריז אין — 1900... אין דעם זומער פון דער וועלט אויסשטעלונג. אין וויינפּס פון שאמפּ דע מאר — האבן טויזענדער מענטשלאכע טרויבן געהירט אויפּן זון.

וויט נענוג אום ניט צו זיין געשטערט פון אט דעם קאכיגן ברויזענד טומעלדיג לעבן פון דער גרויסער שטאט און דאך נאהענט גענוג צו פילן זיינע ערפרישענדע כוואלים, האט זיך אנעט געפרייט אין די שטילע שאטענס פון איר רוהיגן ווינקעל און געטראכט : פוסטער נארישער געטומעל ! דער אמת איז טיף אין מיר.

II

איר געהער, פיינער און שארפער, ווי ביי א קאץ, האט אויפגעכאפט יעדען פארבייאיגן קלאנג. פון אונטערשטען עטאזש האט זי דערהערט דעם קלונג פון טיר גלעקעל און האט דערהערט סילוויעס טריט, וועלכע איז שטענדיק געוועזן אין איין איילעניש. אנעט וואלט געוועזן צופרידן מען זאל זי לאזן צורוה, זי איז אבער געוועזן אזוי טיף אריינגעטאן אין איר אינערלאכן גליק, אז עס האט איר ניט אויסגעמאכט ווער עס איז געקומען. ווייל קיין זאך איז ניט געוועזן אימשטאנד איר צו שטערן.

עס איז בלויז פאריבער אכט טאג זינט סילוויע האט זיך דערוואוסט די נייעס וועגן אנעט. זי האט ניט געהערט פון איר שוועסטער זינט לעצטן פרילינג. א פערזענלאכע איבערלעבונג האט זי אינגאנצן פארכאפט און איז געוועזן גענוג אנצופילן אלע אירע געדאנקען ; זי האט אליין ניט באמערקט, ווי לאנג דאס שווייגען האט אנגעהאלטען. אבער ווי נאר די געשיכטע האט זיך געענדיגט, און זי האט ווידער פריי געקענט טראכטן וועגען אנדערע זאכן, האט זי זיך דערפילט באאומרוהיגט. זי איז אריבערגעגאנגען צו איר מומע, אין איר דע באלאן היים, געוואר ווערן וואס עס הערט זיך. זי איז געוועזן שטארק איבעראשט ווען זי האט אויסגעפונען אז אנעט איז מיט א קורצער צייט צוריק געקומען א היים. זי האט זיך צוגעגרייט אוועקצוגעבן אנעט דעם ריכטיגן חלק. אבער אנעט האט מיט גרוים טאקט גע‑ענדערט דעם געשפרעך און האט אפגעצויגן איר אויפמערקזאמקייט צו אן אנדער פראגע, וועלכע איז פאר איר געוועזן ניט קיין קלענערע אי‑

בעראשונג. מילד אבער מיט גרויס געפיל האט זי איר דערציילט די גאנצע מעשה. סילוויען איז געווען זייער שווער זי אויסצוהערן ביזן סוף. אנעט, די קלוגע, די פארשטענדיגע אנעט, זאל טאן אזא ווילדע זאך און ערשט דערנאך זיך אפזאגען חתונה צו האבן. גיין אזא זאך איז נאך ניט געהערט געווארן, און זי סילוויע קען אזא זאך ניט באנעמען און ניט טאלארירן. אט די קליינע לוקרעציע איז געווען סקאנדאליזירט און האט איר געזאגט, אז זי איז אראפ פון זינען. אנעט האט זיך ניט אויפגערעגט. עס איז געווען קלאר, אז קיין זאך וועט איר ניט קענען באוועגן צו ענדערן איר שטעלונג. סילוויע האט געפילט, אז זי האט ניט קיין איינפלוס אויף אט דער איינגעשפארטער. געפילט האט זי ווי איר גוט אנצושמייסן, אבער ווי קען מען זיין ברוגז מיט אזא ליבן מענטשן וואס הערט זיך אזוי אויפמערקזאם און מיט אזא הארציגן שמייכעל צו צו אלעם וואס דו זאגסט! אויסער דעם איז זי געווען טיף גערירט פון דעם מיסטעריעזן צויבער פון אט דער מוטערשאפט... סילוויע האט דאס אנגענומען ווי אן אמת'ן און ערענסטן אומגליק. אבער זי איז געווען צופיל א פרוי אום ניט צו זיין גערירט.

און היינט איז זי ווידער געקומען אהער מיט א פעסטן באשלוס צו געבן אנעט דעם ריכטיקן חלק, צו צוברעכן איר נארישן ווידערשטאנד איר צווינגן צו באשטיין, אז ער זאל מיט איר חתונה האבן... „אויב דו וועסט ניט, וועסטו מיך אריינברייגנען אין א ווילדן גרימצארן“. זי איז אריינגעקומען ווי א גייסט פון ווינט, שמעקענדיג מיט פוידער און קאמף. אום גלייך אנצופאנגען האט זי אן א גוט מארגן זיך גלייך אנגעהויבן בייזערן אויף דעם משוגענעם איינפאל פון א מענטשן זיך צו פארשפארן און צו פארברייגנען די טעג אין דער פינסטער. אבער באמערקענדיג דעם גליקלאכן אויסדרוק אין אנעטס אויגען און אין אירעביידע אויסגעשטרעקטע הענט, איז זי צוגעלאפן צו איר און האט זי ארומגענומען און דערביי זיך ניט אויפגעהערט צו זידלען: „נאר! משוגענע, צודרייטע!... מיט די צולאזענע האר איבער איר ווייסן מארגן קלייד, קוקט זי אוים ווי א מלאך!.. אבער וואס פאר א טעות עס וואלט געווען צו דיינקען אז זי איז דאס!... אט די הייליגע טויגעניכטס. אט די קליינע אפנארערין!...“

זי האט איר אנגענומען ביי די פלייצעס און זי געטרייסעלט. אויסגעמאטערט און צופרידן האט אנעט איר געלאזט טאן וואס זי האט

געוואלט. סילוויע האט אפגעשטעלט זיך אין מיטן פון איר ווערטער שטראם, זי האט אריינגענומען איר שוועסטערס שטערן אין אירע ביידע הענט און האט פארשארט אירע האר אויף צוריק. „ווי פריש זי איז — בלוט און מילך! איך האב איר נאך קיינמאל ניט געזען מיט אזא שיינעם קאליר, טאקע דא פון וואס צו זיין צופרידן! שעמט זיך נארניט?"

„אפילו קיין קאפ ניט", האט אנעט געענטפערט. „איך בין איצט גליקלאכער, ווי איך בין ווען ניט איז געוועזן אין מיין לעבן. און אזוי געזונט, אזוי שטארק. צום ערשטן מאל אין מיין לעבן האב איך מער ניט דעם געפיל אז מיר פעלט עפעס; איך פארלאנג מער גארניט. די ביינקשאפט נאך א קינד וואס ווערט איצט פארווירקלאכט. האב איך געטראגן אין זיך כמעט פון קינדהייט אן... א, ווען איך בין אלט געווען זיבן יאר האב איך שוין געטרוימט פון א קינד".

„דאס איז נאר א מעשה", האט געזאגט סילוויע. „בלויז מיט זעקס חדשים צוריק האסטו מיר אליין געזאגט, אז דו האסט קיינמאל ניט גע־פילט אז מוטערשאפט זאל זיין דיין בארוף".

"האב איך דאס אזוי ווירקלאך געזאגט?" איז אנעט צוטומעלט געווארן. "עס איז אמת כ'האב דאס געזאגט, און דאך האב איך ניט געזאגט קיין ליגן, ניט דאמאלט און ניט איצט. כ'קען דאס ניט ער־קלערן... איך מאך ניט קיין אנשטעל איך געדיינק דאס פאלקאמען".

„איך ווייס ווי דאס איז", האט סילוויע געזאגט. „ווען איך וויל זער שטארק האבן א געוויסע זאך, דערמאן איך זיך אפט, אז דאס איז די איינציגע זאך צו וועלכער איך האב געשטרעבט זינט איך בין געבוירן געווארן".

אנעט האט זיך אנגעבמורעט; זי איז ניט געווען צופרידן. „די מוטערשאפט, וועלכע איך פיל איצט, איז דאס אמת'ע, און נאטיר־לאכע אין מיר: דאס איז אימער אזוי געווען, אבער איך האב ניט געוואגט זיך מודה זיין אין דעם אפילו פאר זיך אליין, ביז די צייט איז ניט געקומען. איך האב מורא געהאט, אז איך מאך א טעות. איצט אבער... איצט זע איך איין אז דאס מוטערליכע געפיל איז א סך רייכער און שענער ווי איך האב געדיינקט און געהאפט... דאס איז מיין גאנ־צער איך, איך וויל מער גארניט".

„ווען דו האסט געוואלט ראדזשרן אדער טאליען האסטו אויך קיין אנדער זאך ניט געוואלט, האט סילוויע שפאטיש באמערקט".

„א, דו פארשטייסט גארנישט ניט! אין דען מעגלאך אט די צוויי זאכן צו פארגלייכן? ווען איך בין געווען פארליבט, (דאס וואס איר רופט ליבע) איז דאס ניט געווען איך, וועלכע האט דאס געוואלט. דאס איז געווען ארויפגעצוואונגען אויף מיר... און ווי איך האב געליטן פון אט דעם צוואנג, געגען וועלכן איך האב ניט געהאט די קראפט זיך געגענצושטעלן. איצט זעסטו איז מיין עופה'לע געקומען מיך באפרייען פון די קייטן, פון עלענד וואס הייסט ביי זיי ליבע. אזוי איז ער געקומען און מיך געראטעוועט, באפרייט, מיין קליינער באפרייער!"

סילוויע האט אנגעהויבן לאכן. זי האט אפילן ניט אנגעהויבן צו פארשטיין איר שוועסטערס ארגומענטן. זי האט זיך אבער ניט גענויטיגט אין קיינע ארגומענטן אום צו פארשטיין איר שוועסטערס מוטערלאכן אינסטינקט: אין דער פראגע וואלטןביידע שוועסטער אימער געווען איינשטימיג. זיי האבן אנגעהויבן צו שמועסן מיט ליבשאפט וועגן דעם קליינעם אומבאקאנטן באשעפעניש (צי וועט דאס זיין א אינגעל אדער א מיידעל?) — און וועגן נאך טויזענט קלייניגקייטן, ערענסטע און קאמישע, מכוח זיין קומען, זאכן וועגן וועלכע פרויען ווערן קיינמאל ניט מיד צו רעדן.

זיי האבן אזוי אוועקגערעדט א לאנגע צייט, ווען סילוויע האט זיך דערמאנט, אז זי איז אייגענטלאך געקומען אהער מיטן צוועק צו געבן אנעט א לעקציע, און ניט צו זינגען א דועט. „אנעט", האט זי אנגעהויבן, "געגוג צו רעדן נארישקייטן! אויף אלץ איז דא א צייט. ראדזשער מוז מיט דיר חתונה האבן און דו מוזט באשטיין דארויף".

אנעט האט א מאך געטאן מיטן האנט. „ווארום זיך אומקערן צוריק דערצו? איך האב דאך דיר דערציילט, אז ראדזשער האט מיר פארנעשלאגן חתונה צו האבן און איך האב אים אפגעזאגט"....

— גוט. אז מען באגייט א נארישקייט מוז מען דאס צוגעבן און ענדערן דעם באשלוס.

„איך האב ניט קיין פארלאנג צו ענדערן מיין באשלוס".

"פארוואס ווילסטו ניט? דו האסט דאך דעם מאן ליב געהאט, און איך בין זיכער, אז דו ליבסט אים נאך איצט אויך. וואס האט פאסירט?"

אַנעט האָט ניט געוואָלט ענטפערן. סילוויע איז באַשטאַנען אויף איר פראַגע, און האָט טאַקטלאָז געזוכט די טיף פערזענלאַכע אורזאַכן פון זייער ניט שטימען. אַנעט האָט געמאַכט אַ אומגעדולדיגע באַוועגונג. סילוויע האָט געקוקט אויף איר ערשטוינט. איר פּנים האָט אָנגענומען אַ בייזן אויסדרוק, אירע ברעמען האָבן זיך צוזאַמען געגאָסן און די אויגן זענען געוואָרן פול מיט צאָרן.

"וואָס איז מיט דיר?"

"גאָרניט". האָט אַנעט געענטפערט און האָט זיך האַסטיג אָפּגעקערט אין אַ זייט.

סילוויע האָט אַנגערירט אַ וואונד, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרגעסן. צוליב אַ ניט אויסגעהאַלטענקייט, וואָס זי האָט ניט געקענט דערקלערן, וואָס איז אָבער געקומען פון די טיפענישן פון איר נאַטור, האָט אַנעט מיט איר גאַנצער טיפער פרייד פאַר דעם קומען פון קינד, דאָך געטראָגן אין הארצן אַ פאַרדרוס געגען דעם מאַן, וואָס האָט איר דאָס קינד געגעבן; זי האָט זיך ניט געקענט מוחל זיין דערפאַר, וואָס אירע חושים זענען באַצווינגען געוואָרן אומגעריכטערהייד און צוליב דער ליידענשאַפט וואָס האָט איר פאַראַטן אויף אַזאַ אופן; זי האָט ניט געקענט פאַרגעבן דעם מאַן, וועלכער האָט אויסגענוצט אַזאַ געלעגנהייט. אָט דער אינסטינקטיווער ווידערווילן איז געווען די אמת'ע אורזאַכע (באַהאַלטענע פון איר אַליין, אַזוי גוט ווי פון אַנדערע) פאַר וואָס זי איז אַנטלאָפן פון ראַדזשערן און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרעפן מיט אים נאָך אַמאָל. אין די טיפענישן פון איר נשמה האָט זי אים געהאַסט דערפאַר ווייל זי האָט אים אָוועקגעגעבן איר ליבע... נאָר מיט איר אויפריכטיקן און גראַדן שכל האָט זי אונטערדריקט אין זיך אָט די אינסטינקטן, וועלכע זי האָט באַטראַכט אַלס שעדלאַכע. פאַר וואָס דען זאָל סילוויע אַרויפצווינגען אָט די אינסטינקטן אויף איר באַוואוסטזיין?

סילוויע האָט געקוקט אויף איר און איז מער ניט באַשטאַנען אויף אירע פראַגן. אַנעט ווידער רואיג און פאַרשעמט דערפון, וואָס זי האָט עדלויבט אַ צווייטן צו זען דאָס, וואָס איז געווען אַזוי ניט קלאָר פאַר איר אַליין, האָט זיך באַמיט אומצובייטן דאָס געשפּרעך.

זי האָט שטיל געזאָגט: „איך וויל ניט חתונה האָבן, איך בין ניט באַשאַפן פאַר אָט די פליכטן. דו קענסט מיר זאָגן, אַז טויזענדער

פרויען געוואוינען זיך צו צו זיי, צו אט די פליכטן. אבער איך בין אזוי באשאפן, אז איך נעם יעדע זאך ערנסט.... אויב איך גיב זיך אפ, גיב איך זיך אפ איינגאנצן, און פיל זיך דערנאך דערשעפט: איך פיל זיך אזוי ווי איך וואלט זיך געטרונקן מיט א שטיין ארומגעבונדן ארום מיין האלדז. אפשר בין איך ניט שטארק גענוג? אפשר איז נאך מיין פערזענלאכקייט ניט פארמירט? צו נאהענטע פארבינדונגען זענען ווי ווילדע גראזן, וואס שעפן אוים מיין ענערגיע: איך האב ניט גענוג פאר זיך אליין; אין אזא פאראייניגונג מיה איך זיך צופרידענצושטעלן די צווייטע פערזאן. איך מיה זיך צו זיין דאס, וואס ער וויל איך זאל זיין. אזוינע זאכן האבן א מיאוסן סוף. ווען אימעצער אונטערדריקט צופיל זיין אייגענעם איך, פארלירט ער זיין זעלבסט רעספעקט, און קען מער ניט לעבן; אדער ער רעוואלטירט און פאראורזאכט א צווייטענס ליידן. ניין, סילוויע, איך בין א עגאאיסטקע. איך בין באשאפן געווארן צו לעבן אליין".

(חאטש זי האט אין קיין אינזיכט ניט געליינט, האט זי פונדעסט־וועגן דאך אנגעגעבן אויסריידן וועלכע האבן פארדעקט דעם אמת פון איר אליין).

„איך פארשטיי דיך ניט", האט סילוויע געזאגט. „דו ביסט דוכט זיך די לעצטע פרוי, וועלכע זאל קענען אויסקומען אן ליבע".

„איך האס אט די ליבע" האט אנעט אפגעענטפערט. „אבער זי וועט מיך איצט מער ניט ארייננכאפן אין אירע לאפעס, איך בין באשיצט געגען איר".

„שיין באשיצט!" האט סילוויע באמערקט: „דאס קינד וועט דיך אפילו קיין קאפ ניט באשיצן, דו וועסט דארפן אים היטן. דו ווילסט זיך ניט פארבינדן. האסטו געטראכט פון די קייטן וואס אט דאס קליינע בינטעל וועט מיינען פאר דיר?"

„גליק! מיט ארעמס וואס וועלן זיין פול. אט די ארעמס וואס זענען אזוי לאנג געווען ליידיג וועלן איצט זיין פול".

„דו רעדסט ניט טראכטענדיג. ווער וועט אים דערציען?"

"איך".

"און וואס איז מכוח דעם טאטען? ער האט געוויסע רעכט איבער זיין קינד".

א נייער וואלקן פון אויפרעגונג האט דורכגעשוועבט איבער אנעטס

ברעמען... "רעכט! רעכט איבער זיין קינד!... זיין קינד! דאָס קינד פון אָט דעם מאַן, פון אָט דעם בלינדן מאָמענט וועלכן ער האָט שוין פון לאַנג פאַרגעסן, און פאַרבינט מיך אויף מיין גאַנצן לעבן!... קיינ־מאָל ניט!... דאָס קינד איז מיינס!... מיין קינד באַלאַנגט צו מיר".

"ער וועט באַלאַנגען צו וועמען ער וועט וועלן".

„אָ, איך ווייס ווער עס וועט אים געפעלן".

„פאַרפירערן! און וואָס וועט זיין אויב ער וועט דאָך, ניט קוק־קענדיג אויף דעם אַלעמען, קומען צו דיר, אין איין שיינעם טאָג, מיט טענות, פאַרוואָס דו האָסט אים באַרויבט פון זיין פאָטער!"

„איך וועל אַזוי איבערפילן זיין האַרץ, אַז עס וועט דאַרטן ניט בלייבן קיין שום פּלאַץ פאַר בייינקעניש נאָך אימיצן אַנדערש".

„דו ביסט אַ שווידערלאַכע עגאָאיסטקע".

„איך האָב דיר געזאָגט אַז איך בין דאָס".

„דו וועסט באַשטראָפט ווערן".

„און מיט רעכט אויב איך וועל ניט זיין אימשטאַנד איינצופלאַנצן אין אים קיין ליבע צו מיר! אָבער, וואָס קען מיר שטערן אים ליב האָבן, און וואָרום זאָל ער מיך ניט ליב האָבן?"

„אויב דו האָסט אים באמת ליב דאַרפסטו צוערשט טראַכטן וועגן זיין צוקונפט. געוויס מענטשן זענען געצוואונגען צו אומאַנגענעמע הייר־ראַטן צוליב אַ קינד".

„דו רעגסט מיך אויף, ווען דו לויבסט אָט די פרויען, וואָס האָבן זיך פאַראורטיילט צו אַ הייראַט, וואו עס הערשט ליגן און גאַנץ אָפט האַס, אוים ליבע צו זייער קינד... דאָס דערמאַנט מיר אָן יענער מוטער, וואָס האָט געזאָגט צו איר טאָכטער, אַז צוליב איר האָט זי אַריבערגעטראָגן דעם גהינם, און האָט זיך ניט געג׳גט מיט איר פאָטער. די טאָכטער האָט געענטפערט, דיינקסטו, מאַמע, אַז דער גהינם איז אַ פּאַסענדער פּלאַץ פאַר אַ קינד?"

„דאָס קינד דאַרף האָבן אַ פאָטער".

"און וואָס איז מכוח די טויזענדער מענטשן, וואָס האָבן זיך געמוזט באַגיין אָן אַ פאָטער? וויפיל קינדער האָבן אינגאַנצן ניט גע־קענט זייער טאַטען? און וויפיל האָבן אים פאַרלוירן אין די גאָר יונגע קינדער יאָרן, און די מוטערס האָבן זיי אַליין דערצויגן! זענען זיי

ערגער פון אנדערע מענטשן? א קינד נויטיגט זיך אין ליבע וואס זאל אים באשיצן, ווארום זאל מיין ליבע ניט זיין גענוג".

"דו שאצסט איבער דיינע כוחות. ווייסטו וואס עס ערווארטעט דיך?"

"איך וויים, איך וויים! א קינדס העגטעלאך ארום מיין האלדז".

„אבער צו ווייסטו די פרייז וואס די וועלט וועט דיך צווינגען צו באצאלן דערפאר? עס וואלט געווען א סך בעסער פאר דיר ווען דו זאלסט הייראטן און לעבן מיט ברעמדע מענער, איידער מען זאל דיך פארדאמען אלס אומפארהייראטע מוטער. וואגן צו נעמען אויף זיך די ליידן און פאראנטווארלאכקייטן פון א מוטער אן דעם שטעמפעל פון אן אפיציעלער הייראט, איז א זאך וואס ווערט קיינמאל ניט פארגעבן צו א פרוי פון דיין קלאס. עס וואלט געווען דערלויבט פאר מיר. דאס, וואס מענטשן פון מיין שטאנד טוען גייט קיינעם ניט אן. אין דיין גרויזאמער געזעלשאפט דענקט מען, אז עס לוינט זיך אז מיר זאלן זיך אזוי אויפפירן. זיי זענען אלעמאל גרייט צו זינגען לויב געזאנגען פאר פרייער ליבע אין די ארבייטער קרייזן: ווי זיי טוען דאס אין „לואיז". אבער א טאכטער פון דער בורזשואזיע באלאנגט צו א פריוואטן רשות. דו ביזט זייער אייגענטום; זיי קענען דיך קויפען מיט א קאנטראקט ביי אן אדוואקאט; אבער דו טארסט זיך ניט אוועקגעבען פריי, און זאגן, אז דאס איז דיין רעכט! גרויסער גאט, צו וואס וואלט דאס אונז געפירט? ווען אייגענטום זאל רעוואלטירן געגען זיין הערשער און זאגן, „איך בין פריי! זאל קומען ווער עס וויל און מיך באאר־בייטען".

סילוויע האט ניט געקענט רעדן ערנסט אפילו, ווען זי איז געווען אויפגעבראכט.

אנעט האט געשמייכעלט און געזאגט, „איך וויים, די מנהגים זענען באשפן פונם מאן. ער פארדאמט די פרוי, וואס האט געוואגט צו האבן אירע קינדער אומפארהייראטערהייד און האט זיך ניט איבערגע־געבען צום פאטער פון אירע קינדער אויף איר גאנצן לעבן. אבער פאר א סך פרויען מיינט דאס שקלאפעריי, ווייל זיי האבן ניט ליב זייערע מענער. ניט איין פרוי וואלט פארבליבן פריי, איינע אליין מיט אירע קינדער, ווען זי וואלט נאר געהאט דעם מוט דערפאר. איך וועל זיך פרואווען האבן מוט".

סילוויע האָט געזאָגט מיט מיטלייד, „אַרימע אומשולד! דיין לעבן איז געווען באַשיצט געגען יעדער שווערינקייט מיט אַט די צווייענדיגע פּענסטער פון דער בורזשואזיע, וועלכע פאַרשפּאַרט דיך אין די ראַמען פון אירע פאַראורטיילן צוזאַמען מיט אירע פּריווילעגיעס. אָבער טאָמער פאַרלאָזטו אַט די ראַמען, וועט מען שוין דיך מער קיינמאָל אַהין ניט אַריינלאָזן, און דאַן וועסטו קריגן אַ באַגריף וועגן דעם וואָס דאָס לעבן איז!"

„גוט סילוויע, דו ביזט גערעכט, ווען דו זאָגסט אַז איך בין אַ פּריוועליגירטע; און עס וועט זיין גוט פאַר מיר אויסצושטיין אַביסל דערפון פון וואָס דו ליידסט".

„צו שפּעט! דאָס מוז מען לערנען פון קינדווייז אָן: אין דיין עלטער איז דאָס אוממעגלאַך. גליקלאַכערווייזע ביזטו רייך און דו וועסט קיינמאָל ניט וויסן פון מאַטעריעלער נויט. אָבער די מאָראַלע ליידן: דיין קלאַס וועט דיך אַריינלייגן אין חרם, די געזעלשאַפט־לאַכע מיינונג וועט דיך פאַרדאַמען; יעדן טאָג וועסטו מוזן ליידן פאַרשידענע קליינינקע באַליידיגונגען. דו פאַרמאָגסט אַ צאַרט און שטאָלץ האַרץ, עס וועט בלוטן".

"אמת טאָקע מיין האַרץ וועט בלוטן: אָבער וואָס טייערער מען באַצאָלט פאַר גליק אַלץ טיפער איז דאָס. איך פאַרלאַנג בלויז דאָס וואָס איז געזונט, און ערלאַך. די געזעלשאַפטלאַכע מיינונג קען קיין שרעק אויף מיר ניט אַנוואַרפן".

„אָבער וואָס וועט זיין, אַז דיין קינד וועט ליידן דערפון?"

"אויב זיי וועלן וואַגן וועלן מיר דאַן צוזאַמען קעמפן געגען די פייגלינגע".

ווידער זיצענדיג אויפן בעט געגען סילוויען, האָט אַנעט ווי אַ לייב אַ טרייסעל געטאָן אירע האָר.

סילוויע האָט זי באַטראַכט, און האָט געוואָלט אַנהאַלטן איר שטרענגן אויסדרוק, נאָר זי האָט ניט געקענט און האָט זיך צולאַכט. דערביי האָט זי געדריקט מיט די פּלייצעס און געזאָגט מיט אַ זיפץ, "אַרימע, קליינע אידיאָטקע!"

אַנעט האָט ביי איר ווייך געפרעגט, „וועסטו אונז העלפן?"

סילוויע האָט זי האַסטיק אַרומגענומען. און האָט אַרויסגעשטעלט אַ

פויסט צום וואנט: „ווי וועט זיין צו דעם וואס וועט וואגן דיר אנרירן!“

סילוויע איז אוועקגעגאנגען. אנעט אויסגעמאטערט פון דער דיס־קוסיע איז צוריק אריינגעפאלן אין אירע טרוימעריייען. דאס מאל האט זי געוואונען אין דעם צוזאמענשטויס מיט איר שוועסטער. פונם געשפרעך איז ביי איר עפעס פארבליבן וואס האט זי באאומרוהיגט. דאס איז געווען איין ווארט וואס סילוויע האט ארויסגעמורמעלט... וועט דאס קינד באמת אמאל קומען צו איר מיט טענות?...

אויסגעצויגן אויפן רוקן, מיט די הענט צוזאמענגעלייגט אויף דער ברוסט האט זי זיך צוגעהערט צו דעם וואס איז געווען אין איר. דאס קליינע באשעפעניש האט אנגעהויבן ארויסצווייזן סמנים פון לעבן. מיט פארמאכטע ליפן האט אנעט גערעדט צו דעם, ווי זי פלעגט דאס אפט טאן. זי אט ביים קינד געפרעגט צי זי האנדעלט ריכטיג דער־מיט, וואס זי האלט אים פאר זיך אליין; זי האט יעדע מינוט גע־בעטן ער זאל איר זאגן צי זי איז גערעכט, און צי ער איז צופרידן: ווייל זי וויל נים טאן קיין זאך פארוואס ער זאל קענען צו איר טענות האבן. דארויף האט דאס קינד גאנץ נאטירלאך געענטפערט, אז זי האנדעלט ריכטיג, און אז ער איז צופרידן. ער האט געזאגט אז ער וויל באלאנגן צו איר און בלויז צו איר אליין, און כדי זי זאל קענען זיך איינגאנצן ווידמען צו אים, זאל זי פארבלייבן פריי און לעבן בלויז מיט אים אליין. זי און ער....

אנעט האט געלאכט פון פרייד. דאס הארץ איז איר געווען אזוי איבערפולט, אז זי האט נים געקענט רעדן. און מיט א שווערן קאפ, פארשיקערט פון גליק איז זי איינגעשלאפן.

III

אזוי שנעל, ווי אנעטס שוואנגערשאפט האט זיך אנגעהויבן צו מערקן האט סילוויע פארלאנגט, אז איר שוועסטער זאל זיך ארויס־ציהען פון פאריז. עס איז געווען אנפאנג הערבסט א קורצע צייט איידער אירע פריינט האבן זיך באדארפט צוריקקערן פון די זומער פלעצער. אנעט האט גאנץ אומערווארטעט, כמעט נים ארויסגעוויזן קיין ווידערשטאנד. זי האט קיין מורא נים געהאט פאר דער געזעל־

שאפטלאכער מיינונג, אבער דער קלענסטער דיסאנאנס וואלט פאר איר געווען אומדערטרעגלאך; קיין זאך האט ניט געטארט שטערן איר אינערלאכע הארמאניע!

זי האט ערלויבט סילוויען זי צו ברייגען צו א געווינן פלאץ אויפן סא ד'אזשור, אויף דער ריוויערע. אבער זי איז דארטן ניט פארבליבן. ווייל זי האט דארט ניט געפונען די נויטיגע רו. די נאענטקייט פון ים האט איר געמאכט פילן אומבאקוועם. אנעט האט געקענט באוואונדערן דעם ים, אבער ניט זיך איינלעבן מיט אים. זי האט זיך אונטערווארפן דעם מעכטיגן צויבער פון זיין אטעם, אבער אט דער אטעם איז ניט געווען גוט פאר איר. ער האט ווידער אויפגעוועקט אין איר צופיל באהאלטענע רעגונגען. עס האט אויפגעברויזט אין איר באוואוסטזיין דאס, אויף וואס זי האט ניט געוואלט זיין באוואוסטזיניק... נאך ניט איצט... עס זענען פאראן באשעפענישן וועלכע מיר האבן ניט ליב, אזוי צו זאגן, דערפאר, ווייל מיר שרעקן זיך זיי ליב צו האבן. (זאל דאס אפשר זיין דערפאר ווייל מיר האבן זיי שוין ליב?) אנעט האט גע־קעמפט געגען ים, ווייל זי האט געקעמפט געגען זיך, געגען א געפער־לאכער אנעט, פון וועלכער זי האט כסדר געזוכט צו אנטלויפן. זי האט זיך אוועקגעלאזט נאך צפון, און האט זיך באזעצט פארן ווינטער אין א קליין שטעטל,ביים פוס פון א בארג, ניט ווייט פון די סאוויארד אזערעס. דערפון האט זי סילוויען געלאזט וויסן ערשט דאן ווען זי האט זיך שוין אינגאנצן איינגעארדענט. פארנומען אין פאריז מיט איר ארבייט האט סילוויע געקענט באזוכן איר שוועסטער בלויז פון צייט צו צייט, און בלויז אויף א קורצער ווייל. זי איז געווען שטארק בא־אומרוהיגט וועגן דעם וואס אנעט איז איינע אליין אין אט דעם פאר־ווארפענעם ווינקל. אבער אין דער צייט האט אנעט זיך קיינמאל ניט געקענט געגוג אנזעטיקן מיט דעם זיין אליין, און קיין פארווארפן ווינקעל איז פאר איר ניט געווען געגוג אפגעזונדערט פון דער וועלט. אפילו ווען דאס וואלט געווען א מאנאסטיר.

וואס רייכער עס איז געווען איר אינערלאכער לעבן אלץ שטארקער האט זי געפילט די באדערפעניש פאר א קלארער שטילער אטמאספער. זי האט ניט געליטן, ווי סילוויע האט געדיינקט, דערפון וואס זי איז אין איר לאגע איבערגעלאזן געווארן אויף פרעמדע הענט. ערשטענס האט זי אליין פארמאגט אזא אבערפלוס פון ליבע, אז זי האט אויף

קיינעם ניט געקוקט ווי אויף א פרעמדן, און אזוי ווי סימפאטי וועקט סימפאטי האבן אויך די אלע ארומיגע שנעל אויפגעהערט זי באַטראכטן אלס פרעמדע. אמת, אז די דאָרפס מענטשן זענען ניט געווען צו נייגעריג און האבן זיך ווייניג געמיט צו דערקענען. זיי האבן זיך נעגריסט צו איר ביים באגעגענען זיך, אויסגעטוישט א פאר פריינד־לאכע ווערטער שטעהענדיג ביי די שוועלן פון זייערע הייזער, אדער איבער די פלייטן פון זייערע הויפן. פיליכט אין פאל פון נויט וואלט זי זיך ווייניק געקענט פארלאזן אויף אט דער פריינטלאכקייט. אבער מיט איר גאנצער באגרענצקייט האט דאס דאך געמיינט פאר איר זער א סך אין דער ארומיגער אלטעגליכקייט. עס האט לייכטער געמאכט די טעג. אנעט האט געפונען אט די ווייטע פריינטלאכקייט פון אט די וואוילע מענטשן, וועגן וועלכע זי האט קיין זאך ניט געוואוסט און וועלכע האבן זי געלאזן צורו, מער צום הארצן, ווי די טיראנישע נאָ־הענטקייט פון אייגענע און פריינט, וועלכע נעמן זיך דאס רעכט פון צו שטרענגע משגיחים.

נאָוועמבער... זיצענדיג ביים פענסטער און נייענדיג האט זי ארויס־געקוקט אויפן ניי אויסגעפאלענעם שניי, וואס האט באדעקט די ערד און באפוצט די בוימער. אבער אירע אויגן האבן זיך ניט אפגעקערט פון אן אנאנס אין ציימונג וועגן דער חתונה פון ראדזשער בריססאט מיט א מיידעל פון די פאליטישע קלייזן אין פאריז, (אנעט האט זי גע־קענט). ראדזשער האט ניט פארלוירן קיין צייט. די בריססאט דאמן, נעערגערט פון אנעטס אנטרינען האבן זיך צוגעאיילט צו פארשלייערן ראדזשערן מיט אן אנדער כלה. נאך איידער מענטשן וועלען צייט האבן צו רעדן וועגן ראדזשערס שלי׳מזל׳דיגן דורכפאל. און ראדזשער פארביטערט געגען אנעט האט אנגענומען זייער אויסוואל. אנעט האט ניט געקענט פילן איבעראשט; און זי האט זיך אויך ניט געהאט אויף וואס צו באקלאגן. זי האט זיך געצוואונגן צו דיינקן, אז זי איז צופרידן פארן ארימן ראדזשערן. אבער די נייעס האט איר געטראפן א סך שטארקער, ווי זי האט דאס געקענט וועלן. אזויפיל ערינערונגן האבן זיך ערוועקט און געציטערט אין איר נשמה און קערפער! אונטערן הארצן האט זי געטראגן דאס קינד, וואס איז דורך אים געבראכט גע־ווארן צום לעבן... אין די טיפענישן פון איר נשמה האבן אויפגעברויזט די שטאָדטישע שטימונגען פון די פארגאנגענע טעג... נייז, נייז, אנעט

וועט זיי ניט דערלויבן אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך. זי האָט געפילט אַ ווידערווילן צו די פיבערישע שטימונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט... אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט לוסט האָט זי מיד געמאַכט... עקעל, רעוואָלט... און אַט די פיינטשאַפט, (איצט האָט זי דאָס אַנערקענט) דער אָפּקלאַנג פון דער פרוי׳ס אוראַלטן האָס צום מאַן, וואָס האָט זי באַפרוכטעט.

זי האָט געגנייט און געגנייט; זי האָט געוואָלט פאַרגעסן. אָפּט, ווען זי איז געווען נערוועז און האָט געפילט ווי אַ געפערלאַכער וואַלקן קלייבט זיך צו פאַרדעקן דעם האָריזאָנט, פלעגט זי זוכען הילף אין דעם תפילה־ראָד פון אַרבייט. זי האָט געגנייט און אירע געדאַנקען האָבן זיך צוביסלאַך צוריקגעקערט צו זייער געוויינלאַכן גאַנג.

אַזוי איז דאָס היינט אויך געווען. נאָכדעם ווי זי האָט אַ האַלבע שעה שטיל און טיכטיג געאַרבייט האָט זי זיך באַפרייט פון דער שווערער שטימונג, און אויף איר פנים האָט זיך ווידער באַוויזן איר געוויינלאַכער שמייכל. ווען אַנעט האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ פון דער אַרבייט, זענען אירע אויגן געווען רוהיג און זי האָט געזאָגט, „אַזוי זאָל דאָס זיין״.

די זון האָט געלאַכט איבערן שניי. אַנעט האָט זיך אָנגעטאָן אַרויסצוגיין. אירע קנאָכעלען און אירע פיס זענען געווען אַביסעל געשוואָלן און זי האָט זיך באַדאַרפט צווינגען צו גיין שפּאַצירן. אָבער קוים איז זי שוין געווען פון יענער זייט טיר האָט זי געפילט אַז זי האָט גרוים פאַרגעניגן דערפון, ווייל איר קליינער חבר איז געווען מיט איר, ווען זי האָט אַרומגעוואַנדערט. ער האָט איר איצט שוין געלאָזט פילן אַז ער איז דאָ. ספּעציעל אין די וועגטן האָט ער געמאַסטן די גרוים פון זיין נעסט. ער האָט זיך געצויגן אין אַלע זייטן, „גאָט מיינער! ווי איינג דאָ איז״, האָט ער זיך ווי געקלאָגט. ״וועט דאָס קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען ?״

דערנאָך איז ער ווידער אַוועק שלאָפן. ביי טאָג, ווען זיין מוטער פלעגט גיין שפּאַצירן פלעגט ער זיך האַלטן רוהיג, אָבער ער האָט ווי אַרויסגעקוקט פון זיין מוטערס אויגען, ווייל פאַר אַט די אויגן האָט אַלעם אויסגעזען צו זיין ניי. ס׳אַרא פרישע קולירן! די נאַטור האָט זיי נאָר וואָס אַרויפגעלייגט אויפן לייוונט. אַנעט׳ס באַקן האָבן זיך אויך שוין פאַרוויטעלט, שטאַרקער האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ און

האסטינער איז געלאפן דאס בלוט. זי האט זיך געפרייט מיט יעדן גערוך, און אלץ געפרואווט מיטן צונג. ווען קיינער פלעגט ניט זען, פלעגט זי פארזוכן אביסל שניי פון וועג. א מחיה! זי האט זיך דערמאנט אז ווען זי איז געווען א קליינינקע פלעגט זי דאס אויך טאן, ווען איר גוואווערנאנטין פלעגט זיך פארקוקן. און זי האט געזויגן די פארפרוירענע גראזן. זי האט געפילט א ציטער פון עפיקורעשן פארגעניגן, אין דזיר לענג פון איר האלדז און איז צושמאלצן געווארן פון נחת פון דעם איבערפלוס פון פארגעניגן, פונקט ווי די שנייעלאך אויפן צונג.

נאדעם ווי זי האט ארומשפאצירט א שעה אדער צוויי איבער די שנייאיקע וועגן, אליין אונטערן גרויעם ווינטער הימעל, זיך צוהערענדיג צום געזאנג פון איר אייגענער פרילינג־צייט, האט זי מיט אירע באקן רויט פון קאלטן ווינט, און מיט שיינענדע אויגן, פארקערעוועט צוריק צום שטעטעל. פארבייגייענדיק די פענסטער פון דער בעקעריי האט זי ניט געקענט ביישטיין דעם נסיון פון א נאשערייי פון האניג אדער טשאקאלאד. (ס'ארא נאשער אט דער קליינער נפש איז געווען!) דערנאך צו אווענט צו פלעגט זי אריינגיין אין א קלויסטער, זיך אוועקזעצן פארן אלטאר, וואס איז געווען איינגעטונקען אין טונקעל גאלד ווי האניק, און זי, וואס האט ניט פארמאגט פראקטיש קיין שום רעליגיע, קיין שום רעליגיעזן גלויבן — אדער וואס האט געדיינקט אזוי — פלעגט דארטן פארבלייבן ביז מען האט געשלאסן די טירן. טרוימענדיק, טראכטענדיק, ליבענדיק. די נאכט איז צוגעפאלן; די לאמפן פון אלטאר האבן זיך שוואך געוויגט און צוזאמען געקליבן די לעצטע שימערן אין דער פינסטערניש. אנעט אין איר וואלענעם אויבערמאטעל האט זיך דערפילט קאלט און שטייף, און האט זיך געווארעמט ביי איר אייגענער זון. זי איז באהערשט געווארן פון א הייליגער רוהיגקייט. זי האט געטרוימט פון א לעבן פאר איר קינד איינגעהילט אין שטילקייט און אין ליבע געבויט מיט אירע אייגענע ליבענדע ארעמס.

IV

דאס קינד, א אינגעלע, איז געבוירן געווארן אין איינעם פון די ערשטע טעג פון נייעם יאר. סילוויע איז געקומען פונקט אין צייט צו באגריסן דעם ניי געבוירענעם.

ניט קוקענדיג אויף די ווייען, וועלכע האָבן אַרויסגערופן ביי איר. ווען ניט ווען דאָס געוויינטלאַכע קרעכצן, אָבער ניט קיין טרערן. האָט אַנעט אַ פּאַראַינטערעסירטע און אויפמערקזאַמע, אַביסל אַן ענטוישטע, זיך געוואונדערט. וואָס זי איז אַנוועזענד ביי אַט דער פּאַסירונג, גיכער ווי אַ זייטיגער צושויער איידער די הויפּט פּערזאָן. זי האָט ערוואַרטעט אַן איבערפלוס פון גרויסע געפילן. האָבן זיי אין גאַנצן געפעלט, ווי נאָר די מיה פון געבורט הויבט זיך אָן דערפילסטו זיך, ווי אין אַ נעץ געפאַנגען. מען קען ערגעץ ניט אַנטלויפן פון אַט די שאַרפע שמערצן. מען מוז זיך דורכמאַטערן ביזן סוף. די קינפּעטאָרן שטרענגט זיך אָן. ווענט אָן אַלע אירע כחות וואָס אַם שנעלסטן דורכצומאַכן דעם גע־בורט פּראָצעס. דער געוויינערינס געדאַנקען זענען קלאָר און פריי אָבער איר גאַנצע ענערגיע איז פאַלשטענדיג פאַרנומען מיט די ווייטאָגן, צו יענער צייט איז נאָר אינגאַנצן שווער צו טראַכטן וועגן קינד. עס בלייבט ניט קיין פּלאַץ פאַר צאַרטע געפילן. די צערטלאַכקייט וואָס האָט אָנגעפילט דער מוטערס האַרץ פאַרשווינדט. דאָס איז באמת אַ שווערע אַרבייט פון קערפּער און מוסקולן, דורך און דורך אַ פיזישע, אַן אַ טראָפּן שיינקייט דערביי... אַזוי ביזן לעצטן מאָמענט, ביז עס קומט די דערלייזונג, און די קינפּעטאָרן דערפילט, אַז דאָס קליינינקע קער־פּערל האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון איר אייגענעם קערפּער... אַם ענדע!

ערשט דאַן איז אַן אויגענבליק קערט זיך צוריק אום דאָס מוטער־לאַכע גליק. אויסגעמאַטערט, אינגאַנצן אַ קאַלטע, ווי זי וואָלט נאָר וואָס אַרויסגעשווימען פונ׳ם אַרטישן אָקעאַן, מיט צוזאַמענגעדריקטע גלידער און קלאַפּענדיגע ציין אין מויל האָט אַנעט אויסגעשטרעקט אירע קאַלטע אָרעמס אום צו גרייפן און צודריקן צו זיך די לעבעדיגע פּרוכט, איר טייער באַליבט קינד.

עס איז מער ניט געווען קיין צוויי אין איר איצט. ער איז מער ניט געווען קיין צוויי אין איינעם, ווי פריער. דאָס קינד אַ טייל פון איר. אָפּגעטיילט פון איר אין רוים ווי אַ קלענערער מיטגעהענדער שטערן פון אַ גרעסערן, אַן אומענדלאַך קליינע צונעגעבענע קראַפט, וועמענס ווירקונג אויף דער אַרומיגער פּסיכישער אַטמאָספערע איז אומגעהויער גרויס. אַ מאָדנע זאַך, אַז אין אַט דעם נייעם פּאַרעל, פאַרמירט פון די טיילן פון איין קערפּער, איז דער גרעסערער קערפּער געווען מער אָפּ־

הענגיג אין דער הילף פון קלענערן, ווי דער קלענערער פון גרעסערן. דער יאָמערלאַכער געוויין פון קינד, דער אויסדרוק פון שוואַכקייט, איז געוואָרן פאַר אַנעט אַ קוואַל פון שטאַרקייט. אָ, יענע רייכע כחות וואָס קומען צו אונז פון אַ געליבטען, וואָס קען אַן אונז ניט לעבען. אַנעט מיט אירע שטייף געוואָרענע ברוסטן פון וועלכע דאָס קליינע חיה'לע האָט זשעדנע געצויגן, האָט האַסטיג אַריינגעגאָסן אין איר זונס קערפּער, צוזאַמען מיטן שטראָם מילך, די גרויסע האָפנונגען מיט וועלכע זי איז געווען איבערפילט.

איצט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאַרגאַנדערוויקלען פון דעם ערשטן רירענדן ציקל פון נייעם לעבן, וויטאַ נואַוואַ, די ענטדעקונג פון דער וועלט אַזוי אַלט ווי די וועלט, וועלכע יעדע מוטער לעבט דורך אויף דאָסניי, ווען זי בויגט זיך איבער איבערן וויגעלע. אומערמידלאַך וואַכענדיק, דערהיט די מוטער, מיט אַ קלאַפּענדיקן הארצן, די דערוואַכונג פון איר שלאָפענדן פּרינץ. אין זיינע אויגן סאַפּירן, אין זייער טונקעל בלויער טיפקייט, האָט אַנעט זיך געזען ווי אין אַ שפּיגעל, אַזוינע שיינענדע זענען זיי געווען. וואָס האָט געזען אָט דער בליק? אַזאַ אומבאַשטימטער און אומענדלאַכער, ווי דאָס גרויסע בלויע אויג פון הימעל — וואָס קיינער קען ניט זאָגן צי איז דאָס ליידיג אָדער איבערפילט. און וואָס פאַר אומערוואַרטע שאָטענס שפּרייטן זיך דאָס איבער אָט דעם ריינעם שפּיגעל, וואָלקענס פון ליידען, אומבאַמערק־באַרע רעגונגען, אומבאַוואוסטע ליידענשאַפטן, וואָס קומען, גאָט ווייס, פון וואַנען? קומען זיי פון איר פאַרגאַנגענהייט, אָדער פון זיין צו־קונפט? איז דאָס די רעכטע אָדער די לינקע זייט פון דעם זעלבען מעדאַל.... „דו ביזט, וואָס איך בין געווען. איך בין וואָס דו וועסט זיין, וואָסזשע וועסטו זיין? וואָס בין איך?" אַנעט האָט ביי זיך אַליין געפרעגט אָט די אַלע פראַגען, אַריינקוקענדיג אין די אויגן פון איר ספינקס.

באַאָבאַכטענדיג אָט דאָס באַוואוסטזיין, וואָס האָט פון שעה צו שעה אַרויפגעשטיגן פון די טיפעניש, האָט אַנעט אומבאַמערקט פאַר זיך, ווידער אַמאָל איבערגעלעבט אין אָט דעם קליינעם מענטשעלע דאָס געבורט פון דער מענטשהייט.

איינציגווייז, האָט דער קליינער מאַרק געעפענט זיינע פענסטער צו דער וועלט. אין דער אויבערפלאַך פון זיין פייכטן אויסדרוקלאָזן

בליק האָבן זיך גענומען וויזן באַשטימטע שטראַלן, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַ סטייע פֿויגעל, וואָס זוכען אַ פּלאַץ וואו זיך אָפּצושטעלן. אין עטליכע וואָכע אַרום האָט זיך ווי אַ בליונג אַ שמייכעל באַוויזן אויפֿן לעבעדיקן בוימעלע. דערנאָך האָבן פֿויגעלאַך, וואָס האָבן געמאַכט נעסטן אין זיינע צווייגען אָנגעהויבן צו זינגען. עס זענען פֿאַרגעסן געוואָרן די טראַגישע קאַשמאַרן פֿון די עשרטע טעג, עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן דער שרעק פֿאַר דער אומבאַקאַנטער ערד, דער געוויין פֿון אַ וועזען, וואָס איז ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן פֿון דער מוטערס שולאַכטס און אַ הוילער אַ צואַוואָונדעטער אַריינגעוואָרפֿן געוואָרן אין דער גרויזאַמער ליכט. דער קליינער מענטשעלע, אָפּגעהיט און באַרוהיגט האָט גענומען באַזעצן דאָס לעבן, און האָט אויסגעפֿונען אַז עס איז גאַנץ גוט. ער האָט דאָס אויסגעפּאָרשט, באַרירט, ער האָט זיך צוגערירט צו יעדער זאַך מיטן מויל, אויגען, הענט, פּנים און פֿלייצעס. ער האָט זיך געפֿרייט מיט זיין רויב. און מיט באַוואונדערונג האָט ער זיך געשפּילט מיט די קלאַנגען פֿון זיין שטים, וואָס האָבן געשטראָמט פֿון זיין פּייפּעל. נאָך אַ געווינס, זיין שטים! ער האָט זיך צוגעהערט צו זיין אייגענעם זינגען, אָבער זיין זינגען האָט אים ניט פֿאַרשאַפֿן אַזאַ גרויסן פֿאַרגעניגן ווי זיין מאַמען. אַנעט איז געווען פֿאַרשיקערט פֿון זיין זינגען. אַט דער קליינער קוויטש האָט צושמאָלצן איר האַרץ. אַט די וויינענדיגע קלאַנגען וואָס האָבן זיך געהויבן פֿון אַט דעם אינסטרומענט, האָבן איר פֿאַרשאַפֿן אַן אויסערגעוויינלאַכן פֿאַרגעניגן, ווי זיי האָבן נאָר דערגרייכט איר אויער.

— ווייַן העכער, מיין טייערער! יאָ לאָז וויסן אַז דו לעבסט! —

ער האָט דאָס געטאָן מיט דער ענערגיע, וואָס האָט זיך ניט גענויטיגט אין קיין דערמונטערונג. פֿרייד, פֿאַרדרוס, קאַפּריז, האָט ער אויסגעדריקט הויך אויפֿן קול אויף פֿאַרשידענע וועגן. אַנעט, אַן אומערפֿאַרענע מוטער אין זייער אַ שלעכטע דערציהערין, האָט דאָס אַלעס באַוואונדערט. זי האָט ניט געהאַט קיין כוח אַרויסצואַווייזן אַ ווידערשטאַנד צו זיינע טיראַנישע פֿאָדערונגען. זי פֿלעגט בעסער אַרונטערגיין צו אים צען מאָל אַ נאַכט איידער אים הערן אַ קרעכץ טאָן. און פֿון אין־דערפֿרי ביז באַנאַכט האָט זי אים געלאָזן זיך קלעפּן צו איר ברוסט, ווי אַ זויגענדיגע פּיאַווקע. דאָס קינד האָט דערפֿון וועניג געוואונען און זי האָט אַ סך פֿאַרלוירן.

ווען סילוויע האָט זיך נאָכאַמאָל געזען מיט איר שוועסטער אין פרילינג, האָט זי איר געפונען אויסגעמאָגערט און שוואַך. סילוויע איז געווען באַאומרוהיגט.

אַנעט האָט אויסגעזען צו זיין פּונקט אַזוי גליקלאַך, בלויז דער אויסדרוק אין אירע אויגן האָט זיך געביטן און איז געוואָרן עטוואָס פיבערהאַפט. טרערן האָבן זיך איר געשטעלט אין די אויגן פון יעדן רירענדן וואָרט. זי האָט געמוזט צוגעבן, אַז זי שלאָפט ניט גענוג, אַז זי ווייסט ניט ווי אַזוי אַרומגיין אַרום זיך, און אַז זי פילט זיך אומבאַהאָלפן צו קעמפן מיט די שוועריגקייטן וואָס זענען אויסגעוואַקסן פאַר איר באַם אויפפּאַסן אויפן געזונט פון דעם קינד. דאָס אַלעס האָט זי דערציילט אָפּלאָכענדיק פון אירע אייגענע שוואַכקייטן, אָבער אין דער אמת׳ן איז די זיכערקייט, וואָס זי האָט געפילט פאַרן געבורט איז פון איר פאַרשוואונדן. זי האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז ווייט ניט אַזוי שטאַרק ווי זי האָט געדיינקט; זי האָט קיינמאָל ניט געקרענקט, און דערפאַר האָט זי ניט געוואוסט ווי ווייט עס גרייכן אירע כחות און האָט געדיינקט, אַז זי קען זיי נוצן אומבאַגרעניצט; און איצט האָט זי איינגעזען, אַז אירע כחות זענען קליין און באַשריינקט און, אַז סוף כל סוף וועט זי טייער באַצאָלן פאַר איבערכאַפּן די מאָס...

וואָס פאַר אַן איידעלע זאַך איז דאָס לעבן! אין אַן אַנדער צייט וואָלט אַזאַ ענטדעקונג ניט געהאַט אויף איר קיין באַזונדערע ווירקונג. אָבער איצט ווען איר לעבן איז געווען אַ צווייענדיגער און נאָך אימיצער, נאָך הילפלאָזער פון איר איז געווען אָפּהענגיג פון איר אַזאַ שוואַכער... גאָט, וואָס וואָלט פּאַסירט, ווען זי זאָל שטאַרבן? אָט דער שרעקלאָכער געדאַנק איז ניט איינמאָל דורכגעלאָפן אין איר מוח דורך די שלאָפלאָזע נעכט. אַנעט האָט זיך צוגעהערט ווי דאָס קינד שלאָפט, און די מינדסטע ענדערונג אין זיין אָטעמען, אַ זיפץ, אַ לייכטער קרעכץ, אָדער אַפילו אַ שטיל שווייגן האָבן אָפּגעשטעלט דאָס קלאַפּן פון איר האַרצן. און אַזוי לאַנג ווי אָט די אומרוהיגקייט האָט זי שוין באַהערשט, האָט זי זיך שוין ניט געקענט פון איר באַפרייען.

אַנעט האָט שוין מער ניט געוואוסט וואָס הייסט אומגעשטערטע רוהיקע נאָכט־שעהן, ווען סיי דער קערפּער, סיי די נשמה באַוועגלאָזע ניט באַרירט פון מינדסטען געדאַנק, חלום׳ן אויף דער וואַך און שווימען,

ווי וואַסער בלומען, באַוועגלאָזע אויפֿן טאַך פֿון דער נאַכט. אַ גאַנץ ערן רוהיגקייט. ווען אָמענס גנאַ דאָס האַרץ דערפֿילט ערשט נאָכדעם, ווי זי האָט דאָס פֿאַרלוירן... פֿון דעם מאָמענט אָן איז די נשמה אימער אויף דער וואַך, און אומעדום, און אין יעדער זאַך שפּירט זי בלויז געפֿאַר און צושטערונג.

סילוויע האָט ניט געמאַכט קיין טעות, ווען זי האָט אונטער אַנעט'ס מונטערן שמייכעל און שפּאַט איבער איר אייגענער שוואַכקייט באַמערקט, אַז אַנעט איז פֿיזיש ערשעפּט, און פֿילט אַ חיה'שע באַדערפֿעניש זיך צוריקקערן צו איר מין. זי האָט באַשלאָסן, אַז אַנעט זאָל זיך אומקערן און באַזעצן אין אַ דערפֿעל ניט ווייט, נאָר אַ פּאָר שעה רייזע פֿון פּאַריז. וואו סילוויע וואָלט איר געקענט באַזוכן כמעט יעדן טאָג, און איר צוריקקער וואָלט געבליבן כמעט אומבאַמערקט.

אַנעט האָט גאָרניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן געגען דעם פּלאַן. זי איז בלויז באַשטאַנען דערויף, אַז אומקערן זאָל זי זיך צוריק אין פּאַריז, צו זיך אַהיים. זי האָט ניט געוואָלט הערן וועגן קיין אַנדער וועג. אומזיסט האָט איר סילוויע אָנגעוויזן און אונטערשטראָכן, אַז דאָס וועט זיין זער נאַריש, ווייל זי וועט זיין געשטערט אין איר אינערלאַכן פֿרידן. אַנעט האָט זיך ניט געלאָזט איינרעדן. איר שטאָלץ האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן קיין זאַך וואָס האָט געקענט אויסגעטייטשט ווערן, אַז זי אַנטלויפֿט פֿון דער געזעלשאַפֿטלאַכער מיינונג. אין פֿאַרלויף פֿון דעם גליקלאַכן יאָר פֿון איר שוואַנגערשאַפֿט, ווען זי איז געווען אינגאַנצן פֿאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן איר קינד, האָט זי גאָר ניט אַ טראַכט געטאָן, וואָס די געזעלשאַפֿט וועט דיינקען וועגן איר! זי האָט אינגאַנצן געלעבט מיט איר גליק. אין איר געדאַנק איז ניט געווען קיין פּלאַץ פֿאַר עפּעס אַנדערש. זינט דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן איז איר גליק ניט געמינדערט געוואָרן. זי וואָלט געוואָלט די וועלט זאָל דאָס וויסן. עס האָט איר ווי געטאָן צו צוגעבן פֿאַר זיך אַליין, אַז זי מוז דאָס באַהאַלטן. און טראַכטענדיק וועגן דעם האָט דאָס איר שטאַרק ווי געטאָן און זי האָט זיך געפֿילט באַליידיגט. וואָס, אָט די צירונג אירע, איר שטאָלץ זאָל זי פֿאַרבאָרגן אַלס עפּעס שענדלאַכעם? דאָס וואָלט געהייסן זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פֿון אים!

— פֿאַרלייקענען מיין אוצר! — זי האָט אים ליידענשאַפֿטלאַך געקושט. — איך האָב ניט באַדאַרפֿט אַנטלויפֿן. איך האָב באַדאַרפֿט

צווינגן די געזעלשאפט דיך אויפנעמען פון אנהויב אן. אבער גענוג סודות! איך וועל דיך ווייזן דער געזעלשאפט און זאגן;

— קוקט אויף מיין קינד, קיינער פון אייך האט ניט אזא! —

V

אנעט האט זיך אומגעקערט און האט זיך באזעצט אין פאריז. ראול ריוויערס טאכטער האט גאנץ גוט געוואוסט, אז עס וועט ניט זיין אזוי לייכט צו באוועגן די געזעלשאפט אנצונעמען פאר גוט די געשאפענע לאגע. כאטש זי האט גע'ירש'ענט פון איר פאטער א געוויסע פאראכטונג צו די אנגענומענע מיינונגען פון דער געזעלשאפט, האט זי אבער ניט איבערגענומען פון אים זיין געוואוינהייט אויסערלאך נאכצוגעבן די פאדערונגען פון די הערשענדע פאראורטיילן, כדי אזוי ארום זיך קונציג פון זיי ארויסצודרייען. זי האט שטאלץ באשלאסן אויפצונעמען אן אפענעם קאמף געגן אט די פאראורטיילן, און צו זיין די זיגערן. איר ערשטע דערפארונג איז געווען זער א גינסטיגע.

אין אנעטס אבוועזנהייט האט איר אלטע מומע וויקטארינא אכטונג געגעבן אויפן הויז, ווי זי האט דאס געטאן פאר יארן. אט די אלטיטשקע פון אריבער זעכציק האט פארמאגט א פרישן קאליר אין איר ניט געקנייטשטן פנים און שטייפע געקרויזטע לאקן ארום איר געזיכט. זייענדיק פון דער נאטור געלאסן, ווייכהארציג, מילד, און אויסערגעווייגליך צוריקגעהאלטן, האט זי זיך געהאלטן פון ווייטענס פון יעדער זאך וואס האט געקענט שטערן איר רוה. אנעט האט פון קינדווייז אן תמיד געזען אט די אומערמידלאכע מומע שטענדיג פאר־נומען מיט הויז ארבייט: זי האט אלעמאל געטראגן אויף אירע פלייצעס דעם גאנצן יאך פון דער בעל־הבתישקייט. פאר דער אלגעמיינער באק־וועמליכקייט, האט זי אכטונג געגעבן אז יעדער ברעקעלע אין הויז זאל פינקלען, און האט אויך געהאט אן אויג אויף דער קיך, ווייל זי האט אליין ליב געהאט גוט אפעסן. זי האט געשפילט די ראלע פון אן אלטער פאמיליען דינסט; און טאקע צוליב דעם, וואס זי האט זיך ווי פארוואנדעלט אין א טייל פון דעם הויז מעבעל, האט קיינמאל קיינער ניט געדיינקט זיך צו קימערן וועגן איר. קיינער האט זיך ניט

צוגעהערט צו איר און זיך ניט געדעכענט מיט אירע מיינונגען. באמת האָט זי בכלל ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע מיינונגען.

אין די דרייסיק יאָר, וואָס מומע וויקטאָרינאַ האָט פאַרבראַכט אונטער איר ברודערס דאַך האָט זי זיך געמוזט אַנזען און אַנהערן אַ היבש ביסעל טשיקאַווע זאַכן. אָבער זי האָט גאָר ניט געזען און גאָר ניט געהערט. בלויז מיט גוואַלד וואָלט מען איר געקענט צווינגען צו זען זאַכן, וועלכע זי האָט ניט געוואָלט זען.

ראָול האָט זיך אויף איר ניט אומגעקוקט און אין קרייז פון אינטימע פריינט האָט ער חוזק געמאַכט פון איר און איר גערופן די טויבע מומע.

ער פלעגט איר אויסלאַכן אין די אויגן, באַהאַנדלען גראָב, איר רופן דומקאָפּ און זיך רייצן מיט איר ביז טרערן. דערנאָך האָט ראָול זי איבערגעבעטן, איר באַרואיגט מיט צערטלאַכקייט, געקושט אין ביי־דע באַקן און האָט איר דערלויבט אים פּעסטשן, ווי אַ צולאָזענעם אינ־געל. אין איר זכרון איז ער פאַרבליבן אַ מענטש מיט אַ גאָלדען האַרץ. כמעט אַ הייליגער, וואָס וואָלט אים זער דערפרייט אין קבר, ווען פאַר אַזא מענטשן ווי ראָול ריוויער, אַן אונערמידלאַכן ליבהאָבער פון אַלץ וואָס איז דאָ אויף דער ערד, וואָלט עטוואָס וואָס ליגט אונטער דער ערד, ווערט געוועזן אַזוי פיל ווי אַ שמייכעל.

עס וואָלט ניט געווען שווער פאַר אַנעט צו שאַפן אין די אויגן פון דער מומע וויקטאָרינאַ אַ ענלאַך גינסטיקן איינדרוק ווענן איר אייגענער פערזענליכקייט. צוזאַמען מיטן הויז האָט אַנעט אויך גע־ירשנט די פאַרגעטערונג פון דער אַלטער פאַמיליען קאַץ צום באַלעבאָס פון הויז. עס איז בלויז געווען נויטיג ניט צו צושטערן אירע איליוזיעס. אַנעט האָט זיך אַ לאַנגע צייט געשלאָגן מיט דער דעה, איידער זי האָט באַשלאָסן דאָס צו טאָן. זי האָט איר געהאַלטן אין אומוויסענהייט ווענגן דער ניט אינגאַנצן צופעליגער פּאַסירונג. ווען זי האָט פאַרלאָזט פּאַריז, איז איר אויסרייד געווען, אַז זי טוט דאָס צוליב איר געזונט און איר פאַרלאַנג צו וואַנדערן.

ווי ווייט דאָס איז ניט געווען פון דעם אמת, האָט איר די מומע שיינבאַר געגלויבט. זי איז ניט געווען נייגעריג און האָט זיך אַרויסגע־מאַכט פון אַלץ וואָס האָט איר געקענט אויפרודערן. פריער אָדער שפּעטער האָט זי זיך דאָך געמוזט דערוויסן דעם אמת. נאָכדעם, ווי דאָס

קינד איז געבוירן געוואָרן האָט סילוויע גענומען אויף זיך צו לאָזן וויסן דער ,מומע.

די אָרימע פרוי איז געווען אויסער זיך. עס איז געווען זייער שווער פֿאַר איר צו פֿאַרשטיין די לאַגע; זי האָט זיך קיינמאָל ניט געטראָפֿן פּנים לפּנים מיט אַזאַ מין פֿאַרלעגנהייט. זי האָט געשיקט צו אַנעט עטלאַכע אויפגעבראַכטע בריוו, כמעט וואַנזיניגע, אין וועלכע עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. אַנעט האָט געקענט דיינקן, אַז אין איר מומעס עלטער האָט מען ניט קיין מיטלייד, אַז די מומע וויקטאָרינאַ אַליין האָט געבוירן דאָס קינד. אַנעט האָט זי באַרואיקט אַזוי גוט ווי זי האָט נאָר געקענט.

סילוויע איז געווען זיכער, אַז די אַלטע דאַמע וועט פֿאַרלאָזן דאָס הויז. אָבער פֿאַרלאָזן דאָס הויז איז געווען אַ געדאַנק, וואָס האָט קוים געקענט אַריינדרינגען אין מח פֿון דער מומע וויקטאָרינאַ. אין מח ביי איר האָט געהערשט אַ שרעקלאַכער פּלאָנטער. זי האָט זיכער ניט געקענט געבן קיין עצה, ווייל אין אַן עצה האָט זי זיך אַליין גענויטיגט. אַלץ וואָס זי האָט געקענט טאָן, איז צו יאָמערן און קלאָגן. אָבער אַזוי ווי קיינער קען ניט לעבן מיט בלויז קרעכצן, און לעבן מוז מען פֿאָרט, ניט אַכטענדיק אויף אַלע צרות, האָט זי געענדיקט דערמיט וואָס זי האָט ענטדעקט אין אַנעטס אומגליק אַ נסיון געשיקט פֿון הימעל. זי האָט זיך צוביסלאַך אָנגעהויבן צוגעוואוינען דערצו, אין דער צייט ווען אַנעט איז ניט געווען אין פּאַריז און איר אָפּוועזנהייט האָט געהאַלטן די גאַנצע שענדלאַכע פּאַסירונג פֿון ווייטן; גראָד דאַן האָט אַנעט איר געלאָזט וויסן, אַז זי קומט צוריק אַהיים.

אַנעט איז געווען טיף גערירט, ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַ היים. סילוויע איז איר געקומען באַגעגענען צו דער סטאַנציע. די מומע וויקטאָרינאַ האָט ניט געקענט ביי זיך פּועלן דאָס צו טאָן. ווען זי האָט דערהערט, אַז די טיר פֿון הויז עפֿענט זיך, איז זי מיט גרויס אימפּעט אַרויסגעלאָפֿן אויף די טרעפּ און האָט זיך שנעל צוריקגעקערט אין צימער, און אַנעט האָט זי דאָרטן געפֿונען אין טרערן. די מומע האָט אַנעטען אַרומגענומען און דערביי געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן. „מיין אָרים קינד, ווי איז דאָס מעגלאַך, ווי איז דאָס מעגלאַך!“

מער צורודערט ווי זי האָט דאָס געוואָלט אַרויסווייזן, האָט אַנעט אָנגענומען אַ זיכערע מינע און געזאָגט שאַרף מיט אַ שמייכעל, „עס

וועט נאך זיין גענוג צייט דאס אלעס צו דערקלערן, דערווילע לאמיר ארונטערגיין עסן".

די אלטע דאמע האט זיך געלאזן רוהיג ארונטערפירן אין עסצימער. אנעט האט געזאגט צו איר, „אך ליבע מומע! איר טארט ניט וויינען".

איר מומע האט זיך געוואלט דערמאנען וואס זי האט געוואלט און געדענקט צו זאגן, זי האט געהאט אזויפיל אויפן הארצן: יאמערן, שטראפן, אויספרעגן, גוואלדעווען. אבער פון דעם אלעמען האט זי נארגיט געקענט ארויסברייגגן אין איר אנשטרענגונג, אויסער איין גרויסן קרעכץ נאך א צווייטן. אנעט האט זי גלייך ארונטערגענומן צום קינד, וואס איז גליקזעליג געשלאפן מיט זיין גאנץ קליינעם קיילאכדיק קערפעריל, דאס קעפעל פארוארן אויף צוריק. זי האט צונויפגעלייגט די הענט און איז ארייננעפאלן אין עקסטאז. דאס הארץ פון דער אלטער דינערן האט ניט ווילענדיק געשוואוירן טרייהייט צו דעם נייעם הערשער פון הויז. פון דעם מאמענט אן, אויפדאסניי יונג, האט זי זיך איבערגעגעבן אין דעם רשות פון דעם קליינעם גאט. צייטענוויז פלעגט זי זיך דערמאנען, אז ער איז דאך ניט מער ווי דער פראדוקט פון א סקאנדאל און זי פלעגט זיך צוריק געפינען אין א פארלעגענהייט. אנעט, רעדענדיג מיט איר מיט א געמאכטער גלייכגילטיקייט, האט פון די ווינקלען פון אירע אויגן זיך צוגעקוקט צום גוטן אלטן פנים, וואס האט זיך אויסגעצויגן און געווארן לאנג. "נו, נו, וואס איז? וואס זארגסטו?" האט זי געפרעגט — „ס דארף דאך זיין אן אורזאך". — די מומע וויקטארינא האט ווידעראמאל אנגעפאנגן אירע ניט קלארע קלאגען.

— יא, יא, זאל זיין אזוי, האט געזאגט אנעט, ...— אבער נאך אלעמען וואס קען מען טאן? וואלסטו געוואלט מיר זאלן פארלירן אונזער טייער קינד? — (זי האט גוט געוואוסט וואס זי טוט, ווען זי האט ביטרע אונטערשטראכן אט דעם „אונזערן".) איר איבערגלויביקע מומע, אינגאנצן איבערגעשראקן האט שטארק פראטעסטירט.

— אנעט זאג דאס ניט, דאס איז געפערלאך. ווי קענסטו גאר ארויסברייגגען פון מויל אזוינע ווערטער?

— גוט, אויב אזוי דארפסטו ניט קוקן מיט אזעלכע אויגן, ווארף אוועק אט די טרויעריגע מינע. אזוי לאנג ווי דאס קינד איז שוין דא, אזוי לאנג ווי ער איז שוין געקומען, טא וואס קענען מיר טאן? קענען

מיר דען טאָן עפּעס בעסער. ווי זיך פרייען מיט אים און אים ליב האָבן ?

איר מומע וואָלט געקענט ענטפערן, — יאָ אָבער וואָרום האָט ער באַדאַרפט קומען ? — אָבער עס איז געווען איבער אירע כחות צו פאַרלאַנגען אַז ער זאָל אויפהערן צו זיין. די מאָראַל האָט דאָס געמענט פאַרלאַנגען, די וועלט און די רעליגיע, זעלבסטווירדע און די אינערלעכע רוהיגקייט. און אפשר מער פון אַלעם אַט די אינערלאַכע רוהיגקייט. אָבער טיף פאַרבאָרגן איז ביי איר געווען אַט דער געדאַנק, זי האָט ניט געוואָגט אַרויסצוברייננגן אפילו פאַר זיך אַליין :

— אַ גאָט, וואָלט מען מיר באַטש ניט געווען דערציילן קיין זאַך. צום סוף ניט זייענדיק אימשטאַנד אַריינברייננגען אָרדנונג אין אַזוי פיל ווידערשפּרעכענדע געדאַנקען, סתם דערטראַכטן אַ גדאַנק ביזן סוף, האָט די מומע וויקטאָרינע אינגאַנצן אויפגעהערט צו טראַכטן און האָט זיך איבערגעגעבן צום אינסטינקט. זי האָט זיך פאַרוואַנדילט אין דער אַלטער היז וואָס האָט אָפּגעגעבן איר לעבן אויף אויפצו־ברייננגען פרעמדע הינדעלאַך. זי האָט זיך אונטערגעגעבן.

אָבער אַנעט האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע אורזאַכן זיך צו פרייען. עס זענען פאַראַן גוטסקייטן וואָס ברייננגען מער צרות ווי נחת. דורך איר מומע האָט די אומרואיגקייט פון דרויסן גענומען האָסטיק דערגרייכן אַנעט. מאַדאַם וויקטאָרינאַ איז געווען אַ באַרעדעוודיקע און האָט צוגעלייגט דעם אויער צו יעדער וואָרט, וואָס די שכנים האָבן געהאַט צו זאָגן וועגן איר פּלימעניצעס צוריקקומען. זי פלעגט קומען צו לויפן אַהיים אַן אויסגעבאָדענע אין טרערן און ווידערהאָלן צו אַנעט אַלץ, וואָס זי האָט געהערט. אַנעט פלעגט זי גוט אויסזידלען, אָבער זי האָט זיך ניט געקענט העלפן, אַט די דום־נאַרישע רײדערייען האָבן געווירקט אויף איר.

ווען די אַלטע מומע פלעגט אַריינקומען, פלעגט אַנעט ביי זיך טראַכ־טען מיט אַ ציטער : — וואָס האָט זי מיר צו זאָגן דאָס מאָל : —

זי האָט איר פאַרבאָטן צו רעדן. אָבער ווען איר מומע האָט גע שוויגן איז געווען נאָך ערגער, אַ דאַנק דעם וואָס זי האָט ניט גערעדט, האָבן אירע אויגן און יעדער ריר נאָך מער גערדיקט. אַנעט האָט גע־פילט ווי עס וואַקסט אין איר דער צאָרן נעגן אַט דער פאַרסמטער גע־זעלשאַפטלאַכער מיינונג. וועלכע זי האָט פרעטענדירט צו איגנאָרירן.

ווען אַנעט זאָל געווען זיין פּאַרזיכטיג, וואָלט זי געווען אויסגעמיטן די געלעגענהייט צו קומען אין באַרירונג מיט איר. אָבער זי איז געווען צו לעבעדיק אום צו קענען זיין פּאַרזיכטיק. מענטשן ווערן פּאַרזיכטיק בלויז דאַן, ווען זיי בריהען זיך אָפּ מיט אומפּאַרזיכטיגקייט. די מענטשלאַכע נאַטור איז אַזוי באַשאַפן, אַז אַנעט, וועלכע האָט זיך גאָר אינגאַנצן אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צו די אורטיילן פון דער וועלט האָט גע'חלשט צו וויסן וואָס מענטשן רעדן וועגן איר אונטער אירע פּלייצעס. יעדער פרימאָרגן האָט אַנעט געטראַכט מיט שרעק, אַז דער טאָג וועט ניט פאַריבער ער זאָל איר ניט ברייגגען דעם אָפּקלאַנג פון אומאַנגענעמע רייד. טאָמער זענען זיי אָבער ניט געקומען איז זי זיי גרייט געווען צו גיין זוכן. אָבער מען האָט איר פאַרשפּאָרט די אַרבייט. פון אירע געשוועסטערקינדער, מיט וועמען זי האָט אָנגע־האַלטן די וויטסטע באַציהונגן, האָט זי געקראָגן סקאַנדאַליזירטע בריוו און לעקציעס, וועלכע זי האָט קוים געקענט אַריבערטראָגן. זייערע פּרעטענזיעס אַרויסצוטרעטן אַלס ריכטער פון איר אויפפירונג, אַלס פּאַרטיידיגער פון פאַמיליען עהרע, וואָלטן באַדאַרפט אין אַנעט'ס אויגן אויסקוקן מער ווילד לעבערלאַך איידער רעגענד. ווייל זי, אינ־פאָרמירט פון איר פאָטער האָט גוט געוואוסט די סודות פון דער משפּחה, און האָט געוואוסט ווי צו מעסטן די שטרענגע אַריסטאָרכן. אָבער אַנעט איז ניט געווען אין קיין לאַכענדיקער שטימונג: זי פּלעגט אַרויסציען די פּען און אָוועקשיקן אַ בייסענדיקן ענטפער, וועלכער האָט געגאָסן בוימעל אויפן פייער און האָט צוגעגעבן צו אַלע אַנדערע זייערע מאָטיוון זי צו פאַרדאַמען נאָך דעם ביטערן פאַרדרוס פון באַ־ליידיגונג.

פונדעסטוועגן האָבן אָט די שטרענגע צענזאָרס נאָך געקענט אָנ־געבן אַלס ענטשולדיגונג פאַר זייער אַריינמישן זיך אין פרעמדע געשעפטן, זייער שלעכט אויסגענוצטע, אָבער דאָך די אָנגענומענע רעכט פון אייגענע. אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָבן ווילד פרעמדע געהאַט צו זיין שטרענג צו איר? פרעמדע וואָס האָבן אין קיין אינזיכט ניט גע־ליטן דערפון, וואָס זי האָט געטאָן אַזוי און ניט אַנדערש. האָט זי זיך אַמאָל געטראָפן אין גאַס מיט אַ באַקאַנטער דאַמע, וואָס האָט זי פריער מיט פרייד אויפגענומען ביי זיך אין הויז, פּלעגט זיך אַנעט אָפּשטעלן אויסרעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער. די דאַמע פּלעגט זי

אנקוקן, באטראכטן מיט א נייגעריקן בליק און זי לאזן רעדן, זי פלעגט איר כמעט נים ענטפערן און אוועקגיין מיט א קאלטער העפליכער מינע. א צווייטע, צו וועמען אנעט האט זיך געוועגט מיט א בריוו, און גע־בעטן אינפארמאציע וועגן געוויסע זאכן, האט נים געענטפערט. אנעט האט עקשנ׳עסדיק פארגעזעצט איר אנקעטע. זי האט אנגעשריבן צו איר מוטערס א פריינט, אן אלטע דאמע, צו וועמען אנעט האט זיך באצויגן מיט אכטונג ; די דאמע האט ארויסגעוויזן א ווארימען געפיל צו איר ; אנעט האט איר אנגעשריבן, אז זי וויל איר קומען זען. אין גרוים פארלעגענהייט האט איר די דאמע געענטפערט, אז זי קען איר נים אויפנעמען, ווייל זי פארלאזט פאריז... אט די קלייניקע אנגריפן. וואס האבן זיך נים אויפגעהערט צו ווידערהאלן האבן פאר׳סמ׳ט אלע אירע געפילן. אנעט האט זיך געשראקן פאר אנדערע באליידיגונגן. און מערקווירדיק, אז אט דער שרעק האט זי דערנערווירט און געפירט דערצו, אז זי זאל זיי אליין פראוואצירן. צום ביישפיל דער פאל מיט איר פריינט ליוסיל קארדיער. די צוויי יונגע פרויען האבן זיך געקענט פאר א לאנגער צייט. אין דער געזעלשאפט וואו זיי האבן פארקערט, איז ליוסיל געווען די פערזאן, וואס האט מער פון אלע אנדערע צוגעצויגן אנעט, כאטש זיי זענען נים געווען צו אינטים צווישן זיך, האבן זיי דאך זיך אלע מאל געטראפן מיט פארגעניגן. אנעט האט זיך דערוואוסט פון איר מומע, אז ליוסיל׳ס שוועסטער האט חתונה געהאט. ליוסיל האט איר נים געלאזט וויסן וועגן דעם. אנעט האט אנגעשריבן א מזל־טוב. ליוסיל האט נים געענטפערט. אנעט האט גוט געוואוסט וואס דאס מיינט, זי האט דאס געוואוסט פון ערפארונג. זי האט נים געטארט זיך עקשנ׳ן און דאך האט זי זיך יא איינגע׳עקשנ׳ט צוליב א באזונדערער באדערפעניש זיך צו איבערצייגן, זיין זיכער — צוליב דער באדער־פעניש צו ליידן.

זי איז אוועק צו ליוסיל אהיים. פון סאלאן האט זיך דערטראגן צו איר דער רעש פון א סך שטימען. דאס איז געווען דער טאג ווען ליוסיל האט בא זיך אויפגענומען געסט אין הויז. אנעט האט זיך דער־מאנט אין דעם, ווען זי איז שוין אריין אין צימער, און כאפן צוריק איז שוין געווען צו שפעט. דאס געשפרעך איז געווען באלעבט. א טוצן מענטשן, כמעט אלע אנעטס באקאנטע. ווי זי איז נאר אריינגעקומען, אזוי זענען זיי אלע גלייך אנטשוויגן געווארן. אז אויפגערעגטע האט

אַנעט דערפילט, אַז זי איז פאַרמשפט צום קאַמף, און אויפנעמענדיג אים, איז זי אַריינגעקומען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּן. ניט קוקענדיג אויף רעכטס אָדער לינקס, איז זי גלייך צוגעגאַנגען צו ליוסיל. ליוסיל האָט זיך אין פאַרלעגענהייט אויפגעהויבן. קליין און בלאָנד מיט האַלב אָפענע אויגן, לאַסטשענדע און כיטרע, האָט זי פאַרמאָגט אַן אָפּגע־טראָגן פּנימל, אַ קין פון אַ מויז מיט עטוואָס אַרויס געשטאַרצעטע ציין. אַ קלוגע און אַ גלייכגילטיגע צו מענטשן און אידעען, האָט זי געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז ליידענשאַפטליך פאַראינטערעסירט אין די ערשטע, און מיטן גאַנצן האַרצן צוגעבונדן צו די צווייטע. זי איז געווען פאַרזיכטיק, ניט צופיל אָפּענהערציג. זי האָט געליטן פון אומענט־שלאָסענהייט. זי האָט געשטרעבט צו געפעלן אַלעמען, און האָט בלויז געזאָרגט דערפאַר, אַז זי זאָל זיך מיט קיינעם ניט איינרייסן, און קיינעם ניט אָנטרעטן. וואָס אַנבאַלאַנגט איר פערזענלאַך האָט אַנעט׳ס אויפפירונג זי ניט אָנגערירט אַפילו אויף קיין האָר. איר שאַרפער פאַרשענדער נאָז איז אימער געווען אויף „דער וואַך, און זי האָט אַלע מאָל אַנגעקוואָלן פון אַ סקאַנדאַל. ליוסיל האָט אויפגענומען אָט די פאַסירונג ווי אַ אומגעלומפּערט־ווילדע נאַרישקייט, וועלכע וואָלט איר געקענט דינען אַלס אַן אמת׳ע פאַרוויילונג, ווען לויט דער געזעלשאַפט־ליכער מיינונג, וואָלט זי ניט געווען געשטעלט אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע. ווען אַנעט האָט איר אָנגעשריבן אַז זי קומט צוריק, האָט ליוסיל געטראַכט:

— דאָס איז באמת אַן אומדערוואַרטעטער שטיין אין קאָפּ! — וואָס זאָל איך איר ענטפערן?

זי האָט ניט געוואָלט באַליידיגן אַנעט, זי האָט אָבער אויך ניט געוואָלט ריזיקירן מיט דער געזעלשאַפטליכער מיינונג. ניט וויסענדיק וואָס צו ענטפערן האָט זי דאָס אָפּגעלייגט פון טאָג אויף טאָג. ביי זיך האָט זי אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט זיך טרעפן און זען מיט אַנעט, נאָר שפּעטער, און אַזוי, אַז קיינער זאָל דערפון ניט וויסן. (צו וואָס די איילעניש?) דאָס האָט איר ניט געשטערט אַנצופאַלן אויף אַנעט צוזאַמען מי טאָלע אַנדערע, און אין געשפּרעכן ווענן איר אַרויפציהן אויף זיך אַ מינע פון באַליידיקטער אומשולד...

און איצט האָט אַנעט׳ס פּלוצלינגע דערשיינונג זי אַוועקגעשטעלט אין אַ לאַגע, צו מאַכן דעם אויסוואָל גלייך אויפן פּלאַץ. (דאָס איז שווין

געוועז צופיל). ליוסיל האט א סך מער פארדראסן אויף אנעט דאס וואס זי האט איר אפגעטאן אזא שפיצעל, ווי דער האבן דאס קינד. (יא, אפילו צוויי, אויב זי וויל, אבי מיך זאל זי לאזן צופרידן) מיט אן אויפגעבראכטן פייערל אין די אויגן, וואס האט זיך גלייך אויסגעלאשן, האט זי גענומען די האנט, וואס אנעט האט אויסגעשטרעקט צו איר. זי האט געענטפערט אויף אנעט׳ס שמייכעל מיט יענעם אייגנהארטיגן זיסן שמייכעל, וועלכן אנעט האט גוט געקענט. (קיינער האט ניט געקענט ביישטיין דעם צערטלאכן צויבער פון אט דעם שמייכעל אירן). אבער דאס האט ניט לאנג אנגעהאלטן. מיט אירע ביסטרע אויגן און שארפן געהער האט ליוסיל גלייך באמערקט די איראנישע באציהונג פון די אנוועזנדע. און גלייך האט איר פנים אנגענומען א קאלטן אבוס־דרוק. נאך א פאר באגריסונגס ווערטער, האט זי באנייט דעם איבער־געריסענעם געשפרעך אין סאלאן, און ווי נאך א געהיימען אפמאך האבן אלע געסט אנגהויבן צו פלוידערן. צו אנעט האט זיך קיינער ניט געווענט. זי האט דערפילט אז מען איגנארירט זי, אבער זי האט זיך ניט אונטערגעגעבן. אנעט האט גוט געקענט די שוואכ־קייטן פון ליוסיל׳ס כאראקטער. זי איז געזעסן אין דער סאמע מיט פון א גרופע, וואס האט איר קלוימערשט ניט געזען, אזוי שטארק זענען זיי געווען פארטאן אין א לעבעדיקן אויסטויש פון פארשידענע קליי־ניגקייטן. מיט אירע רוהיגע אויגן האט זי אפגעמאסטן אלע אנוועזנדע. די בליקן פון די אנדערע, וואס האבן זיך געטראפן מיט איר־ האבן זיך אויף שנעל אפגעקערעוועט אין א זייט. בלויז איין פאר אויגן האבן אוים פארזיכטיגקייט ניט באוויזן ארונטערצולאזן, זיי זענען פאר־בליבן אנגעשטעלט אויף איר מיט אן אויסדרוק פון ווילדן כעס און פאראכטונג. אנעט האט דערקענט דעם ברייטן, ווי ביי א קוקלע פנים פון מאריא־לואיזע דע באַרדיו, די טאכטער פון א רייכן אדוואקאט, וועלכע האט חתונה געהאט מיט א ריכטער. אירע אייגענע זענען נאך פון די גאר אלטע צייטן געווען אויסערלאך אין פריינטלאכע באציאונגען מיט די רייוויערס, ווען טיף אין הארצן האבן די באַרדיוס געטראגן אן איינגעווארצעלטע אנטיפאטיע געגען זיי. מאריא־לואיזע דע באַרדיו האט פארקערפערט אין איר פערזאן די בעסטע מעלות פון איר קלאס — דער העכערער בורזשואזי: ליבע צו ארדנונג און ערליכקייט. עס האט איר אינגאנצן געפעלט: נייגעריגקייט, שארפזין, גוטסקייט און

הארציגקייט. דערפאר האט זי פארמאגט אלע גוטע מידות וועלכע עס פאדערט דאס געזעץ: א פארמאלן בוכשטאבלאכן גלויבן, וואס ווייס גיט פון ספקות און איז ווייט פון געדאנק, און א רעליגיעזן קולט פאר אייגענטום, פאר אלע פארמען פון אייגענטום: איר פאמיליע, איר אייגענטום, איר לאנד, איר גלויבן, איר מאראל, אירע טראדיציעס און אירע אפלייקענונגען. קורץ א מאסיווער קאמפאקטער עגאאיזם, וואס פארשטעלט די זון, ווי א שווארצע וואנט. ארום אט דעם עגאאיזם איז ניטא קיין פלאץ פאר דער פאס, פון דעם אלטן גריכישן פילאסאף, דיאגען! קיין זאך האט אזוי ניט אפגעשטויסן די בארדיום, ווי זעלבסט־שטענדיגקייט, יעדע פארמע פון זעלבסטשטענדיגקייט: רעליגיעזע, מאראלע, פאליטעש, אדער געזעלשאפטלאך — סאביאלע. צו אט דעם אלעם איז געווען ביי זיי איין איינגעבוירענער עקעל. אלע פארמען פון זעלבסטשטענדיגקייט האבן זיי צוזאמענגעגאסן אונטער דעם אל־געמיינעם ציגאמען פון „אנארכיזם!“

מיטן נאז האבן זיי דערשמעקט אט דעם „אנארכיזם“ אין די ריוויערס. און אינסטינקטיוו האט מאריא־לואיזע, ווי אלע אירע אייגע־נע געהאלטן אנעט אונטער א פארדאכט. זי האט איר ניט געקענט פאר־געבן די פרייהייט וואס זי האט גענאסן סיי בנגע צו איר בילדונג, סיי אין איר לעבן פון א יונגער מיידעל. אט די פיינטלאכע מיינונג זענען אפשר ניט געווען פריי פון קינה. אבער אפן ארויסטרעטן מיט זייער פיינטשאפט, האט זיי אפגעהאלטן אזא וויכטיגע פאקטאר — ווי דער גרויסער פארמעגן פון די ריוויערס. רייכטום קומט רעספעקט. רייכ־טום איז דאך איינע פון די וויכטיגסטע יסודות פון דער געזעלשאפטלא־כער ארדנונג. אבער מיט איין באדינג, אז פונדעסטוועגן, זאל מען ניט צושטערן דעם פונדאמענט פון דער געזעצלאכער פאמיליע. די זיילן פון דער געזעלשאפט זענען אימער אויף דער וואך, זיי געבען גוט אכטונג אויף דעם. און ווייי צום געוואגטן! אנעט האט עובר געווען אויף איינעם פון די וויכטיגסטע פרינציפן און דער הונט וואס גיט אכטונג האט זיך אויפגעכאפט, כאטש ער האלט זיין מויל, ווייל אין געזעלשאפט בילט מען ניט. דערפאר אבער האט שוין זיין בליק געערדט פאר אים. אנעט האט געלייענט אין דעם בליק פון מאריא־לואיזע דעם אויסדרוק פון אויפגעבראכטער, ביטערער פאראכטונג. זי האט רוהיג אפגעשטעלט אירע אויגן אויף דעם נארישעוואטן געזיכט

פון איר ריכטער, און ליבלאך זי באגריסענדיג מיט א נייג פון קאפ, האט זי איר געצוואונגן ענטפערן אויף דער באגריסונג. מאריא־לואיזע איז געווען שטארק אויפגעבראכט, וואס זי קען זיך ניט ארויסדרייען פון קיין ענטפער און זי האט זיך פארנייגט פאר איר. דערפאר האט זי נקמה גענומען פון אנעט דערמיט, וואס זי האט איר געשיינקט איינעם פון אירע קאלטסטע און גרויזאמסטע בליקן. אנעט האט זיך שוין דערווייל גלייכגילטיק אפגעקערעוועט. און אירע אויגן, וואס האבן געמאכט א טור איבערן סאלאן האבן זיך אומגעקערט צו ליוסיל.

כמעט פריי, אז א סמן פון פארלעגענהייט האט זי זיך ארייגגע־מישט אין דעם אנגעהויבענעם געשפרעך. מיט עפעס א באמערקונג האט זי איבערגעשלאגן ליוסיל'ס דערציילונג, און האט איר געצוואונגן צו ענטפערן. ווילענדיק ניט ווילענדיק האט מען איר אפגעטראטן דעם פלאץ. עס איז געווען אומעגלאך זיך צו פאשרטעלן די אויערן און איר ניט הערן — הערן העפלאך ניט אן נייגעריגקייט און אפילו מיט פאר־גענינגן, — ווייל זי איז געווען שארפזיניק און וויציק. אבער מען האט איר ניט געענטפערט, מען איז געווען צושטרייט און מען האט גערעדט פון אנדערע זאכן. דאס געשפרעך האט זיך אט אויסגעלאשן און אט ווידער צוברענט מיט קליינע פייערלאך און געשפרינגען פון איין גע־גענשטאנד צו א צווייטן. אין דער שטילקייט האט אנעט געהערט בלויז זיך אליין רעדן, זי האט זיך צוגעהערט צו איר אייגענער שטים, ווי מען הערט זיך צו דער שטים פון א פרעמדער. אן אמת'ע פרוי ווי זי איז געווען: אזא עמפינדלאכע און שטאלצע, האט זי אלץ אויפגעכאפט. און קיין איינציגע פון די אלע קליינינקע ערנידערונגן האט זי ניט פאר־פעלט צו באמערקן. צוגעוואוינט פון קינדהייט אן צו פארשטיין און זיך באנוצן מיט דער אומגאנגס שפראך פון די סאלאנען, האט זי לייכט געקענט לייענען און פארשטיין אונטערן לייכטן שלייער פון וועלטלא־כער העפלאכקייט די צו להכעיסדיקע אומאויפמערקזאמקייט, צווויידיי־טיקע שמייכלען און באליידיגענדע אבזיכטן. זי האט געליטן, נאר זי האט געלאכט, און ווייטער גערעדט! ארום און ארום האט מען געטראכט:

— סארא אנשטעל, סארא פאזע אט דאס מיידעל מאכט!

ליוסיל האט זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט, וואס איינע פון אירע געסט האט זיך אויפגעהויבן אוועקגיין, איז זי איר נעגאנגען בא־גלייטן צום טיר, כדי זיך ארויסדרייען פון אנעט. אנעט איז פאר־

בליבן איינזאַם צווישן אַ גרופּע, וואָס האָט באַשלאָסן זי פאַלשטענדיק צו איגנאָרירן. זי האָט אויפגעגעבן יעדן פאַרזוך צו פאַרלייַנגערן אַט די מאַטערניש, זי איז שוין געווען גרייט זיך אויפהויבן און אַוועקגיין, ווען מאַרסעל פרענק איז דורכן גאַנצן סאַלאָן צוגעגאַנגען צו איר. ער איז אַריינגעקומען אַביסל פריער, נאָר זי האָט אים ניט באַמערקט. ווייל איר גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווידמעט דער אַנשטרענגונג ניט נאָכצוגעבן דעם געפיל פון דרינקענדן אומעט וואָס האָט זי אַרומ־געכאַפּט. און ער זעהענדיק ווי זי רעדט און איז אומבאַצווינגען האָט באמת באַוואונדערט איר אויסגעהאַלטענקייט און געוואַגטקייט. פאַר זיך האָט ער געטראַכט: — נאָכוואָס איז זי געקומען אַהער צו צורייצן אַט די גענז? אַ ווילדער איינפאַל!.. אָבער עס איז אַזוי לעבערלאַך!

ער האָט באַשלאָסן איר אויסצושטרעקן אַ ברידערלאַכע האַנט. ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר איר מיט אַ באַזונדער ריטערישער העפ־לאַכקייט. אַנעטס דאַנקבאַרע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. די גאַנצע גע־זעלשאַפט אַרום זיי איז שטיל געבליבן: אַלע אויגן פאַרשן. אַלע היטן אין דערוואַרטונג... ער האָט געזאָגט:

— צום סוף, האָט איר זיך שוין אומגעקערט, אונזער גרויסע וואַנדערין! נו וואָס, איר האָט זיך שוין גענוג אַנגעזעטיגט מיט ים — „דעם בלויען?" ער האָט געוואָלט פאַרפירן אַ געשפּרעך ווענן אומשול־דיגע זאַכן: אָבער זי—(וואָס פאַר אַ טיפעל האָט זי געטריבן? שטאָלץ. דער אינסטינקט פון בראַווקייט. אָדער פשוט אָפענהערציגקייט?) — זי האָט פריילאַך געענטפערט:

— וואָס אַנבעלאַנגט בלויקייט: אַט איז שוין עטלאַכע חדשים, אַז איך שפּיגעל זיך אין איר. איך שפּיגעל זיך נאָר אין די בלויע אויגן פון מיין קינד.

אַ לייכט בלאַזענדער ווינטעל פון איראָניע האָט זיך דורכגעטראָגן איבער די פאַרזאַמעלטע. עס האָבן זיך באַוויזן שמייכלען. און אומבאַ־מערקט האָט מען זיך געטוישט מיט בליקן. מאַריע־לואיזע האָט אַז אויפגעבראַכטע זיך אויפגעהויבן; צופלאַמט און רויט פון בייזער פאַר־אַכטונג, מיט וועלכער עס איז געווען איבערפילט איר פעטע ברוסט, אַזוי אַז דער קאָרסעט איז גרייט געווען צו פּלאַצן אויף איר. האָט זי אָפּגעשטופּט דאָס בייַנקעל, אויף וועלכן זי איז געזעסן און איז אַז אַ זייַ געזונט אַרויס פון סאַלאָן. די טעמפּעראַטור אין סאַלאָן איז גלייך גע־

פאַלן אויף עטלאַכע גראַדוסן. אַנעט און מאַרסעל זענען פאַרבליבן אַליין אין אַ ווינקעל. — די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך אָפּגערוקט פון זיי. ער האָט געקוקט אויף איר מיט מיטגעפיל און לאַכענדיק האָט ער שטיל געזאָגט:

— דו ביסט אומפּאַרזיכטיק!

— ווי אַזוי אומפּאַרזיכטיק? האָט זי געפרעגט מיט אַ קלאָר קלינ־גענדער שטימע. זי האָט ווי עפּעס געזוכט אַרום אירע פיס. דערנאָך האָט זי זיך אויפגעהויבן קאַלט און ניט געאײַלט זיך זעגנענדיק מיט אַ נייג פון קאָפּ, אויף וואָס מען האָט איר געענטפערט מיט דעם זעלבן קאַלטן נייג, איז זי אַוועקגעגאַנגען.

ווער עס וואָלט איר ניט געזען אין גאַס ווי זי גייט מיט איר ריטמישן טראָט און שטאָלץ אויפגעהויבענער קאָפּ, מיט איר קאַלטער און גלייכגילטיקער מינע, וואָלט גאָר ניט חושד געווען, אַז אין איר האַרצן ווילדעוועט איצט אַ שטורם פון פאַראַכטונג, וואָס פאַרוואונדעט זי אײַנגאַנצן און מאַכט איר האַרץ צו בלוטן. אַבער ווי זי איז נאָר געקומען אַ היים און האָט זיך געקענט פאַרשליסן מיטן קינד ביי זיך אין צימער האָט זי אים ליידנשאַפטלאַך צוגעדריקט צו זיך און האָט זיך באַוואַשן מיט ביטערע טרערן.

VI

אין פּאַריז זענען געווען איבער גענוג אינטעליגענטע קרייזן וואו אַנעט וואָלט אויפגענומען געוואָרן פריינטלאַך, מיט רעספּעקט, באַזונ־דערס אין דער געזעלשאַפט וואָס וואָלט ניט באַדאַרפט זיין פרעמד צו דער טאָכטער פון דעם אַרכיטעקט ראָול ריוויער, צווישן יענע קינסטלער וואָס וואוינען אין שכנות מיט דעם סאָציאַלן פיליסטעריזם, אַבער לעבן דרויסן פון אים. זיי זענען פריי פון פאַראורטיילן, כאָטש זיי זע־נען באַשאַנקען מיט דעם טראַדיציאָנאַלן פאַמיליען גייסט, און טראָגן אַריין די גוטע בורזשואַזע מידות אין זייערע פרייע פאַראייניגונג־גען. אַנעט האָט געהאַט ווייניג באַקאַנט צווישן די פרויען פון דער פרויען פון דער קינסטלערישער וועלט. מיט שכל, וואָס איז געווען גע־ניינט צו שטרענגער אָרדנונג, און איינגעהאַלטענע מאַנערן, אַז אַ טראָפּן באַהעמישעס אין זיי. האָט אַנעט זיך ווענינ געשעצט די באַנע־

מונג און געשפּרעכן פון די קינסטלערישע פּרויען. אמת, אַז זי האָט ווי געהעריג אָפּגעשעצט זייערע מעלות. מוטיגקייט, גוטהאַרציגקייט און דויערענדע אויסגעהאַלטענקייט אין דער אַרבייט. מען מוז זאָגן דעם אמת; געווייגלאַך איז לעבן ווערן באַציאונגען צווישן מענטשן באַזירט ניט אויף דעם געגענזייטיקן רעספּעקט, נאָר אויף דעם אַלגעמיינעם סכום פון זייערע אינסטינקטן און געוואוינהייטן. אויסער דעם האָט ראָול ריוויער שוין פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט פאַר־לאָרן זיינע אַלטע חברים.

ווי נאָר זיין ערפאָלג האָט אים נעגעבן די מעגלאַכקייט אַריינצודרינ־גען אין די העכערע ספערן פון רייכטום, אַזוי האָט אַט דער מענטש מיט גרויסע אַפּעטיטן צוריסן מיט דער „ניט גאָלדענער מיטעלמעסיג־קייט“. ער איז געווען צו אינטעליגענט אום ניט צו אַנערקענען און שעצן די געזעלשאַפט פון מענטשן וואָס אַרבייטן מער פון דער געזעלשאַפט פון די פּאַריזער סאַלאָנען קרייזן, וועלכע אין אַן אינטימען קרייז פון איינענע מענטשן פלעגט ער גרויזאַם אויסלאַכן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך איינגעאָרדענט צווישן די אַנדערע, ווייל דאָס האָט אים געגעבן ברייטערע מעגלאַכקייטן. פון צייט צו צייט פלעגט ער שטילינקערהייט ניט ווערן, פאַרשוואונדן אויף אַ ווייל, און זיך אויסמישן מיט אַנדערע געזעלשאַפטלאַכע קרייזן, וואו ער איז געווען אימשטאַנד צו באַפרידיגן זיין לוסט פאַר פאַרגעניגן, און זיין באַדערפעניש אין אַ ברייטער און פרייער, ניט צוריקגעהאַלטענע זעלבסטשטענדיגקייט, ווייל ער האָט געפירט אַ צווייערדיקן און אפשר דרייערדיקן לעבן. אָבער דאָס האָבן געוואוסט וועניגע, און זיין טאָכטער האָט געוואוסט נאָר פון זיין אויסערלאַכן און געזעלשאַפטלאַכן לעבן.

אין דער ווירקלאַכקייט איז אַנעטס געזעלשאַפטלאַכער קרייז געווען באַגרענעצט מיטן קרייז פון דער גרויסבורזשואזיע, וועלכע אַלס אַ נייער רעגירענדער קלאַס, האָט מיט דער פּראַקטיק פון מאַכט אויסגעאַרבייט פאַר זיך עטוואָס ענלאַכעס צו אַ טראַדיציע, — וועלכע האָט צוזאַמען מיט אַלע אַנדער אַטריבוטן פון מאַכט ערוואָרבן פאַר געלט ידיעות וועגן אַלעם — זי האָט זיך געקויפט אוניווערזאַלע וועלטלאַכע בילדונג. וואָס האָט, ווי אַ לאָמפּ אונטער אַן אַבאַזשור, באַלויכטן בלויז אַ באַ־שריינקטן שטח. — און פאַר קיין זאַך האָט אַזוי ניט מורא געהאַט די בורזשואזי, ווי פאַר דער אויסברייטערונג פון דעם ליכטיקן קרייז

אונטערן לאמפּ, ווייל די מינדסטע ענדערונג האָט צושטערט אין איר דאָס באַוואוסטזיין פון זיכערקייט.

אַנעט, וועלכע האָט אינסטינקטיוו ליב געהאַט ליכט, האָט געזוכט ליכט, ווי זי האָט נאָר געקענט. אין איר לערנען און אַרבייטן אין אוניווערזיטעט, וואָס זענען אין איר קרייז באַטראַכט געוואָרן אַלס שעדלאַכע פּרעטענזיעס. אָבער די ליכט וואָס זי האָט דאָרטן געפונען איז געווען אַ היבש ביסעל דורכגעזעגן. דאָס איז געווען די ליכט פון אודיטאָריום און ביבליאָטעקן; קיינמאָל קיין גלייכע, אימער אַן אָפּגעשטעלטע. אַנעט האָט זיך דאָרטן ערוואָרבן די געוואַגטקייט פון געדאַנק. אַ פאַלשטענדיקע אַבסטראַקטע, וואָס האָט ניט אויסגעשלאָסן ביי די בעסערע פון אירע חברים די פּראַקטישע אומבאַהאַלפענקייט. און פאַלשטענדיקע פאַרלאָרענקייט פאַר דער ווירקלאַכקייט. — עס איז נאָך געווען אַ צווייטער פאַרהאַנג וואָס האָט פאַרדעקט פאַר אַנעט די פרייע בייטאָגעדיקע ליכט. דאָס איז געווען איר רייכטום. כאָטש דאָס האָט איר באמת ווייניג געטאָן דאָך האָט איר פאַרמעגן; ווי אַ הויכע וואַנט זי אָפּגעטיילט פון די פאָלקס מאַסען. אַנעט האָט אַליין ניט געוואוסט אין וואָס פאַר אַ מאָס זי איז געווען אַרומגעצאַמט פון אַלע זייטן. דאָס איז די לינקע זייט אין דעם מעדאַל פון רייכטום: ס'איז אַ פּריווילעגירטע צוים, אָבער דאָך אַ צוים, דאָס איז אַ גאָרטן וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ שטיינערנער וואַנט.

דאָס איז נאָך ניט געווען אַלץ. איצט ווען מען האָט באַדאַרפט אַרויסגיין פון דעם אָפּגעצאַמטן פּלאַץ אויף דער פרייהייט, האָט אַנעט, וועלכע האָט שוין פון לאַנג און אַנדערשראַקן פאַראויסגעזען די מעגלאַכקייט פון אַן ענלאַכן פאַל, האָט דאָס איצט מער ניט געוואָלט. און זאָל יענער, וואָס האָט קיינמאָל ניט געזינדיגט געגען שטרענגער לאָגיק וואַרפן אין איר אַ שטיין! אַ מענטש און באַזונדערס אַ פרוי באַשטייט ניט פון איין שטיק, ספּעציעל אין יענעם איבערגאַנגס פּעריאָד ווען די אינסטינקטן פון רעוואָלט און ווידערגעבורט זענען אויסגעמישט מיט די קאָנסערוואַטיווע געוואוינהייטן, וואָס פאַראַליזירן זיי. מיט איין קלאַפּ, קען זיך קיינער ניט באַפרייען פון אַלע פאַראורטיילן פון זיין סביבה, און פון די באַדערפעניש מעט וועלכע ער האָט זיך איינגעלעבט. דאָס איז אוממעגלאַך אַפילו פאַר די פרייסטע גייסטער. עס וואַקסן אויס ספקות און חרטה, עס ווילט זיך קיין זאַך ניט פאַרלירן און אַלץ

האבן. די אויפריכטיקע אנעט, מיט איר באדערפעניש אין ליבע, איר באדערפעניש אין פרייהייט, אנעט, וועלכע האט ניט געוואלט לייגן, האט פונדעסטוועגן ניט געוואלט מקריב זיין אירע ערוואַרבענע פריי־ווילעגיעס. זי איז געווען גרייט זיך אפצוזינדערן פון איר סאציאלער סביבה, אבער זי האט ניט געקענט אריבערטראגן דעם געדאנק צו פארטריבן ווערן פון איר קרייז. זי האט ניט געוואלט אראפפאלן פון דער הויך. און איר יוגענטלאכער שטאלץ, וועמען דאס לעבן האט נאך ניט דערוויזן ארונטערצוהאקן די פליגעל האט זיך אפגעזאגט צו זוכן א מקום־מנוחה אין אן אנדער סביבה, א פיל נידעריקערע, כאטש א באשיידענערע און א ווירדיקערע אפילו אין אירע אויגן, דאס וואלט מיינען, לויט דער מיינונג פון דער געזעלשאפט, אז זי אנערקענט זיך פאר דער באזיגטער. איז שוין בעסער צו בלייבן איינזאם, איידער ארויסגעווארפן צו ווערן פון דעם אייגענעם קלאס.

ווי אומבאדייטענד די גאנצע זארג איז ניט געווען, איז זי דאך ניט געווען גאר איינגאנצן זינלאז. אין דעם קאמף וואס ווערט פאר־פירט צווישן די אנגענומענע מנהגים פון א קלאס, און זיינעם א רעוואלטירענדן מיטגליד, וועלכער טרעט אפן ארויס געגען זיי, דער קלאס האנדעלט אייניג אין אזא פאל, ער פארפאלגט דעם אומפאר־זיכטיקן רעבעל אזוי לאנג ביז ער פארטרייבט אים און צווינגט אים צו עמיגרירן, דערנאך פארפאלגט ער זיינע מיטערפאלגן און נידערפאלן, אום צו רעכטפערטיקן זיין פסק.

אין דער וועלט פון נאטור, פון דער גוטער נאטור, אזוי שנעל ווי עס באווייזט זיך ערגעץ וואו א סימפטאם פון שוואכקייט, און א געוויסע באשעפעניש גיט זיך אפן איבער אלס א געגענשטאנד פון יאגד אזוי פלעכט זיך גלייך אוים ארום איר א שפינוועב נעץ. און אין דעם איז ניט פאראן ניט קיין אומגערעכטיגקייט ניט קיין שלעכטס. דאס איז דאס געוויינלאכע און די נאטירלאכע רעכט. די נאטור איז אלע מאל אויף יאגד, און יעדער איינער אין איר איז אדער א פאר־פאלגער אדער ער ווערט אליין פארפאלגט.

די יענער האבן זיך באוויזן. און גאר אומדערוואַרטעט. צו אנעט איז געקומען מיט א פריינטלאכן באזוך מארסעל פרענק.

זי איז געווען אליין אין הויז. דאס קינד איז ארוים פאר זיין

טעגלאכן שפּאַציר מיט דער מומע. אַנעט איז געווען מיד און האָט געזוכט איר צימער. זי האָט קיינעם ניט ערוואַרטעט און האָט קיינעם ניט געוואָלט זען. אָבער ווען מען האָט איר דערלאַנגט מאַר־סעלס קאַרטעל, האָט זי אים מיט פרייד אויפגענומען. זי איז אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַר איר איינגעשטעלט דאָרטען ביי ליוסיל. אמת, אַז ער האָט דאָס געטאָן זער פאַרזיכטיג; חלילה זיך ניט צו קאָמפּראָמענטירן, אָבער צופיל האָט זי פון אים אפילו ניט ערוואַרטעט!

זי האָט אים אויפגענומען ווי אַן אַלטן גוטן פריינט, אַן צערע־מאָניעס, אויסגעצויגן אויף דער סאָפע. זי איז נאָך געווען אין איר מאָרגן קלייד. זינט זי איז געוואָרן מוטער האָט זי פאַרלאָרן איר קולט צו שטרענגער אָרדנונג און איבערמעסיגער פּינקטלאַכקייט, צו יעדער זאַך פון טאָגלאַכן לעבן, וואָס סילוויע פלעגט פריער אויס־לאַכן. פאַר מאַרסעל איז דאָס געווען נאָך אַנגענעמער. ער האָט גע־פונען אַז זי איז פיל שענער געוואָרן. די אַנציהענדע און פרישע פולקייט, צאַרטלאַכע מידקייט, און פייכטער בליק, וואָס איז געוואָרן טיפער און ברייטער פון גליק. אַנעט האָט גערעדט אַז אַן אַפּהאַלט. עס איז איר געווען איינגענעם זיך ווידער צו באַגעגענען מיט אַן אַלטן קלוגן פריינט, וועמען זי האָט אַמאָל פאַרטרויט אירע וואַק־לענישן און ספקות; זי האָט ליב געהאַט זיין שכל, און זיין אינ־טעלעקטועלן טאַקט. זי האָט געהאַט צו אים צוטרויען. פרענק, האָט ווי אַלע מאָל אַלץ פאַרשטאַנען זער שנעל און זער דיז, איז געווען הארציג, אָבער אין זיין גאַנצער באַנעמונג האָט זיך באַמערקט אַ טאָן פון אַ מין נייער פאַמיליאַריטעט, וואָס האָט זי געוואונדערט פון סאַמע אַנפאַנג פון געשפּרעך.

זיי האָבן זיך ערינערט אין זייער לעצטער באַגעגעניש, פאַר איר אָפּפאָרן צו דער בריסאַט דאָטשע אין בורגונדיע; און אַנעט האָט גענומען צוגעבן, אַז מאַרסעל האָט זער גוט פאַראויסגעזען דאָס וואָס האָט באַדאַרפט פאַסירן. זי האָט ניט געוואָלט רעדן וועגן אירע באַציאונגען, זי האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז עס איז געווען אומענ־לאָך פאַר איר צו הייראַטן מיט ראָדזשערן; זי האָט זיך פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן, ווען איר איז איינגעפאַלן אַז מאַרסעל קען זי

ניט ריכטיק פאַרשטייז, און ער קוקט אויף דער גאַנצער זאַך ווי אויף אַ שפּאַס. מאַרסעל שמייכלענדיק, האָט פּאַרביסן געררעדט:

— איר זעט דאָס איצט פּונקט אַזוי גוט ווי איך. און ער האָט געלאַכט פון דער ווענדונג וואָס די געשיכטע האָט אָנגענומען. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיטשולדיגן אין דער מעשה.

אַנעט האָט זיך געפילט געקרענקט. נאָר זי האָט דאָס באַהאַלטן אונטער אַ לייכטער איראָניע. מאַרסעל איז באַשטאַנען אויף זיינס און האָט נאָך פאַרשטאַרקט זיינע אויסדריקע.

— איר זעט דאָס אַ סך בעסער פאַר מיר. מיר מענער האָבן אַ נאַרישע טבע צו טראַכטען, אַז מיר קענען באַשיינקען די פרויען מיט אונזער ווערטפולער חכמה, און מיר לאָזן זיך אַריינכאַפּן אין אַ נעץ, ווען זיי קוקן אויף אונז מיט זייערע שיינע אויגן, און מיט זייערע פאַרפירערישע שטימען פרעגן זיי בא אונז מיט אַנגסט, וואָס זיי זאָלן טאָן? זיי ווייסן דאָס אַליין זער גוט. נאָר זיי חנפענען זיך צו אונז: מיר האָבן ליב צו לייענען לעקציעס. נאָר זיי וואָלטן געקענט זיין אונזערע לערער! ווען איך האָב פאַראויסגעזאָגט, אַז איך וועט מען ניט אַריינכאַפּן אין דער בירסאָט נעץ, האָב איך זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז איר וועט זיך אַרויסדרייען פון נעץ־געוועב אויף אַזאַ וואונדערבאַרן אופן. דאָס איז אויסערגעוויינלאַך געוואָגט. אין אַ גוטער שעה... אמת, אַז איר נעמט זיך דערפאַר!... איך באַוואונדער אייער אומדערשראָקענהייט...

אַנעט האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, מיט דעם זעלבן געפיל פון פאַרלעגנהייט. ווי מאָדנע דאָס איז! זי האָט אַנערקענט פאַר זיך דאָס רעכט צו הנאָדלען אַזוי ווי זי האָט געהאַנדעלט; און דאַמאָלט ביי ליוסיל איז זי גרייט געווען צו פאַרטיידיקן אַט די רעכט אירע פאַר דער גאַנצער וועלט. און איצט איז איר געווען אומאַנגענעם, וואָס מאַרסעל לויבט זי און נאָך מיט אַזאַ טאָן! איר שעמעוודיגקייט, איר ווירדע האָבן געליטן. און זי האָט געזאָגט:

— מאַכט מיר ניט קיין קאָמפּלימענטן. איך בין גאָר ניט אַזאַ געוואָגטע ווי איר דיינקט. איך האָב ניט געוואָלט דאָס וואָס עס האָט געטראָפן. איך האָב דאָס ניט פאַראויסגעזען...

נאָר גלייך, מורא האָבענדיק צו זיין ניט אויפריכטיק, און צו שטאָלץ צו זאָגן אַ ליגן, האָט זי זיך פאַריכט:

— ניין, איך האָב אַ טעות, — איך האָב יאָ געטראַכט דער־פון, אָבער בלויז מיט שרעק, אָבער ניט מיט קיין פאַרלאַנג. עס פאַרבלייבט אַ סוד פאַר מיר אַליין, ווי אַזוי איך האָב געקענט דער־לאָזן דאָס, וואָס עס האָט מיך אַזוי געשראָקן און וואָס איך האָב ניט געוואָלט?

— דאָס איז נאַטירלאַך, האָט געזאָגט מאַרסעל. דאָס וואָס שרעקט היפּנאָטיזירט. דעם אמת געזאָגט, איז אויב מען שרעקט זיך פאַר עפּעס, מיינט דאָס נאָך ניט, אַז מען האָט ניט קיין פאַרלאַנג דערצו. נאָר ניט אַלע זענען פעהיג זיך צו פאַרמעסטן און וואַגן טאָן דאָס, וואָס עס שרעקט זיי, און איר האָט געזאָגט. איר האָט גע־וואַגט זיך אָפּנאַרן. אין לעבן דאַרף מען זיך נאַרן. זיך אָפּנאַרן מיינט וויסן. מען דאַרף ערוועכבן וויסן.... און טאָקע דערפאַר וואָס איר האָט געוואָגט, דענק איך, מיין אַרימער פריינט, אַז איר וואָלט זיך באַדראַפט מער היטן; מיר דוכט אַז מען קען זער שטאַרק באַשול־דיגן אייער שותף אין דעם, וואָס ער האָט דערלאָזן צו טראָגן דעם גאַנצן יאָך אייך אַליין.

אַנעט, אַביסעל אַ באַליידיגטע, האָט געזאָגט:

— פאַר מיר איז דאָס ניט קיין יאָך.

מאַרסעל האָט געטראַכט, אַז אַנעט אין איר גרויסמוטיגקייט, וויל ענטשולדיגן ראָדזשערן. און ער האָט געזאָגט:

— איך האָב אים נאָך אַלץ ליב?

— ווען? האָט געפרעגט אַנעט.

— גוט, האָט געזאָגט מאַרסעל מיט אַ געלעכטער, עס ווייזט אויס, אַז איר האָט אים מער ניט ליב.

— איך האָב ליב מיין קינד, האָט געזאָגט אַנעט, דאָס איבעריגע געהערט צו דער פאַרגאַנגענהייט. און וואָס אַנבעלאַנגט דער פאַר־גאַנגענהייט גלייבט זיך מיר קוים אויב זי האָט ווירקלאַך ווען ניט איז עקזיסטירט, ווייל ווי איך האָב שוין באַמערקט פאַרשטיי איך זי מער ניט. דאָס איז טרויעריק.

— אָבער אין דעם איז אויך דאָ אַ געוויסע שיינקייט.

— וועלכע איך פיל ניט, האָט געענטפערט אַנעט. איך בין ניט קיין דעליטאַנט. אָבער מיין זון — איז די געגענוואַרט, און דאָס איז אַ געגענוואַרט וואָס וועט דויערן לענגער פון מיר.

— דאָס איז די געגענוואַרט וואָס וועט אונז פאַרשטייסן, די געגענוואַרט, פאַר וועלכער מיר וועלן זיך אין איין שיינעם טאָג פאַרוואַנדלן אין אַ פאַרגאַנגענהייט.

— איז נאָך ערגער פאַר מיר! אָבער, אויב אפילו אַזוי, וועט זיין גוט געטראָטן צו ווערן פון זיינע קליינע פיסלאַך! האָט געזאָגט אַנעט. מאַרסעל האָט געלאַכט פון אָט דער ליידענשאַפטלאַכער איבערגעבענהייט. אַנעט האָט פאַרטגעזעצט:

— איר קענט מיך ניט פאַרשטיין ווייל איר האָט ניט געזען מיין מאַרקן, מיין אוצר. ווען איר וואָלט אים אפילו יאָ געזען ־ זען, וואָלט איר אים אויך ניט געזען. איר קענט זיין אַ גוטער מבין אויף בילדער און אויף סטאַטועס, נוצלאָזע שפּילצייג, אָבער איר זענט ניט פעהיג צו אורטיילן וועגן דעם איינציקן, אין אַ געוויסן זין, וואונדער, דעם קערפּער פון אַ קליין קינד. עס וואָלט געווען נאַריש פון מיין זייט צו מאָלן אים פאַר אייך. און דאָך האָט זי אים לעבעדיק און אויספירלאַך געמאָלן פאַר אים. זי האָט אַליין געלאַכט פון אירע איבערטריבענע אויסדריקע, אָבער זי איז געווען פאַרכאַפּט פון איר ליבע און האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטן. זי האָט זיך איבערגעריסן ווען זי האָט באַמערקט מאַרסעלס מילד נאָכגעביגן שפּאָטישן בליק.

— איך באַלעסטיק אייך, ענטשולדיקט!

אַם ענדע, אַלס שלוס, האָט ער געזאָגט: — אייך האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן מוטער טראָץ די אָנגענומענע באַדינגונגען. און איר זייט געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער געזעלשאַפטלאַכער אָרדנונג, מיט׳ן געזעץ און דער פאַמיליע, און אַנשטאָט עס זאָל אייך באַנג טאָן וואַרפט איר אַן אויסרוף דער מאַכט.

— וועלכער מאַכט? האָט געפרעגט אַנעט. איך האָב קיינעם ניט געמאַכט קיין אַרויסרוף.

— נו, דער מאַכט פון דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג, טראַדיציע און דעם בירגערלאַכן קאָדעקס.

— איך האָב גאָרניט וואָס צו טאָן מיט אָט די אַלע זאַכן, זיי אינטערעסירן מיך ניט.

— דאָס איז דער ערנסטער אַרויסרוף, דער, וואָס ווערט ניט פאַרגעבן.

— אַלע פאַרבינדונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן; איר האָט זיך באַפרייט פון אייער קאַסטן. וואָס וועט איר איצט טאָן?

— דאָס זעלבע וואָס איך האָב געטאָן פריער.

מאַרסעלס געזיכט האָט אויסגעדריקט צווייפעל.

— וואָס, איר דענקט אַז איך קען מער ניט לעבן, ווי איך בין געוואוינט? — צוליב דעם וואָלט זיך ניט געלוינט צו קעמפן, און אַ חוץ דעם....

מאַרסעל האָט דערמאָנט אַנעט איר וויזיט צו ליוסיל; ווי ווייניק ערפאָלג זי וואָלט געהאַט ווען זי זאָל ווען פאַרנעמען איר אַלטען פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט. זי האָט דאָס געוואוסט, ווענגן דעם האָט מען איר באַדאַרפט דערציילן, און איר באַליידיגטע שטאָלץ האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרלאַנג צו ווידערהאָלן די ער־פאַרונג. נאָר זי האָט זיך געוואונדערט פאַרוואָס מאַרסעל דערוויזט איר דאָס מיט אַזאַ עקשנות. געוויינלאַך איז ער געווען מער טאַקטיש; און זי האָט געזאָגט:

— איצט, ווען איך האָב מיין קינד, מאַכט דאָס ניט אויס.

— אָבער איר קענט דאָך ניט אַוועקגעבן אייער גאַנצן לעבן נאָר דעם קינד.

— איך דענק ניט אַז דאָס מיינט פאַרשמעלערן, נאָר גראָד פאַרקערט דאָס מיינט צו פאַרברייטערן דאָס לעבן. איך זע אין אים אַ גאַנצע וועלט וואָס וועט וואַקסן. און איך וועל וואַקסן צוזאַמען מיט אים.

מיט גרויס מיה און ניט קלענערער איראָניע האָט ער איר גע־נומען דערוויזן, אַז אַט די וועלט קען ניט באַפרידיקן אַזאַ אומרואיגע. אַזאַ פאָדערענדע און דורשטיקע נאַטור ווי אירע. מיט צוזאַמענגע־גאָסענע ברעמען און אַנגסט אין האַרצן האָט זיך אַנעט צוגעהערט צו זיינע רייד. אינערלאַך, האָט זי מיט כעס און צאָרן פּראָטעסטירט. ניין, ניין.

אָבער זי איז ניט פאַרבליבן אינגאַנצן רוהיק, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איינמאָל האָט שוין מאַרסעל אַזוי ריכטיק אַלץ פאָר־אויסגעזען. אָבער, פאַרוואָס מיהט ער זיך אַזוי שטאַרק איר צו באַווייזן, אַז זי דאַרף אויסנוצן איר אויסגעקעמפטע פרייהייט און ניט מורא האָבן צו לעבן דרויסן פון דער געזעלשאַפט — (ער האָט

געזאָגט „דרויסן און העכער פון די בורזשואַזע פּאַראָרטיילן“)?...

אין אַנעט זענען אימער געווען ניט איינע, נאָר צוויי אָדער דריי אַנעטס, וואָס האָבן פּאַרקערט צווישן זיך. געווענלאַך האָט בלויז איינע גערעדט און די אַנדערע האָבן געהערט. נאָר גראָד איז דעם מאָמענט האָבן גערעדט גלייכצייטיק צוויי: די ליידענשאַפטלאַכע סענטימענטאַלע אַנעט וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דער מאַכט פון אירע איינדריקע און האָט זיך גערן געלאָזן פירן פון זיי, און אַ צווייטע וואָס האָט באַאָבאַכטעט די עשרטע האָט געשטיפט און זיך געשפּילט מיט די פאַרבאָרגענע סטרונעס פון הערצער. זי האָט געהאַט שאַרפע און ליכטיקע אויגן און האָט געזען מאַרסעל אויף דורך און דורך. זיי האָבן זיך געביטן מיט די ראָלן. אַלע מאָל איז ער געווען דער, וואָס האָט געלייענט אירע פאַרבאָרגענע געדאַנקען. — איצט אָבער... איצט האָט אַנעט ערוואָרבן (פון ווען?... זיכער פון דער צייט פון איר „מעטאַמאָרפאָזע“)... די גרויס פעאיגקייט אַריינצודרינגען אין די הערצער פון אַנדערע און קלאָר צו לייענען זייערע מינדסטע פאַרבאָרגענע באַוועגונגען, וואָס האָט זי אַליין גע־וואוואונדערט, אי פאַרשאַפט אמת'ן שפּאַס אין רעכטן מיטן פון אַלע אירע זאָרגן... אויסגעצויגן אין איר טיפן פאָטער שטול, מיט איר קאָפּ פאַרוואָרפן אויף צוריק, מיט די הענט אַרום האַלז און מיט עטוואָס אָפענעם מויל, האָט זי געפאָרשט די סטעליע; בלויז מיט די ווינקלען פון אירע האַלב פאַרמאַכטע אויגן האָט זי זיך צוגעקוקט צו מאַרסעלן ווען ער האָט גערעדט. זי וואָלט אים געקענט אויף אויסווייניק אונטערזאָגן די ווערטער, וועלכע ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוברייננגען; זי וואָלט געקענט שווערן אין דעם וואָס וועט באַלד טרעפן, מיט אַ שפּאַסהאַפטער נייגעריגקייט און היבשלאַכן סאַרקאַזם, וועלכער האָט איר זייער פאַרדראָסן. האָט זי אים געלאָזן פריי רעדן.

— (מען דאַרף זען און וויסן, ווי ער האָט נאָר וואָס אַליין געזאָגט, מען מוז לערנען... לערנען...)

זי האָט געלערנט ווי צו דערקענען אַ פריינט...

—(יאָ, איך פאַרשטיי דיך!... עס וואָלט ניט געווען שלעכט אויפצוהויבן אַנעט, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלן ווי אַ רייפע פרוכט: דערפאַר שאָקלט ער מילד דעם בוים, כדי די פרוכט זאָל זיך שנע־

לער אַפּשיילן פון בוים. ער ספּעקולירט אויף איר פּאַרלאַרענהייט; און פונדעסטוועגן האָט ער זי ליב, יאָ ער איז אויף זיכער פאַרליבט אין איר. ניט איבעריק קלוג, ברודער לעבן ... אַט גלייך וועט ער אַרויסווייזן צערטלאַכע עפּפינדלאַכקייט, גנב'שער סודית'דיקער ווערט זיין שטים... און איצט... אויפמערקזאַמקייט... אַט באַלד, איך בין גרייט צו גיין אין געוועט, אַז ער וועט זיך באַלד איבערבייגן איבער מיר)...

פּאָר איינציגע סעקונדן איידער דאָס האָט געטראָפן, האָט זי קלאָר פאַראויסגעזען ווי עס דערנעהענטערט זיך און עס בייגט זיך איבער איר מאַרסעלס העל בלאָנדע באָרד און זיין ליידענשאַפטלאַך מויל איז זיך גרייט צו באַהעפטן מיט אירן. זי האָט אים געוואָלט אויס־היטן פון דער ערנידערונג... און פּונקט אין דעם נויטיקן מאָמענט האָט זי זיך אויפגעהויבן און אויסציהענדיק אירע הענט האָט זי פּאַמעלאַך אַפּגעשטופּט מאַרסעלס פּלייצע; זי האָט געזאָגט:

— זייט געזונט, מיין פריינט.

מאַרסעל האָט אַריינגעקוקט אין אַט די קלוגע דורכדרינגענדע אויגן, וועלכע האָבן פון זייערע טיפענישן געקוקט אויף אים מיט אַ לייכטן שפּאָט. ער האָט אַ שמייכעל געטאָן. ער איז געווען ענטוישט. אָבער דער קאַמף איז געווען אַן ערלאַכער. ער האָט פון זיך ניט באַהאַלטן, אַז מען האָט אים, נאָר וואָס גאַנץ געלאָזן און אויפן רוהיגסטן אופן צוריקגעוויזן. און פונדעסטוועגן איז ער געווען זי־כער, אַז אַנעט איז צו אים ניט גלייכגילטיק. זאָל דאָס פאַרשטיין ווער עס וויל און קען! דאָס מאָדנע מיידעל האָט זיך אַרויסגע־גליטשט פון זיינע הענט.

VII

מאַרסעל האָט זיך מער ניט באַוויזן; און אַנעט האָט ניט געגר־מען קיינע שריט אויף צו ברייננען אים צוריק. זיי זענען פאַרבליבן פריינט, נאָר זיי זענען געווען ברוגז איינע אויף די אַנדערע. טאַקע דערפאַר ווייל זי איז ניט געווען אינגאַנצן גלייכגילטיק צו אים איז זי איז געווען אַזוי עמפּינדלאַך אויף דעם וואָס זי האָט אין אים געזען. זי האָט זיך ניט באַליידיגט. דאָס איז געווען אַן אַלטע מעשה... שוין

צו אַן אַלטע מעשה!... ניין, אַנעט איז ניט געווען אין כעס און האָט ניט באַשולדיגט מערסעלן אין דעם. זי האָט בלויז ניט גע־קענט פאַרגעסן דאָס וואָס האָט פּאַסירט!... אַפּט פאַרגיסט מען גערדאַנק, אָבער דאָס האַרץ פאַרגיט ניט... מיט אַ פאַרבאַרגענעם אַנגסט איז זי געווען געצוואונגען צו אָנערקענען פיל מער דורך דעם צו פרייעם אַנגריף פון מאַרסעל, איידער צוליב דער גראָבער אויפ־נאַמע אין ליוסיל'ס סאַלאָן, אַז איר לאַגע האָט זיך געביטן.

זי האָט דערפילט אַז זי איז מער ניט באַשיצט פון דעם אַנגענו־מענעם רעספּעקט, וואָס די געזעלשאַפט שפּרייט אויס אויף יענע פון אירע מיטגלידער, וועלכע צייגען אויסערלאַך צו זיין געטריי צו זיינע געזעצן. זי וועט זיך מוזן אַליין באַשיצן. ווייל זי איז אַן אויסגע־שלאָסענע.

זי האָט פאַרשלאָסן אירע טירן פאַר דער וועלט. זי האָט ניט דערציילט סילוויען פון דער. נאָר וואָס דורכגעמאַכטער ערפאַרונג; ווייל סילוויע האָט זיי איר פאַראויסגעזאָגט, און זי וואָלט טריאומ־פירט. אַנעט האָט דאָס געהאַלטן פאַר זיך און זי האָט זיך פאַרשלאָסן מיט איר קינד. זי האָט באַשלאָסן צו לעבן אויסשליסלאַך פאַר אים.

ווען דער קליינינקער מאַרק האָט זיך אין אָוונט אומגעקערט פון זיין שפּאַציר, נאָך מאַרסעלס וויזיט, האָט זי אים באַגעגענט מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער האָט זיך צולאַכט ווען ער האָט זי דער־זען און האָט אויסגעצויגן צו איר זיינע הענטלאַך און פיסלאַך. וואָס האָבן געטאַנצט אין אַלע זייטן. זי האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים ווי אַ הונגעריגער וואָלף אויף זיין קרבן. זי האָט אים אויסגע־קושט יעדער אבר, זי האָט אים געוואָלט איינשלינגען. ווען זי האָט אים אויסגעטאָן האָט זי אַריינגענומען זיינע פיסלאַך אין מויל און האָט מיט אירע לעפּן באַרירט זיין גאַנצן קערפּער.

— אַם, אַם! איך וועל דיך אויפעסן!.. — און אַט דער נאָר, האָט זי אויסגעשריען, זיך ווענדענדיק צום קינד, אַט דער נאָר האָט געהאַט חוצפּה מיר צו זאָגן, אַז דו וועסט ניט זיין גענוג פאַר מיר. ס'איז חוצפּהניק! דו, ניט גענוג פאַר מיר, דו מיין קעניג! מיין גאָט? זאָג, אַז דו, ביזט מיין גאָט... וואָס זשע בין איך דאָן? גאָטס מוטער!... די גאַנצע וועלט געהערט צו אונז, און וואָס וועלן מיר

ניט אויפטאָן צוזאַמען?... אַלץ זען, אַלץ האָבן, אַלץ דורכמאַכן, פון אַלץ געניסן, אַלץ באַשאַפן!...

און ווירקלאַך, זיי האָבן אַלץ באַשאַפן. ענטדעקן אָדער באַשאַפן. איז דאָס דען ניט אַלצאיינס? ערפינדן, געפינען זענען אין פראַנצויזיש סענאָנימען. מען געפינט דאָס, וואָס מען ערפינט, מען ענטדעקט דאָס, וואָס מען באַשאַפט אין טרוים, מען שאַפט אין די חלומות פון שלאָף. סיי פאַר דער מוטער, סיי פאַר דעם קינד איז דאָס געווען אַ צייט פון גרויסע ענטדעקונגען.

די ערשטע ווערטער פון קינד, זיינע שפּילן, וואָס זענען, צו דער זעלבער צייט אויך געווען אונטערזוכונגען. ווייל שפּילענדיק מיט די עברים פון זיין קערפּער, נעמט ער אַראָפּ אַ מאָס פון דער אויסערלאַכער וועלט. יעדן פרימאָרגן האָט אַנעט מיט איר זון זיך אַרויסגעלאָזן אויף נייע אונטערזוכונגען. זי האָט זיך געפרייט דערמיט ניט ווייניגער פון אים, אויב ניט מער. איר האָט זיך געדוכט, אַז זי לעבט איבער אויף דאָס ניי איר אייגענע קינדהייט. בלויז מיטן פולן באַוואוסטזיין, פאַלגלאַך מיט דער פולער פרייד. נאָר אויך אין אים איז געווען אַזוי פיל פריילאַכקייט! דאָס איז געווען אַ געזונט שיין קינד, דורכאויס חנ׳עוודיק, פריש. אַ קליין רויטלאַך־פּעטזוריל, כאָטש לייג דאָס גלייך אויפן בראָט־שפּיז (סילוויע פלעגט אַגן — וואָס זשע וואָרט מען נאָך?) זיין פולינקער עלאַסטישער קערפּערל איז געווען איבערפילט מיט צוזאַמענגעדריקטע קרעפטן. ווי אַ גומענער באַל. יעדע נייע באַרירונג מיטן לעבן האָט אַרויסגערופן אין אים אַ טומעלדיקע פרייד. די אונגעהויערע קראַפט פון טרוים, וואָס קינדער באַזיצן, האָט צוגעגעבן זיינע ענטדעקונגען אַן איבערטריבענע גרוים און פאַרוואַנדעלט יעדער ציטער פון פרייד, אין אַ פריידיגען גלאָקן קלאַנגען.

אַנעט איז קיינמאָל פון אים ניט אָפּגעשטאַנען. עס האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך פאַרהערן מיט אים. ווער פון זיי איז גליקלאַכער. און ווער עס מאַכט מערער טומעל. סילוויע האָט געזאָגט, אַז אַנעט איז משוגע געוואָרן. נאָר אויף אַנעטס אָרט וואָלט זי געטאָן דאָס זעלבע...

נאָך אַזאַ ליאַרם האָבן זייביידע גענאָסן שעהן פון פאַלשטענדיקן שווייגן צוליב זייער פולער אויסגעמאַטערטקייט. דאָס קינד מיד פון

אַזוי פיל באַוועגונג איז געשלאָפּ וי א גע'הרג'עטער. אַנעט אַנידער־פאַלענדיק פון מידקייט, האָט זי עקשנ'עסדיק ניט צוגעלייגט, כדי זיך אַנטאָן דעם פאַרגעניגן צו וואַכן איבער איר שלאָפענדן קינד; און דער פייער פון איר ליבע, פאַרריקט אין דער טיף פון איר האַרצן, ווי די שיין פון אַ ליכט, פאַרדעקט מיטן האַנט, אום זי זאָל ניט אויפוועקן דאָס ברעקעלע, האָט געברענט מיט אַ לאַנגן שווייגענדיקן פלאַם. וואָס האָט זיך געהויבן צום הימל... זי האָט תפילה געטאָן... מאַריאַ ביים ווינעלע... זי האָט תפילה געטאָן צום קינד.

אַט די חדשים זענען נאָר געווען שיינע און ליכטיקע, אָבער זיי זענען שוין ניט געווען אַזוי בורשטין ריין ווי די פאַריאַרידיקע. ווייניגער דורכזיכטיק. אַט די חדשים זענען געווען פול מיט איבערמעסיגן. צו דערהויבענעם גליק און אַביסעל איבערטריבן.

אַזאַ ענערגישע און געזונטע נאַטור ווי אַנעטס מוז שאַפן, זי מוז אומאויפהערלאַך שאַפן, מיט איר גאַנצן וועזן — סיי קערפּערלאַך סיי גייסטיק. שאַפן אָדער אויסטראָגן אַ צוקונפטיקע שאַפונג. דאָס — איז אַ נויטווענדיקע באַדערפעניש, און דאָס גליק באַשטייט נאָר אין דער באַפרידיגונג פון אַט דער באַדערפעניש. יעדער שאַפונגס פעריאָד האָט זיין אייגענע באַגרעניצטן פעלד; און זיין שטייגענדע קראַפט. פאַלגט ווי אַ קויל פון אַ ביקס אַ קרומער ליניע און פאַלט צוריק צו דער ערד... אַנעט איז שוין אַריבערגעגאַנגען דעם העכסטן פונקט פון דער קרומער ליניע. — אָבער די שעפּפערישע שטרעבונג ביי דער מוטער האַלט נאָך אין אַ לאַנגע צייט נאָכדעם ווי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן. דאָס זיינען זעצט פאַר דעם פעריאָד, ווען דער מוטערס בלוט גיסט זיך פריי אַרי־בער אין קינד; און די אומזיכטבאַרע פאַרבינדונגען האַלטן ביידע קער־פערס אין אַ שטענדיקן פאַרקער. דער איבערפלוס פון שעפּפערישע כוחות אין קינדס נשמה פילט אויס דעם פאַראורעמטן שאַפן אין דער נשמה פון דער מוטער, אַזוי ווי אַ טייך וואָס טריקענט אָן וויל זיך דערנענטערן אויפן חשבון פון אַ טייכעל, וואָס איז אַזוי פול אַז עס גיסט זיך אַריבער. זי פאַרשנעלערט איר פליסן אום זיך צוזאַמענגיסן מיט דעם קליינעם ראַשיגן שטראָם. נאָר יענער יאָגט זי אַריבער און זי בלייבט פון הינטן. דאָס קינד האָט זיך שוין דערווייטערט פון איר און זי האָט אים קוים קוים געקענט אָניאָגן.

נאָך איידער ער איז געווען איבשטאַנד אַליין צו פאַרמירן אַ זאַץ

מיט זיין צונג האט ער שוין געהאט זיינע קליינע פארבארגענע געדאנקען, וואס זענען געווען באהאלטן טיף אין קעסטעלאך, דעם שליסעל פון וועלכע ער האט געהאלטן ביי זיך. איין גאט ווייסט, וואס ער האט אהין ניט אריינגעלייגט, מיט וואס ער האט זיי ניט אנגעפילט! דורכפליהענדע געדאנקען וועגן די ארומיגע מענטשן, אפגעריסענע שטיקלאך טיילן פון דיספוטן און פארשידענארטיגסטע קולירדייכסטע זאמלונגען פון געשטאלטן און ווערטער שפילן, וועמענס קלאנגען עס האבן אים געפרייט, כאטש ער האט ניט פארשטאנען זייער באדייטונג, ווי א געזאנגס מאנאלאג, אז א פארבינדונג, אן אנהויב און אן א סוף. ער האט אויסגעצייכנט גוט געוואוסט אפשר — ניט דאס, אז ער באהאלט, נאר דאס, אז ביי אים — איז עפעס באהאלטן. דערפאר, ווייל וואס מער כען האט זיך געמיט צו דערוויסן וואס ער טראכט אלץ מער האט ער אנגעווענט פארביסענהייט ניט צו צולאזען צו זיינע פארבארגענע סודות, און אפט האט אים פארשאפט פארגעניגען ארויפצופירן די זוכענישן אויף א פאלשן וועג. מיט זיין קליינינקן צונג, וואס איז געווען פונקט אזוי ניט געשיקט ווי זיינע הענטלאך, וואס האט מיט גרויס מיה ארויסגערעדט די ווערטער, האט ער שוין פראבירט זאגן ליגן, כדי אראפפירן מענטשן פון וועג. ער האט געהאט פארגעניגן צו דערווייזן אנדערע, ווי זיך אליין, די אייגענע וויכטיגקייט, זיך אויסלאכנדיק פון די וואס ווילן אריינדרינגען אין זיין אייגענטום.

אט די קליינע באשעפעניש, וואס האט זיך קוים באוויזן אויף דער וועלט, האט געהאט דעם פונדאמענטאלן אינסטינקט „פון מיינס, וואס איז ניט דיינס, — למשל, ריר ניט אן מיינע ניסלאך! זיין גאנצער פארמעגן איז באשטאנען פון שטיקלאך־ברעקלאך געדאנקען, ער האט געבויט ווענט אום זיי צו פארשטעלן פון זיין מוטערס אויגן. און זי, מיט דער קורצזיכטיגקייט פון אלע מוטערס, איז געווען שטאלץ, וואס ער האט אזוי גוט געוואוסט ווי צו זאגן: „ניין“ און וואס ער האט אזוי פרי באוויזן זיין פערזענלאכקייט. אנעט האט מיט שטאלץ פראקלאמירט: — ער האט אן אייזערנעם ווילן!

זי האט געדיינקט, אז זי האט אליין אויסגעשמידט אט דעם אייזן.
— אבער געגען וועמען.

געגען איר אליין — אין אנפאנג: אין די אויגן פון אט דעם קליינינקן איד, איז זי געווען דער ניט־איד, די אויסערלאכע וועלט;

אמת, אַז אויסערלאַכע וועלט איז וועלכער עס איז באַקוועם צו וואוינען. אַ וואַרימע, ווייכע וועלט, וואָס פליסט מיט מילך, וועלכע מען קען עקספּלואַטירן, און איבער וועלכער עס ווערט געבוירן אַ פאַרלאַנג צו געוועלטיקן. אָבער דאָך אַז אויסערלאַכע וועלט פאַר מיין איך. אַט די אויסערלאַכע וועלט איז גאָר ניט דאָס, וואָס איך. איך האָב זי. און זי האָט מיך ניט...

ניין, זי האָט אים ניט געהאַט! זי האָט דאָס שוין אָנגעהויבן צו פילן: אַט דער ליליפּוט האָט געזאָלט געהערן זיך אַליין. ער האָט זיך גענויטיגט אין איר, אָבער זי האָט זיך ניט ווייניגער גענויטיגט אין אים. און דאָס קינד האָט דאָס אינסטינקטיוו געוואוסט. און עס איז זער מעגלאַך, אַז אַט דער אינסטינקט פאַרשטאַרקט פון זיין קאָנצענטרירטן איך, האָט אים דערציילט, אַז זי האָט זיך פיל שטאַרקער גענויטיקט אין אים, ווי ער אין איר, דערפאַר איז ניט מער ווי רעכט. אַז ער זאָל דאָס אויסנוצן — און ווירקלאַך, עס איז געווען דער ריינער אמת. אַז זי האָט זיך גענויטיגט אין אים אַ סך מער...

נו, גוט, גערעכט אָדער אומגערעכט, גענים, דו קליין פאַרזעהעניש! אַלצאיינס, וואָס דו זאָלסט ניט טאָן קענסטו זיך אַז מיר ניט באַגיין פאַר אַ לאַנגער צייט. איך האַלט דיך. אַט וואַרף איך דיך אַריין אין דיין באָד. קולי זיך, שווים אום, פּישעלע!... זע נאָר, ווי אויפגעבראַכט ער זעט דאָס אויס, מיטן אָפענעם מויל, פונקט ווי זיין קליינע פערזענלאַכקייט וואָלט זיך געשטיקט פון באַליידיגונג, וואָס מען באַגייט זיך מיט אים, ווי מיט אַ בינטעל... און איך דריי און דריי דיך איבער אויף אַלע זייטן... גאָטעניו ס'אַרא מוזיק!... דו וועסט זיין אַ זינגער, זונעלע. גוט, וויין אוים דיין דאָ־רע־מי! בראַוואָ!... דו זינגסט און איך צווינג דיך טאַנצן... איז דען ניט קיין שאַנדע צו באַנוצן זיך מיט דיין שוואַכקייט אויף אַזאַ אופן? ווי געמיין דיין מאַמע איז! אָרים קינד! וואַרט דו וועסט זיך שוין אָפּרעכענען מיט איר. ווען דו וועסט זיין אַ גרויסער... דערווייַלע שריי, פּראָטעסטיר! ניט קוקענדיק אויף דיין ווירדינקייט קוש איך דיין קליינניג תחתל!

ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, זי האָט נעלאַכט.

אומזיסט האָט זי געדיינקט אַז זי האַלט אים. זי האָט נעהאַלטן בלויז די שאָלאַכץ. די חיה פון אינווייניק האָט זיך באַהאַלטן אין איר נאָרע. מיט יעדן טאָג איז געוואָרן שווערער אים צו כאַפּן. דאָס איז

געוועז א געיאג פון ליבע, א לײדענשאפטלאכער קאמף, נאך יאגד. מען האט באדארפט די גאנצע צײט זײן אין אײן אנשטרײנגונג.

טויזענדער קלײנינקע זארגן. וועלכע א קלײן קינד פאדערט פילן אין דעם גאנצן טאג. ווי פשוט און מאנאטאן אט די ארבײטן זענען ניט, געבן זײ דיר דאך ניט קײן מעגלאכקײט צו טראכטן וועגן עפעס אנדערש. ווען זאכן האבן ניט צוטאן מיט אים, שטענדיק מיט־אים. איז דער געדאנק צושלאגן אויף ברעקלאך. דער לײכטסטער געדאנק ווערט צען מאל איבערגעשלאגן. דאס קינד פארכאפט אלץ; אט דאס קלײנע שטיקעל פלײש פארשטעלט אײער גאנצן האריזאנט. אנעט האט זיך ניט באקלאגט אויף דעם, זי האט אפילו קײן צײט ניט געהאט דערפון צו טראכטן. זי האט געלעבט אין א צושטאנד פון אומאויפעך־לאכער מידקײט פון אומאויפערלאכער ארבײט; צו ערשט האט זי זיך געפילט גוט דערפון, נאר וואס ווײטער, האט זי, מיט יעדער שעה, אלץ שטארקער ארומגעכאפט א טויט מידקײט. די כוחות שעפן זיך אויס, און דער גײסט גײט זיך ווײטער זײן וועג; די נשמה פארבלײבט ניט דארטן, ווי מיר האבן זי איבערגעלאזן. די נשמה פאלגט נאך אירע אײ־גענע וועגן; ווי א שלאפענדיקער וואנדערער, און ווען זי ערוואכט, ווײסט זי ניט וואו זי געפינט זיך. אנעט האט זיך אויפגעכאפט, און אײן שײנעם טאג, האט זי דערפילט, אז אויף איר ליגט א בארג פון מידקײט, וואס האט זיך אנגעקליבן אין משך פון מאנאטן; און איר אינערלאכע פרײד האט זיך אויסגעמישט מיט אן אומקלארן שאטן.

זי האט ניט געוואלט צושרײבן צו קײן אנדער זאך אויסער פיזי־שער דערשעפטקײט; כדי זיך אלײן צו דערווײזן, אז איר גליק איז ניט געמינדערט געווארן אויף קײן האר, האט זי אויסגעדריקט איר פרײד אויף א סך א צערטלאכערן און טומעלדיקערן אופן ווי דאס איז געווען נויטיק. באזונדערס אין דער אנוועזנהײט פון אנדערע, פונקט ווי זי וואלט מורא האבן, מען זאל אין איר ניט ענטדעקן דאס, וואס זי האט ניט געוואלט זען. אט די איבערטריבענע פרײלאכקײט. פלעגט זיך שפעטער, ווען זי איז געבליבן אלײן אומבײטן מיט א געדריקטער שטימונג. אומעט? נײן... עפעס א מין מאדנע קרענקלאכקײט, א ניט דײטלאכע אומרוהיגקײט, א געפיל פון טײלווײזער אומבאפרידיגונג. וועלכןדו שטײסט אפ פון זיך: ניט צוליב דעם וואס דו דערוואַרטעסט עפעס פון דרויסן (דערווײלע קענסטו זיך נאך באגײן אן דער אויסער־

לאַכער וועלט). נאָר דערפאַר וואָס אַ טייל פון דיינע איינגעבוירענע כוחות פאַרבלייבן אומבאַשעפטיגט. און געוויסע גייסטיקע כוחות זענען פאַרבליבן אין אַ שטילשטאַנד פאַר אַ לייַנגערער צייט, דאָס האָט פאַרורזאַכט אומאָרדנונג אין דער עקאָנאָמיע פון גאַנצען אָרגאַניזם. אַנעט באַרויבט פון געזעלשאַפט, אַלע מאָל אַליין און פילענדיק, אַז אין איר ערוואַכט אַ בייַנקשאַפט נאָך מענטשן, וועלכן זי האָט געוואָלט אונטערדריקן, האָט זי זיך פּראָבירט צו העלפן דערמיט, וואָס זי האָט זיך געווענדעט צו דער געזעלשאַפט פון ביכער. אָבער די ביכער זענען פאַרבליבען אָפען אויף דעם זעלבן זייטעל; דער געדאַנק האָט זיך אָפּגעוואוינט נאָכפאָלגן דער קייט פון די פאַרנאַנדער־געוויקעלטע ווערטער; דער געדאַנק איז צורינען געוואָרן צוליב דער נויטווענדיגקייט שטענדיג צו זיין פאַרנומען מיטן קינד, די אויפמערקזאַמקייט איז צורינען, און זי ווי אַ צוגעבונדענע שיפעל, וואָס וויגט זיך אויפן וואַסער, ניט האָבענדיק קיין מעגלאַכקייט ניט זיך רירן, ניט זיך אָפּשטעלן, אַזוי האָט זי זיך געוויגט אַ שלעפּערדיקע און אַן אָפּגעשוואַכטע. אַנשטאָט דעם זי זאָל קעמפן געגען דעם, איז אַנעט פאַרבליבן אַ פאַרשלאָסענע און האָט, אָדער געחלומט אין דרימעל פאַר אַן אָפענעם בוך, אָדער זי האָט זיך פאַרטרינקען אין אַשטראָם פון ליידענשאַפטלאַכע און זינלאָזע ווערטער מיטן קינד. סילוויע זעענדיק, אַז אַנעט קען ניט אויסברייַנגען איר פאַרשידענאַרטיגע, ברויזענדע ענערגיע מיטן קינד, האָט איר געזאָגט:

— דו דאַרפסט אַרויסגיין מער, מאַכן איבונגען, זיך פאַרנעמען מיט ספּאָרטס, שפּאַצירן, ווי דו פלעגסט אַמאָל טאָן.

אַנעט, כדי זיך ניט צו אַמפּערן, האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט דאָס אַלעס טאָן, אָבער זי האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. זי האָט געהאַט אירע טעמים וועלכע זי האָט פאַרשוויגן. זי האָט מורא געהאַט צו באַגעגעניזן אירע אַמאָליגע באַקענטע, זי האָט מורא געהאַט פאַר דער באַליידיגענדער קאַלטקייט, וואָס זיי וועלן איר אַרויסווייזן. אָבער דאָס איז געווען אַן אויבערפלעכלאַכע אורזאַכע, אין וועלכער זי האָט זיך אַליין געשטרעבט צו איבערצייגן. איז אַן אַנדער צייט וואָלט זי זיך אויסגעלאַכט פון אַזוינע נישטיקע באַליידיגונגען. איצט אָבער איז זי געווען דורכגעדרינגען מיט אַ נעוורַאסטעַנישן שרעק פאַר יעדער באַרירונג מיט מענטשן. אויב אַזוי וואָרום זאָל זי ניט פאַרלאָזן פּאַריז און וואוינען אין אַ דערפעל, ווי סילוויע האָט איר געראָטן. זי האָט זיך ניט אָפּגע־

זאָגט נאָר זי האָט גאָרנישט געטאָן דערפאַר. דאָ האָט מען באַדאַרפט אָנגעמען אַ באַשלוס און איר האָט זיך ניט געגלוסט אַרויסגיין פון איר פאַרגליווערטן צושטאַנד.

אַזוי האָבן געפּליסט אירע טעג, באַוועגלאָזע, אָן רעגונג, ווי די וואַסער פון אַ ים צופּלוס, וואָס קלייבט זיך אָפּטרעטן אויף צוריק. אַן אַנטראַקט, אַן אָפּשטעל אין דעם אייביקן ריטם פון אָטעמען: דער אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. די פרייד דערוווייטערט זיך, שטילינקערהייד, אויף די שפּיץ פינגער. מיט שטילע טריט דערנעהענט זיך די זאָרג. זי איז נאָך ניט געקומען. נאָר עפּעס אומבאַוואוסטעס וואָרענט דיך, ריר זיך ניט!...

"דער אומגליק איז הינטערן טיר".

VIII

עס איז געקומען אָבער דאָס איז געווען גאָר ניט דאָס, וואָס מען האָט ערוואַרטעט. אומזיסט באַמיהט זיך אַ מענטש צו פאָראויסזען דעם צוקונפטיקן גליק אָדער אומגליק. ווען זיין קומען האָבן זיי גאָר אַן אַנדער פּנים.

ביינאַכט, ווען אַנעט האָט געשוועבט צווישן הימל און ים, אויף די גרענעצן וואו דאָס גליק קומט אין באַרירונג מיטן טרויער, ניט וויסנ־דיק צי זי שלאָפט אָדער וואַכט, האָט זי דערפילט, אַז איר דראָהט אַ געפאַר. זי האָט נאָך ניט געוואוסט פון וואַנען די געפאַר האָט זיך גע־נומען און וואָס פאַר אַ געפאַר דאָס איז, האָט זי שוין אָנגעשטרענגט אי־רע כוחות צו לויפן צו הילף דעם קינד, וואָס איז געשלאָפן אַרום איר. איר באַוואוסטזיין וואָס פלעגט בלויז אויף העלפט איינשלאָפן און מיט דער צווייטער האַלב שטענדיק זיין אויף דער וואַך, האָט איר אָנגע־זאָגט, אַז די געפאַר דראָט אים. זי האָט זיך ניט אָפּגענאַרט. אַפילו אין טיפסטן שלאָף האָט זי גלייך דערפילט די מינדסטע ענדערונג אין דעם קינדס אָטעמען. ער האָט געאָטעמט האַסטיק און אָפּגעריסן. אויף אַ מיסטישן אופן האָט זי דערפילט זיין שווערן אָטעמען אין איר אייגענער ברוסט. זי האָט געמאַכט ליכטיק און האָט זיך איבערגעבויגן איבערן בעטעלע. דאָס קינד האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט; ער איז אומרוהיג געשלאָפן; זיין פּנים איז ניט געווען רויט, דאָס האָט אויסגעצייגט דער

מוטער צו זיין אַ גוטער סימן; זי האָט אָנגערירט זיין קערפּער, די הויט איז געווען טרוקען, און זיינע הענט און פיס קאַלט; זי האָט אים וואַרימער איינגעדעקט. עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס וואָלט איר באַרוהיגט. זי האָט זיך צוגעהערט צו אים אַ פּאָר מינוט, דערנאָך האָט זי פאַרלאָשן די ליכט און האָט זיך געוואָלט פאַרזיכערן, אַז דער פאַרדאַכט איז געווען אַן אומזיסטער. אָבער נאָך אַ קורצער פּאַוזע האָט דאָס קינד ווידער אָנגעהויבן אָטעמען נאָך ערגער און שנעלער ווי פריער: אַנעט האָט זיך אַליין גענאַרט אַזוי לאַנג ווי זי האָט נאָר געקענט:

— ניין, ער אָטעמט ניט שווערער און ניט שנעלער, נאָר ווי געוויינלאַך, ניט מער, איך אַליין בין אויפגערעגט...

אָט פּונקט ווי זי וואָלט וועלן ווירקן אויפן צושטאַנד פון קינד נאָר מיט דער אָנשטרענגונג פון איר ווילן, האָט זי זיך געצוואונגען צו בלייבן זיצן באַוועגלאָז. אָבער עס איז געווען אוממעגלאַך צו צווייפלען. די פיניגונג איז געוואַקסן, דאָס קינד האָט אַלץ האַסטיגער געאָטעמט, און מיט אַן אויסברוך פון הוסטן האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און זיך צעוויינט. אַנעט איז אַרויסגעשפּרינגען פון בעט. זי האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענט. ער האָט געברענט. זיין פּנים איז געווען בלאָס, די ליפּן בלוי. אַנעט האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און האָט אַריינגערופן די מומע וויקטאָרינא, וועלכע האָט בלויז צוגעגעבן צו אַלץ איר אייגענע אויפרעגונג. פּונקט אין דעם טאָג האָט מען אַרונטערגענומען דעם טעלעפאָן צו פאַריכטן, און עס איז ניט געווען קיין מעגלאַכקייט צו קומען אין באַרירונג מיט אַ דאָקטאָר. עס איז ניט געווען קיין אייניציגער אַפּטייק אין דער געגענד, דאָס הויז איז געווען ווייט פון שטאָט, און דאָס הויז מיידעל האָט ניט געוואָלט לויפן איבער די פוסטע גאַסן אַזוי שפּעט באַנאַכט. זיי האָבן געמוזט וואַרטן ביז אינדערפרי, און די קראַנקהייט איז געוואַקסן און ערגער געוואָרן פון מינוט צו מינוט. עס איז געווען גענוג פאַר אַ מענטשן צו פאַרלירן דעם קאָפּ... אַנעט האָט געהאַלטן דערביי. איר מומע האָט געקרעכצט, און זיך געצאַפּעלט ווי אַ פליג ביים פייער פון לאָמפּ. אַנעט האָט געזאָגט צו איר מיטן האַרבן וואָרט:

— דיין קלאָגן טוט ווייניג גוטעס. בעסער העלף מיר! אָבער אויב דו קענסט גאָרניט טאָן, גיי שלאָפן און לאָז מיר צופרידן. איך וועל אים אַליין ראַטעווען.

די מומע, פארשטוינערט פון שרעק, איז ווידער געקומען צו זיך. איר לאנגיאריקע דערפארונג אלס היטערן ביי קראנקע בעטן האט פארנאנדערגעטריבן אנעטס מוראדיקן שרעק, דעם דערשרעק פאר קרופ אדער דיפטעריא ; אנעט האט נאך אבער אלץ געצווייפעלט און מעגלאך אז די מומע אויך. מען קען שטענדיק א טעות האבן. און אויב עס איז אפילו ניט קיין דיפטעריע, איז נאך אלץ דא אזויפיל געפער־לאכע קראנקהייטן. דער ניט וויסן, וואס פאר א קראנקהייט דאס איז, האט נאך מער פארשטארקט זייער שרעק. . אזוי אדער אנדערש, אנעטס הארץ איז געווען פארפרוירן פון אנגסט, אבער אירע באוועגונגען זענען געווען געלאסן און זי האט געטאן, וואס מען האט באדארפט. ניט ווי־סענדיק, באוועגט בלויז פון מוטערלאכן אינסטינקט, האט זי געטאן אקוראט דאס וואס מען האט באדארפט טאן פארן קינד. (אזוי האט איר דער דאקטאר געזאגט אויף מארגן). זי האט אים ניט געלאזט לאנג ליגן אויפן רוקן, זי האט אים אלע מאל אומגעדרייט אויף אן אנדער זייט, זי האט געקעמפט מיט די אנפאלן פון שטיקעניש. דאס וואס עס האט איר ניט געקענט לערנען ניט די דערפארונג, ניט דער וויסן, האט איר דיקטירט איר אונענדלאך גרויסער געפיל פון ליבע צום קינד. דערפאר ווייל זי האט געליטן זיינע ליידן, זי האט אפשר געליטן נאך מער, זי האט זיך באטראכט פאראנטווארטלאך פאר זיין לעבן.

פאראנטווארטלאך ! די אומגעהויערע גרויסע אנשטרענגונג אין וועלכער עס האלט אונז אן אויספרואוו, באזונדערס אין פאל פון קראנקהייט פון א באליבט וועזן, רופט אפט ארויס אן אבערגלויבע־רישן נשמה צושטאנד. אנעט האט זיך ניט נאר באשולדיגט אין דעם, אז זי האט ניט גוט אפגעהיט דאס קינד, און איז געווען ניט געננוג פארזיכטיק מיט אים, נאר זי האט נאך אנטדעקט אין זיך פאר־ברעכערישע הינטער געדאנקען : מידקייט פון קינד, א שאטן פון ניט אנערקענטער חרטה, וואס איר לעבן איז איינגאנצן פארשלינגען גע־ווארן פון אים... איז דאס ווירקלאך אמת, אז זי האט באמת געפילט און אונטערדריקט אט די געפילן פון מידקייט און חרטה ? אן צווייפעל, זיי זענען טאקע נאר וואס ארויסגעשפרונגען, אין אט דעם מאמענט. אבער ווער קאן זאגן צי זי האט זיי ניט אויסגעטראכט אין אט דעם מאמענט, ווייל זי האט ניט געהאט די מעגלאכקייט צו טאן עטוואס

ממשותדיקעם פאַרן קינד, האָט זי אַלע כוחות פון איר פאַרצווייפלטן געדאַנק אָנגעווענט קעגן זיך אַליין.

זי האָט זיי אויך אָנגעווענט קעגן דעם גרויסן שונא, קעגן דעם אומבאַוואוסטן גאָט. ווען זי האָט געזען דאָס קליין פאַרשוואַלענע פּנימעל, ווען זי האָט אין אים אַריינגעאָטעמט איר אָטעם און האָט אים פאַרזיכטיק אויפגעהויבן מיט אירע הענט, האָט זי אים ליידענשאַפטלאַך געבעטן ער זאָל איר פאַרגעבן, וואָס זי האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, וואָס זי האָט אים אַרויסגעריסן פון דער רוה פון ניט זיין און אים אַריינגעוואָרפן אין אָט דעם לעבן, וואָס איז אונטערוואָרפן צו פאַרשידענע ליידן, אומגליקן און אַלערליי קאַפּריזן פון עפּעס אַ מין אומבאַוואוסטן הערשער! קריכענדיק מיט איר לייב, ווי אַ חיה פאַרן אַריינגאַנג אין איר נאָרע, האָט זי געברומט, ווייל זי האָט דערשמעקט די דערנעהענטערונג פון די גרויסע טויט געפאַרן; און זי האָט זיך צוגעגרייט צו קעמפן פאַר איר קינד. זי האָט געקריצט מיט די ציין. ווי יעדער מוטער ווען דער טויט דראָט איר זון, איז זי געווען אַלץ די זעלבינע „ניאָבעיא" וועלכע אום אָפּצואוווענדען דעם טויט קלאַפּ פון אירע קינדער שליידערט זי דעם מערדער אַ חוצפה'דיקן אַרויסרוף...

אָבער קיינער פון אַנעטס הויז־מענטשן האָט ניט באַמערקט אָט דעם שווייגעדיקן קאַמף.

אינדערפרי איז געקומען דער דאָקטאָר. ער האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן, דערפאַר וואָס זי האָט זיך ניט פאַרלוירן און געגעבן דעם קינד די ערשטע ריכטיקע הילף. ווייל עס טרעפט גאַנץ אָפט, אַז איבערמעסיקע ליבע מאַכט אָן צרות צוליב איר אומגעלומפּערטקייט. אָבער פון זיינע רייד האָט זי פאַרשטאַנען נאָר דאָס, וואָס ער האָט דערצעלט וועגן דער עפּידעמיע פון גריפּ און מאַזלען וואָס הערשט אין פּאַריז, און אַז עס איז מעגלאַך, אַז איר קינד האָט געכאַפּט לונגען־אָנט־צינדונג. זי האָט זיך דערפילט מוראַדיק שולדיק קעגן קינד, דערפאַר וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט אַוועקפאָרן פון פּאַריז, און האָט זיך שטרענג און אומברחמנותדיק פאַראורטיילט. אָבער אָט דער פאַר־אורטייל האָט כאָטש געהאַט די מעלה וואָס ער האָט געשטעלט גרענעצן צו איר פאַראַנטוואָרטלאַכקייט און האָט אָפּגעווישט אַנדערע געוויסנס־ביסע.

ביי דער ערשטער ידיעה איז סילוויע געקומען צולויפן. דעם

קלייניגקן קראַנקן האָט ניט אויסגעפּעלט קיין אויפמערקזאַמקייט. און דאָך האָט זיך אַנעט אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן איר פּלאַץ, זי האָט כמעט ניט גערוט. זי איז פאַרבליבן אויף איר פּאָסט, פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר, דורך די טעג און דורך די נעכט, און ווידער דורך די טעג... דער שוויים וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויף זיין קלייניגקן קערפּער, און די אָנפאַלן פון שטיקעניש, האָבן געברענט און באַדעקט מיט פייכקייט איר אייגענעם קערפּער. די קראַנקהייט האָט זיי ביידן צוזאַמענגענאָסן אין איינעם און האָט זיי צוזאַמען דורכגעדרונגען. דאָס קינד האָט דאָס ווי דערפילט, און אין די מאָמענטן ווען דער שרעק פאַרן אָנפאַל פון הוסט האָט צוזאַמענגעצויגן זיינע זייטן, האָט ער אָנגעשטעלט זיינע אויגן פול מיט געבעט, אויף זיין מוטער: אַט ווי ער וואָלט בעטן הילף און זאָגן: עס וועט מיר ווידער ווייטאָן! אַט קומט צוריק דער הוסט! ראַטעווע, באַשיץ מיך!

און זי האָט אים געענטפערט, אים צודריקנדיק צו זיך:

— יאָ, איך וועל דיך ראַטעווען! שרעק זיך ניט, די קראַנקהייט וועט דיך ניט בייקומען. אָבער דער אָנפאַל איז פאָרט געקומען און דאָס קינד האָט זיך געשטיקט, געוואָרפן. אָבער ער איז ניט געווען אַליין. זי האָט זיך צוזאַמען געדרייט אינאיינעם מיט אים, כדי צו צערייסן די פּעטליע וואָס האָט אים געוואָרגן. ער האָט געפילט, אַז זי קעמפט, אַז זי וועט אים ניט פאַרלאָזן. זי, די גרויסע באַשיצערן זיינע, איז מיט אים; און דער זיכערער טאָן פון איר צאַרטער שטים, דער דרוק פון אירע צאַרטע פינגער האָבן געוועקט אין אים צוטרויען, און אים געזאָגט:

— איך בין דאָ.

ווען ער האָט געוויינט און געפּאַטשט אין דער לופטן מיט זיינע קליינע הענטלאַך האָט ער געוואוסט אַז זי וועט באַזיגן די קראַנקהייט.

און זי האָט באַזיגט דעם נאָמענלאָזן. די קראַנקהייט האָט נאָכגעגעבן און דער שטייפער שלייף אַרום האַלדז האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן. און דאָס קינד, ציטערנדיק מיט זיין גאַנצן קלייניגקן קערפּערל, ווי אַ פויגל, האָט זיך איבערגעגעבן אין די הענט וואָס האָבן אים געראַטעוועט. ווי לייכט עס האָט זיך זיי געאָטעמט ווען זיי זיינען אַרויסגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך. דער לופט שטראָם וואָס

האָט זיך געגאָסן דורכן קינדס מויל, האָט געבאָדן דער מוטערס האַלדז און האָט אָנגעפילט אירע ברוסטן מיט אַ פראָסטיקן פאַרגעניגן.

אָבער אָט די גליקלאַכע מאָמענטן האָבן לאַנג ניט אָנגעהאַלטן. דער קאַמף איז פאַרטגעזעצט געוואָרן און דעם קינדס לעבן איז נאָך אַלץ געהאַנגען אויף אַ האָר... אָט איז ער שוין געווען בעסער, און מיט אַמאָל איז אים ווידער ערגער געוואָרן, און האָט געהאַלטן גאָר שמאָל. זיינע געטרייע היטערינס האָבן נאַטירלאַך, זיך אַליין אַמשטאַרקסטן גע־פייניקט, יעדע איינע פון זיי האָט זיך באַשולדיקט אין נאַכלעסיגקייט, וואָס דאָס אַליין האָט געקענט שאַטן דעם געזונט פון קינד. אַנעט האָט געזאָגט צו זיך:

— אויב ער וועט שטאַרבן, וועל איך זיך נעמען דאָס לעבן.

אַנעט האָט זיך שוין אָפּגעוואוינט פון שלאָפן דורך די נאַכט; און זי האָט זיך געהאַלטן מוטיק אַזוי לאַנג ווי דאָס קינד האָט זיך גענויטיגט אין הילף; נאָר אין יענע שעה'ן, ווען ער איז גע־שלאָפן און דאָס הארץ עטוואָס רואיקער, האָט געקענט אָפּשוואַכן די אנשטרענגונג, האָט די נשמה געציטערט אין איר, ווי אַן אָנגע־צויגענע סטרונע. זי האָט אינגאַנצן געציטערט ווי אַ נעץ פון טע־לעגראַף דראָט וואָס ווערט געוויגט פון ווינט: עס איז געווען אומ־מעגלאַך צו פאַרמאַכן די אויגן: מען קען ניט אָן געפאַר פאַרבלייבן פנים לפנים מיט דעם אייגענעם משוגע־ווילדן שרעק. אַנעט האָט ווידער אַמאָל אָנגעצונדן איר לאָמפּ און האָט זיך געמיט צו קאָנצענט־רירן אויף אַן אויסגעהאַלטענעם פאָדים פון געדאַנקען, כדי אויסצומיידן קאָפּ־דרייעניש. אָבער דאַן האָט זי באַטראַכט און דורכגעטראַכט אַזוינע אָבערגלויבעריש־נאַריש־קינדישע געדאַנקען — באמת אומגע־לומפּערטע, אַלענפאַלס האָבן זיי אַזוי אויסגעקוקט אין אירע אויגן, ביי אַ מענטשן וואָס איז געווען געוואוינט צו אַ ראַציאָנאַלן מעטאָד פון דענקען. זי האָט געזאָגט צו זיך, אַז אויב דער אומגליק האָט איר געטראָפן, איז דאָס פשוט דערפאַר, וואָס זי איז געווען צו גליקלאַך; און איר האָט זיך געדוכט, אַז כדי דאָס קינד זאָל געזונט ווערן, איז נויטיק אַז זי זאָל אָפּקומען אויף אַן אַנדער אופן, אַ פינסטערע און מעכ־טיקע איינגלויבעניש אין דער גרויזאַמער שטראָף וואָס שטאַמט פון די אור־אור־אַלטע צייטן פון דעם מענטשלאַכן מין. פּרימיטיווע פעלקער.

כדי ווייך מאכן דאָס האַרץ, פון דעם גרויזאַם־ווילדן סוחר — גאָט, וואָס גיט גאָר ניט אומזיסט, און פאַרקויפט פאַר באַצאָלט, פלעגן זיי מקריב זיין צו אים זייערע ערשטע קינדער און פאַר דעם פּרייז קויפן פאַר זיך די רואיקע זיכערקייט פאַר זייער איבערגעבליבענעם פאַרמעגן. אָבער אַנעט וואָלט אַוועקגעגעבן איר לעבן צוזאַמען מיט איר גאַנצן פאַרמעגן אום אויסקויפן איר ערשטלינג! און זי האָט געזאָגט:

— נעם אַלץ צו ביי מיר, אַבי ער זאָל בלייבן לעבן! און גלייך האָט זי געטראַכט:

— דאָס איז נאַריש! קיינער הערט מיך ניט...

אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. דער אַלטער אַטאַוויסטישער אינ־סטינקט האָט ווייטער געוועבט אַרום איר און דערציילט וועגן דער אַנוועזנהייט פון אַן אייפערזיכטיקן גאָט. און עקשנות׳דיק זיך דינגענ־דיק, האָט זי געזאָגט:

לאָמיר שליסן אַן אָפּמאַך! איך צאָל מזומן. דאָס קינד בלייבט פאַר מיר און פון דעם איבעריקן נעם וואָס דו ווילסט!

און אַזוי ווי אומעטן, צוליב דעם כדי צו באַשטעטיקן דער אָבער־גלויבן, האָט דאָס רעאַלע לעבן געכאַפּט אַנעט ביים וואָרט. אין אַ געוויסן פרימאָרגן איז די מומע וויקטאָרינאַ אַוועקגעגאַנגען צום נאָ־טאַריוס צו קריגן פון אים אַ סומע געלט, וועלכע ער האָט זיי שוין פון לאַנג באַדאַרפט צושיקן, און איז געקומען צוריק אַ פאַרוויינטע... פונקט אין יענעם פרימאָרגן האָט אַנעט געהאַט דאָס גליק זיך צו באַרואיקן וועגן איר זונס געזונט. דער דאָקטאָר איז נאָר וואָס אַוועק־געגאַנגען: דאָס מאָל האָט ער איר אָנגעזאָגט, אַז ניט נאָר איז דאָס קינד אויסער געפאַר, נאָר אַז ער וועט פאָלשטענדיק געזונט ווערן. אַנעט, אויסער זיך פון גליק, נאָר נאָך אַלץ ציטערנדיק, האָט ניט גע־וואַגט אינגאַנצן זיך אָנפאַרטרויען אָט דעם נייעם גליק. אין דער זעלבער מינוט האָט זי דערזען, אַז די טיר עפנט זיך, און פון ערשטן בליק האָט זי באַמערקט דער מומעס צודרייטן פּנים; איר האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן און זי האָט געטראַכט:

— וואָס פאַר אַן אַנדער אומגליק האָט שוין געטראָפן?

די אַלטע מומע האָט קוים געקענט רעדן. צום סוף האָט זי געזאָגט:

דער קאָנטאַר איז פאַרמאַכט. דער נאָטאַריוס איז פאַרשוואונדן.

אַנעטס גאַנצער פאַרמעגן איז געווען אין זיינע הענט. בלויז פאַר איין מאָמענט האָט זי אַזוי ווי ניט פאַרשטאַנען... (דערקלער אויב דו קענסט)... דערנאָך האָט זיך איר פּנים אויסגעלייטערט. עס איז איר אַראָפּ אַ באַרג פון אירע פּלייצעס. זי האָט געטראַכט:

— דאָס גאָר! ...

און אַזוי, אָט דאָס איז דער אומגליק, וואָס ראַטעוועט! דער שונא האָט גענומען זיין חלק.

אָבער גלייך האָט זי געצויגן מיט די פּלייצעס און געלאַכט פון זיך אַליין. פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיק אויף דער איראָניע, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— איז דאָס גענוג? ביזטו צופרידן? איצט האָב איך דיר באַצאָלט. איך בין דיר מער גאָר ניט שולדיק.

זי האָט געשמייכלט... אָרימע מענטשהייט, וואָס וויל זיך איינ־קלעמען אין איר שטיקל גליק, און, אַז זי זעט ווי אָט דאָס ברעקל גליק האַלט אין איין אַנטלויפן פון איר, מיהט זי זיך און פּרובירט צו שליסן אַן אָפּמאַך מיט דער בלינדער נאַטור, וועלכע זי באַשאַפט לויט איר אייגענער אויסזען און געשטאַלט.

— לויט מיין אייגענעם אויסזען און געשטאַלט? אָט די בלוט־דורשטיקע רויבערישע און גרויזאַמע נאַטור... איז דאָס מעגלאַך אַז איך בין ענלאַך צו איר? ווער ווייסט? ווער קאָן זאָגן „איך בין ניט אַזוי“? ..

IX

אַנעט איז געווען רואינירט. זי האָט זיך נאָך ניט געקענט פאָרשטעלן אויף ווי ווייט זי איז געווען רואינירט. נאָר ווען דער מאָמענט פון טומל איז פאַריבער, און זי האָט געלאָסן אונטערזוכט די גאַנצע אַנגעלעגענהייט, האָט זי געמוזט צוגעבן, אַז זי האָט דאָס כּשר פאַרדינט.

זי איז געווען פּייאיק גענוג אַליין אַכטונג צו געבן אויף אירע געשעפטן. ווי איר פאָטער האָט זי געהאַט אַ גוטע קאָפּ און ציפערן האָבן זי ניט געשראָקן. ווען אימעצער האָט אונטער זיך דורות פון

ענערגישע און דורכגעטריבענע געשעפטסלייט, דאַרף ער באמת מאַכן אַן אָנשטרענגונג כדי צו פאַרלירן זיין זיכערקייט אין פּראַקטישע אָנ־געלעגנהייטן. אָבער זי האָט פאַרשפּאַרט צו טראַכטן וועגן מאַטעריעלע זאַכן אַזוי לאַנג ווי איר פאָטער האָט געלעבט; און זינט דאַן האָט זי דורכגעמאַכט אַ לאַנגן קריזיס פון איבערלעבונגען. די אינערלאַכע ווייען פון איר עמאָציאָנעלן לעבן האָבן זי געהאַלטן ווי געפאַנגען.

אָט דער עטוואָס אבנאָרמאַלער צושטאַנד, וועלכער האָט זיך גע־שטיצט אין איר דערמיט וואָס זי האָט געלעבט אין וואוילטאָג, האָט ווי בא אַלע רייכע לײדיקגייער, געשאַפן ביי איר אַן אומגעזונטן ווי־דערווילן זיך אָפּצוגעבן מיט דער לאַגע פון איר אייגנטום. מען מוז האָבן קוראַזש דאָס צו זאָגן: דער אידעאַליזם פון אינערלאַכן לעבן וואָס באַציהט זיך מיט פאַראַכטונג צו געלט, ווי צו אַ פּאַראַזיטיזם, פאַרגעסט, אַז ער האָט רעכט דערצו, נאָר דאַן, ווען ער האָט זיך פון דעם געלט אינגאַנצן אָפּגעזאָגט. אָבער יענער אידעאַליזם וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף אַ באָדן באַזייט מיט געלט, און ווייזט אַרויס פאַר־אַכטונג צו דעם, איז דער ערגסטער פאַל פון פּאַראַזיטיזם.

כדי זיך צו באַפרייען פון דעם יאָך צו פאַרוואַלטן איר פאַרמעגן האָט זי איבערגעגעבן די פולע פאַרוואַלטונג דערפון צו דעם אויס־געצייכענטן הער גרעניו, איר נאָטאַריוס. אַן אַלטער פריינט פון דער פאַ־מיליע, אַ בכבודיקער מענטש, וועמענס ערלאַכקייט און פּראָפעסיאָנע־לע ערפאַרנקייט זיינען געווען אַנגענומען און אָנערקענט פון אַלעמען. הער גרעניו האָט שוין פאַר דעם משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר געפירט אַלע ריוויערס געשעפטן. אמת, אַז ראָול האָט אויף אַלץ געהאַט אַן אויג, און האָט קיינעם ניט דערלויבט צו שליסן דעם קלענסטן אָפּמאַך אָן אים. ניט קוקנדיק אויף דעם גאַנצן צוטרויען וואָס ער האָט געהאַט צו זיין נאָטאַריוס, האָט ער קיינמאָל ניט דורכגעלאָזן קיין איינציקן אַקט ער זאָל אים אויפמערקזאַם ניט דורכקוקן מיט אַלע זיינע פּונקטן און קאָמאָס, אָבער אָננעמענדיק אַלע פאָרזיכטס מיטלען האָט ער דאָך געהאַט גרויס צוטרויען צו אים. און ווען אַזאַ שאַרפ־זיניקער מענטש ווי ער, האָט צוטרויען צו אַ צווייטן, מוז דאָס יענער פאַרדינען. הער גרעניו האָט דאָס פאַרדינט.

די ראָלע פון אַ באַגלויבטן, וואָס אַ נאָטאַריוס דאַרף שפּילן אין

א פאמיליע, האט איבערגעגעבן אין הער גרעניוס באזיץ פילע פון די ריעווערס סודות. ער האט געוואוסט כמעט פון אלע ראולס שטי־פערייען, און אלע ליידן און פארדרוסן פון מאדאם ריוויער. זי האט ער אויסגעהערט מיט מיטגעפיל, — אים מיט פארגעניגן. געבנדיק עצות דער ווייב, האט ער געשעצט אירע מעלות; געבנדיק עצות צום מאן, האט ער געשעצט זיינע זינד. — (וואס זיינען אויף דעם אלט־פראנצויזישן שטייגער, אויך געווען מצוות); — עס האבן זיך געטראגן קלאנגען, אז ער האט ניט אויסגעמיטן אנטייל צו נעמען אין ראולס געהיימע פריילאכע אונטערהאלטונגען. הער גרעניו איז געווען א קליינער, גרייז־גרויער מאן אין די זעכציקער, איידל אין אויסזען, מיט א פרישן קאליר, אויסערגעווייינטלאך נעט געקליידעט, מיט א בייזן און גלאטן צונג, א וואוילער יונג, און א קינסטלער אויף דערציילן מעשות, און ער האט עס טאקע ליב געהאט צו טאן, כדי מען זאל אים בעסער הערן פלעגט ער אנהויבן מיט א נידעריק־ווייך פארחלומט קול, און אז ער איז שוין געווען זיכער מיט זיינע צוהערער, האט זיין קול אנגעהויבן ווערן אלץ שטארקער און שטארקער, ביז עס איז געווארן אזוי שטארק אז אים וואלט געקענט מקנה זיין דער בעסטער קלאר־נעט, און אט די מעכטיק־הויכע נאטן האט ער שוין אנגעהאלטן ביזן סוף פון זיין דערציילן. ער איז געווען אן אדוואקאט פון אלטן שניט און האט ניט ליב געהאט די נייע מעטאדן, ער איז געווען אן עכטער פאמיליען מאן, א גוטער פאטער צו זיינע קינדער, אן אלטער בור־זשוא, וואס האט זיך געגרויסט דערמיט, וואס צווישן זיינע קליענטן זיינען געווען: אקטריסעס, לעב־יונגען און לייכטזיניקע פרויען. ער האט ליב געהאט זיך צו האלטן פאר אן אלטן מאן און האט אביסל איבערטריבן געשפילט די ראלע פון אן אלטיטשקן; דערביי האט ער זיך שטארק געשראקן מען זאל אים ניט גלויבן אויפןווארט, און האט זיך שטילינקערהייט געמיט צו באווייזן, אז ער איז פיל געשיקטער פון די יונגע לייט און ער קען זיי ארומוויקלען ארום זיין פינגער.

ער האט געקענט אנעט פון איר קינדהייט, און האט גענומען אלע אירע געשעפטן נאענט צום הארצן. עס איז געווען נאטירלאך, אז זי זאל האבן צו אים צוטרויען נאכדעם ווי אירע עלטערן זיינען גע־שטארבן. פון אנהויב האט ער איר, מיט א פראפעסיאנעלער פינקט־

לאַכקייט, אינפאָרמירט ווענן יעדער קלייניגקייט אין אירע געשעפטן און האָט ניט געוואָלט טאָן די מינדסטע זאַך אָן איר צושטימונג, וואָס האָט בלויז באַלעסטיקט אנעט. גרעניו האָט דאָס באַמערקט, און האָט אָנגעהויבן ביי איר נעמען ספּעציעלע פולמאַכטן פאַר איינצעלנע געשעפטן און איר אָפּגעבן באַריכטן ווענן זיי אין אַלגעמיינע שטריכן — — אָבער אנעט פלעגט כמעט אים ניט הערן. שפּעטער זיינען זיי געקומען צו אַזאַ מין פאַרשטענדניש, אַזוי ווי זי פאָרט אָפּט אַוועק פון פּאַריז און לאָזט אים אפילו ניט איר אַדרעס, וועט ער אַליין טאָן אַלץ וואָס עס איז בעסער פאַר אירע אינטערעסן און וועט זי מער ניט באַאומרואיקן מיט קיין פראַגן. צום סוף האָט ער איר געגעבן אונטערשרייבן אַן אַלגעמיינע באַפולמאַכטיגונג...

פון יענער צייט זיינען אַ סך וואַסערן פאַרלאָפן... עס איז שוין געווען אַריבער אַ יאָר זינט אנעט האָט געזען הער גרעניו. צוערשט האָט ער פּינקטלאַך יעדן פערטל יאָר צוגעשיקט אנעט די באַשטימטע סומע. לעבענדיק איינזאַם, איז אנעט ניט געקומען אין באַרירונג מיט די פּאַריזער געזעלשאַפטלאַכע קרייזן, און האָט ניט נאָכגעפאָלגט די צייטונגען; זי האָט ניט געהערט ווענן די לעצטע פּאַסירונגען אַ שטיק צייט נאָך דעם ווי זיי האָבן געטראָפן.

דער אַלטער הער גרעניו האָט געוואָלט ציינן ווי געשיקט ער איז; ניט אַזוי צוליב זיך, ווי צוליב זיינע קליענטן האָט ער זיך אריינגעלאָזט אין ספּעקולאַציעס. ער האָט געוואָלט אַרויסקריגן וואָס מער פון די אָנפאַרטרויטע צו אים פאָנדן, זיי פאַרגרעסערן און ער האָט זיי אריינגעלייגט אין ריזיקאַלישע אונטערנעמונגען, וואו זיי זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. דערמיט האָט ער איינגאַנצן רואינירט זיינע קליענטן.

אפילו ניט אָנזאָגנדיק אנעט, האָט ער ניט נאָר פאַרטאָן איר גאַנצן פרייען קאַפּיטאַל אין בארע געלט און פאַרשידענע ווערטפולע זאַכן וואָס זיינען געווען אונטער זיין אויפזיכט, נאָר זיך באַנוצענדיק מיט אַ געוויסער אויסטייטשונג פון געזעץ אַלס נאָטאַריוס, האָט ער פאַרזעצט די באַלאַן הויז און די הויז אין בורגאָן. און ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרלוירן, איז ער געפלויגן פון שפּאָט, וואָס האָט געמוזט נאָכפאָלגן

זיין אונטערגאַנג, און וואָס איז געווען פאַר אים אומדערטרעגלאַכער און ביטערער פון דעם בזיון צו זיין אומערלאַך.

צו פאַרפולן דעם אומגליק, האָט אַנעט, פאַרשלונגען פון קינדס קראַנקהייט, פאַר עטלאַכע וואָכן ניט געעפנט איר קאָרעספּאָנדענץ. זי האָט ניט געענטפערט ניט אויף די בריוו פון די מענטשן צו וועמען די הייזער זיינען געווען פאַרזעצט, ניט אויף די אויפפאָדערונגען פון גע־ריכט. דאָס איז געווען פונקט אין יענע טעג, ווען דאָס קינד איז ערגער געוואָרן און אַנעט האָט פאַרלאָרן איר קאָפּ. ניט פאַרשטייענ־דיק וואָרום מען ווענדט זיך צו איר און ניט צו איר אַנפאַרטרויטן, האָט זי, ניט לייענענדיק, איבערגעשיקט די בריוו צו איר אַדוואָקאַט, וועל־כער האָט זיי אויך ניט געלייענט, פּשוט דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַלטן אין אַנטלויפן... ווען דאָס קינד האָט אַמענדע זיך אויף אַזויפיל פאַרבעסערט, אַז זי האָט געקענט פריי אָפּאָטעמען און פריי דענקען, און זי האָט זיך געקענט אַרומקוקן און ערנסט באַטראַכטן די לאַגע, איז שוין איר פּראָצעס אין געריכט אַוועק צו ווייט. דערפאַר וואָס זי האָט ניט באַפרידיקט די פאָדערונגען פון די קרעדיטאָרן, האָבן די לעצטע געקראָגן פון געריכט דאָס רעכט צו פאַרקויפן אירע הייזער, וועלכע זיינען געווען ביי זיי פאַרזעצט.

אַנעט, דערוואַכט פון איר שלאָף, האָט אויפגענומען אָט דעם באַטויבנדן קלאַפּ, ווי אַן אמת'ער קעמפער ; אַ דאַנק איר ענערגיע, וועלכע זי האָט אין איין אויגנבליק צוריק אין זיך געפונען, און דעם פּראַקטישן שכל, וועלכן זי האָט גע'ירשנ'ט פון איר פאָטער, האָט זי געקעמפט מיט אַזאַ קראַפט, און האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַזאַ קלאָרן און טיפן פאַרשטאַנד, אַז זי האָט אַרויסגערופן באַוואונדערונג ביים ריכטער, וועלכער האָט פונדעסטוועגן געפּאַסקנט געגן איר ; ווייל כאָטש זי איז אין גרונט גענומען געווען גערעכט, איז אָבער לויטן געזעץ איר פּראָצעס געשטאַנען זייער שמאָל.

אַנעט האָט גלייך אַליין איינגעזען, אַז זי האָט פאַרלוירן. אָבער איר קאַמפס אינסטינקט, וואָס דאָט קאַלטבלוטיק געקענט אַנערקענען די מעגלאַכקייט צו פאַרלירן אַ שלאַכט, גערעכט אָדער אומגערעכט, האָט ניט דערלאָזן קיין נידערלאַגע אָן קיין שלאַכט. אויסער דעם, האָט זיך איצט געהאַנדלט אין דעם פאַרמעגן פון איר קינד און זי האָט

דאָס פאַרטיידיגט טריט ביי טריט, מיט דער עקשנות פון אַ האַרט־געקיקער, דורכגעטריבענער פּויערטע, וועלכע שטעלט זיך אַוועק ביים אַריינגאַנג פון איר פעלד און לאָזט ניט אַריין די ניט געבעטענע געסט, וויסענדיק אַז זיי וועלן דאָך אַריינקומען, מיהט זי זיך צו געווינען צייט. אָבער וואָס האָט זי געקענט טאָן ניט זייענדיק אימשטאַנד צו באַצאָלן די סומע וועלכע מען האָט פון איר געפאָדערט, ווייל זי האָט ניט געוואָלט בעטן קיין טובה ניט ביי אירע קרובים, ניט ביי אירע אַלטע פריינט, וועלכע וואָלטן איר אפשר אָפּגעזאָגט אויף אַזאַ אָדער אַנדער ערנידעריקענדן אופן, האָט זי ניט געקענט אָפּשטעלן דעם פאַרקויף. מיט איר גאַנצער דערפינדלאַכקייט און עקשנות האָט זיך איר בלויז איינגעגעבן אויסצופירן, אַז דער געריכט זאָל אָפּלייגן אויף אַ קורצער צייט די דורכפירונג פון משפט, אָבער זי האָט ניט געהאַט קיינע האָפנונגען צו שטערן דעם פאַרקויף פון איר אייגנטום נאָכדעם ווי די קורצע צייט וועט דורכגיין.

מען וואָלט נאָך געקענט פאַרשטיין און אַנטשולדיקן אַנעט, ווען זי זאָל געווען זיין נידערגעשלאָגן פון אָט דער קאַטאַסטראָפע. סיל־וויע, וועלכע איז פערזענלאַך ניט אַנגערירט געוואָרן, האָט געהאַלטן אין איין קלאָגן, זיך געכעס'ט און געריעדט בלויז פון געריכט און פּראָ־צעסן. . וואָס אַמבאַלאַנגט אַנעט, האָט מען געקענט דענקען, אַז אַ דאַנק אָט דער פּאַסירונג האָט זי ווידער געפונען איר אַמאָליקע גלייכ־געוויכט. דאָס אומפאַרמיידלאַכע האָט אָפּגעריייניקט די לופט. די ווייי־כע סענטימענטאַלע אַטמאָספער, וואָס האָט פאַר צוויי דריי יאָר אָפּ־געשוואַכט איר האַרץ, איז צערונען. ווען אַנעט האָט זיך איבערצייגט, אַז די לאַגע קען ניט געענטדערט ווערן, האָט זי זי אָנגענומען אָן די אומזעסטע קלאָגן, ניט ווי סילוויע, וועלכע האָט אויסגעלאָזט איר גאַנצן צאָרן צום אַדוואָקאַטס קאָפּ. אַנעט האָט ניט געפונען קיין טרייסט אין באַשולדיקן העד גרעניו (דער אַלטער מאַן איז ווי אין וואַסער אַריין) און זיך אויך. אָבער זי האָט געהאַט יונגע הענט און האָט געקענט שווימען. פיליכט איז אָט דער געדאַנק ניט געווען אינגאַנצן אומאַנגענעם פאַר איר. ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין! טיף אין איר נשמה, האָט צוזאַמען מיטן פּאַדרוס, וואָס זי איז רו־אינירט, דערוואַכט אַ געפיל פון נייגעריגקייט און געוואַקטקייט, און

אפילו אַ פאַרבאָרגן פרייד אויסצופּרובירן אירע כוחות. ראָול וואָלט איר פאַרשטאַנען. ער וועלכער האָט אין רעכטן מיטן פון זיין פולן ערפאָלג, געקענט דערפילן אַ שטאַרקן פאַרלאַנג צו צעשטערן די געביידע פון זיין לעבן, צוליב דעם פאַרגעניגן זי אויסצובויען אויפדאָסניי.

זי האָט זיך צוגעגרייט צו פאַרלאָזן די באַלאָן הויז. איר ווילאַ אין בורגאָן איז אין גרויס אימפעט שוין געווען פאַרקויפט אויף זייער שלעכטע באַדינגונגען. עס איז געווען קלאָר, אַז דער גאַנצער פאַרקויף וועט קוים, דעקן דעם חוב מיט די קאָסטן. און אויב עס וועט יאָ עפּעס בלייבן וועט דאָס ניט זיין גענוג אויף זיך דורכצולעבן פאַר אַנעט און איר פאַמיליע; זי וועט מוזן זוכן נייע איינקונפטס קוואַלן; דערווײַלע האָט מען באַדאַרפט פאַרקלענערן די אויסגאַבן און זיך באַזאָרגן מיט אַ באַשיידענער דירה. אַנעט האָט זיך אַרויסגעלאָזן זוכן אַ דירה. סילוויע האָט געפונען פאַר איר אַ וואוינונג אויפן פערטן שטאָק, אין דעם זעלבן הויז וואו זי האָט אַליין געוואוינט. אַליין האָט זי געוואוינט אויפן ערשטן שטאָק. די צימערן זיינען געווען קלייניקע מיט די פענצטער צום הויף, נאָר ריינע און שטילע. עס איז געווען אוממעגלאַך צו ברענגען אהער דאָס גאַנצע מעבל פון דער באַלאָן־הויז. אַנעט האָט געוואָלט איבערלאָזן בלויז דאָס, וואָס עס איז אומבאַדינגט נויטיק, נאָר די מומע וויקטאָרינע האָט זיך געבעטן ביי איר מיט טרערן, אַז זי זאָל אַליץ מיטנעמען. אַנעט האָט זיך געמיט איר צו באַווייזן, אַז אין זייער איצטיקער לאַגע האָט קיין זין ניט צו נעמען אויף זיך די אויסגאַבן פון אַן איבעריקן צימער אויף צו האַלטן דאָרטן די איבעריקע זאַכן. מען מוז אויסקלייבן. די אַלטע דאַמע האָט געבעטן פאַר יעדער קלייניגקייט. אַנעט האָט אָפּגעקליבן און אָפּגעשטעלט אָן אַ זייט די מעבל וואָס זיי האָבן באַדאַרפט נעמען מיט זיך אין דער נייער וואוינונג, זי האָט געלאָזן נאָר אייניגע זאַכן וואָס זיינען געווען באַזונדערס טייער צו איר מומע, און דאָס איבעריקע האָט זי פאַרקויפט.

סילוויע איז געווען איבעראַשט פון אַנעטס געפיללאָזיגקייט. מען האָט אָבער ניט באַדאַרפט מיינען, אַז אָט די מוטיקע מיידל, האָט ניט געפילט טרויעריק. זי האָט ליב געהאַט דאָס הויז, וואָס זי האָט איצט באַדאַרפט פאַרלאָזן!... אַזויפיל ערינערונגען, אַזויפיל חלומות!

נאָר זי האָט זיי אָפּגעשטויסן פון זיך. זי האָט גוט געוואוסט, אַז אומבאַשטראָפט קען זי זיך זיי ניט אָוועקגעבן! אַזוי פיל, ווי זיי זייַנען געווען, האָבן זיי געקענט ביי איר צונעמען צופיל כוחות. און ביים איצטיקן מאָמענט האָט זי זיך גענויטיקט אין איר גאַנצער קראַפט.

בלויז איינמאָל, האָט זי נאָכגעגעבן אַן אומגערעכטן אָנגריף. פון געפילן. דאָס איז געווען אין אַ נאָכמיטאָג, קורץ פאַר זייער אַרויסציִען זיך. די מומע איז געווען אין קלויסטער און מאַרק ביי סילוויען. אַנעט איז געווען אַליין אין דער באַלאַן הויז, וואו יעדער זאַך האָט גערעדט צו איר וועגן דער נאָענטקייט פון זייער שיידונג. זי איז געשטאַנען אויף די קני, אויף אַ האַלב אויפגעוויקלטן טעפּיך און האָט געהאַלטן אין צוזאַמענלייגן די ציִיגן מיט וועלכע עס זייַנען געווען באַשלאָגן די ווענט. פאַרטאָן אין איר אַרבעט, ביז וואַנען אירע טיכטיקע הענט האָבן זיך באַוועגט אַהין און צוריק, האָט דער קאָפּ געמאַכט פּלענער מכח דעם ווייטערדיקן איינאָרדנען זיך. אָבער זי האָט נאָך אַלץ געהאַט פּלאַץ פאַר טרוימען, ווייל איר פאַרנעבלטער בליק, וועלכער האָט געוואַנדערט ווייט דערפון וואָס האָט זיך געפונען פאַר איר, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער צייכנונג פון דער ציִיג, וואָס זי האָט געהאַלטן אין צוזאַמענלייגן; און זי האָט אים דערקענט, דעם מאָטיוו פון בלאַסע בלומען, שוין כמעט אָפּגעריבענע: וואָס איז דאָס, פליגעלאַך פון אַ שמעטערלינק, אָפּגעפאַלענע בלעטלאַך פון בלומען? אַלץ איינס, אָבער אַנעטס אויגן פלעגן רוען אויף זיי, ווען זי איז נאָך געווען אַ קליין קינד, און אויף אָט דער קאַנווע האָט זי אויסגענייט אַ קאָלירטן טעפּיך פון די פאַרגאַנגענע טעג. און אָט דער טעפּיך איז פּלוצלונג ווידער אַרויסגעקומען פון דער פינצטערניש... אַנעטס הענט האָבן אויפגעהערט אַרבעטן. איר געדאַנק האָט נאָך פאַר אַ ווייל איינגעשפּאַרט ווידערהאַלט די ציפערן, דעם פאָדים פון וועלכע ער האָט פאַרלוירן, דערנאָך איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. אַנעט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל, מיטן שטערן האָט זי זיך אַנגעשפּאַרט אָן דעם צוזאַמענגעוויקלטן טעפּיך, מיט די הענט האָט זי פאַרדעקט דעם פּנים, איינגאַנצן אויסגעצויגן, מיט אונטערגעבויגענע קני, האָט זי פאַנאַנדערגעוויקלט די זיגלען און האָט זיך אָפּגעגעבן אויף דעם ווילן פון ווינט און שטראָם... זי האָט אַליין ניט געוואוסט וואוהין

זי שווימט... א ים פון ערינערונגען — (איבערגעלעבטע ? אָדער בלויז געחלומטע?) — ווי אַזוי געפינט מען דעם אונטערשיד ?... אַ פּאַרשיכורנדע סימפאָניע, אין אַ מאָמענט פון שווייגן ! אַט דער מאָמענט האָט ענטהאַלטן אין זיך פיל מער פון אַ גאַנצן לעבן. ווען דער באַוואוסטזיין באַזיצט אונזער אינערלאַכע וועלט, כאַפּט אויף דער טיכטיקער געדאַנק בלויז די שפּיצן פון די כוואַליעס אין דעם אויגנ־בליק, ווען זיי ווערן באַליוכטן פון אַ שטראַל. נאָר דער טרוים נעמט אויף דעם גאַנצן באַוועגלאַכן תהום און זיין האַסטיק לויפנדיקן ריטם. די צאָללאָזע טראָפּנס וואָס טראָגן זיך אום אין ווינט פון דורות, קערנדלאַך פון געדאַנקען פון יענע לעבנס פון וועלכע מיר שטאַמען, און וועלכע וועלן אַרויסקומען פון אונדז, אַט דער אומגעאויער כאַר פון האָפענונגען און חרטה, וואָס שטרעקט אויס ציטערנדיקע הענט צו דער פאַרגאַנגענהייט אָדער צוקונפט. אַן אומדערקלערבאַרע האַרמאָ־ני וואָס פאַרמירט דעם צעלן־געוועב פון אַ באַליוכטענער רגע, וואָס קען אַמאָל אַרויסגערופן ווערן פון איין שטוים. אַ בינטל בלאָסע בלומען האָט דאָס אַלץ נאָר וואָס דערוועקט אין אַנעט.

ווען זי האָט זיך אָפּגעריסן פון איר חלום, נאָך אַ לאַנגן שווייגן, האָט זי זיך האַסטיק אויפגעהויבן, און מיט אירע הענט וואָס האָבן געציטערט, אַט ווי זיי וואָלטן פאַרלוירן זייער פריערדיקע געשיקט־קייט, האָט זי געענדיקט צוזאַמענלייגן דעם טעפּיך. זי האָט מער ניט געקוקט דערויף, זי האָט אפילו אינגאַנצן ניט פאַרענדיקט דאָס צו־זאַמענלייגן און האָט דאָס אַזוי אַריינגעוואָרפן אין אַ קאַסטן און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. ניין, זי האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבן מיט אַט די געדאַנקען ! עס איז בעסער צו אַנטלויפן פון זיי. שפּעטער וועט זי האָבן גענוג צייט צו באַדויערן די פאַרגאַנגענהייט, דאַן ווען זי וועט שוין אַליין אויך באַלאַנגען צו דער פאַרגאַנגענהייט... שפּעטער אין דער דעמערונג פון איר לעבן... איצט אָבער איז זי פול מיט דער צוקונפט, וועלכע זי מוז זען אויף דורך און דורך... איר טרוימען זיינען געווען פאַראויס... „וואָס איז הינטער מיר, דאָס וויל איך ניט וויסן ; איך דאַרף זיך ניט אומקוקן...“

אַ שלאַנקע, איז זי געגאַנגען איבערן גאַס מיט שנעלע טריט, און האָט געקוקט גלייך אין דער ווייטקייט... זי האָט געזען אַ רייע יאָרן...

דאָס לעבן וואָס הויבט זיך אין דער הויך... דאָס לעבן פון איר קינד, איר אייגענס, דאָס נייע לעבן... די אַנעט פון מאָרגן.

X

אַט די זעהונג האָט זי געהאַט פאַר אירע אויגן אין דעם אוונט. ווען זי האָט זיך אַריינגעצויגן צו סילוויען אין הויז. ווען סילוויע האָט פאַרשלאָסן דאָס געשעפט האָט זי זיך געאײַלט אַרויפצוגיין צו איר שוועסטער, כדי פאַרטרייבן פון איר די טרויעריקע שטימונגען. וואָס האָבן לויט סילוויעס מיינונג, זיכער געמוזט באַהערשן אַנעט. זי האָט איר געפונען אַרומלויפנדיק הין און צוריק איבער אירע אייגנע צימערלאַך, פריש און מונטער, גאַרניט אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן טאָג. זי איז געווען באַשעפטיקט מיט צוזאַמענלייגן דאָס וועש און קליידער אין די צוויי קליינע שאַפעס, אָבער דאָס האָט זיך איר ניט איינגעגעבן. זי האָט זיך געשטעלט אויף אַ בענקל, האַלטנדיק אין די הענט אַ באַרג מיט לײַלאַכער האָט זי מיט די אויגן געזוכט פּלאַץ פאַר זיי אויף די אָנגעשטאָפּטע פּאָליצעס, און דערווײַלע באַטראַכט אַן אַנדער פּלאַן פון צוזאַמענלייגן די זאַכן. דערבײַ האָט זי אויסגעפּייפט, ווי אַ אינגל, (וואַגנערס אַ פאַנפאַרע, וועלכע זי האָט קאָמיש איבערגעמאַכט). סילוויע האָט אַ קוקגעטאָן אויף איר און האָט געזאָגט:

— אַנעט איך באַוואונדער דיך. (דאָס איז ניט געווען אינגאַנצן אויפריכטיק).

— פאַרוואָס, האָט געפרעגט אַנעט.

— ווען איך וואָלט געווען אויף דיין אָרט, וואָלט איך משוגע געוואָרן פון ווילדן כּעס און פאַרדרוס.

אַנעט האָט זיך צולאַכט. פאַרטיפט אין איר אַרבייט האָט זי איר געמאַכט אַ צייכן צו שווייגן.

— דאַכטזיך, איך האָב דאָס, האָט זי געזאָגט.

זי האָט אַריינגעגראָבן דעם קאָפּ אין שאַפע, צוזאַמענלייגנדיק, פאַנאַנדערלייגנדיק און איבערלייגנדיק.

— איך האָב דאָך געזאָגט !... איצט האָב איך דיך בייגעקומען !..

(זי האָט זיך געווענט צו דער שאַפע, וועלכע איז געווען אַזוי אָנגעשטאָפּט, אַז עס איז ניט געבליבן קיין פּלאַץ אַפילו פאַר קיין נאָדל. אַלעם איז פּאָרט געבראַכט געוואָרן אין אָרדנונג און באַזיגט.)

אַ טריאומפירנדע איז זי אַראָפּ פון בייַנקל.

— סילוויע, — האָט אַנעט געזאָגט — ווען מיר זיינען געווען קינדער און האָבן זיך געשפּילט אין בויען שטיבעלאַך מיט די ביינדלאַך פון דאָמינאָ ביזטו געווען בייז, ווען אַ שטיבעלע איז אומגעפאַלן?

— איך האָב געשליידערט די ביינדלאַך אין דער ערד, האָט געזאָגט סילוויע.

— און איך פלעג זאָגן: נאַרישקייטן! איך וועל באַלד אויסבויען אַן אַנדער שטיבעלע!

— זיי זיך מודה, אַז דו האָסט געקלאַפּט אין טיש פון כעס...

— גוט, איך וועל ניט שווערן, אַז איך האָב דאָס ניט געטאָן. — האָט געזאָגט אַנעט.

סילוויע האָט זיך געווענדט צו איר:

— אַנאַרכיסטקע!

— וואָרט, — האָט געזאָגט אַנעט, — דו ביזט נאָך ניט געוואָרן קיין אַנאַרכיסטקע?

ניין, סילוויע איז ניט געווען קיין אַנאַרכיסטקע. זי האָט געקענט אָפּלאַכן פון דער עקזיסטירענדער אָרדנונג און מאַכט, ווען זי האָט געוואָלט, אָבער אָרדנונג און מאַכט זיינען נויטווענדיק. זאָל זיין, אַז בלויז פאַר אַנדערע! ניין, טאַקע פאַר איר אַליין אויך: פאַר איר, ווי פאַר אַ סך אַנדערע איז ניט געווען קיין פאַרגעניגן אין רעוואָלט, סיידן ער איז געווען אָנגעווענט קעגן אַ געוויסע אויטאָריטעט.. וואָס אָנבאַלאַנגט אָרדנונג, דאָס, האָט סילוויע פאַרמאָגט איר אייגענע. זי איז געווען אויפגעבראַכט אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג, בלויז דערפאַר, וואָס זי איז ניט געווען אַזוינע ווי זי האָט געוואָלט. אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין טענות דערפאַר וואָס עס איז סתם איינגעפירט געוואָרן אָרדנונג. אָרדנונג מוז זיין איינגעפירט. זינט זי האָט זיך אַליין אויך איינגעאָרדנט ווי אַ באַלעבאָסטע און האָט זעלבסטשטענדיק געפירט איר געשעפט, איז זי געווען מיטן גאַנצן

הארצן פאַר אַ דויערנדיקער און זיכערער אָרדנונג. פאַר אַנעט איז דאָס געווען אַן אומדערוואַרטעטע ענטדעקונג. און דאָס איז ניט געווען די איינציקע. דו דערקענסט אַ מענטשן בלויז דאַן ווען דו זעסט אים אין זיין אַלטעגלאַכער טעטיגקייט, וועלכע ציט אָן די סטרונעס און אַנטפּלעקט דעם נאַטירלאַכן אויסזען פון אַלע זיינע באַוועגונגען און זשעסטן. אַנעט האָט געזען סילוויען בלויז אין יענע מאָמענטן ווען זי איז געווען אָן אַרבעט, אָדער ווען זי האָט גערוט און גאָר ניט געטאָן. ווער קען אורטיילן וועגן אַ קאַץ, ווען זי ליגט אויסגעצויגן אויף אַ ווייכער קישן? מען דאַרף איר זען אויף יאַגד, מיט די פיס צוזאַמענגענומען גרייט פאַר אַ שפּרונג מיט דעם גרינעם פייער אין אירע אויגן.

אַנעט האָט איצט געזען סילוויען אויף איר אייגענעם באָדן. אויף יענעם שטיקל ערד, וועלכן זי האָט אָפּגערייניגט פאַר זיך אין די פאַריזער וועלדער. די קליינינקע באַלעבאָסטע האָט זיך ערנסט באַצויגן צו איר געשעפט און קיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרגלייכן מיט איר אין דער קונסט צו פירן אַ געשעפט. אין דער פרייער צייט, האָט אַנעט איר געקענט באַאָבאַכטן פון דער נאָענט; אַנעט האָט געגעסן מיטאָג ביי סילוויען... זיי האָבן אָפּגעמאַכט, אַז די ערשטע עטלאַכע וואָכן נאָך איר אַריינציהען זיך אין איר נייער וואוינונג זאָלן זיי פירן אַ געמיינשאַפטלאַכע באַלעבאַטישקייט, ביז וואַנען זיי וועלן זיך אינגאַנצן איינשטעלן. אַנעט פון איר זייט, האָט זיך געמיט צו זיין ניצלאַך אין וואַרשטאַט, און האָט אַנטייל גענומען אין געוויסע אַרבעטן פון פּלאַץ. אויף אַזאַ אופן האָט זי באַאָבאַכטעט סילוויען יעדע מינוט פון טאָג: ווען זי האָט גערעט צו אירע קליענטן, ווען זי האָט זיך געשאַפן מיט די אַרבעטערינס, און ווען זיי זיינען געבליבן אויג אויף אויג; און זי האָט באַמערקט אין איר שוועסטער שטריכן, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט באַמערקט, אָדער וועלכע האָבן זיך דייטלאַכער אויסגעדריקט פאַר די לעצטע צוויי דריי יאָר.

די חניפהדיקע סילוויע האָט שוין מער ניט געקענט אונטער איר צויבער שמייכל באַהאַלטן פון אַנעטס דורכדרינגענדע אויגן, איר קאַלטע נאַטור, וועלכע האָט אַפילו אין איר צוטומלעניש געוואַוסט וואוהין זי גייט. זי האָט געהאַט אַ קליינעם פּערסאָנאַל אַרבייטערינס, וועלכן

זי האָט פּאַרוואַלטן אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן. מיט איר שאַרפער באַאָבאַכטונגס קראַפט, און צוגעלאָזענעם ליבן אויסזען האָט זי אויסער־וויילט און צוגעבונדן צו זיך איבערגעבענע מענטשן. אַזאַ, איז צום ביישפּיל, געווען איר בעסטע אַרבייטערן אָלימפּיאַ, וועלכע איז געווען אַ סך אַן עלטערע פון סילוויע און אַ פיל ערפאַרענערע אין פאַך, אַן אויסגעצייכנטע אַרבייטערן, אָבער אַן צייכן פון שוואונג, אָדער אידעע און איז ניט געווען פייאיק צו קיין שום קאַמף. זי איז געקומען פון דער פּראָווינץ און האָט זיך פאַרלאָרן אין פּאַריז; זי איז באַנומען און אָנגעגנאַרט געוואָרן פון מענער און פרויען, באַלעבאַטים און חברים. זי איז געווען קלוג גענוג, דאָס אַלעס צו זען און פאַרשטיין, אָבער זי האָט ניט פאַרמאָגט קיין ווידערשטאַנדס קראַפט און האָט געזוכט אַ מענטשן וואָס זאָל אויסנוצן איר אַרבייט, זאָל זי ניט נאַרן און אַרונ־טערנעמען פון איר דעם יאָך צו טראַכטן וועגן זיך אַליין. סילוויע האָט ניט געקאָסט קיין סך מיה זי צובינדן צו זיך. סילוויע האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו זען, אַז עס זאָל הערשן שלום און פאַרשטענדניס צווישן אירע אַרבייטערנס, וואָס האָבן געשטרעבט אַרי־ברצושטייגן איינע די אַנדערע אין דער אַרבעט. זי האָט קונציק אויפגעוועקט אין זיי האָט דעם געפיל, און האָט געשיקט אויסגענוצט זייער פיינטשאַפט אויף צו פאַרשטאַרקן זייער פליס, און באַשאַפן, ווי דאָס טוט אַ קלוגע רעגירונג, אַ פאַראייניקונג פון קאָנקורענטקעס אויף דעם פאַטריאָטיזם פון אַלגעמיינער אַרבעט. די שטאָלץ פון דעם קליי־נעם וואַרשטאַט און דער פאַרלאַנג זיך אויסצוצייכענען אין די אויגן פון דער יונגער באַלעבאָסטע, האָט איבערגעגעבן די אַרבעטערנס אונטער איר הערשאַפט, וועלכע האָט זיי אָפט געצוואונגען צו אַרבעטן ביז זייערע לעצטע כוחות. זי האָט געגעבן דעם ביישפּיל און קיינער האָט זיך ניט באַקלאָגט. אַ וואָסער ניט איז פאַרשייטע אָדער לעבער־לאַכע באַמערקונג האָט אַרויסגערופן ביי זיי אַ הילכיקן געלעכטער, און דערפרישט זייער געמיט. וואָס האָט זיך איינגעמאַטערט אין שפּאַן, און האָט זיי געצוואונגן אויסהאַלטן ביזן סוף. זיי זענען געווען שטאָלץ מיט זייער באַלעבאָסטע און האָבן זי אייפערזיכטיק ליב געהאַט. אַרויסרופנדיק זייער ענטוזיאַזם און אונטערהאַלטנדיק אים, איז זי אַליין פאַרבליבן קאַלט און גלייכגילטיק צו זיי. אין אַוועגט נאָך זייער

אװעקגײן האָט זי גערעדט װעגן זײ צו איר שװעסטער אין אַזאַ גלײכגילטיקן טאָן, װאָס האָט שטאַרק אױפגעבראַכט אַנעט. אמת, אַז אין פֿאַל פֿון נױט האָט זי זײ צוגעדינט, זי האָט זײ אַלע מאָל אַרױסגעהאָלפֿן אין פֿאַל פֿון קראַנקהײט, אָדער אין אַנדערע שװעריקײטן. אָבער געזונטע אָדער קראַנקע, אױב זי האָט זײ נאָר ניט געזען פֿאַר אירע אױגן האָט זי פֿאַרגעסן אַן זײ. זי האָט קײן צײט ניט געהאַט צו דענקען װעגן די אַנװעזענדע. זי האָט אױך קײן צײט ניט געהאַט צו ליבן זער לאַנג. אַן אומאױפֿהערלאַכע טעטיגקײט האָט פֿאַרנומען יעדער מינוט פֿון איר לעבן; איר טואַלעט, די באַלעבאַטישקײט, די מאָלצײטן, דאָס געשעפֿט, אַנמעסטן קלײדער, רכילות, ליבעס אַנגעלעגנהײטן און פֿאַרװײלונגען. און אַלץ — ביז די מאָמענטן פֿון שװײגן (װאָס האָבן קײנמאָל צו לאַנג ניט געדױערט) װען צװישן דעם בײטאָגעדיקן האָװען און בײנאַכטיקן שלאָפֿן איז זי פֿאַרבליבן אױף אַ װײַלע מיט זיך אַלײן, — אַלץ איז פֿאָרגעקומען פּינקטלאַך אין אַ באַשטימטער צײט. פֿאַר חלומות איז ניט פֿאַרבליבן קײן װינקל, קײן שפּאַרונע. װען זי האָט באַאָבאַכטעט זיך, האָט זי דאָס געטאָן מיט דעם זעלבן קלאָרן און נײַגעריקן בליק מיט װעלכן מען קוקט זיך צו צו אַנדערע און האָט געקוקט אױף זיך װי אױף אַ פֿאַרבײַגײער. אַ מינימום פֿון אינערלאַכן לעבן; יעדער אינערלאַכער ריר, אױסגעדריקט און אָפּגעשפּיגלט איז װערטער און אין טאַטן. די באַדערפֿעניש װאָס אַנעט האָט געפֿילט אין מאָראַלער ודױ האָבן דאָ ניט געפֿונען קײן באַפֿרידיגונג. אַנעט איז געװען געשטערט פֿון אָט דער איבעריגער בײטאָגידיקער ליכט; קײן ברעקעל שאָטן — און אױב עס איז אַפֿילו יאָ געװען עפּעס אַ שאָטן, — (עס איז פֿאַראַן אין יעדער נשמה) — אין די טיר פֿאַר אים געװען פֿאַרשפּאַרט פֿון דרױסן. סילװיע האָט זיך ניט אינטערעסירט דערמיט, װאָס עס געפֿינט זיך הינטער דער טיר. איר אײנציגער פֿאַרלאַנג איז געװען צו פֿירן איר קלײנע מלוכה פּינקטלאַך: געניסן איר גאַנצע אַרבײט און אירע פֿאַרגעניגענס; נאָר יעדע זאַך אין איר צײט, כּדי גאָרניט פֿאַרלירן דערפֿון פֿון װאָס מען קען געניסן; פּאַלגלאַך אַן לײדנשאַפֿטן און אַן באַזונדערע עקסצעסן. אָט די פֿאַרשידנאַרטיקע טעטיגקײט, דער שטענדיקער איבערגאַנג פֿון אײנס צום צװײטן האָט ניט געלאָזן קײן פּלאַץ פֿאַר לײדנשאַפֿטן, אָדער עקסצעסן. זי איז געװען אױסער דער געפֿאַר, אַז אירע געליבטע זאָלן איר צװינגען צו פֿאַרלירן דעם קאָפּ.

דער אמת איז, אַז ליב האָבן ווי עס דאַרפצוזיין און ערענסט, האָט זי נאָר איין און איינציקע נשמה: אַנעט.... און ווי מאָדנע דאָס איז געווען! פאַרוואָסרע מעשים טובים האָט זי ליב געהאַט אַט די גרויסע מיידעל, וואָס האָט אַזוי ווייניג אָדער כמעט גאָר ניט געהאַט קיין שום געמיינשאַפטליכעס מיט איר.

און טאַקע אַט דער „כמעט גאָרניט" איז געווען זער אַ סך, דאָס איז אפשר געווען דאָס וויכטיגסטע: דאָס בלוט. מענטשן פון איין פאַמיליע רעכענען זיך געוויינטלאַך ווייניג דערמיט: אָבער ווען זיי נעמען דאָס יאָ אַריין אין חשבון; וואָס פאַר אַ מיסטישע קראַפט דאָס באַזיצט! דאָס איז אַ שטים וואָס ראַמט אונז איין:

אַז דער צווייטער — איז נאָך אַלץ איך. אויסגעגאָסן אין אַן אַנעדר פאָרמע, נאָר דער תוך איז דער זעלבער. איך דערקען זיך אין אַט דעם אַנדערן געשטאַלט וואָס באַזיצט אַ פרעמדע נשמה.

און עס קומט אַ פאַרלאַנג, צו פאַנגן זיך אין אַט דעם אַזאַרפּאַטאַר. אַ צווייענדיקער רייץ. אַ דרייענדיקער רייץ. אַ רייץ פון ענלאַכקייט. אַ רייץ פון געגענזאַץ, אַ רייץ פון זיגרייכער מלחמה, וועלכע איז ניט די שוואַכסטע פון די דריי.

וואָס פאַר כוחות האָבן צוזאַמענגעבונדן אַנעט און סילוויע! שטאָלץ, ליבע צו אומאָפּהענגיגקייט, צו אָרדנונג, און שטאַרקער ווילן, פון די צוויי נשמות, האָט זיך איינע פאַרטיפט אין דעם אינערלאַכן און די צווייטע אין דעם אויסערלאַכן. — די צוויי האַלב ערד קוגלן פון דער נשמה. זיי זענען צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן כמעט פון די זעלבע עלע־מענטן; נאָר יעדע איינע פון זיי, צוליב טיפע פאַרבאָרגענע אורזאַכן, איינגעוואָרצעלט אין דער פערזענלאַכקייט אַליין, האָט פאַרשטויסן איין העלפט פון די צוויי, און האָט געוואָלט זען נאָר איינע — די וואָס האָט זיך אויפגעהויבן איבער דעם וואַסער, אָדער די וואָס איז געווען באַדעקט מיט וואַסער. די פאַראייניגונג פון די צוויי שוועסטער אין אַ געמיינ־שאַפטלאַכן לעבן האָט געשטערט דעם באַוואוסטזיין, וואָס יעדע פון זיי איז געווען געוואוינט צו האָבן וועגן זיך. זייער געגענזייטיקע ליבע איז געווען באַפאַרבט מיט אַ געוויסער פיינטשאַפט און וואָס וואָרימער זייער ליבע איז געווען אַלץ שטאַרקער די פאַרבאָרגענע פיינטשאַפט, ווייל זיי האָבן געפילט אַז צווישן זיי זענען פאַראַן אונ־טערשידן, וועלכע וועלן קיינמאָל ניט פאַרשוואונדן. אַנעט איז געווען

מער ערפֿאַרן אין לייענען איר אייגענע פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען, זי איז אויך געווען אַן אויפֿריכטיגערע, זי איז געווען פֿעהיג צו אורטיילן און אונטערדריקן אירע פֿאַרבאָרגענע געדאַנקען; עס איז פֿאַריבער די צייט ווען זי האָט געוואָלט איינשלינגען סילוויען אין איר באַפֿוילערישער ליבע. אָבער סילוויע האָט זיך נאָך אַרומגעטראָגן מיט דעם פֿאַרלאַנג צו הערשן איבער איר עלטערער שוועסטער. און זי איז ניט געווען אומצופֿרידן, וואָס אומשטענדן האָבן איר געגעבן די מעגלאַכקייט אַרויסצואווייזן איר איבערמאַכט.

דאָס איז געווען אַ מין לוין פֿאַר דער אומגליקלעכהייט פֿון שיקזאַל אין די קינדער יאָרן פֿון ביידע שוועסטער. אַט דער ניט אויסגעשפּראָכענער געפֿיל, צוזאַמען מיט איר אמת'ער ליבע, האָט איר געגעבן אַ מאָדנע צופֿרידענהייט צו זען אַז אַנעט אַרבייט אין וואַרשטאַט אונטער איר פֿאַרוואַלטונג. זי האָט פֿאַרשטייט זיך אַט די צופֿרידענהייט ניט אַרויסגעוויזן. זי האָט זי געוואָלט אינגאַנצן אַריינציען אין געשעפֿט. זי האָט איר איבערגעגעבן די אויפֿנאַמע פֿון אירע קליענטן און דאָס מאָלן פֿון פֿאַרשידענע צייכנונגען פֿאַר די באַפּוצונגען; זי האָט פּראָבירט איר צו איבערצייגן, אַז זי וואָלט געקענט אויף אַזאַ אופֿן גאַנץ גוט פֿאַרדינען און מיט דער צייט ווערן אַ שעף אין געשעפֿט.

אַנעט, וועלכע האָט קלאָר געזען סילוויעס פֿאַרבאָרגענע מאָטיוון האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן פֿאַרלאַנג צו פֿאַרנעמען אַן אָפּהענגיגע שטעלע. און זי האָט ניט געשיינקט קיין אויפֿמערקזאַמקייט דעם פֿאָרשלאָג. ווען סילוויע איז צוגעשטאַנען צו איר האָט זי איר געענטפֿערט, אַז זי פּאַסט זיך ניט פֿאַר אַט דער אַרבייט. דערויף האָט ביי איר סילוויע איראָניש געפֿרעגט, צו וואָס פֿאַר אַן אַרבייט זי פּאַסט זיך יאָ. דאָס איז געווען איר שוואַכער פּונקט. ווען אַ מענטש האָט קיינמאָל ניט באַדאַרפֿט אַרבייטן פֿאַר אַ לעבן, און די נויטווענדיגקייט טרייבט אים דאָס צו טאָן, טוט זער ווײ ניט צו וויסן צו וואָס פֿאַר אַן אַרבייט דו פּאַסט זיך. ניט קוקענדיק אויף זיין גאַנצער בילדונג, צי פּאַסט ער זיך סתם פֿאַר וועלכער ניט איז אַרבייט. און זיך נעמען צו איין אַרבייט איז געווען אומבאַדינגט נויטיק. אַנעט האָט ניט געוואָלט זיין קיין לאַסט פֿאַר סילוויען; פֿאַרשטייט זיך אַז סילוויע וואָלט קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, אַז עס איז פֿאַר איר אַ לאַסט; זי האָט מיט פֿאַרגעניגן געהאָלפֿן איר שוועסטער. נאָר אויב זי האָט מיט

פאַרגעניגען אויסגעגעבן אויף אַנעט האָט זי געוואוסט וואָס זי גיט אוים; איר רעכטע האַנט האָט אַלע מאָל געוואוסט וואָס די לינקע גיט. נאָך וועניגער איז דאָס פאַרבליבן אַ סוד פאַר אַנעט. זי האָט ניט געקענט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק, אַז ווען סילוויע פירט אונטער די רעכנונגען פון איר קאַסע פאַרשרייבט זי איר, אַנעט, ביי זיך אין געדאַנק פאַר אירן אַ בעל חוב... זאָל דער רוח נעמען דאָס געלט! דאַרף דען געלט האָבן אַ ווערט צווישן שוועסטער, וואָס האָבן ליב איינע די אַנדערע? אין די הערצער פון אַנעט און סילוויע האָט געלט ניט געהאַט קיין ווערט. אָבער עס האָט געהאַט אַ ווערט אין זייער לעבן. מען לעבט ניט מיט לויטער ליבע, מען לעבט אויך מיט געלט.

XI

אַנעט האָט צו לאַנג ניט אַנערקענט אַט דעם אמת. אָבער גאָר אין גיכן האָט זי אים אויסגעפונען.

זי איז אַרוים זוכן אַרבייט ניט זאָגענדיק סילוויען אַ וואָרט וועגן דעם. איר ערשטער געדאַנק איז געווען צו גיין צום פּרינציפּאַל פון דער שול פאַר יונגע מיידלאַך, וואו זי האָט זיך אַליין געלערענט. אַן אינטעליגענטע שילערן, אַ רייכע און אַ טאָכטער פון אַן איינפלוסרייכן טאַטען איז זי געווען אַ ליבלינג פון מאַדאַם אַבראַהם, און איז געווען זיכער אין איר סימפּאַטיע. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגע פרוי, איינע פון די ערשטע, וואָס האָבן געגרינדעט בילדונג אינסטיטוציעס פאַר די פרויען פון פראַנקרייך. — זי האָט פאַרמאָגט זעלטענע אייגענ־שאַפטן פון ענערגיע און פאַרשטענדניס, וועלכע זענען לויט די אומ־שטענדן דערגאַנצט אָדער פאַרמינדערט געוואָרן, (לויט די אומשטענדן) — מיט אַ קאַלטן פּאָליטישן זין, אויף וועלכן אַ סך מענער האָבן איר געקענט מקנא זיין. פּערזענלאַך אַ באַשיידענע איז זי עס ווייט ניט געווען אַזוי, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגן איר שול. אַ פריי־דענקערן, אפילו ווען זי האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזן אָפן, האָט זי ניט באַהאַלטן איר געגנערישע שטעלונג צום קלערעקאַליזם, דאָס אָבער האָט איר ניט געקענט שאַדן צווישן אירע קליענטן, וואָס זענען באַשטאַנען פון די טעכטער פון דער ראַדיקאַלער בורזשואַזיע און יונגע אידישע מיידלאַך. אויפן פּלאַץ פון די אַרויסגעוואָרפענע דאָגמען האָט זי איינ־

געפירט אַ בירגערלאַכע מאָראַל. און כאָטש עס האָבן געפעלט אין איר סיי דער פונדאַמענט, סיי די זיכערקייט פון דער רעליגיעזער מאָראַל, זע־נען זיי דאָך געווען ניט ווייניגער שמאָל און באַפעלענד. (זי איז געווען נאָך שטרענגער, ווייל וואָס אומבאַשרענקטער אַ פּרינציפּ, אַלץ האַרטער ווערט ער). אַנעט אַ דאַנק איר לאַגע אין דער געזעלשאַפט איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט דעם פּרינציפּאַל פון דער שול און האָט גע־האַט צו איר צוטרויען. זי האָט געהאַט פאַרגעניגן צו רייצן זיך מיט דער לעצטער מכות איר באַרימטער אָפיציעלער מאָראַל. און מאַדאַם אַב־ראהם, געניגט פון דער נאַטור צו סקעפּטיציזם האָט זיך ניט איין מאָל דערלויבט דערמוטיגענד צו שמייכלן, הערענדיק אָט די רייד פון איר יונגער שילערן. זי האָט געשמייכעלט, געוויס, אָבער בלויז דאַן, ווען זיי זענען געווען אַליין אונטער איר פאַרשלאָסענער טיר. אָבער אַזוי שנעל ווי די טיר האָט זיך געעפנט, און מאַדאַם אבראהם איז צוריק אַריין אין אירע אָפיציעלע קליידער האָט זי געגלויבט, און איר גלויבן איז געווען שטאַרק ווי אייזן, אין די לוחות פון דעם וועלטלאַכען געזעץ, וואָס איז אויסגעאַרבייט געוואָרן פון דער שכל'דיקער מאָראַל פון אַ פּאָר רעפּובליקאַנער פּעדאַגאָגן. אום צו פאַרשטיין איר באַציהונג צו אַנעט איז גענוג צו זאָגן בלויז דאָס: אַז אויב איר ענטבלויזטער געוויסן איז געוועזן גלייכגילטיק צו דער אָנגענומענער מאָראַל, — איז אָבער איר געוויסן, אויסגעפּוצט אין די יום טוב'דיקע קליידער, — וואָס איז געווען ביי איר אין אַלטעגלאַכן געברויך, האָט זער שטרענג געאורטיילט אַנעטס אויפפירונג.. ווייל זי האָט וועגן דעם געוואוסט: די געשיכטע איז אַרומגעגאַנגן דעם גאַנצן קרייז פון זייער געזעלשאַפט.

אָבער זי האָט נאָך ניט געוואוסט, אַז אַנעט איז רואינירט. ווען מען האָט איר אָנגעזאָגט וועגן אַנעטס קומען, איז זי געווען גענוג פאַר־זיכטיק ניט אַרויסצואווייזן איר אירע געדאַנקן: צוערשט האָט זי געוואָלט אויסגעפונען צוליב וואָס אַנעט איז געקומען, און צי קען די שול ניט געניסן עפּעס דערפון. דערפאַר האָט זי איר אויפגענומען פריינטלאַך, נאָר צוריקגעהאַלטן. אָבער ווי נאָר זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אַנעט איז געקומען זוכן אַ טובה, און בעט אַ שטעלע, אַזוי האָט זי זיך גלייך דערמאָנט אין דעם סקאַנדאַל, און איר שמייכעל איז פאַר־פרוירען געוואָרן. מען קען ניט נעמען געלט פון אַ פּערזאָן, וועמענס אויפפירונג איז ניט גוטגעהייסן געוואָרן; אָבער געבן איר געלט —

דאָס זיכר ניט, עס איז אַפּילו ניט אַנשטענדיק. פאַר מאַדאַם אבראהם איז ניט שווער געווען צו געפינען אַ תירוץ און אינגאַנצן אָפּזאָגן אָט דער אומבאַשיידענער קאַנדידאַטור. אין שול איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין פּלאַץ. נאָר ווען אַנעט האָט ביי איר געבעטן, אַז זי זאָל איר רעקאָמענ־דירן צו אַנדערע אַנשטאַלטן, האָט מאַדאַם אבראהאם אַפּילו ניט גע־נומען די מיה איר אַוועקשיקן אַפּילו מיט אומבאַשטימטע פאַרשפּרע־כונגען. זי איז געווען זער דיפּלאָמאַטיש מיט מענטשן, וועמען די ראָד פון שיקזאַל האָט אויפגעהויבן אויפן שפּיץ, אָבער זי איז גלייך געוואָרן אוים דיפּלאָמאַט מיט די זעלבע מענטשן, אויב דער שיקזאַל האָט זיי אַרונטער געוואָרפן פון זייער הויך. אַ וויכטיקער דיפּלאָמאַטישער מעות! ווייל עס איז זייער מעגלאַך, אַז די וואָס געפינען זיך היינט פון אונטן, זאָלן מאָרגן ווידער זיין פון אויבן; און אַ גוטער דיפּלאָמאַט האָט אימער אינזינען די צוקונפט. אָבער מאַדאַם אבראהאם האָט זיך געוועלנט בלויז מיט דער געגענוואַרט. איצט האָט זיך אַנעט גע־טרונקען זיך; זי האָט ניט באַהאַלטן די קאַלטקייט פון איר באַציהונג. האָט ניט געהאַט די געוואוינהייט צו שלעפּן פון וואַסער די וואָס טרינקען זיך; זי האָט ניט באַהאַלטן די קאַלטקייט פון איר באַציהונג. נאָר אַזוי ווי אַנעט האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן פריי און גערעדט צו איר ווי צו אַ גלייכן. — איצט איז עס שוין ניט געווען אַם פּלאַץ — האָט מאַדאַם אבראהאם, כדי איר צו ברענגען צו אַ ריכטיגער אָפּשאַצונג פון דעם מהלך וואָס עס צוטיילט זיי, — געזאָגט, אַז זי קאָן איר, געוויסענהאַפט, פּשוט ניט רעקאָמענדירן. אַנעט האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג און איז געווען גרייט אויסצושיסן. נאָר דער בליץ פון כעס האָט אויפגעפלאַקערט, ער איז אָבער באַלד פאַרלאָשן געוואָרן; פאַר־אַכטונג האָט דערשטיקט אין איר דעם כעס. עס האָט זי אַרומגעכאַפּט איינע פון אירע שטיפערישע שטימונגען פון די אַמאָליגע טעג, ווען זי איז נאָך געווען אַ שילערן, אַ פאַרלאַנג צו שפּעטן. זי האָט געזאָגט זיך אויפהייבענדיק פון אָרט:

— נו יאָ, האָט מיך אינזינען, ווען איר וועט איינפירן אַ קורס פון נייער מאָראַל!

מאַדאַם אבראהאם האָט געקוקט אויף איר ערשטוינט. די חוצפה איז געווען קלאָר. זי האָט טרוקן געענטפערט:

— די אַלטע איז גוט גענוג פאַר אונז.

— עס וואָלט איר ניט שאַטן מען זאָל זי פאַרברייטערן!

— וואָס וואָלט איר אין איר אַריינגעבראַכט?

— אַ קלײניגקײט, האָט געזאָגט אַנעט: אמת׳דיגקייט און מענטשלאַכקייט.

מאַדאַם אבראַהאַם האָט אַ באַליידיגטע באַמערקט:

— דאָס רעכט אויף ליבע, אַז צווייפעל?

— ניין, האָט געענטפערט אַנעט. דאָס רעכט אויף אַ קינד.

ווען אַנעט איז אַרויסגעגאַנגען, האָט זי אַליין געצויגן מיט די פּלייצעס אויף איר נאַרישער העלדישקייט... נאַריש צו וואָס זיך שאַפן אַ שונא?... און דאָך האָט זי געלאַכט פון דעם פאַרלאָרענעם אויסזען פון איר געגנערין. אַ פרוי קען זיך ניט אָפּזאָגן פון דעם פאַרגעניגן צו מאַכן אַ צווייטע צום נאַר. — מאַדאַם אבראַהאַם וועט פאַרבלייבן איר שונא ביז יענער צייט, ביז אַנעט וועט צוריק ערוווערבן איר פריערדיקע געזעלשאַפטלאַכע לאַגע. זי וועט זי געווינען.

אַנעט האָט באַזוכט אַנדערע אינסטיטוציעס; נאָר קיין שטעלע איז אין ערגעץ ניט געווען. עס זענען ניט געווען קיין שטעלעס פאַר פרויען. די לאַטייניש דעמאָקראַטיען זענען באַשאַפן בלויז פאַר מענער. זיי נעמען אַמאָל אַריין „פעמעניזם" אין זייער פּראָגראַם נאָר זיי גע־טרויען אים ניט. זיי איילן זיך ניט צו באַזאָרגן מיט געוועהר די, וועלכע איז נאָך איצט אויפן פרימאָרגן פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט נאָך אַלץ פאַרבליבן די פאַרשקלאַפּטע קאָנקורענטין פון מאַן, נאָר וועלכע וועט ניט פאַרבלייבן לאַנג אין דער לאַגע, אַ דאַנק דער עקשנות׳דיקער אויסגעהאַלטענקייט פון דער צפון פרוי. בלויז אונטערן דרוק פון דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג, פון דער גאַנצער איבעריקער וועלט, קענען די לאַטייניש דעמאָקראַטיען זיין געצוואונגען דערצו, אַז זיי זאָלן דער־לאָזן ביי זיך, אַז דאָס שטאַרק ניט גערן, די פרוי וואָס אַרבייט און באַנוצט זיך מיט אירע רעכט.

אַנעט וואָלט צוגעלאָזן געוואָרן צו צוויי דריי שטעלעס, נאָר דאָס האָט ניט פּאַסירט צוליב איר אייגענער שולד: איר עמפּפינדלאַכקייט. מען וואָלט איינגעשטימט צו פאַרמאַכן די אויגן אויף איר אַבנאָר־מאַלער לאַגע, ווען זי זאָל געווען איינשטימען זיי געבן אַ וועלכע ניט איז צופרידענשטעלענדע ערקלערונג: אַלמנה׳שאַפט, אַ גט, לויט איר אייגענעם אויסוואַל; אָבער איר נאַרישער שטאָלץ. האָט זי געצוואונגן

אויף די פראגן ענטפערן דעם אמת. נאך א צוויי דריי דורכפאלן האט זי שוין מער ניט געפרואווט זיך ווענדן צו אזעלכע אנשטאלטן, און אויך ניט צום אוניווערסיטעט; אין דעם לעצטן האט זי זיך ערווארבן אמת'ע פריינט. דארטן וואלט זי געפונען גענוג אמת'ע פריידענקער. וועלכע וואלטן איר גערן געקומען צו הילף אין טענות. אבער זי האט זיך געשראקן מען זאל איר ניט פארשטיין. ווייל זי איז געווען ניי און אומדערפארן אין דעם לאנד פון נויט. איר שטאלץ האט נאך ניט באוויזן זיך אנצומאכן מאזאלים אויף די הענט.

זי האט גענומען זוכן פריוואטע לעקציעס. זי האט ניט געוואלט זיך ווענדן נאך זיי צו אירע בורזשאזע באקאנטע, פון די לעצטע האט זי געוואלט באהאלטן אירע זוכענישן. זי האט זיך געווענט צו יענע געהיימע ארבייטס קאנטארן — עקספלאטאטארישע אגענטורן וואס עקזיסטירן נאך ביז היינט ,אין פאריז. דארטן האט זי ניט געקענט מאכן קיין גוטן איינדרוק, צופיל פאראכטונג איז געווען אין איר אויסזען. זי האט ארויסגערופן אומצופרידענהייט מיט איר איבערקלייבערישקייט: אנשטאט אננעמען וואס מען האט איר פארגעשלאגן, ווי א סך אנדערע אומגליקלאכע, וואס זענען געווען באוואפענט מיט גאר ווייניק וויסן און מיט נאך ווייניגער רעקאמענדאציעס, האבן געלערנט אלץ וואס מען האט פון זיי געפאדערט פאר א הונגער לוין, ארבייטענדיק פון גאנץ פרי ביז שפעט אין אווענט, האט זי געהאלטן אין איין קלייבן און איבערקלייבן.

אם ענדע האט זי געפונען עטלאכע אויסלענדער דורך דער פארמיטלונג פון סילוויעס קליענטן. זי האט געגעבן לעקציעס אין פראנצויז צו אייניגע אמעריקאנערינס, וועלכע האבן זי באהאנדעלט זייער העפלאך, און ביי א געלעגנהייט איר אפט געלאדן פאר א שפאציר — דורכפארן זיך אין זייערע אויטאמאבילן, אבער צאלן האבן זיי איר געצאלט א נישטיקן לוין און עס איז זיין אפילו קיינמאל ניט איינגעפאלן, אז זיי וואלטן איר בעדארפט צאלן מער. זיי האבן זיך קיין מינוט ניט געקווינקעלט צו באצאלן הונדערט פראנק פאר א פאר שיך. אבער פאר א שעה צו לערנען פראנצויז האבן זיי געצאלט איין פראנק. (ווייל עס איז ניט געווען אומעגלאך צו געפינען א לערערין פאר פופציק סאנטים א שעה)!.... אנעט, וועלכע האט איצט ניט געהאט דאס רעכט צו שטעלן צו גרויסע פאדערונגן האט זיך דאך אפגעזאגט

פון אזא שענדלאכער לוין. אבער נאכזוכענדיק אין א סך פלעצער האט זי דאך ערגעץ קיין בעסערס ניט געפונען. די פארמעגלאכע בורזשואזיע, איז גרייט אויסצוגעבן אויף דער דערציהונג פון אירע קינדער אזוי פיל וויפיל עס איז נויטיק און וויפיל עס פאדערט, ווען דאס איז עפענטלאך, אויף די אויגן פון דער גזעלשאפטלאכער מיינונג, עקספלאאטירט אבער אויפן שמוציגסטן אופן די לערער, וועלכע זי נעמט אריין אין הויז. דארט זעט קיינער ניט. און האסט צו טאן מיט אזעלכע מענטשן, וואס קענען ניט ארויסווייזן קיין ווידערשטאנד: אויף דעם פלאץ פון איינעם וואס זאגט דיר אפ, קומען צען און בעטן זיך מע זאל זיי נעמען!

אן איינזאמע און אן דערפארונג, איז אנעט געווען אין א שלעכטער לאגע זיך צו פארטיידיקן; זי האט אבער פארמאגט דעם פראקטישן אינסטינקט פון די ריוויערס און איר שטאלץ, וואס האבן זי ניט דערלאזן אנצונעמען אזא שענדלאכן לוין, אויף וועלכע אנדערע זענען איינגעגאנגען. זי איז ניט געווען פון יענעם מין וואס קרעכצט און גיט זיך אונטער. זי האט געקרעכצט און ניט נאכגעגעבן. אבן אויסער אלע ערווארטונגען האט אט דער ארט האנדלען געהאט ערפאלג. דער מענטש איז אין דער נאטור א פייגלינג: אנעט האט געהאט א רוהיגע און עטוואס גדלות'דיקע מאנערע צו זאגן: ניין, וועלכע האט געמאכט א סוף צו אלע מעגלאכקייטן פון דינגן זיך; מענטשן האבן ניט געוואגט צו באהאנדלען זי, ווי זיי האבן באהאנדעלט אנדערע, און זי האט געקראגן ניט אזא נישטיקע לוין, אבער דאך נישטיק גענוג. מען האט געמוזט א סך ארבייטן און זיך גוט איינמאטערן אויף צו פארדינען אויף די טעגלאכע אויסגאבן. אירע שילערינס האבן געוואוינט ווייט איינע פון די אנדערע; און אין פאריז זענען נאך ניט געווען קיין אטאבאסעס און ניט אונטערערדישע באנען. ווען זי פלעגט אין אווענט קומען אהיים האבן איר שטארק וויי געטאן די פיס און אירע שיך זענען געווען אינגאנצן אויסגעטראגן. אבער זי איז געווען א שטארקע, און האט געפילט אן אמת'ן פארגעניגן צו פארזוכן דעם טעם פון ארבייט פאר איר שטיקעל ברויט. ארבייטן, כדי פארדינען פאר זיך דאס שטיקעל ברויט איז געווען פאר אנעט א נייע אוואנטורע. ווען זי האט געהאט ערפאלג אין איינעם פון די דועלן, וואו עס קומען אין צוזאמענשטויס דער ווילן פון ארבייטער מיט דעם ווילן פון ארבייטגעבער־

עקספּלאָאַטאַטאָר, איז זי געווען אַזוי צופרידן מיט איר טאָג, ווי יענע קאָרטענשפּילער, וועלכע זענען אַזוי גליקלאַך פון געווינס. אַז זיי פאַרגעסן אין דער נישטיקייט פון דער איינגעשטעלטער סומע. זי האָט זיך אויסגעלערנט קלאָרער צו זען מענטשן. די פאָרשטעלונג איז ניט אַלע מאָל קיין שיינע. נאָר פונדעסטוועגן איז זי ווערט די מיה זי צו דערלערנען. זי איז געקומען אין באַרירונג מיט דער וועלט פון אומבאַמערקבאַרער אַרבייט. אָבער דאָ סאיז געווען אַן אויבערפלעכ־לאַכע און ניט טיפע באַדירונג! ווייל אויב רייכטום זינדערט אָפּ, זינ־דערט אָרימקייט נאָך מער אָפּ. יעדערער איז אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין אַרבייט, אין זיין מיה. און יעדער איינער זעט אין צווייטן ניט אַזויפיל אַ ברודער אין נויט ווי אַ קאָנקורענט. וואָס ציהט אוים ־י האָנט נאָך זיין ביסן ברויט...

אַנעט האָט געזען אָט דעם געפיל אין די פרויען, מיט וועלכע זי האָט קאָנקורירט; און זי האָט אים פאַרשטאַנען: צווישן זיי איז זי דאָך געווען אַ פּריוועליגירטע. ווייל אויב זי האָט געאַרבייט כדי ניט פאַלן צו לאַסט איר שוועסטער, איז דאָך איר שוועסטער געווען דערביי. און זי איז געווען באַשיצט פון הונגער. זי האָט ניט געוואוסט פון דעם פיבערהאַפטן שרעק, פאַר דעם מאָרגעדיקן טאָג. זי האָט זיך געפרייט מיט איר קינד, וועמען קיינער האָט ניט געשטערבט אַוועקנעמען פון איר. ווי מען האָט נאָר געקענט פאַרגלייכן איר מזל מיט דעם שיקזאַל פון יענער פרוי וועמענס געשיכטע זי האָט זיך נאָר וואָס דערוואוסט, — אַן אָפּגעזאָגטע לערעריון, אַ לערעריון, וועלכע מען האָט אָפּגעזאָגט דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַט די חוצפה, ווי אַנעט, צו זיין אַ מוטער! אמת, אַז מען האָט זי אַ געוויסע צייט געדולדעט אין איר שול ערגעץ אין אַ קליין שטעטל; מיטן באַדינג זי זאָל האַלטן איר מוטערשאַפט בסוד. פאַריאָגט ערגעץ אין אַ לאַך טיף אין דער פּראָווינץ, איז זי געווען געצוואונגען, אוים מורא צו פאַרלירן די שטעלע, אַוועקשיקן פון זיך דאָס קינד און זיך צושיידן מיט איר אייגן בלוט און פלייש. זי האָט זיך אָבער ניט געקענט צוריקהאַלטן פון לויפן צו איר קינד, ווען דאָס קינד איז קראַנק געוואָרן. דער סוד האָט זיך אַנטפּלעקט און די גאָטספאָרכטיגע פּראָווינץ, האָט זי גרויזאַם געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז די מאַכט פון אוניווערזיטעט האָט גוט־געהייסן דעם אורטייל פון די מאַסן, און צוויי לעבעדיקע באַשעפענישן

זענען ארויסגעוואָרפן געוואָרן אין גאַס, דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך פאַרזינדיגט געגען בירגערלאַבן קאָדעקס. און אָט מיט זיי איז דאָס אַנעט אויסגעקומען צו אָמפערן איבער זייער מאָגרן שטיקל ברויט! זי האָט אויסגעמיטן פאַרצושלאָגן איר אַרבייט אין יענע פלעצער, צו וועלכע די צווייטע האָט געשטרעבט, אָבער מען האָט איר געגעבן פאַרצוג. טאָקע דערפאַר ווייל זי האָט זיך ווייניגער געשלאָגן פאַר זיי. ניט אַזוי איינגעשפאַרט, ווייל זי האָט זיך ווייניגער גענויטיגט. צו קיין הונגעריקע האָט מען ניט קיין רעספּעקט. — אויף אַזאַ אופן האָבן די אומגליקלאַכע וועלכע זי האָט ארויסגעשטופּט פון די פלעצער האָבן געקוקט אויף איר ווי אויף איינער וואָס באַראַבעוועט זיי. זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זענען אומגערעכט; אָבער עס איז גוט צו זיין אומגערעכט, ווען דו אַליין ביזט אַ קרבן פון אומגערעכטיגקייט. אַנעט האָט אַנטדעקט דעם פאַקט פון דער עקזיסטירענדער מלחמה — די מלחמה פון די אַרבייטענדע מאַסן, ניט געגן דער נאַטור אָדער אומשטענדן, — ניט געגען די רייכע, אום אַרויסרייסן ביי זיי אַ שטיקל ברויט איינע ביי די אַנדערע, ברעקלאַך וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון די רייכע טישן אָדער פון די טישן אין דעם קאַרגן קרעזוס, דער שטאָט... אין דעם איז געלעגן דער גאַנצער אומגליק אין איבערמעסיגער אָרימקייט און נויט; וועלכע האָט זיך מער געפילט ביי די פרויען. באַזונדערס ביי די פרויען פון יענער צייט, ווייל זיי זענען נאָך ניט געוועזן פעהיג זיך צו אָרגאַניזירן, זיי זענען נאָך געווען אין דעם צושטאַנד פון פרימעטיווען קאַמף, איינער געגען איינעם; אַנשטאָט דעם זיי זאָלן זיך געווען פאַראייניגן אין אַ פאַראיין פון נויט, האָבן זיי די נויט נאָך פאַרמערט... אַנעט האָט זיך געשטאַרקט, איר האַרץ האָט געבלוטיגט, און דאָך מיט אַ שימער פון פרייד אין אירע אויגן איז זי אומגעגאַנגען. איר האָט דערהאַלטן אין איר אומדאַנקבאַרער אַרבייט, די נייקייט פון איר, און דער געפיל פון קראַפט וואָ סמען האָט באַדאַרפט אויסברייננגן. — דער געדאַנק ווען איר קינד האָט איר געלויכטן אין משך פון גאַנצן טאָג.

XII

מאַרק האָט פאַרבראַכט זיינע טעג אין סילוויעס וואַרשטאַט. די מומע וויקטאָרינאַ איז געשטאָרבן אין אַ קורצער צייט נאָכדעם ווי

זיי האבן זיך אריבערגעצויגן אין דער נייער דירה. זי האט ניט געקענט פארטראגן דעם חורבן פון דער אלטער היים, דעם פארלוסט פון דעם מעבעל און די געוואוינהייטן פון א רוהיג דורכגעלעבטן האלבן יארהונדערט. אזוי ווי אנעט פלעגט אוועקגיין פון דער היים אויף א גאנצן טאג, האט סילוויע אויפגעפאסט אויפן קינד. ער איז געווען דער ליבלינג פון ווארשטאט, פון די קונים און די ארבייטארינס. ער איז אומגעקראכן אויף אלע פיר, פלעגט זיך פארקלייבן אונטערן טיש און צוזאמענקלייבן העקלאך, אויגלאך, שטיקלאך שיפאן, פארנאנדערפלאנטערן קאטושקעס זייד און פארפלאנטערן קנייליעלאך; מען האט אים געשטאפט מיט נאשערייען און באדעקט מיט קושן.

דאס איז געווען א ברעקעל אינגעל פון א דריי פיר יאר, מיט טונקעל גאלדענע האר, ווי דער מוטערס, אימער בלאס, זינט זיין קראנקהייט. דאס לעבן איז פאר אים געווען אן אייביגער ספעקטאקל. סילוויע פלעגט זיך דערמאנען אין איר אייגענער קינדהייט, ווען, זיצענדיק אין איר מוטערס קראם, פלעגט זי זיך צוהערן צו אירע געשפרעכן מיט די קונים. אבער די דערוואקסענע האבן, פון די הויכע שטאלצן, אויף וועלכע זיי האבן זיך פארקליבן, נאטירלאך ניט געקענט זען די זאכן וואס האבן זיך אים געווארפן אין די אויגן און וואס האבן פארנומען זיינע צארטע אויערן... עס איז געווען איבערגענוג שפייז פאר זיי אין ווארשטאט. יעדער צונג איז געווען אויפגעבונדען לאבענדיק דרייסט, חוצפה'דיק. סילוויע און איר קאמאנדע האבן ניט געליטן פון דער שוואכקייט פון כלומרשט'דיקע באשיידענהייט. א סך געלעכטער און בייזער רכילות מאכט די נאדעל פליהען... וועגן קינד האט קיינער ניט געטראכט. איז דען מעגלאך, אז ער זאל פארשטיין? ער האט גאנץ ווארשיינלאך טאקע ניט פארשטאנען, אבער ער האט געשלונגען זאכן און ער האט קיין זאך ניט דורכגעלאזט. דאס קינד האט צוזאמענגעקליבן יעדע זאך. האט אלעס ארומגעטאפט און האט אלעם פארזוכט. וויי צו דעם וואס איז געלעגן אין זיין וועג! צולייגט אונטער א ביינקעל האט ער געלייגט אין מויל אלץ וואס עס איז ארונטערגעפאלן: שטיקלאך קיכלאך, קערלאך פון פרוכט, קנעפלאך; און אהין האט ער אויך אריינגעלייגט די ווערטער. ניט וויסענדיק וואס זיי באטייטן. טאקע צוליב דעם אויסצוגעפינען, האט ער זיי איבערגעקייט און אויסגעזונגען, ווי אקליין חזר'ל.

א לערנעריין פלעגט אמאל ארויסשלעפן פון צווישן זיינע פינגער א שטיקעל סטענגע וואס ער האט געהאלטן אין „קייען, אדער וואס ער האט געהאלטן אין ארייננשטופן אין נאז, גלייך ווי ער וואלט וועלן אויסגעפונען וואס פאר א ריח עס האט; אבער קיינער האט פון אים ניט אוועקגענומען די ווערטער וועלכע ער האט ארייננעשלונגען. ער האט איצט גארניט געטאן מיט זיי; דערווייל האט ער גארניט געקענט טאן מיט זיי. זיי זענען אבער ניט פארלוירן געווארן.

ווען מען פלעגט אים ארויסשלעפן פון אונטער די ביינקלאך, אדער פון אונטער די קליידלאך, וואו ער איז געווען פארטיפט אין אויסגעפינען טשיקאווע זאכן, ווענן די פיס וואס האבן זיך געהאלטן אין איין באוועגן און ווענן די פינגער וואס זענען געווען צוזאמענגעדרייט און פארשפארט אין די שיך; ווען מען האט אים פון דארטן ארויסגעשלעפט און געבראכט צוריק צו דער וועלט פון אנשטענדיגקייט, צו זיין נארמאלער לאגע צווישן דער דערוואקסענע, פלעגט ער בלייבן זיצן באוועגלאז אויף א נידעריקן ביינקעלע, צווישן סילוויעס פיס. אבער אזוי ווי זיין מומע איז זעלטן איינגעזעסן אויף איין ארט, פלעגט ער זיך אוועקזעצן צווישן א פאר אנדערע קני. ער פלעגט אנשפארן זיין בעקל אין דעם ווארימן קלייד. און זיך צוקוקן. מיטן נאז פאריסן אין דער לופטן און דעם קאפ פארווארפן אויף צוריק, צו אט די איינגעבויגענע פנימער, מיט זייערע אנגעשטרענגטע אויגן און זייערע ביסטרע גליענדע און באוועגלאכע שווארצאפעל, צו די מיילער וואס האבן געביסן די פעדים. ער האט געזען די שפייאכץ און די אינטערשטע ליפן, געביסן פון די ציין, די אינטערשטע זייטן פון די נאז לעבער, וועלכע זענען געווען באדעקט מיט קליינע רויטע פלעקן און האבן געציטערט מיט יעדן ווארט, און די פינגער וואס זענען געפלויגן מיט די נאדלען. פלוצלינג וועט עפעס א האנט א קיצעל טאן זיין מארדעטשקע; די האנט האט זיך געענדיגט מיט א פינגערוט פון וועלכן עס פלעגט אים ווערן קאלט אין האלז: און דא, ווי דארט איז פאר אים קיין זאך ניט פארלוירן געגאנגען; אט די ווארימע און קאלטע בארירונגען, אט דער ווייכער ציטער, אט די פלעקן פון ליכט, וואס האבן זיך געוויטעלט, אט די שאטענס, וואס האבן פארוואנדלט אין בורשטין די ברעקלאך פון לעבעדיקן פלייש, יא, אין אט דער פרויען גערוך... ער איז זיכער אליין ניט געווען באוואוסטזיניק דארויף, אבער אט דער פילפאכער באוואוסטזיין, אט דער פיל פנימ׳-

דיקער באַוואוסטזיין פון דער גאַנצער סביבה פון קינד, האָט פאַרציי־כענט יעדע זאַך וואָס איז פאַרביי געגאַנגען פאַר דער דרוק מאַשין פון אַט דעם קליינעם באַשעפעניש...

אָט די פרויען האָבן קיינמאָל ניט גע'חלומ'ט, אַז פון קאָפּ ביז די פיס וועלן זייערע געשטאַלטן איינגעקריצט אויף אָט דער קליינער געפילפולער דרוק־בלאַט. אָבער ער האָט זיי געזען בלויז אין איינציקע זיילן: שטיקלאַך האָבן געפעלט, ווי אין אַן אַראַבעסק אין וועלכן די טיילן זענען צומישט. דערפון האָט געשטאַמט זיינע מאָדנע ניט דויע־רענדע צוגעבונדענקייטן, וועלכע ער האָט אַזוי אָפט געביטן, אַז זיי האָבן אויסגעזען, ווי קאַפּריזן, אָבער וועלכע זענען אין דער אמת'ן געווען דער רעזולטאַט פון טיף איינגעוואָרצעלטע נייגונגען. אַ קלוגער מענטש וואָלט געקענט זאָגן וואָס אַזוינס איז געווען אין יעדערער פון אָט די פרויען, וואָס האָט אים צוגעצויגן. פונקט ווי אַ געפּעסטשעט הינטעל, אָדער קעצעל האָט ער אין דעם מענטשן ליב געהאַט מער די צאַרטקייט פון די הענט, ווי די גאַנצע פערזאָן. דאָס אַלץ איז געווען דער רעזולטאַט פון די זיסע זאַכן, דער היים, דעם וואַרשטאַט. ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער עגאָאיסט, און מיט רעכט. דער קליינע־בילדער האָט געמוזט צונויפזאַמלען זיין „עגאָ" פריער פון אַלץ. אַן אויפריכטיגער עגאָאיסט אַפילו אין זיינע חניפות. ער האָט זיך גע־חנפה'עט, ווייל ער האָט ליב געהאַט צו געפעלן און עס האָט אים געפרייט צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן, אָבער בלויז צו זיינע אויסערוויילטע.

גלייך פון אָנפאַנג איז סילוויע געוואָרן זיין אמת'ער ליבלינג. זיין אינסטינקט פון אַ הויז־חיה האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז זי איז דאָס דער גאָט פון הויז, די הערשערן וואָס טיילט אויס די שפּייז און צערט־לאַכקייט, זי גיט דעם טאָן פון טאָג, זי איז פאַר אַלץ פאַראַנטוואָרטלאַך און זי איז כדי צו אַנערקענען. אָבער נאָך בעסער איז צו מאַכן אַזוי, אַז זי זאָל זיך אַרומטראָגן מיט דיר. און דאָס קינד האָט באַמערקט, אַז אָט די פריווילעגיע איז אים געגעבן געוואָרן. און עס איז אים אַפילו קיינמאָל ניט איינגעפאַלן אַז דאָס, איז מעגלאַך, ניט פאַרדינט. אַן איבעראַשונג, נאָר מיט גרויס צופרידענהייט האָט ער אויפגענומען די שמייכעלהאַפטע פאַרהערונג, וואָס די הערשערן פון וואַרשטאַט האָט אים געאָפּערט. סילוויע האָט אים צולאָזן, זי האָט אים פאַרגעטערט. זי פלעגט אַריינקומען אין עקסטאַז פון זיינע זשעסטן, זיינע טריט, זיינע

ווערטער, זיין שכל, זיין שיינקייט, זיין מויל, און אזוי שטאלצירן מיט אים, אט ווי ער וואלט געווען איר אייגן קינד.

דעם אמת געזאגט פלעגט זי אים ניט איינמאל קרוינען מיט אזוינע נעמען: ווי חוצפה׳ניק, אדער קליינער ווילדער נאר! און ווען ניט ווען האט זי אים געגעבן א שנאל איז נאז, אקלאפ, אבער גאר ארייג־געשמיסן. אבער אז דאס איז געקומען פון איר האט ער דאס אנגענומען פאר גוט און האט זיך אפילו ניט באליידיגט. כאטש ער האט פראטעס־טירט הויך אויפן קול, האט ער דאס אפילו ניט געפונען פאר צופיל אומאנגענעם. ווייל ניט יעדער איינער איז מסגל צו קריגן א קלאפ פון דער האנט פון א קעניגן!... פון אן אנדערער, זאל גאט היטן, ער וואלט דאס קיינמאל ני טדערלאזט!... אפילו אן איר סקיפעטר האט סילוויע געהאט פאר אים א באזונדערן צויבער. פון אט דער גאנצער גרופע פרויען, האט זי אים פארשאפן די מערסטע פון די שטיקלאך; ער האט ליב געהאט זיך צודריקן צו איר קלייד, צולייגן דאס קעפל צו איר בויך, זיך צוהערן צו איר שטים, (ער האט איר געקענט הערן לאכן דורך איר גאנצן קערפער), אדער איבער איר פוס זיך ארויפדראפן פון אויבן, ארומכאפן מיט די הענטלאך איר האלז, און זיך רייבן מיט זיין מויל, נאז און אויגן אין איר ווייכער באק, נאהענט צום אויער, צווישן די קליינע ווייכע קרייזן וואס האבן אזוי גוט גע־שמעקט. דאס וואס פאר דערוואקסענע איז דאס אויג, איז פאר די קינדער דער חוש פון באריר ונג. דאס איז דער טאליסמאן, וואס דער־לויבט איינעם צו זען איבערן וואנט און צו וועבן אין זיך דעם טרוים פון זאכן, וואס קוקן אויס אזוי, ווי דו וואלסט זיי באמת געזען, די אילוזיע פון לעבן. און דאס קינד האט געוועבט זיין געוועב. און ניט ווי־סענדיק, וואס אזוינס זענען אט די העל־בלאנדע געקרויזטע לאקן, אט די באק, אט די שטים, אט דער געלעכטער, אט די סילוויע, אדער וואס ער איז אליין, האט ער געטראכט: — דאס איז מיינס.

XIII

אנעט פלעגט קומען אהיים אין אוונט א דערשעפטע. דעם גאנצן טאג האט זי ארומגעוואנדערט אין א וואסערלאזער ווילדערניש, אין א וועלט אן ליבע. א גאנצן טאג איז זי ארומגעגאנגען מיט אירע אויגן

געוועגט צום קוואַל, וועלכן זי וועט אין אָוועגט ערשט אויף דאָס ניי געפינען. זי האָט געהערט זיין זינגענדיגן מורמעל און אַ דורשטיקע איז זי צוגעפאַלן צו אים מיט אירע ליפּן; אַ פאַרבייגעהער אין גאַס האָט געקענט נעמען אויף זיין חשבון דעם שמייכל, וועלכן אָט די שיינע פרוי, וואָס איז האַסטיק פאַרבייגעגאַנגען, האָט אַדרעסירט צו דער פאַרשטע־לונג פון איר קינד. ווי אַ פערד, וואָס דערשמעקט האָבער, האָט זי פאַרשנעלערט אירע טריט, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבן צו דערהענטערן צו סילוויעס הויז. און ווען זי איז שוין צום סוף אַריין אין שטוב, לאַ־כענדיק פון דורשטיגער ליבע, אָט ווי דערשעפּט און צובראָכן זי זאָל ניט געווען זיין פון מידקייט, איז זי גלייך געפלויגן אַרויף. די טיר האָט זיך געעפענט; זי איז שטאַרמיש אַריין אין צימער און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן קינד; זי האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, און מיט אַלע כוחות צוגעדריקט צו זיך, ווילד אים געקושט אין די אויגן, אין נאָז, אונטערן נאָז, ווי נאָר עס האָט זיך געלאָזט, אַלץ וואָס זי האָט געקענט גרייכען, און איר משוגענע־ווילדע פרייד האָט זיך אויסגע־דריקט אויף אַזאַ טומעלדיקן אופן אים. ווען ער האָט זיך מיט עפּעס געשפּילט, אָדער פאַרבראַכט שטילערהייד, אַזוי באַקוועם און רוהיג אויף דער געבעטער סאָפקע, מאָלענדיק מיט אַ שטיקעל קרייד, אָדער אויסמישענדיק פּאָדים פון פאַרשידענע קאָלירן, זענען אָט די איבער־פאַלן אים געווען ווייניק וואָס צום האַרצן, אָט די הויכע פרוי וואָס קומט אַריין אזוי פּלוצלינג, אָן אַ אָנזאָג, דריקט אים מיט אירע הענט, שמירט אים אויס, שרייט אַריין אין די אויערן, און באַשיט אים מיט קושן... ניין, ער האָט דאָס ניט ליב! מען זאָל מיט אים טאָן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, אָן זיין ערלויבניש, דאָס האָט אים אויפגעבראַכט! ער האָט דאָס ניט דערלויבט ער האָט זיך בייז געשלאָגן זיך פּראָבירט אַרויסרייסן; זי האָט אָבער נאָך מיט מער היץ צוגעדריקט, געוויגט, געקושט — מיט אַזוי פיל געלעכטער און געשרייען! אַלץ אין איר איז אים ניט געווען געפעלן; אָט דער מאַנגעל אין אַכטונג, אָט דער טומעל און אָט די ווילדקייט... ער האָט געקענט פאַרשטיין, אַז זי דאַרף איב ליב האָבן, באַוואונדערן און אַפּילו אַ קוש טאָן אויך. אָבער זי האָט באַ־דאַרפט האָבן בעסער מאַנערן! פון וואַנעט האָט זי זיך גענומען? סיל־וויע און אירע מיידלאַך באַזיצן איידעלערע בענעמונג, ווען זיי שפּילן זיך מיט אים, און אַפּילו ווען זיי לאַכן, שטיפן און שרייען, מאַכן

זיי אויך ניט אַן אַזאַ ליאַרם אַזאַ רעש; זיי האָבן ניט די חוצפּה דיך אַזוי אַרומכאַפּן און דורשטיקן מיט קושן! ער האָט זיך בלויז גע־וואונדערט וואָרום סילוויע, וועלכע האָט אַזוי גוט געוואוסט ווי אוועק־צוגעבן אַ גאָב אירע מיידלאַך, זאָל קיינמאָל ניט געבן קיין לעקציע אין העפליכקייט, אַז דער שלעכט דערצויגענער פּרוי, זאָל אים ניט באַ־שיצן פון אירע פרייהייטן. גראָד פאַרקערט, סילוויע באַצוט זיך צו אַנעט מיט אַ טאָן פון ליבע און גלייכהייט, וואָס זי האָט ניט געהאַט פאַר קיין אַנדערן. און זאָגט צו מאַרקן:

— נו, נו, זיי זשע אַ גוטענקער, און גיב אַ קוש דיין מאַמען!

זיין מאַמען! אַן צווייפעל, ער האָט דאָס געוואוסט. אָבער דאָס איז נאָך ניט גענוג! יאָ, זי איז טאַקע אויך געווען איינע פון די געטער אין הויז. ערשט מיט אַ גאָר קורצער צייט צוריק האָט ער זיך געוואַ־רימט ביי איר ברוסט, אין זיין מויל איז נאָך פאַרבליבן דער זיסער טעם פון איר מילך, און אויף זיין לייב, וואָס איז געווען ווי ביי אַ פויגעלע, איז נאָך געלעגן דער גאָלדענער שאָטן פון פליגעל, וואָס האָט אים אָפּגעהיט און נאָך דייטליכער זענען געווען אין זיין זכרון די נעכט פון זיין קראַנקהייט, ווען דער אומקלאָרער שונא האָט אָנגע־כאַפּט, דאָס פויגעלע ביים האַלז, און איבער אים האָט זיך איבערגע־בויגן די קאָפּ פון זיין גרויסער באַשיצערן... געוויס, געוויס אָבער איצט האָט ער זיך מער ניט געגנויטיגט אין איר, און אויב ער האָט געהאַלטן אין זכרון, אַז די ערינערונגן און הונדערטער אַנדערע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין זיין זכרון, ווי קאָרן־קערענדלאַך, האָט ער איצט פאַר זיי קיין פּלאַץ ניט געהאַט. שפּעטער, אפשר, ער וועט שוין זען... איצט האָט אים יעדער מאָמענט געבראַכט אַ נייע מתנה: ער האָט געהאַט גענוג וואָס צו טאָן. ער האָט באַדאַרפט איינזאַמלען אַט די אַלע מתנות. אַ קינד איז אומדאַנקבאַר פון דער נאַטור. דיינקט איר, אַז ער האָט צייט געהאַט צו געדיינקען דאָס, וואָס איז געווען גוט נעכטן? גוט פאַר אים איז דאָס, וואָס עס איז גוט היינט. היינט האָט אַנעט געמאַכט דעם מעות, וואָס זי האָט זיך געלאָזן אַרויסשטופּן פון אַנדערע, וואָס זענען געווען אַ סך אומדערטרעגלאַכער און אפילו מער באַהילפיג פון איר אין מאַרקס אויגן. האָט זי ניט געזאָלט אוועקגיין אויפן גאַנצן טאָג, איין גאָט ווייסט וואוהין, און אין אַוונט זיך אַריינרייסן אַזוי אומגעלומפּערט־נאַריש! וואָרום איז זי טאַקע ניט

פאַרבליבן דאָ, ווי סילוויע און די אַנדערע, וועלכע זענען אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט אים, מאַרקן, זיך געשפּילט מיט אים און געשטיפט און אַ שיר. דאָס איז איר פאַרלוסט! אַזוי האָט ער זיך אָפּן אָפּגעזאָגט אויפצונעמען אַנעטס צערטלאַכקייט: ענטפערענדיק אויפן רעגן פון אירע נאַרישע ליבעס פראַגן, מיט אַ פאַרלאָרענעם און ווייטען יאָ, אָדער ניין, גוט מאַרגען, גוט אָווענט; דערנאָך אַנטלויפן פון מבֿל, זיך ווישענדיק די בעקלאַך, און זיך אומקערן צוריק צו זיין שפּיל אָדער צו סילוויעס קני.

אַנעט האָט זיך ניט געקענט העלפן זי האָט געמוזט איינזען, אַז מאַרק איז מער צוגעבונדן צו סילוויען ווי צו איר. סילוויע האָט דאָס געזען נאָך קלאָרער. און זיי פלעגן ביידע צוזאַמען לאַכן דערפון; און ביידע האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל אַז זיי געבן דעם ניט צו קיין שום באַדייטונג. אָבער טיף אין דער נשמה איז סילוויע געווען געשמייכלט, און אַנעט איז געווען אייפערזיכטיק. זיי האָבן גוט אַכטונג געגעבן, אַז זיי זאָלן דאָס ניט אַרויסווייזן איינע פאַר די אַנדערע. ווי אַ גוטע מיידעל האָט סילוויע געצוואונגן דאָס אומדאַנקבאַרע קינד צו קושן אַנעטן. אָט די אַרויפגעצוואונגענע קושן האָבן פאַרשאַפט אַנעט ווייניק פאַרגעניגן. דערפאַר זענען פאַר סילוויען געווען נאָך איינגענעמער זיין צערטלען, זי האָט זיך ניט געזאָגט, אַז זי באַגנבֿ'עט אַ גאָרטן פון אַן אָרימאַן, און דערנאָך שלאָגט זי אים גרויסמוטיק פאַר אַ פּאָר פון די גע'גנבֿ'עטע פרוכט אין זיין גאָרטן. אָבער דער טעם פון'ם גע'גנבֿ'עטן איז ניט געוואָרן ערגער דערפון, וואָס זי האָט פאַרשוויגן די גנבֿה. און אַן אַ שלעכטן אַבזיכט, האָט סילוויע געפילט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן אַרויסצורופן דעם קינדס צערטלאַכקייט און ווייזן איר ווירקונג אויף אים, ווען אַנעט איז ניט געווען דערביי. אַנעט פלעגט דאָס אויפנעמען בלומרשט ווי אַ שפּאַס און זאָגן:

— וואָס פון אויג איז אַוועק, איז פון האַרצן אַרויס.

אָדער טיף אין האַרצן איז זי געווען ווייט פון שפּאַס. ס'איז איר געווען ניט צום לאַכן. דער הומאָר איז געווען בלויז אין קאָפּ. איר ליבע איז געווען אַ נאַרישע, פונקט אַזאַ נאַרישע ווי די ליבע פון יעדער חיה. עס איז געווען שמערצלאַך צו זיין אַ פרוי צווישן פרויען און צו זיין געצוואונגען צו פאַרבאַרגן די אייגענע געפילן. ווייל מענטשן וואָלטן דיך בלויז אויסגעלאַכט, ווען דו זאָלסט פאַר זיי עפענען דיין אָרים

פרויען האַרץ. אין דער אַנוועזענהייט פון אַנדערע מענטשן האָט זיך אַנעט געהאַלטן, אַזוי, ווי איר ליבע וואָלט געווען אַן אַלטע מעשה: זי האָט גערעדט דערפון: ווי זי האָט פאַרבראַכט דעם טאָג, וועגען די מענטשן וועמען זי האָט געזען, וואָס זי האָט זיך דערוואוסט, גערעדט און געטאָן, — מיט איין וואָרט וועגן אַלץ וואָס האָט פאַר איר גאָר קיין ווערט ניט געהאַט. (אין נאָך אין וואָס פאַר אַ מאָס!)

אָבער ביינאַכט, איינע אַליין אין איר וואוינונג, אַליין מיט איר קינד האָט זי געקענט פריי, אומגעשטערט זיך פאַרטיפן אין איר שמערץ! ווי אויך אין איר פרייד, אין איר שטראָמענווייז פליסענדי־קער ליידענשאַפט. מען דאַרף זיך מער ניט היטן. ניטאָ פון וועמען זיך באַהאַלטן. זי האָט געהאַט איר זון אינגאַנצן פאַר זיך אַליין, אינגאַנצן. אינגאַנצן. זי האָט אַפילו אַביסעל מיסברויכט איר מאַכט; און האָט אים פאַרמאַטערט מיט אירע ווילדע צערטלאַכקייטן. ווייל דאָ ווייט פון סילוויען איז ער ניט געווען דער שטאַרקערער, האָט דער קליינער דיפּלאָמאַט, ניט אַרויסגעוויזן זיין אומצופרידענהייט; ביז אין דער פרי מוז מען דולדן אַט די מאָדנע מאַמע. ער האָט באַנוצט סטראַ־טעגיקע; ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט איין; צופיל זיך מאַכן האָט ער ניט באַדאַרפט; דער שלאָף פלעגט קומען שנעל נאָך די אָנגע־שטאָפּטע טעג פול מיט איינדריקע, אָבער, ער איז נאָך ניט געשלאָפן. ווען ער איז שוין געלעגן אין זיין מוטערס הענט, אַזוי שטיל און באַ־וועגלאָז ווי אַ לעמעלע, מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָט ווי ער וואָלט געווען פאַרזונקען אין אַ שטאַרקן שלאָף. אַנעט האָט געמוזט איבער־רייסן איר מורמלען און אים אַוועקטראָגן אין זיין בעטעלע; און דער קליינער קאָמעדיאַנט אין זיין דרימעל אין וועלכן ער איז געזונקען טריט ביי טריט, האָט געלאַכט אין אַרבעל, ווען ער האָט פון די אויגן דעק־לאָך געקוקט אויף זיין פאַרטרויליכער מאַמען, וועלכע איז שטיל גע־שטאַנען אויף די קני אַרום זיין בעטעלע און געקוקט אויף אים מיט פאַרגעטערונג. ער האָט געפילט זיין אויבערמאַכט איבער איר און איז געווען צופרידן מיט איר; און ניט איינמאָל פון גרויס ענטציקונג פלעגט ער איר אַפילו אַרומכאַפּן מיט די הענטלאָך ביים האַלז. אַזאַ אומערוואַרטעטע איבעראַשונג האָט באַצאָלט אַנעט פאַר אַלע אירע צרות; אָבער דאָס קינד האָט זיך קאַרג וואָס צוואוואָרפן מיט אַזוינע זאַכן. און אַנעט האָט געמוזט גיין שלאָפן מיט איר ניט געשטילטן

הונגער. אָבער וויפיל מאָל, איידער זי איז געגאַנגען שלאָפן, איז זי צוגעגאַנגען צו אים, זיך צוהערן זיך צו זיין אָטעמען געדעגט פון אומרוהיגע געדאַנקען... היינט האָט ער זי ניט אַזוי גוט אַ קוש געטאָן... און זי האָט געזאָגט צו זיך:

— ער האָט מיך ניט ליב.

עס האָט איר פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אָבער זי פלעגט זיך גלייך פאַרכאַפּן, ס'איז נאַרישקייטן:

— איך טראַכט עס אויס!...

דעם געדאַנק האָט זי געמוזט גלייך אונטערדריקן: ווייל לעבן מיט אַזאַ געדאַנק איז אוממעגלאַך... ניין, ניין, דאָס איז אַ ליגן, זי באַשולדיגט אומזיסט איר טייער קליין קעצעל!... און זי האָט זיך געאיילט צו געפינען צווישן אירע ערינערונגען דאָס בעסטע פון דעם קינדס צערטלאַכקייט. אונטער דער ווירקונג פון די בילדער, וואָס זי האָט אַרויסגערופן אין איר זכרון איז זי געוועזן גרייט אים אַרויסכאַפּן פון בעטעלע און זיך וואַרפן אים קושן... נאָר ששאַ... שאַ!... מען דאַרף אים ניט וועקן!... ווי זיס ער אָטעמט!... עוצר... ווי גוט עס וועט אונז זיין שפּעטער!...

ווייל די געגענוואַרט איז זיכער געוועזן אָרים און שלעכט, האָט אַנעט געטרוימט וועגן דער צוקונפט, וועלכע וועט איר באַצאָלן פאַר דער געגענוואַרט; וועגן אַ צוקונפט פון אינטימער נאָהענטקייט צווישן דער מוטער מיט איר זון, דאָס איז געוועזן איר שטאַרקסטער פאַרלאַנג זי האָט זיך ניט געגנויטיגט אין אַ גאָט, כדי אים צו קענען אָוועקגעבן די פאַרשידענאַרטיקע כוחות פון איר ענערגישער נאַטור, ווייל זיי האָבן זי שוין פון אַ צייט אויפדראַסניי, אַנגעהויבן פייניגן.

XIV

דאָס איז מער ניט געוועזן יענע אומרוהיגע מעלאַנכאָליע, יענער נערוואַסטענישער דרוק, וואָס האָט זי באַהערשט פאַרן קינדס קראַנקהייט, און וועלכן די קראַנקהייט האָט אָפּגעווישט. — יענע טעג ווען דאָס לעבן איז געקומען צו אַ שטילשטאַנד און אַנעט האָט זיך דערפילט דערשעפּט, זי האָט געפילט אַז זי האָט ניט קיין כוח, ניט קיין

אינטערעסן: רוהיק, ווי דער בארוהיגטער ים פארן אפפלוס פון די הויכע וואסערן.

איצט איז דאס געווען דער צוריקקער פון ים צופלוס. ער האט געלאזט הערן זיך מיט א ווילדען רוישן פון די וועלן, מיט א ביינאכטיקן אויפשטאנד. פאר א געוויסער צייט האט מוטערשאפט צופרידן געשטעלט די ליידענשאפטלאכע עלעמענטן פון איר נאטור. די פיזישע מידקייט פון אן ארבייטער לעבן האב אוועקגעשטעלט געגען זיי א וואנט. אבער זיי האבן זיך אנגעזאמעלט אין די שאטענס און האבן זיך געשלאגן געגען א פעלז. די נשמה, ווען ווען וואוקס עס גייט אויף אין דער הויך, דרייענדיק זיך איבער די לעבענס קרייזן, איז ווידער געקומען צו א צושטאנד, וועלכער איז געווען נאענט צו יענעם וואס זי האט דורכגעלעבט מיט פינף יאר צוריק, אין דער פעריאד צווישן היימן זומער אין אטעל גריסאנס און דעם פרילינג פון איר ליבע מיט ראדזשער בריסאט. דאס זענען געווען צוויי נאהענטע מאמענטן אבער ניט די זעלביגע. זי האט געמאכט א קרייז און האט זיך אויפגעהויבן איבער דער פארגאנגענהייט, און האט זיך ניט אראפגעלאזן אהין אין דער נידעריק. אנעטס נשמה איז רייף געווארן. איר אומרוהיגקייט האט ניט געהאט די פריערדיקע בלינדע אומוויסענהייט פון א יונגער מיידעל. זי איז געווען א פרוי; אירע פארלאנגען זענען געווען שארף און באשטימט. זי האט געוואוסט וואוהין זיי פירן. און אויב זי האט דאס ניט געוואלט וויסן איז דאס געווען טאקע, ווייל זי האט דאס צו גוט געוואוסט, איר ווילן איז רייף געווארן ניט ווייניגער פון איר קערפער. אלץ אין איר איז רייכער געווארן, און אלץ האט זיך דורכגעדרינגען מיט א ליידענשאפטלאכער אויסשפראך.

דער צוריקקער פון אט די היימישע דעמאנס, — וואס האבן געוועקט שרעק, — דאס איז געווען א שטורם וואס קלייבט זיך בייטאג. א שווערע שטילקייט, — א שטילקייט, וואס איז פול מיט דעם קונפטיקן רעש און טומעל פון שטורם. אט דער שטורמדיקער בייטאג האט געפאלגט נאך די זארגלאזע פריידן און די זארגלאזע ליידן פון דעם יונגן פרימארגן.. שאטענס האבן זיך אומאויפערלאך געגליטשט איבער אנעטס פנים. איצט איז זי אינגאנצן געווען, ווי מיט א שאטן באצויגן. ווען זי האט אויף זיך ניט אכטונג געגעבן אין געזעלשאפט, און איז ניט געווען געשטערט פון איר קינד פלעגט זי אריינפאלן אין א טעמפן

שווייגן, און צווישן אירע ברעמען האָט זיך בולט געליטן אַ שאַרפער קנייטש. אויב זי האָט דאָס ניט באַמערקט אין זיך פלעגט זי שטילערהייד פאַרשוואונדן. ווען אימיצער וואָלט זיך געווען באַאומרוהיגן וועגן איר, און וועלן וויסן וואָס עס איז מיט איר, וואָלט זי געקענט געפינען אין איר צימער, וואו זי האָט צוגעראַמט, פאַרבעט די בעט, אויסגעטרייסעלט און איבערגעקערט די מאַטראַצן, געפוצט דאָס מעבל אָדער דעם דיל. דערביי האָט זי זיך געדרייט און באַוועגט פיל מער ווי דאָס איז געווען נויטיק, און דאָך האָט זי ניט איינגעשטילט דערמיט איר שטורעמדיקן גייסט. זי האָט זיך געקענט אָפּשטעלן אין מיטן אַן אַרבייט, שטייענדיק אויף אַ בייִנקעל, מיט אַ שמאַטקע אין האַנט, אָבער זיך איבערבייגן איבערן ראַם פון פענסטער, און זיך פאַרגעסן אין אַלץ. זי פלעגט דאַן פאַרגעסן ניט נאָר די פאַרגאַנגענהייט, נאָר אויך די געגענוואַרט, די טויטע און לעבעדיקע. דאָס קינד אַריינגערעכנט. זי האָט געזען, ניט זעהענדיק, געהערט, ניט הערענדיק, און געדיינקט, ניט דיינקענדיק. דאָס איז געווען אַ פייער וואָס האָט געברענט אין פוסטן רוים אַ שיף געטריבן פון ווינט אין אָפענעם ים. זי האָט געפילט אַז דעם מעסיקן בלאָזן וואָס האָט דורכגענומען אַלע אירע עברים; די שיף האָט אינגאַנצן געציטערט מיט אַלע אירע זעגלן... דאַן זענען פון דער אומענדלאַכקייט ווידער אַרויסגעטראָטן פאַר איר די געשטאַלטן פון די אַרומיגע זאַכן. פון הויף, איבער וועלכער אַנעט האָט זיך איבערגעבויגן האָבן זיך דערטראָגן געוויינלאַכע קלאַנגן זי האָט דערקענט דעם קינדס קול מיט זיין זינגענדיקער אויסשפּראַך. אָבער איר טרוים איז ניט איבערגעריסן געוואָרן; ער האָט בלויז אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג. זי האָט געהערט דאָס ליד פון אַ פויגעל וואָס זינגט אין אַ זומערדיקן נאָכמיטאָג. אָ, דו זוניג הארץ וואָס פאַר אַ צרות פון ליבע און לעבן דו פאַרמאָגסט, און קענסט אַוועקגעבן! נעם אַריין די וועלט אין דיינע אָרעמס!... צו שווער איז דער געפאַנג!... דער באַוואוסטזיין האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצוהויבן אָט די שווערינקייט; זי איז צוריקגעפאַלן אין דעם ברענענדיקן אָפּגרונט; וואו עס איז מער ניט געווען ניט קיין געזאַנג, ניט דעם קינדס שטים, ניט קיין אַנעט... גאָרניט, אויסער דעם מעכטיגן ציטער פון זונענשטראַלן... אַנעט האָט ערוואַכט. זי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט מיט אירע עלנבויגן אויפן ראַם פון פענסטער.

אבער ביינאכט, האבן די פיינלאכע חלומות, וועלכע זענען פארשוואונדן זינט מארק איז געבוירן געווארן, האבן איצט ווידער פארכאפט זייער פריערדיקע וואוינונג און זיך צוריק באזעצט אין איר. זיי זענען געקומען גרופענווייז, צו דריי פיר, און אומאויפערלאך פארביטן איינע די צווייטע. אנעט איז אריבערגעגאנגען פון איינער צו דער אנדערער, א שטאק נאך א שטאק. זי פלעגט אויפשטיין אין דער פרי א צובראכענע, א ברענענדיקע, א מיעדע, איבערלעבענדיק צען נעכט אין איינער. און זי האט זיך ניט געוואלט דערמאנען אין דעם, וואס עס האט זיך איר געחלומט...

די ארומיקע האבן באמערקט אנעטס באזארגט פנים, אירע פארנעפעלטע ניט זעהעניקע אויגן; זיי האבן ניט פארשטאנען אט די פלוצלינגע אומענדערונג, און זיי האבן זיך ניט באאומרוהיגט. זיי האבן דאס צוגעשריבן צו אויסערלאכע אורזאכן און צו מאטעריעלע שוועריגקייטן. וואס איז שייך אנעט, זענען פאר איר אט די פעריאדן פון רעוואלטירענדער רעגונג, געווען די צייט פון טיפער באנייאונג. זי האט זיי ניט אפגעשאצט ווי געהעריק איז, ווייל זי האט געטראגן אין זיך דעם שווערן שמערצלאכן וויי פון דעם קינפטיקן געבורט, וועלכער איז געווען נאך פיינלאכער פון דעם מוטערלאכן. דאס איז אויך געווען מוטערשאפט: דאס געבורט פון א פארבארגענער נשמה אויף דער וועלט. די נשמה געפינט זיך ווי א קערענדעל אין דער טיף פון דער מאטעריע, אין דעם געמיש פין דעם מענטשלאכן שווארצן באדן און ליים, וואו עס זענען פארבליבן די ווארצלן פון דורות. די מיה פון א לאנגן לעבן באשטייט אין דעם ארויסשלעפן די נשמה פון דארטן. פאר אט דעם געבורט פאדערט זיך דאס גאנצע לעבן, און אפט איז די אקושארין ביי אזא געבורט — דער טויט.

אנעט האט זיך בסוד געשראקן פאר אט דעם אומבאקאנטן וועזן, וואס דארף ארויסקומען פון איר, צורייסענדיק זי. צייטענווייז פלעגט זי ארומכאפן א בושה; דאן פלעגט זי זיך פארשפארן אין א באהאלטעניש, פול מיט אינערלאכן טומעל, אויג אויף אויג מיטן וועזן, וואס האט געדראט זיך צו באווייזן; זייערע באציהונגן זענען געווען פיינטלאכע. די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט עלעקטריציטעט; און אויסברוכן פון ווינט האבן זיך אט אויפגעהויבן, אט ווידער שטיל געבליבן. זי האט געוואוסט די געפאר. אומזיסט האט איר באוואוסטזיין אפגע־

רוקט אין דער פינסטער דאָס, וואָס עס האָט איר געשטערט. ווייל אַט די פינסטערניש איז געווען זי אַליין, און דאָס איז געווען אין איר באַהאַלטעניש. און עס איז געווען זער אומרוהיק צו וויסן, אַז דיין אייגן ווינקעל איז באַפעלקערט פון אויבן ביז אראָפּ מיט אומבאַקאַנטע פאַר דיר באַשעפענישן...

— דאָס אַלעס... איך אַליין... אָבער וואָס וויל דאָס פון מיר?... און וואָס וויל איך אַליין?

זי האָט זיך געענטפערט:

— דו האָסט מער ניט וואָס צו פאַרלאַנגען... דו פאַרמאָגסט אַלץ, וואָס דו האָסט פאַרלאַנגט.

איר ווילן האָט זיך אָנגעשטרענגט, אָנצואווענדן די גאַנצע קראַפט פון איר ליבע אויפן קינד. אָבער אַט דער צוריקקער פון מוטערלאַכער ליידענשאַפט, איז ניט געווען צופיל באַגליקט. די אָבנאָרמאַלע, איבערמעסיגע, קרענקלאַכע — (ווייל אַט די ליידענשאַפט, האָט געהאַט אַלס איר קוואַל, דעם אומעגלאַכן פאַרזוך, צו פאַרקערעווען געפילן אויף אַ וועג, וואָס איז ניט געווען זייער וועג, און אָפּנאַרן זיי). — האָט געפירט בלויז צו ענטוישונגען. אַנעט האָט גענומען דאָס קינד צו זיך. מאַרק איז געווען אויפגעבראַכט אויף איר דערפאַר. ער האָט מער ניט באַהאַלטן פון דער מוטער זיין אומצופרידענהייט. ער האָט געפונען, אַז זי איז אַ „נודנע־דערעסענע“, און האָט דאָס איר דערציילט אין קליינע און בייזע מאָנאָלאָגן, וועלכע אַנעט האָט צום גליק ניט געהערט. אָבער איינמאָל האָט סילוויע אונטערגעהערט, און מיט אַ הילכיגן געלעכטער, האָט זי זיך אָנגעבייזערט אויף מאַרקן. מאַרק אין אַ ווינקעל ביים טיר, ריידענדיק מיטן ווענטעל האָט געזאָגט: מאַכענדיק ענטשלאָסענע זשעסטן:

— זי האָט מיר דערעסן אַט די פרוי!...

XV

מען באַשרייבט אַלע מאָל די געשיכטע פון פּאַסירונגען פון אַ געוויסן לעבן, און מען דיינקט אַז דאָס איז דאָס לעבן אַליין, אָבער דאָס איז בלויז דאָס קלייד פון לעבן. לעבן, דאָס איז דאָס אינערלאַכע לעבן.

פאסירונגן, ווירקן אויפן לעבן בלויז אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זי האט אליין אויסגעקליבן. אבער בעסער געזאגט, אויף וויפיל זי האט זיי אליין באשאפן; אין מערערע פעלע איז דאס דער ריינער אמת. צוואנציק פאסירונגן קומען פאר יעדן חודש אויף אונזערע אויגן; און זיי האבן פר אונז קיין ווערט ניט, ווייל זיי האבן צו אונז קיין שייכות ניט, אבער זאל נאר איינע פון זיי אונז אנרירן, קען מען גיין אין גע־ וועט, אז מיר וועלן איר פארשפארן האלב וועג; מיר זענען געגאנגען דער פאסירונג אנטקעגן. און א שטויס מאכט לויז אין אונז א געוויסע פרוזשינע, איז דאס פשוט דערפאר, וואס די פרוזשינע איז געווען אנגעצויגן און האט געווארט אויפן שטויס.

צו ענדע פון 1904 האט די מאראלע אנשטרענגונג אביסעל אפ־ געלאזן אנעט. און יענע אומענדערונגען וואס זענען פארגעקומען אין איר, זענען ווי צוזאמענגעפאלן מיט אייניקע ענדערונגן, וואס זענען אין יענער צייט פארגעקומען ארום איר.

סילוויע האט זיך געגרייט חתונה האבן. זי איז אלט געווען זעקס און צוואנציק יאר; זי האט זיך שוין געהאט אנגעזעטיגט מיט די פארגעניגענס פון פרייהייט; און זי האט באשטימט, אז עס איז גע־ קומען די צייט פון געניסן די פריידן פון פאמיליען לעבן... זי האט זיך ניט געאיילט מיטן אויסוואל. די מאטעריע פון וועלכער עס איז גע־ מאכט א געליבטער, מוז, ניט זיין קיין דויערהאפטע, זי דארף בלויז געפעלן. אבער א גוטער מאן מוז זיין געמאכט פון זייער געטער און דויערהאפטער צייג. זיכער, האט סילוויע נאמיינט, אז ער דארף זיין אנציהענד אויך. אבער געפעלן קען מען אויף אזוי פיל פארשידענע וועגן. ווען מען קלייבט א מאן, מוז מען דערביי ניט פארלירן דעם קאפ.

סילוויע האט זיך אן עוצה געהאלטן מיט איר פארשטאנד, און דערביי האט זי אויך אין זינען געהאט די פאדערונגען פון איר געזעל־ שאפטלאכער לאגע. איר געשעפט איז געגאנגען גוט. איר פירמע — סילוויע — קליידער און מאנטלען — האט זיך ערווארבן, ביי אן אווי־ סערווויילטער קליענטור, פון דער פארמעגלאכער מיטלער בורזשואזיע א פארדינטן נאמען פון סטיל און עלעגאנץ פאר מעסיקע פרייזן.

אין אירע געשעפטן האט זי דערגרייכט די העכסטע שטופע; שטייגן העכער האט זי אליין ניט געקענט. זי האט זיך געמוזט פאר־

איינינגן מיט אַנדערע קרעפטן: און צו איר וואַרשטאַט פון פרויען קליידער, האָט זי באַדאַרפט צוגעבן אַ שניידער וואַרשטאַט פון פרויען מאַנטלען, וואָס וואָלט איר דערלויבט צו פאַרברייטערן דעם קרייז פון אירע אָפּעראַציעס.

זי האָט געזוכט אַרום זיך, ניט זאָגנדיק קיינעם אַ וואָרט וועגן דעם, זי האָט געזוכט דעם מאַן וואָס וואָלט זיך אָמבעסטן געפּאַסט פאַר איר פּלאַן. זי האָט רוהיג געמאַכט איר אויסוואַל; און ווי נאָר זי האָט דעם אויסוואַל געמאַכט, אַזוי האָט זי באַשלאָסן מיט אים חתונה צו האָבן.

ליבע וועט שפּעטער קומען. פאַר ליבע וועט זיך אויך געפינען אַ אָרט. סילוויע וואָלט ניט חתונה געהאַט מיט אַ מענטשן, וועמען זי זאָל ניט קענען ליב האָבן. אָבער ליבע קען צוואַרטן. צוערשט קומען די געשעפטן.

דער נאָמען פון דעם אויסערוויילטן איז געווען סעלוו (לעאָפּאָלד) און פון דער ערשטער מינוט האָט די קליינינקע געשעפטס פרוי באַשלאָסן, אַז די נייע אונטערנעמונג וועט טראָגן דעם נאָמען: — סעלוו. עט סילוויע. — און כאָטש דער נאָמען שפּילט אַלע מאָל אַ גרויסע ראָלע ביי דער פרוי, איז דאָך סילוויע גאָר ניט געווען אַזאַ נאַר, אַז זי זאָל זיך באַנוגענען בלויז מיטן נאָמען; סעלוו (לעאָפּאָלד) איז אין אַלע הינזיכטן געווען אַ גוטער שידוך.

שוין ניט אַזוי יונג, אַריבער פינף און דרייסיק, אַ גאַנץ שיינער מאַנסביל, לויט דעם אַלגעמיין אָנגענומענעם באַגריף, וואָס מיינט, אין גרונט גענומען, היבשלאַך מיעס, אָבער שטאַרק געבויט, מיט רויטלאַך בלאָנדע האָר און אַ רויטן קאַליר פון פּנים, איז ער געווען דער הויפּט צושניידער אין אַ גרויסער שניידער אונטערנעמונג. ער האָט גוט גע־קענט זיין פאַך און איז געווען זער געשיקט אין זיין אַרבייט. ער האָט אַלע מאָל גוט פאַרדינט. ער איז געווען וואָס דו ווילסט, אָבער ער איז ניט געווען קיין פאַרשווענדער. ער האָט געפירט אַן אָנשטענדיקן אָרט לעבן און האָט ניט גע׳שיכור׳ט: סילוויע האָט אים ריכטיק אָפּגעשאַצט און האָט אַלץ וועגן אים אויסגעפונען; די פראַגע איז געווען געלייזט — אין סילוויעס געדאַנק. מיט סעלוון האָט זי נאָך ניט גערעדט דערפון, אָבער די צושטימונג פון אַ מאַן וועמען זי האָט אויסערוויילט האָט זי ווייניק וואָס געקימערט. זי האָט גענומען אויף זיך צו קריגן זיין

צושטימונג. סעלון וואָלט אויף זיך קיינמאָל ניט גענומען די אויפגאַבע צו געווינען סילוויען. ער איז געווען אַ פּשט'ער וואוילער בחור, וועלכער האָט ליב געהאַט זיינע באַקוועמלאַכקייטן און געוואוינהייטן, און באַזונדערע אַמביציעס, אַ עגאָאיסט, האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַרבלייבן אַ בחור. ער האָט ניט געהאַט קיין חשק אויפצוגעבן זיין שטעלע, אמת און אָפּהענגיקע, אָבער אַ גוט באַצאָלטע, אַ שטעלע וואו ער האָט ניט געטראָגן אויף זיך קיינע פאַראַנטוואָרטלאַכקייטן, ביי אַ באַלאַבאָס, וואָס האָט געוואוסט און געשעצט זיין ווערט.

אין איין אויגענבליק האָט סילוויע צושטערט זיינע פּלענער צוזאַמען מיט זיין אינערלאַכער רוה. סילוויע האָט זיך מיט אים באַגעגענט. — זי האָט געמאַכט אַזוי — אַז עס זאָל אויסקומען אַז ער האָט איר געטראָפן — אויף אַן הערבסט אויסשטעלונג, וואוהין זי איז געקומען אַזוי גוט ווי ער צו לערנען די מאָדעס, וואָס זיי האָבן ביידע באַדאַרפט אַרויסלאָזן צווישן עולם. זי איז געווען אַרומגערינגעלט פון אַ גרופּע פאַרהערער. זי האָט גענומען אויסטיילן אירע שמייכלען און שאַרפזיניגע באַמערקונגען צו די דריי, פיר יונגעלייט, וואָס זענען געווען ענטציקט פון איר, ניט שיינקענדיק דערביי סעלון קיין שום אויפמערקזאַמקייט. דערנאָך, ווען ער האָט ניט אַן פאַרדרוס דערפילט דעם טעם פון אַט דער גראַציע, און אַט דעם שאַרפזין, וואָס זענען געווען געווענדט צו אַנדערע און ניט צו אים, האָט ער פּלוצלינג באַמערקט, אַז ער איז געוואָרן דער צענטער פון איר אויפמערקזאַמקייט: זי האָט גערעדט זיך ווענדענדיק בלויז צו אים, אַט ווי די אַנדערע וואָלטן דערביי גאָר אינגאַנצן ניט געווען. אַט דער אומערוואַרטעטער פאַרצוג האָט אים נאָך מער גערירט, ער האָט אים צוגעשריבן צו זיינע אייגענע פערזענלאַכע מעלות. פון דער מינוט איז ער געווען געפאַנגען. ער האָט זיך גענומען זעגענען מיט אַלע זיינע באַשליסן!

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט סילוויע געבעטן אַנעט צו קומען פאַרברייננגן מיט איר אין אַוונט. נאָך וואַרמעס, ווען קיינער וועט ניט זיין אין וואַרשטאַט.

— איך האָב דיך געבעטן קומען, — האָט זי געזאָגט — ווייל איך ערוואַרט אַ גאַסט.

אַנעט האָט זיך פאַרוואונדערט.

— צו וואָס זשע דאַרפסטו מיך? קענסטו דען אים אַליין ניט

אויפנעמען ?

סילוויע האָט מיט אַן ערנסט פּנים געענטפערט:

— איך דענק אַז אַזוי איז אַנשטענדיקער.

— אָט דער איבערפּאָל פון אַנשטענדיגקייט איז געקומען אביסעל צו שפּעט.

— בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל. האָט געזאָגט סילוויע מיט אַ געצוואונגענעם געלעכטער.

— וואָס פאַר נאַרישע מעשות! דערציילל זיי אימיצן אַנדערש!

— דאָס וואָס איך טו טאָקע, האָט געזאָגט סילוויע.

אַנעט האָט איר געדראָט מיטן פינגער:

— דו האָסט שוין אימיצן אין אַרבעל. גוט. ווער איז ער?

— אָט איז ער דאָ.

סעלוו (לאָפּאָלד) האָט גקלינגען דעם גלעקעל. ער האָט זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט, ווען ער האָט ניט געפונען סילוויען אַליין, אָבער ווי אַ גוט דערצויגענער מענטש האָט ער דאָס ניט אַרויסגעוויזן. עס איז גאָר ניט געווען אַזוי לייכט צו דערשיינען אין אַ שייַנער ליכט, אין דער אַנוועזנהייט, פון אָט די צוויי יונגע פלוידערקעס. אין וועמענס געזעלשאַפט ער האָט זיך געפילט ניט אינגאַנצן רואיק. ווען זיי צווישן זיך זענען געווען פאַלשטענדיק איינשטימיק. צוויי פּאָר אויגן האָבן אים געפּאַרשט. נאָך אייניגע, אמת, שווערלאָכע. אָבער דאָך ריטערלאָכע באַגריסונגן, פון וועלכע אַ פּאָר זענען אויס העפלאַכקייט אַנגעקומען אויף אַנעטס חלק, האָט ער אַנגעהויבן צו רעדן ווען געשעפט, וועגן זיין אַרבייט און זיין פאַרנומענעם לעבן. אַנעט אוים מיטלייד צו זיין פאַרלעגנהייט האָט מיט אַ פאַראינטערעסירטער מינע אים געשטעלט אַ פּאָר פראַגן. ער איז געוואָרן פאַרטרוילינער און האָט דערציילט וועגן די שוועריגקייטן פון זיין קאַריערע, זיינע ענטוישונגן, און זיין ערפאָלג. דערביי האָט ער פאַרשטענדלאָך ניט אַרויסגעלאָזן די געלעגנהייט זיך אַרויסצושטעלן אין אַ גוטער ליכט. ער האָט אויסגעצייגט צו זיין אַ זעלבסט צופרידענער, פּשוטער און האַרציגער מענטש. ער האָט געשפּילט מיט אָפענע קאַרטן.

סילוויע, וועלכע איז געווען פאַרזיכטיקער פון אים, האָט זיך גוט צוגעקוקט צו זיין שפּילן, איידער זי האָט אַליין גענומען שפּילן. אַנעט אָפּגערוקט אין אַ זייט, האָט נאָכגעפאָלגט דער שפּיל און האָט זיך אַ

סך ווענינגער געחידושט אויף דער קונסט מיט וועלכער איר שוועסטער פירט די שפּיל, ווי אויף דער באַשיידענהייט פון איר אויסוואַל. סילוויע האָט לייכט געקענט טאָן אַ גלענצענדן שידוך. זי האָט דאָס אָבער ניט געוואָלט, זי האָט פּשוט ניט געהאַט קיין צוטרויען צו קיין שיינע און קלוגע מענער. (עס איז איבעריק צו זאָגן! אַז זי וואָלט ניט גענומען קיין מיאוסן און ניט קיין נאַר) זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דיער גאַל־דענער מיט... זי האָט געוואָלט אויסקלייבן פאַר זיך אַ פּאַסיגן מיט־אַרבייטער און ניט קיין באַלאַבאָס. זי האָט געוואָלט, אַז אין הייראַט מוז יעדער איינער עפּעס געבן און אויך עפּעס קריגן. דאָס איז אַנבאָט און נאָכפראַגע.

איר נאָכפראַגע איז געווען צו בלייבן דער באַלעבאָס פון איר הויז,ווירטשאַפט און פון איר געשעפט; און וואָס איז געווען זיין פאַרלאַנג? אַ רימער בחור, צו זיין געליבט צוליב זיך, נאָר צוליב זיך אַליין. ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער איז געווען אי ניט שיין אי ניט אַנציענד. און דאָך האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו ווינשן, אַז מען זאָל מיט אים חתונה האָבן אויס ריינער ליבע... לעכערליך, ניט אמת? ער האָט אַליין געצווייגן מיט די פּלייצעס אויף זיין שוואַכקייט, ווייל אָט דער פּראָסטאַק, איז גאָר קיין נאַר ניט געווען, און האָט געקענט דאָס לעבן אויסגעבונדן, ער איז אויך געווען אַ סקעפּטיקער אין באַצוג צו פרויען. ווי דריי פערטעל פון די פראַנצויזן זענען. אָבער די באַדערפעניש פון האַרצן איז געווען אַזוי שטאַרק! אָט די נאַרישע באַדערפעניש!

„פאַרוואָס זאָל איך ניט זיין געליבט? איך בין פּונקט אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע וועלכע זיינען יאָ געליבט"... אָט איז ער שטאַרק באַ־שיידן, און אָט אַ גאַנצער פּאַטאַליסט. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אין איין בעטן. דאָס איז ניט געווען קיין צו געשיקטער צוגאַנג צו דער זאַך... דאָס אַלץ איז געווען אַזוי דורכזיכטיק. זי האָט דאָס אַלץ גוט געזען, די קלוגיטשקע. און צו אָט די קיילאַכדיקע גרויסע בלויע אויגן וואָס האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן: האָסט מיך ליב? האָבן אירע ווייבע אויגן געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין, ווייל אומבאַשטימקייט פאַרשטאַרקט די ליבע.

ווען די שוועסטער זענען צוריק געבליבן אַליין, האָט אַנעט גע־זאָגט צו סילוויען:

— שפּיל זיך ניט מיט אים צופיל

— וואָרום ניט ? האָט געזאָגט סילוויע, קוקענדיק אין שפּיגל. דער איינשטעל איז ווערט די טרחה.

—הייסט דאָס, אַז דאָס איז ערנסט ?

— זער ערנסט.

— איך קען זיך ניט פאָרשטעלן דיך אַלס פאַרהייראַטע.

— דו וועסט נאָך מיך זען הייראַטן ניט איינמאָל, נאָר צוויי אָדער דריי מאָל...

— איך האָב ניט ליב ווען דו לאַכסט פון אַזוינע זאַכן.

— פון וואָס דען זאָל איך לאַכן ? מיין טייערע ! קום נאָר אַהער מיין ליבע, מים בוטס, צי ניט צוזאַמען דיינע שיינע ברעמען ! איך אויב אַפילו ניט אַן צו טראַכטן צו בייטן מיין מאַן, נאָך איידער איך האָב חתונה געהאַט. איך גיי הייראַטן מיט דער האָפנונג, אַז דאָס זאָל זיין זיין אויף אייביק. אָבער אויב עס' זאָל ניט טויגן מוז מען זיך קענען העלפן.

— איך זאָרג ניט פאַר דיר, האָט געזאָגט אַנעט.

— באמת ? נו דאַנק איך דיר אין זיין נאָמען ! אַזוי שטאַרק איז ער דיר געפעלן ?

— ער איז דיך ניט ווערט, סילוויע, אָבער דאָך וואָלט איך ניט וועלן אַז דו זאָלסט ווען ניט איז פאַרשאַפן ליידן אַט דעם גוטן מענטשן.

סילוויע האָט אַ שמייכעל געטאָן און האָט באַוויזן דעם שפּיגל אירע ציין.

— ליידן ! יעדער איינער פאַרשאַפט ליידן אַ צווייטן. אָבער דאָס איז ניט וויכטיק ! געוויס, וועט ער מוזן ליידן !... אָרימער מענטש ! איך וואָלט וועלן זיין אויף זיין אָרט... נו קום אַהער, זאָרג ניט וועגן אים ! דיינקסטו, אַז איך ווייס ניט דעם ווערט פון מיין אַדאָניס ? ער בלענדט ניט, דערפאַר אָבער זענען זיינע מעלות זיכערע און ממשות'- דיקע. איך ווייס וואָס איך זוך, איך בין אויך אַ גוטער מבין. איך וועל אים דאָס ניט זאָגן; ווייל מען טאָר קיין מענער צופיל ניט צולאָזן. זיי קענען זיך נאָך איבערנעמען, און דיינקען, אַז זיי האָבן געוויסע רעכט איבער אונז. אָבער פאַר זיך וועל איך דאָס ניט פאַרגעסן. איך וועל ניט טאָן קיין שלעכטס צו זיך, כדי אים שלעכטס טאָן. איך בין ניט פאַראַנטוואָרטלאָך דערפאַר, אויב איך זאָל אים ווען ניט ווען אויפרייצן ביז צו משוגעת, אָבער ער וועט זיך פרעגלן אויפן פייער בלויז אַזוי

לאנג, ווי דאס וועט זיין נויטיק. פארשטייט זיך, אז אזוי וועט זיין נאר אין דעם פאל, ווען איך וועל ניט האבן קיין אורזאכן זיך צו באַקלאגן אויף אים. אויב ניט וועט ער קריגן וואס אים קומט. איך צאָל מזומן. איך בין אַן ערפאלגרייכער סוחר: און איך נאָר ניט מיינע קונים מער ווי דאס איז נויטיק: אויב זיי שטרעבן מיך אפנארן, דאן פייף איך זיי אן. און נאך ווי אזוי!

— קען מען דיך, ווירקלאך, קיינמאל און אין קיין פאל ניט באַוועגן צו רעדן ערנסט? האט אויסגעשריען אנעט.

— דאס לעבן וואלט געווען אומדערטרעגלאך, ווען מען זאל מוזן וועגן ערנסטע זאכן רעדן ערנסט!

לעאפאלד איז גאר אין גיכן געקומען נאך אמאל. סילוויע האט אים ניט געלאזן לאנג מאטערן. זי האט אויף שנעל געמאכט א טור איבער דעם שונא'ס פאזיציעס, פון הינטן ארום האט זי אויסגעפארשט זיינע פארטיידיגונגס מיטלן, זיינע פארבארייטונגן, זי האט אויסגעפונען זיינע כוחות, זיין באגאזש, און ערשט דאן האט זי זיך באַשלאסען. אן באזונדערע שוועריגקייטן האט זי אים באוועגט אויפצונעמען אירע פלענער אלס זיינע אייגענע. אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן האט ער געגלויבט און שטאלצירט מיט דעם געדאנק, אז צו אים באלאנגט די אידעע פון אויפעפענען די גרויסע שניידער פירמע פון פרויען קליידער און מאנטלען:

— סעלוו עט סילוויע. —

מען האט באשטימט די חתונה אויף אין מיטן יאנואר: א צייט ווען עס איז געווען ווייניק ארבייט; די עטלאבע וואכן פאר דער חתונה זענען געווען א פריילאכע צייט אין ווארשטאט. לעאפאלד א שיינעדער, האט געהאלטן אין איין מכבד זיין די גאנצע קאמפאניע, זיי נעמען אין טעאטער אדער אין קינעמאטאגראף. זיי האבן אלע געהאט אזא שטארקע באדערפעניש זיך גוט אויסצולאכן. ווען איינע פון זיי האט חתונה געהאט, איז דאס געווען פונקט אזוי ווי זיי וואלטן ברייננגן די הייראט אין שטוב אריין. און יעדע איינע פון זיי איינגעראמט איר פארהערער.

— פארגעס נאר ניט, אז די צווייטע אויפן צעטל בין איך.

די אלגעמיינע פריילאכקייט האט ארומגענומען אויך אנעט. אנשטאט שארפער צו דערפילן ווי ווייניק עס האט זיך איר איינגעגעבן

איר אייגן לעבן, האט זי געהאלטן אין איין פרעגן ביי זיך אליין וואוהין זענען אהינגעקומען אירע זארגן. זיי האבן זיך אראפגעגליטשט פון איר ווי א נאכט העמד גליטשט זיך אראפ פון לייב. א, דו יונגער קערפער! קיין זארג האלט זיך ניט צו לאנג אויף דיין הויט... פונדעסטוועגן האט דאס נאך ניט געמיינט אז אט די הייראט איז איר געווען געפעלן. זי האט צו שטארק ליב געהאט איר שוועסטער אום ניט צו פילן קיין געוויסן אומעט, זעענדיק ווי יענע דערווייטערט זיך פון איר נאך מער. עס איז איר אויך געווען אומאנגענעם צו צוקוקן ווי אזא שיינע מיידל גיט זיך אפ צו אט דעם עטוואס וואולגארן מענטשן. אנעט האט געטרוימט פון עפעס אנדערש פאר סילוויען. אבער וואס זאלן אנדערע טאן מיט אונזערע טרוימען. זיי ווילן זיין גליקלאך אויף זייער אייגענעם שטייגער, און ניט אויף אונזערן.... זיי זענען גערעכט...

סילוויע איז געווען צופרידן; לעאפאלדס ליבע, זיין ענטציקונג פאר איר האבן אנגערירט ניט נאר איר פוסטן שטאלץ, נאר אויך איר הארץ. ווי זי האט געזאגט איר שוועסטער, האט זי זער געשעצט דעם ערנסטן כאראקטער פון איר אויסערוויילטן. ער וועט זיין א סאלידער קאמפאניאן און דערצו וועט ער איר אין קיין זאך ניט שטערן; כאטש זי האט זיך ניט געקליבן צו מיסברויכן זיין צוטרויען — (אבער דו קענסט דאך קיינמאל ניט וויסן!) זי איז געווען זיכער, אז זי האט ניט וועקגעשטעלט קיין קאנטראליער איבער זיך.

לעאפאלד האט ניט געזוכט אויסצוגעפינען סילוויעס פארגאנגענהייט; ער האט זיך באצויגן צו איר מיט צוטרויען. און דאס האט איר געשמייכלט. זיינע דערפארונגען אין לעבן, האבן אים איבערגעלאזן ווייניק אילוזיעס, און האבן אים געלערנט צו זיין גרייט אויף קאמפראמיסן. זיין בויגזאם און נאכגעביג. די לעבענס דערפארונגען האבן אים געבראכט דערצו. אז זי זאל אננעמען פאר זיין אייגענעם געברויך, אזוי גוט ווי פאר אנדערע, אלס רעגעל פון אויפפירונג דעם הארציקן עגאאיזם פון אן אנשטענדיקן מענטשן, וועלכער איז סקעפטיש געשטימט, איז גוטמוטיק, און פאדערט ניט פון אנדערע מער ווי ער קען אליין געבן.

אין גרונט גענומען איז סילוויע געווען א סך נעענטער צו אים ווי צו אנעט. כאטש זי האט איר פיל מער ליב געהאט פון אים. נאר מיט א מאן ווי אנעט — (האט זי מיט א געלעכטער, געזאגט צו איר) —

וואלט זי ניט חתונה געהאט. ניין, ניין, אזא מין הייראט וואלט געהאט א בייזן סוף!...

מיט סילוויען איז זי געווען פאלשטענדיק רואיק. און אט דער געפיל פון רואיגקייט האט זי אינגאנצן באפרייט פון דער נויטווענדיג־קייט צו דענקען וועגען אים; זי האט געטראכט וועגן דער חתונה, וועגן דער חופה קלייד, וועגן איר צוקונפטיגער הויז ווירטשאפט. זי האט געמאכט גרויסע פלענער פאר איר געשעפט, און איז געווען פאלשטענ־דיק צופרידן.

XVI

די חתונה איז געווען אין א זוניגן ווינטערדיקן טאג. סעלוו האט אוועקגעפירט אלע זיינע געסט אין וועגסענער וואלד. זיי האבן זיך צוטיילט אין פריילאכע גרופעס. אנעט האט זיך מיט פארגעניגן אויס־געמישט מיט זיי. אין די אלטע צייטן וואלט זיך אנעט געפילט שאקירט פון דעם טומלדיקן, בעסער געזאגט, וואולגארן כאראקטער פון אט דער הוליאנקע. אבער איצט איז זי ניט געווען אזוי. זי האט געלאכט צוזאמען מיט אט די באגרענצטע, ערלאכע בחורים און פשוטע מיידלאך, וועלכע האבן אין מיטן פון זייערע ארבייטס טעג, ארופגענומען פאר זיך א טאג פאר פרייד און פארגעניגן. זי האט אנטייל גענומען אין אלע זייערע שפילן מיט אזא היץ, אז זי האט אלעמען אנגעשטעקט מיט איר באגייסטערונג.

סילוויע, וועלכע האט זי געקענט, פאר אזא קאלטער און צוריקגע־האלטענער, האט נאר אנגעקוקט, ווי זי לויפט דאס אום און פארוויילט זיך אזוי אומגעשטערט פריי.

אט שפילט זי דארטן אין זשמורקעס: די אויגן פארבונדן, רויט פון באלעבטקייט, דאס מויל אפן און לאכט, דער קין פאררייסן אויף ארויף, די הענט אויסגעצויגן אויף פאראויס, פאכעט זי מיט זיי ווי מיט פליגל, שפאנט מיט ברייטע טריט, פארטשעפעט זיך אלע ווײַלע און לאכט פון גאנצן הארצן... אט דער שטארקער שיינער קערפער פון אט דער בלינדער מיט אן אויסדרוק פון ליידענשאפט, וואס וועט ער כאפן? ווער וועט אים כאפן?... ניט איינער פון די אנוועזענדע, קו־קענדיק אויף איר האט געמוזט אזוי טראכטן. אבער אנעט האט, זעט

אוים, געטראַכט בלויז פון דער שפּיל... וואוהין זענען אהינגעקומען די זאָרגן, וואָס האָבן געוועלטיגט איבער איר געכטן? וואוהין האָט זיך אהינגעטאָן דער באַזאָרגטער אָנגעשטרענגטער אויסזען, פּאַרטאָן אין גאָט וויים אין וואָס?... וויפיל כוחות זי האָט דאָס פאַרמאָגט?... סילוויע האָט געדיינקט, אַז דאָס האָט זיך איר איינגעגעבן צו צו־שטרייען אַנעט און זי אָרויסרייסן פון אירע זאָרגן, און זי איז געווען איבערגליקלאַך דערפון. אָבער אַנעט האָט גוט געוואוסט, אַז די אור־זאַכע דערפון איז אַ גאַנץ אַנדערע און ליגט באַהאַלטן אין דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט. זי איז ניט געווען פריי פון אירע זאָרגן, דערפאַר וואָס זי האָט געלאַכט אויף דער חתונה. זי האָט געלאַכט אויף דער חתונה דערפאַר, ווייל איר זאָרג איז שוין פאַריבער...

וואָס זשע האָט פּאַסירט? — דאָס איז געווען אַ מאָדנע זאַך, וואָס איז געוואָרן ניט מיט אַמאָל, כאָטש אויף דער ווייסער וועלט האָט עס זיך באַוויזן אין איין שיינעם טאָג.

דאָס איז געווען מיט עטלאַכע וואָכן צוריק, אין אַ זונטאָגדיקן פרימאָרגן, איז זי געזעסן ביי איר טואַלעטן טישעלע, אַ האַלב אָנגע־טאָענע. זונטיק האָט זי זיך ניט געאיילט מיט איר טואַלעט, ווי אין די וואָכעדיקע טעג, ווען זי האָט באַדאַרפט פרי אוועקגיין. זי איז געווען מיד מיט דער מידקייט וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פאַר דער גאַנצער וואָך. דאָס קינד, ווי נאָר עס איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך גלייך אַרויסגע־גליטשט פון צימער, כדי צו גיין צו דער מומען. ער איז געווען זער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער חתונה. ער האָט פאַרשאַפט שפּאַס סילוויע מיט זיינע באַמערקונגען, וואָס ער האָט געמאַכט ווי אַ דער־וואַקסענער מענטש.

לעאָפּאָלד האָט אים געפּעטשט. זייענדיק פאַרליבט אין סיל־וויען האָט ער געפּעטשט איר קליין הינטל. און מאַרק, געשמייכלט און שטאָלץ פון זיין אייגענער וויכטיגקייט האָט פאַרבראַכט די גאַנצע צייט פון הינטן ביי דער מומען אין הויז. ער פלעגט זער אומגערן פאַר־בלייבן מיט דער מוטער. אַנעט איז געווען ביטער אַנטוישט דערפון. אָבער אין דעם פרימאָרגן האָט די מידקייט דאָס אָפּגעווישט. און צו איר צושטאַנד האָט זיך צוגעמישט אַ פאַרבאָרגענער ליכטיקער געפיל, און דאָך האָט זי געזיפצט, אוים געוואוינהייט פּשוט. זי האָט זיך גע־פרייט מיט אַ געמישטן געפיל פון מידקייט, און דעם אָנגענעמענעם

באוואוסטזיין, אז מען קען זיך, גאט צו דאנקן, אויסציען אין דער גאנצער לענג און ליגן א גאנצן טאג, מען מוז זיך ניט אויפהויבן. מען מוז זיך ניט רירן... זונטיק!... אנעט האט קיינמאל ניט פארדעכטיגט זיין ווערט....

א, ווי מיד איך בין, ווי מיד! ווי גוט עס איז זיך ניט צו רירן!... איך וואלט, דוכט מיר, געשלאפן טויזענט יאר... ווי אזוי איך וואלט זיך ניט זעצן, זאל זיין אפילו אין דער אומבאקוועמסטער פאזע, וואלט איך געבליבן זיצן און זיך ניט גערירט... עס האלט דיך עפעס א מין צויבער. דו האסט אים מורא איבערדרייסן. זיץ שטיל. אזוי איז גוט!..

זי האט געקוקט דורכן פענסטער, ווי אויפן דאך פון אנטקעגן האט פון קוימן פון דער בעקעריי געשפארט דער רויך. דער רויך איז געלאפן אונטערן ווינט, האט זיך געשלענגלט, געדרייט אין קרייזן, א העלער א פריילאכער, האט ער זיך פארנאנדערגעצויגן, צוזאמענגעדרייט און געלאפן אט אזוי ווי ער וואלט געטאנצט איבערן בלויעם הימל. אנעטס אויגן האבן אויך געלאכט, און איר נשמה האט אויך געטאנצט אין די לופט-לאנקעס, געצויגן פון די געדרייטע, פאנטאסטישע בילדער. די גאנצע לאסט פון דער ערד איז ארונטערגעפאלן פון אירע פלייצעס. די נשמה האט זיך דערפילט אנטבלויזט אויפן ווינט און אויף דער זון. אנעט האט זיך שטילינקערהייד אונטערגעזונגן... פלוצלינג הא זי דערזען פאר זיך די באגייסטערטע אויגן פון א יונגענמאן, וועלכער האט נעכטן געקוקט אויף איר אין אמבינוס. זי האט אים ניט געקענט, און ווארשיינלאך, וועט זי אים שוין מער קיינמאל ניט זען. נאר אט דער בליק, וועלכן זי האט געכאפט, ווען זי האט אומדערווארטעט אויסגעדרייט דעם קאפ, (ער איז געווען זיכער אז מען זעט אים ניט) האט אזוי נאאיוו דערציילט וועגן זיין באגייסטערונג פאר איר, אז עס איז איר פארבליבן אין הארצן א פרישע פרייד דערפון. זי האט זיך געמאכט, אז זי ווייסט ניט די אורזאכע פון אט דער פרייד... אבער ווען איר שפיגעל האט איר צוריק געשיקט די אפשפיגלונג פון איר שמייכעל, און זי האט געקוקט אויף זיך מיט די אויגן פון יענעם, וואס וועט זיך אמאל פארליבן אין איר... וואו זענט איר זארגן? זיי זשומען ערגעץ פון וויטן, פון גאר גאר וויט...

— גענוג! גענוג צו וואס? מען דארף זיין פארנינפטיק! אנעט האט ניט צום ערשטן מאל זיך דאס געזאגט, זי האט זיך

שוין אַמאָל צוואַנציק געזאָגט דיזעלבע זאַך. אָבער אַז זי זאָל דאָס אויספירן, דאָס האָט קיינער פון איר ניט דערוואַרטעט. פּאַרניפּטיגקייט האָט זעלטן ערפאָלג אין זיינע שטרעמונגען. דער שכל איז אַ גוטער עצהגעבער; אָבער דער וואָס גיט עצות אַ צווייטן, צאָלט ניט פאַר דעם צוויטן. און דאָס הארץ איבערצייגט זיך בלויז מיטן שכל פון הארצן.

אָבער דאָס לעצטע האָט איצט אויך ניט אויסגעפעלט. איצט האָט אַנעט אַנערקענט די אומגעלומפּערטקייט פון די איבערמעסיקע פאָרדערונגען, פון איר מוטער ליבע. אָבער אויב זי האָט דאָס אַנערקענט, איז דאָס געווען בלויז צוליב דעם, וואָס אַנדערע אונטערדריקטע געפילן האָבן צוריק אויפגעלעבט. זי האָט זיי מער ניט געוואָלט און ניט געקענט אַפּלייקענען. און קוים האָט זי נאָר אין דער שטיל צוגעגעבן זייער עקזיסטענץ, אַזוי האָט זי זיך גלייך דערפילט לייכטער. די שטים פון דער דערנאָכטער יוגענט האָט געזאָגט צו איר:

— עס איז נאָך גאָרניט פאַרלוירן. דו האָסט נאָך דאָס רעכט אויף גליק. דיין לעבן הויבט זיך ערשט אָן...

די וועלטה אָט ווידער אויפגעלעבט. און אַלץ האָט ווידער באַקומען אַ נייעם טעם. אַפילו אין די גרויע טעג זענען אויך געווען שטראַלענדע מאָמענטן. אַנעט האָט ניט געבויט קיינע פּלענער וועגן דער צוקונפט... זי האָט זיך אָן אַ ווידערשטאַנד איבערגעגעבן דעם ווילן פון גליק, אַ וואָסערער ער זאָל ניט זיין, און וועלכן עס האָט איר באַדאַרפט ברייגגען די אויף דאָס ניי געפונענע צוקונפט... יאָ, יאָ, זי איז געווען יונג, יונג. ווי דאָס ניי געקומענע יאָר... פאַר איר איז דאָס גאַנצע לעבן... און קיינמאָל, קיינמאָל וועט זי זיך מיט אָט דעם לעבן ניט גענוג אָנזעטיקן.

XVII

עס איז געווען אַ וואונדערלאַכער פעברואַר, וואָס איז פול מיט צויבער אין פּאַריז. דער פרילינג געפינט זיך נאָך אין הימעל און אין הארצן, אָבער אַלץ איז אַזוי ריין, ריין איז די ליכט, ווי די דורכזיכטיקע פרייד פון אַ קינד וואָס האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט. עס איז אַנטשטאַנען דער וואונדער שיינער פרימאָרגן פון יאָר; און נאָך איידער די פויגל האָבן זיך ווידער באַוויזן; הערסטו שוין זייער צוריק פליען. אָט ווי דער שפּיץ פון אַ טורעם, וואָס גייט פאַרלוירן אין קלאָרן הימעל,

זעסטו די וואָלקענס פון פליגעל, זעסטו די סטאַיעס שוואַלבן; זיי קומען, זיי פליען אַריבער ימים! און דו הערסט שוין זייער געזאַנג ביי זיך אין האַרצן...

ווי אַלע געזונטע מענטשן האָט אַנעט ליב געהאַט אַלע צייטן פון יאָר. צופּאַסנדיק זיך צו זיי האָט זי ווי אַנטייל גענומען אין זייערע באַרגענע כּוחות. די כּוחות פון דער פרילינג באַנייאונג האָבן ביי איר אַרויסגערופן גרויסן עקסטאַז.

זי איז אַרומגעגאַנגען, אַ גליקלאַכע דערמיט וואָס זי גייט אַרום, אַ גליקלאַכע דערמיט וואָס זי אַרבייט, און וועט זיך אומקערן אַהיים פאַרמאַטערט, מיד, אָבער מונטער און מיט אַ גוטן אַפּעטיט. עס האָט אין איר צוריק ערוואַכט דער אינטערעס צו אַלץ, זי האָט זיך גענומען באַציען מיט אַ נייעם אינטערעס צו אינטעלעקטועלע אַרבייטן; ביכער, מוזיק, וועלכע זי האָט אינגאַנצן פאַרוואַרפן פאַר די לעצטע דריי פיר יאָר. עס פלעגט ניט איינמאָל טרעפן, אַז זי פלעגט אַרומגיין אין אָוונט, כאָטש זי איז געווען זער מיד פון טאָג, און לויפן אין אַ צווייטן עק פאַריז, כּדי אויסנוצן אַ בילעט צו אַ קאָנצערט. סילוויע האָט איר מקנה געווען. ביי דער צייט איז סילוויע פאַרגאַנגען אין טראָגן און האָט געפילט זער ניט גוט.

אין אירע אָוונט שפּאַצירן האָט אַנעט ניט איין מאָל געהאַט אַ באַגלייטער, זי האָט אים אָבער ניט באַמערקט, זי איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין אירע טרוימען; אָבער פּלוצלינג פלעגט זי זיך אָפּשטעלן אין מיטן פון אירן אַ מאַנאָלאָג, מיטן געפיל אַז עפּעס שלעפּט זיך איר נאָך אירע טריט. זי האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, און האָט באַטראַכט מיט נייגעריגקייט דאָס עטוואָס, וואָס האָט עפּעס געמורמעלט צו איר אין דער שטיל. זי האָט געצויגן מי די פּלייצעס, אָדער פאַרקרימט דאָס פּנים און איז אוועקגעגאַנגען מיט שנעלע טריט און דערביי געזאָגט: „ס'אַראַ אַלטער נאַר"

דער נאַר איז אָפטמאָל געווען יונג; און אַנעט האָט געטראַכט:

— אין צוועלף יאָר אַרום, וועט מעגלאַד מאַרק זיין אַזוי.

זי פלעגט זיך אָפּשטעלן אַז אויפגעבראַכטע, און דער קלוימערש־דיקער מאַרק האָט געקראָגן אַ בייזן בליק, וועלכער איז געווען געווענדעט ניט צו אים, נאָר צו אַ צווייטן; אָבער דער בליק האָט לאַנג ניט גע־דויערט, און אין אירע אויגן האָט זיך ווידער צושפּילט אַ שמייכעל.

דער גערדאנק צו זען מארקן אין אזא סיטואציע, אים זען אלס א דערוואקסענעם שיינעם בחור האט איר, ניט קוקענדיק אויף דעם אלעמען, זער געשמייכעלט. איר מוטערלאכער שטאלץ האט געפונען אין דעם א געוויסע באפרידיגונג. זי האט דאס באמערקט אין זיך, און האט זיך פירגעהאלטן דערפאר... ניין, זי האט געטאן נאך בעסער זי האט פירגעהאלטן מארקן.

— א, דו מיאוסער שטיפער, לאם איך נאר קומען אהיים, וועל איך דיר שוין אנדרייען די אויערן.

אט די קליינינקע פאסירונגען האבן איר צוגערשט פארשאפט שפאס. אבער זיי האבן זיך געהאלטן אין איין ווידערהאלן...

— אך, ס'ארא אנשיקעניש! דאס איז שרעקלאך! מען קען רואיק ניט ארומגיין איבער די גאסן. בלויז דערפאר וואס דו קוקסט אויף רעכטס אדער לינקס, אזוי איינפאך אן אירגענד וועלכן הינטער־געדאנק. ווייל דו שמייכעלסט ווען דו גייסט, פארדעכטיקן דיך אלע, אז דו טראכסט וועגן ליבע! ליבע, איך קען זי, איך האב זיך גענוג אנגעזען מיט איר! זיי די נאראנים זענען זיכער, אז מען קען זיך גאר אן זיי ניט באגיין. זיי קענען זיך גארניט פארשטעלן, אז מען קען זיין גליקלאך אן זיי. זיין גליקלאך בלויז דערפאר, וואס דער וועטער איז שיין, דערפאר וואס מען איז יונג, און מען האט דאס ביסעלע וואס מען דארף!... זאלן זיי טראכטן וואס זיי ווילן! אבער איך טראכט דאך ניט וועגן זיי!... איך קוק אפילו קיינמאל ניט אויף זיי!

זי האט דייקע אויף זיי יא געקוקט; נאר אזוי ווי זי האט זיך געפונען אין א גליקזעליקן צושטאנד (פון שפילעוודיקער פרייהייט) האט זי זיי ניט אידעאליזירט. א, ניין! זי האט געפרעגט ביי זיך ווי איז דאס מעגלאך זיך צו פארליבן אין א מאן? און ווירקלאך, א מאן איז גאר ניט אזא שיינע חיה! מען דארף ווירקלאך פארלירן דעם קאפ, אום צו געפינען אים אנציענד... ראוויערס טאכטער, וועלכע איז געווען א גוטע פראנצויזין, פון יענעם מין וועלכע עס האט אונז געגעבן די קלאסישע ליטעראטור,—וואס האט געלייענט ראבעלעס און מאליער, האט ווידערהאלט פאר זיך אלייז די ווערטער פון דארינע צו טארטיופן.

זי האט זיך אויסגעלאכט פון ליבע... (אך, ווי זי האט זיך גענארט דעריין). זי האט געוועקט ליבע. זי האט געטראגן די ליבע אין איר הארצן. די ליבע איז דארטן געלעגן און קלוימערשט געדרימעלט, אבער

דאָס איז געווען בלויז אַ מיליטערישער דריידל. זי האָט געוואָרט, עס זאָל שלאָגן איר שעה. אָט די קליינינקע איבערפאַלן זענען געווען, ניט מער, ווי פאָרבאַרייטונגען פאַר אַן אמת׳ן אָנפאַל. דער שונא האָט זיך באַוויזן. דער פּרינץ...

ווער וואָלט אים געקענט חושד זיין? אימיצן אַנדערש, אפשר. אָבער, אָט דער מאַן! ס׳אַרא ווילדער איינפאַל.

דזשוליאַן די מאַנט איז געווען אין דעם זעלבן עלטער וואָס אַנעט, צווישן ניינאונצוואַנציק און דרייסיק יאָר. פון מיטעלן וואוקס, אַביסעל געבויגן, מיט אַן עטוואָס אומעטיק פּנים, ער וואָלט געווען ניט קיין שיינער, ווען ניט זיינע שיינע און גוטע אויגן, אַזוינע קלוגע און ערנ־סטע, מיט אַן אויסדרוק פון רירענדר צערטלאַכקייט, ווען מען איז בייגעקומען זייער שעמעוודיגקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן שטערן מיט אַ קנייטש אין דער מיט, אַ גרויסן נאָז, באַקן מיט גרויסע באַקנ־ביינער, אַ קורצע שוואַרצע באָרד, און אַ שיינעם מויל, וועלכער איז געווען באַהאַלטן אונטער זיינע לאַנגע וואָנצן. (דזשוליאַן האָט ווי אומיסטן באַהאַלטן אַלץ וואָס איז געווען אין אים ווייניגער מיאוס); — דער קאָליר פון פּנים אַ טונקעלער, ווי פון אַלטן עלעפאַנט־ביין. דאָס איז געווען דער קאָליר פון אַ מענטשלאַכן פּנים, וועלכער פאַרברייננגט זיין צייט פיל מער צווישן ביכער, ווי אויפן זון. אַ געזיכט וואָס האָט אויסגעדריקט קלוגשאַפט און גוטסקייט, אָבער אַביסל אַן אומעטיגס, אַזוי ווי פאַרשלאָפן, אויף וועלכן דאָס לעבן און די לײדענשאַפטן האָבן נאָך ניט אַרויפגעלייגט זייער שטעמפּל, זיין אַלגעמיינער אויסזען איז געווען אַ פּאַראָמערטער, ווי ביי אַ שלי־מזל׳ניק.

ער איז געווען נאָך נאַאיווער און אומדערפאַרענער ווי אַנעט. וועלכע איז נאָך אַליין אויך געווען אַ היבש ביסעל נאַאיוו און אומדער־פאַרן. ניט קוקענדיק אויף איר געוואַגטער איבערלעגונג: אַן איבערלעג־בונג, וואָס איז געווען ניט אַזוי דזיערהאַפט ווי שטאַרק, איז זי אין דער וועלט פון ליבע נאָך אַלץ געווען אַ נייאינקע! אמת אַז די אינ־טואיצע וואָס זי האָט געירשענט פון איר טאַטן, צוזאַמען מיט די געשפּרעכן מיט סילוויען, וואָס זענען ווערט געווען גאַנץ אָפט די שמועסן פון דר קעניגין פון נאַוואַריע, האָבן איר דערקלערט זייער אַ סך כמעט אינגאַנצן. אָבער אַ לעקציע, וואָס איז ניט באַנומען גע־וואָרן מיט דער דערפאַרונג פון האַרצן ווערט זייער שוואַך דערלערנט.

ווערטער זענען ניט פון דער זעלבער מאַטעריע, ווי די ווירקלאַכקייט. און ניט איינמאָל טרעפט, אַז ווען איר געפינט אין לעבן דאָס, וועגן וואָס איר האָט געלייענט אין אַ בוך, דערקענט איר דאָס ניט. אַנעט וועלכע האָט אַלץ אַזוי גוט געוואוסט האָט דאָך באַדאַרפט יעדע זאַך לערנען אויף דאָס ניי. און דזשוליאַן האָט באַדאַרפט לערנען אַלץ פון אַלף בית.

ער האָט געלעבט אַן ליבע. אין פראַנקרייך האָט מען זער מורא צו ריידען וועגן אָט דעם מין „אומוויסענדע". זיי רופן אַרויס אַ לייכטן שפּאָט, פון דעם שאַרפזיניקן פאָלק. די פאָרמען פון אָט דעם שפּאָט זענען ניט אַזוי שאַרפזיניק, ניט פאַרשידענאַרטיק און פון גאָר קליינעם ווערט. די צאָל פון אָט די "אומוויסענדע" איז אַ גאַנץ גרויסע. די אורזאַכן זענען פאַרשידענע: רעליגיעזע געוויסענהאַפטיגקייט, אָדער מאָראַלער פוריטאַניזם, איבערמעסיגע שעמעוודיגקייט, אָפט אַ קרענק־לאַכע, נאָר ערגער פון אַלעס, — די לאַסט פון צו שווערער דריקענדער אַרבייט, — וואָס רויבט ביי מענטשן זיין יוגענט, אַ לעבן פון אָרימ־קייט און אַרבייט, — אַ ווידערגעפיל צו וואולגאַרע ליבע אינטריגעס, רעספּעקט פאַר דער צוקונפט, פאַר יענער וואָס דאַרף קומען (און קומט ניט); אין די אַלע פעלע איז אַן צווייפעל, אין אַ געוויסער מאָס אויך שולדיק דער קאַלטער צפון טעמפּעראַמענט, די לאַנגזאַמע דערוואַכונג פון הערצן, אָבער דאָס זאָגט גאָר ניט וועגן דער קראַפט פון די צוקונפ־טיקע ליידענשאַפטן. גראָד פאַרקערט — זי קלייבט זיי און האַלט זיי אין רעזערוו. זייער צאָל איז גרויס; און די גליקלאַכע יונגוואַרג וואָס לעבט דעם געוויינלאַכן לעבן פון יוגענט קוקט זיך ניט אום אויף זיי. זיי בלייבן אין אַ זייט. דזשוליאַן האָט געקענט דאָס לעבן בלויז מיטן שכל.

ער האָט געשטאַמט פון אַן בורזשואזער פאַמיליע; אַן אָרימער און אַרבייטזאַמער, זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען בלויז פון אים מיט זיינע עלטערן. — דער פאָטער אַ לערער, וואָס האָט געאַרבייט אַריבער זיינע כוחות, און די מוטער, מיט ליב און לעבן איבערגעגעבן צום זון, וועלכער איז ניט ווייניגער געווען איבערגעבן צו איר. אַ טיף רעליגיעזע, אַן אמת גלויביגער קאַטאָליק, פון ליבעראַלן שניט. האָט ער געלעבט אַ מאָנאַטאָנעם לעבן פון אומאויפהערלאַכער אַרבייט, וואָס האָט זיך זעלטן באַלויכטן מיט אַ קאַלטלאַכן פונק פון גליק, פון באַוואוסטזיין

אַז ער טוט זיין פליכט. ער האָט ניט געהאַט קיין ברעקעל אינטערעס צו דער פּאָליטיק, און האָט געפילט אַ דערווידער צו יעדער עפנטלאַכער אַרויסטרעטונג. ער האָט פאַרמאָגט דעם קולט, און אַ טיפע ליבע צו דעם פאַרבאָרגענעם אינערלאַכן, אַזוי צו זאָגן היימישן לעבן. ער איז געווען אַ באמת ערלאַכע און באַשיידענע נשמה, וואָס האָט באַנומען די ווערט פון שטילע אָבער שטאַרקע מענטשלאַכע מעלות, אין די טיפענישן פון זיין האַרצן אַ בלום פון פּאָעזיע.

ער איז געווען אַ געהילפס לערער פון מאַטעמאַטיק און נאַטור וויסענשאַפט אין אַ ליציי. ער האָט אַמאָל געקענט אַנעט, ווען זיי האָבן צוזאַמען געלערענט אין אוניווערזיטעט. זיי זענען דאַן אַלט געווען צוואַנציק יאָר. פון ערשטן טאָג האָט אים געצויגן צו איר, אָבער אַנעט, צו יענער צייט, אַ רייכע און אַן אַרומגערינגעלטע מיט פאַרעהרער האָט געשיינט מיט יוגענט און מיט דעם עגאָאיזם פון גליק און האָט אים כמעט ניט באַמערקט. אין דזשוליאַנען האָט זי געוועקט מורא. זיינע חברים, געוואַגטערע פון אים, האָבן פאַרכאַפּט אַרום איר דאָס אָרט וואָס ער האָט געגעאָרט צו פאַרנעמען. ער האָט זיי מקנא געווען, אָבער ער האָט פילו ניט פּראָבירט צו קאָנקורירן מיט זיי, ווייל ער האָט זיך באַטראַכט פאַר דעם ווייניקער ווירדיקן, זער ניט שיינעם און ניט געשיקטן. דערצו איז ער געווען ניט שיין געקליידעט, און האָט קיינמאָל ניט געפונען די נויטיקע ווערטער, און אויף אַזאַ אופן געשאַפן ביי אַ צווייטן אַ פאַלשע פאַרשטעלונג וועגן זיין אינטעליגענץ און אויפריכקיקייט. דער באַוואוסטזיין פון זיין אויסערלאַכער ניט שיינקייט האָט אים נאָכמער פאַראַליזירט דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ טיפן חוש פאַר שיינקייט; אַנעטס שיינקייט האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ שטילע באַגייסטערונג. ווייל אין זיינע אויגן האָט זי אויסגעזען וואונדערלאַר־שיין. ער האָט ניט פאַרמאָגט יענע פרייהייט פון געדאַנק, וואָס זיינע חברים, אירע פאַרערער, האָבן געהאַט, כדי אַרויסטראָגן ענטשידענע אורטיילן. וועלכע שטריכן אין איר זענען אָנציענדע און וועלכע עס זענען ניט אַזוי שיין, צי די געדיכטע ברעמן, די פּראָמינענטע אויגן, אָדער דער קורצער נאָז. ער האָט ניט געזען קיין דעטאַלן, אָבער בלויז ער איינער צווישן אַט די אַלע יונגעלייט האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע האַרמאָני פון אַט דער לעבעדיגער פאָרמע; נאָר ער אַליין האָט איר פאַרשטאַנען: ווייל יעדער פאָרמע דריקט אויס אַן אינערלאַכן זין. אָבער די מערסטע

מענטשן שטעלן זיך אָפּ בלויז אויף די קאָנטורן פון דער צייכענונג. דזשוליאַן האָט ניט אָפּגעטיילט אין זיין געדאַנק אַנעטס אויגן, איר שטערן, די געדיכטע ברעמען פון דעם אויסדרוק פון ענערגיע און איר כאַראַקטער און אינטעלעקטועלער קראַפט. ער האָט איר געזען פון וויטן מיט אַן איינפאַכן בליק, וואָס כאַפּט ארום דאָס גאַנצע. ער האָט איר ריכטיק אָפּגעשאַצט פון אָט דעם ערשטן בליק, אַ סך ריכטיקער, ווי שפּעטער, ווען ער האָט זיך דערנעהענטערט צו איר און האָט זיך באַמיט צו דערקענען זי בעסער. ער איז געווען איינער פון יענע ווייט זעהענדיקע גייסטער, וועלכע פאַרלירן זיך און הערן אינגאַנצן אויף צו זען ביי אַ נאָענטער באַריר־ונג. אַזוינע גייסטער זענען אַמאָל געניאַל, אָבער זיי ספּאָטיקן זיך אויף טריט און שריט.

עס האָט פּאַסירט, אַז דזשוליאַן און אַנעט האָבן זיך נאָך אַמאָל געטראָפן אין דער גרויסער גלעזערנער זאַל אויפן ערשטן שטאָק, אין ביבליאָטעק סאַנט דזשענעוואַ. עס איז פאַריבער כמעט צען יאָר זינט זיי האָבן זיך געזען. דזשוליאַן האָט פאַרזיכטיק אויסגעמיטן צו דענקן וועגן דער געשטאַלט, וואָס האָט זיך היינט אַזוי אומדערוואַרטעט באַוויזן פאַר אים. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן פון בוך, און האָט זי דערזען זיצן ביים טיש אַנטקעגן אים לייענענדיק אַ בוך. אויף אירע שיינע קאַשטאַנענע האָר האָט זי געטראָגן אַ פוטערנע היטעלע; דער מאַנטעל איז געווען אַרויפגעוואָרפן אויף אירע פּלייצעס. (עס איז נאָך אַלץ געווען ווינטער, כאָטש עס איז שוין געווען גאָר נאָהענט צו פּסח; אין זאַל וואו־הין די קאַלטע לופט האָט זיך געגאָסן דורך די גרויסע פענסטער איז קיינמאָל ניט געווען גענוג וואַרים. דזשוליאַן איז געזעסן אין מאַנטל מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער. איר האַלז איז געווען אַנטבלויזט, זי האָט ניט געפילט קאַלט). מיטן עלנבויגן אויפן טיש, אָנגעשפּאַרט מיטן באַק אויפן האַנט, איז זי געזעסן אין דער זעלבער פּאָזע וואָס ער האָט נאָך באַמערקט ביי איר אַמאָל; דער שטערן אויף פאַראויס, די טונקעלע ברעמען צוזאַמענגעצויגן, איז זי מיט די אויגן אומגעלאָפן איבער די שורות פון בוך, האַלטענדיק אין מויל דעם שפּיץ פון אַ בליי־פעדער. ער האָט אין זיך צוריק דערפילט דיזעלבע רעגונג. וואָס ער האָט געפילט אַמאָל מיט צו צוואַנציק יאָר. אָבער עס איז אים אפילו ניט איינגעפאַלן זיך אויפהויבן און אָנהויבן ריידן צו איר. ניט קוקענדיק אויף דעם חשק, וואָס זי האָט אַריינגעלייגט אין איר לייענען.

ווי אין אלץ וואס זי האט געהאט געטאן, האט איר שכל דאך באנומען מער ווי דעם איינציקן געדאנק, פון דעם וואס זי האט געליענט. די אידעען וועלכע זי האט געזוכט אין בוך, און וועלכע האבן זי ווירקלאך אינטערעסירט זענען פונדעסטוועגן זעלטן געקומען אליין נאר אלע מאל אין דער באגלייטונג פון א גאנצער רייע אנדערע געשטאלטן און אידעען וואס האבן געהאט א קנאפע שייכות צו זיי. זי האט זיי געטריבן פון זיך, אט די אומבאשיידענע געשטאלטן, אבער זיי זענען געקומען צוריק און האבן געקלאפט אין טיר. די העכסט אינטעלעקטועלע פרוי פארגעסט זיך קיינמאל נים פאלשטענדיק אין דעם וואס זי לייענט: דער אינערלאבער שטראם איז צו שטארק. אנעט האט איבערגעריסן אויף א ווײַלע דאס לייענען כדי צו עפענען די טיר פאר אט דעם שטראם.

און ווען זי האט זיך אויף אזא אופן אפגעשטעלט, און האט זיך אומגעקוקט מיט אן אומקלארן בליק, האט זי זיך באגעגנט מיט דזשוליאנס אויגן, וועלכער האט געקוקט אויף איר. צוערשט האט זיך איר געדוכט אז דזשוליאנס געשטאלט, איז איינע פון יענע געשטאלטן וועלכע האבן זיך געוועבט אין איר געדאנק. נאר זי האט זיך גלייך אויפגעכאפט און א דערפרייטע האט זי אויסגעצויגן צו אים די האנט איבערן טיש.

דזשוליאן איז א פארלוירענער צוגעגאנגען און האט זיך אוועקגעזעצט ארום איר. זיי האבן אנגהויבן ריידן. אמת, אז דזשוליאן האט כמעט נים גערעדט. ער איז געווען באטויבט פון אזא אומדערווארטעטן גליק. אנעט האט אליין גערעדט. זי איז געווען זער צופרידן, זי האט צוריק דערזען איר גליקלאכע פארגאנגענהייט. דזשוליאן האט געשפילט אין איר גאר א קליינע ראלע, ער איז געווען א באנאל רינגעל אין דער קייט; דער קאראהאד האט זיך פארנאנדערגעוויקעלט, און דזשוליאן איז שוין געווען ווייט ווייט. אים אבער האט זיך געדוכט, אז אנעט זעט אים מיט אירע לאכענדיקע אויגן. א צוטומעלטער, האט ער אליין נים געוואוסט וואס ער רעדט, און ווי אזוי ער ענטפערט איר. ער האט זיך באמיט צו באהאלטן פון איר די באגייסטערונג. וואס זי האט אין אים ארויסגערופן. אין זיינע אויגן האט זי אויסגעקוקט זער שיין, נאך שענער ווי אמאל, אבער עפעס נעהענטער, א סך מענטשלאכער, און אין א געוויסן זין ניי... אין וואס פאר א זין? ער האט קיין זאך נים געוואוסט וועגן איר. די לעצטע נייעס וואס ער האט געהערט וועגן איר.

איז געווען וועגן איר פּאַטערס טויט, מיט אַ זעקס יאָר צוריק. ער האָט געלעבט אַן אָפּגעזונדערטן לעבן און די פּאַריזער רכילות האָבן צו אים ניט דערגרייכט... ער האָט געפרעגט אויב זי וואוינט נאָך אַלץ אין דער באַלאַן הויז.

— וואָס איר ווייסט ניט? איך האָב שוין פון לאַנג פאַרלאָזן יענע נעסט... יאָ, מען האָט מיך אַרויסגעשטעלט...

ער האָט ניט פאַרשטאַנען. האַסטיק, מיט אַ פרייליכער מינע האָט זי אים דערקלערט, אַז צוליב איר נאָכלעסיגער באַציאונג צו אירע געשעפטן האָט זי דורך איר אייגענער שולד פאַרלוירן איר גאַנצן פאַרמעגן... און דאָס איז געווען זער אַ גוטע זאַך, האָט זי צוגעגעבן.

און זי האָט שוין גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. און אַפילו קיין איינציגן וואָרט האָט זי ניט פאַרלוירן וועגן איר פּערזענלאַכן לעבן. ניט ווייל זי האָט געוואָלט וואָס אויסבאַהאַלטן, נאָר פּשוט דערפאַר, וואָס דאָס האָט קיין שייכות ניט געהאַט צו אַנדערע. ווען דזשוליאַן זאָל געווען איר שטעלן פראַגן, וואָלט זי אים געווען געענטפערט מיטן ריינעם אמת. אָבער ער האָט איר גאָרניט געפרעגט, ער האָט ניט געוואַגט דאָס צו טאָן. אין זיין קאָפּ האָט זיך געדרייט בלויז דער איינציגער געדאַנק: זי איז אָרים — אָרים ווי ער... אין אים האָט אויפגעלעבט די האָפנונג.

כדי צו באַהאַלטן זיין אויפרעגונג, האָט ער זיך חבריש אַן קונצן איבערגעבויגן איבער דעם זשורנאַל וועלכן זי האָט נאָר וואָס געלייענט.

— וואָס לייענט איר דאָ?

ער האָט איבערגעמישט עטלאַכע זייטלאַך. אַ וויסענשאַפטלאַכער זשורנאַל. דאָ איז געלעגן אַ גאַנצער הויפן פון זיי.

— יאָ, האָט געענטפערט אַנעט, איך מיה זיך אַניאָגן דאָס וואָס איך האָב דורכגעלאָזן. עס איז ניט אַזוי לייכט. איך בין זער אָפּגעשטאַנען פאַר די לעצטע פינף יאָר. איך דאַרף פאַרדינען אויף מיין לעבן. געבן לעקציעס, האָב איך קיין צייט ניט, מיה איך זיך אַנצויאָגן די דורכגעלאָזענע צייט. איך שלינג ווי איר זעט! (זי האָט אַנגעוויזן אויף די אָפענע זשורנאַלן וואָס האָבן זי אַרומגערינגעלט) איך וואָלט וועלן זיי אַלע איינשלינגען. אָבער עס איז צופיל, און איך קען דאָס ניט באַוויזן. איך דאַרף יעדע זאַך לערנען אויף דאָס ניי. אַזויפיל פאַרשידענאַרטיקע שאַפונגען האָבן זיך באַוויזן אויפן פעלד פון געדאַנק, פאַר דער

צײַט וואָס איך בין אָפּגעשטאַנען; אין זײַערע אַרבייטן געבן זיי אַז ווערק, וועגן וועלכע איך ווייס גאָר ניט... מײַן גאָט, ווי האַסטיק מען גייט פאַראויס!... אָבער איך שווער איך וועל אָניאָגן. איך וויל ניט בלײַבן אויפן וועג פון הינטן, ווי אַ הינקענדיקע קאַליקע. דאָרטן איז דאָ וואָס צו זען, און איך וויל אַלץ זען... דזשוליאַן האָט געשלינגען אירע ווערטער: אָבער פון אַלץ וואָס זי האָט גערעדט איז פאַרבליבן אין זײַן זכרון בלויז דאָס: אַז מיט אַרבייט פאַרדינט זי אויף איר לעבן, און אַז זי האָט געלאַכט. אין זײַנע אויגן האָט זיך אָנעט אויפגעהויבן אויף אַזאַ הויך, צו וועלכער די אַמאָליגע אָנעט האָט קיינמאָל ניט דערגרייכט. זי האָט אים מיטגעריסן מיט זיך. זי האָט אים געבראַכט פרייד, וואָס ער האָט ניט געהאַט. זיי זענען אַרויס צוזאַמען. דזשוליאַן האָט זיך ניט געקענט געבן אַן עצה מיט דעם נײַעם אָנבליק, וואָס זי האָט גוט געזען אין אים. און ער איז געווען אַ שטאָלץ וואָס ער גייט מיט אַט דער שיינער פרוי. אַמאָל אין די פריערדיקע צײַטן, האָט זי כמעט ניט באַמערקט, אַז ער לעבט אויף דער וועלט. און איצט האָט זי אים דערמאָנט אין פאַרגעסענע קליינע פּאַסירונגען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרמישט. זי האָט בײַ אים געפרעגט וועגן זײַן מוטער.... דאָס האָט אים אַזוי גערירט, אַז זײַן שעמעוודיגקייט איז צורינען; און פון זײַן זײַט האָט ער איר גענומען דערציילן וועגן זיך, אָבער זײַן צונג איז געווען ווי אַ פאַרפרוירענער. אָנעט האָט אים אויסגעהערט מיט אַ ליבלאַך־שפּאַטישן שמייכל. זי האָט דערשפּירט אַ פאַרלאַנג אים אונטערצוזאָגן ווערטער. ער איז נאָך אַלץ געווען אין אָנהייב פון זײַן דערציילן, און זיכערער האָט ער זיך דערפילט ערשט דאַן, ווען זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט צו זעגענען זיך מיט אים. ער האָט קוים באַוויזן זי צו פרעגן ווען זי קלײַבט זיך צו קומען אין ביבליאָטעק נאָך אַמאָל. ער איז געווען איבערגליקלאַך, ווען זי האָט געענטפערט מאָרגן.

דזשוליאַן האָט זיך אומגעקערט אַ היים אַן אויפגערעגטער און צודרייטער. ער האָט זיך פּשוט געשעמט פאַר זיך אַליין, פאַר זײַן ניט רירעוודיגקייט, אָבער מאָרגן וועט ער דאָס פאַריכטן. הײַנט האָט ער וועגן קיין אַנדער זאַך ניט געוואָלט טראַכטן, אויסער דעם וואונדער פון אָט דער פרײַנטשאַפט. אָנעט פון איר זײַט איז אויך געווען זייער צופרידן פון אָט דער באַגעגעניש, ווײַל זי איז פאַרזונקען אין דער סביבה, וואָס האָט אַרומגערינגלט סילוויען, און האָט זיך מיט פאַרגעניגן

געטראָפן מיט אַ חבר פון אירע סטודענטן יאָרן. מען קען ניט זאָגן, אַז ער פאַרמאָגט צופיל לעבעדיגקייט, אָבער ער איז אַן ערנסטער און סימפּאַטישער און ערלאַכער בחור... ס'אַרא שטיק אייז!...

אויף מאָרגן האָט זי ניט געהאַט קיין אורזאַכן צו בייטן וועגן אים איר מיינונג. פון פראָסט איז ער אָפּגעגאַנגען בלויז דאָן, ווען ער איז פאַרבליבן אַליין ביי זיך אין דער היים. אָבער ווי נאָר ער האָט ווידער דערזען אַנעט, אַזוי איז ער צוריק פאַרפרוירן געוואָרן. דאָס האָט אים אריינגעבראַכט אין פאַרצווייפלונג. ער האָט צוגעגרייט אַ סך זאַכן איר צו דערציילן — (ער האָט זיך געגרייט צום געשפּרעך, ווי מען גרייט זיך צו אַ לעקציע). אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען פאַר זיך אַנעט, אַזוי איז פון אַלץ וואָס ער האָט צוגעגרייט גאָר ניט געבליבן, נאָר לאַנגווייליק־נאַרישע שטיקלאַך פון יענער דערציילונג, וואָס איז מיט אַזויפיל ריי־רענדער האַרציגקייט אויסגעוועבט געוואָרן אין אים. עס איז אים אַליין געווען לאַנגווייליק צו הערן זיין שטאַמלען. זיכער און אין דער היים האָט ער זיך געפילט בלויז דאַן ווען דער געשפּרעך איז אריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן געביט פון וויסענשאַפטלאַכע פראַגן. דאָ איז ער געווען פינקטלאַך, קלאָר, און אַפילו לעבעדיק. אַנעט האָט מער ניט באַדאַרפט. זי האָט אים פאַרשאַטן מיט פראַגן, וועלכע האָבן אונטערהאַלטן דזשוּ־ליאַנען מיט זייער חכמה, פלינקער באַנעמונג, — וועלכע האָט אָפט געטראָפן קאַפּויר, נאָר — (עס איז געגוג געווען אַ וואָרט) — און זי איז שוין געווען ביי יענעם פּונקט, וואוהין מען האָט איר געוואָלט ברענגען... ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף אַט דעם אויפמערקזאַמען פנים און אויף אַט די אויגן, וועלכע האָבן זיך ווי פאַרטיפט אין זיינע, כדי שנעלער אויפצוכאַפּן זיין געדאַנק, און מיט אַמאָל אויפלייכטן... זי האָט פאַרשטאַנען; ער האָט געשפּירט די פרייד פון געטיילטן געדאַנק, אַט די אומזיכטבאַרע זון און אומגעהויערע פּערספּעקטיוון באַ־לויכטן פון זיינע שטראַלן, די פרייד צו גיין מיט איר צוזאַמען איבער נייע וועגן באמת וואונדערלאַך צו שמועסן אויף אַזאַ אופן אין דער שטילקייט פון דעם גרויסן זאַל, וועלכער אַזוי געווען אַנגעשטאָפּט מיט ביכער, אין אַט דעם טעמפּעל פון געדאַנק!

וואונדערלאַך פאַר אים, אָבער ניט פאַר זיינע שכנים. ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז עס עקזיסטירן שכנים. אַנעט, האָט אים געצוואונגען מיט אַ שמייכעל אַנטשווייגן צו ווערן, און האָט זיך אויפגעהויבן אוועק־

צוגיין. ער האָט זי באַגלייט. אין גאַס, וואו עס איז מער ניט געווען די באַקאַנטע אומגעבונג — דער טיש מיט די ביכער, איז ער צוריק געוואָרן פונקט אַזוי אומבאַהאָלפן, ווי ער איז געווען נעכטן. זי האָט פּראָבירט אַרויסרופן דזשוליאַנען אויף אַ געשפּרעך ווענן אים אַליין; אַן אַרויסגעוואָרפענע אַרבייט! ער האָט ניט געקענט ביי זיך פועלן איר לאָזן צופרידן, און האָט זי נאָר געוואָלט באַגלייטן ביזן טיר פון איר וואוינונג. ער האָט זיך געפילט גערדריקט, און איז געווען שטייף און נערוועז פון אָנשטריינגונג, צייטענווייז, ניט ווילענדיק, אַפילו אומהעפ־לאַד... ער איז געווען אויסערגעוויינלאַך לאַנגווייליק! אָנעט, אַביסעל אויפגעבראַכט האָט געטראַכט:

— ווי אַזוי ווערט מען פון אים פּטור?

דזשוליאַן האָט באַמערקט דעם שפּאָטישן קנייטש אין ווינקעל פון איר מויל, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט מיט אַן אומער־טיק קול:

— אַנטשולדיגט, איך וואַרף אויף אייך אַן אומעט!... יאָ, איך ווייס דאָס, איך ווייס דאָס! איך בין אַזאַ לאַנגווייליקער איך קען ניט פירן קיין געשפּרעך. איך בין ניט געוואוינט דערצו. איך לעב אַליין. מיין מוטער איז אַ גוטע, זער אַ גוטע, אָבער איך קען ניט טיילן מיט איר אַלע מיינע געדאַנקן. פילע פון זיי וואָלטן איר פאַרשאַפן עגמת נפש; זי וועט זיי ניט פאַרשטיין... און איך האָב ניט געקענט געפינען קיין מענטשן, וועלכער זאָל זיך געווען מיט זיי פאַראינטערע־סירן.. איר זענט געווען אַזוי גוט. און איר האָט מיך אַזוי מילד אויס־געהערט, אַז ביי מיר האָט זיך דערוועקט אַ פאַרלאַנג אייך צו דער־ציילן... נאָר דאָס איז אומעגלאַך; ניט אינטערעסאַנט. און אויך ניט ריטערלאַך... לעבן און שווייגן... ענטשולדיגט מיר. וואָס איך האָב אָנ־געיאָגט אויף אייך אַן אומעט.

אָנעט איז געווען גערירט. אין אָט די ווערטער איז געווען אַן אויפ־ריכטיגער געפיל; אָט דער געמיש פון באַשיידענהייט און טרויעריגער שטאָלץ האָבן זי ערשטוינט; אונטער דער קאַלטער אויסערלאַכקייט האָט זי דערפילט אַ צאַרט האַרץ, וואָס האָט ערגעץ ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג. אין איינעם פון יענע נשמה דראַנגן, וועלכן זי האָט ניט געקענט ווידערשטיין, האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ פריינטלאַכער מיטגעפיל און רחמנות צו דזשוליאַנען. און זי האָט געזאָגט מיט היץ:

— ניין, ניין, זאָל איך ניט באַנגטאַן! איך דאַנק אייך, איר האָט גוט געטאָן, וואָס איר האָט אָנגעהויבן רעדן, — זי האָט זיך פאַריכט מיט אַ לייכטן שפּאָטישן שמייכעל, וואָס האָט אָבער ניט ענטהאַלטן קיין סימן פון באַליידיגונג, — פאַראַבירן ריידן. יאָ דאָס איז ניט לייכט, איר זענט ניט געוואוינט... נו, איך בין אַפּילו צופרידן וואָס איר זענט ניט געוואוינט!... מיר איז ניט פאַרוועדט צו האָפן אַז מיט מיר וועט איר ערווערבן אַט די געוואוינהייט... איר ווילט? אַזוי לאַנג ווי איר האָט קיינעם ניט מיט וועמען צו שמועסן!...

דזשוליאַן איז געווען צופיל גערירט, ער זאָל קענען ענטפערן, אָבער זיין דאַנקבאַרקייט האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין בליק, וואָס איז נאָך אַלץ געווען זער שעמעוודיק. כאָטש עס איז איר שוין פון לאַנג צייט געווען צו זיין אין דער היים, האָט זי דאָך פאַרלאַנגזאַמט אירע טריט, כדי צו פאַרברייגגן מיט אים נאָך אַ פּאָר מינוט. און זי האָט געפירט דעם געשפּרעך מיט אים חבריש, איינפאַך און האַרציק, און דאָס האָט געווירקט אויף אים, ווי די באַרירונג פון אַ פרישער האַנט צום שטערן פון אַ קראַנקן. ער איז געווען ווי אַ צוואָוואונדעטער, וועמען עס טוט וויי אין אַ סך פלעצער. ער האָט זיך געגויטיגט אין אַן אמת צאַרטער באַהאַנדלונג... איצט האָט ער ווי אויפגעלעבט... אָבער זי האָט געמוזט אַריין אין הויז... אַנעט האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן פון צייט צו צייט. און זיי האָבן ביידע אַנערקענט, אַז די אַרבייט וועלכע זיי האָבן היינט אויפגעטאָן אין ביבליאָטעק, קענען זיי, מיט דעם זעלבן ערפאָלג פאָרטזעצן אין לוקסענבורג, אָדער...

— אָדער... וואָרום ניט ביי מיר?

און אַנעט האָט אים איינגעלאַדן אויף איינע פון נאָהענטסטע זונטיקן, און איז פאַרשוואונדען ניט וואַרטענדיק אויף קיין ענטפער.

אַך, ווי גוט ער וואָלט געוועדט איצט, ווען זי איז שוין מער דאָ ניט געווען!.... ער האָט ווידערהאָלט אין געדאַנק די גאַנצע סצענע פון אָנפאַנג ביזן סוף; אַנעטס גוטסקייט האָט אים שטאַרק גערירט. און אַזוי ווי אַט דער מענטש איז געווען אַ געלאַסענער, און האָט געהאַט גלייכגעוויכט אין זיינע וויסענשאַפטלאַכע אינטעלעקטועלע אַרבייטן, איז ער ניט געווען פעהיק צו מעסטן, און היטן די מאָס אין זיינע געפילן פון האַרצן, דערפאַר האָט ער זיך גלייך אַן צווישן עטאַפּן אַרי־

בערגעטראָגן פון דעם געדאַנק, אַז זיין ליבע איז פּאַראָרטיילט צו בלייבן האָפנונגסלאָז, צום געדאַנק, אפשר...

XVIII

אַנעט האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אין דזשוליאַנען. דער ניט שיינער אויסזען פון איר נייעם חבר, איז געווען פאַר איר אַ גאַראַנטיע פון ליבע, און לעכרלאַך. זי האָט געדיינקט, אַז דאָס מוז אויך גאַראַנטירן דזשוליאַנען פון ליבע צו איר. זי האָט אים רעספּעקטירט, זי האָט געהאַט מיטלייד מיט אים. פון מיטלייד איז ער געוואָרן סימפּאַטיש. איר איז געוואָרן אָנגענעם, צו זאָגן צו זיך אַליין, אַז זי קען אים גוטס טאָן; און דערפאַר איז ער איר געוואָרן נאָך סימפּאַטישער. אָבער עס וואָלט איר קיינמאָל ניט איינ־פאַלן, צו זיין אויף דער וואַך וועגן אים און נאָך וועניגער וועגן זיך.

זי האָט פאַרגעסן וועגן איר איינלאַדונג. ווען ער איז געקומען צו איר דעם קומענדן זונטיק, האָט זי אים באַגעגנט מיט אַ פריידיגער איבעראַשונג, וועלכע איז ניט געווען קיין געמאַכטע. אָבער דזשוליאַן, וואָס האָט די גאַנצע וואָך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אָט דער באַגעגעניש, האָט ניט געזען די איבעראַשונג, ער האָט געזען בלויז די פרייד; און דערפון איז געשטיגן זיין אייגענע פרייד. דער וועטער איז געווען אַ שלעכטער; און אַנעט האָט זיך ניט געקליבן אַרויסצוגיין פון שטוב. אַזוי ווי אַנעט האָט ניט ערוואַרטעט, אַז אימיצער זאָל קומען איז זי ניט געווען אַזוי פּינקטלאַך אָנגעטאָן, און אין צימער האָט אויך געהערשט אַ קליינע אומאָרדנונג, עס האָט זיך געפילט, אַז דאָ איז געווען אַ קינד. ווי שטאַרק עס זאָל ניט זיין איינגעוואָרצעלט אין אייך די ליבע צו אָרדנונג, ווי ביי אַנעט, וועט אייך שווין אַ קינד אָפּגעוווינען דערפון, ווי פון אַ סך אַנדערע שיינע פּלענער, וואָס איר האָט פאַר זיך אויסגעאַרבייט. אָבער דזשוליאַן, פון זיין שטאַנדפּונקט, האָט געזען אין אָט דער — שיינער אומאָרדנונג — פאַרשטייט זיך, ניט קיין אויסדרוק פון קונסט, חלילה, נאָר אַ פאַרלאַנג אים אַרויסצואווייזן אַ געוויסע נאָענטקייט. ער איז געקומען מיט אַ קלאַפּענדיקן האַרצן אָבער מיט אַ שטאַרקן באַשלוס, דעם מאָל זיך אַרויסצואווייזן אין אַ שיינער ליכט. און ער האָט אָנגעצויגן אויף זיך אַ זיכערע מינע. אָבער דאָס

האט אים גאר ניט געפאסט. אנעט ניט וויסענדיק וואס צו טראכטן וועגן אט דער פארענדערונג, איז אפילו אביסעל אין כעס געווארן אויף איר גאסט, פאר זיין צו פרייער האלטונג. פון איר האט א בלאז געטאן מיט קעלט, און דזשוליאנס זיכערקייט אין אין דער מינוט פאר־שוואונדן. זיי זענען ביידע געזעסן אנגעצויגענע: ער ניט וואגנדיק צו רעדן, זי אויסווארטענדיק מיט אן אפלאכענדער שטאלצער מינע:

— אויב דו דענקסט, ברודער לעבן, אז אויך היינט וועל איך דיר העלפן!...

נאר דערנאך האט זי באנומען די גאנצע לעכערלאכקייט פון דער לאגע, זי האט דערזען דעם רחמנות'דיקן אויסזען פון דעם זיגער און האט זיך הילכיק צולאכט. די גאנצע אנגעצויגענהייט איז פון איר פארשוואונדן און זי האט זיך צוריק אומגעקערט צו איר חברישן טאן. דזשוליאן האט גאר ניט פארשטאנען וואס דא גייט אן, — נאר ער האט דערפילט א דערלייכטערונג, און איז אליין אויך געווארן נאטירלאכער. צום סוף האט זיך פארבונדן צווישן זיי א פריינטלאכער געשפרעך.

אנעט האט אים דערציילט וועגן איר ארבייט, און זיי האבן אנ־פארטרויט איינע די אנדערע, אז זיי זענען גאר ניט באשאפן פאר זייערע באשעפטיגונגען. דזשוליאן האט לײדענשאפטלאך ליב געהאט די וויסענשאפט וועלכע ער געלערענט, אבער...

— זיי קענען ניט נאכפאלגן נאך דעם, וואס דו לייענסט פאר זיי! זיי קוקן אויף דיר מיט זייערע פינטעלדיקע פארשלאפענע אויגן, ווי בלינדע, עס זענען אפשר פאראן צוויי, דריי, וועמענס אויגן בליצן אויף מיט אפונק פון פארשטענדניש. די איבעריקע, — זענען א שווערע מאסע פון לאנגווייליגקייט, וועלכע מיט די גרעסטע אנשטריינגונגען. קען זיך דיר אמאל (ניט אלע מאל), איינגעבן זיי אויפצואוועקן אויף איין אויגענבליק, אבער גלייך זינקען זיי צוריק ביז צום גרונט פון דער אזערע. אנו, גייט נאר און פראבירט זיי צוריק פון דארטן ארויסשלעפן! דאס איז אן ארבייט פאר אן ברונען גרעבער. אמת, זיי זענען ניט שול־דיק, די אומגליקלאכע קינדער! זיי זענען ווי מיר, א קרבן פון דער דעמאקראטישער מאניע, וועלכע איז זיכער, אז אלע מוחות זענען פעאיק צו פארנעמען דעם זעלבן סכום וויסן, און דערצו נאך פאר דעם קומן פון דעם נארמאלע עלטער. ווען זיי וואלטן, אפשר, יא אנגעהויבן צו פארשטיין! דערנאך קומן די עקזאמענעס, די אגריקולטורעלע צור־

פּאַסונגגז, ווי מען ווענט אַט די פּראָדוקטן אונזערע, וועלכע זענען אָנ־געשטאָפּט מיט געמישאַכץ פון פּאַרקריפּעלטע ווערטער. און צודרייטע באַגריפן, די מערסטע פון זיי שפּייען זיי אויס גלייך נאָך די עקזאַמענס. און מערסטענס שלאָגט אָפּ אַט דער ווילדער געמיש ביי זיי דעם חשק צו לערנען אויף זייער גאַנצן לעבן.

— און איך, האָט געזאָגט אַנעט, האָב זער ליב קינדער, אַפילו די אַמווייניגסטן אַנציהענדע. איך בין ניט גלייכגילטיק צו קיינעם פון זיי. איך וואָלט זיי אַלע וועלן האָבן, אַלעמען אַריינעמען אין מיינע אָרעמס... אָבער מען מוז זיך צאַמען, ניט אַזוי? עס איז גענוג צו האָבן איינס.

(זי האָט אָנגעוויזן אויף דער אומאָרדנונג אין צימער. נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען און האָט זינלאָז געשמייכעלט).

— ...עס איז אַן אמת'ער פּאַרדרוס, וואָס מען קען ניט אומאָרמען אַלע קינדער! ווען איך זע אַ קינד וואָס געפעלט מיר בין איך דאָס גרייט אוועקצוגנב'ענען. און זיי געפעלן מיר אַלע. אַפילו אין די מיעסטע איז דאָ עפּעס אַזאַ מין פרישקייט, אַן אומענדלאַכע האָפנונג... אָבער וואָס איך קען טאָן פאַר זיי? איך לויף דורך פאַרביי זיין, מען פאַר־טרויט מיר אויף אַ שעה און דערנאָך לויף איך צו אַנדערע. האָט איין האַנט וואָס באַשאַפן, האָט די צווייטע דאָס צושטערט. און עס בלייבט גאָרניט אויסער קליינינקע נשמות אין פאָרמען, אָדער קליינינקע פאָרמען אָן נשמות. וואָס טאַנצן דעם בעסטן טאַנץ, אָדער דעם פאַ־דע־קאַטר. מען לויפט. אַלע לויפן. און דאָס גאַנצע זעט אויס ווי אַ פעלד וואו עס קומט פאַר אַ וועט־לויף. און קיין שום אָפּשטעל. זיי שטאַרבן. זיי זענען געשטאָרבן, אַט די אומגליקלאַכע, וואָס דערלויבן זיך ניט קיין איינציגן טאָג פון קאָנצענטרירטער רואיגקייט! און זיי דערלויבן דאָס אויך אונז ניט, וואָס גאָרן אַזוי שטאַרק נאָך אַט דער רוה...

דזשוליאַן האָט זי פאַרשטאַנען ער האָט זיך ניט באַדאַרפט לער־נען צו שעצן די ווערט פון אָפּגעזינדערקייט, און די שרעק פאַר דעם המון. זיי האָבן זיך דערפילט נאָך נעהענטער איינע צו די אַנדערע, ווען אַנעט האָט באַמערקט, אַז צום גליק, זענען אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם דאָך פאַראַן אינזלען, וואוהין מען קען זיך ראַטעווען: דאָס זענען די שיינע ביכער פון פּאָעטען און באַזונדערס מוזיק. פּאָעטן האָבן וועניק צוגעצויגן דזשוליאַנען, עס איז אים געווען פרעמד זייער שפּראַך. צו אַט דער שפּראַך האָט ער זיך באַצויגן מיט אַ מאָדנעם אומצוטרויען,

וועלכע מיר באַגעגענען ביי אַ סך דענקענדע קעפּ; זיי האָבן אָפּט זייער איינגעאַרטיקע פּאַעזי, נאָר זיי באַמערקן ניט דעם טיפן ציטער אין דער מוזיק פון ווערטער. דערפאַר איז די אַנדערע מוזיק די שפּראַך פון קלאַנג מער צוגענגלאַך פאַר זיי. דזשוליאַן האָט זי ליב געהאַט. צום אומגליק האָט אים געפעלט סיי צייט, סיי געלט אויף צו גיין צו קאָנצערטן.

— מיר פעלט אויך און פונדעסטוועגן גיי איך.

דזשוליאַן האָט ניט פאַרמאַגט אַט די לעבעדיקייט. נאָך דעם אַרבייטס טאָג האָט ער פאַרבראַכט דעם אָוונט אין דער היים. ער האָט ניט געקענט שפּילן. ער האָט דערזען אַ פּיאַנאָ אין צימער.

— איר שפּילט?

— אָך, דאָס איז אַ מורא'דיקער פאַרדרוס! האָט געזאָגט אַנעט. לאַכענדיק. ער דערלויבט מיט ניט!

דזשוליאַן דערשטוינט און עטוואָס באַאומרואיגט האָט געפרעגט. ווער קען דאָס איר ניט דערלויבן? אַנעט האָט אין דער צייט דערהערט דאָס קלאַפּן פון קליינע פיסלאַך אויף די שטיגן. זי איז געלאָפן עפענען די טיר:

— איר זעט, אָט איז דער מאַנסטער!

זי האָט צוגעפירט צו אים מאַרקן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט פון דער מומע. דזשוליאַן האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען.

— מיין אינגעלע... מאַרק גרים זיך מיטן פעטער!

דזשוליאַן איז געווען דערשיטערט. אַנעט איז אַפּילו ניט איינגעפאַלן, אַז ער קען זיך וואונדערן איבער אַט דער דערשיינונג. זי האָט פריילאַך פאַרטגעזעצט אָפּהאַלטענדיק מאַרקן וועלכער האָט געוואָלט אַנטלויפן:

— ווי איר זעט, האָב איך ניט גאָר אינגאַנצן אומזיסט. פאַרלוירן מיין צייט.

דזשוליאַן האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערן, זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז געווען אַריינגעטאָן אין דעם פאַרלאַנג צו באַהאַלטן זיין פאַרלעגנהייט. ער האָט אַרויסגעבראַכט אויף זיין פּנים עטוואָס ענלאַכעס צו אַ שמייכעל, אַז דאָס זער אַ נאַרישן. מאַרקן האָט זיך איינגעגעבן זיך אַרויסצוגליטשן פון דער מוטערס הענט, ניט אָפּגעבענדיק קיין שלום. — (אָט די צערעמאָניע האָט אויסגעזען לעבער-

לאַך אין זיינע אויגן, און ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון איר. ער האָט געלאָזן דער מוטער רעדן „רעדן כדי גאָרניט זאָגן", ער האָט גוט געוואוסט, אַז אין אַ מינוט אַרום וועט זי פאַרגעסן, און נעמט אָנהויבן רעדן עפּעס אַנדערש... ביי פּרויען איז ניטאָ קיין שום אויסגעהאַלטענקייט...) פיר שפּאַן פון דזשוליאַנען, פאַרדעקט מיט די פאַלדן פון פאַרהאַנג, וועלכען ער האָט געקנייטשט מיט די פינגער. האָט זיך מאַרק צוגעקוקט צום פרעמדן מיט אַ שטרענגן בליק, און זער פלינק, אויף זיין קינדישן שטייגער האָט ער אָפּגעשאַצט די לאַגע. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אַן דעם רעכט צו אַפּעלירן: דזשוליאַן איז אים ניט געפעלן, ער האָט אים ניט ליב. און שוין.

דזשוליאַן האָט זיך נאָך מער פאַרלוירן פון אָט דעם איינגעשפּאַרטן קינדישן בליק, האָט פּראָבירט אויפצוכאַפּן צוריק דעם פאָדים פון געשפּרעך, פאַרטזעצענדיק אין דער זעלבער צייט ציען דעם פאָדים פון זיינע אייגענע געדאַנקען. אָבער דערגרייכט האָט ער בלויז דאָס, וואָס ער האָט פאַרפּלאָנטערט ביידע פעדים. פונדעסטוועגן, האָט ער זיך עטוואָס באַרואיגט. אַנעטס רואיגקייט האָט אים ניט דערלויבט צו צווייפלען אין דעם, אַז זי איז אַ פאַרהייראַטע; דאָס איז זיכער אָבער וואו איז דער מאַן. אָבער דער מאַן, וואו געפינט ער זיך? לעבט ער, צי איז ער געשטאָרבן? אַנעט האָט ניט געטראָגן קיין טרויער קליידער... און ער איז ווידער אומרואיק געוואָרן... וואָס האָט מיט אים געטראָפן, מיט אָט דעם מענטשן? דזשוליאַן האָט ניט געוואַגט צו פרעגן דירעקט וועגן דעם. נאָך אַ סך דריידלאַך, האָט ער צום סוף ריזיקירט (דענקענדיק אַז דאָס איז זער וואונדערלכער אויפטו) און נאַכלעסיג אַריינגעפאָרן:

— לעבט איר שוין פון לאַנג אַליין?

אַנעט האָט געענטפערט:

— איך לעב ניט אַליין, — און האָט אָנגעוויזן אויף איר קינד.

מער האָט ער זיך גאָרניט דערוואוסט. נאָר אַזוי ווי זי האָט אויף אַזאַ אופן צוגעגעבן, אַז זי לעבט אַליין (מיטן קינד) און נעמט דאָס אַזוי לייכט, מיינט עס, אַז איר טרויער איז ווייט הינטער איר און זי טראַכט שוין מער ניט פון אים. דזשוליאַנס אייגעננוציקע לאָגיק איז געקומען צום זיגרייכן שלוס:

— הער מאַלברוה איז געשטאָרבן..."

זאָל ער רוען אין גן עדן! ער האָט מער ניט געוועקט אין אים קיין

אומרואיגקייט. דזשוליאַן האָט אַרויסגעוואָרפן נאָך אַ לאָפּעטע ערד אויף זיין קבר און האָט זיך אויסגעדרייט צום קינד, און קרום גע־שמייכעלט צו אים. מאַרק איז אים געוואָרן סימפּאַטיש.

אָבער ער פאַר מאַרקן ניט. ער האָט אַ סך בעסער געקענט דעם צעלן געוועב און אַנאַטאָמיע פון קערפּער, ווי דעם בוי פון אַ קינדס נשמה. מאַרק האָט זער גוט געפילט אַז די העפלאַכקייט, וואָס דער גאַסט ווייזט אים אַרוים איז ניט קיין נאַטירלאַכע, און דער סוף איז געווען אַז מאַרק האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס, בורט־שענדיק:

— איך פאַרווער אים צו לאַכן מיר אין פּנים אַריין!

אַנעט, וועלכע האָט זיך אונטערהאַלטן מיט דזשוליאַנס פּרוכטלאָזע באַמיאונגען צו געווינען דאָס קינד, האָט געפינען פאַר נויטיק, צו פאַר־גלעטן מאַרקס אומהעפלאַכע אויפנאַמע. זי האָט גענומען שטעלן דזשו־ליאַנען פראַגן וועגן זיין איינזאַמן לעבן, צוערשט, אַביסעל צושטרייט, און דערנאָך אויפריכטיק פאַראינטערעסירט. דזשוליאַן, זיכערער מיט זיך, ווי אַלע מאָל, ווייל ער האָט זיך געפונען אין דער האַלב דונקעל־הייט פון צימער, האָט ער דאָס מאָל גערעדט וועגן זיך אַ סך פרייער. ער איז געווען איינפאַך און האָט ניט פאָזירט. אפילו קיין איינציקן מאָל ניט, ניט קוקענדיק אויף זיין פאַרלאַנג צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק. ער האָט פאַרמאָגט איינפאַכקייט, און אויפריכטיגקייטן, וואָס טרעפן זעלטן אין פּאַריז ביי אַ מענטשן אין זיינע יאָרן. ווען ער האָט באַרירט זאַכן, וואָס זענען אים געווען טייער, האָט ער אַרויסגעוויזן אַ איידעלקייט. וואָס האָט פאַרבאָרגן זיין איינגעהאַלטענע רעגונג. אין אַט די מאָ־מענטן, ווען ער האָט זיך געפילט פאַלשטענדיק פריי און אַנעטס פריינד־לאַכע אויפמערקזאַמקייט האָט אים צוגעגעבן מוט, איז אַרויסגע־שווימען אויף דער אויבערפלאַך זיין אמת׳ע נאַטור, און אַ שימער פון אינערלאַכער שיינקייט האָט באַלויכטן זיין פּנים. אַנעט האָט אַ פאַר־באַפּטע זיך צוגעהערט צו זיינע רייד, איר העפלאַכע גלייכגילטיגקייט פון אָנפאַנג האָט זיך פאַרביטן מיט אַ ווירקלאַכן אינטערעס.

פון דאַן אָן האָבן זיי זיך געטראָפן רעגעלמעסיק יערן זונטיק. און עטוואָס אָפטער אין יענע וואָכן ווען זיי זענען געווען פריי פון אַרבייט. אַלס אויסרייד פאַר זיינע באַזוכן האָבן געדינט דזשוליאַנען די ביכער. וועלכע ער האָט איר געגעבן ; די ביכער האָבן געפאָדערט באַרקלע־

רונגן, כדי אַנעט זאָל זיי לייכטער קענען פאַרשטיין. מאַרקן פּלגט ער ברייגגען גאַנץ טייערע מתנות, אָבער שלעכטע אויסגעקליבענע, פאַר וועלכע זיין קליינינקער פיינט האָט ניט געפילט צו אים קיין שום דאַנק־באַרקייט: ער האָט זיי באַטראַכט פאַר צו קינדיש און הינטער זיין ווערט. אָבער קיין זאַך אין דער וועלט האָט ניט געקענט אָפּשוואַכן אין דזשוליאַן זיין גוטן ווילן און זיין ענטשלאָסענהייט ניט צו זען דאָס וואָס עס האָט אים געשטערט. ווי אַלע איינזאַמע מענטשן, וואָס באַציען זיך צו דער וועלט אַן צוטרויען, פון יענעם מאָמענט וואָס זיי זאָגן זיך אָפּ פון זייער מיסטרויען צוליב אַ געוויסער אויסערוויילטער פּערזאָן, הערן זיי אינגאַנצן אויף זיך פאַנאַנדער קלייבן אין זאַכן און געבן זיך אָפּ מיט לייב און לעבן. דזשוליאַנס שכל איז געווען ממש געניאַל אויפן געביט פון זעלבסט נאַרעריי, אַזוי־פלינק און געשיקט האָט ער פאַר־ריכט און פאַרגלעט צו זיין פאַלשטענדיגער באַפרידיגונג די ערינערונגען, וואָס האָט אים געשטערט. ווי אַלע איינזאַמע מענטשן, וואָס באַזיצן האָט געזאָגט און אַלץ וואָס האָט זי אַרומגערינגעלט איז געווען גוט. (ער אַליין, ניט טראַכטענדיק דערפון איז שענער געוואָרן אין זיינע אייגענע אויגן, ווען ער האָט אָפּגעשפּיגעלט אַנעטס שיינקייט!) אַנעטס אומאויפמערקזאַמקייט, אירע נאַכלעסיגע ענטפערס, די מינוטן פון לאַנגווייליגן שווייגן אַריינגערעכנט, וועלכע ער פלעגט ביי איר אַרויס־רופן, אַלץ האָט זי געמאַכט נאָך שענער, נאָך רירענדער אין זיינע אויגן. און אַזוי ווי יעדן מאָל האָט ער ענטדעקט אין איר נייע שטריכן. וועלכע האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין געשטאַלט, וואָס ער האָט באַ־שאַפן פריער, האָט ער איבערגעמאַכט דעם פּאָרטרעט, צען מאָל אים איבערגעמאַכט, און כאָטש דער פּאָרטרעט האָט זיך געביטן און איז שוין כמעט ניט געווען ענלאַך צום ערשטען, האָט דזשוליאַן קיינמאָל ניט געצווייפעלט, אַז דער פּאָרטרעט איז אַ געטרייע קאָפּיע פון אָרי־גינאַל: ער איז געווען גרייט צו ענדערן דעם אידעאַל פון זיין ליבע אַזוי פיל מאָל, וויפיל מאָל עס וועט זיך ענדערן די, וועמען ער האָט ליב.

פאַר אַנעט איז ניט געבליבן קיין סוד זיין ליבע צו איר. צוערשט האָט דאָס זי אונטערהאַלטן, דערנאָך גערירט, דערנאָך איז זי אים געווען דאַנקבאַר, אַביסעל, אַ סך, ניט קוקענדיק אויף אַלעמען, — (דער מיאוסטער בחור אין דער וועלט, קען ניט געבן מער ווי ער האָט... אַ דאַנק דיר, מיין גוטער דזשוליאַן..) זי איז געווען באַאומ־

רואיגט אַביסעל. זי האָט זיך ערלויבט געזאָגט אַז זי טאָר אים ניט לאָזן זיך גליטשן באַרג אַראָפּ... אָבער דאָס האָט אים צוגעטיילט אַזוי פיל פאַרגעניגן! און איר — קיין שום פאַרדרוס... אַנעט איז געווען אמ־פינדלאַך, זי האָט טיף געפילט אַ צווייטענס צוגעבונדענקייט, און האָט ליב געהאַט דעם ציטער פון שמייכלען און צערטלאַכקייט, וואָס זי האָט געלייענט אין זיין בליק: זיי זענען געווען פאַר איר אַ צערטלאַכער אומ־אַרמען, וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו באַנייען... דאָס איז פּיליכט, ניט זער גוט, זי האָט דאָס צוגעגעבן. עס איז אָבער אַזוי נאַטירלאַך! כדי זיך אָפּזאָגן דערפון האָט זי באַדאַרפט מאַכן אַ געוויסע אַנשטרענגונג. זי האָט די אַנשטרענגונג געמאַכט, אָבר קיין ערפאָלג האָט זי ניט גע־האַט: ווייל אַלץ וואָס זי האָט גערעדט, כדי צו דערווייטערן פון זיך דזשוליאַנען, האָט אים בלויז נאָך מער צוגעצויגן... דאָס איז פאַטאַליזם! מען מוז זיך אונטערגעבן דעם שיקזאַל... זי האָט געלאַכט פון זיך אַליין. און דזשוליאַן האָט באַאומרואיגט געפרעגט ביי זיך צי לאַכט זי ניט פון אים...

—„דו צוויי פּנים׳דיקע! דו ליגנערטע איינע! שעמסט זיך גאָר ניט?...“

זי האָט זיך ניט געשעמט. קען מען דען, ווירקלאַך, ביישטיין דעם פאַרגעניגן צו וויסן, אַז עס איז דאָ אַ האַרץ, וואָס האָט זיך דיר אָפּ־געגעבן אינגאַנצן? דאָס באַלייכט דיינע טעג. און ווען מען קען דאָס שאַטן? וואו איז דאָ די געפאַר? אַזוי לאַנג ווי דו אַליין ביזט רואיג, און פאַלשטענדיגער באַלעבאָס איבער זיך, און פאַרלאַנגסט בלויז גר־טעס, דאָס בעסטע פאַרן צווייטן? זי האָט ניט געוואוסט אַז איינער פון די וועגן, דורך וועלכע די ליבע גנב׳עט זיך אַריין אין האַרצן, איז דער פעסטער שטאָלץ פון איינרעדעניש, אַז דו ביזט נויטווענדיק פאַר אַ צווייטן, אַט דער געפיל, וואָס איז אַזוי שטאַרק אין האַרצן פון דער אמת׳ער פרוי: באַפרידיגט אין איר די צווייענדיקע באַדערפעניש פון גוטס טאָן, וואָס זי גיט צו, און פון שטאָלץ, וואָס זי גיט ניט צו. דאָס איז אַזוי שטאַרק אין איר, אַז אַ פרוי מיט אַן אמת אידעלער נשמה, וועט אָפּט אָפּגעבן דעם פאַרצוג צו אַ מאַן, וואָס געפעלט איר ווייניגער, נאָר ווען זי איז אימשטאַנד צו באַשיצן, איידער צו דעם מאַן וואָס גע־פעלט איר בעסער, נאָר וועלכער קען זיך אָן איר אויך באַגיין. איז פּי־לייכט אין דעם פאַרבאָרגן דער עסענץ פון מוטערשאַפט? ווען אַ דער־

וואָהסענער זון וואָלט אויף זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַ ברעקעלע !.. אַ פרוי מיט אַ מוטערלאָכן האַרצן. ווי אַנעטס, באַשיינקט פרייוויליק דעם מאַן, וועמענס האַרץ עס איז געווענט צו איר מיט געבעט, מיט אַזאַ צויבער, וואָס אין דער ווירקלאַכקייט האָט ער טאַקע נים; זי באַקומט אַ נייגונג, צו באַמערקן אין אים בלויז זיינע מעלות. און דזשוליאַנען האָבן נים אויסגעפעלט קיין מעלות. און זיין אמת'ע נאַטור, וואָס איז געווען איינגעשרומפּן, עפענט זיך פאַרנאַנדער אונטער די שטראַלן פון דער זון, מיט יענעם געפיל פון אַנטציקענדער פרייד, וועלכע מען שפּירט געזונט וואַרענדיק.

זי האָט געזאָגט צו זיך אַליין, אַז ביז אַהער האָט קיינער נים געקענט אָט דעם מענטשן, אַפילו זיין מוטער, וועגן וועלכער ער רעדט אַזוי פיל, און צו וועמען זי האָט שוין אָנגעהויבן זיין אייפערזיכטיק. אַפילו ער אַליין, דער אָרימער דזשוליאַן האָט זיך אַליין נים געקענט. ווער וואָלט דאָס געקענט דיינקן אַז אונטער אַזאַ האַרטער און גראָבער הויט איז באַהאַלטן אַזאַ איידעלע, אַזאַ צאַרטע נשמה... (זי האָט איבערטריבן). ער האָט זיך געגויטיגט אין צוטרויען צו אַנדערע, צוטרויען צו זיך, און צוטרויען האָט אים אויסגעפעלט. כדי אָנהויבן צו גלויבן אין זיך, האָט ער באַדאַרפט, אַז אימיצער אַנדערש זאָל גלויבן אין אים. און אָט, האָט זי אָנגעהויבן גלויבן אין אים! זי האָט גענומען גלויבן אין דזשוליאַנען, צוליב אים אַליין, און איר גלויבן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט גענומען גלויבן צוליב זיך אַליין !... אויף אירע אויגן, האָט ער זיך צובליט ווי אַ בלום אויף דער זון. און ווי אַנגענעם דאָס איז צו פילן צו זיין די זון פאַר אַ צווייטן.—...

— בלי זיך פאַרנאַנדער, מיין האַרץ !... האָט זי דאָס גערעדט וועגן דזשוליאַנס האַרצן, אָדער וועגן איר אייגענעם? זי האָט דאָס שוין מער נים געוואָוסט. זי האָט זיך אַליין פאַרנאַנדערגעבליט פון דעם גליק, וואָס זי האָט געבראַכט אַ צווייטן.... אַ רייכע נאַטור שטאַרבט ווען זי האָט נים די מעגלאַכקייט, צו דערנערן מיט זיך אַליין קיין אַנדערע, הונגעריקע... — זיך אָפּגעבן.

אַנעט האָט צופיל געגעבן. זי איז געווען פול מיט צויבער. דזשוליאַן האָט שוין מער נים באַהאַלטן זיינע געפילן, זיין באַגער. און אַנעט — אַביסעל צו שפּעט — האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי איז נים גאָר איינגאַנצן באַשיצט...

ווען זי האָט דערזען, אַז זי אַליין איז נאָענט דערצו, אַז זי זאָל זיך פאַרליבן, האָט זי פּרובירט אַרויסצואווייזן אַ לייכטן ווידערשטאַנד; זי האָט זיך געמיט זיך אַליין צו דערווייזן, אַז זי נעמט ניט ערנסט דזשוליאַנס געפילן. נאָר אין דעם האָט זי אַליין ניט געגלויבט, און האָט דערגרייכט בלויז דאָס, וואָס דזשוליאַן האָט זיך געמיט צו זיין איבער־צייגענדער, און נאָך מער פּאַטעטיש.

דאַן האָט זי זיך דערשראָקן; און האָט זיך ביי אים גענומען בעטן ער זאָל זי ניט ליב האָבן, זיי זאָלן בלייבן פריינט.

— פאַרוואָס? האָט ער געפרעגט, פאַרוואָס?

זי האָט ניט געוואָלט זאָגן... זי האָט זיך אינסטינקטיוו געשראָקן פאַר ליבע; זי האָט גוט געדיינקט דאָס, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן פון איר: און אינערלאַך האָט זי דורגעבליקט יענע ליידן, וועלכע זי האָט נאָך אַריבערטראָגן פון איר. זי האָט אים גערופן און פאַרטריבן; זי האָט אים געגאַרט און אויסגעמידן. זי האָט אַרויס געוויזן אַ שטאַרקן און אויפריכטיקן ווידערשטאַנד צו דזשוליאַנס פאַרלאַנגען; אָבער אין די טיפעניששן פון איר האַרצן האָט זי געווינשן, אַז איר געגנער זאָל באַזיגן איר ווידערשטאַנד.

דער קאַמף וואָלט זיך פאַרצויגן, ווען ניט אַ פּאַסירונג, וואָס האָט פאַרשנעלערט דעם אויסגאַנג.

XIX

מיט איר שוועסטערס מאַן, איז אַנעט געווען אין אָפענהערציקע און פריינטלכע באַציאונגען. אַט דעם עטוואָס וואולגאַרן, אָבער ערלאַכן מענטשן האָט ניט אויסגעפעלט, ניט קיין גוטסקייט, ניט קיין אויפריכ־טיגקייט. אַנעט האָט אים רעספּעקטירט, און לעאָפּאָלד האָט זיך באַ־צויגן צו איר מיט צערעמאָניעלער אַכטונג. פון זייער ערשטער באַגעג־געניש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי געהערט צו אַן אַנדער מין, ווי ער און סילוויע. זי האָט געוועקט אין אים גרויס דרך ארץ, דערפאַר איז ער איר געווען נאָך דאַנקבאַרער פאַר איר אמת׳ע גוטסקייט, וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך צוערשט פאַרליבט אין סילוויען. זי האָט אים זער אַ סך אַרויסגעהאָלפן; ניט איינמאָל איז זי אים געקומען צו הילף, ווען ער האָט, גלאַט אַזוי זיך, געמוזט ליידן פון

דעם נאַרישן אָפּשפּעטן פון זיין כלה, וועלכע איז געווען צו זיכער אין איר מאַכט, אום מיט איר ניט צו מיסטרויען.

און שפּעטער נאָך דער חתונה, האָט זי זיך ניט איין מאָל אריינגעמישט, אמת, זער פאַרזיכטיק, און אויסגעגליכן די מיספאַרשטענדנישן צווישן פאַר פאָלק, אָדער ווען סילוויע האָט זיך געלאָזן באַפאַלן פון פאַרשידענע קאַפּריזן, מאָדנע איינפאַלן, און אַלערליי משוגעת'ן. כדי זיך אַרויסצוריסן פון אַגנסט און לאַנגווייליגקייט, פלעגט זי אַנווארפן אַן אומעט אויפן מאַן. לעאָפּאָלד האָט דאָס אַלעס גאָר ניט פאַרשטאַנען, פלעגט קומען און אויסגיסן זיין ביטער האַרץ פאַר אַנעט, וועלכע פלעגט שוין נעמען אויף זיך, צו ווירקן אויף סילוויען אַזוי, אַז זי זאָל זיך באַדיינקן. און זיין צוטרויען, צו זיין שוועגערין איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט איר אַנפאַרטרויט אייניגע זאַכן, וועלכע ער האָט ניט דערציילט זיין פרוי. סילוויע האָט דאָס געוואוסט, און האָט זיך געררייצט מיט אַנעט דערפאַר, אַנעט האָט דאָס גענומען גוטמוטיק. און אַלץ איז געגאַנגען אַזוי נאַטירלאַך און פריי צווישן די דריי. לעאָפּאָלד האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט דאַרויף, וואָס זיין פרוים שוועסטער און איר אינגעלע פאַרנומען אַזאַ גרויסן פּלאַץ ביי אים אין הויז און זשטערן זיי גאַנץ אָפט; גראָד פאַרקערט, ער האָט געדיינקט, אַז ער טוט ניט גענוג פאַר אַנעט, וועמענס מוט און ענערגיע ער האָט באַוואונדערט; דאָס קינד האָט ער געפּעסטשעט. אַנעט, וועלכע האָט דורך סילוויען געוואוסט, וואָס לעאָפּאָלד דיינקט, איז אים געווען דאַנקבאַר דערפאַר.

דער פּעריאָד פון סילוויעס טראָגן איז געווען פאַר אַלע אַרומיגע, און באַזונדערס פאַר איר מאַן, ווייט פון אַ גליקלאַכער צייט. די אָפטע קריגערייען האָבן דערווייטערט לעאָפּאָלדן פון זיין פרוי. סילוויע האָט אַפילו ניט אַנגעהויבן טראַכטן צו באַגיין זיך אָן אים. זי האָט געשיינקט זער ווייניג אויפמערקזאַמקייט צו איר מוטערשאַפט און האָט ניט געוואָלט מאַכן צוליב דעם די קלענסטע ענדערונג אין איר אַרט לעבן. אָט די לאַנגע חדשים פון שוואַנגערשאַפט, זענען געווען פאַר איר ווייט ניט דאָס, וואָס זענען געווען פאַר אַנעט, אַן אומענדלאַכער, צו שנעל געענדיקטער חלום פון אומדערוואַכטן גליק. סילוויע איז ניט געווען באַשאַפן צו אויסטראָגן חלומות. זי איז געווען אומגעדולדיק און האָט ניט געהאַט קיין חשק זיך אָפּצוזאָגן פון וועלכע ניט איז פון אירע

פּליכטן, רעכט אָדער פאַרגעניגנס: זי האָט צו שווער געאַרבייט, איר נערוועזער צושטאַנד האָט זיך שטאַרק אָפּגערופן אויף איר געזונט, און איר כאַראַקטער האָט ווייניג וואָס דערפון געוואונען. ווען איינער ליידט און מאַטערט זיך, איז אים ליב צו מאַטערן אַנדערע. סיל־וויע, ליידנדיק פון טראַגן, איז געווען אויפגעבראַכט אויף איר מאַן וואָס ער ליידט אויך ניט מיט איר, און זי האָט דאָס שוין באַזאָרגט. זי האָט אים ממש פאַרפאָלגט מיט אירע אויפגערייצטע, קאַכיגע, און בייזע שטימונגען וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן פון שלעכט צו ערגער. און אַפילו — (דאָס איז שוין גאָר געווען אומדערוואַרטעט) מיט ליבע אויפערזוכט, וואָס האָט איר ניט געשטערט אים גראָב צו זידלען. עס זענען געווען טעג ווען ער האָט ניט געוואוסט וועלכן גאָט צו דינען.

אַנעט איז געווען נאָענט דערביי, פלעגט ער קומען צו איר אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. ער פלעגט אַרויפגיין צו איר אויפן אויבערשטן שטאָק, איר אויסדערציילן זיין אַנגסט. זי פלעגט אים געדולדיגט אויס־הערן, און באַוועגן לעאָפּאָלדן אויסצולאָכן זיך פון אָט די קליינינקע פּרדרוסן. אָט די באַראַטונגען אין צווייען, ווידערהאַלענדיק זיך, האָבן געשאַפן צווישן זיי אַ מין שתּפות פון אַלגעמיינע סודות. און גאַנץ אָפט פלעגן זיי זיך אין סילוויעס אַנוועזנהייט אומבייטן מיט אַ בליק. וועלכן בלויז זיי האָבן פאַרשטאַנען. זיי זענען ביידע געווען ערלאַכע מענטשן און האָבן זיך ניט געהיט איינע פאַר די אַנדערע, און אויב זיי האָבן דערלאָזן צווישן זיך אַזאַ נאָענטקייט, וועלבע איז געווען גאַנץ אומשולדיק, איז זי אָבער ניט געווען גאָר אומשעדלאַך. אַנעט איז אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז אין דעם קען זיך געפינען אַ וועלכע ניט אין געפאַר. אָבער אָט די פריינטלאַכע באַנעמונג האָט געדייצט לעאָ־פּאָלדן און ער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון יעדער שטראַלענדער און ליכטיגער פרייד, וואָס האָט געשטראַמט פון איר. אַנעט איז דאַן אינ־גאַנצן געווען פאַרנומען מיט דזשוליאַנס ליבע וואָס האָט זיך פאַר איר פאַרנאַנדער געעפנט, און וועלכע האָט זי אַזוי פריידיק גערעגט. דאָס איבעריגע איז איר ניט אָנגעגאַנגען, די גאַנצע וועלט איז געווען ווי אין נעבעל. דאַן ווען זי האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געזען מיט דזשוליאַנען און צו איר האָט גערעדט לעאָפּאָלד, האָט זי געהערט לעאָפּאָלדן און

אים אפילו געענטפערט, אבער איר שמייכעל האט זי געשיינקט דזשו־ליאַנען. לעאַפּאָלד האט דאס, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט וויסן.

ער האט געוואוסט וואס ער וויל. זייענדיק אַן ערלאַכער מענטש האט ער זיך געוועגט. אבער אפילו אַן ערלאַכער מענטש, איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. דאַרף ער מיט קיין פייער זיך ניט שפּילן.

אין אַגעוויסן זונטיק אין מאַי זענען אַלע פיר אַרויס שפּאַצירן: לעאַפּאָלד סילוויע, אַנעט און דער קליינינקער מאַרק. זיי האָבן זיך פאַרנומען אין דער ריטונג פון סעאוקס. נאָך אַ שעה גאַנג האט סילוויע, אַביסעל איינגעמאַטערט פון וועג, זיך אַוועקגעזעצט אפּרוען צופוסענס פון בערגעל און האט געזאָגט:

— גייט יונגע מענטשן קלעטערט אַרויף אויב עס געפעלט אייך! אונז וועט איר געפינען דאָ.

זי איז געבליבן מיטן קינד. אַנעט און לעאַפּאָלד האָבן פריילאַך פאַרטגעזעצט דעם וועג. אַנעט אַן אויסגעלעבטע און פריילאַכע, האט זיך געהאַלטן ווי אַ גוטער חבר. לעאַפּאָלד מיט זיין איינפאַכקייט איז געווען פאַר איר אַן אפּרו אין דער מאַראַלער אַנשטריינגונג. אין וועלכער עס האט זי געהאַלטן איר ליבע צו דזשוליאַנען און זיינע געשפּרעכן. זיי זענען געגאַנגען מיט אַ סטעשקע, וואס האט זיך געשלענגעלט צווישן אַ הויכער וואַנט פון אַ גרויסן גוט און אַ הויבן באַדן באַדעקט מיט בלומען. דורך די לעכער פון די פאַרקענס האָבן זיך געזען די פאַרשידענע בייטן, מיט זייערע ווייסע און רויטע בלומען. אַ פאַנטאַסטישער הימעל אין דער קלאָרער בלויקייט פון וועלכן זענען מיט גרוס אימפּעט אומגעלאָפן די וואָלקענס. דער ווינט, האט זיך שפּילענדיק געביסן, קלוימערשט, אין אַ שפּאַס, ווי אַ יונגער הונט! אַנעט איז געגאַנגען פאַראויס און האט געקליבן בלומען און אונטערגעזונגען. לעאַפּאָלד איז איר נאָכגעגאַנגען. ער האט געזען ווי זי האט זיך איבערגעבויגן איבער די בלומען, ער האט געזען אירע שטאַרקע פאַרמען אונטער דעם שטויף געפּאַסטן קלייד; ער האט געקוקט אויף אירע אַנטבלויזטע הענט, דעם אַנטבלויזטן האַלז, פאַררויטעלט פון ווינט, און אויף איר אויער וואס האט אַרויסגעקוקט פון צווישן די האָר, און וועמענס שפּיץ עס האט זיך גערויטעלט ווי אַ טראָפּן רויטע בלוט. פון דער רעכטער זייט האָבן זיך די בושעס גע־הויבן העכער, און דער וועג האט פאַרמירט אַ מין דורכגאַנג, וואו דער ווינט האט זיי געפּאַטשט גלייך אין פּנים אַריין. אַנעט, זיך ניט אויס־

קערעוועגדיק, האָט עפּעס געפרעגט איר באַגלייטער. יענער האָט ניט געענטפערט. זי האָט פאַרגעזעצט און דערביי זיך איינגעגעבויגן רייסן בלומען. זי האָט געלאַכט פון לעאָפּאָלדן וואָס ער שווייגט און האָט מיט אַמאָל דערפילט, אַז אין זיין שווייגן ליגט אַ געפאַר. זי האָט אַרויסגעלאָזן די בלומען פון האַנט. האָט זיך אויסגעגלייכט. נאָר אויסדרייען זיך האָט זי ניט באַוויזן. ווי... זי איז שיר ניט געפאַלן... ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט זיינע אָרעמס: אַרומגעכאַפּט גראָב, זי האָט דערפילט אויפן האַלז אַן אָפּגעריסענעם אָטעם און אַ דורשטיק מויל, וואָס האָט געקושט איר האַלז און באַקן. מיט אַ פלינקער אָנשטרענגונג, זיך אָנשפּאַרענדיק מיט די פיס, פאַרזאַמלענדיק אַלע אירע כוחות, האָט זי, מיט אַ באַוועגונג און מיט אַ ברענענדיקן כעס אָפּגעשטופּט פון זיך דעם מענטשן, וואָס איז זי אַזוי גראָב באַפאַלן; זי האָט זיך אויסגעריסן פון זיינע הענט און האָט זיך געפונען פּנים לפּנים מיט איר אַנגרייפער.

אירע אויגן האָבן געברענט פון כעס, אָבער ער האָט זי ניט אָפּגעלאָזן צווישן זיי האָט זיך פאַרבונדן אַ גראָבער קאַמף פון צוויי חיות, וואָס האָסן איינע די אַנדערע, אַן אָפּענער און קורצער קאַמף. אַנעט (די אויפגעבראַכטע אינסטינקטן האָבן איר צוגעגעבן אַ מערקווירדיקע קראַפט) האָט גובר געווען דעם מאַן וואָס האָט זי באַפאַלן, און ער איז געבליבן שטיין פאַר איר אַ צווייפאַך דערנידעריגטער, שווער אָטעמענדיק, איינגאַנצן רויט. זיי האָבן געהיט איינע די אַנדערע מיט האַס אין די אויגן. קיין איינציק וואָרט איז ניט אַרויסגערעדט געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך אַנעט אויפגעהויבן אויפן בערגעל און דורך אַ לאַך אין די קוסטעס האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער צווייטער זייט און האָט זיך געלאָזט לויפן. לעאָפּאָלד אוסגעניכטערט האָט זי גענומען רופן. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ צוואַנציק טריט פון אים און האָט אים ניט דערלויבט זיך צו דערנעהענטערן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון בערגעל פון ביידע זייטן פון די קוסטעס אָפּהיטענדיק צווישן זיך דעם זעלבן מהלך, אַן צוטרויען, פיינטלאַכע און פאַרשעמטע. לעאָפּאָלד האָט מיט אַן אומגעביטענער שטימע זיך געבעטן ביי אַנעט, זי זאָל זיך אומקערן, ער האָט געבעטן זי זאָל אים מוחל זיין. אַנעט האָט אפילו הערן דערפון ניט געוואָלט. און פונדעסטוועגן, האָט זי געהערט, די

בושת און צער אין זיין שטים האָבן זי גערירט, און נים קוקענדיק אויף איר כעס האָט זי דאָך פאַרלאַנגזאַמט איר טראָט.

— אַנעט, האָט ער זיך געבעטן, אַנעט! אַנטלויפט נים פון מיר! איך וועל אייך מער נים פאַרפאָלגן... איר זעט איך שטיי דאָ; איך וועל נים קומען נעהענטער צו אַייך. איך האָב זיך באַנומען ווי אַן אויסוואורף, ווי אַ חיה. איך שעם זיך, יאָ, איך שעם זיך... זידעלט מיך, נאָר אַנט־לויפט נים פון מיר. איך וועל אייך מער נים אָנרירן, אַפילו מיטן שפּיץ פון מיין פינגער. איך בין זיך אַליין דערווידער... אויף די קני בעט איך אייך, זיים מיר מוחל!...

און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, דאָ אויף די שטיינער פון וועג; זיין אויסזען איז געווען אַזאַ אומגליקלאַכער; און אַזאַ לע־כערלאַכער.

אַנעט, וועלכע האָט אים שטרענג אויסגעהערט, שטעהענדיק צו אים אין פּראָפיל און נים קוקענדיק אין זיין זיים, האָט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף אים און האָט דערזען אָט דעם דערנידעריגטן מענטשן; און די דערנידערונג האָט זי דורכגעדרינגען: איר וואָרים האַרץ האָט פאַר־מאָגט די פעהיגקיים זיך דורכצודרינגען מים פרעמדע געפילן ווי מים אייגענע; און לעאָפּאָלדס שאַנדע האָט אַרויסגערופן פאַרב ביי איר אויפן פּנים. זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו אים און האָט געזאָגט:

— שטייט אויף!

ער האָט זיך אויפגעהויבן; אינסטינקטיוו איז זי אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר טרים. ער האָט געזאָגט:

— איר האָט נאָך מורא. איר וועט מיר קיינמאָל נים פאַרגעבן.

זי האָט טרוקן געענטפערט:

— לאָמיר מער דערפון נים רעדן און אַ סוף.

זיי האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן מיטן זעלבן וועג. אַנעט אַ קאַלטע און שווייגענדיקע. אים איז געווען שווער צו שוויינן. עס איז אים געווען שרעקלאַך אומאַנגענעם און פאַרדראָסיק, ער האָט זיך געוואָלט פאַר־ענטפערן. אָבער לעאָפּאָלד איז געווען אַ קליינער רעדנער און האָט נים באַזעסן קיין הויכן סטיל. מים גרוים כעס, האָט ער געהאַלטן אין איין ווידערהאָלן:

— איך בין אַ שמוציגע חיה!

אַנעט נאָך, אַלץ אַן אויפגערעגטע, האָט אונטערדריקט אַ שמייכעל.

זי איז געווען שטאַרק צורודערט און עס איז איר אָנגעקומען שווער זיך צו באַרוהיגן. אין איינער אין דערזעלבער צייט האָט זי דערפילט, די גאַנצע שווידערלאַכע מיאוסקייט, צוזאַמען מיט דער לעכערלאַכקייט פון אָט דער סצענע. זי האָט נאָך ניט פאַרגעבן, אָבער איז געווען גרייט זיך צו דערבאַרעמען אויף אָט דעם מענטשן, וואָס האָט זיך אַזוי אומ־רחמות׳דיק באַשולדיקט. ער האָט פאַרגעזעצט זיך צו פאַרענטפערן. זי האָט אים אויסגעהערט מיט בייזקייט פאַר דער באַליידיגונג, און מיט מיטגעפיל און איראָניע. ער האָט זיך געמיט צו דערקלערן אָט דעם שמוציגן משוגעת וואָס כאַפּט אָרום דעם קערפּער... יאָ, דאָס איז משוגעת, זי האָט דאָס געוואוסט... אָדער רעדן דערפון האָט מען ניט באַדאַרפט. ער האָט אויסגעזען אַזוי אומגליקלאַך, אַז ניט ווילענדיק האָט זי געזאָגט צו אים:

— איך ווייס, אַמאָל ווערט מען משוגע, אָבער דאָס אָפּגעטונענע קען מען צוריק ניט כאַפּן.

זיי האָבן שווייגענדיק פאַרגעזעצט זייער וועג: מיט שווערע הער־צער טרויעריקע און אין גרויס פאַרלעגנהייט. ווען זיי האָבן זיך דער־נעהענטערט צום פּלאַץ וואו זיי האָבן געלאָזן סילוויען, האָט אַנעט געמאַכט אַ באַוועגונג ווי זי וואָלט דערלאַנגט לעאָפּאָלדן די האַנט, נאָר אַנשטאָט טאָן דאָס, האָט זי געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעסן.

ער האָט דערפילט אַ פאַרלייכטערונג, און האָט געפרעגט ווי אַ פאַרשולדיקטער חדר אינגעל:

— איר וועט גאָרניט זאָגן?

אַ שמייכעל פון רחמנות האָט זיך באַוויזן אויף אַנעטס פּנים.

ניין, זי האָט גאָר ניט געזאָגט, אָבער פון ערשטן בליק, האָבן סילוויעס שאַרפע אויגן אַלעס איבערגעלייענט. זי האָט זיך פאַרנאַנדער געפרעגט, זיי האָבן גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן, און ווען אַלע דריי, כדי צו באַהאַלטן זייער אינערלאַכע זאָרג, האָבן אויף דעם גאַנצן וועג צוריק, זיך געמיט צו רעדן הויך, האָט סילוויע זיך גוט צוגעקוקט צו די צוויי אַנדערע.

אָנהויבענדיק פון דעם טאָג זענען אַנעט מיט לעאָפּאָלדן שוין מער קיינמאָל ניט געבליבן אַליין. דאַרויף האָט שוין גוט אַכטונג געגעבן די אײפערזיכטיקע סילוויע. אַנע טהאָט זיך געהיט. אין איר באַ־

נעמונג האט געגעו איר ווילן זיך געפילט א אומצוטרויעז. און א באַלײדיגטער האט לעאפאלד פארבארגן אין זיך דעם פארדרוס, אין וועלכן ער האט זיך ניט געוואלט מודה זיין.

XX

אנעטס אויגן האבן זיך געעפענט. זי האט זיך מער ניט געקענט באציען מיט דעם זעלבן צוטרויען, סיי צו זיך סיי צו אנדערע. זי האט מיר ניט געקענט פארבייגיין מיט א זארגלאזן געלעכטער יענע פארלאנגן, וואס זי האט געוועקט אין אנדערע, כאטש זי האט זיי ניט געזוכט. אין דער מאדערנער געזעלשאפט, לויט די מאדערנע מנהגים האט איר לאגע, אלס אומפערהייראטע, פרייע יונגע פרוי זי ניט נאר געשטעלט אין דער געפאר פון פארפאלגונגן, נאר האט זי אויך רעכטפערטיגט אין א געוויסן זין. קיינער האט ניט געקענט גלויבן אז זי האט אזוי געוואגט צורייסן די קייטן פון שקלאפעריי בלויז צוליב דעם, כדי זי זאל זיך שפעטער פארשליסן אין א באשטענדיגער אלמנה׳שאפט אן א שום אורזאך! זי אליין האט אויסגעביטן ליבע אויף מוטערשאפט. און די מוטערשאפט האט, אן צווייפעל זי גערוארעמט אין איר איינזאמקייט; אבער אויך דער צווייטער פייער האט נאך אלץ געברענט אין איר. זי האט זיך געמיט צו פארגעסן אין אים, ווייל זי האט זיך געשראקן פאר אט דעם פייער; זי האט גערדענקט אז קיינער זעט דאס ניט; נאר ניין! דער פייער פון ליבע האט, געגן איר וועלן, זיך דורכגעריסן אויף דער אויבערפלאך! און אויב ניט זי אליין האבן אנדערע ריזיקירט צו ווערן די קרבנות פון אט דעם פייער. דער פאל מיט לעאפאלדן האט דאס איר באוויזן. זי האט אט דער צופאל געפינען פאר עקלהאפט. ער האט זי אויפגעבראכט ביז גאר. אין די ניכטערע אויגן פון איינעם וואס איז ניט פארליבט, זעט אוים דער אקט פון ליבע ניט נאר אומגעלומפערט מיאוס און לעכערלאך, נאר אויך חיה׳ש און עקלהאפט. אזוי האט אויסגעזען לעאפאלדס אנגריף אין אנעטס אויגן. אבער איר געוויסן איז ניט געווען רואיק. ווייל דאס האט זי אנגעצונדן און צובלאזן דעם פלאם פון זיינע פארלאנגן. זי האט זיך דערמאנט אין איר אומבאטראכטן און אומשולדיקן קאקעטירן, אירע אומפארזיכטיקע שטיפערייען, און אנ־

רייצונגען אין באַצוג צו אים... וואָס האָט זי געטריבן דערצו? דאָס האָט נעטאָן די זעלבע אונטערדריקטע קראַפט, אַט יענער אינערלאַכער פייער, וועלכער מוז אונטערגעהאַלטן ווערן אָדער אויסגעלאָשן ווערן. אויס־לעשן אַט דעם פייער קען מען ניט און מען טאָר ניט. ווייל דאָס איז דאָך די זון פון לעבן. און איר פאַרזינקט אַלץ אין פינסטערניש. אָבער אַמווייניגסטן זאָל אַט די זון כאָטש ניט פאַרברענען דאָס, צו וואָס זי דאַרף גיבן לעבן, ווי די קאַרעטע, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין "פאַיעטאָנס" הענט! זאָל זי זיך לויפן מיט איר געוויינלאַכן וועג אין הימעל!... אָבער אויב אַזוי, טאָ וואָס זשע בלייבט — הייראַט?

נאָך דעם ווי זי האָט אַזוי לאַנג אויסגעמיטן דאָס הייראַטן, האָבן די אַלע געפאַרן וואָס האָבן געלויערט איבער איר געפירט דערצו, אַז זי האָט זיך געמוזט זאָגן, אַז הייראַט געבויט אויף ליבע, אַכטונג און רואיגער סימפּאַטיע וואָלט געוועזן אַ פעסטע שוץ־וואַנט נעגן די אי־נערלאַכע דעמאָנס פון הארצן און די אויסערלאַכע געפאַרן פון דרויסן. וואָס מער זי האָט זיך אַליין איבערצייגט אין דעם, האָט אויך אַלץ און אַלעם אַרום און איר זיך פאַראייניגט כדי איר צו איבערצייגן: די באַדערפעניש אין מאַטעריאַלער זיכערקייט, מאָראַלער רואיגקייט, די בייגקשאַפט נאָך אייגן ווינקעל, און די פאָדערונגען פון הארצן — אַלס שוואַכער האָט זי זיך געווערט נעגען דזשוליאַנס בעטן זיך. כדי האָבן די מעגלאַכקייט אים נאָכצוגעבן אין דער אינזיכט, האָט זי אַנגעווענדט אַלע אירע כוחות זיך צו דערווייזן, אַז ער איז ווערט איר ליבע. אָבער די ליבע האָט ניט געוואַרט אויף קיין באַווייז. עס האָט זיך שוין געהאַט אַנגעהויבן יענע קאָנסטרוקטיווע אַרבייט פון דער נשמה, וואָס פאַרוואַנדעלט דעם געשטאַלט פון אויסערוויילטן אין אַ עקזאַלטירטער זעאונג. ביי דזשוליאַנען האָט זיך אַט די אַרבייט אָנ־געהויבן אַ סך פריער, נאָר אַזוי ווי זי איז געוועזן אַ רייכערע און לייי־דענשאַפטלאַכע נאַטור פון אים האָט זי אים שנעל אַריבערגעיאָגט.

אַנעט האָט זיך מער ניט געהיט. זי האָט זיך האַסטיק אָפגעגעבן צו די באַגערן פון איר פרייער נאַטור. זי האָט זיך ניט באַנוצט מיט קיינע פון די דריידלאַך מיט וועלכע אַ קלוגע פרוי מאַסקירט איר דורכפאַל. וויסענדיק, אַז איר האַרץ איז שוין געפאַנגען מאַכט זי דעם אַנשטעל און צווינגט אַנדערע צו דענקן, אַז זי איז נאָך אַלץ באַלעבאָס איבער זיך. אַנעט האָט איר האַרץ געבראַכט פאַר אַ מתנה, און האָט געזאָגט

דזשוליאַנען. — פון דער מינוט אָן איז דזשוליאַן געוואָרן אומרואיק.

ער האָט ווייניק געקענט פרויען. זיי האָבן אים צוגעצויגן און אָפּגעשטויסן. אַנשטאָט צו קענען זיי האָט ער פאַרגעצויגן זיי צו אורטיילן. ער האָט אידעאַליזירט איינע און פאַראורטיילט אַנדערע. צו יענע וואָס האָבן זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין קיינע פון אָט די צוויי קאַטעגאָריעס איז ער געבליבן גלייכגילטיק. נאָר יונגע מענטשן — (און דזשוליאַן אַ דאַנק זיין אומדערפאַרענקייט איז פאַרבליבן זייר יונג) — זענען אַלע מאָל שנעל אין זייער אורטיילן. זיי זענען אַזוי פיל מיט זיך און זייערע אייגענע פאַרלאַנגען, אַז אין אַנדרע זאַכן זוכן זיי בלויז דאָס, וואָס זיי וואָלטן וועלן אין זיי געפינען. זאָל דאָס זיין אין מאָראַלן אָדער קערפּערלאַכן אינזיכט. און אַלע אָן אויסנאָם, סיי די מאָראַל נאַאיווע, סיי די אויסגעלאַסענע, ווען זיי פאַרליבן זיך, טראַכן זיי נאָר וועגן זיך און קיינמאָל ניט וועגן דער פרוי. זיי זאָגן זיך אָפּ צו זען און אָנערקענען, אַז זי עקזיסטירט אויך דרויסן פון זיי. אָבער ליבע איז דער פרואוו, וואָס קען זיי אויסלערנען דאָס צו פאַרשטיין:

— און לערענט ווירקלאַך אויס די ווייניגע פון זיי, וואָס זענען פעהיג זיך צו לערנען. אָבער מערסטענס קאָסט אָט די לערע צו טייער סיי זיי אַליין, סיי זייערע שותפים. און ווען זיי ווייסן שוין איז געוויינלאַך שוין צו שפּעט. די נאַאיווע דערשיטערונג פון דורות, אַלט ווי די אייביגקייט, וואָס באַקלאָגט די אומעגלאַכקייט פון דער צווייענדיגקייט צו קומען צו אַן אַנדער צושטאַנד. דאָס איז די ביטערע פרוכט פון ליבע, דער צוריקינער חלום פון אייניגקייט איז דער געוויינלאַכער רעזולטאַט און דער אָנפאַנג פון מיספאַרשטענדניסע אין ליבע. ווייל וואָס מיינט "ליבע", אויב ניט ליב האָבן אַ „צווייטן?" דזשוליאַן האָט ניט פאַרמאָגט ראַדזשער בריסאָטס עגאָאיזם: אָבער צוליב זיין אומוויסנהייט איז אים נאָך געווען שווערער זיך אויפהויבן איבער זיך. דערצו האָט ער געהאַט נאָך אַ מער באַגרעניצטן בליק אויף דער פרויען וועלט. אים האָט מען באַדאַרפט זער פאַרזיכטיק פאַר אַ האַנט אַהין אַריינפירן.

אַנעט איז פון דער נאַטור ניט געווען קיין פאַרזיכטיקע. און ליבע האָט איר ניט אויסגעלערנט צו זיין פאַרזיכטיק. זי האָט איר געגעבן די באַדעריפעניש פון גרויסמוטיקן צוטרוען. איצט ווען זי איז געווען זיכער, אַז זי ליבט און איז געליבט האָט זי קיין זאַך ניטבאַהאַלטן.

ווייל עס וואלט איר גאר ניט געקענט אפשטויסן אין דעם מאן וועמן זי האט געליבט; צי וואס זשע דארף זי זיך האלטן אין איין פוצן פאר אים? א געזונטע קערפערלאך און גייסטיק האט זי זיך ניט געשעמט צו זיין דאס, וואס זי איז! זאל דער וואס ליבט איר זי זען אזא ווי זי איז! זי האט קלאר געזען דזשוליאנס נאאיוויטעט, זיין שעמעוודיגקייט, און קנאפע פארשטענדניס. זי האט געפינען אין דעם א צארטן און בייזהאפטן פארגעניגן. זי האט זיך געפרייט, וואס זי וועט די ערשטע עפענען פאר אים די נשמה פון דער פרוי.

איינמאל כדי אים צו איבעראשן, איז זי געקומען צו אים אהיים. זיין מוטער האט געעפענט די טיר. דאס איז געווען אן אלטע דאמע מיט גרויע האר, שטייף און גלאט פארקאמט; פון אונטער דעם רואיגן שטערן האט ארויסגעקוקט אן אויפמערקזאמער בליק פון אירע שטרענגע פארשענדע אויגן. מיט העפלאכקייט, וואס איז ניט געווען פריי פון אומצוטרוי האט זי באטראכט אנעט און האט זי אריינגעפירט אין קליינעם, ציכטיק־קאלטן גאסט צימער.

אפגעקראכענע פאמיליען בילדער און פאטאגראפיעס פון מוזעאום בילדער האבן פארענדיגט דעם איינדרוק פון דער קאלטער אטמאספער אין צימער. אנעט האט געווארט. אין שכנישן צימער האט מען זיך א שושקע געטאן און באלד איז אריינגעקומען דזשוליאן. זיין פנים האט אויסגעדריקט פרייד און דערשרעק. ער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגן און געענטפערט ניט צו דער זאך. זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף אומבאקוועמע ביינקלאך מיט הויכע ווענטלאך, וואס האבן געשטערט יעדער פרייער באוועגונג. צווישן זיי איז געווען איינער פון יענע טישן אויף וועלכע מען קען זיך ניט אנשפארן, אדער אריבערבייגן; זיינע ברעגן זענען שארף און שניידן די קני. דער קאלטער שימער פון דעם געוועקסטן טעפיכלאזן דיל, און די טויטע געזיכטער פון די פאטאגראפיעס אונטערן גלאז, האבן ווי געטרוקענטע פלאנצן אין א גערבאריום פארפרוירן די ווערטער אויף זייערע ליפן און געצוואונגען זיי צו רעדן שטילער. אין אט דעם סאלאן איז אנעט געווארן אן אמת'ע שטיק אייז. שוין זשע וועט דזשוליאן זי האלטן דא די גאנצע צייט פון איר באזוך? זי האט אים געפרעגט אויב ער וויל איר ניט ווייזן דעם צימער וואו ער ארבייט. ער האט ניט געקענט אפזאגן; יא, זיכער, דאס איז אפילו געווען זיין אייגענער פארלאנג;

אָבער זיין אויסזען איז געווען אַזאַ אומענטשלאָסענער, און אַזאַ פאַר־לאָרענער, אַז זי האָט געזאָגט:

— טוט דאָס בסער ניט, עס איז אומבאַקוועם.

ער האָט פּראָטעסטירט און זיך פאַרענטפערט דערמיט וואָס דער צימער איז נאָך ניט צוגעראַמט, און האָט זי דאָך אַריינגעפירט אַהין. דער צימער איז געווען אין אַ סך אַ שענערער אָרדנונג, ווי איר איי־גנער, ווען דזשוליאַן האָט איר צום ערשטן מאָל באַזוכט, אָבער עס האָט געפעלט דאָ די אַטמאָספער פון לעבן. דאָס צימער האָט געדינט אי פאַר אַן ארבייטס קאַבינעט, אי פאַר אַ שלאָף צימער. דאָ זענען געווען ביכער, אַ באַוואוסטע בילד פון פּאַסטער, פּאַפּירן אויף די ביינקלאַך, אַ ליולקע אויפן טיש און אַ סטודענטיש בעט. זי האָט באַמערקט אין אַ ווינקעל איבערן בעט אַ קליינעם קרייץ מיט אַ צווייַגעל פון ביקסבוים. זי האָט זיך איינגעראָדענט אין אַ האַרטן אָרם־שטול און האָט פּראָבירט צו דערמוטיקן דעם באַלעבאָס. און האָט פריילאַך אָנגעהויבן רעדן וועגן זייערע סטודענטן יאָרן. זי האָט פריי גערעדט דערפון, וואָס זיי האָבן ביידע געוואוסט. אָבער ער איז גע־ווען צודרייט און צוטראָגן סיי פון איר אָנוועזנהייט, סיי פון איר פרייעם רעדן. ער איז, זעט אויס, געווען שטאַרק באַזאָרגט דערפון, וואָס ס'קומט פאַר אין שכנישן צימער. אָנעט, אָנגעשטעקט מיט זיין אומרואיגקייט האָט זיך געהאַלטן מוטיק ווי פריער און האָט באַוויזן אים צו צווינגען צו פאַרגעסן אין דעם — „וואָס וועט זי דאַרטן דיינקן וועגן זיי". צום סוף איז ער געוואָרן לעבעדיקער און זיי האָבן ביידע פריילאַך געלאַכט. בײַ איר אוועקגיין האָט ער זיך ווידער דער־פילט פאַרלאָרן. באַגלייטענדיק זי צום אַרויסגאַנג זענען זיי פאַרביי־געגאַנגען דער מוטערס צימער; די טיר איז געווען אָביסעל אָפן; מאַ־דאַם דומאַנט האָט זיך געמאַכט אַז זי זעט זיי ניט: צי אויס באַ־שיידענהייט, זיי ניט צו שטערן, צי אויס פאַרלאַנג זיך ניט טרעפן און ניט גריסן מיט דער פרעמדער. ביידע פרויען האָבן זיך בלויז אומגעביטן מיט איין איינציקן בליק און זיי זענען שוין געווען שונאים. מאַדאַם דומאַנט — די מוטער איז געווען שאַקירט פון דעם באַזוך פון אָט דער אומדערשראָקענער מיידעל. איר האָט שאַקירט סיי איר לייכטע און פרייע באַנעמונג, סיי איר קלאָרע קלינגענדע שטים, סיי איר געלעכטער, סיי איר גאַנץ לעבן: זי האָט דערשפּירט אַ געפאַר.

און אַנעט, וואָס האָט אין פאַרלויף פון איר באַזוך געפילט אַז די אומזיכטבאַרע אַנוועזנהייט צווישן איר און דזשוליאַנען, איז גע־ווען בייז אויף איר דערפאַר; פאַרבייגעהענדיק דעם צימער פון דער אַלטער דאַמע האָט אַנעט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט די פּלייצעס און האָט געערדט און געלאַכט נאָך העכער. און אַן אייפערזיכטיקע האָט זי געטראַכט:

— איך וועל אים צונעמען ביי דיר.

אין אַ ווײַזך אַרום האָט דזשוליאַן פון זיין זייט איר איבעראַשט און איז געקומען צו איר אין אַן אָוונט באַלד נאָכן עסן. ער האָט דאַן געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט זיין מוטער וועגן אַנעט; און ער האָט געוואָלט זיך צוגעבן שטאַרקייט. זיי זענען געווען אַליין. לעאָפּאָלד האָט גענומען דעם קליינעם מאַרק אין צירק. ווען דזשוליאַן האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין אין געווען פאַר עלף, אַנעט האָט פאַר־געשלאָגן אים באַגלייטן כדי צוזאַמען געניסן אביסעל פרישע לופט. אָבער ווען זיי זענען געקומען צו זיין טיר האָט ער מורא געהאַט איר לאָזן גיין אַליין צוריק. זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיין שרעק פונ־דעסטוועגן האָט ער באַשטאַנען אויף דעם, אַז ער מוז איר אָפּפירן צוריק. אַנעט האָט זיך געלאָזן איינרעדן, ווייל זי האָט אים געוואָלט וואָס לענגער צו האָבן אַרום זיך. זיי האָבן זיך אומגעקערט מיטן ווייטסטן וועג און האָבן אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי זיי זענען גע־קומען צום ברעג פון דער סענע. עס איז געווען אַ יוני־נאַכט. זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק. די טאָפּאָלן האָבן געוויגט זייערע צווייגן איבערן טונקעלן וואַסער, אין וועלכער עס זענען געווען אויסגע־שפּרייט די רויטע און געלע ליכט פון די לאָמפּן איבער די בריקן. דער הימעל איז געווען ווייט, די שטערן בלאַס, אַז ווי די מאַנסטער שטאָט וואָלט אַרויסגעצויגן פון זיי יעדן טראָפּן בלוט. פון אויבן איז געווען נאַכט און פינסטער; פון הינטן ליכטיק. זיי האָבן געשוויגן. זייערע געדאַנקן האָבן ניט געקענט אויסגעדריקט ווערן אין ווערטער. נאָר אַפילו ניט קוקנדיק איינע אויף די אַנדערע האָט יעדער איינער פון זיי געלייענט דעם צווייטנס געדאַנקען. דזשוליאַנס פאַרלאַנג האָט געברענט אין אַנעטס האַרצן, אָבער זיין שעמעוודיגקייט האָט אים ווי אין קייטן געשמידט, און ער האָט אַפילו ניט געוואַגט אויפצוהויבן אויף איר די אויגן. זי, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ האָט געשמיי־

בעלט און געקוקט אויף די רויטע אָפּשפּיגלונגען אין טייך, נאָר געזען האָט זי אים. ער וועט זיך קיינמאָל ניט באַשליסן!... דאָן האָט זי זיך איינגעבויגן און האָט אים אַ קוש געטאָן...

ער איז געקומען צו זיך, שיכור פון ליבע און דאַנקבאַרקייט האָט ער זי געקושט אַן אַ שיר; דערביי איז געוואַקסן אין אים אַ אומבאַוואוסטזיניגע שטומע אומרואיגקייט. ניט ווערלענדיק איז אים געקומען אויפן זין אַ בייזע פראַזע פון זיין מוטער:

— אָט די אָרימע חוצפּה'דיקע מיידלאַך מיען זיך מיט אַלע כחות צו פאַרדרייען אַ בחור די קאָפּ און אים חתונה מאַכן מיט זיך...

אָט דעם געדאַנק האָט ער נאָר וואָס פאַרוואָרפן אין ווילדן כעס, אָבער זיין גיפט איז פאַרבליבן אין אים... ער האָט זיך פאַרשעמט. אין געדאַנק האָט ער געבעטן מחילה ביי אַנעט. ער האָט גוט געוואוסט, אַז אָט דער באַליידיקנדער פאַרדאַכט איז אַן אומגערעכטער, — ער האָט הייליק געגלויבט אין איר. אָבער ער איז געווען אומרואיק. די אומרואיקייט איז געוואַקסן אין אים מיט יעדן נייעם באַזוך צו אַנעט. אַנעטס פרייהייט, איר פרייע באַנעמונג, פרייער דענקען, איר פרייער בליק אויפן לעבן אין אַלע אינזיכטן — אויף יעדן פעלד און געביט; באַזונדערס אין באַצוג צו דער געזעלשאַפטלאַכער מאָראַל. איר רואיקע גלייכגילטיקייט צו פאַראורטיילן האָבן אָנגעוואָרפן אויף אים אַ שרעק. ער איז געווען אַזוי שמאָל אין זיין אַרט דענקען, ווי דאָס קלייד אויף זיין קערפּער. ער איז געווען געניייגט צו אַ ברייטער גרויסמוטיקייט און פרייליכקייט. ער האָט זיך ממש ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז זי, פּונקט ווי ער, באַציט זיך מיט דעם זעלבן פּוריטאַניזם צו אַלע וואָס איז נוגע איר פּערזענלאַך, נאָר צו אַנדערע באַנעמט זי זיך מיט אַן איראָנישער טאָלעראַנץ און מעסט זיי מיט זייער אייגענער מאָס. איר טאָלעראַנץ און איראָניע האָבן אים געשראָקן. זי האָט דאָס געזען. און ווען ער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ געוויסער פראַגע מיט אַן אומגערעכטער און איבערטריבענער האַרבקייט, האָט זי ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו באַקעמפן זיין אַרט דענקען; זי האָט געשמייכלט. זיין נאַאיווע אומבויגזאַמקייט איז איר געווען

געפעלן. איר שמייכל האָט נאָך מער ווי אירע ווערטער באַאומרואיקט דזשוליאַנען. ער איז געווען אונטערן איינדרוק אַז זי ווייסט מער פאַר אים, און דאָס איז טאַקע געווען אמת. אָבער וויפל מער, און, דער עיקר, וואָס אַזוינס האָט זי געוואוסט? וואָס פאַר דערפאַרונגען האָט זי געהאַט?

אויך ווי זיין מוטער (איניקע בייזהאַפטע באַמערקונגען אירע האָבן מיטגעהאָלפן דערצו) איז אָט דער מענטש, אין וועמען דאָס לעבן האָט געשלאָגן מיט אַן איידעלן אָפּגעשוואַכטן שטראָם, געווען אומקלאָר באַאומרואיקט פון דעם בליהענדן געזונט און שטראַלנדער ליכטיקייט וואָס האָט געשפּראָצט פון אָט דער פרוי. ער האָט זי ליידנשאַפטלאָך געגאַרט, און צו דער זעלבער צייט זיך געשראָקן פאַר איר. ווען זיי פלעגן שפּאַצירן צוזאַמען האָט ער געפילט, אַז ער מאַכט אַן אָרימן און שוואַכן איינדרוק. אַנעטס פאָלקאָמענקייט און פרייע האַלטונג אין יעדער געזעלשאַפט האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן זיין פאַרלאָרנקייט. אָבער זי האָט דאָס ניט באַמערקט. זי האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו איר אינערלאַכן ליד. אַנעט האָט ניט אַ טראַכטגעטאָן דערפון, אַז אויסער איר אַליין הערט קיינער ניט דאָס ליד, און אין דעם איז געווען איר טעות. זי האָט ניט געזען דזשוליאַנס נייגעריקן בליק, ווען ער האָט געפרעגט ביי זיך:

— צו וועמען און צו וואָס לאַכט זי?...

זי האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי אונגעהויער ווייט — ווייט... ער האָט ניט אויפגעהערט צו זען, קלאָרער ווי אַלע מאָל האָט ער געזען איר גרויסע אינטעלעקטועלע קראַפט און איר מאָראַלע ענערגיע, און צו דער זעלבער צייט איז זי געבליבן פאַר אים אַ געפערלאַכע רעטעניש. איבער אים האָבן געוועלטיגט צוויי געגענגעשטעלטע געפילן: אַן אומבאַזיגבאַרער באַגער, און ניט אַ דייטלאַכער מיסטרויען. דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון דעם אוראַלטן אינסטינקט, וואָס דערמאַנט דעם מאָדערנעם מאַן און פרוי אין דעם אָנפאַנג פון דעם אייביגן קאַמף צווישן ביידע געשלעכטער; פאַר וועלכע די פיזישע נאָענטקייט איז געווען איינע פון די פאָרמען פון קאַמף. אָט דער אינסטינקט, וואָס צווינגט אַ מענטשן זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער פראַגע פון זעלבסטשוץ מוז זיין באַזונדערס שטאַרק אין אַ מענטשן פון דזשו־

ליאַנס טיף. ניט זייענדיק אימשטאַנד צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס שטעלט מיט זיך פאָר די פרוי, באַטראַכט ער זי אָדער פאַר צו איינפאַך, אָדער צו פרשפיצט. אַנעט מיט איר געוואוינהייט: אָדער רעדן וועגן אַלץ, אָדער אַלץ פאַרשווייגן, האָט געשאַפן אַ באָדן פאַר זיינע אינערלעכע וואַקלינישן. זי פלעגט אָדער קיין זאַך ניט פאַרבאָרגן, אָדער יעדע זאַך פאַרבאָרגן. די אויסברוכן פון איר ליידנשאַפטלעכער עקספּאַנסיוויטעט, אָדער הערמעטישער שווייגן. וואָס פלעגט אַמאָל געדויערן די גאַנצע צייט פון זייער שפּאַציר... אָט דער שוידערלעכער שווייגן (וואָס פאַר אַ מאַן האָט ניט געליטן פון אים). אין דער צייט פון וועלכן, דאָס לעבן פון דיין חבר, וואָס גייט אַרום דיר טראָגט זיך אַוועק אין וועלטן, וואָס זענען אויף אייביק פאַרמאַכט פאַר דיר... דאָס מיינט ניט אַז אין אָט דעם שווייגן זענען געווינלאַך באַהאַלטן באַזונדערע טיפע סודות. ווען איר זאָלט אַריינדרינגען אין זיי וואָלט איר געזען אַז זיי דערגרייכן אַפילו ניט אייער קנאָפּל... אָבער עס זייער טיף זאָל ניט זיין, איז דער געוועב פון שווייגן ניט דורכזיכטיק, און דאָס אויג קען דאָס ניט דורכדרינגען. דער גרויזאַמער געפייניקטער גייסט פון מאַן האָט צייט גענוג אויסצואוועבן און אַריינלייגן אין אָט דעם שווייגן אַלערליי מיסטיש שוידערלעכע סודות. עס וואָלט דזשוליאַנען קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ער אַליין איז דאָס זייער באַשעפער. דאָס שווייגן פון דער פרוי דערקלערט זיך זער אָפט דערמיט, וואָס זי פילט ווי שלעכט דער מאַן פאַרשטייט איר. אַנעטס שווייגן אָפט אַ שפּאָטישער און אַביסעל אַ מידער, האָט דערלויבט דעם ווען זי האָט ליב געהאַט פאַלש און ניט ריכטיק צו טייטשן אירע געפילן; זי האָט דאָך געוואוסט אַז ער האָט ליב ניט די אמת'ע אַנעט, און אַז די אמת'ע וואָלט ער ניט ליב געהאַט...

— אויב דו ווילסט... ווי דו ווילסט. זאָל זיין אַזוי. איך בין אַזוינע ווי אין דער ווירקלאַכקייט, נאָר אַזוינע ווי דו זעסט מיך...

אָבער איינגיכן האָט דאָס שווייגן אויפגעהערט צו דינען פאַר אַ סימן פון פרידן. אַזוי שנעל ווי אַנעט האָט דערפילט, אַז אין איר רעדן, אין פרייע דערקלערונגן שטעקט אַ געפאַר (ווייל דזשוליאַן האָט זי ניט געקענט פאַרשטיין) און עס וואָלט געווען געזינטער צו האַלטן פרידן, האָט זי אָנגעהויבן רעדן. צו שווייגן אום ניט פאַרשאַפן דזשוליאַנען קיין אומזיסטע ליידן. יאָ. אָבער כדי אים צו נאַרן באַס ניט.

און אויב איר רעדן איז אַ געפֿאַר. מוז מען רעדן. און גראָד אויף אַזאַ אויפֿן קען מען דאָס מער ניט אויסמיידן. וואָס ערנסטער די ריזיקע. אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן דער שטאָלץ, וואָס איז איר אַנטקעגן געגאַנגען. אין פֿאַל פֿון דערפֿאָלג, וועט זי נאָך שטאַרקער זיך פֿאַרליבן אין דזשוליאַנען. אָבער אין פֿאַל פֿון מיסדערפֿאָלג?... דאָס קען ניט זיין! האָט איר דען דזשוליאַן ניט ליב! זאָל זיין וואָס עס וועט זיין!

זי האָט ערלאַך געפֿירט די שפּיל. אָבער איינציגע מענטשן וואָלטן וועלן, אַז זייער מיטשפּילער זאָל בעסער זיי נאַרן. סילוויע, וועלכע האָט געוואוסט וועגן דזשוליאַנס ליבע און זייערע פּלענער פֿון הייראַט האָט זיך אָנגעבייזערט אויף אַנעט, און איר אָנגעזאָגט, אַז גאָט זאָל איר היטן צו דערציילן דזשוליאַנען דעם גאַנצן אמת. אודאי מוז ער, עס איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז ער זאָל זיך באַקאַנען מיט אַ טייל פֿון דעם אמת, ווייל ווען זיי וועלן דאַרפֿן הייראַטן וועלן אים די אָפּיציעלע פּאַפּירן ווייזן דעם אמת. אָבער עס זענען אַלע מאָל דאָ וועגן ווי צו באַפּוצן דעם אמת. און אַזוי ווי דער בחור איז פֿאַרליבט אין איר וועט ער פֿאַרמאַכן די אויגן... זי דאַרף זיי בלויז ניט עפֿענען. צו טאָן דאָס וואָלט ווירקלאַך געווען צו נאַריש! עס וועט זיין שפּעטער גענוג צייט צו דערציילן איינע פֿאַר די אַנדערע אַלצדינג.... סילוויע האָט ערלאַך געראָטן דאָס, וואָס איר האָט געלערנט די דערפֿאַרונג. זי האָט באמת געוואָלט איר שוועסטערס גליק. און אויך איר אייגענעם. (זי וואָלט געווען זער צופֿרידן, אַז אַנעט מיטן קינד זאָלן פֿאַרלאָזן איר הויז וואָס שנעלער). לויט איר שטאַנדפּונקט איז קיין פֿרוי קיינמאָל צו קיינעם ניט פֿאַרפּליכטעט מיט קיין אָפֿנהערציקייט. באַזונדערס דעם חתן. פֿאַר אים איז גענוג, אַז זי האָט אים ליב! אַ, זיכער איז אַנעטס אמת דער אומשולדיגסטער. אָבער מענער זענען שוואַך. זיי קענען ניט פֿאַרטראָגן דעם גאַנצן אמת. מען מוז זיי אים דערלאַנגען אין קליינע דאָזעס.

אַנעט האָט רואיק אויסגעהערט סילוויען, און האָט איבערגעטראָגן דעם געשפּרעך אויף עפּעס אַנדערש. נוצלאָז צו ענטפֿערן. — סיי ווי סיי וועט זי טאָן ווי זי פֿאַרשטייט. סילוויעס מאָראַל איז ניט אירע, און עס איז גלייכער ניט צו זאָגן וואָס זי דיינקט וועגן אָט דער מאָראַל. סילוויע, איז סילוויע. איר האָט זי ליב... אָבער מיט

וואָס פאַר אַ בליק וואָלט זי אָפּגעמאָסטן אימיצן אַנדערש. וואָס וואָלט געוואָגט צו איר אַזוי צו רעדן!

— אַרימע סילוויע!. זי אורטיילט מענער לויט די וואָס זי האָט געקענט. אָבער מיין דזשוליאַן באַלאַנגט צו גאָר אַן אַנדער מין. ער האָט מיך ליב אַזאַ ווי איך בין, און וועט מיך ליב האָבן אַזאַ ווי איך בין געוועזן. איך האָב ניט וואָס צו באַהאַלטן פון אים. איך בין קיינ־מאָל ניט באַגאַנגען געגען אים קיין אומרעכט. אויב איך האָב יאָ באַ־גאַנגען אַן עולה, איז בלויז געגען מיר אַליין.

זי האָט פאַלשטענדיק באַגריפן די ריזיקע, נאָר מיט דעם גרויסן און פולן גלויבן אין דזשוליאַנס גרויסמוט האָט זי באַשלאָסן ביי זיך צו רעדן צו אים. און זי האָט אַרויסגעבראַכט אין אַ געשפּרעך די פראַגע וועגן איר פאַרגאַנגענהייט: באַשיידענהייט האָט זי ביז איצט גע־צוואונגען אויסצומיידן אָט די טעמע. נאָר מיט איין מאָל האָט אַנעט גע־לייענט אין דזשוליאַנס אויגן דאָס, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק גע־וואָלט וויסן. נאָר ער האָט מורא געהאַט צו פרעגן, ווייל געוואָלט האָט ער ביידע זאַכן: אי וויסן אי ניט וויסן.

זי האָט צאַרט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף דזשוליאַן און גע־זאָגט:

— מיין פריינד, איך האָב אַלעמאָל געשעצט אייער איידעלע און שיינע באַציאונג צו מיר... איך דאַנק אייך זער. איך האָב אייך ליב... אָבער איך מוז אייך, דאַרף דערציילן דאָס, וואָס איר ווייסט ניט וועגן מיר, דאָס וואָס איך בין געוועזן. איר מוזט מיך קענען. איך בין ניט פריי פון טאַדעל.

אין זיין דערשראָקענער באַוועגונג איז געווען אַ פּראָטעסט געגן דעם וואָס זי האָט זיך געקליבן צו זאָגן, און אפשר אַ פאַרלאַנג זי אָפּ־צושטעלן. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן.

— שרעקט אייך ניט! איך בין ניט באַגאַנגען קיינע גרויסע פאַר־ברעכענסן. אַזוי, אַלענפאַלס, דוכט מיר. און אפשר בין איך צו מילד צו זיך אַליין! די וועלט באַציט זיך גאַנץ אַנדערש צו אַזוינע זאַכן. עס איז פאַר אייך צו משפט'ן. איך פאַרלאָז זיך אויף אייער משפט. באַשליסט ווער איך בין.

זי האָט אָנגעהויבן צו דערציילן איר געשיכטע. זי איז געווען מער דערשראָקן, ווי זי האָט דאָס געוואָלט אַרויסווייזן און האָט

אין פּאַראַיס צוגעגרייט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגן, ווי איינ־פּאַד, זי האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט דאָס דערציילן זאָל זיין, איז פּאַר איר דאָך גוועג זער שמערצפאַל צו רעדן.

כדי בייקומען די אינערלאַכע שוועריגקייט, האָט זי זיך געצוואונגען צו זיין אויסערלאַך מער פריי פון אויפרעגונג און ציטער, ווי זי איז געווען אין דער ווירקלאַכקייט. מאָמענטענווייז האָט זיך אין איר דערציילן אריינגעריסן אַ איראָניע געריכטעט געגן איר אַליין, וואָס האָט זיך וועניק אריינגעפּאַסט אין דער שמערצלאַכער שטימונג וואָס אָט די דערציילונג האָט געשאַפן. זי האָט זיך געוועגט דערצו אַלס צו אַ מיטעל פון זעלבסט פאַרטיידיגונג. דזשוליאַן האָט דאָס ניט פאַר־שטאַנען. ער האָט געזען אין דער גאַנצער אַנגעלעגענהייט אַ שאָקי־רענדע לייכטזיניגקייט און אַ מאַנגעל אין באַוואוסטזיניגקייט.

דאָס ערשטע האָט זי אים דערציילט, אַז זי איז ניט געווען פאַר־הייראַט. דזשוליאַן האָט דאָס פאַרדעכטיקט. דעם אמת זאָגענדיק, איז ער כמעט געווען זיכער אין דעם. אָבער געהאָפט האָט ער, אַז מען וועט אים דערוויזן פונקט דאָס פאַרקערטע. און ווען אַנעט האָט אים דאָס געזאָגט, ווען פאַר צווייפלען איז שוין מער קיין פּלאַץ ניט געווען, האָט ער זיך דערפילט שרקלאַך דערשלאָגן. אַז אמת׳ער קאַטאָליק אין האַרצן, אונטער אַ הייטעל פון אויבערפלעכלאַכן אידעאַליזם, האָט ער זיך ווייט ניט באַפרייט פון דעם באַגריף פון זינד. ער האָט גלייך אַ טראַכט געטאָן דער מוטער: זי וועט קיינמאָל ניט איינגיין דאַ־רויף. ער האָט פאַראויסגעזען אַ קאַמף. ער איז זער שטאַרק געווען פאַרליבט. ניט קוקענדיק אויף דעם טיפן ווייטאָק וואָס אַנעטס ודוי האָט אים פאַרשאַפן. ניט קוקענדיק אויף דעם אמתן פאַלן, האָט איר שוואַכקייט אין דער פאַרגאַנגענהייט פעסטגעשטעלט פאַר אים די „זינד" פון דער וועמען ער האָט געליבט. ער האָט איר ליב געהאַט און כדי זי צו קריגן איז ער גרייט געווען צו באַקעמפן זיין מוטערס ווידערשטאַנד. אָבער אימיצער דאַרף אים העלפן. אַנעט מוז אים אונ־טערהאַלטן. ער איז געווען שוואַך; כדי אריינצוטרעטן אין קאַמף האָט ער געמוזט צוזאַמענגעמען אַלע זיינע כוחות, צווישן זיי האָט די קראַפט פון אילוזיע פאַרנומען אַ בכבודיגן פּלאַץ. ער האָט זיך גענויטיגט צו אידעאַליזירן אַנעט, און ווען אַנעט וואָלט געווען אַ קלוגע וואָלט זי אים געהאָלפן דאָס צו טאָן.

זי האָט געזען דעם צער, וואָס אירע ווערטער האָבן פאַראורזאַכט. זי האָט דאָס דערוואַרטעט; עס האָט איר זער פאַרדראָסן, אָבער אויסהיטן אים דערפון האָט זי ניט געקענט. קאָם וועלן זיי דאַרפן לעבן צוזאַמען, וועט יעדער איינער פון זיי מוזן נעמען אויף זיך אַ טייל פון דעם צווייטנס ליידן און אַפילו זינד. זי האָט ניט באַמערקט דעם קאַמף וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אים, און וואָלט זי אַפילו יאָ געטראַכט דערפון, וואָלט זי דאָך געוועזן געגלויבט אין דעם ענדלאָכן זיג פון ליבע.

— מיין אָרימער דזשוליאַן, איך פאַרשאַף אייך שמערצן. זייט מיר מוחל. עס איז פאַר מיר אויך שווער. איר האָט געגלויבט אַז איך בין געווען בעסער, ווי איך בין. איר האָט מיך הויך אוועקגעשטעלט אין אייער נשמה, צו הויך... איך בין אַ פרוי. איך בין שוואַך... אַמווייניגסטען אויב איך האָב אַפילו געמאַכט אַ טעות, האָב איך אָבער קיינמאָל קיינעם ניט באַטראָגן. איך האָב אַלע מאָל געהאַנדעלט מיט די בעסטע אַבזיכטן. דאָס האָב איך אימער געטאָן.

— יאָ, האָט ער געזאָגט מיט אימפעט, איך בין זיכער אין דעם. ער האָט אייך אָפּגענאַרט, האָט ער ניט?

— ווער? האָט געפרעגט אַנעט.

— אָט דער אויסוואורף... ענטשולדיגט... אָט דער מאַן וואָס האָט אייך פאַרלאָזן.

— ניין, באַשולדיגט אים ניט, האָט זי געזאָגט, די שולדיקע בין איך.

דאָס וואָרט שולדיק, האָט זי באַנוצט בלויז אין זין פון וואָרימער חרטה, פאַר דער פייניגונג וואָס זי האָט אים פאַרשאַפן, אָבער ער האָט זיך דורשטיק אָנגעכאַפּט אין אָט דעם וואָרט. אין זיין פאַרלעגענהייט האָט ער געגאַרט זיך אָנכאַפּן אין דער אידעע, אַז אַנעט איז אַ קרבן פון נאַרעריי און זי האָט חרטה... ער האָט געפילט אַ באַזונדער שטאַרקע באַדערפעניש אין אָט דעם חרטה געפיל, דאָס וואָלט געווען פאַר אים אַ מין באַלוינונג פאַר דער פיין וואָס ער האָט געליטן, אַ באַלזאַם פאַר דער וואונד, וועלכע עס וואָלט ניט פאַרהיילט. נאָר געלינדערט. דאָס וואָלט אים אוועקגעשטעלט מאָראַליש העכער פון אַנעט. צו זיין כבוד מוז דאָס געזאָגט ווערן, אַז ער וואָלט זיך מיט אָט דער „הויך זיינער" קיינמאָל ניט באַנוצט. קורץ, אַזוי גוט ווי ער

האט מער ניט געצווייפעלט אין אנעטס זינד, אזוי האט ער אויך ניט געקענט צווייפלען אין דער באדערפעניש פון חרטה. זיין קריסטלאכע נשמה איז געווען פול מיט אט די באגריפן. די ליבעראלסטע קריסטן באפרייען זיך קיינמאל ניט פון זיי.

אבער אנעט האט געשטאמט פון א ראסע מיט גאר אן אנדער מין נשמה. די ריוויערס האבן געקענט זיין ריין אדער ניט ריין אין דעם זין, וואס די קריסטלאכע מאראל לייגט אריין אין אט דעם ווארט. אדער אויב, זיי זענען געווען ריין, איז דאס ניט געווען אויס גע־הארכזאמקייט צו א פארבארגענעם גאט, אדער צו זיינע שוין צו אפענע פארטרעטער און די לוחות פון זייערע געזעצן. גאר דערפאר, ווייל זיי האבן ליב געהאט ריינקייט, ווי א אניערלאכע מאראלע איי־גענשאפט, ווי שיינקייט. זענען זיי ניט געווען ריין האבן זיי דאס באטראכט, פאר זייער איינענער אנגעלעגענהייט, און ענין פאר זייער אייגענעם געוויסן, אבער ניט פאר דעם געוויסן פון אנדערע. אנעט האט ניט אנערקענט, אז זי דארף וועמען ניט איז אפגעבן דין־וחשבון וועגן זיך. און איר וידוי פאר דזשוליאנען איז געווען א מתנה פון ליבע, וואס זי האט אים געשיינקט. אנשטענדיגקייט האט איר גע־צוואונגן צו פארנאנדערעפענען פאר אים די אויסערלאכע זייט פון איר לעבן. אבער איר אינערלאכן לעבן איז זי ניט געווען פארפליכטעט צו פארנאנדערעפענען פאר אים. זי האט דאס געטאן לויט איר אייגע־נעם פרייעם ווילן. איצט האט זי געזען, אז דזשוליאן וואלט פארגע־צוינגן זי זאל געווען באפוצן דעם אמת, אבער זי איז געווען צו שטאלץ צו געווינען אדער זיך רעכטפערטיקן מיט ליגנס אין וואס זי האט ניט געהאט די מינדסטע באדערפעניש. גראד פארקערט. ווען זי האט פארשטאנען וואס ער וואלט וועלן זי זאל זאגן; האט זי גענומען אויף זיך די פיינלאכע מיה קלאר צו מאכן פאר אים, אז זי האט זיך אליין אפגעגעבן איר געליבטן.

דזשוליאן איז געווען אויסער זיך. ער האט איר ניט געוואלט הערן.

— ניין, ניין! איך גלויב אייך ניט, איר זענט צו גרויסמוטיג. האט ער געזאגט:

— באשולדיגט זיך ניט, כדי צו פארטיידיקן דעם מאן, וואס פאר־דינט ניט מער ווי פאראכטונג.

— אָבער איך באַשולדיק קיינעם ניט. — האָט זי איינפאַך גע־זאָגט.

אירע ווערטער האָבן באַטויבט זיין באַוואוסטזיין, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו פאַרשטיין.

— איר באַמיט זיך אים ריינצוואַשן.

— איך פאַרענטפער אים ניט. נאָר עס איז ניטאָ וועמען צו באַ־שולדיקן.

דזשוליאַן האָט געקעמפט, — אָנעט, איך בעט אייך, רעדט ניט אַזוי.

— וואָרום?

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז עס איז ניט ריכטיק אַזוי.

— ניין, באמת, אַז איך הייב ניט אָן צו וויסן.

— וואָס? איר האָט גאָר אויף קיין זאַך קיין חרטה ניט?

— איך האָב חרטה דערויף וואָס איך מאַך אייך אומגליקלאַך. אָבער דאָן מיין פריינד, האָב איך אייך ניט געקענט; איך בין געווען פריי, און אַליין און האָב ניט געהאַט קיינע פליכטן צו קיינעם, אויסער צו זיך אַליין.

—איז דאָס דען ניט גענוג, האָט ער געטראַכט, אָבער אַרויסצו־זאָגן דאָס האָט ער ניט געוואָגט.

— און פונדעסטוועגן האָט איר דאָך חרטה? איז ער באַשטאַנען אויף זיינס. איר ווייסט זער גוט, אַז איר האָט געמאַכט אַ טעות.

ער האָט ניט געוואָלט איר באַשולדיקן, אָבער ער האָט אַזוי גע־גאַרט, אַז זי זאָל זיך אַליין באַשולדיגן.

— פּיליכט, — האָט זי געזאָגט.

— פּיליכט? — האָט ער איבערגעפּרעגט אַ דערשלאָגענער.

זי האָט געזען וואָהין דזשוליאַן האָט זי געוואָלט פירן. אפשר, איז זי באַגאַנגען אַ טעות, אויב זיך אונטערגעבן צו אַ דראַנג פון טריי־הייט, ליבע און רחמנות קען אָנגערופן ווערן טעות. אפשר יאָ. „אָבער אויב איך קען טיף אין מיין האַרצן חרטה האָבן אויף אַן אויפריכטיקן טעות, מוז איך זיך פאַר קיינעם ניט אַנטשולדיקן דערפאַר. מיין האַרץ איז דאָן געבליבן אַליין מיט זיין פיין, און בלויז מיין אייגענע נשמה האָט זיך באַהעפט אין דער שטיל מיט זיין שמערץ. און איצט האָט זי אַליין בלויז דאָס רעכט אויף חרטה, און צו קיין אַנדערן האָט דאָס ניט... חרטה?... לאָמיר זיין ערלאַך ביזן סוף!... איך האָב ניט קיין

חרטה! איבערקלערענדיק האָט זי געזאָגט, „איך דיינק ניט, אַז איך האָב געמאַכט אַ טעות“.

אפשר האָט זי איבערטריבן, אַלס רעאַקציע געגען דזשוליאַנס אומבאַוואוסטזיניגער היפּאָקריטסטווע! (אַרימער דזשוליאַן) אַפילו אין די מינוטן, ווען זי האָט אים אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט האָט זי אויך ביי זיך ניט געקענט פועלן צו רעדן אַזוי ווי אים געפעלט. זי האָט ניט געקענט פועלן אַראָפּברייינגען פון אירע ליפּן דאָס וואָרט חרטה, וואָס ער האָט אַזוי געגאַרט... „איך וואָלט דאָס זער וועלן זאָגן. נאָר איך קען ניט, עס איז ניט אמת“. אויף וואָס חרטה האָבן? זי האָט געהאַנדעלט ניט נאָר אין איינקלאַנג מיט אירע רעכט, נאָר אַפילו מיט איר גליק. ווייל ווי טייער זי האָט דערפאַר ניט באַצאָלט, האָט זי דאָך געהאַט — איר גליק — דאָס קינד. זי האָט גוט געוואוסט, (נאָר זי אַליין), אַז די מתנה — דאָס קינד — האָט איר ניט נאָר ניט געשעדעט, ווי די טעמפּע געזעלשאַפטלאַכע מיינונג האָט באַהויפּ־טעט, נאָר גראַד פאַרקערט האָט זי גלייטערט און פאַר אַ לאַנגער צייט איר אַרויסגענומען פון צרות און אומרו, דאָס קינד האָט אַריינגעבראַכט אין איר לעבן, פרידן און אָרדנונג. ניין, צוליב איר צוקונפטיקער ליבע וועט זי קיינמאָל ניט באַגיין אַזאַ נידערטרעכטיגקייט, ווי באַשמוצן די ליבע פון איר פאַרגאַנגענהייט. זי האָט איצט געפילט אַ מין דאַנק־באַרקייט צו ראַדזשערן, וואָס איז געווען ניט מער ווי אַ ווערקצייג אין די הענט פון איר שיקזאַל, אַזוי קליין און ווערטלאָז, אין פאַר־גלייך מיט דעם פונק פון לעבן, מיט דער גרויסער ליבע וואָס ער האָט אין איר אָנגעצונדן.

דזשוליאַן האָט דאָס אייפערזיכטיק דערפילט.

— אַ, איר ליבט נאָך, אָט דעם מענטשן ביז היינטיקן טאָג. — האָט ער געזאָגט.

— ניין, מיין פריינד.

— אָבער איר האָט אים ניט פאַרגעסן.

— פאַרוואָס זאָל איך זיין ברוגז אויף אים?

— און איר טראַכט וועגן אים.

— איך טראַכט וועגן אייך, דזשוליאַן.

— אָבער איר האָט אים ניט פאַרגעסן.

— איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן אַ מענטשן, וואָס האָט מיר

גוטס געטאָן, אַפילו דאַן ווען ער האָט שוין אויפגעהערט צו עקזיס־טירן פאַר מיר. וואָרפט איר מיר דאָס ניט אויף, איר האָט מיר אַ סך מער גוטס געטאָן.

דזשוליאַן איז געווען גענוג ערלאַך, צו שעצן אַנעטס אָפֿענהער־ציגקייט, טיף אין האַרצן האָט ער געפילט איר איידעלקייט. פאַר אים האָט זיך ענטדעקט עטוואָס אונדערוואַרטעטעס — די נייע פרוי. אין אירע ניט פאַראויסגעזעהענע אייגענשאַפטן איז געלעגן די אַנטפּלע־קונג פון אַ גאַנץ נייער וועלט.

אָדער אַ צווייטע טייל פון זיין נשמה האָט רעוואָלטירט. זיינע מאַנסבילשע אינסטינקטן זענען געווען געקריינקט, עס זענען אַנגע־רירט געוואָרן קאַטויליש־בורזשואַזע פאַראורטיילן. די פאַרשטעלונג וואָס ער האָט געהאַט און פאַרגעזעצט צו האָבן וועגן אַנעט איז גע־ווען פאַרסמט מיט אַ דערנידעריגענדן חשד. אַנשטאָט צו זייע זיכער אין דער פרוי, וואָס האָט מיט אַזוי פיל צוטרויען געעפענט פאַר אים איר סוד, האָט ער פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער, וועגן וועמענס שוואַכקייט אין דער פאַרגאַנגענהייט ער האָט זיך דערוואוסט. ער האָט געצווייפעלט אין איר צוקונפטיקער טרייהייט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם אַנדערן לעבעדיקן מאַן וואָס האָט זיך באַהעפט צו איר און וועמענס קינד עס וועט זיין זיינס. ער האָט מורא געהאַט צו זיין גע־נאַרט. ער הטאַ זיך געשראָקן צו זיין לעכערלאַך. ער איז געווען באַ־ליידיגט און האָט ניט געקענט פאַרגעבן!

אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך אָפּגעגעבן רעכנונג אין דעם געפער־לאַכן קאַמף, וואָס האָט זיך פאַרבונדן אין דזשוליאַנס נשמה, ווי אויך אין דעם, אַז אירע האָפנונגען וועדן צושטערט. האָט זי אויפגעציטערט. ווייל זי איז געווען אינגאַנצן מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין איר ליבע צו דזשוליאַנען. די גאַנצע קראַפט פון ליבע, די גאַנצע פעאיג־קייט צו גליק האָט זי אַריינגעלייגט אין דזשוליאַנען. אייגענטלאַך האָט זי זיך אויף האַלב אָפּגענאַרט. אָבער אויף האַלב האָט זי זיך דאָך אָפּגענאַרט. דזשוליאַן איז איר ניט ווערט געווען... ער האָט פאַרמאָגט געוויסע מעלות, וואָס האָבן פאַרדינט מען זאָל זיי ליב האָבן. ווי פאַר־שידן זיי זענען ניט געווען, וואָלטן זיי דאָך געווען פעאיק צו לעבן צוזאַמען ביי אַ געוויסער אָנשטריינגונג צו פאַרשטיין און טאָלאָרירן איינע די אַנדערע — און דערביי וואָלטן ביידע, אַן צווייפעל געמוזט

אַביסעל לײדן; אָבער איז דען אַביסעל לײַדן צו אַ גרויסע פּרײַז פאַר אַ דויערהאַפטער און וואַרימער, צאַרטער ליבע? אַנעט וואָלט געווען זער גוט פאַר אים: זי וואָלט אַרײַנגעגאָסן אין אים באַגײַסטערונג. זי וואָלט געווען פאַר אים יענער גרויסער ווינט און צוטרויען צום לעבן, וואָס וואָלט אויסגעגלײַכט און אָנגעבלאָזן זײַנע זעגלען און זײ אַוועקגעטראָגן אַזוי ווײַט, וואוהין ער וואָלט קײנמאָל ניט דערגרײכט אָן איר... און דזשוליאַנס אײדעלע צערטלאַכקײט, זײַן אַכטונג צו דער פרוי, זײַן מאָראַלע רײנקײט און אַפילו זײַן נאַאיווער גלויבן. וואָס זי האָט ניט געטײלט וואָלטן געהאַט אויף איר אַ גוטע ווירקונג: זײ וואָלטן געגעבן איר לײדענשאַפטלאַכער נאַטור אַ באָדן פון זי־כערקײט, דעם פרידן פון אַ הײם און פון אַ נשמה מיט וועלכער מען איז זיכער.

ווײ צו יענע מענטשן, וואָס צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש צו־בלאָזן פון לײדענשאַפט פטר'ן זײ זײער מזל, פאַרשטײען דאָס, וואַרפן דאָס איביק פאַר, נאָר וועלן קײנמאָל ניט נאָכגעבן, טאָקע דערפאַר וואָס זײ ליבן צו שטאַרק, כדי צו קענען גײן אויף אַ מאָראַלן קאָמפּראָמיס, אויף וועלכן זײ וואָלטן מיט פאַראַכטונג אײַנגעגאַנגען בנוגע צו אַ מענטשן, צו וועמען זײ זענען גלײַכגילטיק! אַנעט האָט זיך איצט געפּײַניגט מיטן שטורם וואָס זי האָט אַרויסגע־רופן אין דזשוליאַנס נשמה. איז דזשוליאַן גערעכט?... זי איז ניט געווען פאַרבלענט פון איר אײגענער מײנונג, זי האָט פּראָבירט צו פאַרשטײן אויך דעם אַנדערענס מײנונג. איר כאַראַקטער איז געווען שטאַרק, אָבער אירע אידעען זענען ניט געווען פעסטגעשטעלט, און זי האָט זיך גענומען דאָס רעכט זײ איבערקוקן.

ווען זי איז נאָך גאָר יונג געווען האָט זי אײַנגעזען ווי פאַלש און קינסטלאַך עס איז די מאָראַל פון די וואָס רינגלען איר אַרום, און זי האָט גאָרניט געפונען אין וואָס זיך אָנצושפאַרן אויסער איר שכל, וואָס האָט איר גאַנץ אָפט באַטראָגן. זי האָט אַלע מאָל געזוכט; זי האָט געזוכט אַנדערע וועגן פון דענקן, וואָס זאָלן איר געבן די מעג־לאַכקײט פרײַ צו אָטעמען. ווען זי האָט זיך געטראָפן מיט אַזאַ אויפ־ריכטיקן וועזן, ווי דזשוליאַן האָט זי אים דורשטיק גענומען פאַרשן, וועט אָט די שטים ענטפערן אויפן רוף פון איר האַרצן? די פרוי פון רעוואָלט האָט געדורשט נאָך גלויבן. זי האָט געזוכט, געזוכט איר מאָ־

ראַלע היים לאַנד, זיך אונטערוואַרפֿן צו זיינע געזעצן, אַפֿילו אין פֿאַל ווען זיי וואָלטן איר טאַדלען! נאָר ווען אַליין איז ניט גענוג. זי האָט דאָס ניט געקענט טאָן. דאָס, וואָס דזשוליאַן האָט פֿאַרלאַנגט איז ניט געווען מענטשלאַך!

— זי האָט אים צערטלאַך געזאָגט:

— איך פֿאַרשטיי, איר אורטיילט מיך. ווי די געזעלשאַפֿט וואָלט דאָס געטאָן. איך האָב צו אייך קיין טענות ניט דערפֿאַר. איך בין פּעאיק צו באַוואונדערן די קראַפֿט פֿון קאָנסערוואַטיזם און די האַרט־קייט פֿון זיינע געזעצן. זיי האָבן זייער פּלאַץ אין דעם אַלגעמיינעם סכום פֿון זאַכן, און איך ווייס אויך ווי טיף זיי זענען איינגעוואָר־צעלט אין אייער פֿאַמיליע. עס איז נאַטירלאַך פֿאַר אייך זיי צו פֿאָלגן. איך רעספּעקטיר זיי אין אייך, אָבער מיין פֿריינד, ביי מיין בעסטן ווילן קען איך ניט אַפּלייקענען אַ טאַט וואָס האָט מיר געגעבן מיין קינד, אַפֿילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל מיך פֿאַרדאַמען דערפֿאַר. דזשו־ליאַן טייערער, ווי אַזוי זאָל איך אַפּלייקענען דאָס, וואָס איז מיין גאַנצע טרייסט, די ריינסטע פֿרייד, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט, אפשר אין מיין גאַנצן לעבן. באַמיט זיך בעסער ניט צו באַפֿלעקן מיין גליק, נאָר אויב איר האָט מיך ליב טיילט מיט מיר מיין גליק, עס איז אין דעם גאָרנישט ניטאָ וואָס זאָל אייך קענען באַליידיקן!

ריידענדיק אַזוי האָט זי דערפֿילט, אַז ער פֿאַרשטייט איר ניט; זי האָט בלויז אים נאָך מערער צורייצט. עס איז איר געווען שווער. וואָס טוט מען איצט? זאָגן ליגן? גענוג, וואָס זי האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויף אָט דעם דערנידעריגנדן געדאַנק... אָבער ווי דערלאָזט מען, אַז דער בראָך זאָל זיך צוּוואַקסן אין דעם געפֿיל, וואָס איז איר אַזוי טייער?... איר האָט זיך געדוכט אַז עפּעס צורייסט זיך ביי איר אין האַרצן. — יעדעס מאָל, וואָס זי האָט זיך געטראָפֿן מיט דזשו־ליאַנען האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שרעק: וואָס וועט זי היינט איבער לייענען אויף זיין פּנים?...

און ער האָט מיסברויכט מיט איר ליבע מיט דער קליינליכקייט פֿון אַ מענטשן וואָס איז זיכער אַז ער איז געליבט: ער האָט געוואוסט, אַז ער פֿאַרשאַפֿט איר שמערצן און האָט איר ווייט געטאָן; איצט האָט ער פֿון זיין זייט דערפֿילט זיין מאַכט איבער איר. ער האָט איר אַנ־

געהויבן ווייניגער צו גאָרן. ווי נאָר ער האָט זיך איבערצייגט אַז זי גאָרט אַן וויל אים.

דאָס אַלעס האָט זי פאַרשטאַנען און איז געווען פאַרצווייפעלט. וואָס זי האָט אים אַרויסגעוויזן איר שוואַכקייט. זי האָט זיך איבערגעגעבן צו אַן אַבערגלויבישן געפיל: אויב עס איז איר באַשערט אַז זי זאָל ווערן דזשוליאַנס פרוי וועט זי דאָס זיין. וואָס זי זאָל ניט רעדן, און פאַרקערט איז איר באַשערט אים צו פאַרלירן וועט זי אים פאַרלירן, וואָס זי זאָל ניט זאָגן.

אָבער אין די טיפעניש פון דער נשמה האָט זי געוואָלט גלויבן. אַז פאַר אָט דער געהאַרכזאַמקייט וועט דאָס מזל איר שפּילן. דזשוליאַן וועט זיין גערירט.

— איך גיב זיך איבער אין דיינע הענט, שוין זשע וועסטו מיך דערפאַר ווייניגער ליבהאָבן?

XXI

אין דזשוליאַנס באַוואוסטזיין איז אָנגעגאַנגען אַ מאָדנע אַרבייט. האָט ער זי ליב געהאַט? —ניין, ער האָט איר נאָר געגאַרט, אַזוי שטאַרק ווי אימער — און ווער ווייסט? (ער האָט ניט געוואָלט וויסן)... מיט איין וואָרט ער האָט נאָך אַלץ געגאַרט נאָך איר. אָבער ער איז איצט געווען זיכער, אַז ניט נאָר וועט זיין מוטער קיינמאָל ניט צושטימען צו אָט דער הייראַט, נאָר אַפילו, אַז ער אַליין וועט אויך קיינמאָל ניט זיין אימשטאַנד דאָס צו טאָן. פאַר אַ סך טעמים: ווי פאַרביטערקייט, אַנגערירטער פוסטער שטאָלץ, מאָראַלער טאַדעל, עפּעס אַ מין אייפערזיכטיקער ווידערווילן. ער האָט ניט ליב געהאַט נאָכצודינקען וועגן אָט די אורזאַכן. (אַ מיר קענען אייך, אָבער פעשטשעט זיך ניט אַזוי"). זיין מוח האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי גלייכצייטיק צופרידענשטעלן אי זיינע באַהאַלטענע טעמים, אי זיינע פאַרלאַנגען... אַנעט האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך דערקלערט פאַר אַ פרייע פרוי אין די פראַגן פון ליבע... אַזאַ שטעלונג איז בכלל ניט געווען אין איינקלאַנג מיט זיינע אייגענע אָנזיכטן. ניין; אָבער, נאָך אַלעמען אַזוי ווי זי איז וואָס זי איז, טאָ פאַרוואָס זאָל זי ניט זיין דאָס אייגענע מיט אים, ווען זי האָט אים ליב.

ער האט עס ניט ארויסגעזאגט אזוי אפן, ווי ער האט געטראכט. ער האט בלויז איינגע׳טענה׳ט מיט איר אז הייראטן איז פאר זיי אן אומעגלאכע זאך. ער האט איר באוויזן א גאנצן צעטל אנבאשטרייטבארע שטערונגען: (און ווי נאר זי האט זיי צושלאגן, אזוי זענען גלייך אויסגעוואקסן נייע) — זיין מוטער וועט קיינמאל ניט צושטימען דערצו, די נויטווענדיגקייט צו וואוינען מיט איר צוזאמען, די געדריקטע מאטעריעלע לאגע — ווען זי אנעט איז דאך געוואוינט צו רייכטום, צו געזעלשאפט; — (די ארימע אנעט וואס איז שוין צוויי יאר אומגעלאפן אויף פריוואטע לעקציעס). דער אונטערשיד איז זייערע טעמפעראמענטן און כאראקטערע. (דער לעצטער ארגומענט איז ארויסגעשוואומען שוין גאר צום סוף, און האט אנגעווארפן אויף אנעט אן האפנונגסלאזען שרעק, זי האט שוין געהאט געגלויבט, אז די אלע פריערדיקע ארגומענטן האט זי צושלאגן). כדי איר צו באווייזן אז דער אונטערשיד עקזיסטירט, האט דזשוליאן מיט אן איינגעשפארטער אומגערעכטיגקייט זיך געהאלטן אין איין ארויסשטעלן אין שווארצע פארבן, כאטש לאך און וויין צוזאמען. עס איז געווען א רחמנות צוצוקוקן ווי ער האט זיך געדרייט אויף אלע זייטן און געזוכט אלערליי פוילע תירוצים כדי זיך ארויסצודרייען; אנעט האט פארגעסן איר שטאלץ, זי האט זיך געמאכט טאמעוואטע, מיט אלע כוחות אפגעענטפערט, און פארענטפערט אלע זיינע ארגומענטן און פיבערהאפט געקעמפט כדי ער זאל איר חלילה ניט פארלאזן און ניט אוועקגיין.

ער איז ניט אוועקגעגאנגען. ער האט זיך ניט אפגעזאגט, צו נעמען ער האט זיך בלויז אפגעזאגט צו געבן.

ווען אנעט איז דערגאנגען דעם ציל פון אלע זיינע תרוצים און פארלאנגען, איז איר פארצווייפלונג געווען גרעסער פון איר רעוואלט. עס האט איר פשוט ניט געסטאיעט קיין כוח פאר איר ברענענדיקן צארן.

צו קעמפן לענגער איז ניט געווען צוליב וואס. אט דאס איז עס. וואס ער האט געוואלט!... ער!... אומגליקלאכער!... ער האט, זעט אויס, זיך אליין ניט געקענט? ער האט ניט געוואוסט וואס ער איז געווען פאר איר? ווייל זי האט זיך פארליבט אין אים בלויז צוליב זיין מאראלער ריינקייט. און עס האט אים זער, זער וועניק געפאסט

צו שפּילן אַ דאָן זשואַן, אַ נאַכזוכער פון פרייער ליבע! ניט קוקנדיק אויף איר אַנגסט און פּיין, האָט אַנעטס שבל ניט פאַרלאָרן אויף קיין האָר זיין שאַרפע, איראָנישע קלאָרקייט, און ניט פאַרפעלט אויפצור כאַפּן דאָס קאָמישע צוזאַמען מיט דעם טראַגישן אין לעבן.

— מיין פריינט, האָט זי געטראַכט, צערטלאַך, מיט רחמנות, און עקעל:

— איך האָב דיך אַ סך בעסער ליב געהאַט ווען דו האָסט מיך פאַרדאַמט. דיין שמאָלע, אָבער דערהויבענע פאַרשטעלונג וועגן ליבע האָט דיר געגעבן אַ רעכט דערצו. אָבער איצט האָסטו דאָס ניט מער. צו וואָס טויג מיר אָט די קליינינקע ליבע, וואָס דו שלאָגסט מיר פאָר. ליבע אָן צוטרויען. אויב עס איז ניטאָ קיין צוטרויען, איז גאָר ניטאָ צווישן אונז... יעדער ליבע האָט איר באָדן: דאָרט וואו איינע בליט, וועט ביי דיזעלבע באַדינגונגען אַ צווייטע פאַרדאַרבן. קערפּערלאַכע ליבע קען זיך לייכט באַגיין אָן אַכטונג, אָבער די ליבע וואָס איז געבויט אויף אַכטונג קען זיך ניט באַניגענען מיט לויטער געגנוס און פאַר־געניגן.

— „ניין“, — האָט אַ צעוויטאַגטע, אויסגעשריען אַנעט, אין די טיפענישן פון איר האַרצן, ״איך וועל ליבער ווערן די געליבטע פון ערשטן פאַרבייגעהער, וואָס וועט מיר געפעלן, איידער דיינע, ווען איך האָב ליב!... צו ווערן זיין געליבטע, וואָלט געווען אַ שאַנדע. מיט דיר איז אָדער אַלץ, אָדער גאָרניט!

אויף דזשוליאַנס שטענדיקן אָנדרייטן, האָט זי אַלעמאָל געענט־פערט מיט אַ צערטלאַכן אָבער פעסטן, ניין, וואָס האָט אים אי באַ־ליידיגט, אי וויי געטאָן. ניט קוקנדיק אויף דער געגנענזייטיגער שטרענגער פאַראַורטיילונג האָבן זיי געליבט נאָך אַלץ איינע די אַנדערע. און קיינער פון זיי האָט ניט געקענט ביי זיך פועלן צו פאַר־לירן זייער גליק. זיי האָבן גערופן איינע די אַנדערע, געגאַרט און אפילו זיך פאַרגעשלאָגן איינע די אַנדערע און דאָך געווען אומפעאיק ארויסצוברייננגן דאָס וואָרט וואָס זאָל זיי פאַראייניקן; ער אַ דאַנק זיין אינערלאַכער שוואַכקייט, יענער מאָראַלער מאַטקייט, וואָס איז, (מיט גאָר ווייניק אויסנאַמע) די אייגנענשאַפט פון מאַן, (זאָל אַ מאַן דאָס וואָגן צו זאָגן) און אין וועלכער ער איז זיך קיינמאָל ניט מודה.

— זי אַ דאַנק איר אויפריכטיקער שטאָלץ, וואָס איז די אייגענשאַפט

פון דער פרוי און וועלכע זי אנערקענט אויך ניט;ביידע געשלעכטער זענען אזוי צוקאליטשעט פון דער געזעלשאפטלאכער מאראל, וואס איז געבויט אויף דעם זיג פון דעם מאן, אז זיי האבן פארגעסן זייער אמת'ע איינגענשאפטן. אין דער ווירקלאכקייט איז דער שוואכערער ניט אלע מאל דער, וועמען עס איז אנגענומען אזוי צו רופן. די נאטור גיט דער פרוי פיל מער כוח, וואס אפילו אין דער נעץ, וועלכע דער מאן האט אויף איר ארויפגעווארפן, פארבלייבט זי א געפאנגענע, וואס האט זיך פון קיין זאך ניט אפגעזאגט און צו גארניט אונטערגעגעבן.

דזשוליאן האט געשפירט די גערעכטיגקייט פון אנעטס מאטיוון. און האט ניט געצווייפעלט אין זייער אויפריכטיגקייט, אבער ער האט ניט געקענט בייקומען די שעמעוודיגקייט פון זיין הארצן, ער האט נאכגעפאלגט דער עפענטלאכער מיינונג, וואס ער האט רעספעקטירט וויניגער ווי אנעט. פאר זיך אליין וואלט ער געקענט שלום מאכן מיט אנעטס פארגאנגענהייט; אדער פאר די אויגן פון דער עפענטלאכער מיינונג האט ער דאס בשום אופן ניט געקענט טאן. און זיך האט ער געהאלטן אין איין איינרעדן, אז ער האנדלעלט אזוי לויט זיין אייגענעם געוויסן.

עס האט אים אויסגעפעלט מוט אנצורופן די וועמען ער האט געליבט מיט דעם נאמען "מיין פרוי", און זיין מוטלאזיגקייט האט ער געקרוינט מיט דעם שיינעם נאמען זעלבסט ווירדע. אים האט זיך ניט אינגאנצן איינגעגעבן זיך צו איבערצייגן דעריין. ער וואלט באדארפט מיט איר צוזייסן; אבער דאס האט ער ניט געוואלט. ווען אנעט פלעגט אנהויבן רעדן פון צוזייסן פלעגט ער איר אפהאלטן; ער האט זיך געוואקעלט, געליטן און געצווונגן זי צו ליידן. ער האט איר ניט געוואלט נעמען, און האט איר ניט געקענט אויפגעבן. ער האט געשפילט א גרויזאמע שפיל: ער האט אויפגעהאלטן אין איר די האפענונג, וואס ער האט שפעטער אליין צושטערט. ער פלעגט זיך ארויסגליטשן פון אונטער אירע הענט, ווען זי האט אים ארויסגעוויזן מער ליבע, און ווי נאר זי האט שלום געמאכט דערמיט און זיך אנגעהויבן אויסגלייכן, קומען צו זיך איז ער געווארן שטערבלאך פארליבט. ביי אנעט האבן זיך דורכגעריסן שמערצלאכע געשרייען פון צוואוואונדעטער צערטלאכקייט. זי האט זיך געפייניגט. סילוויע האט דאס באַ-

מערקט און מיט גרויס מי איז זי דערגאַנגען ביי איר דעם אמת. זי האָט געזען דזשוליאַנען און האָט זיך געשאַפן אַ פאָרשטעלונג וועגן אים.

— ער האָט געהערט צו יענעם טיף מענטש, וואָס באַשליסן זיך אויף עפּעס בלויז דאַן ווען מען צווינגט זיי דערצו. דאָס קען מען טאָן. קריג אַרויס זיין צושטימונג, ער וועט דיר שפּעטער דאַנקבאַר זיין דערפאַר.

אַבער איר איז געווען צו שווער דער געדאַנק, אַז דזשוליאַן קען איר נאָך, ווען ניט איז באַשולדיגן אין זייער הייראַט. (ווען ער זאָל דאָס אפילו קיינמאָל ניט אַרויסזאָגן אין דער הויך). דאַן איז שוין געוואָרן אומעגלאַך פאַר איר לענגער צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דער אומהיילבאַרער גייסטיקער שוואַכקייט פון אָט דעם מענטשן. ווען די אומזיסטע האָפנונג, אויף וועלכן ס'איז ניט אין אַ פעסטן באַשלוס פון זיין אומרוהיגן מוח, איז אין איר אָפּגעשטאָרבן — האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיט איין קלאַפּ.

זי האָט אָנגעשריבן דזשוליאַנען וועגן דעם, אַז צו דער פּרוכט־לאָזער מאַטערניש מוז קומען אַ סוף. זי האָט געליטן, ער האָט געליטן, און ביידע דאַרפן לעבן. זי האָט געמוזט אַרבייטן צוליב איר קינד, און ער האָט אויך זיינע אייגענע אַרבייט. פאַר אַ לענגערער צייט האָט זי אים אָפּגעריסן אין אַ געוויסער מאָס פון איר. זיי האָבן צוגענומען די כוחות איינע ביי די אַנדערע, וועלכע זיי האָבן נט געהאַט צופיל. אויב זיי זענען ניט אימשטאַנד צו טאָן און געבן איינע די אַנדערע דאָס גוטע, וואָס זיי האָבן געהאַט, טאָ זאָלן זיי כאָטש ניט פאַרשאַפן קיין בייז איינע די אַנדערע. זיי דאַרפן זיך מער ניט זען. זי האָט אים באַדאַנקט פאַר אַלץ, וואָס ער איז פאַר איר געווען.

דזשוליאַן האָט ניט געענטפערט. און עס איז געוואָרן שטיל... אין די טיפענישן פון זייערע נשמות האָבן פאַרביטערקייט, חרטה און באַליידיגטע ליידענשאַפט געקעמפט צווישן זיך.

XXII

זייער ליבע איז ניט געבליבן קיין סוד פאַר די אַרומיגע. לעאָ־פּאָלד האָט נאָכגעפאָלגט זייער ליבע מיט אַ פאַרדרוס. וואָס ער האָט

נים געקענט באהאלטן פון סילוויען. די שווערע ערינערונג, וואס איז אים געבליבן פון דער ווייט ניט גלענצענדער פאסירונג, האט איבער־געלאזן אין זיין נשמה א געפיל פון טיפער באליידיגונג, וואס האט נים פארלוירן איר שארפקייט מיט עטלאכע מאנאטן שפעטער. ווייל איצט האט ער געקענט זיך אליין איינרעדן, אז ער האט פארגעסן די אורזאכן פאר דער באליידיגונג. סילוויע זייענדיק אויף דער וואך, איז געווען ערשטוינט פון זיין מאדנער באנעמונג. ווען זי האט זיך נעהענטער צוגעקוקט צו אים איז פאר איר געווארן אומעגלאך צו צווייפלן: ער איז אייפערזיכטיק, און פאלגענדיק דער וואונדערבארער לאגיק פון איר הארצן איז זי שטארק אין כעס געווארן אויף אנעט און האט איר פיינט געקראגן. אט די איבערמעסיגע עמפפינדלאכקיים האט זיך, איז א געוויסער מאס, דערקלערט מיט דעם צושטאנד פון איר געזונט. טרויעריק איז דאס, וואס דער אפקלאנג פון אט דער קרענקלאכ־קייט האט אנגעהאלטן אויך דאן ווען די אורזאכע פאר איז שוין לאנג, לאנג, נים געווען.

אין אקטאבער האט סילוויע געבוירן א מיידעלע. א פרייד פאר אלעמען אין הויז. אנעט האט זיך אזוי ליידענשאפטלאך צוגעבונדן צום קינד, ווי צו איר אייגענס. סילוויען האט פארשאפן ווייניק פאר־געניגן צו זען איר מיידעלע אין אנעטס הענט. און זי האט מער נים פרובירט צו באהאלטן, ווי ביז אהער, איר בייזע פיינטשאפט. אנעט איז אויסגעקומען פאר די לעצטע עטלאכע וואכן אויסהערן פון סיל־וויען פילע באליידיגונגען, וועלע זי האט צוגעשריבן צו איר נים געזונטן צושטאנד. איצט אבער איז פאר איר ניט געווען קיין צווייפעל, אז סילוויע האט געווארפן אויף איר אן אומחן. זי האט געשוויגן און אויסגעמידן איר אפצוענטפערן. זי האט געווארט און גע־האפט, אז די אלטע גוטע באציאונגען וועלן צוריק קומען.

סילוויע איז צו זיך געקומען, און זי איז צוריק געווען אויף אירע פיס. די באציאונגען צווישן ביידע שוועסטער זענען אומערלאך פארבליבן די זעלביגע. א זייטיגער מענטש וואלט נים באמערקט קיין שום ענ־דערונג אין זיי. אבער אנעט האט מיט ווייטאק געשפירט אין סיל־וויע א פיינדלאכע קעלט צו זיך. עס האט זיך איר געגליסט איר אנ־נעמען פאר א האנט און זי פרעגן

— וואָס איז מיט דיר? — זאָג מיר, טייערע! וואָס האָסטו געגן מיר?

נאָר סילוויעס בליק האָט אויף איר אַנגעיאָגט אַ קעלט און זי האָט ניט געוואָגט. זי האָט אינסטינקטיוו געוואוסט, אַז ווען סלוויע זאָל אָנהויבן רעדן, וועט זי זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס מען וועט שוין דערנאָך ניט קענען פאַרריכטן. שוין בעסער שווייגן. אַנעט האָט גע־פילט אין איר שוועסטער אַ בייזן ווילן געגן וועלכן זי איז געווען מאַכטלאָז.

איינמאָל האָט סילוויע געזאָגט צו אַנעט, אַז זי וויל זיך מיט איר דורכרעדן. מיט אַ קלאַפּענדיקן האַרצן האָט אַנעט געפרעגט ביי זיך:

— וואָס וועט זי מיר זאָגן?

סילוויע האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט אַנעט, וואָס וואָלט איר געקענט אָנרירן, זי האָט ניט פאַרלוירן קיין קלאַנג וועגן אירע פער־זענלאַכע פאַרדרוסן. זי האָט גערעדט צו איר וועגן הייראַט.

אַנעט האָט פאַרזיכטיק פּראָבירט צו בייטן די טעמאַ. אָבער סילוויע האָט ניט געלאָזן, זי איז באַשטאַנען אויף אירס און האָט פאָרגעשלאָגן אַ באַשטימטן שידוך: לעאָפּאָלדס אַ פריינט, וואָס איז געווען אַ מין מעקלער און האָט געהאַט אַ ווייטע שייכות צו זשורנאַליס־טיק. דאָס איז געווען אַ וועלטלאַכער מענטש, מיט פאַרשידענע, שוין צופיל פאַרשידענע קוואַלן פון פּרנסה: ער האָט פאַרקויפט אַטאָמאָ־בילן, געשריבן אַנאָנסן, און איז געווען אַ פאַרמיטלער ביי פאַבריקאַנטן מיט זייערע קונים אין זייערע קלובן און סאַלאָנען; און האָט גע־קראָגן באַצאָלט פוןביידע צדדים. סילוויע האָט געמוזט שטאַרק ענ־דערן איר באַציאונג צו דער שוועסטער אויב זי האָט איר געקענט פאָרשלאָגן אַזאַ מין שידוך. אַנעט האָט שמערצלאַך דערפילט ווי ווייניק ליבע עס איז פאַרבליבן פאַר איר אין סילוויעס האַרצן. אָט דער פאָרשלאָג האָט דאָס קלאָר באַוויזן. מיט אַ באַוועגונג פון האַנט האָט זי געמאַכט אַ סוף צום געשפּרעך. סילוויען איז דאָס ניט געפעלן געוואָרן. זי האָט געפרעגט אויב אַנעט דיינקט, אַז דער שידוך איז אונטער איר ווירדע? אַנעט האָט געענטפערט אַז זי האָט זיך ניט פאַרגעבן די פראַגע, נאָר זי וויל לעבן זעלבסטשטענדיק. אויף דעם האָט סילוויע באַמערקט, אַז עס איז לייכטער צו רעדן, ווי צוטאָן; עס איז זער גוט צו וועלן, נאָר מען מוז נאָך אויך קענען.

— און דו דיינקסט, אז איך קאן ניט?
— דן? — איך קען זיך ווען, אז ניט!
— דו ביזט אומגערעכט! — איך קען לעבן אויף מיינע פאר־דינסטן.
— מיט דער הילף פון אנדערע.

אין טאן, נאך מער ווי אין די ווערטער, איז געווען א פארלאנג צו שטעכן.

אנעט איז רויט געווארן, נאר זי האט ניט געענטפערט, איר האט זיך ניט געוואלט ברענגען צו קיין קריג.

אין לויף פון די פאלגענדע עטלאכע וואכן האט זיך סילוויעס קראנקער געמיט שארפער געלאזט פילן. זי האט זיך באנוצט מיט יעדער מינדסטער געלעגנהייט: דאס האט אויף א האר ניט גע־שטימט דאס געשפרעך, דארט האט געפעלט עפעס א קלייניגקייט אין איר קלייד, אנעטס פארשפעטיקן צו מיטאג, דער טומעל, וואס דער קליינער מארק האט געמאכט אויף די שטיגן... זיי זענען מער ערגעץ ניט געגאנגען צוזאמען. אויב מען האט געזאלט זונטיק ארויסגיין שפאצירן צוזאמען פלעגט סילוויע ניט אנזאגענדיק אליין אוועקגיין מיט לעאפאלדן, און ארויפווארפן די גאנצע שולד אויף דעם וואס אנעט איז ניט פינקטלאך. אדער אין דער לעצטער מינוט צוריק רופן דעם שפאציר.

אנעט האט געזען, אז איר אנוועזנהייט איז א לאסט. זי האט שעמעוודיק אנגעהויבן רעדן פון זוכן א דירה אין אן אנדער עק פון פאריז, וואס זאל זיין נעענטער צו אירע שילער. געהאפט האט זי, אז זיי וועלן איר אפהאלטן, און וועלן זי בעטן בלייבן. אבער זיי האבן זיך געמאכט ניט הערענדיק.

אנעט האט געהאנדעלט מוטלאז און איז פארבליבן. זי האט זיך געהאלטן אין אט דער פריינטשאפט, וואס איז פון איר אנטלאפן. איר איז שווער געווען זיך צושיידן ניט נאר מיט סילוויען, נאר אויך מיט דער קליינער אדעט צו וועמען זי האט זיך זער צוגעבונדן. זי האט אריבער געטראגן א היבש ביסעל שווערע באליידיגונגען, זיך מאכ־כענדיק ניט זעהענדיק. אירע באזוכן זענען געווארן זעלטענער, אבער פאר סילוויען זענען זיי נאך אלץ געווען צו אפט. אמת, אז זי האט זיך נאך ניט אומגעקערט צו איר נארמאלן צושטאנד. עס האט זי

נעפּייניגט אַ קראַנקלאַכע אייפערזוכט. איינמאָל, ווען אַנעט האָט זיך אומשולדיק געשפּילט מיט אַדעט האָט זי ניט באַמערקט סילוויעס טרוקענעי וואָרנונג צו איר, זי זאָל אויפהערן: אויסער זיך, האָט דאַן סילוויע זיך אויפגעהויבן פון אָרט און האָט אַרויסגעריסן דאָס קינד פון אירע הענט.

— אוועק פון דאַנען!...

און אַזוי פיל האָס איז געלעגן אין איר בליק, אַז אַנעט האָט אַן אויפגעציטערטע געפרעגט ביי איר:

— אָבער וואָס האָב איך געטאָן? קוק ניט אַזוי אויף מיר, איך קען דאָס ניט פאַרטראָגן. דו ווילסט אַז איך זאָל אוועקגיין? ווילסטו אַז איך זאָל שוין מער קיינמאָל ניט קומען צוריק?

— צום סוף האָסטו דאָך פאַרשטאַנען, האָט סילוויע גרויזאַם געענטפערט.

אַנעט איז בלאַס געוואָרן. — סילוויע! — האָט זי אויסגעשריען.

מיט אַ קאַלטן האָס האָט סילוויע פאַרגעזעצט.

— דו לעבסט אויף מיין חשבון, גוט! דאָס מאַכט ניט אויס. אָבער מיין מאַן און מיין טאָכטער זענען מיינע!

מיט ווייסע ליפּן און ניט מיט איר קול האָט אַנעט ווידערהאָלט:

— סילוויע, סילוויע!

פּלוצלינג האָט זי זיך אויך אָנגעצונדן.

— דו שלעכטע זאַך! דו וועסט מיך שוין קיינמאָל ניט זען.

זי איז צוגעלאָפן צום טיר און איז פאַרשוואונדן.

סילוויע האָט זיך געמאַכט האַרץ און קלוימערשט געלאַכט.

נשקשה, זי וועט נאָך היינט אויפדערנאַכט קומען צולויפן.

צווייטער טייל

XXIII

אנעט האט פארלאזן סילוויעס וואוינונג מיט דער האפנונג זיך מער קיינמאל אהין ניט אומקערן. זי האט געוויינט. זי האט געברענט פון שאנדע און ווילדן צארן. אט די צוויי ליידענשאפטלאכע נאטורן האבן זיך ניט געקענט אויפהערן ליב צו האבן, ביז זיי זאלן זיך כמעט ניט אנהויבן צו האסן.

עס איז געווען אומעגלאך פאר אנעט צו פארבלייבן מיט סילוויען אונטער איין דאך. וואלט זי געווען האבן די מעגלאכקייט, וואלט זי זיך געווען ארויסגעקליבן אויף מארגן. צום גליק האט זי זיך געמוזט רעכענען מיט די פראקטישע אומשטענדן: לאזן וויסן דעם באלעבאס אז זי קלייבט זיך ארויס, אפזוכן א דירה. אויף דער הייסער מינוט איז זי געווען גרייט אוועקגעבן די זאכן אין א לאגער הויז און אליין זיך אריינציען אין א האטעל. אבער זי האט זיך איצט ניט געקענט דערוועגן צו פארשווענדן געלט אן א רעכענונג. זי האט זער וועניק אפגעשפארט. אלץ וואס זי האט פארדינט איז ביי איר אוועקגעגאנגען. אמת, זי האט ניט באדארפט אנקומען צו איר שוועסטערס הילף. אבער דער באוואוסטזיין, אז אין פאל פון נויט האט זי זיך וואו צו ווענדן האט געשאפן ביי איר א געפיל פון זיכערקייט, האט איר פארשפארט צו זיין צופיל באזארגט אדער אומרואיק פאר דעם מארגענדיקן טאג. ווען זי האט גענומען אויסרעכענען וואס זי וועט דארפן האבן כדי צו לעבן אליין האט זי, צו איר גרויסער עלענד, געמוזט צוגעבן, אז אירע פארדינסטן וועלען ניט זיין גענוג צו דעקן אלע אירע באדערפענישן. ווען זי האט געוואוינט מיט איר שוועסטער, האבן זיי אייניגע מאלצייטן געהאט צוזאמען, דאס אליין האט איר שוין עפעס פארשפארט, סילוויע פלעגט אויך צושטעלן די קליידער פארן קינד, און פאר אירע אייגענע קליידער האט אנעט געצאלט בלויז פאר דעם קאסט פון דער ווארע; א חוץ די זאכן וואס האבן באלאנגט צו איינער און האבן געדינט פאר ביידן; די קלייניקע מתנות, די זונטיקדיקע עקסקורסיעס, די ספעציעלע קלייניקע פארגעניגענס, וואס האבן באשיינט

די גרויע אַלטעגלאַכקייט. אויסער דעם, אַז דער גרויסער קרעדיט, וואָס איר שוועסטער האָט געהאַט אין דער גאַנצער נאָכבאַרשאַפט, האָט געגעבן אַנעט אַ מעגלאַכקייט צו מאַכן אירע צאָלונגען שפּעטער איידער זי האָט באַדאַרפט. איצט וועט זי מוזן פאַר אַלצדינג צאָלן מזומן. אין אָנפאַנג וועט זיין שווער. דער אויפגוב, דאָס קלייבן זיך, די אויסגאַבן פון איינאָרדנען זיך, און דאָס וויכטיגסטע, ווער וועט אַכ־טונג געבן אויפן קינד? דאָס איז געווען אַ האַרבע פראַגע. זי מוז פאַרדינען פאַרן קינד, און כדי צו פאַרדינען מוז זי אַוועקגיין פון דער היים; ווער וועט אַכטונג געבן אויף אים. אַנעט האָט געמוזט צו־געבן, אַז זי וואָלט ניט געקענט דורכקומען מיט אַט די אַלע שוועריג־קייטן ווען זיי זאָלן געווען קומען פריער, ווען מאַרק איז נאָך געווען גאָר אַ קליינינקער. אָבער ווי אַזוי זענען אַנדערע פרויען אויסגעקומען? אַנעט האָט וויינעטאַן פאַר אַט די אומגליקלאַכע פרויען און האָט זיך געפילט דערנידעריגט.

אַוועקגעבן דאָס קינד אין אַ פּאַנסיאָן? ער איז שוין געווען גרויס גענוג צו גיין אין אַ שול, אָבער זי האָט אים ניט געוואָלט פאַר־שפּאַרן אין איינעם פון אַט די פלעצער. דאָס, וואָס זי האָט זיך אָנ־געהערט וועגן אַט די פּאַרצייטיקע אינסטיטוציעס (זיי האָבן זיך אַביסעל פאַרבעסערט) און, וואָס זי האָט זיך אינסטינקטיוו אָנגע־שטויסן וועגן זייער מאָראַלער און פיזישער דערציאונג, האָט איר גע־צוואונגען צו דענקען, אַז אַוועקגעבן אַהין איר זון איז אַן אמת'ער פאַר־ברעכן. זי האָט געוואָלט גלויבן, אַז דער אינגל וועט זיך פילן דאָרטן אומגליקלאַך... אָבער, ווער ווייסט. אפשר וואָלט ער גאָר געווען זער צופרידן זיך אַרויסצוגליטשן פון אונטער אירע פליגעל, אָבער קען זיך דען אַ מוטער פאַרשטעלן, אַז זי איז אַ לאַסט פאַר איר קינד? זי איז אפילו ניט געווען גרייט צו לאָזן אים אין איינער פון אַט די שולן פאַר זיינע מאַלצייטן. זי האָט זיך פאַרענטפערט דערמיט וואָס מאַרק איז אַ שוואַך קינד, ער נויטיגט זיך אין ספּעציעלער שפּייז און זי מוז אַכטונג געבן אויף זיין דיעטע. אָבער עס איז געווען זער שווער. במעט אומעגלאַך צו קומען אַ היים צו גרייטן זיינע אָנבייסענס און מיטאָגס. אירע לעקציעס האָבן איר געצוואונגען צו פליען פון איין עק פּאַריז צו אַ צווייטן. איר איז די גאַנצע צייט אויסגעקומען צו זיין אין באַוועגונג. די לעקציעס האָבן וועניק אַריינגעבראַכט! עס האָבן זיך

אלע מאל געפינען אומדערוואַרטעטע אויסגאבן וואָס זענען ניט אריינגעגאנגען אין אירע רעכנונגען. דער אינגעל איז געוואקסן שנעל. און אַנעט האָט פאַרדראָסן, ווארום ער איז ניט ענלאַך צו יענע קליינע בעבלאַך וואָס וואַקסן קיינמאָל ניט שנעלער פון זייער שאַלאַכץ. זי האָט אים באַדאַרפט קליידן. זי האָט זיך אויך ניט געקענט דערלויבן צו פאַרנאַכלעסיגן איר אייגענעם אויסזען, דאָס האָט געפאָדערט סיי איר באַשעפטיגונג, סיי איר שטאַלץ. און זי האָט געמוזט זוכן נייע קוואַלן פאַר איינקונפט. זי האָט גענומען אַהיים אַרבייט, איבערשרייבן מאַנוסקריפּטן, דורכקוקן איבער׳זעצונגען, (אַ אומדאַנקבאַרע שלעכט באַצאָלטע ארבייט) סעקרעטאַרישע אַרבייט, פאַר איינעם אָדער צוויי פרימאַרגענס אין דער וואָך (אויך אָרים באַצאָלטע). אָבער די אַלע זאַכן צוזאַמען זענען געווען גענוג אויף דורכצוקומען. פאַרדינען האָט מען געמוזט אונטער אַלע אומשטענדן! אַנעט האָט געטאָן אַ סך זאַכן צוזאַמען. זי איז געווען פאַרהאַסט צווישן אירע הונגעריקע קאַנקורענטן, וואָס זי האָט אַרויסגעשטויסן. אין איר אימפּעט צו פאַרדינען אויפן שטיקעל ברויט. אָבער איצט האָבן זיי געקענט גיין צום טייפעל, אוים מיט דער סענטימענטאַליטעט! זי האָט קיין צייט ניט געהאַט דערפאַר. כדי אויפצוהויבן די געפאַלענע קערט מען זיך ניט אום צוריק. אמת, אַז אַמאָל האָט זי געזען אויפן וועג צוקרומטע פּנימ׳ער, אויגן, וואָס האָבן מיט האַס איר דורכגענומען אויף דורך און דורך. דאָס זענען געווען שלי־מזל׳דיקע, וועמען זי וואָלט מיט פרייד אַמאָל געוועזן געהאָלפן. אַ רחמנות, אָבער זי האָט קיין צייט ניט געהאַט. זי האָט געמוזט קומען אַהין די ערשטע. זי האָט איצט געוואוסט וואו צו געפינען אַרבייט און זי האָט געוואוסט דעם קורצסטן וועג דערצו. אירע דיפּלאָמען האָבן איר פאַרזיכערט אַ געוויסן פאַרצוג.

זי האָט פון זיך ניט באַהאַלטן, אַז זי האָט אויך געהאַט אַנדערע מעלות. ריין פערזאַנלאַכע; אירע אויגן, איר שטימע, איר אַרט קליידן זיך, און איר געניטע באַנעמונג מיט אירע קליענטן. זיי האָבן זיך זעלטן געקוויינקעלט, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אויסקלייבן צווישן איר און אַנדערע. די דורכגעפאַלענע האָבן איר ניט געקענט פאַרגעבן.

איר נייער לעבן איז געווען געבויט אויף אַ געזונטע און פאַרנימפטיקע יסודות. זי האָט קיין צייט ניט געהאַט פאַר קיין נוצלאָזע געדאַנקען. זי האָט געלעבט פון טאָג אויף טאָג. יעדער טאָג איז געווען

אויסגעשפילט, ווי א פולער און הארטער נוס. ווען עס איז פאריבער דאס פלאטערן און ציטערן פו די ערשטע עטלאכע וואכן: צי וועט זי זיין אימשטאנד צו פארדינען גענוג פאר זיך מיטן קינד אדער ניט. האט זי זיך ניט נאר צוגעוויינט צום נייעם לעבן. נאר זי האט אפילו געפונען א געוויסן פארגעניגן אין באקומען אט די אלע נייע שוועריגקייטן. זיכער, אין יענע זעלטענע מינוטן, ווען די נויט צו האנדלן האט ניט געהאלטן אנגעשטרענגט איר מוח, (דאס איז געווען ביינאכט ווען זי האט זיך געלייגט שלאפן) פלעגן זי באפאלן אלערליי זארגן: און פלוצלינג וועט זי פאלן אויפן וועג? וואס וועט זיין ווען זי וועט קראנק ווערן? איך וויל ניט... רו... איך דארף שלאפן!... צום גליק איז זי געווען זער מיד, און דער שלאף האט ניט געלאזט אויף זיך לאנגווארטן. ווען עס איז ווידער געקומען דער טאג איז ניט געבליבן ניט קיין צייט, ניט קיין פלאץ פאר דעם "אפשר" און פאר די שרעקען. עס איז מער ניט פארבליבן קיין ארט פאר אלעם דעם, וואס דערנערווירט, רעגט, און צוברעכט די נשמה. נויט און ארבייט האבן געגעבן די אמת'ע אפשאצונג פון אלץ. — אט דאס איז נויטיק, — איז אט יענעם געהערט צו לוקסוס. נויטווענדיק—איז דאס שטיקל ברויט; פראבלעמען פון געפיל — הארץ פראגע — זענען א לוקסוס... וואלט זי זיך דאס פריער געקענט פארשטעלן? אט די פראגן זענען געווען ביי איר איצט פון קליינער וויכטיגקייט. די אלע זאכן זענען גוט פאר די וואס האבן צופיל צייט. זי האט ניט געהאט ניט צופיל און ניט צו ווייניק צייט, נאר פונקט גענוג. זי האט באדארפט טראכטן וועגן יעדער זאך און האט ניט געהאט קיין איינציקן איבעריקן געדאנק! זי האט זיך געפילט פול מיט קראפט און ענערגיע, ווי א גוט געלאדענע שיף וואס טראגט זיך און וויגט זיך אויף די כוואליס.

איר איז געגאנגען דער דריי און דרייסיגסטער יאר. און איר ענערצייגט, אז ניט נאר נויטיגט זי זיך ניט אין אימיצענס הילף, נאר זי פילט זיך א סך שטארקער און בעסער אן איר. די שוועריגקייטן פון לעבענסם קאמף האבן איר בלויז דערמונטערט. דער ערשטער פארדינסט פון איר נייעם לעבן איז געווען איר באפרייאונג פון דעם נרגענדן געדאנק וועגן דזשוליאנען און פון דער טויבער, אדער ליידענשאפטלאכער ליבעס ביינקשאפט, וואס האט פאר'סמ'ט אלע אירע פריערדיקע יארן. זי האט פארשטאנען ווי שטארק עס האבן איר

אָפּגעשוואַכט די סענטימענטאַלע טרוימען, ווייכקייט, צאַרטקייט, און די פאַרביסענע תּוֹאוה; איר איז געווען דערווידער צו טראַכטן וועגן דעם. האָבן צו טאָן מיט דער גרויזאַמקייט פון לעבן און איר פאַר־וואונדענדע באַרירונג, און אויס נויט אַליין ווערן גרויזאַם, — דאָס איז גוט, דאָס איז באַלעבענד! עס איז ווידער געבוירן געוואָרן אַ גאַנצע טייל פון איר נשמה, אפשר די בעסטע; די געזונדסטע, זיכער.

זי האָט מער ניט געטרוימט. זי האָט זיך מער ניט געשראָקן אפילו פאַרן קינדס געזונט. פלעגט ער קראַנק ווערן האָט זי געטאָן פאַר אים אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט, זי האָט ניט געטראַכט דער־פון פריער, און האָט זיך ניט דערמאָנט אין דעם שפּעטער. זי איז צו אַלץ גרייט געווען און האָט געגלויבט אין דער צוקונפט. און דאָס איז געווען די בעסטע רפואה. אין לויף פון די ערשטע יאָרן פון אָט דער אָנגעשטרענגטער אַרבייט איז זי קיין איינציקן מאָל ניט געווען קראַנק. דאָס קינד האָט איר אויך ניט פאַרשאַפן קיין ערנסטע אומ־רואיגקייט אָדער זאָרג.

איר אינטעלעקטועלער לעבן איז פּונקט אַזוי פאַראיינפאַכט גע־וואָרן ווי דער עמאָציאָנעלער. עס איז איר כמעט קיין צייט ניט גע־בליבן צו לייענען. זי וואָלט אפשר באַדאַרפט ליידן דערפון, אָבער זי האָט ניט געליטן. איר פאַרשטאַנד האָט אויסגעפילט אָט דעם פעלער פון זיינע אייגענע אַנטדעקונגען. ווייל אין לויף פון די ערשטע עטלאַכע מאָנאַטן האָט זי אַנטדעקט אַ וועלט: זי האָט אַלץ אַנטדעקט אויף דאָס ניי. אָבער וואָס אַזוינס האָט זיך געענדערט? מיט אַרבייט איז זי געווען באַקאַנט פון פריער (אַלענפאַלס האָט זיך איר אַזוי געדוכט), און סיי די שטאָט, סיי די מענטשן זענען פאַרבליבן די זעלבע וואָס נעכטן....

און צו דערזעלבער צייט, האָט זיך דאָך אַלץ אומגעענדערט. פון יענער מינוט ווען זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרדינען איר ברויט, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר איר אַן אמת'ע ענטפּלעקונג. דאָס איז ניט געווען די ליבע און אפילו ניט די מוטערשאַפט. זיי ביידן האָט זי געטראָגן טיף אין זיך. דאָס לעבן האָט זיי בלויז שוואַך אָפּגעשפּיגלט. אָבער ווי נאָר זי איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון נויט, אַזוי האָט זיך פאַר איר געעפנט די וועלט.

דער פּנים פון דער וועלט, ווענדט זיך אין דעם פון וואַנעט מען

קוקט אויף איר; צי פון אויבן צי פון הונטן. אַנעט איז איצט געווען אין גאַס צווישן צוויי רייען הייזער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף ביידע זייטן: זי האָט געזען דעם אַספאַלט, די בלאַטע, דאָס פליען פון די אַטאָמאָבילן, און דער שטראָם פון די דורכגייער. זי האָט געזען דעם הימעל פון אויבן (זעלטן אַ זוניגן), אויב זי האָט צייט געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף אים דער צווישן־רוים וואָס איז געווען דער תמצית פון איר לעבן ביז איצט; געזעלשאַפט, געשפרעכן, טעאַטער, ביכער, דער לוקסוס פון פאַרגעניגן און געדאַנק — דאָס אַלעם איז פאַר־שוואונדן. זי האָט געדיינקט די עקזיסטענץ פון אַט דעם אַנדערן לעבן. זי האָט געוואוסט אַז זי וואָלט געקענט דאָס געניסן, נאָר זי האָט גע־מוזט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש. זי האָט געמוזט היטן אירע טריט. אַכטונג געבן אויף זיך, און איילן — איילן... אַך, ווי אַט די אַלע מענטשן איילן זיך! פון אויבן האָט מען קוים געקענט באַמערקן דאָס מינען זיך פון דער וואַסער; דער טייך האָט אויסגעזען רואיק, און די קראַפט פון שטראָם האָט זיך ניט באַמערקט. דאָס יאָגעניש, דאָס יאָגן זיך נאָכן שטיקעל ברויט...

אַנעט האָט טויזענט מאָל געטראַכט וועגן דער לאַגע אין וועל־כער זי האָט זיך געפונען איצט, אין דער וועלט פון אַרבייט און נויט. אָבער דאָס וואָס זי האָט אַמאָל געטראַכט, איז געווען זער ווייניק ענלאַך צו אירע איצטיקע געדאַנקען, ווען זי האָט זיך אַליין צונויפגעגאָסן מיט דער וועלט פון אַרבייט און נויט. אַמאָל האָט זי געגלויבט אין דער דעמאָקראַטישער אַקסיאָמע פון מענטשלאַכע רעכט. זי האָט באַטראַכט פאַר אַן אומגערעכטיגקייט, וואָס די מאַסן זענען באַרויבט פון זיי. איצט האָט זי באַטראַכט פאַר אַ גרויס אומגערעכטיג־קייט. (אויב מען האָט נאָר סתם געקענט רעדן וועגן גערעכטיג־קייט און אומגערעכטיגקייט), וואָס די פּריווילעגירטע קלאַסן האָבן וועלכע ניט איז רעכט. ווייל קיינע רעכט זענען אויף דער וועלט ניטאָ: אַ מענטש האָט ניט קיין רעכט אויף קיין זאַך, און קיין זאַך גע־הערט ניט צו אים; ער דאַרף יעדן טאָג אויף דאָס ניי אויסקעמפן פאַר זיך יעדער זאַך. אַזוי זאָגט דאָס געבאָט:

„אין שווייס פון דיין פּנים זאָלסטו פאַרדינען דיין ברויט".

רעכט — דאָס איז די פאַרניפּטיקע ערפינדונג פון אַ פאַרזיכטיקן קעמפער, וואָס וויל סאַנקציאָנירן דעם רויב און פאַרכאַפּטע רייכטי־

מער נאָך אַ זיג, רעכט איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי די קראַפט פון דער פאַרגאַנגענהייט, דאָס אָנזאַמלען פון קאַפּיטאַלן. אָבער די איינציגע לעבעדיקע רעכט איז דאָס רעכט פון ארבייט!... דער זיג פון יעדן טאָג! פאַר איר האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט דאָס שלאַכטפעלד פון דער מענטשהייט. זי איז גיך ניט דערשראָקן. זי איז געווען מוטיק און האָט אָנערקענט די נויטווענדיגקייט פון קאַמף. זי האָט געזען אין אים אַ גערעכטע זאַך, און איז געווען פעאיק צו פירן דעם קאַמף. זי איז געווען יונג און שטאַרק. אויב זי וועט זיגן — אודאי גוט. וועט מען איר באַזיגן — וויי צו איר! (זי וועט מען ניט באַזיגן)... זי האָט ניט אויפגעגעבן דעם געפיל פון רחמנות. אבר זי האָט זיך פאַלשטענדיק באַפרייט פון שוואַכקייט. דער ערשטער געבאָט איז: „זיי ניט קליינמוטיק". ביים ליכט פון אָט דעם נייעם ארבייטס געזעץ איז איר אַלץ קלאָר געוואָרן. זי האָט זיך גענומען דורכקוקן און איבערקוקן איר אַלטן גלויבן, און אויף די חורבות פון אָט דעם אַלטן גלויבן און אַלטער מאָראַל, איז אויסגעוואַקסן אַ נייע מאָראַל. אַ מאָראַל וואָס איז געווען געבויט אויף אַ נייעם באַדן פון פרייהייט און קראַפט. און ניט אויף שוואַכקייט און היפּאָקריטסטווע. און ווען זי האָט ביים ליכט פון דעם נייעם שטאַנדפּונקט אונטערזוכט די צווייפלען, וואָס האָבן איר אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע, און באַזונדערס יענעם וואָס האָט איר מער פון אַלע אַנדערע געמאַטערט: — „צי האָב איך דאָס רעכט געהאַט צו ווערן אַ מוטער" האָט זי זיך געענטפערט:

— יאָ, אויב איך בין אימשטאַנד צו דערנערן מיין קינד. אויב איך בין אימשטאַנד צו מאַכן פון אים אַ מענטשן, קען איך — מעג איך. אויב ניט, האָב איך ניט דאָס רעכט צו זיין אַ מוטער. דאָס איז די איינציגע אמת'ע מאָראַל, דאָס איבעריקע איז היפּאָקריטסטווע און צווייפנים'דיגקייט.

און אָט דער קרעפטיגער באַשלוס האָט פאַרצווייפאַכט אירע כוחות, און דעם פאַרגעניגן וואָס זי האָט געפינען אין קאַמף.

צו אָט די גענדאַנקען האָט זי זיך איבערגעגעבן אין לויף פון טאָג, אומוואַנדערענדיק איבער פּאַריז, גייענדיק פון איין ארבייט צו אַ צווייטער. דאָס אַרומגיין האָט געגעגט איר מוח. איצט, האָט דער טרוים ווידער געקראָגן זיין מאַכט איבער איר. אָבער דאָס זענען געווען וואַכענדיקע טרוימען, קלאָרע און פּינקטלאַכע אָן נעבעל. וואָס ווייניגער

צייט עס איז אָפּגעגעבן געוואָרן צום טרויט, אַלץ שטאַרקער האָט ער אויסגענוצט די מינדסטע צווישן רעגעס, און האָט זיך ווי פּליושטש געוועבט אויף אַרויף איבער די ווענט פון דער אַלטעגלאַכקייט. אַנעט האָט געבראַכט פּנים לפּנים איר דערפּאַרונג פון דער ווירקלאַכקייט מיט איר נייער ברייטער פאַרשטעלונג פון אמת'ער מענטשלאַכער מאָראַל. ארבייט און נויט האָבן געעפענט אירע אויגן און זי האָט מיט אַ נייעם בליק דורכגעדרונגן דאָס פאַלשקייט און ליגנערישקייט פון דעם מאָדערנעם לעבן. וואָס זי האָט ניט איינגעזן, ווען זי איז אַליין געווען פאַרזינקן אין אָט דעם לעבן. אַ שווידערלאַך נוצלאָזער לעבן, ניין צענטל זיכער — באַזונדערס פאַר דער פרוי... עסען שלאָפן און קינדער האָבן... יאָ, נאָר אַ צענטע טייל איז נוצלאַך! אָבער דאָס איבעריקע?... „ציוויליזאַציע" ?... דאָס וואָס מען רופט „דיינקן" ?... איז דען דער מענטש (וואולגוס אומבראַדוס) ווירקלאַך באַשאַפן פאַרן גערדאַנק? ער וויל זי דאַך אַליין איינרעדן. ער מאַכט זיך קלוימערשט פאַר אַ דיינקענדן און האַלט זיך געבונדן מיט אָט דער געמאַכטקייט. ווי מיט אַ הייליקן ריטואַל. אָבער ער דיינקט ניט. ער דיינקט ניט לייענענדיק די צייטונג, און טראַכט אויך ניט ווען ער זיצט ביי זיין שרייב טיש און דרייט זיך אין דער ראָד, וואָס ברייננגט אין באַוועגונג זיין אַלטעגלאַכע טעטיגקייט. די ראָד דרייט זיך צוזאַמען מיט אים, דרייט זיך אין פּוסטקייט. דיינקן דען די יונגע מיידלאַך, ווען עס דערציאונג עס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אַנעט? וואָס פאַר־שטייען זיי דערפון וואָס זיי האָבן געהערט, געלייענט, אָדער גערעדט? צו וואָס, און אויף וואָס באַזירט זיך זייער לעבן? אויף עטלאַכע שטאַרקע און פּריידלאַזע אינסטינקטן, וואָס ווערן לאַנגזאַם רייף אונטער אַ גאַנצן באַרג קלייניגקייטן, שפּילעכלאַך, באַגער און פאַר־געניגן... דער גערדאַנק איז ביי זיי אויך אַ שפּילעכל. ווען נאַרען זיי דערמיט? זיך...

אָט די ציוויליזאַציע פאַרמאָגט איר אייגענעם פּוץ, איר לוקסוס, איר קונסט, איר באַוועגונג, איר טומל. אַך, אָט דער טומל! ער איז בלויז אַ מאַסקע. דורך אים וויל מען זיך איינרעדן, אַז די ציוויליזאַציע שטרעבט צו אַ געוויסן ציל. צו וואָסער אַ ציל? די טומלדיקע איי־לעניש אין איר באַוועגונג איז כדי זיך אַליין צו באַטויבן... און וואָס איז אונטער דעם אַלעם? פּוסטקייט. מענטשן שטאַלצירן דערמיט. זיי

שטאַלצירן מיט זייערע פּליטערלאַך, מיט זייער פּלוידעריי, מיט זייער צירונג. ווי זעלטן עס זענען געווען די מענטשן, וואָס האָבן אַנטפּלעקט די שיינענדע ליכט פון דער נויטווענדיגקייט... יאָ, צו דער אייביגער חיה אין מענטשן דערגרייכט ניט די שטים פון זיינע געטער און נביאים. ער גייט ניט אַרויס פון דעם פאַר'כשופ'טען קרייז פון זיינע פאַרלאַנגען און לאַנגווייליגקייט... ווי דער מענטש אַליין, אַזוי איז אויך די געזעלשאַפט אויפגעבויט קינסטלאַך. די געוואוינהייט האַלט זיי צוזאַמען און איין ריר קען זיי אומוואַרפן און חרוב מאַכן.

טראַגישע געדאַנקען. אָבער זיי זענען ניט געווען אימשטאַנד צו דערצאַרענען די שטראַלענדיקע אַנעט. פרייד און טרויער ווערן געשאַפן פון דער אינערלאַכער השפּעה און ניט פון דעם געדאַנק, אַ בלוט אָרעמע, נשמה וועט אויסגיין פון מעלאַנכאָליע אונטער אַ שטראַלענדן הימעל. אַ שטאַרקע נשמה ווידער וועט אין אַ שטורעם. זיך איינוויקלען מיט דער אייגענער פרייד. זי ווייסט אַז זיי האַלטן זיך אין איין אומבייטן. ניט איינמאָל פלעגט זיך אַנעט אומקערן אַהיים איינגאַנצן אויסגעמאַטערט און מיט אַ פאַרגעפיל פון אַ פינסטערער צוקונפט. זי פלעגט זיך אַריינלייגן אין בעט און איינשלאָפן; אין מיטן נאַכט פלעגט זי זיך מיט אַ הילכיג געלעכטער אויפכאַפּן פון עפּעס אַ נאַרישן חלום. אָדער נאָך אָפטער, ווען זי פלעגט זיצן איינגעבויגן איבער אַ ארבייט און די פינגער האָבן זיך געטאָן זייערס, פלעגט איר מוח גיין זיין אייגענעם וועג פלעגט פּלוצים אויפכאַפּן עפּעס אַ געדאַנק, און אַ נאַרישע פרייליכקייט פלעגט זי באַהערשן. זי פלעגט זיך מוזען איינהאַלטן כדי זיך ניט צולאַכן אויפן קול און ניט אויפוועקן מאַרקן. „איך בין אַ אידיאַטקע", פלעגט זי זיך אַליין זאָגן, אויסווישענדיק די אויגן, אָבער עס פלעגט איר לייכטער ווערן צאויפן הארצן. די פעהיגקייט צו אַט די קינדישע שטיק, און אַפטע ענדערונגן אין אירע שטימונגען האָט זי גע'ירשנ'ענט פון אירע עלטערן. ווען דאָס הארץ איז פול מיט וואָלקענס הויבט זיך אינווייניג אויף דער ווינט פון פרייד און צוטרייבט זיי. נייַן, אַנעט האָט זיך ניט געזוכט ניט אין פאַרוויילונגען, ניט אין ביכער. זי האָט געהאַט גענוג וואָס צו לייענען אין זיך אַליין. און דער שפּאַנענדסטער פון אַלע ביכער איז געווען איר זון.

XXIV

מאַרקן איז געגאַנגען דער זיבעטער יאָר. ער האָט זיך באַצויגן צו דער ענדערונג פון דער אומגעבונג אַ סך לייכטער. ווי מען האָט דאָס געקענט דערוואַרטן. גוט אָדער שלעכט — איז דאָס דאָך געווען אַן ענדערונג. ער האָט זיך אַליין אויך געענדערט צו יענער צייט, ווי אַ שלענגעל, וואָס וואַרפט פון זיך אַראָפּ די הויט. אומדאַנקבאַרע קינדהייט! סילוויעס פאַרגעטערונג, איר פעסטשען און גלעטן, — (זי איז אַזוי שטאַרק געווען זיכער אין איר מאַכט איבער אים) — זענען פאַרשוואונדן, אַט ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל ניט געווען. ווען עס זענען פאַריבער צוויי מעת לעת האָט ער איר אַפילו אויפגעהערט צו דערמאָנען.

מען קען קיינמאָל ניט וויסן, וואָס געפעלט אָדער געפעלט ניט אַ קינד. אין זיין נייעם לעבן האָט מאַרק פריער פאַר אַלץ אָפּגעשעצט די שול, וואוהין זיין מוטער האָט אים געשיקט מיט אַ שווערן האַרצן, און די שטונדן ווען ער איז געבליבן אַליין מיט זיך און קיינער האָט אים ניט אונטערהאַלטן.

אַנעט האָט זיך באַזעצט אין אַ קליינער וואוינונג, אויפן פינפטן שטאָק אין דער טומעלדיקער און גערדיכט באַפעלקערטער „ריו מאָנזשע". געדרייטע שמאָלע שטיגן, קליינע צימערן, איינגע און טומעלדיקע. איר איינציגע מעלה איז געווען, וואָס פון די פענסטער האָבן ארויסגעקוקט איבער די דעכער, און קיין זאַך האָט ניט געשטערט דעם אויג און אין דעם האָט זי געפילט אַ באַדערפעניש. דער טומעל האָט איר ניט געשטערט. ווי אַן עכטע פּאַריזערין איז זי געווען געוואוינט צו אים, און האָט זיך כמעט גענויטיגט אין אים; עס איז איר געווען לייכטער צו דיינקען און טרוימען אין דעם געדראַנג און טומעל פון דעם הו־האָ. פיליכט האָט זיך אויך איר נאַטור געענדערט ווייל זי איז רייף געוואָרן. דער פולער פיזישער לעבן און שענדיקע רעגולערע אַרבייט, האָבן איר געגעבן יענע זיכערקייט און אינערלאַכע שטאַרקייט, וועלכע זי האָט ניט אַלע מאָל פאַרמאָגט. און וואָס האָט אויך ניט געקענט דויערן אייביג.

איין זייט פון אַנעטס וואוינונג איז אַרויסגעגאַנגען צום גאַס. דאָרט האָט זיך געפונען אַנעטס צימער, דאָס איז געווען אַן אַרבייטס

און שלאָפֿצימער צוזאַמען. די סאַפֿאַ האָט אויך געדינט אַלס בעט. מאַרקס צימער און אין אַ זייט דערביי איז געווען אַ מין ווינקעל שאַפֿע. דער עס צימער מיט דער קיך האָבן געהאַט זייערע פֿענסטער צום הויף און זענען געווען פֿינסטער אין מיטן העלן טאָג. די קיך האָט פּאַקטיש מער גאָר ניט אַריינגענומען אויסער דעם אויוון מיטן וואַש־פֿלאַץ.

צווישן די צעמערן פֿון דער מוטער און קינד זענען די טירן אַלע מאָל געווען אָפֿן. מאַרק איז געווען צו קליין צו פּראָטעסטירן קעגן דעם. ער האָט זיך געפֿינען אין יענעם אומבאַשטימטן עלטער, וואָס שוועבט צווישן געשלעכטלאָזיגקייט פֿון דער גאָר פֿריער קינדהייט. און דער ערשטער אומקלאָרער דערוואַכונג פֿון קליינעם מאַן. ער איז נאָך פֿון איין שטופּע אין זיין אַנטוויקלונג ניט אַרויס און די צווייטע נאָך ניט דערגרייכט. ער פֿלעגט נאָך אַריבערלויפֿן אין די זונטיקדיקע פֿרימאָרגנס פֿון זיין בעט צו דער מאַמעס, און אין וויכטיקע יום טובים פֿלעגט ער איר ערלויבן אים אָנטאָן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. אָבער געוויינלאַך האָט ער אַרויסגעוויזן אַ ווילדע שעמעוודיגקייט. דערצו איז ער געווען פֿול מיט נייגעריגקייט. באַזונדער האָט ער זיך אויס־געצייכנט מיט איינגעשלאָסענקייט וואָס ער האָט ניט דערלויבט צו באַקעמפֿן. ער פֿלעגט שטילינקערהייט צומאַכן די טיר און אַנעט פֿלעגט איר צוריק עפֿענען. ער האָט ניט געקענט מאַכן קיין באַוועגונג אַז זי זאָל ניט הערן. דאָס איז געווען אומדערטרעגלאַך! אויב ער האָט געקענט זיין גאָר שטיל זיך ניט רירן, דאַן פֿלעגט זי אין אים פֿאַר־געסן, אָבער ניט אויף לאַנג!... צום גליק איז אַנעט ניט אַלע מאָל געווען אין דער היים. זי איז געווען געצוואונגען אַוועקצוגיין. מאַרק איז געגאַנגען אין אַ דערבייאיגער שול. אַנעט פֿלעגט אים ברענגען אַהין אין דער פֿרי און אַ מאָל, ווען זי איז געווען פֿריי אויך בייטאָג. אָבער זי האָט ניט געקענט קומען אים אָפּנעמען פֿון שול, ווייל אין יענע שטונדן איז זי געווען פֿאַרנומען מיט אירע לעקציעס. ער האָט געמוזט זיך אומקערן אַ היים אַליין. און דאָס האָט זי באַאומרואיגט. זיך האָט פֿראַבירט זיך צוזאַמען רעדן מיט אַ שכן, אַז די דינסט וואָס גייט נאָך זייער קינד, זאָל מאַרקן אויך ברענגען אַ היים. אָבער דאָס האָט מאַרקן ניט געשמעקט און ער פֿלעגט אַנטלויפֿן פֿון אונטער די הענט. פֿול מיט שטאָלץ און שרעק פֿלעגט ער זיך אומקערן אַ היים און זיך פֿאַר־

שליסן אַליין אין הויז. ער האָט אויסגעצייכנט פאַרבראַכט די צייט ביז די מוטער איז געקומען. אַנעט פלעגט זיך בייזערן אויף אים דערפאַר וואָס ער ווייזט אַרויס אַזאַ מין זעלבסטשטענדיגקייט. אָבער זי האָט גאָר ניט געהאַט געגן דעם, (זי האָט זיך אַליין ניט געוואָלט מודה זיין אין אָט דעם בייזן געפיל) וואָס ער איז אויסגעקומען אָן חברים. זי האָט זיך געהיט פאַר חברים. זי האָט ניט געוואָלט, אַז אימיצער זאָל האָבן אַ שלעכטע ווירקונג אויף איר זון... איר זון! איז זי באמת געווען זיכער, אַז ער געהערט צו איר! פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט זיך באַמיט איינצוהאַלטן איר עגאָאיסטישע ליבע. עס איז פאַריבער, יענער בלינדער און דורשטיקער פאַרלאַנג צו פאַרטרינקען אים אין איר ליידענשאַפט, וואָס האָט געהערשט איבער איר ווען ער איז געווען אַ קליינינקער. איצט האָט זי געזען אין אים אַ פּערזענלאַכקייט. נאָר זי האָט זיך אַליין געוואָלט איינרעדן, אַז זי האָט דעם שליסעל צו אָט דער פּערזענלאַכקייט און ווייסט בעסער פון אים אין וואָס עס באַשטייט זיין גליק און זיינע פליכטן; זי האָט געשטרעבט אויסצוקלעפּן פון אים אַ געשטאַלט ענלאַך צו איר פאַרבאָרגענעם גאָט. דענקענדיק אַז זי אַליין איז ניט פעאיג צו באַשאַפן דאָס צו וואָס זי האָט געשטרעבט, האָט זי, ווי די מערסטע מוטערס, געטרוימט דאָס צו טאָן דורך איר קינד. (אַן אייביקער און אייביק אָבגענאַרטער טרוים פון „וואָטאַן" !)

אָבער אום צו מאַכן פון אים וואָס מען דאַרף, האָט מען אים געמוזט האַלטן אין די הענט און ניט געבן אים די מעגלאַכקייט זיך אַרויסצוגליטשן... זי האָט געטאָן אַלץ כדי אים צובינדן. שוין אַביסל צופיל... אָבער מיט יעדן טאָג האָט ער זיך אַלץ מער אויסגעגליטשט פון אירע הענט. זי איז געווען אויסער זיך פון פאַרצווייפלונג, וואָס מיט יעדן טאָג האָט זי אים אַלץ ווייניגער געקענט. בלויז איין זאַך האָט זי געוואוסט אויסגעצייכנט: זיין קערפּער, זיין געזונט צושטאַנד, זיינע קראַנקהייטן, זייערע מינדסטע סימפּטאָמען; אין דער הינזיכט האָט די אינטואיציע איר קיינמאָל ניט אָפּגענאַרט. זי פלעגט אים האַלטן אין אירע הענט, אים באָדן וואַשען און צערטלען. אין אָט דעם טייערן שוואַכן קערפּערל האָט זיך נאָך ניט געפילט קיין געשלעכט... ער איז געווען כמעט דורכזיכטיק... אָבער וואָס איז דאַרטן

אינוויינִיק? זי האט אים אויפגעגעסן מיט אירע אויגן און הענט. דא איז ער געווען פאר איר אינגאנצן, אין איר מאכט אין איר גנאד.

— גאטעניו, ווי איך האב דיך ליב, דו קליינער מאנסטער!

— און דו האסט מיך עפעס ליב?

ער האט העפלאך געענטפערט:

— יא, מאמא.

אבער וואס האט ער געטראכט דערביי?

צו זיבן יאר האט ער ניט געהאט קיינע פאמיליעז שטריכן. אומזיסט האט אנעט זיך אזוי פארשעגנד איינגעקוקט אין אים און געזוכט עפעס אז ענלאכקייט, האט זיך געמיט זיך פארצושטעלן אזא ענלאכקייט... ניין ער איז ניט געווען ענלאך צו איר, ניט מיטן שטערן, ניט מיט די אויגן, ניט מיט די ליפן; איז זיי האט געפעלט די אויסגעבויגענקייט וואס איז געווען כאראקטעריסטיש פאר דער ריוויער משפחה, באזונדערס פאר אנעט, און וועלכע האט אזוי ווי דערציילט פון א שטארקן ווילן און אינערלאכן פייער. אפשר איז געווען אן ענלאכקייט אין קאליר פון די אויגן, אבער די ענלאכקייט איז פארטרונקן געווארן אין א וועלט פון פרעמדס. וואס איז דאס געווען פאר א וועלט? דעם פאטערס? די וועלט פון דער בריסא פאמיליע? אויך ניט. אלענפאלס, דערווייל ניט. אנעט האט פארזיכטיק געזאגט:

— קיינמאל ניט.

און דאך, וואלט איר טאקע באמת געווען שטארק אומאנגענעם צו געפינען אין איר זון ראדזשערס שטריכן? וואלט דאס איר ניט פארשאפן אן אומקלארע פרייד? דערמאנענדיק זיך איצט אין דעם מאן, וועמען זי האט זיך אפגעגעבן האט זי געשפירט א פארמארגענעם פארדרוס, און א פארבארגענע אנציהונג; דעם אמת געזאגט, האט איר ווייניקער געצויגן צו דעםווירקלאכן ראדזשער, ווי צו יענעם מענטשן, וואס האט באשאפן איר טרוים, אבער אין תוך גענומען האט זי זיך אפגעגעבן ניט אים, נאר דעם טרוים וועגן אים. ווען זי וואלט אים דערזען אויפלעבן אין געשטאלט פון איר זון, וואלט זי געווען געשפירט א מאדנעם טריאומף, א געפיל, אז זי האט אוועקגע׳גנב׳עט די פארמע, וואס איז איר געפעלן און האט זי באלעבט מיט איר אייגענער נשמה. יא זי וואלט איינגעיין אויף דעם, אז מארק זאל האבן ראדזשערס שטריכן, מיטן באדינג אז זיין נשמה זאל זיין ענלאך צו

אירער. אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין ענלאַכקייט ניט מיט איס און ניט מיט איר. ראָדזשערס פּנים האָט זיך ניט אויסגעצייכענט מיט אָריגינאַליטעט, ווי די ריוויערס, ער האָט זיך אָבער אויסגעצייכענט מיט רעגעלמעסיגקייט און שיינקייט פון ליניעו. אָבער וואָס האָט מען געקענט זאָגן וועגן אָט דעם קינדערשען פּנים, וואָס מיינט זיין אויסדרוק?... ווי אַזוי קען מען דאָס באַשרייבן, ווען דאָס האַלט אין איין בייטן זיך...

שיינע איידעלע שטריכן אָבער ניט זער קיין פּראָפּאָרציאָנעלע; אַ שמאָלער שטערן, אַ ווייבלאַכע מאָרדע, עטוואָס אויסגעשטעלטע אויגן, די נאָז... אויף וועמענס נאָז איז געווען ענלאַך אָט דער לאַנגער נאָז, מיט די באַוועגלאַכע נאָזלעכער?... און אָט דער גרויסער דינער מויל, מיט די בלאַסע קרומע ליפּן... אפילו ווען ער איז געווען באַוועגלאָז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער באַוועגט זיך... אין אים איז געווען עפּעס אומבאַשטימטעס, עטוואָס וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין ענדערן. ער האָט, זעט אויס, נאָך אַלץ געזוכט זיין פאָרמע. און האָט ניט געוואוסט וועלכע ריכטונג ער וועט באַשליסן אָנצונעמען. צי ער וועט באַשליסן איינגאַנצן ניט אָנצונעמען קיין באַשטימטע ריכטונג?

זינט זיין ערנסטער קראַנקהייט, האָט ער פון ערשטן בליק געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ נערוועזן עמפינדלאַכן קינד (מעגלאַך אַז ער איז דאָס געווען), אָבער ווען מען האָט זיך צו אים נעהענטער צוגעקוקט, האָט ער איבעראַשט מיט זיינע רוהיקע מאַנערן, גלייכגילטיקן אויסזען און פאַרשלאָסענעם אויסדרוק פון געזיכט. ניט אונסימפּאַטיש, ניט בייז־פאַרזאָרגט. פלעגט ניט זאָגן „ניין"... — „יאָ מאַמאַ...

מען פלעגט אָבער זען, אַז ער האָט זיך ניט איינגעהערט צו דעם. וואָס מען האָט געזאָגט, ער האָט אפשר ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים?.. אָדער אָפּשר האָט ער יאָ געהערט?... עס איז געווען שווער צו זיין זיכער... און ער האָט געקוקט אויף זיין מוטער און האָט געוואָלט טרעפן וואָס וועט זיין ווייטער, און זי האָט געקוקט אויף אים... קליינינקער ספינקס... נאָך מער אַ ספינקס דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט ניט געוואוסט דערפון. ער האָט זיך געקענט ניט מער און ניט בעסער ווי אַנעט האָט אים געקענט, אָבער אים האָט דאָס ווייניג געהאַרט. צו זיבן יאָר איז נאָך ניטאָ די באַדערפעניש צו דערקענען דעם אייגענעם „איך".

דערפֿאַר האָט ער זיך געפֿלייסט צו דערקענען זי — זי זײַן הערשערן און דינסט. ער האָט געהאַט געגוג צײַט: זי האָט דאָך אים גאַנצע טעג געהאַלטן אַרום זיך. ביידע האָבן זיך צוגעקוקט איינע צו די אַנדערע. נאָר די כוחות זענען ניט געווען קיין גלײַכע.

אַנעט האָט געמאַכט אַ טעות דענקענדיק אַז מאַרק איז ניט ענ־לאָך צו קיינעם פֿון אירע נאָהענטע. אין אים איז געווען אַ מערק־ווירדיקע ענלאַכקייט צו זײַן זיידן ריוויער. אַליין ניט וויסענדיק דאָס. האָט זי געהאַט זייער אַ שוואַכע פֿאַרשטעלונג וועגן איר פֿאָטער. ער האָט איר צופֿיל באַצויבערט, אַז זי זאָל קענען אַריינקוקן און דערזען אין אים דעם ווירקלאַכן ראָול ריוויער. זי האָט בלויז געהאַט איינינע לײַכטע פֿאַרדאַכטן, אויפֿן גרונט פֿון דער באַוואוסטער קאַרעספּאָנ־דענץ, וואָס זי האָט איבערגעלייענט נאָך זײַן טויט. אָבער אויף זיי האָט זי זיך ניט געוואָלט אָפּשטעלן. איר איז ליבער געווען אָפּצוהיטן די צאַרטע און פֿרומע ערינערונגען, וועגן עס זאָל איר אָפּילו געווען אויסקומען זיי צוריק צוזאַמענקליבן נאָכדעם ווי זיי זענען זיך אין אַן אויגענבליק צושמעטערט געוואָרן. דערצו האָט זי געקענט דעם ראָול פֿון די לעצטע יאָרן. נאָר ווען דער אַלטער ריוויער וואָלט גע־קענט קומען און באַטראַכטן דאָס קליינע ניט געזעצלאַכע קינד, וואָס ער וואָלט אַזוי גוט געקענט טאָן, וואָלט ער געזאָגט:

— איך הויב אָן אויף דאָס ניי.

ער האָט ניט אָנגעהויבן אויף דאָס ניי. קיין זאַך חזרט זיך ניט איבער, אָבער אין געוויסע איינצעלהייטן האָט ער צוריק אויפֿגעלעבט.

ס'אַרא מאָדנע שפּיל פֿון בלוט. איבער אַנעטס קאָפּ, האָבן זיי זיך ביידע דערלאַנגט די הענט.

איינע פֿון די סאַמע בולטע שטריכן, וואָס די פֿרייע אַנעט האָט איבערגעגעבן פֿון זיידן צום אייניקעל איז געווען די נייגונג צו מאַס־קירן זיך, ניט צו באַווײַזן זײַן אמת'ן פּנים. דאָס איז ניט געווען די באַדערפֿעניש אין זאָגן ליגן. ראָול ריוויער האָט פֿאַרמאָגט געגוג גוט־מוטיקע פֿאַראַכטונג צו זײַנע מיטמענטשן, און איז געווען שטאַרק געגוג זיך קיינמאָל ניט אָפּצושרעקן אַרויסווײַזן זײַן אמת'ן פּנים. אויב דאָס האָט אים נאָר געשמייכעלט, האָט ער דאָס געטאָן אָן שום פּוץ אָדער פֿאַרשטעלונג. (אים האָט דאָס גאַנץ אָפֿט געשמייכעלט און מען פֿלעגט איבערגעבן איינינע פֿון זײַנע ווילדע פֿראַזן וואָס האָבן

פֿאַלשטענדיק דערגרייכט זייער צוועק)... אים האָט באַוועגט דערצו דער פֿאַרלאַנג פֿון ריינעם פֿאַרגעניגן. די נייגונג אָפּצולאַכן, דער קינסטלערישער באַרוף, די פֿאַרביסענע שטרעבונג פֿאַרגרימירן די נשמה און מיסטיפֿיצירן מענטשן. דער אינגעל האָט אומבאַוואוסטזיניק דאָס אַלעם געירשנט. זיין ניט פֿאַרמירטער קינדישער נשמה זענען, אין גרונט גענומען, געווען פֿרעמד אַט די אַלע טעאַטראַלע שטיק, אָבער אין מאַמענט פֿון געבורט איז זי אריינגעפֿאַלן אין אַט דער בייזוויליגער הויט: די נשמה האָט אויסגענוצט דערפֿאַר די עברים וואָס די נאַטור האָט צוליב דעם באַשאַפֿן, זי האָט פּראָבירט אירע כוחות אויף מאַסקירן און פֿאַרשטעלן זיך, פּונקט ווי זי וואָלט פּרובירן אירע נעגל, פּיסק און פֿליגעל, ווען זי זאָל געווען אַריינפֿאַלן אין קערפּער פֿון אַ חיה אָדער פֿייגעל. איינגעוויקעלט אין מאַנטעל פֿון דעם אַלטן ריוויער האָט זי אַרויסגעבראַכט דעם זיידענס קונצן, זיין פֿעסטקייט.

מאַרק איז אויסגעוואַקסן צווישן דערוואַקסענע. ער האָט געקענט לייענען אין זיי אַלץ, וואָס עס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים. אין דער אינזיכט איז זיין אויפֿמערקזאַמקייט געווען זער גרויס און שאַרף און אַלע מאָל איז ער געוואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן, לויט זיינע באַאָבאַכטונגען זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז ער איז; סיידן זיי האָבן אים דערעסן, געמאַכט נערוועז אָדער ער האָט זיך געוואָלט לוסטיק מאַכן און טאָן פּונקט דאָס פֿאַרקערטע.

צו דער צאָל פֿון זיינע פֿאַרוויילונגן האָט אויך געהערט דאָס דערלערנען דעם מעכאַניזם פֿון אַט די לעבעדיקע שפּילעכלאַך; ער האָט געזוכט זייערע פֿאַרבאָרגענע פּרוזשינעס, שוואַכע זייטן, זיי אָנגעטאַפּט, זיך געשפּילט מיט זיי, און זיי געבראַכט אין "באַוועגונג", דאָס איז ניט געווען זער שווער, ווייל די דערוואַקסענע זענען זער טעמפּ און אומפֿאַרדעכטיק. פֿריער פֿאַר אַלע — זיין מוטער.

ער האָט זיך אינטערעסירט מיט איר. זי איז געווען פֿאַר אים אַ רעטעניש. אַרום איר האָט זיך געוועבט עפּעס אַ מין געהיימנים. אין סילוועס וואַרשטאַט, זיצנדיק ביי די פֿיס פֿון די אַרבייטערינס, וואָס האָבן אים ניט געשיינקט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט, האָט ער געהערט אויף איר חשבון געוויסע אַנדייטונגען, ער האָט ווייניק וואָס פֿאַרשטאַנען נאָר זיי האָבן איר צוגעגעבן עטוואָס געהיימניספֿאַלעס. ער האָט פּראָבירט זיך פֿאַרנאַנדערקלייבן אין דעם. טרעפֿן, אויס־

טראַכטן, אין אַט דעם אייביק באַוועגלאַכן קערפּער, אין אַט די שטראַ־לענדע אויגן האָט ניט אויפגעהערט אויף קיין רגע צו אַרבייטן דער געדאַנק. איצט ווען צוליב זיין שוואַכן געזונט, אַפּטע פאַרקילונגען און דער דורשטיקער ליבע פון זיין מוטער איז ער גאַנצע טעג געווען פאַרשפּאַרט מיט איר אַליין, האָט זי זיך פאַרוואַנדלט אין זיין הויפּט פאַרוויילונג. ער האָט זיך צוגעקוקט צו איר מיט נייגעריגקייט, וואָס האָט אים ניט געשטערט צו שטיפן און שפּילן אין דער זעלבער צייט. אַ קינדס שׂכל איז לייכט און פלינק; ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו אייך מיט די פּליצעס מיינט דאָס גאָרניט. ער זעט אייך מיט די אויגן פון זיין פּאָטילניצע, און די קעצישע אויערן דרייען זיך ווי אַ זעגעל פון ווינט אויפן קלאַנג פון אייער שטים. מאַרקס אָנגעשטרענג־טע אויפמערקזאַמקייט האָט זיך איינצייטיק געיאָגט נאָך עטלאַכע הוזן, האָט קיינמאָל ניט פאַרלוירן זייער שפּור, און דערביי גוט גע־וואוסט, אַז אויף מאָרגן וועט דער יאָגד פאָרטגעזעצט ווערן... דער הוז וועט זיך לאָזן כאַפּן! די עקספּאַנסיווע אָנעט, וואָס איז אַזוי לייכט מיטגעריסן געוואָרן פון אירע געפילן און האָט קיינמאָל ניט געקאַרגט, האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן.

ווען זי האָט גערעדט צו אים ווי צו אַ ברעקל קינד, האָט עס אים באַליידיגט און ער האָט איר באַטראַכט פאַר לעכערלאַך. אַן אַנדערש מאָל האָט זי גערעדט צו אים ווי צו אירן אַ גלייכן, אַ חבר וואָס קען פאַרשטיין אירע גאַדנקען, פלעגט עס אים דערעסן, און ער האָט איר באַטראַכט פאַר אַן אומדערטרעגלאַכער לאַסט. אַמאָל פלעגט זי זיך דערלויבן צו טראַכטן אין דער הויך, פאַרגעסענדיק אַז ער הערט און פלעגט אַרויסברייגנען גאַנצע מאָנאָלאָגן — וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען מאָדנע, און ער האָט שטרענג און שפּאָטיש איר נאָכגע־פאָלגט. ער האָט איר ניט פאַרשטאַנען. אָבער אומפאַרשטענדעניש שטערט ניט צו טאַדלען.

אין זיין אויפפירונג האָט ער אָנגענומען אַ קינסטלאַכע ווענדונג, זער אַ באַקוועמע: צו איר פלעגט ער זיך ווענדן אין יעדן פאַל און אונטער אַלע אומשטענדן, — אַ חוצפּה׳דיקע צושטרייטע העפלאַכ־קייט פון אַ גוט דערצויגען קינד... ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז ער הערט, ווייל דערצו איז ער געווען געצוואונגען, אָבער ער האָט זיך גאָר ניט אינטערעסירט דערמיט וואָס מען האָט צו אים גערעדט;

ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געשעפטן און זאָרגן און אין דער צייט, ווען מען האָט צו אים גערעדט האָט ער געפרעגט ביי זיך: ווען זשע וועט זיך דאָס ענדיקן? ניט איין מאָל האָט ער, כדי פאַרשאַפן דער מוטער פאַרגעניגן, אַרויסגעוויזן איר אַ צאַרטע מינע און איר קושן, ווייל ער האָט געוואוסט אַז דאָס מאַכט איר איבער גליקלאַך. די נאַאיווע פרוי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געענטפערט אויף אַט דער געמאַכטער צערטלאַכקייט און האָט זיך לייכט געלאָזן פאַר־נאַרן אין זיין נעץ און, ווי נאָר ער האָט איר פאַרנאַרט אין זיין נעץ, אַזוי האָט ער גלייך דערפילט עפּעס אַ מין צערטלאַכע פאַראַכטונג. האָט זי אָבער געהאַנדעלט אַזוי, אַז ער האָט איר ניט פאַרשטאַנען האָט דאָס אים פאַרדראָסן, אָבער ער האָט געפעילט צו איר אַ גרעסערן דרך ארץ.

ער איז ניט געווען פעאיק צו שפּילן אַ לענגערע צייט איינע און די זעלבע ראָלע. אַ קינד איז צו נאַכגעביג און האַלט אין איין שפּרינגען פון איין זאַך צו אַ צווייטער. אין אַ מינוט נאַכדעם, ווי ער האָט איר געהאַט אַרויסגעוויזן אַזויפיל וואַרימקייט, ליבע און האָט זי ממש באַצויבערט מיט זיין צערטלאַכקייט, האָט ער איר געקענט אונפאַר־שעמט אַרויסווייזן זיין באמת גלייכגילטיקע באַציאונג צו איר.

עס איז געקומען אַ צייט, אַז זי האָט מער ניט געוואָלט זיין די באַטראַגענע און גענאַרטע, באַזונדערס אין יענע זעלטענע מאָמענטן ווען אַז אומקלאָרער פאַרדאַכט האָט איר געוואָרענט, אַז מאַרק פּאַ־זירט, דאָן אַ נערוועזע, (מיר בעטן מחילה ביי אונזערע מאָדערנע פּעדאַגאָגן) האָט זי אים שטאַרק צריינגעשמיסן. אמת טאַקע, אַז זי איז געגאַנגען נעגן אַלע גוטע פּרינציפּן און האָט באַליידיגט איר קינדס זעלבסט ווירדע...

לויט דעם שטאַנדפּונקט פון אַן אַנגלאָסאַקסן איז די אָרימע אַנעט באַפלעקט מיט אַ שאַנד צייכן אויף אייביק. אָבער מיר עלטערע פראַנ־צויזן גייען ניט אַזוי וייט... קווי בענע אַמאַט.... אַט דאָס ווערטעל האָט נאָך אַליץ גרויס ערפאָלג אין געוויסע בורזשואַזע פאַמיליעס. וואָס האָבן נאָך ניט פאַרלוירן זייער לוסט צו לאַטיין. מען האָט אונז אַלעמען „שטאַרק ליב געהאַט", און טיף אין האַרצן, זענען מיר זיכער, ווי אַנעטס איינגעל, אַז אין די מערסטע פעלע האָבן מיר געקראָגן לויט די פאַרדינסטן. אויב עס איז אמת, אַז מיר האָבן, ווי ער, ניט אויפ־

געהערט צו ליבן די, וואס האט אונז געשמיסן, איז אויך אמת, אז דאס שמייסן האט זיי דערנידעריקט אין אונזערע אויגן און פארקלענערט זייער פרעסטיזש. און לאמיר זיך מודה זיין, אז טאקע דערפאר, האבן מיר — מארק און מיר — זיך באמיט ארויסצורופן זייער כעס, ספעציעל דער מאמעס.

נאכדעם איז אזוי גוט געווען צו מאכן דעם אנשטעל פון א באליידיגטן קרבן. אגעט האט געהאט צו זיך גאנצע טענות פאר מיסברויכן איר מאכט, זי האט געפילט, אז זי איז די שולדיקע און האט געזוכט א וועג ווי צו פארגלעטן איר שולד. ער האט געווארט אז זי זאל די ערשטע צוגיין צו אים.

דער טריאומף פון שוואכקייט! שוואכקייט... דאס איז א וואפן, וואס די פרוי באהערשט פאלקאם. אין דעם פאל האט די ראלע פון דער פרוי געשפילט דאס קינד. אט דער יונגינקער קערפערל, וואס איז נאך אויף דורך און דורך געווען דורכגעדרונגען מיט דער מאמעס מילך, איז געווען מער ווי האלב ווייבלאך. ער האט פארמאגט אלע דריידלאך. די גאנצע פארביסענקייט פון א מיידעל. אגעט איז געווען אנטוואפנט. ארום דעם קליינעם באטריגער האט זי באלאנגט צום שטארקן געשלעכט, דעם טעמפן נארישן געשלעכט וואס שעמט זיך מיט זיין שטארקייט, און זוכט מען זאל אים אנטשולדיקן זיין קראפט. עס האבן זיך פארמאסטן ניט קיין גלייכע כוחות. דאס קינד האט איר געמאכט צום נאר.

XXV

אבער ער איז ניט געווען קיין קינסטלאכער קאמעדיאנט, פאר זיין אייגענעם פארגעניגן וועגן. ווי זיין זיידע האט ער פארמאגט מער ווי איין נאטור. זער וועניק מענטשן זענען געווען פעאיק צו זען דאס, וואס איז געלעגן באהאלטן אונטער דער שפאטישער מאסקע פון דעם אלטן ריוויער. דאס טראגישע אין אים איז געווען באהאלטן אונטער דעם זשעסט פון שפאסהאפטן ציניזם, און דעם ליידנשאפטלאכן באגער נאך פארגעניגן, וואס זענען אפט כאראקטעריסטיש פאר טריאומפירענדע גייסטער. ראול האט פארמאגט זיינע שווארצע אפגרונטן, וועלכע ער האט קיינמאל פאר קיינעם ניט אנטפלעקט. זייער

עקזיסטענץ, האָט ער אַפּטער, ווי מען האָט זיך דאָס געקענט פאָר־שטעלן, פאַרדעקט מיט אַ גאַלישן געלעכטער. אַט די טונקעלע אָפּ־גרונטן האָלט יעדער פאַר זיך. אַנעט, וואָס האָט געהאַט אירע איי־גענע סודות האָט זיי קיינמאָל ניט פאַרטרויט פאַר איר פאָטער, און פון זיינע האָט זי געוואוסט פונקט אַזוי פיל, וויפיל זי האָט געוואוסט פון די סודות פון איר זון. יעדער איינער פון זיי איז פאַרבליבן איינגע־הילט און איינגעשלאָסן אין זיין אינערלאַכן לעבן, אין אייגנאַרטיקע צניאות! זיי האָבן זיך ניט אַזוי געשעמט אַרויסשטעלן פאַר דער וועלט זייער פאַרדאַרבענהייט און באַגערן — (ראול האָט זיך ממש נעגרויסט מיט זיי) ווי דאָס טראַגישע אין זייער נשמה.

אין אַט דעם לעצטן האָט אויך מאַרק געהאַט זיין חלק. אַ קינד וואָס לעבט אַליין אָן ברידער אָדער חברים האָט געגוג צייט אַרומצו־וואַנדערן אין די אונטערהיילן פון לעבן. זער טיף און אונגעהויער גרויס זענען געווען די היילן פון די ריוויערס. די מוטער מיטן קינד האָבן זיך געקענט טרעפן דאָרטן. נאָר זיי האָבן ניט געזען איינ־ער דעם אַנדערן, און געדיינקט דערביי, אַז זיי זענען אומגעהויער ווייט פאַרנאַנדערגעטיילט. זיי זענען ביידע אומגעגאַנגען מיט פאַרבונדענע אויגן. אויף אַנעטס אויגן האָט דער צודעק אַרויפגעוואָרפן דער דעמאָן פון ליידענשאַפט, וואָס האָט זי נאָך אַלץ ניט אָפּגעלאָזן; אויפן קינדס אויגן — דער עגאָאיזם, — וואָס איז נאַטירלאַך פאַר זיין עלטער. — ביידע האָבן געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער. אָבער מאַרק איז איצט געווען בלויז ביים אַריינגאַנג אין די היילן; און ער האָט נאָך ניט, ווי אַנעט, זוכענדיק דעם וועג צום אַרויסגאַנג זיך אָנגעשלאָגן אין די ווענט פון די היילן. ער האָט זיך דערווייל צוגעשפּאַרט ביי איינעם פון די ערשטע טרעפּלאַך און האָט געטרוימט וועגן דער צו־קונפט. ער איז געווען אומפּעאיק דאָס צו דערקלערן אַפילו פאַר זיך אַליין נאָר ער האָט געבויט זיין לעבן.

ער האָט ניט באַדאַרפט גיין ווייט, כדי זיך אָנצושלאָגן אין יענער שווידערהאַפטער וואַנט, פאַר וועלכער דער דערשראָקענער „איך" בלייבט שטיין אין אַנגסט. דאָס איז געווען דער טויט. די וואַנט איז געוואַקסן פון אַלע זייטן. קראַנקהייטן האָבן זי אַרומגערינגעלט מיט אַ שטייפן רינג, עס איז געווען נוצלאָז צו זוכן אַן אַרויסגאַנג. די

וואַנט איז געווען מאַסיוו און האָט ניט געהאַט קיין שפּאַלטן. עס איז ניט געווען נויטיק, פאַר וועמען עס ניט איז צו דערציילן מאַרקן, אַז אַזאַ וואַנט איז דאָ. ער האָט ווי אַ פערד דערפילט אין דער פינסטער, און האָט אינגאַנצן אויפגעציטערט. ער האָט צו קיינעם ניט גערעדט דערפון און קיינער האָט ניט גערעדט צו אים. אָט ווי דאָס וואָלט געווען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך. אַלע האָבן דאָס פאַרשטאַנען.

אַנעט, ווי די מערסטע פון היינטיקע יונגע פרויען, איז געווען אַ שלעכטער פּעדאַגאָג. ווען זי איז געווען אַ יונגע מיידעל האָט זי זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן פּעדאַגאָגיק, און האָט אַליין אויך גערן אין מיט פייער גערעדט וועגן איר. זי האָט צוגעשריבן די מעטאָדן פון דערציאונג אַ סך גרעסערע באַדייטונג, ווי די מוטערס פון די פריי־הערדיקע דורות. זיי זענען צוגעגאַנגען צו דער דערציאונגס פּראָבלעם בלינדערהייט. ווען אַנעט האָט געבוירן אַ קינד, האָט זי זיך דערפילט הילפלאָז נעגן די טויזענט און איין איבעראַשונגען פון לעבן, אומפעאיק צו שפּילן איר ראָלע, האָט זי געהאַלטן אין איין בויען טעאָריעס, מיט וועלכע זי האָט זיך ניט געקענט באַנוצן און האָט זיי אויפגעגעבן ביים ערשטן פאַרזוך. צום סוף האָט זי געלאָזן אַלעם גיין מיטן געוויינ־לאַכן גאַנג און האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזט אויף איר אינסטינקט.

די רעליגיעזע פּראָבלעם איז אויך געווען איינע פון די, איבער וועלכע זי האָט זיך שטאַרק פאַרטראַכט און האָט ניט געקענט קומען צו קיין פּראַקטישן שלום בנוגע צום קינד.

די מערסטע חברים פון אירע קינדער יאָרן, האָבן געשטאַמט פון רייכע רעפּובליקאַנער בורזשואַזע פאַמיליעס. זיי זענען דערצויגן גע־וואָרן אין אַ רעליגיעזן גייסט פון זייערע מוטערס און אַנטי רעליגיעזן גייסט פון זייערע פאָטערס און האָבן אַפילו ניט באַנומען דעם ווידער־שפּרוך פון דיביידע אויפפאַסונגען. (די ביידע לעבן זיך אַזוי געמיט־לאַך איין אין דער געזעלשאַפט, ווי פיעלע אַנדערע געגענגעזעצטע פאַקטן און אַנשויאונגען; ווייל די געפילן פון וועלטלאַכע מענטשן פאַרמאָגט ניט די דריטע דימענסיע). — זי אַליין איז געגאַנגען אין קלויסטער, אַזוי גוט, ווי זי איז געגאַנגען אין שול. זי האָט זיך דעם ערשטן מאָל באַהעפט צום קריסטענטום פּונקט אַזוי ווי זי האָט גע־נומען איר דיפּלאָם: באַוואוסטזיניק אָבער אָן פייער. די קירכלאַכע צערעמאָניעס, וואָס זי האָט בייגעוואוינט אין איר רייבער געמיינדע

האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען אַזוי ווי זיי וואָלטן באַלאַנגט צו דער וועלטלאָבער אָרדנונג, ווען זי האָט צוריסן מיט דער געזעלשאַפט, האָט זי זיך אויך אָפּגעזונדערט פון דער קירכע, די מאָדערנע געזעלשאַפט — וואו די קירכע איז איינע פון אירע זיילן — האָט מיט אַזאַ דערפאָלג פאַרענדערט און אָפּגעשוואַכט די גרויסע כוחות פון דער מענטשהייט. אַז אַנעט, וואָס האָט טיף אין הארצן פאַרמאָגט אַ סך אַ גרעסערן גלויבן פון הונדערטער זאַגענאַנטע גלויביגע, זי האָט צוזאַמענגעמישט גלויבן מיט תפילות־שטאַמלען, און מיט די צערעמאָניעס פון אַבגעלעבטן עקזאָטיזם וואָס איז אַ לוקסוס פאַרן גייסט פון די רייכע און אַ נעץ פאַרן אויג, אַ טרייסט פאַרן הארצן פון די אָרימע, וואָס פאַרזיכערט סיי דעם פונדאַמענט פון זייער אָרימקייט, סיי די יסודות פון דער געזעלשאַפט.

ווי נאָר זי האָט אויפגעהערט אָפּצוהיטן די רעליגיעזע מנהגים. אַזוי האָט זי ניט געפילט קיין שום באַדערפעניש אין זיי. עס איז איר אַפילו ניט איינגעפאַלן, אַז אין די מאָמענטן ווען זי האָט זיך איבערגעגעבן צו אירע פייערדיקע געוויסענביסע און ליידענשאַפט־לאָכע מאַנגלאַנג, האָט זי באמת תפילה געטאָן.

זי האָט ניט געדיינקט געבן איר זון דאָס אַן וואָס זי אַליין האָט זיך געקענט באַגיין. פיליכט וואָלט נאָך די גאַנצע פראַגע ניט געוועזן אַרויסשוואומען, ווען ניט סילוויע. — (אַן אמת׳ער פּאַראַדאָקס!) סילוויע, וואָס האָט געהאַט פונקט אַזוי פיל גלויבן וויפיל יעדער פאַריזער שוואַלב, וואָלט זיך ניט געוועזן באַטראַכט פאַר קיין פאַרהייראַטער פרוי, ווען זי זאָל ניט געוועזן חתונה האָבן אין אַ קלויסטער. און סילוויע האָט באַטראַכט פאַר ניט אַנשטענדיק, דאָס וואָס אַנעט טויפט ניט איר זון. אַנעט האָט האָט זיך דאָס ניט געקליבן צו טאָן.און פונדעסטוועגן האָט זי געטויפט דאָס אינגעל — כדי סילוויע זאָל קענען זיין זיין קוואַרטערן.. נאָכדעם, האָט זי מער ניט געטראַכט דערפון. אַזוי איז עס געוועזן ביז עס האָט זיך באַוויזן דזשוליאַן.

דזשוליאַנס טיפער גלויבן, האָט ניט געמאַכט אַנעט פאַר קיין גלויביגער, אָבער עס האָט אומגעקערט איר אַכטונג צו דער רעליגיע. און האָט צוריק געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט צו דער פּראָבלעם, וואָס זי האָט פאַרנאַכלעסיגט: וואָס זאָל זי טאָן מיט מאַרקן? שיקן אים אין קלויסטער? לערנען אים רעליגיע אין וועלכער זי גלויבט ניט?

זי האָט געפּרעגט דזשוליאַנען. ער איז געווען דערשיטערט; און איז ענערגיש באַשטאַנען אויף דעם, אַז מען מוז דאָס קינד לערנען די הייליגע תורה פון גלויבן.

— אָבער אויב די תורה און אירע אמת׳ן זענען פאַר מיר ניט קיין אמת׳ן? שוין זשע דאַרף איך זאָגן מאַרקן ליגן ווען ער קומט צו מיר מיט פראַגן?

— ניין, איר מוזט ניט זאָגן קיין ליגן. דערלויבט אים נאָר צו גלויבן. דאָס איז פאַר זיין טובה וועגן.

— ניין, מיין אויפריכטיגקייט קען ניט זיין פאַר אים קיין טובה, און וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן אין זיינע אויגן, ווען ער וועט דאָס אויסגעפינען. ער זאָל האָבן דאָס רעכט טענות האָבן צו מיר שפּעטער און ער זאָל נאָך פאַרלירן זיין גלויבן אין מיר? און ווי אַזוי זאָל איך וויסן צי אָט דער אויסגעלערנטער גלויבן, זאָל שפּעטער ניט שאַטן זיין אמת׳ער אַנטוויקלונג... דזשוליאַן האָט זיך אַנגעכמורעט און אַנעט האָט זיך צוגעאיילט צו בייטן די טעמא.

אָבער וואָס טוט מען? זי האָט ניט געקענט טאָן ווי אירע פּראָ־טעסטאַנטישע פריינט האָבן איר געראַטן: געבן איר זון אַ קורס אין אַלע רעליגיעס, און אים לאָזן אויסקלייבן איינע, ווען ער וועט ווערן זעכצן יאָר אַלט... אַנעט האָט אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער ביי אָט דעם געדאַנק. ס׳אַרא מאָדנע אויפפאַסונג פון רעליגיע, אָט פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ געגענשטאַנד צום עקזאַמען.

צום סוף האָט זי גאָר ניט אונטערנומען און גאָר ניט געטאָן. שפּאַ־צירענדיק מיט מאַרקן, פלעגט זי אַריינגיין מיט אים אין אַ קלויסטער, זיך אַוועקזעצן מיט אים אין אַ ווינקעל און באַוואונדערן צוזאַמען מיט אים דעם אויפשטייגענדען וואַלד פון אָט די שטאָלצע שטיינערנע קאָלאָנעס, דעם שימער, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן דורך די גע־פאַרבטע פענסטער, זיי האָבן הנאה געהאַט פון דעם פלי פון די גע־וועלבן, פון דעם ווייטן מורמעל און דעם אונקלאָרן אַקאָמפּאַני־מענט פון אָרגאַן. זיי האָבן זיך געבאָדן אין אַן עכט מוזיקאַלישער פאַנטאַזיע, און זענען פאַרזינקן געוואָרן אין אַ קאָנצענטרירטער זעלבסט פאַרטיפונג.

מאַרק האָט ניט פיינט געהאַט אַריינגיין אין קלויסטער זיצן אין אַ ווינקעל, מיט זיין הענטל אין דער מוטערס, זיך איינהערן אין די

תפילות און אונטערמורמלן. דאָ איז געווען אַזוי אַנגענעם און וואַ־
רים, אַז אמת׳ע פרייד... יאָ, ווען דאָס זאָל נאָר ניט געווען דויערן
צו לאַנג. ווייל אַט די סענטימענטאַלע שלעפעריגקייט האָט אים דער־
עסן. ער האָט געהאַט די באַדערפעניש זיך צו באַוועגן, און טראַפּטן
וועגן באַשטימטע זאַכן. זיין קליינער מוח האָט ניט אויפגעהערט צו
אַרבייטן, ער האָט באַאָבאַכטעט און באַמערקט אַלץ — דעם עולם
דאַוונער, און זיין מוטער וואָס האָט ניט געדאַווענט. כאָטש ער האָט
ניט אויסגעדריקט זיינע איינדריקע, האָט ער אָבער אַליין נאָכגעט־
דיינקט וועגן זיי. ער האָט געפרעגט אַ סך װעניגער פראַגן פון אַנ־
דערע קינדער, ווייל ער איז געווען צו שטאָלץ און האָט מורא געהאַט
זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ נאַרישקייט.

אָבער ער האָט דאָך געפרעגט:

— מאַמאַ ווער איז גאָט?

זי האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט, מיין טייערער.

— וואָס זשע דען ווייסטו יאָ?

זי האָט געשמייכלעט און אים צוגעדריקט צו זיך.

— איך ווייס, אַז איך האָב דיך ליב.

נו, דאָס איז אַן אַלטע מעשה. דאָס האָט ער אַליין געוואוסט,
און צוליב דעם האָט מען מיט אים ניט באַדאַרפט גיין אין קלויסטער.

ער איז ניט געווען צו אַמפּפינדלאַך, און נאָך ווייניקער גענייגט
צו יענע אומקלאָרע אינערלאַכע איבערלעבונגן, אין וועלכע „די פרויען״
געפינען אַזאַ נחמה.

ווען אַנעט האָט געהאַט איר קינד אַרום איר, און איז ניט געווען
פאַרטרונקען פון צופיל מאַטעריעלע זאָרגן, ווען צווישן אַלע אירע אַר־
בייטן איז אויף איר חלק אויסגעפאַלן אַ שטונדע רו, איז זי געווען
גליקלאַך. זי האָט ניט באַדאַרפט ווייט גיין זוכן גאָט; זי האָט אים
געהאַט אין איר הארצן. אָבער מאַרק האָט ניט געפונען אין זיין הארצן
קיינעם, אויסער אים אַליין — מאַרקן. אַלע אַנדערע זאַכן זענען געווען
ניט מער ווי נאַרישקייטן. ער האָט געמוזט זיין קלאָר וועגן זאַכן.
ווירקלאַך, וואָס אַזוינס איז גאָט? איז דאָס אַט דער מאַן ביים באַ־
לעמער, אין אַ פרויען קלייד און געגילטן שלייער? דער שטאַק־טרע־
גער מיט זיין שטעקן און זיינע אַנטבלויזטע איקרעס פון די פיס?

אָדער גאָר די פֿאַנאַנדערגעשמירטע געשטאַלטן צו איינער אויף יע־דער קאַפּעלע, וואָס האָבן געמאַכט צו אייך תניות און קרענקלאַך גע־שמייכעלט, ווי צוטומעלטע דאַמען, וועמען ער האָט שטאַרק ניט ליב געהאַט?

— מאַמאַ, קום לאָמיר גיין.

—זע נאַר, ווי וואונדערלאַך שיין דאָס איז, ניין, אפשר?

— יאָ, דאָס איז שיין געווג, אָבער לאָמיר גיין אַ היים.

...וואָס איז גאָט?... ער האָט שוין מער ניט געשטעלט אָט די פֿראַגע דער מוטער... ווייל ווען דערוואַקסענע מענטשן זענען זיך מודה, אַז זיי ווייסן ניט אַ געוויסע פֿראַגע איז דאָס בלויז דערפֿאַר וואָס זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט איר... און ער האָט אַליין פֿאַרט־געזעצט זיינע אומגעדולדיקע פֿאַרשונגען. ער האָט געהערט תפילות — „הייליגער פֿאָטער אין הימעל"... אַ לאָקאַליזאַציע וואָס האָט גע־רעגט דעם סקעפּטיציזם פֿון די אַנטוויקעלטערע מאָדערנע אינגלאַך. פֿאַר וועלכע דער הימעל האָט זיך געהאַלטן אין פֿאַרוואַנדלען אין אַ נייעם ספּאָרט פֿעלד. ער האָט דורכגעבלעטערט די ביבעל, אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע אַלטע מעשה'לאַך, מיט דער זעלבער לאַנגווייליקער נייגעריגקייט. ער האָט געשטעלט אַ פּאָר פֿראַגן און נאָכלעסיג דאָ און דאָרט אויפגעכאַפּט אַ פּאָר אומפּאַרזיכטיקע ענטפֿערס: — „גאָט — איז אַן אומזיכטבאַר וועזן וואָס האָט באַשאַפֿן די וועלט", האָבן זיי אים געזאָגט. צו ווייט, צו אַבסטראַקט און ניט קלאָר. ער איז געווען ווי זיין מוטער: גאָט האָט אים ניט אינטערעסירט. מיט איין הער־שער מער אָדער ווייניקער...

מער פֿון אַלעם האָט אים אינטערעסירט זיין אייגענע עקזיסטענץ. די געפֿאַרן וואָס האָבן געלויערט איבער איר און וואָס וועט פּאַסירן נאָכן טויט. די נאַרישע נעשפּרעכן, וואָס ער האָט געהערט ביי סיל־וויען, האָבן פֿאַרהעלטניסמעסיג פֿרי אויפגעוועקט זיין אויפמערק־זאַמקייט. די אַרבייטערינס האָבן געפֿינען אַ מאָרגעם פֿאַרגעניגן אין יענעם ציטער וואָס האָט דורכגענומען זייערעביינער, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן אומגליקס־פֿאַלן, פֿלוצלינגן טויט, קראַנקהייטן און לויות. זיי האָבן געפּלוידערט וועגן דעם די גאַנצן צייט. זיי האָט גערעגט דער טויט. דער חיה'שער אינסטינקט פֿון קינד פֿלעגט אויפציטערן פֿון אָט דעם וואָרט. ער וואָלט זער וועלן זיך פֿאַרנאַנדער פֿרעגן ביי זיין מו־

טער וועגן אַז דער פראַגע, אָבער אַנעט איז געווען באמת געזונט, האָט קיינמאָל ניט געערדט וועגן טויט. און האָט קיינמאָל ניט גע־טראַכט וועגן אים אין יענעם פּעריאָד פון איר לעבן. זי האָט געהאַט איבער גענוג אַרבייט. זי האָט געמוזט דערנערן איר קינד. וועז פון איז דער פרי ביז אויפדערנאַכט דאַרף מען טראַכטן פון דעם ערדישן. פאַרוואַנדעלט זיך דאָס הימלישע אין אַ לוקסוס. עס באַקומט פאַר אונז אַ ממשות בלויז דאַן, ווען אימיצער פון אונזערע טייערסטע טרעטן אַריבער די שוועל פון יענער וועלט. איר זון איז געווען מיט איר. וואָלט זי אים פאַרלוירן, וואָלט סיי דאָס לעבן, סיי דער טויט אַנגעוואוירן פאַר איר יעדן ווערט. זי איז געווען צו אַ לײדענשאַפט־לאַכע נאַטור, אַז זי זאָל זיך קענען צופרידענשטעלן מיט אַ ניט מאַ־טעריעלער וועלט, אַ וועלט אָן דעם באַליבטן קערפּער.

מאַרק האָט געזען, אַז זי איז שטאַרק, שטענדיק פאַרנומען. און איז זייער ווייט פון אַז די שרעקן; און ער האָט זיך געשעמט אַרויסצווייזן פאַר איר זיין שוואַכקייט. הייסט עס, אַז ער האָט זיך געמוזט אַליין העלפן. און דאָס איז גאָר ניט געווען אַזוי גרינג. מען דאַרף ניט דיינקען, אַז דאָס קינד האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרוויקעל־טע פּראָבלעמען. ער האָט גענומען די פראַגע גאַנץ איינפאַך און האָט זי צוגעפּאַסט צו זיי קינדעשן מוח. דער טויט — דאָס איז דאָס פאַרשוואונדן פון אַנדערע. זאָלן זיי, דאָס איז זייער דעגה. אָבער איז דאָס מעגלאַך, אַז ער אַליין זאָל אויך פאַרשווינדן?

איינמאָל האָט ער געהערט סילוויען זאָגן:

— נו, איז וואָס. מיר וועלן אַלע שטאַרבן...

— ער האָט געפרעגט:

— און איך אויך?

זי האָט זיך צולאַכט:

— דו דאַרפסט נאָך לאַנג וואַרטן.

— ווי לאַנג?

— ביז דו וועסט אַלט ווערן.

אָבער ער האָט גוט געוואוסט אַז מען באַגראָבט אויך קינדער. אויסער דעם, — אפילו ווען ער וועט שוין אַלט ווערן, וועט ער דאָך אַלץ פאַרבלייבן ער. און עס וועט קומען אַ טאָג ווען מאַרק וועט שטאַרבן... דאָס איז שוידערלאַך. איז דאָס, באמת, גאָר איינגאַנצן

אומעגלאַך צו פאַרמיידן? ערגעץ וואו מוז ער געפינען עפּעס, זאָל זיין, אַ טצוואַק אין וואַנט, אַזאַ זאַך אין וואָס ער זאָל זיך קענען אָנטשעפּן, אַ האַנט אין וועלכער ער זאָל זיך קענען אָנכאַפּן.

— איך וויל ניט פאַרשווינדן.

די באַדערפעניש אין אַט דער האַנט, וואָלט אים אפשר גע־פירט צו גאָט, ווי זי פירט אַ סך אַנדערע, אַט יענע אויסגעשטרעקטע האַנט, וואָס באַאומרואיקטע, צוואווייטעקטע מענטשן זען ביי נאַכט. אָבער אויף וויפיל זיין מוטער האָט ניט געזוכט אַט די הילף, אויף אַזוי פיל האָט האָט ער געטריבן פון זיך אַפילו דעם געדאַנק וועגן איר.

אַפילו קריטיקירענדיק אַנעט, האָט ער זיך דאַך געפינען אונטער דעם איינפלוס פון איר שטעלונג.

דאָס, וואָס זי האָט געקענט זיין רואיק ניט קוקנדיק אויף דעם גורל וואָס האָט זי דערוואַרטעט האָט אים ניט געטרייסט, נאָר האָט אים דאָך געצוואונגען צו נעמען אַ ביישפּיל פון איר שטאַרקייט. ער איז גע־ווען אַ נערוועזער, קרענקלאַכער און שוואַכער אינגל, אָבער ניט אומ־זיסט איז ער געווען אַנעטס זון... אויב זי, אַ פרוי, שפּירט ניט קיין שרעק, דאַרף איך אויך קיין מורא ניט האָבן!

אָבער עס איז ניט געווען אין זיין מאַכט ניט צו טראַכטן דערפון, אַזוי ווי עס טראַכטן ניט דערפון די דערוואַקסענע. געדאַנקען שוועבן. קומען און גייען; מען קען זיי ניט אָפּשטעלן — באַזונדערס ביינאַכט ווען עס שלאָפט זיך ניט... דאַן טראַכט, אָבער האָב קיין מורא ניט!

וואָס אַזוינס איז אַ מת?

נאַטירלאַך, האָט ער ניט געהאַט אַפילו די מינדסטע פאַרשטע־לונג וועגן דעם. אויסער אַ פּאָר בילדער אין מוזעאום האָט מען פון אים אויסבאַהאַלטן יעדן מין לויה ספּעקטאַקל. אויסגעצויגן שטייף אין זיין קליינעם בעטל האָט ער געפילט די ווענט פון זיין קערפּער. ווי אַזוי אָבער זעט מען דאָס?... — אַן אומפאַרזיכטיק וואָרט האָט געעפנט פאַר אים אַ פענסטערל פון יענעם אָפּגרונט אין וועלכן ער האָט אומגעדולדיק געברענט אַריינצוקוקן.

איינמאָל, זומער האָט ער געגעניצט ביים פענסטער .ער האָט געכאַפּט פליגן און האָט ביי זיי אָפּגעריסן די פליגעל. עס האָט אים אונטערהאַלטן זייער פלאַטערן און צאַפּלען זיך. ער האָט ניט געמיינט

זיי ווי‏ טאן, ער האט פשוט געשפילט א שפיל. זיי זענען געווען לער־בעדיקע שפילצייג און עס האט ניט אויסגעמאכט אויב ער האט זיי צובראכן... זיין מוטער האט אים געפינען ביי אט דער באשעפטיגונג. מיט א ווילדן כעס, וואס זי איז ניט געווען אימשטאנד צו אונטער־דריקן האט זי אים אנגעכאפט ביי די אקסלן, אים געטרייסלט און געשריען, אז ער איז א מיאוסער קליינער פייגלינג.

וואס ווילסטו געזאגט, ווען אימיצער זאל צוברעכן דיינע הענט? ווייסטו דען ניט, אז אט די באשעפענישן ליידן פונקט אזוי גוט ווי דו? ער האט געמאכט דעם אנשטעל אז ער לאכט, אבער ער איז געווען דערשיטערט. ער האט גאר פריער ניט באנומען, אז אט די באשע־פענישן זענען געווען ווי ער! ער האט ניט געפילט דעם מינדסטן רחמנות צו זיי. איצט אבער האט ער געקוקט אויף זיי מיט אנדערע אויגן — באזארגטע, אויפמערקזאמע און פיינטלאכע... א פערד איז געפאלן אין גאס... עס יאמערט אן איבערגעפארענער הונט... ער קוקט זיך צו צו זיי... דער דורשט נאך וויסן איז צו גרויס, ער לאזט ניט דערוואכן דעם געפיל פון רחמנות...

דאס קינד איז אפגעשוואכט געווארן פון דעם גרויעם און פייכטן ווינטער, אז קעלטן און אז זון, און ער האט זיך ניט גע־קענט אויסוויקלן פון דער מילדער, אבער שטענדיקער גריפ, וואס האט ביז א טראפן אויסגעזויגן די פארב פון זיינע בעקלאך. צוליב דעם האט אנעט אויף די צוויי וואכן פון פסח געדונגען א צימער אין א פארם אין טאל ביעוורעס. אין צימער האט זיך געפונען בלויז איין גרויסע בעט פאר איר מיטן קינד. אים איז דאס געווען ניט איבעריק געפעלן, אבער זיין מיינונג האט קיינער ניט געפרעגט. צום גליק איז ער גע־בליבן אליין דעם גאנצן טאג, אנעט איז יעדן טאג געפארן אין פאריז צו דער ארבייט. זי האט אים איבערגעלאזן אונטער דער אויפזיכט פון דער באלעבאסטע, וועלכע האט זיך אויף אים ווייניק וואס אומ־געקוקט.

מארק פלעגט אנטלויפן אין די פעלדער. ער פלעגט זיך האלטן אין איין ארומקוקן, צוקוקן, שארן רויען אלץ ארום, און געזוכט צו דערגיין פון זאכן און חיות א געוויסן סוד וואס האט געהאט א שייכות צו אים; ווייל אלץ אין דער נאטור האט ער פארבונדן מיט זיך.

איינמאל ארומבלאנדזשענדיק אין וועלדעל האט ער דערהערט

פון ווייטנס קינדערשע שטימן, געוויינטלאך האָט ער ניט געזוכט די געזעלשאַפט פון אַנדערע אינגלאַך, ווייל ער איז ניט געווען שטאַרק גענוג צו זיין צווישן זיי דער ערשטער. אָבער דאָס מאָל האָט אים געצויגן צו זיי. ווען ער איז צוגעגאַנגען נעהענטער האָט ער דערזען, אַז פינף זעקס אינגלאַך שטייען אַרום אַ פאַרוואונדעטער קאַץ. איר רוקן איז געווען צובראָכן; די קינדער האָבן זיך אונטערהאַלטן דערמיט וואָס זיי האָבן זיך געטשעפּעט און גערייצט מיט איר און געשטופּט די שפּיצן פון זייערע שטעקנס אין איר וואונד.

מאַרק האָט ניט לאַנג געטראַכט און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף זיי מיט די פויסטן. ווען די איבעראַשונג איז פאַריבער האָט זיך די באַנדע אַרויפגעוואָרפן אויף אים מיט געשרייען און שפּאָט. ער איז מיט אימפּעט אַנטלאָפן, און האָט זיך באַהאַלטן ניט ווייט אין די קוסטעס און האָט פאַרשטאָפּט זיינע אויערן. אָבער ער האָט ניט געקענט באַשליסן אַוועקצוגיין...אינגיכן איז ער ווידער צוגעגאַנגען. די יונגע חברה האָט אים באַגעגענט מיט אַ האָגעל פון אויסגעשרייען:

— מאַגערער! האָסט מורא, האַ! קום נאָר אַהער, און קוק זיך צו ווי זי פּגרט.

ער איז צוגעקומען נעהענטער. ער האָט ניט געוואָלט מען זאָל קוקן אויף אים ווי אויף אַ טויגעניכץ. אויסער דעם האָט ער טאַקע געוואָלט זען. ביי דער קאַץ איז אַן אויג אויף האַלב געווען אויסגערונען. זי איז געלעגן אויף אַ זייט, דער רוקן איז שוין געווען באַוועגלאָז טויט, די זייט האָט זיך געהויבן, זי האָט פּראָבירט אויפהויבן די קאָפּ און האָט דערביי שוידערלאַך געקרעכצט. די קאַץ האָט ניט געקענט שטאַרבן. די קינדער האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכער. מאַרק האָט געקוקט אַ דערציטערטער. פּלוצלינג האָט ער געכאַפּט אַ שטיין און האָט מיט רציחה דערלאַנגט מיט אים דער קאַץ אין קאָפּ. עס האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן אַ אויפגערעגטער געשריי, און ער האָט איר געשלאָגן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער מיטן שטיין איבערן קאָפּ ווי אַן אמת ווילדער. עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, און ער האָט נאָך אַלץ געשלאָגן...

די אינגלאַך האָבן געקוקט אויף אים דערשטוינט. איינער פון זיי האָט אַפילו פּראָבירט אַ שפּאָס טאָן. מיט בלוט אויף זיינע פינגער, וואָס האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן דעם שטיין האָט מאַרק אַ בלאַסער

מיט ווייסע ציטערענדע ליפּן, מיט צוזאַמענגעגאָסענע ברעמען און אַ פינסטערן בליק איז די אויגן זיך אַנגעשטעלט אויף זיי. זיי זענען אַוועק. ער האָט זיי געהערט לאַכן און זינגן פון דער ווייטענס. מיט פאַרצופּטע ציין איז ער אַוועק אַ היים. אין דער היים האָט ער גאָר ניט דערציילט וועגן דעם. נאָך ביינאַכט האָט ער געוויינט אויף זיין גע־לעגער. אַנעט האָט אים געגומען אויף די הענט, זיין צאַרטער קערפּער האָט געציטערט.

— וואָס פאַר אַ שלעכטער חלום האָט זיך דיר גע'חלום'ט? מלאך מיינער, עס איז גאָרניט... בארואיק זיך...

און ער האָט געטראַכט:

— איך האָב זי דער'הרג'עט. איך ווייס שוין וואָס אַזוינס איז דער טויט. ער האָט געוואוסט, געזען און צושטערט. ס'אַרא שרעק־לאַכע שטאַלץ עס ליגט אין דעם! און נאָך אַז אַנדער געפיל, אַ געפיל וועלכן ער האָט ניט געקענט באַנעמען האָט אים אי צוגעצויגן, אי אָפּגעשטויסן... די מאָדנע פאַרבינדונג וואָס פאַראייניגט דעם מער־דער מיטן דערמאָרדעטן, די פינגער פאַרפלעקט מיט בלוט און דער צובראָכענער קאָפּ... צו וועמען פון די צוויי האָט געהערט דאָס בלוט? די חיה האָט שוין מער ניט געליטן. וועז ער האָט נאָך אַלץ געפילט דעם שרעקלאַכן ציטער פון איר גסיסה...

צום גליק רוט ניט דער מוח אין זיין עלטער צו לאַנג אויף איינעם און דעם זעלבן געדאַנק, ווייל דאָס וואָלט זיך געקענט פאַר־וואַנדלען אין אַן אמת'ער געפאַר, ווען דאָס זאָל געווען יוערן אַ אידעע־פיקס. אַנדערע פאַרשטעלונגען און געשטאַלטן האָבן זיך דורכגעטראָגן אין קאָפּ און זייער שטראָם האָט דערפרישט זיין מוח. אָבער די אידעע איז פאַרבליבן אין די טיפסטע טיפעניששן פון זיין וועזען: איר אַנוועזענהייט האָט זיך פון צייט צו צייט דורכגעריסן און גע־לאָזט פילן דורך אַ פינסטערן שימער פון לופט־בלאָזן וואָס האָבן זיך לאַנגזאַם געהויבן פון דער בלאָטע אין טייכעל. אונטער דער ווייכער הויט פון זיין נאַטור האָט זיך באַהאַלטן אַ האַרטער קערן: דער טויט, די קראַפט וואָס מאָרדעט... מען דערמאָרדעט מיך און איך מאָרד... איך וועל זיך ניט לאָזן מאָרדן! זיג פאַר די שטאַרקע! איך וועל קעמפן!

שטאָלץ, אַן אומדייטלאַכער שטאָלץ, געשטיצט פון שוואַכקייט,

האט אים באשיצט ווי א פאנצער. פון וואנען האט זיך גענומען צו אים אט די שטאלענע קראפט, אויב ניט פון זיין מוטער, צו וועמען ער האט זיך פונדעסטוועגן באצויגן מיט פאראכטונג, ניט קוקנדיק דארויף וואס זי האט אים ארויסגעוויזן אזויפיל צערטלאכקייט, און אויך דערפאר וואס ער האט איר געקענט נארן. ער האט דאס פארשטאנען. ער האט געפילט, אז אנעט שטייט העכער, פיל העכער פון די ארומיגע, אפילו דאן, ווען ער איז געווען גענייגט מיטן גאנצן הארצן, מיט זיין גאנצער סימפאטיע אויף סילוויעס זייט, וואס האט אים אזויפיל געפעסטשעט. גאנץ מעגלאך אז ער וואלט איר געווען אימיטירן, ווען ער זאל זיך ניט געווען מוזן פארטיידיגן געגן די אנגריפן פון אט דער פערזענלאכקייט, וואס האט אים צו שטארק ליב געהאט, און האט געשטרעבט אים איינגאנצן איינשלינגען. זי האט געדראט זיין לעבן. ער האט זיך באוואפנט געגן איר, און האט זי געהאלטן פון ווייטענס. זי איז אויך געווען צווישן זיינע שונאים.

XXVI

סילוויע איז פארשוואונדן געווארן פון הארizאנט. ווען די ערשטע עטלאכע מאנאטן פון שטארקן פארדרוס זיינען פאריבער, האט זיך אין איר דערוועקט א געווויסער געפיל פון חרטה. זי האט געטראכט וועגן די שוועריגקייטן געגען וועלכע איר שוועסטער מוז קעמפן. זי האט געווארט, אז אנעט זאל קומען צו איר בעטן הילף. זי וואלט איר ניט אפזאגן, זי וואלט אבער ניט געקומען איר עס פארשלאגן. אנעט פון איר זייט וואלט זיך גיכער לאזן צושניידן אין שטיקער, איידער קומען צו סילוויען עפעס בעטן. ביידע שוועסטער זענען געווען אויף מעסער שטעכן. ווען זיי האבן זיך געטראפן אין גאס האבן זיי זיך באמיט אויסצומיידן. אבער איינמאל ווען אנעט האט אנגעטראפן אין גאס די קליינע אדעט מיט אן ארבייטערין, האט זי ניט געקענט צוריקהאלטן דעם ווארימען אימפולס; זי האט גענומען דאס קינד אויף די הענט און האט איר באדעקט מיט קושן. סילוויע פון איר זייט, אנטרעפנדיק איינמאל מארקן, וואס איז נעגאנגען פון שול א היים, (ער האט איר, זעט אויס ניט באמערקט), — האט זי אים אפגעשטעלט און געפרעגט :

— דו דערקענסט מיך שוין מער ניט?

מען קען זיך פאָרשטעלן ס'אַרא גרויסאַרטיקע מינע אַט דאָס קליינע חיה'לע האָט געמאַכט, ווען ער האָט געענטפערט: — גאָט העלף, מומע! נאָך אַ קורצן נאָכדיינקן, געערגערט אָדער אומגערעכט, האָט ער אַליין באַשלאָסן זיך שטעלן אויף דער מוטערס זייט. „מייז איינגן לאַנד, גוט אָדער שלעכט". סילוויע איז פאַלשטענדיק געווען דערשטוינט. זי האָט געפרעגט:

— נו, ווי גייט עס?

ער האָט קאַלט געענטפערט:

— אויסגעצייכנט.

זי האָט אים נאָכגעקוקט. ער איז אַוועק מיט אַזאַ גרויסקייט, פאַרויטעלט פון דער אָנשטרענגונג, וואָס ער האָט אויף זיך אַרויפּ־געצויגן. ער איז געווען אייגנפאַך און שיין אָנגעטאָן... אַזאַ קליינער גאַרניט! "אַלץ גייט אויסגעצייכנט". זי וואָלט אים אָנגעדרייט די אויערן.

דאָס וואָס אַנעט איז געווען אימשטאַנד אַליין צו באַזאָרגן אירע געשעפטן אָן איר הילף, האָט נאָך מער צורייצט סילוויען. זי האָט ניט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו הערן וועגן אַנעט און האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק צו הערשן איבער איר ווען סע ניט איז. אויב זי האָט דאָס ניט געקענט טאָן אין דער ווירקלאַכקייט, האָט זי דאָס אמווייניקסטן געקענט טאָן אין געדאַנק. דער שווערער און אייגנפאַך שטרייגער אַרט לעבן פון איר שוועסטער, איז ניט גע־ווען קיין סוד פאַר איר. און זי האָט ניט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס אַנעט האָט זיך פאַראורטיילט דערצו. זי האָט איר געקענט גוט גענוג, אום צו זיין זיכער, אַז אַ פרוי פון איר טיפּ איז ניט באַשאַפן געוואָרן פאַר אַ לעבן פון מאַראַלן אַסקעטיזם אָן אַ שפּור פון גליק און פרייד. ווי אַזוי האָט זי געקענט צווינגען איר נאַטור צו גיין אין אַט דעם וועג? וואָס האָט זי פאַרפליכטעט צו לעבן ווי אַן אַלמנה? אַז אַן אייגענעם מאַן, האָבן איר ניט אויסגעפעלט קיין פריינט, וואָס וואָלטן זיך געשעצט גליקלאַך צו לינדערן אירע ליידן און זאָרגן. וואָלט זי נאָר געווען צושטימען דערצו. סילוויע וואָלט פּיליכט דאַן געפילט ווייניגער רעספּעקט פאַר איר שוועסטער. זי וואָל זיך אָבער געפילט אַ סך נעהענטער צו איר.

זי איז ניט געווען די איינציגע וואָס האָט ניט געקענט פאַרשטיין אַנעט. אַנעט אַליין האָט ניט בעסער פון איר פאַרשטאַנען די אורזאַכן פון איר איינזאַמען לעבן, דעם ווילדן שרעק וואָס האָט איר צוריקגעהאַלטן ניט נאָר פון דער מעגלאַכקייט, נאָר אַפילו פון דעם געדאַנק וועגן יענע נאַטירלאַכע פאַרגניגענס, וואָס ניט די סאָציאַלע און ניט די רעליגיעזע געזעצן וואָלטן איר קענען שטערן צו געניסן. (דערצו האָט זי ניט גע־גלויבט אין דער קירכלאַכער מאָראַל, און איז זי דען ניט געווען באַ־לאַבאָס איבער זיך?).

— פאַרוואָס זשע האָב איך מורא?

— פאַר זיך אַליין.

איר אינסטינקט האָט זי ניט אָפּגענאַרט. פאַר אַזאַ נאַטור וואָס איז פול מיט ליידנשאַפטן, פול מיט פאַרלאַנגען און בלינדער ערנ־סטיק איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אומשולדיקער פאַרגעניגן, ניטאָ קיין שפּיל אָן פאַלגן. דער קלענסטער שטויס וואָלט איר געקענט איבער־געבן אין די הענט פון יענע כוחות איבער וועלכע זי וואָלט מער קיין באַלאַבאָס ניט געווען. אַנעט האָט געדענקט און האָט געוואוסט פון מאָראַלע אויפרעגונגען און אומרואיגקייטן אַ סך פריער איידער זי האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט אירע צייטווייליקע ליבעס. די געפאַרן וואָלטן יעצט געווען אינגאַנצן אַנדערע! זי וואָלט זיך מער ניט געווען אימשטאַנד צו ווערן. און וואָלט זי זיך אָפּגעבן צו פאַרגעניגן, וואָלט זי אין אים אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן; זי וואָלט פאַרלוירן דעם גלויבן אין וועלכן זי האָט זיך אַזוי געניטיגט... וועלכן גלויבן? דעם גלויבן אין זיך. איז דאָס אפשר געווען שטאָלץ? ניין דאָס איז געווען דער גלויבן אין דעם אומדערקלערבאַרן געטלאַכן פונקט, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין די טיפענישן פון איר נשמה, און וועלכן זי האָט געוואָלט אומבאַ־פלעקט איבערגעבן איר זון. פאַר אַזאַ פרוי בלייבט ניט קיין אַנדער אויסוואַל נאָר די גרעניצן פון דער שטרענגער דיסציפּלין פון הייראַט; זי מוז אָדער לעבן אַ שטרענג צוריק געהאַלטענעם מאָראַלן לעבן, אָדער פראַנק און פריי זיך איבערגעבן צו די ליידנשאַפטלאַכע אינ־סטינקטן... אַלץ אָדער גאָרניט... גאָרניט!

און דאָך, מאָמענטנווייז — ניט קוקענדיק אויף איר שטאָלצער היציגקייט האָט זי שוין פון עטלאַכע מאַנאַטן געמאַטערט דער פּיינ־לאַכער געדאַנק:

— איך מאַך אַש און בלאָטע פון מיין לעבן.

מאַרסעל פרענק האָט זיך ווידער באַוויזן. אַ צופאַל האָט אים געבראַכט אויף אַנעטס וועג; ער האָט שוין געהאַט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן איר, אָבער ער האָט זי ניט פאַרגעסן. פאַר דער צייט האָט ער דורכגעמאַכט אַ היבש ביסעל ליבעס. זיי האָבן אָבער ניט איבערגעלאָזן קיין צו טיפע סימנים אין זיין בוינזאַמען האַרצן — בלויז אַ פּאָר ליניען, פיינע צייכענס אַרום זיינע קלוגע אויגן. זיי האָבן אים איבערגעלאָזן אַ געוויסע מידקייט, צו־זאַמען מיט אַ גוטמוטיגער פאַראַכטונג סיי צו זיינע לייכטע דערפאָלגן, סיי צו זיך אַליין. און ווי נאָר ער האָט זיך צוריק געטראָפן מיט אַנעט אַזוי האָט ער גלייך דערפילט דעם אַלטן איינדרוק פון פריש־קייט און זיכערקייט, וואָס האָבן אַזוי מאָדנע צוגעצויגן אָט דעם אַנטוישטן סקעפּטיקער. ער האָט אויסגעפאָרשט אירע אויגן; יאָ. זי האָט אויך געזען דאָס לעבן. אין די טיפעניש פון איר בליק זענען געווען באַהאַלטענע פייערלאַך, שטעשקעס וואָס שיפן זענען חרוב געוואָרן און אונטערגעגאַנגען. און דאָך האָט זי אויסגעזען געלאַסענער און זיכערער. און אים האָט אויף דאָס ניי פאַרדראָסן, וואָס אָט דער נעזונטער און אויסגעצייכענטער חבר האָט זיך שוין צוויי מאָל אַרויסגעדרייט פון אונטער זיינע הענט. אָבער עס איז נאָך איצט אויך ניט געווען צו שפּעט זיי זענען, דאַכט זיך, נאָך קיינמאָל ניט געווען גרייט צו פאַרשטיין איינע די אַנדערע, ווי איצט.

ער האָט זיך ניט פאַרנאַנדער געפרעגט ביי איר וועגן איר לעבן. ער איז געווען אימשטאַנד אַליין אויסצוגעפינען וועגן איר איינקונפט און באַשעפטיגונגען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער געקראָגן פאַר איר אַ גוט באַצאָלטע אַרבייט. די אַרבייט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מען האָט באַדאַרפט ברייננגן אין אָרדנונג און אויספילן קאַרט־לאַך פאַר אַ קאַטאַלאָג פון קונסט ווערק, וואָס ער אַליין האָט צוזאַמענגע־שטעלט. דאָס איז געווען אַ נאַטירלאַכער אויסרייד, כדי קענען פאַר־ברייננגען מיט איר עטלאַכע שעה אַ וואָך. זיי האָבן געקענט אַרבייטן און רעדן אין איינער און דערזועלבער צייט. גאָר אין גיכן האָט זיך צווישן זיי צוריק איינגעשטעלט די אַמאָליגע אינטימע באַציאונגען.

מאַרסעל האָט קיינמאָל ניט געפרעגט אַנעט וועגן איר לעבן, ער

האָט נאָך געערדט וועגן זיך. ווייל דאָס איז געווען דער בעסטער וועג אויסצוגעפינען וואָס זי טראַכט. די קאָמישע זייטן פון זיינע ליבע־געשיכטעס האָבן זיי געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו באַריידן די פאַרשי־דענאַרטיגסטע פראַגן, פון וואָס ער האָט געהאַט גרויס פאַרגעניגן. עס איז אים געווען אַנגענעם צו פאַרטרויען פאַר אַנעט זיינע לוסטי־קע סודות, כאָטש זי האָט אים אַביסל געזידעלט דערפאַר. ער איז געווען דער ערשטער צו לאַכן פון זיך, פונקט אַזוי גוט, ווי ער האָט געלאַכט פון אַלע אַנדערע זאַכן. זי האָט שמייכלענדיק אויסגעהערט זיין פרייע ווידוי, ווייל זי איז געווען זער טאָלעראַנט דאַרטן, וואו עס האָט איר פערזענלאַך ניט אַנגערירט. ער האָט דאָס פאַרשטאַנען גאַנץ אַנדערש, ער איז געווען אַנטציקט פון איר פריילאַכן און זעלבסט־שטענדיקן שכל, וואָס איז געווען אַזוי מילד און נאָכגעביק צום לעבן. ער האָט ניט געפונען אין איר אַפילו קיין סימן פון דעם מאָראַלן פער־דאַנטיזם פון דער אומטאָלעראַנץ פון אַ יונגער מיידעל, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס באַגרעניצט פון איר אומשולד. אומבייטענדיק זיך מיט איר מיט איראַנישע באַמערקונגן, האָט ער געטראַכט אַז עס וואָלט געווען באמת צוליבערהאַפט צו פאַרבינדן זיין גורל מיט אָט דעם קלוגן און גייסטרייכן פריינט און טיילן מיט איר אָט די וואונדערלאַכע אוואַנטורע פון לעבן... ווי אַזוי? ווי זי וועט וועלן. געליבטע, ווייב ווי איר האַרץ גלוסט. ער איז געווען פריי פון פאַראורטיילן. ער האָט ניט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג צו אַנעטס אומגעזעצלאַכער מוטערשאַפט. און עס איז אים ניט אַנגעגאַנגען צי האָט זי זיך נאָך מיט וועמען צוזאַ־מענגעטראָפן זינט דאַן. וואָלט ער געהייראַט מיט איר, וואָלט ער איר קיינמאָל ניט געפייניגט מיט קיין אויפרעגענדער געטריישאַפט; ער וואָלט ניט אַרויסגעוויזן קיין נייגעריגקייט צו איר פאַרבאָרגענעם אינערלאַכן לעבן. זאָל יעדערער פון זיי האָבן זיינע אייגענע סודות און זיין חלק פון פרייהייט! ער האָט בלויז פאַרלאַנגט, אַז אין זייער צוזאַמענלעבן זאָל זי זיין אַ פריילאַכע און קלוגע פרוי, און זאָל ווי אַ גוטער חבר טיילן זיינע אינטערעסן און פאַרגעניגנס. (אין פאַר־געניגן האָט ער אַריינגענומען אַלץ: אינטעליגענץ, ליבע, איבערגעבענ־הייט און אַ. וו.).

ער האָט אַזוי פיל און אַזוי ערנסט געטראַכט דערפון, אַז איינ־מאָל אין אָוונט נאָך דער אַרבייט האָט ער גערעדט צו איר וועגן דעם

אין ביבליאָטעק. די זון האָט דורך די בוימער פון דעם אַלטן גאָרטן אָפּגעגילט די שוואַרץ־ברוינע רוקענס פון די ביכער. אַנעט איז געווען שטאַרק איבעראַשט. וואָס, ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו דער מאַמאַ: איז דאָס נאָך ניט געווען געענדיקט? זי האָט געזאָגט:

— אָ, מיין פריינט, ווי איידעל און גוט איר זענט! אָבער מען דאַרף דערפון ניט טראַכטן מער.

— ניין, מען דאַרף יאָ, פאַרוואָס ניט?

און ווירקלאַך, פאַרוואָס ניט? האָט אַנעט געטראַכט פאַר זיך.

— איך בין צופרידן מיט אים צו רעדן. מיר איז אָנגענעם אים צו זען. אָבער ניין, דאָס איז אוממעגלאַך! עס קען אַפילו קיין רייד ניט זיין דערפון.

פראַנק איז געזעסן אַנטקעגן איר ביים אַנדערן עק טיש. זיין בלאָנדע באָרד איז געווען איינגעטונקען אין זונען שיין. מיט זיינע ביידע הענט, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש האָט ער גענומען אַנעטס הענט און האָט געזאָגט:

— דיינקט זיך איבער פאַר אַ פינף מינוטן... אַט... איך וועל גאָר ניט זאָגן... מיר קענען זיך שוין אַזוי לאַנג... פאַר וויפיל יאָר? צוועלף... פופצען? איך האָב זיך ניט אין וואָס צו דערקלערן... אַלץ וואָס איך קען זאָגן ווייסט איר שוין.

זי האָט ניט פּראָבירט צו באַפרייען אירע הענט; זי האָט געקוקט אויף אים און געשמייכעלט. אירע קלאָרע אויגן זענען געווען אָנגעשטעלט גלייך אויף אים און דאַך האָט זי אים ניט געזען, ווייל איר בליק איז שוין געווען ווייטער פון אים. זי האָט אַריינגעקוקט אין זיך. זי האָט געטראַכט:

— קען מען וועגן דעם אַפילו ניט ריידן?... ניין, רעדן, איבערדיינקן דאַרף מען אַלע מאָל וועגן יעדער זאַך. פאַרוואָס איז דאָס אוממעגלאַך?... ער איז מיר ניט אומאָנגענעם. ער איז אַ שיינער בחור. אַן אָנציהענדער, אַ גוטער און אַ קלוגער, מיט אים וואָלט מען לייכט געקענט אויסקומען. ווי לייכט עס וואָלט געווען דאָס לעבן!... אָבער איך וואָלט ניט געקאָנט לעבן מיט אים מיט זיין לעבן. ער איז אַן אָנגענעמענער און אַלץ שטעלט אים צופרידן און איז אָנגענעם פאַר אים. אָבער ער רעספּעקטירט ניט קיין זאַך און קיינעם ניט: ניט די מענער, ניט די פרויען, ניט די ליבע און אויך ניט אַנעט... (דאָס איז

געווען זי וואָס האָט געערדט, ווייל זי האָט זיך געזען פון דרויסן) ער איז זיכער ניט קאַרג און ברייטהאַרציק אויף אַזוי ווייט ווי דאָס האַנדעלט זיך אין אײַדעלער אויפמערקזאַמקייט און געזעלשאַפט־לאַכן רעספּעקט. ער שײַנקט זיי מיר מיט אַ ברייטער האַנט. און אפשר באַהאַנדעלט ער מיך מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט... אָבער, ס'אַרא פאַלשטענדיקער סקעפּטיקער! איז דען דאָ עפּעס אַזוינס וואָס ער נעמט ערנסט? ער האָט גרויס פאַרגעניגן דערפון, וואָס עס פעלט אים פאַלשטענדיק דער גלויבן אין דער מענטשלאַכער נאַטור. ער באַמערקט און אונטערשטרייכט די שוואַכקייטן פון דער מענטש־לאַכער נאַטור מיט אַן אומאַנגענעמענער און מיטפילענדער נייגע־ריגקייט. נאָר מיר דוכט, אַז אין יענעם טאָג וואָס ער וואָלט געווען גע־צוואונגן עטוואָס אָדער אימיצן צו רעספּעקטירן, וואָלט ער זיך דער־פילט שטאַרק אַנטוישט. אַ וואוילער בחור! יאָ, דאָס לעבן מיט אים וואָלט געווען לײַכט. — אַזוי לײַכט, אַז איך וואָלט ניט געהאַט צוליב וואָס צו לעבן.

ווייטער דערפון האָט זי מער ניט פאָרמולירט אירע געדאַנקען אין ווערטער. אָבער דער געדאַנק האָט איר פאַרפאָלגט און זי האָט אָנ־גענומען אַ באַשלוס.

פראַנק האָט אַרויסגעלאָזן אירע הענט. ער האָט דערפילט אַז זיין שטרייט איז פאַרשפּילט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגע־גאַנגען צום פענסטער, און מיט די פּלייצעס צו די פענסטער־שויבן האָט ער פילאָזאָפיש פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער איז געווען הינטער אַנעט; ער האָט איר געזען זיצן באַוועגלאָז, מיט אירע הענט אויס־געשטרעקט איבערן טיש, אַט, ווי ער וואָלט נאָך געווען אַנטקעגן איר. איר שיינער בלאָנדער האַלז, אירע קײַלאַכדיקע פּלייצעס... פאַר־לוירן!... פאַרוואָס און פאַר וועמען היט זי זיך אָפּ? אפשר אַ שפּאַ־נעל נייע בריסאַט־נאַרישקייט? ניין, ער האָט געוואוסט אַז אַנעטס האַרץ איז פריי. זי איז אויך ניט אַזאַ קאַלטע. זי האָט געדאַרפט ליבן און זיין געליבט!...

אָבער מער פון אַלץ האָט זי זיך גענויטיקט אין גלויבן... זי האָט גע־מוזט גלויבן אין דעם, וואָס זי האָט געטאָן, אין דעם, וואָס זי האָט גע־וואָלט; אין דעם, וואָס זי האָט געזוכט, און געטרוימט, אין דעם, וואָס

זי איז געווען, ניט קוקענדיק אויף אלע באליידיגונגען און אנטוישונגען צו גלויבן אין זיך אליין און אין לעבן!

פראנק האט פארניכטעט דעם רעספעקט. אנעט וואלט לייכטער אריבערגעטראגן צו זיין אליין ניט רעספעקטירט, ווי צו פארלירן דעם גלויבן אין רעספעקט — דעם אייגענעם גלויבן — אין לעבן. ווייל גלויבן איז דער קוואל פון כוח און ענעריגיע. אז איר כוח, וואלט אנעט געווען גארניט. פאר איר האט א פאסיווע באציהונג צו גליק געמיינט — טויט. דער גרונדלאגער אונטערשיד צווישן מענטשן באשטייט אין דעם, וואס אייניקע זענען אקטיוו און די אנדערע זענען פאסיוו. פון אלע פארמען פון פאסיוויטעט, וואלט פאר אנעט די שווערלאכסטע געווען די פאסיוויטעט פון שכל און גייסט, וואס איז ווי פרענקס באגרינדעט און געבויט אויף דער באקוועמלאכקייט פון צווייפעל, וואס לייקענט און אנערקענט ניט מער קיין צווייפעל, נאר ניט זיך איבער מיט תאוה צו דעם גלייכגילטיקן שטראם פון גארנישקייט. זעלבסטמארד! ניין, זי זאגט זיך אפ דערפון. אבער, וואס? וואס האט זי געדיינקט ווען איר לעבן זיין? אפשר ווען טאקע איר לעבן זיין אי ניט זער גליקלאך, און אויך ניט זער פאלקאם. אפשר ווען אין איר לעבן גאר אינגאנצן אויספעלן פייער. אבער צי עס ווען פעלן, צי ניט ווען דאס דאך זיין א דראנג, א שטרעבן צו אן ענד־ציל... אומבאקאנט? בלענדענד? אפשר. עס מאכט ניט אויס! אבער א דראנג אן אמת'ער!... און אויב מיר איז באשערט צו פאלן אויפן וועג, טא לאם איך כאטש אמווייניגסטן פאלן אויף מיין אייגענעם וועג!

זי האט דערפילט אז דאס שווייגן האט זיך פארצויגן צו לאנג און פראנק איז מער ניטא ארום איר. זי האט זיך אוסיגעדרייט און האט אים דערזען. זי האט א שמייכעל געטאן, זיך אויפגעהויבן און געזאגט:

— זייט מיר מוחל, מיין פריינט, לאמיר פארבלייבן אזוי ווי מיר זענען. עס איז אזוי גוט צו זיין פריינט.

— וואלט דען ניט געווען בעסער, אנדערש?

זי האט א שאקעל געטאן מיטן קאפ:

—ניין!

—גו, האט ער געזאגט, בין איך, הייסט עס דורכגעפאלן צום דריטן מאל אויף איינעם און דעם זעלבן עקזאמן.

זי האט געלאכט און צוגייענדיק צו אים האט זי פארשיים געפרעגט:

— וואלט איר אמווייניגסטן געוואלט קריגן דאס אין וואס איך האב אייך אפגעזאגט ביים צווייטן עקזאמן? — זי האט ארויפגע־ליינט איר האנט אויף זיין האלז און אים א קוש געטאן. דער קוש איז געווען צארט. אבער קיין טעות האט מען ניט געקענט מאכן — דאס איז געווען א קוש פון א פריינט.

פראנק האט זיך ניט געגארט אין דעם.

— גוט, האט געזאגט פראנק לאמיר האפן אז אין צוואנציק יאר ארום, וועל איך זיין דערלויבט.

— ניין, האט געזאגט אנעט לאכענדיק. עס זענען פאראן גרע־ניצן פון עלטער! האט חתונה מיין פריינט. איר הארפט בלויז אויס־קלייבן. אלע פרויען ווארטן פאר אייך.

— נאר ניט איר.

— איך וועל פארבלייבן א מיידעל.

— איר וועט שוין זען, איר וועט זען, אלס שטראף וועט איר הייראטן ווען איר וועט זיין איבער פופציק.

— אבי ניט פריער.

— און דערווייל וועט איר לעבן ווי א נאנע.

— איר ווייסט גאר ניט וואס פאר א פארגעניגן דאס איז.

XXVII

אנעט האט זיך בארימט. דאס איז געווען פון די גאר קליינע פארגעניגענס. זי האט זיך גאנץ אפט געפילט געדריקט פון איר נאנען לעבן. זי האט געהערט צו יענעם מין נאנעס, פאר וועמען עס איז געווען צו שווער זיך צו באנוגענען מיט דער אויפ־זיכט פון איין מאנאסטיר, און מיט דער ליבע צו איין גאט. איר מא־נאסטיר — איז געווען איר וואוינונג אויפן פינפטן שטאק, איר גאט — דאס קינד. דאס איז געווען אי זער ווייניק, אי זער א סך. ניט דערצו איז זי געווען בארופן, גלייכצייטיק. אלע אירע טרוימען האבן

זיך געדרייט אַרום דעם. און מיט די אוצרות פון טרוימען איז זי געווען אומגעהויער רייך. אויב דער אַלטעגלאַכער לעבן איז געווען פּוריטאַניש און אָרים, האָט זי געקראָגן איר פולע באַלוינונג אין דעם פּלי פון איר פאַנטאַזיע. אין איר פאַרשטעלונג האָט קלאַנגלאַז און אַז רייבונגען געפלאָסן דער אייביקער „כשוף".

אָבער ווי אַזוי דרינגט מען אַריין צוזאַמען מיט איר אין אַלע קנייטשן און אין אַלע ווינקלען פון דער נשמה? אינערלאַכע טרוימען זענען ניט געוועבט פון ווערטער. כדי צו עפענען די נשמה פאַר אַ צווייטן, כדי זיך אַליין צו פאַרשטיין זענען נויטיק ווערטער... אָט די שווערע קלעפּיגיקע מאַסע וואָס טריקענט אויף די שפּיץ פינגער!

כדי זיך אַליין צו פאַרשטיין האָט אַנעט אָפט געפילט אַ באַדערפעניש אויסצודריקן אירע טרוימען אין ווערטער און זיי איבערדערציילן צו זיך אַליין. אָבער דאָס אַן ווייט ניט קיין פּינקטלאַכע טראַנסקריפּציע. צווישן וואָרט און טרוים איז כמעט ניטאָ קיין געמיינשאַפטליכעס. דאָס וואָרט, וואָס פאַרנעמט דעם אָרט פון טרוים איז אַפילו קיין קאָפּ ניט ענלאַך צו אים. ניט זייענדיק אימשטאַנד אויפצוכאַפּן דעם אמת'ן גייסט פון טרוים טראַכט דער מוח אויס מעשה'לאַך וואָס ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט, און נאַרן אים אָפּ וועגן דעם גרויסן טרוימען־לאַנד, אָדער דער טיפער אינערלאַכער דראַמע, וואָס קומט פאָר אין דער נשמה...

אַן אומגעהוירער פּליסיקער רוים, אַ באַוועגלאַכער טאָל, וואָס טראָגט זיך איבער אַ ברעגלאָזן טייך פון פייער, וואַסער און וואָלקענס. אַלע עלעמענטן זענען נאָך דאַן געווען אויסגעמישט און טויזענדער שטראָמען זענען געווען אַזוי צוזאַמענגעבונדן צווישן זיך ווי די האָר אויפן קאָפּ; אָבער דאָרטן איז געווען אַ קראַפט, וואָס האָט געקרויזט אָט די לאַנגע טונקעלע לאָקן וואָס זענען געווען באַשפּריצט מיט אַ שימערירענדער ליכט. דאָס איז געווען דער פיל פּנים'דיקער גייסט און זיין מחנה טרוימען געפירט פון דעם שווייגענדיקן פאַסטוך אויף דער שוואַרץ־שאָטנדיקער פאַשע פון האָפענונג: פאַרלאַנג, דער קעניג פון די וועלטן. אַ הילפלאָזע שטרעבונג האָט געטריבן די טרוימען צו דעם שטענדיקן זשעדנעם בלאָטיקן טייבעל, וואָס איז אַלע מאָל געווען גרייט זיי איינצושלינגען צי אויף אַ שטיל אייזעלעם, צי אויף אַ גראָב האַסטיקן אויפן.

אנעט האָט געפּילט דאָס פּליסן פון כשוף־טייך; זי האָט פאַר־וויקעלט און אויסגעוויקעלט אויף איר שפּינדעל דעם פאָדים פון די אַריינגעפלאָכטענע שטראָמען. זי האָט זיך אָפּגעגעבן דערצו און גע־שפּילט מיט קאַצעןֿ־אַרטיקער קראַפט. וואָס האָט זי ווייט. אַוועקגע־טראָגן... אָבער ווען די דענקונגס־קראַפט האָט פּלוצלינג דערוואַכט און האָט געוואָלט קאָנטראָלירן די שפּיל, איז איר באַלד געוואָרן קלאָר, אַז אַנעט אָפּגעריסן פון אירן אַ חלום האָט שוין געזוכט אַריינצור־דרינגען אין אַן אַנדערן און זיך פאַרטיפן אין אים. זי האָט איינפאַך געשאַפן טרוימען, זי האָט זיי געשפּינט פון די עלעמענטן פון איר דיסציפּלינירטן לעבן, פון די ערינערונגען, פון די געשטאַלטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון דער פּאָעזיע פון לעבן, וואָס זי האָט שוין דורכ־געלעבט, אָדער וואָס איז איר פאַרגעשטאַנען אפשר דורכצולעבן... און אַנעט האָט זיך אַליין געוואָלט מאַכן צו גלויבן, אַז דער גרויסער חלום האָט איר פאַרפאַלגט. און אָט איז דער חלום אַנטרינען, אָבער עס האָט זי־ניט געקימערט. זי האָט געוואוסט: אַז ווי דער חתן אין דער ביבעל, וועט דער טרוים צוריק קומען אין אַ שעה, ווען קיין לעבעדיקער מענטש וועט דערפון ניט וויסן.

וויפיל פרויען נשמות זענען דאָ אויף דער וועלט, וועמענס פאַר־באָרגענע געניאַליטעט דריקט זיך אויס, ווי אירע, אין אָט דעם אי־נערלאַכן שטראָם! ווען אימיצער וואָלט געקענט לייענען אונטער דער אויבערפלאַך וואָלט ער געקענט אין זיי געפינען טונקעלע ליידענ־שאַפטן, עקסטאַזן, און זעאונגען פון אָפּגרונטן. אָבער אַנשטאָט דעם אַלעמען, איז אַלץ וואָס אַ מענטש קען זען איז די פּינקטלאַכען מיטעל קלאַס פרוי וואָס גייט געלאַסן אָן מיט איר טעגלאַכער אַרבייט, באַ־זאָרגט ריכטיק אירע געשעפטן און איז אַ קאַלטבלוטיקע און פאַל־שטענדיקע באַלעבאָסטע איבער זיך. און ווען־ניט־ווען, אין פאַל פון נויט, ציען זיי אויף זיך אַרויף, ווי אַנעט פאַר אירע שילער און פאַר איר זון, אַן איבערמעסיק קאַלטע און מאָראַליש קלוגע מינע.

ניין, זי האָט ניט אָפּגענאַרט דאָס קינד. ער האָט געהאַט שאַרפע אויגן. ער איז געווען פעאיק צו לייענען צווישן די שורות. ווייל ער האָט אַליין אויך געוואוסט וואָס טרוימען זענען. עס זענען געווען שעהן ווען ער איז יעדן טאָג, ווי אַ קעניג פאַרבליבן איינער אַליין מיט זיינע טרוימען, איינער אַליין אין הויז. אַנעט, וואָס איז אימער געווען אומ־

פאַרזיכטיק האָט איבערגעלאָזן אין רשות פון קינד אַ צאָל ביכער וואָס זענען איר פאַרבליבן פון איר אייגענער און פון איר פאָטערס ביבליאָטעק. דאָס זיינען געווען ביכער פון פאַרשידענע מינים. פאַר יאָרן האָט זי זיך גוט צוגערירט צו זיי, ניט געהאַט די מעגלאַכקייט אפילו דורכצובלעטערן זיי. דער קליינער אינגעל האָט געהאַט דעם אויפזיכט איבער זיי. יעדן טאָג, ווען ער איז געקומען פון שול און זיין מוטער איז ניט געווען אין דער היים פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן אויף יאָגד. ער האָט געלייענט אַלץ וואָס איז אים געקומען צום האַנט. ער האָט זיך פרי אויסגעלערנט זער פלינק צו לייענען. זיין געדאַנק איז געפלויגן איבערן זומפ פון די זייטלאַך נאָכיאָגענדיק דעם אַנגעצייכענטן צוועק. זיין שול אַרבייט האָט געליטן דערפון. ער איז געווען פאַררעכענט פאַר אַ שלעכטן און צוישטרייטן שילער. וואָס האָט קיינמאָל ניט געוואוסט זיינע לעקציעס און געהאַט אַ קנאַפע באַציאונג צו זיינע פליכטן. זיינע לערער וואָלט! געווען שטאַרק איבערראַשט ווען אַט דער קליינער יעגער וואָלט זיי דערציילט, וואָס זיינע אויגן האָבן אַריינגעכאַפּט אויף די יאָגד פעלדער. ער האָט אפילו די „קלאַסיקער“ אויך אַריינגעכאַפּט אין זיין נעץ. אָבער זיי האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער רוח. יעדע זאַך וואָס ער האָט אויף אַזאַ אופן פריי אַנגעזאַמלט האָט אים געשמעקט ווי אַ שיינע פאַרבאָטענע פרוכט. עס איז דערווייל אין אַט די פלוצלינגע באַגעגענישן ניט געווען קיין זאַך וואָס האָט אים געקענט באַשמוצן, אָדער אַפילו צו ברוטאַל אויפקלערן. זיין פריילאַכער בליק האָט אומבאַשטראָפט געשוועבט איבער די געפערלאַכע ערטער, ניט אַריינפאַלענדיק אין דער נעץ פון תאוה. נאָר גליקלאַך און זאָרגלאָז האָט דאָס אינגעל געפילט ווי דער הייסער אָטעם פון לעבן שלאָגט אים גלייך אין פנים אַריין, אין וואַלד פון ביכער האָט ער איינגעאָטעמט אין זיך די וואונדערלאַכע פאַסירונגען און דעם אייביקן קאַמף פון ליבע.

ליבע! וואָס באַדייט ליבע פאַר אַ צעניאָרקן קינד? דאָס מיינט דאָס גאַנצע גליק וואָס ער פאַרמאָגט ניט, אָבער ער וועט דאָס קריגן. ער וועט דאָס זיך אַליין נעמען... ווי וועט דאָס אויסזען? מיט דער הילף פון די שטיקלאַך און ברעקלאַך וואָס ער האָט געהערט און האָט געזען פראָבירט ער צו שאַפן די פאָרשטעלונג פון ליבע. ער האָט גאָרניט געזען, און האָט אַלץ געזען. ער האָט פאַרלאַנגט יעדער זאַך. (צו זיין

געליבט איז פאר אים געווען דער אמת'ער זין און באדייטונג פון ליבע... איך האב זיך אליין ליב, און דארף אויך זיין געליבט פון אנדערע... אבער פון וועמען?") זיינע ערינערונגען האבן אים דאס ניט געקענט אנווייזן. זיי זענען געווען צו נאהענט צו אים, האט ער זיי ניט געקענט זען גוט. אין זיין עלטער איז נאך ניטא, אדער כמעט ניטא קיין פארגאנגענהייט. די געגענווארט דאס איז די איינציקע טעמא אין טויזענדער וואריאציעס.

די געגענווארט. דאס קינד הויבט אויף זיין בליק און זעט די מוטער. ביים קיילאכדיקן טיש, ביים היימלאכן ליכט פון דעם נאפט־לאמפ זיצן זיי ביידע צוזאמען. עס איז אוונט. שוין נאך דעם עסן. מארק לערנט — אדער ריכטיקער געזאגט, — וואלט באדארפט לערנען און צוגרייטן זיינע לעקציעס אויף מארגן. אנעט פאריכט א קלייד... קיינער פון זיי טראכט ניט דערפון וואס ער טוט. זיי פאר־לאזען זיך פאלשטענדיק אויף זייערע געטרייע דינער: דעם מארד און די הענט, וואס טוען פאר זיי די ארבייט מעכאניש. דער טרוים לעבט זיין אייגענעם לעבן. אנעט גיט זיך איבער דעם לויף פון איר טרוים, דאס קינד קוקט זיך צו און באאבאכטעט זי אין אירע טרוימען. און דאס איז פאר אים א פיל אינטערעסאנטער ספעקטאקל, פון די לעקציעס וואס זיינע ליפּי חזר'ן.

עס האט אויסגעזען אז מארק באמערקט גאר ניט, וואס עס טוט זיך ארום אים אין משך פון אט די יארן. ער וואלט זיכער ניט געווען אימשטאנד צו דערקלערן קיין איינציקע פון זיין מוטערס באשעפטי־גונגען. און דאך האט ער קיין איינציקע זאך ניט פארזען. דזשוליאנס ליבע. איר ליבע צו דזשוליאנען. ער האט דאס אומקלאר געשפירט. און אן אומבאוואוסטזיניקע אייפערזוכט האט אים פארשאפן אן אמת'ן פארגעניגן, עס האט זיך אים געגלוסט טאנצן, ווי א קליינינקן קאניבאל ביים פייער, ווען די מעשה איז געקומען צו איר טרויעריקן סוף. זיין מאמע איז פארבליבן זיינע. זיין אייגענטום! איז זי אים ווירקלאך געווען אזוי שטארק טייער? ערשט דאן איז זי אים געווארן אזוי טייער, ווען אימיצער אנדערש האט איר געוואלט צונעמען. ער האט געקוקט אויף איר — אויף אט די אויגן, דעם מויל, די הענט. ער האט זיך אייגענקוקט אין יעדער שטריך פון איר געזיכט. קינבער זען אמאל אין דער מינדסטער קלייניגקייט גאנצע וועלטן... (און אמאל

איז דאָס אַזוי) אַ שאָטן פון אַן אויג־דעקעל, אַ קנייטש אין אַ ליפּ פאַרוואַנדלן זיך פאַר אים אין מיסטישע און ווייטע לאַנדשאַפטן. זיי פאַרבלענדן דעם קינדס שכל. זיין בליק האָט זיך ווי אַ בין געטראָגן ארויף און אראָפּ איבערן אָפענעם מויל... די רויטע טיר... אָט פאַר־שווינדט זי אין די טיפענישן און אָט באַווייזט זי זיך ווידער. אין זיין צו נאָהענטן נאָכזוכן, און איינקוקן זיך פלעגט ער זיך פאַרגעסן אויף וואָס ער קוקט, אַז ער קוקט אויף אַ פרוי... ס'אַרא אַנגענעמענע און פאַלשטענדיקע פאַרגליווערונג פון אַלע אברים. און פלוצלינג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט דערמאָנענדיק זיך אין די מאָרגנדיקע לעקציעס, אין אַ באַליידיגטן חבר, אין אַ שלעכטן צייכן וואָס ער האָט באַקומען פון לערער און האָט באַהאַלטן פון זיין מוטער... דערנאָך איז זיין אויפ־מערקזאַמקייט ווידער פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם שימער פון לאָמפּ אין דער טונקלקייט און שטילקייט פון צימער, אין רעכטן מיטן פון דעם טומעלדיקן פּאַריז. און אים פלעגט זיך אויסווייזן אַז ער איז אַ קליינער אינזל אָדער שיפל אין מיטן ים: ער האָט געטראַכט וועגן יע־נע ברעגן צו וועלכע ער וועט צושווימען, און וועגן דעם וואָס אויפן שיף. אַן אָנגעלאָדענע מיט זיינע אוצרות, זיינע האָפנונגען... און דעם קריגס־רויב, וואָס ער וועט פאַרכאַפּן אין לעבן. צווישן די אוצרות פון זיין שיף איז געווען אריינגערעכנט זיין מוטער, אירע שיינע בלאָנדע האָר און אויסגעבויגענע ברעמען... ס'אַרא מין צושטראָם פון ליבע ער האָט מיט אַמאָל דערפילט צו איר אָט דער קליינינקער וויקינג! ער האָט איר ליב געהאַט מיט דער פאַרגעטערונג פון אַ פאַרליבטן, וואָס איז באַ־שאַנקען מיט דער מתנה פון הייליגער אומוויסענהייט. ביינאַכט איז ער געלעגן אַ וואַכעדיקער און האָט זיך צוגעהערט צו איר אָטעמען... אָט דאָס מיסטישע לעבן האָט אים באַאומרואיגט און געערגערט.

אַזוי האָבן זיי ביידע געטרוימט; נאָר זי איז שוין געווען אויפן מיטן פון אָקעאַן און איז שוין געווען צוגעוואוינט צו לאַנגע רייזעס. ווען ער האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן ארויספאָרן און יעדער זאַך איז גע־ווען ניי פאַר אים, ער האָט געזען מיט אַ שאַרפער אויג, און גאַנץ אָפט אויך ווייטער. עס האָבן ביי אים געטראָפן מאָמענטן פון דערשיטערע־דער ערנסטקייט. זיי האָבן לאַנג ניט געדויערט. ער איז געווען ענלאָך צו אַ חיה: פלוצלינג האָט זיך דער שאַרפער בליק פאַרנעבלט און ער איז שוין ניט געווען דערביי! אָבער אין יענע מאָמענטן, ווען ער איז

געווען צוגעשמידט צו זיין חבר — דער מוטער, האָט זיין נייע יונגע קראַפט פון אויפמערקזאַמקייט און ליבע זיך פאַרשלאָסן מיט איר אין אַ ברענענדיקן שווייגן, און זיין גאַנץ וועזן האָט זיך דורכגע־דרינגען מיטן דופט פון איר נשמה: ניט באַגרייפענדיק, האָט ער פאַר־געטערט די שוואַכסטע ציטערינדע באַוועגונג פון איר נשמה און ווי מיט אַ בליץ האָט ער אַנגערירט די סודות פון איר האַרצן.

באַלד אָבער פלעגט ער פאַרלירן דעם שליסעל. ער איז מער ניט געווען פעאיק צו קוקן און זען. אין אים זענען געווען צוויי וועזענס: דאָס ליכט פון אינווייניק און דער שאָטן פון דרויסן. צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון קינד פאַרגרעסערט זיך דער שאָטן און ער פאַר־דעקט דאָס ליכט. אַזוי ווי ער קלעטערט דרייסט ער זיך אויס מיט די פלייצעס צו דער זון; און מאַכט אַממערסטן דעם איינדרוק פון אַ קינד ווען ער איז דאָס אַמווייניגסטן. ווען ער וואַקסט אויס איז זיין בליק באַגרעניצט, די יאָרן מאַכן אים קורצזיכטיק. פאָרן מאָמענט האָט נאָך מאַרק געניאָסן דעם פאַרגעניגן פון דעם ווייט דורכדרינגענדן זען, אויף וואָס ער איז געווען פאַלקאָם אומבאַוואוסטזיניק. ער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי נאָהנט צו אַנעט; און עס וועלן אוועקגיין יאָרן ביז וואַנען ער וועט נאָך אַמאָל זיין אַזוי נאָהענט צו איר.

צום סוף פון אָט דעם פעריאָד איז די ליבע, וואָס זי האָט דער־וועקט אין אים געוואָרן שטאַרקער פון זיין מיסטרויען. ער האָט זיך מער ניט געוועדט געגן דעם אימפּולס, וואָס האָט אים מיט אַמאָל אַריינגעוואָרפן אין זיין מוטערס אָרעמס. אַנעט האָט מיט אַ ציטער פון טריאומף אַנטדעקט, אַז איר קינד האָט איר ליב. ווייל זי האָט שוין געהאַט אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען אויף דעם.

עס זענען פאַריבער עטלאַכע מאָנאַטן אין אַזאַ באַצויבערינדער פרייד, ווי די ערשטע צייט פון אַ גליקלאַכער ערשטער ליבע. דער האָניג חודש פון פאַראייניגונג פון דער מוטער מיטן קינד. די אַנטציי־קענדע ריינקייט פון אָט דער ליבע, תאווה'דיק ווי יעדער אַנדער ליבע; אָבער תאווה'דיק אָן זינד, אַ לעבעדיקע רויז.

XXVIII

עס איז פאַריבער. עס איז פאַריבער די איינציקע אומפאַרגלייכ־לאַכע שעה. זיי זענען פאַריבער אָט די יאָרן פון אינטימער נאָהענט־קייט, שטרענגער דיסציפּלין און פאַרפולטן איינגעשלאָסענעם לעבן... אָט די רייכע יאָרן... אַנעט־איז דער עכטער בליאונג פון אירע כוחות איז געווען פול מיט ענערגיע און פרישקייט. און די קליינע יוניווערן פון קינד האָט פּרעכטיק געבליט.

אָבער אַ קוים באַמערקבאַרער שוואַכער ציטער פון ווינט אין דער לופט איז גענוג כדי צו צושטערן די האַרמאָניע פון נשמות. איז דען די טיר פאַרשלאָסן?

XXIX

איינמאָל זונטיק אין דער פרי איז אַנעט געזעסן איינע אַליין אין הויז. מאַרק האָט געשפּילט מיט אַ חבר אין באַל אין לוקסענבורגער גאָרטן. אַנעט האָט גאָרנישט געטאָן. זי האָט זיך באמת געפרייט וואָס זי קען זיך אָפּרוען, זיין באַוועגלאָז, ניט רעדן. זי איז געזעסן אין איר פאָטערשטול: דער שטראָם פון אירע געדאַנקען האָט גע־פאָלגט זיינע פאַרדרייטע וועגן. אַביסעל שטייף פון מידקייט האָט זי זיך געלאָזן שווימען. אימיצער האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט גע־צווייפלט צי זי זאָל עפענען אָדער ניט. עס האָט זיך איר ניט גע־וואָלט זיין געשטערט אין אָט דער שטילער שטונדע. זי האָט זיך ניט גערירט. מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט און דערנאָך האָט מען שטאַרק אָנגעקלינגען. זי האָט זיך ניט ווילענדיק אויפגעהויבן און האָט געעפענט די טיר... סילוויע! זיי האָבן זיך שוין ניט געזען פאַר מאָ־נאַטן און מאָנאַטן. ביי אַנעט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ פריידיקע באַ־וועגונג אויף וועלכער סילוויע האָט זיך האַרציק אָפּגערופן. אָבער גלייך האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זייערע אַלטע חשבונות, פאַרדרוסן, באַליידיגונגען, אין זייערע אָנגעצויגענע באַציאונגען און ביידע האָבן זיך דערפילט אין אַ פאַרלעגנהייט.

זיי האָבן זיך אומגעביטן מיט אַ פּאָר העפלאַכע פראַגן, זיך פאַר־נאַנדערגעפרעגט וואָס מען מאַכט און געזונט. זיי האָבן גערערט

צווישן זיך אין אַ פֿאַמיליאַרן טאָן. סיי די פֿראַגן, סיי די אַנטוואָרטען, סיי די פֿאָרמע פֿון רעדן זיינען געווען די אַלטע גוט באַקאַנטע. אָבער מיט די הערצער זענען זיי פֿאַרבליבן קאַלט און ווייט. אַנעט האָט גע־טראַכט „נאָך וואָס איז זי געקומען?‟ און סילוויע, אויב זי האָט גע־וואוסט נאָך וואָס זי איז געקומען, האָט זיך ניט געאיילט דאָס צו זאָגן. פֿלוידערענדיק וועגן פֿאַרשידענע זאַכן, האָט זי אויסגעזען צו זיין באַ־זאָרגט פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם געדאַנק, וואָס זי האָט זיך געמיט ניט אַרויסצוזאָגן. כאָטש עס איז געווען זער נויטיק אָט דעם געדאַנק יאָ אַרויסצוזאָגן. און פּלוצלינג האָט זי אַנטשלאָסן געזאָגט:

— אַנעט, לאָמיר מאַכן אַ סוף דערצו. עס זענען געמאַכט געוואָרן טעותן פֿון ביידע זייטן.

אַנעט, אין איר שטאָלץ האָט ניט געקענט צוגעבן, אַז עס זענען געמאַכט געוואָרן טעותן פֿון איר זייט. טיף איבערצייגט אין דעם, אַז זי איז גערעכט האָט זי ניט געקענט פֿאַרגעסן די אומגערעכטיגקייט וואָס איז געגן איר באַגאַנגען געוואָרן און זי האָט געזאָגט:

— עס זענען ניט געווען קיינע טעותן פֿון מיין זייט.

סילוויע האָט ניט ליב געהאַט צו זיין אַנטקעגן די, וואָס האָבן איר ניט געענטפֿערט מיט דעם זעלבן. און אַ באַליידיגטע האָט זי גע־זאָגט:

— ווען אַ מענטש באַגייט טעותן מעג ער אַמווייניגסטן כאָטש האָבן דעם מוט דאָס צו אַנערקענען.

— איך אַנערקען דיינע, האָט אַנעט פֿאַר'עקשנ'ט געענטפֿערט.

סילוויע איז געוואָרן אין כעס און האָט פֿאַרגוואָרפֿן אַנעט אַלע אירע אַלטע זינד. אַנעט האָט גדלותדיק געענטפֿערט. זיי זענען געווען גרייט אַריינצוזאָגן איינע די אַנדערע די ביטערסטע אמתן. סילוויע האָט זיך אומגעדולדיק אויפֿגעהויבן גרייט אַוועקצוגיין. אָבער זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט זאָגנדיק:

— נאַרישע קאָפּ, מען קען איר גאָר ניט איבערצייגן, אַז זי איז געווען אומגערעכט!

— ווען דאָס איז דאָך פּאָרט ניט אמת! האָט אַנעט געזאָגט ניט בויגענדיק זיך אויף אַ האָר.

— אַמווייניגסטן, אויס העפֿלאַכקייט מאַך מיך ניט פֿאַר דער

איינציקער שולדיקער, פאַר דער איינציקער וואָס איז באַגאַנגען נאַ־ רישקייטן! זיי האָבן זיך צולאַכט.

זיי האָבן איצט געקוקט איינע אויף די אַנדערע מיט ווייך גע־ וואָרענע ווינקענדיקע אויגן. סילוויע האָט זיך פאַרקרימט פאַר אַנעט און אַנעט האָט איר אונטערגעווינקן. נאָר זיי האָבן נאָך ניט אָוועק־ געלייגט דאָס געווער.

— פוקס, האָט געזאָגט סילוויע.

— איך גיב דאָס ניט צו, האָט געענטפערט אַנעט.

— דו ביסט געווען די, וואָס — ...

— גוט, לאָמיר ניט אָנהויבן פון אָנהויב. הער זיך איין, איך וועל זיין אָפּענהערציק: גערעכט אָדער אומגערעכט, וואָלט איך ניט געקומען אַהער אויף מיין אייגענער איניציאַטיווע, ווייל איך קען אויך ניט פאַרגעסן...

ניט קוקענדיק אויף דעם, וואָס זי האָט נאָר וואָס אַליין געזאָגט, האָט זי פונדעסטוועגן דאָך אָנגעהויבן פון אָנהויב. האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט מיט אַ געמישטן געפיל פון פאַרביטערטקייט און הומאָר האָט זי דערמאָנט, אַז אַנעט האָט געוואָלט פאַרדרייען די קאָפּ איר מאַן. אַנעט האָט געדריקט מיט די פּלייצעס.

— אַלענפאַלס, האָט סילוויע פאַרענדיקט, קענסטו זיין זיכער, אַז ווען עס וואָלט זיך האַנדלען אין מיר אַליין וואָלט איך ניט געקומען.

— אַנעט האָט איר נייגעריק אָנגעקוקט.

איר שוועסטער האָט געזאָגט:

—דאָס האָט אָדעט מיך געשיקט.

— אָדעט?

— יאָ, זי האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס מען זעט מער קיינמאָל ניט ביי אונז די מומע אַנעט.

— ווירקלאַך? זי האָט געטראַכט וועגן מיר? האָט אַנעט גע־ פרעגט ערשטוינט. ווער האָט איר דערמאָנט וועגן מיר?

— איך ווייס ניט. זי האָט געזען דיין בילד ביי מיר און אויסער דעם האָסטו געמוזט מאַכן אויף איר אַן איינדרוק, ווען זי האָט דיך באַגעגנט. איך ווייס ניט וואו, אין גאַס, אָדער ביי דיר אין הויז אפשר... אינטריגאַנטן! דו מאַכסט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט דיר

גאר קיין זאך ניט אנגעגאנגען! אבער דו ווייסט זער גוט אז שטילענ־קערהייט גנב'עסטו אוועק הערצער ביי מענטשן.

(זי האט בלויז אויף האלב געשפאסט).

אנעט האט זיך דערמאנט אין אט דער באגעגעניש. זי האט זיך דערמאנט אין דעם קליינינקן צארטן קערפערל וואס זי האט אויפ־געהויבן אין דער לופטן און אין דעם קליינעם דומפטיקן מיילכעל וואס האט זיך צוגעדריקט צו איר באק. סילוויע האט פארטגעזעצט:

— איך האב איר געזאגט, אז מיר האבן זיך צוקריגט.

— פארוואס? האט זי געפרעגט, האב איך איר געענטפערט:

— טשעפע זיך אפ!

היינט אין דער פרי, ווען איך בין אריינגעקומען איר א קוש טאן, האט זי געזאגט צו מיר:

— מאמא, איך וואלט וועלן, אז דו זאלסט ניט זיין ברוגז מיט דער מומע אנעט.

— לאז מיך צו רו, האב איך איר געענטפערט. אבער זי איז געווען אזוי אומגליקלאך. האב איך איר א קוש געטאן און געפרעגט:

— אזוי שטארק האסטו ליב דיין מומע?

— וואס פאר אן אונטערשיד איז עס פאר דיר? האסטו געהערט ס'ארא איינפאל?

— גוט, אויב עס איז דיר אזוי שטארק נוגע, וועל איך מער ניט זיין ברוגז מיט איר. זי האט אנגעהויבן פאטשן מיט די הענטלאך און האט געפרעגט:

— ווען וועט זי קומען?

— ווען זי וועט וועלן, האב איך געענטפערט.

— ניין, איך וויל אז דו זאלסט גלייך צוגיין צו איר און איר בע־טען קומען... בין איך געגאנגען... אט די קליינע שטיפערקע טוט מיט מיר וואס זי וויל... איצט מוזטו קומען. מיר ערווארטן דיך פאר מיטאק.

אנעט האט אראפגעלאזן די אויגן און האט ניט געענטפערט ניט יא, ניט ניין.

אז אויפגעבראכטע, האט סילוויע געזאגט:

— איך האף, אז דו וועסט ניט האבן קיין הארץ מיך צווינגען דיך צו בעטן!

— ניין, האט אנעט געענטפערט, אויפהויבענדיק אירע שיינענדיגע

אוינגן, וואָס זיינען געווען פול מיט טרערן. זיי האָבן זיך לײַדנשאַפט־לאַך, האַלב מיט רוגן האַלב מיט ליבע, אַרומגענומען. סילוויע האָט אַ בים געטאָן אַנעט אין אויער. אַנעט האָט אויסגעשריען:

— אַזוי בייסטו זיך גאָר איצט! דאָס וואָלט איך גאָר באַדאַרפט טאָן, ווען דו האָסט אַ נאָמן געגעבן ווילדע. אָבער צום סוף טוסטו עס גאָר? ביזטו בײַזן?

— יאָ, איך בין, האָט געענטפערט סילוויע. און ווי קענסטו גאָר דערוואַרטן אַז איך זאָל דיך ניט האַסן? אַז דו רויבסט פון מיר אַלץ וואָס איך פאַרמאָג: מײַן מאַן און מײַן טאָכטער...

אַנעט האָט אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

— האַלט זיך דיר מיט דײַן מאַן, איך דאַרף אים ניט.

— איך אויך ניט, האָט באַמערקט סילוויע. נאָר ער איז מײַנער און איך וועל קײנעם ניט דערלויבן זיך צורירן צו אים.

— פאַרוואָס זאָלסטו ניט אויפהייגגן אויף אים קיין שילד?

— מען וואָלט באַדאַרפט אויפהענגגן דעם שילד אויף דיר, פאַר־זעעניש!... וואָס אַזוינס, האָבן זיי דערזען אויף דיר, וואָס עס ציט זיי אַזוי אָלעמען צו דיר? זיי זענען אַלע פאַרליבט אין דיר.

— עס הויבט זיך אַפילו ניט אָן.

— יאָ, אַלע! אַדעט, און אַט דער נאָר לעאָפּאָלד... אַלע!... איך אויך!... איך האָס דיך, און וואָלט וועלן זיך אָפּטשעפּן פון דיר. אָבער איך קען דאָס ניט טאָן, ניטאָ קיין וועג זיך אָפּצוטרייסלען פון דיר!

זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר די הענט געלאַכט און זיך אָנגע־קוקט מיט ליבשאַפט.

— אַלטעטשקע מײַנע.

— האָסט געטראָפן ניט אין ברעם, נאָר גלײַך אין אויג.

און ווירקלאַך ביידע האָבן זיך פאַרעלטערט. און ביידע האָבן דאָס באַמערקט. סילוויע האָט באַוויזן אַ פאַלשן צאָן וואָס זי האָט זיך אַריינגעשטעלט ניט זאָגנדיק קײנעם אַ וואָרט וועגן דעם. און אויף אַנעטס שלייפן האָבן זיך באַוויזן גרויע האָר, וועלכע זי האָט ניט באַהאַלטן. „דו ביזט אַן אמת'ע קאָקעטקע". ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. און ווער וואָלט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז ווען ניט די קליינע מיידע־לע וואָלטן זיי זיך קיינמאָל ניט געזען!

אין יענעם אָוונט זענען אַנעט מיט מאַרקן געקומען צו מיטאָג. אַדעט האָט זיך באַהאַלטן... זיי האָבן איר ניט געקענט געפינען. אַנעט האָט זיך אַרויסגעלאָזט איר זוכן און האָט זי געפונען הינטער אַ פּאַרהאַנג. אַנעט האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר, און צוזעענדיק זיך אויף די שפּיץ פינגער האָט זי אויסגעשטרעקט צום קינד אירע אָרעמס און געמורמלט צו איר צערטלאַכע ווערטער. צוערשט האָט זיך אַדעט אָפּגעקערעוועט פון איר און האָט בשום אופן ניט געוואָלט קוקן אויף איר, דערנאָך האָט זי זיך האַסטיק אַרויפגעוואָרפן אַנעט אויפן האַלז. ביים טיש, וואו זי האָט געהאַט דאָס גליק צו זיצן אַרום איר מומע האָט זי גאָר ניט געגעסן. אַזוי שטאַרק האָט איר אויפגעטרייסעלט דאָס וואָס האָט פּאַסירט. זי האָט זיך אַביסעל באַרואיגט ערשט צום סוף פון מיטאָג. זיי האָבן געמרונקן פאַר זייער באַנייטער פריינטשאַפט און אין אַ שפּאָס האָט לעאָפּאָלד פאַרגעשלאָגן אַ טאָסט פאַר דער צוקונפטיקער הייראַט פון מאַרקן מיט אַדעט. מאַרק האָט געצילט העכער און איז געווען באַליידיגט דערפון, אָבער אַדעט האָט עס גענומען ערענסט.

נאָך מיטאָג האָבן די קינדער זיך פּראָבירט צו שפּילן צוזאַמען. אָבער עס איז ביי זיי גאָר ניט אַרויסגעקומען: מאַרק האָט זיך געהאַלטן גרויס, און אַדעט האָט זיך געפילט באַליידיגט. די עלטערן שמועסענדיק, האָבן אינגיכן דערהערט אַ טומעל, צוזאַמען מיט אַ געשלעג און טרערן. מען האָט געמוזט די קינדער צונעמען. ביידע האָבן זיך אָנגעבלאָזן. אַדעט איז געווען דערשעפּט און נערוועז פון די איבערלעבונגען פון טאָג און האָט געדאַרפט גיין שלאָפן, נאָר זי האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן. אַנעט האָט פאָרגעשלאָגן צו טראָגן איר אויף די הענט צום בעטעלע — אַדעט האָט זיך באַרואיגט און דערלויבט. אַנעט האָט איר אויסגעטאָן, איר אַריינגעלייגט אין בעטעלע, און איינדעקענדיק איר האָט זי געקושט אירע גראַבינקע פיסעלאַך. אַדעט איז גאָר געווען אַנטציקט. אַנעט איז פאַרבליבן אַרום איר ביז זי איז איינגעשלאָפן. (וואָס האָט איר גאָר ניט לאַנג גענומען). ווען זי האָט זיך אומגעקערט צוריק אין זאַל האָט זי געפונען מאַרקן אויף סילוויעס קני.

— לאָמיר זיך בייטן, — האָט זי געזאָגט צו איר שוועסטער, — ווילסטו?

— גייט עס! — האָט געענטפערט סילוויע.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי וואָלטן קיינמאָל און בשום אופן זיך ניט געביטן. מען מעגלאַך, אַז מאַרק וואָלט זיך ווירקלאַך בעסער געפּאַסט פאַר סילוויען, און אַדעט פאַר אַנעט. נאָר פאַרביידן וואָלט דאָס אָבער ניט געווען „איר אייגענס“.

די קינדער האָבן אַ סך גרינגער איינגעשטימט אויף אַ בייט. זיי האָבן געהערט רעדן וועגן דעם איז אַ שפּאַס, און ביידע האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין דער אידעע פון בייט און באַשטאַנען אויף איר. כדי זיי צוליב טאָן האָבן די מוטערס אָפּגעמאַכט, אַז שבת אָוונט וועלן זיי זיך בייטן מיט די קינדער. אַדעט וועט פאַרברענגען די שבת'דיקע נאַכט און דעם זונטעדיקן טאָג ביי אַנעט און מאַרק ביי סילוויען. זונטיק ביינאַכט האָט מען זיך אָפּגעביטן, און די קינדער האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע אמת רעכטלאַכע אייגנטימער. די מומעס האָבן ביידע אומברחמנות'דיק געפּעסטשעט און צולאָזן די קינדער. אַזוי, אַז ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַ היים זענען זיי געווען באמת שלעכט און קאַפּריזנע. די צאַרטסטע געפילן זייערע האָבן זיי געהיט פאַר זייערע זונטיקדיקע מוטערס.

אַדעט האָט באַצויבערט אַנעט מיט אירע ליבע מאַנערען, מיט איר צוטרויליכקייט, און מיט איר ענדלאָזן פּלוידערן, ווייל דאָס אַלעס האָט אויסגעפעלט אַנעט. מאַרק האָט געצירשנט דער מוטערס ליידנשאַפטלאַכן טעמפּעראַמענט, אָבער ער האָט פיל בעסער פון איר זיך געקענט קאָנטראָלירן. ער האָט ניט אָנערקענט קיין איבעריקע צערטלאַכקייטן און פאַרטרויליכקייטן, ספּעציעל צו נאָהענטע מענטשן, וואָס האָבן ליכט געקענט מיסברויכן זיין פאַרטרויליכקייט; מיט פרעמדע איז דאָס שוין געווען ניט אַזוי געפערלאַך, ווייל זיי האָבן סיי ווי סיי גאָר ניט פאַרשטאַנען. אַדעט, ווי סילוויע האָט זיך געקענט מאַכן באַליבט מיט איר צאַרטקייט און מילדקייט, אָבער זי האָט ווירקלאַך געהאַט אַ גוט האַרץ. זי האָט אַרויסגעזאָגט אין דער הויך דאָס וואָס אַנעט האָט אַזוי שטאַרק געגאַרט צו הערען. ווען די קליינע ביטרע באַשעפעניש האָט דאָס דערשמעקט, האָט זי פאַרצווייפאַלט די דאָזע. זי האָט דערוועקט אין אַנעט אַן אָפּקלאַנג פון אירע אייגענע קינדערשע געדאַנקען. אַלענפאַלס האָט זיך איר דאָס אויסגעדוכט. און טאַקע צוליב דעם האָט זי נאָך שטאַרקער ליב געהאַט דאָס מיידעלע. צוהערענדיק זיך צו איר האָט זי געטרוימט וועגן אירע אייגענע קינדערשע יאָרן, און האָט זיי אומ־

באוואוסטזיניק אונטערגעפּאַלשט, ווייל זי האָט אַריינגעלייגט אין זיי די קלאָרקייט פון אירע איצטיקע געדאַנקען.

אַט די געבענשטע זונטיקדיקע פרימאָרגנס! דאָס קליינע מיידעלע ליגט אין דער גרויסער בעט. (עס איז געווען פאַר איר אַן אמת'ער יום טוב צו פאַרברענגען די גאַנצע נאַכט איינגענורעט אין דער מוטערס אָרעמס, וואָס האָט זיך באַצויגן צו איר בריקן מיט די פּיסלאַך ווי צו אַ פאַרשטענדלאַכער און פאַרדינטער זאַך; דער צו האָט זי נאָך פאַר־האַלטן דעם אָטעם, כדי איר ניט אויפוועקן). ווען אַנעט האָט זיך אָנ־געטאָן האָט אָדעט זיך צוגעקוקט דערצו, און דערביי ניט אויפגעהערט צו פּלאַפּלען ווי אַ שוואַלב. קריגענדיק די בעט אין איר פולן באַזיץ האָט זי זיך אויסגעצויגן אויף איר אין דער ברייט און ווי נאָר אַנעט האָט זיך אויסגעדרייט צו איר מיט די פּלייצעס, האָט זי אויפגעהויבן דאָרטן דעם אמת'ן געוועדער. אַנעט פאַרקאָמענדיק אירע האָר פאַרן שפּיגל, האָט געזען דאָרטן די אָפּשפּיגלונג פון די באָרוועסע פּיסלאַך, וואָס האָבן זיך געוויגט אין דער לופטן און דאָס צושורפּעטע ברוינע קעפּל. זי האָט געלאַכט. אָבער דאָס אַלעס האָט ניט געשטערט דער מיידעלע נאָכ־פּאָלגן יעדער באַוועגונג אירער און מאַכן קאָמישע באַמערקונגען אין באַ־צוג צו איר טואַלעט. פון צייט צו צייט האָבן זיך אין איר פּלאַפּלען אַריינ־געריסן אַזוינע אומדערוואַרטעטע ערענסטע טענער, אַז אַנעט האָט אָנ־געשטעלט די אויערן:

— וואָס האָסטו געזאָגט? ווידערהאָל!

דאָס מיידעלע האָט ניט געדיינקט. נאָר גלייך האָט זי אויסגע־טראַכט עפּעס אַנדערש, גאָר ניט ענלאַך דערצו, וואָס זי האָט נאָר וואָס געזאָגט. אַמאָל פּלעגט איר באַפּאַלן אַ צושטראָם פון צערטלאַכקייט.

— טאַנטע אַנעט! טאַנטע אַנעט!

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב דיך ליב... אַך, גאָט אין הימעל, ווי איך האָב דיך ליב!

אַנעט האָט געלאַכט, אַזוי פיל ענערגיע האָט זי אַריינגעלייגט אין אָט די ווערטער.

— עס קען ניט זיין!

— איך האָב דיך ליב ביז צו משוגעת!

זי איז געווען א געבוירענע ארטיסטקע (נאר דאס האט איר ניט געשטערט צו זיין אויפריכטיק).

— און איך האב דיך ליב אן א ברעקל משוגעת! און דאס איז א סך בעסער.

— טאנטע אנעט! איך וויל דיך א קוש טאן!...

— ווארט א ווײלע.

— ניין, איך וויל ניט. קום אהער!

— באלד.

זי האט רואיק פארטגעזעצט איר טואלעט.

אדעט האט זיך אן אנגעבלאזענע איבערגעקערט אין בעט און האט צוזווארפן דאס בעטגעוואנט אין אלע זייטן.

— א, דו הארצלאזע פרוי!

אנעט האט מיט א געלעכטער ארויסגעלאזן דעם קאם פון איר האנט און איז צוגעלאפן צו איר.

— וואס האסטו געזאגט, מאלפע! וואו האסטו זיך דאס אויסגע־לערנט?

אדעט האט איר באשאטן מיט ווילדע קושן

— דו וועסט מיך דערשטיקן! זע, אט זענען זיך צוריק צופאלן מיינע האר... מיר וועט זיך היינט ניט איינגעבן צו אנטאן... טשעפע זיך אפ פון מיר, פארזעהעניש...

דער מיידעלעס שטים האט געציטערט. זי איז זיך גרייט געווען צו צעוויינען.

— טאנטע אנעט... האב מיך ליב! דו דארפסט מיך ליב האבן... איך בעט דיך — האב מיך ליב!...

אנעט האט איר גענומען אויף די הענט.

— א, האט אדעט געזאגט פאטעטיש: — איך בין גרייט צו שטארבן פאר דיר!

דאס איז געווען א פראזע פון א צייטונגס ראמאן, וואס איז פאר־געלעזען געווארן אין ווארשטאט אין איר אנוועזענהייט.

ווען מארקן איז אמאל אויסגעקומען בייוואוינען אזוינע סצענעס, פלעגט ער זיך אן אנגעבלאזענער אפקערעווען פון זיי מיט גאוה. מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט אויפגעהויבענע אקסלען פלעגט ער

אוועקגיין מיט אַ מינע פון אַ העכערן ער האָט געהאַסט דאָס פּלוידערן און די פּרוּיעז סענטימענטאַליטעט, וואָס האָט אַלץ אויסדערציילט.

— פּרוּיען זענען אומגעלומפּערט... האָט ער אַמאָל געזאָגט צו זיינעם אַ קליינעם חבר.

טיף אין דער נשמה האָט אים פאַרדראָסן דאָס, וואָס זיין מוטער צערטעלט אַזוי אָדעט. ער אַליין האָט טאַקע פאַרשטויסן איר צערט־לאַכקייט, אָדער אַז אימיצער אַנדערש זאָל דאָס געניסן איז אים געווען אומאַנגענעם.

אמת, אַז מיט דער הילף פון דער מומע האָט ער געקענט נקמה נעמען פון איר; כדי באַשטראָפן זיין אומדאַנקבאַרע מאַמע איז ער געווען צען מאָל בעסער צו סילוויען, ווי צו איר. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ער האָט זיך אַנטוישט אין סילוויען, כאָטש זי האָט אים אַזוי גע־פּעסטשעט. סילוויע האָט אים באַהאַנדעלט ווי אַ קליין קינד, ער האָט דאָס ניט געקענט פאַרטראָגן. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס זי האָט גע־מיינט, אַז זי פאַרשאַפט אים פאַרגעניגן דערמיט וואָס זי האָט אים יעדען זונטיק גענומען אין דער קאָנדיטעריי. זיכער איז ער ניט געווען גלייכגילטיק צו די אַלע גוטע זאַכן דאָרטן, אָבער עס איז אים שטאַרק ניט אָנגעשטאַנען אַז אימיצער זאָל אים חושד זיין, אַז נאַשעריי איז פאַר אים אַזוי וויכטיק. אויסער דעם האָט ער געפילט, אַז די מומע רעכענט זיך גאָר ניט מיט אים. און שטערט זיך ווייניק וואָס מיט זיין אַנוועזנהייט. דאָס האָט אָפּט באַפרידיקט זיין נייגעריגקייט, אָבער דערביי האָט שטאַרק געליטן זיין זעלבסט ווירדע און זיין זעלבסט ליבע. ער האָט באַמערקט דעם אונטערשייד. ער וואָלט געוואָלט, אַז סילוויע זאָל זיין אָפענהערציק מיט אים, ווי מיט אַ מאַן, אַ חבר און ניט ווי מיט אַ קינד און נאָך אַלעמען... האָט ער זיך זער ניט גערן מודה געווען אין דעם פאַר זיך אַליין, אַז ביי אַ נעהענטערער באַקאַנטשאַפט מיט איר האָט ער פאַרלוירן זיינע אילוזיעס. די נאַכלעסיגע מיידעל האָט אויף קיין איינציקן מאָמענט ניט פאַרדעכטיגט דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם ריינעם און באַאומרוהיגטן מוח פון דעם צען יאָריקן אינגעל, וועגן דעם כשוף געשטאַלט פון דער פרוי, וואָס ער האָט פאַר זיך באַשאַפן און דעם ווייטאָק פון זיינע ערשטע אַנטוישונגען. סילוויע האָט זיך אויף אַזוי פיל קאָנטראָלירט אין זיין אַנוועזנהייט, אויף וויפיל זי וואָלט דאָס געטאָן אין דער אַנוועזנהייט פון אַ הויז חיה. (אייגענטלאך האָבן

מיר קיין רעכט ניט צו באהויפטן, אז הויז חיות זענען אפט ניט שא־קירט פון אונזער האנדלונגן און ווערטער). אלס רעזולטאט פון צו־שטערטע איליוזיעס און געפאלענע געטער האבן זיך אין אים צו פרי אנטוויקעלט אייניקע נאאיוו־צינישע אידעען וועגן וועלכע עס איז ניט כדי צופיל צו רעדן... ער איז געקראכן פו זדער הויט צו שפילן די ראלע (בלויז פאר סילוויען אויף קיין אנדערע האט ער דערוויילע ניט געקוקט) פון א מענטשן וואס האט זיך איבערזעטיגט מיטן לעבן. און צו דער זעלבער צייט האט ער מיט אלע זיינע בלינדע און דורשטיק־אומשולדיקע געפילן איינגעאטעמט אין זיך דעם אומפארשטענדלאכן כשוף, צוזאמען מיט דער חיהשקייט פון דעם פרויען וועזן, אים האט געצויגן צו איר, און צו דערזעלבער צייט איז זי אים געווען אביסל דערווידער.

צוציען... און אפשטויסן... דאס איז באקאנט יעדן אמת'ן מאן! אין דעם דערמאנטן פעריאד פון זיין לעבן, איז פון אט די צוויי געפילן דער דאמאנירענדער סענטימענט אין מארקן געווען דער אפשטויסענ־דער. אבער אפילו אין דעם עקעל, איז געווען אזוי פיל אנציענדעס. אז די קינדער פון זיין עלטער מיט זייערע געפילן צוזאמען מיט אלע אנדערע סענטימענטן האבן אנגעווארן פאר אים יעדן זין. צו דער קליינער ארעט האט ער זיך באצויגן מיט פאראכטונג און איר בא־טראכט פאר נידריקער פון זיך.

אין דער ווירקלאכקייט איז זי געווען נאך גאר א קליינע מיי־דעלע. און דאך, ווי מאדנע דאס זאל ניט קלינגען, שוין — א פרוי. ניט קוקענדיק דארויף וואס די טעאריעס פון די לייטענדע פעדאגאגן צו־טיילן די קינדהייט אויף שטרענג פאנאנדערגעטיילטע און אומפאר־גלייכבארע פעריאדן טראגט שוין דאס קינד אין זיך פון דער פריסטער קינדהייט אן אלע קערענדלאך דערפון וואס ער איז און וועט זיין. די צווייענדיגקייט פון דעם „זיין" סיי אין דער געגענווארט, סיי אין דער־צוקונפט (שוין ניט רעדענדיק וועגן דער אומגעהויערער און אומ־דורכדרינגלאכער פארגאנגענהייט, וואס איז די באפוילערין פוןביידן). כדי בלויז צו כאפן א פארבייגייענדן בליק אויף אט דעם אלעמען מוז מען האבן די אויגן ברייט אפן, ווייל אין דער טונקעלקייט פון פרי־מארגן מערקט זיך בלויז א שוואכער אפשיין דערפון.

אט דער אפשיין איז געווען א סך בולטער אין אדעט, ווי אין אנדערע קינדער. א רייפע פרוכט. זער א געזונטע קינד פיזיש, האט זי געטראגן אין זיך א גאנצע וועלט פון ליידענשאפטן. וואס איז געווען צו גרויס פאר איר. פון וואנען האבן זיי זיך גענומען? זיי האבן געשטאמט פון א קוואל וואס איז געלעגן אונטער אנעט און סילוויען. אנעט האט זיך געדוכט, אז קוקענדיק אויף אדעט לעבט זי אויפדאסניי איבער איר קינדהייט. אבער דאס איז געווען א טעות... אין אירע יארן איז זי געווען א סך ווייניקער אנטוויקעלט... באאבאכטענדק אדעט האט זי זיך ערינערט אין אירע קינדערשע געפילן אבער זי האט זיך פארגעסן דערביי, אז איבערגעלעבט האט זי אט די געפילן א סך שפעטער, ערשט צו פערצן־פופצן יאר, און ניט צו זיבן.

אדעט האט דערמאנט אין א פויגעל־הויז, וואס איז פול און פיל מיט דעם רעש פון פיבעריש־ציטערינדע פליגלן. אומזיכטבארע קליינינקע אמורן האבן זיך געטראגן איבער איר און האבן איבער געלאזן נאך זיך שוועבענדע פאסן פון ליכט און שאטן. אט איז זי געווען מיל־ און זאנפט, און אט איז זי געווארן היסטעריש; אפט האט איר ארומגעכאפט א מידקייט און א גלייכגילטיגקייט צו אלץ און אלעמען; און פלוצלינג — אן א פארוואס — א ווארט אדער א זשעסט וואס זי האט אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם אופן, און זי האט זיך ווידער געפילט גליקלאך, אזוי גליקלאך... איבערגליקלאך, שכור פור גליק, ווי א דראסל וואס האט זיך שטארק אנגעגעסן מיט ווייטרויבן. פלעגט זי אנהויבן פלוידערן, און מיט אמאל פלעגט זי גאר פארשווינדן, און קיינער האט ניט געוואוסט וואוהין זי איז אהינגעקומען. מען פלעגט איר געפינען ערגעץ וואו אין א ווינקעל. און אין איר באהאלטעניש האט זי איבערגעלעבט א פארבארגן גליק, וואס זי אליין האט ניט באגריפן. די מחנות פויגעל אין איר נשמה האבן בליץ שנעל געפאלגט איינע נאך איינע.

מען קען קיינמאל ניט וויסן אויף ווי וויט קינדער זענען אויפריכטיק אין זייערע איבערלעבונגען. אזוי ווי זייערע געפילן און איבערלעבונגען קומען צו זיי פון א סך א ווייטערער ווייטקייט אין דער פארגאנגענהייט ווי זיי אליין, זענען די קינדער צוערשט אליין דערשטוינט זיי בייצוואוינען, דערנאך ווערן זיי אקטיארן וואס עקספערימענטירן

ווייל זיי שפּילן זיך מיט זיי. אַט די קראַפט פון אומבאַוואוסטזיניקער צוטיילונג פון זייערע געפילן איז אַן אינטואיטיווער פּראָצעס פון זעלבסט דערהאַלטונג, אַנדערש וואָלטן זיי ניט געווען אימשטאַנד צו־טראָגן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס אַזאַ שווערן לאַסט.

אָדעט פּלעגט אַמאָל פילן צו דער, אָדער יענער פּערזאָן, אַמאָל גאָר צו עפּעס אומבאַשטימטעם אַ דראַנג פון ליידענשאַפט, און האָט איר ספּאַנטאַן געגעבן אַ טעאַטראַלן אויסדרוק. ניט אַלע מאָל האָט זי דאָס געטאָן אין דער הויך; גאַנץ אָפט שטיל אין אַ מורמלענדיקן מאָנאָלאָג פאַר איר אייגענער דערלייזונג; דערמיט וואָס זי האָט פאַר זיך געמאָלן דעם געפיל האָט זי אָפּגעטויט דעם קלאַפּ. אָט די אימפּולסן האָבן זיך מערסטנס באַצויגן אויף אָנעט, אָדער מאַרקן — אַמאָל אויף ביידן צוזאַמען. ניט איינמאָל האָט זי אַרויסגערעדט אָנעט, וועט זי האָט גע־מיינט צו זאָגן מאַרק. דערפאַר וואָס מאַרק האָט אָפּגעלאַכט פון איר, האָט איר פּאַראַכטעט האָט זי אים געהאַסט. עס פּלעגט איר אַרומכאַפּן ווייטאָקן פון דערנידערונג פון אייפערזוכט און ליידן, צוזאַמען מיט אַ פאַרלאַנג פון נקמה צו נעמען... ווי אַזוי? אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט זי אים געקענט ווי טאָן? אים ווי טאָן וואָס שטאַרקער! זיך אים איינעסן!... אַ! גאָט! זי האָט דאָך מער ניט פאַרמאָגט ווי קינ־דישע נעגעלאַך. דאָס האָט זי שטאַרק דערצאָרנט. זי איז געווען מאַכט־לאָז אויפן מאָמענט עפּעס טאָן און זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל אַז עס הארט איר ניט. אָבער עס איז געווען זער שווער צו שליסן שלום מיט דער מאַכטלאָזיגקייט. און נאָך שווערער איז געווען צו מאַכ־ אַ גלייכגילטיקן אָנשטעל דאָ, ווען עס ווילט זיך לאַכן אָדער וויינען. אַזאַ מין אָנשטרענגונג איז געווען איבערנאַטירלאַך. אַ פאַרמאַטערטע פּלעגט אָדעט אַריינפאַלן אין אַ הינער פּלעט וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג ביז וואַנען די מעכטיקע באַדערפעניש אין באַוועגונג און געלעכטער האָט איר ניט געצוואונגען צוריק זיך אומקערן צו אירע שפּיגלען.

אָנעט האָט געזען, זיך אָנגעשטויסן און אַביסל איבערטריבן דעם דראַנג פון אָט דער קינדישער פאַרצווייפלונג און פאַרדרוסן און האָט מיט מיטגעפיל זיך דערמאָנט אַן אירע אייגענע. וויפיל פייער פון פון דער נשמה זי האָט פאַרשווענט אויף ליבע, אויף פאַרלאַנגען און

אויף פיין! צוליב וועמן און צוליב וואס? ווי וויניק די אינערלאכע שטרעבונגן זענען געווען אין אנקלאנג דערמיט אויף וואס זיי האבן זיך באצויגן! ס'ארא פארשווענדערישע אויסברייטונג פון כוחות! די נאטור האט ניט גלייך פארנאנדערגעטיילט די פעהיגקייט צו ליבן. אייניקע באזיצן זי אין צו א גרויסער מאס און אנדערע אין א גאר קליינער. אנעט האט פארדעכנט אדעט צווישן די ערשטע, און מארקן צווישן די צווייטע. און לויט איר מיינונג איז ער געווען דער גליקלאכערער, ארימער אינגעל.

ער איז ניט געווען אזוי ארים. דאס הארץ זיינס האט געלעבט מיט א ניט וויניגער רייכן לעבן ווי אדעטס. זיינע געדאנקען זיינען געווען ניט וויניקער לעבעדיק (ער האט זיי נאר ניט ארויסגעזאגט) און זיינע געפילן זיינען געווען ניט וויניקער ליידנשאפטלאך. (בלויז דער פייער זייערער איז געווען געווענט אין אן אנדער ריכטונג) יא, ער איז טאקע געווען גלייכגילטיק צו יענע זאכן וואס האבן באשעפטיגט די ארומיקע פרויען. זיין גייסט איז געווען פארכאפט פון אנדערע ליידענשאפטן. ער איז געווען א סך רייכער און אנטוויקעלטער אינטעלעקטועל, און א סך וועניקער פארטאן אין זיין קערפער. ווען דער קליינער מארק האט דערפילט, אז עס הויבט אים אן ארומצוכאפן אומבאוואסטע פארלאנגן האט ער ווי דאס פאסט פאר אן אמת'ן מאן אנגעווענדט די קראפט זיינע אויף דעם געביט פון טעטיגקייט און דעראבערונגען. ער האט געטרוימט וועגן אזוינע טריאומפן אין פארגלייך מיט וועלכע דער טריאומף איבער א פרויען הארץ וואלט אויסגעזען אין זיינע אויגן אזוי קליין, (ווען ער וואלט אפילו שוין יא אפגעשטעלט אויף דעם זיין אויפמערקזאמקייט אין אט דעם פעריאד פון זיין לעבן).

די אינגלאך פון דעם פארגאנגענעם דור האבן געטרוימט וועגן סאלדאטן, פיראטן, ווילדע, נאפאלעאנען און וועגן אוואנטיורן אין אפענעם ים. מארק האט געטרוימט וועגן עראפלאנען, אטאמאבילן און וועגן דראטלאזן טעלעגראף. דער אלוועלטלאכער געדאנק, האט זיך געדרייט איבער אים און געטאנצט א ווילדן קאראהאד, די ערד האט געציטערט פון משוגע ווילדער באוועגונג, אלץ איז געלאפן, געפלויגן און דורכגעשניטן די לופט און די וואסער, אלץ האט געשוויבעלט און זיך געדרייט. דער כשוף פון א משוגענער ערפינדונג האט איבערגעמישט די

עלעמענטן. אָט אַזוי זענען אָפּגעווישט געוואָרן די גרעניצן פאַר מאַכט און שוין אויך במילה פאַרן ווילן. רוים און צייט זענען באַזיגט פון שנעלקייט, און געמאַכט צו נישט. מיט זיי איז ניטאָ וואָס זיך צו רעכענען. מיט מענטשן — אודאי און אודאי נישט. דאָס וויכטיגסטע איז דער ווילן, דער אומבאַגרעניצטער ווילן!

מאַרק איז געווען וויניק באַקאַנט מיט די גרונטן פון דער מאָדערנער וויסענשאַפט. ער האָט קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען אין דעם וויסענשאַפטלאַכן זשורנאַל וואָס זיין מוטער האָט אויסגעשריבן, אָבער ער איז פון געבוירן אָן געווען דורכגעדרונגען מיט די וואונדער פון דער וויסענשאַפט. אַנעט האָט דאָס ניט באַמערקט. אַליין האָט זי זיך באַקאַנט מיט דער וויסענשאַפט בלויז פון לערנען, זי האָט ניט אַריינגעאָטעמט אין זיך די וויסענשאַפט צוזאַמען מיט דער לופט; זי האָט זיך איר פאָרגעשטעלט אין אַ רייע פיגורן, געצייכנט מיט קרייד אויפן ברעט און אין באַגרינדונגען און דערווייזונגען. פאַר מאַרקן איז די וויסענשאַפט געווען אַ מין צויבער לאַנד. דער שכל האָט נאָך ניט באַגרעניצט די פאַנטאַזיע. אַן אומבאַשטימטער פלאַמפייערדיקער דראַנג, וואָס האָט אַמאָל — אַמאָל אָבגעלאָזן די זעגלן פון די אַרגאָנאַווטן האָט אים גערופן ערגעץ־וואו, עס זענען אים איינגעפאַלן אויסערגעוויינלאַכע פּלענער, ער האָט געוואָלט דורכפירן אַ טונעל פון איין פּאָל צום צווייטן. זיך אויפהויבן אין דער לופטן און מיט דער הילף פון אַ מאַשין פאַראייניקן דעם שטערן מאַרס מיט דער ערד, און מיט איין קוועטש פון אַ קנעפּל זאָל ער קענען איבערשפּרינגען קיין דייטשלאַנד אָדער איז אַן אַנדער לאַנד (עס איז אים געווען אַלצאיינס אין וועלכן). און אין די מיסטישע ווערטער „וואָלט" „אַמפּער" „ראַדיי" „טראַנספאָרמאַטאָר" וואָס ער האָט אויסגערעדט מיט היץ האָבן זיך געוועבט פאַר אים די מעשה'לאַך „פון טויזענט און איין נאַכט". נו טאַקע, — ווי צום טייפעל! — האָט געקענט דער געדאַנק זיך אַראָפּלאָזן פון אַזעלכע הויכן צו אַ נאַרישער קליינער מיידעלע?

דער גוף מיט דער נשמה זענען אַ צווילינג, נאָר אַ צווילינג וואָס גייט ניט אַלע מאָל צוזאַמען. איינער פון זיי (ניט אימער דער זעלביקער) שטייט שטענדיק אָפּ און דער צווייטער יאָגט זיך פאָראויס. מאַרק האָט געהאַט נאָך גאָר אַ קינדישן קערפּער. אין דער צייט ווען זיין גייסט האָט זיך אַרומגעטראָגן אין די ווייטע הויכן האָט דער פאָדים וואָס האָט אים

צוגעבונדן צו דער ערד אים געצויגן אויף אַרונטער, דערמאָנענדיק אים אַז שפּילן און פאַרווײלן איז זער אַנגענעם. און ניט האָבענדיק קיין בעסערס האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזן צו שפּילן מיט דער נאַרישער קליינער מיידעלע. און ווען־ניט־ווען פלעגט ער זיך פאַרגעסן און מיט גאַנצן האַרצן זיך אָפּגעבן צו דער שפּיל. דאָס זענען געווען פרייַלאַכע אַנטראַקטן.

זיי האָבן ניט לאַנג געדויערט. די קינדער האָבן געהאַט צו ווייניק אַלגעמיינעס. ניט נאָר צוליב דעם וואָס זי איז געווען אינגער, און אַ מיידעל. זייערע טעמפּעראַמענטן זענען געווען צו פאַרשידן. אָדעט איז געווען געראָטן אין פאָטער און איז ניט געווען קיין שיינע: איר רונדע און גראָבינקע פיגור איז געווען שיין געבויט: אירע אויגן זענען געווען ענלאַך צו אַנעטס, דאָס נעזל פלאַטשיג. זי איז געווען אַ געזונט און שטאַרק קינד. אירע געפילן און רעגונגען האָבן ניט צושטערט און ניט אָנגערירט איר פיזישן גלייכגעוויכט. אויף זיי האָט זי פאַרשווענדט בלויז דעם איבערפלוס פון אירע פיזישע כוחות. זי איז קיין איינציקן מאָל ניט געווען קראַנק, ווען מאַרק איז געווען געשטערט פון קראַנקהייט שוין אין דעם ערשטן יאָר פון זיין לעבן. כאָטש שפּעטער איז זיין אָרגאַניזם אַ סך שטאַרקער געוואָרן, האָט דאָך דער שטענדיקער קאַמף מיט קראַנקהייטן וואָס עס איז אויסגעפאַלן אויף זיין חלק אים אינגאַנצן אָוועגגעהרג'עט זיין פריסטע קינדהייט. ער איז אַלע מאָל געווען אונטערוואָרפן אָפטע פאַרקילונגען, האָט אימער געהאַט צו טאָן מיט בראָנכיט, און אַ כראָניש געהעכערטער טעמפּעראַטור. זיין זעלבסט ליבע האָט שטאַרק געליטן דערפון; ווייל ער האָט געוואָלט זיין אַ שטאַרקער און אַ מענלאַכער.

צום סוף פון נײַנצען עלף (1911), אַ יאָר שפּעטער ווי די שוועסטער האָבן זיך איבערגעבעטן, איז מאַרק, ווי דאָס פלעגט מיט אים געוויינלאַך טרעפן יעדן ווינטער, קראַנק געוואָרן אויף דער אינפלוענץ. דאָס האָט פאַראורזאַכט אַ צייטווייליקע אומרואיגקייט. אָדעט איז געקומען געוואָר ווערן דעם קראַנקן. מען האָט איר פאַרבאָטן אַריינגיין צו אים, ווייל מען האָט מורא געהאַט זי זאָל זיך ניט אָנשטעקן. דערווייל האָבןביידע מאַמעס זיך פאַרטאָן אין עפּעס אין עס צימער, האָט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט און איז אַריין צו אים אין צימער, גערירט פון מיטגעפיל און אָפּגעשוואַכט פון וואַרימקייט, האָט מאַרק באַ־

שלאָפן צו טאָן דאָס וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געטאָן — דאָס הייסט אָפּענהאַרציק זיך דורכרעדן מיט איר. אויף דער נשמה איז אים געווען שווער און אומרואיק.

— וואָס זאָגן זיי, אָדעט (אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיי באַהאַלטן פון אים די ערנסטקייט פון זיין קראַנקהייט).

— איך ווייס ניט. זיי זאָגן גאָרניט.

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

—ער זאָגט אַז עס גאָרניט, עס וועט דורכגיין.

עס איז אים אַביסל לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ עפּעס פאַרדעכטיגט.

— איז דאָס טאַקע אַן אמת? ניין, עס איז ניט אמת, זיי באַהאַלטן פון מיר.... איך ווייס זער גוט וואָס מיר איז...

— וואָס איז דיר?

— ער האָט געשוויגן.

—וואָס איז דיר מאַרק?

דער פיינטלאַכער און שטאָלצער שווייגן אין וועלכן ער האָט זיך פאַרשלאָסן האָט אויפגעטרייסעלט אָדעט· זי האָט אַנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז ערנסט קראַנק, און איר אומרואיגקייט האָט זיך איבערגעגעבן מאַרקן. ווי אַלע מאָל איבערטרייבענדיק און צוגעבענדיק צו אַלץ אַ דראַמאַטישע פאָרמע האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט:

— אָ, מאַרק איך יאַרשוועד דיך, זיי ניט אַזוי קראַנק! איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט שטאַרבן! אַליין האָט ער אויך ניט געהאַט קיין ברעקל חשק דאָס צו טאָן. אמת, ער האָט טאַקע געוואָלט מען זאָל לייגן אויף אים דעם רחמנות אָבער דאָס איז שוין געווען אַביסעל צופיל! ווען אָדעט האָט אַרויסגערעדט אין דער הויך זיינע אייגענע פאַרדאַכטן, איז ער אַזש בלאַס געוואָרן פון שרעק. ער האָט דאָס ניט געוואָלט אַרויסווייזן פאַר איר, און פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט:

— זעסטו שוין, אַז דו האָסט באַהאַלטן פון מיר... ווייל די ווייסט!... און אַזוי, הייסט עס, אַז איך בין זער קראַנק?

— ניין, ניין! איך ווייס ניט. איך וויל ניט! איך וויל ניט אַז דו זאָלסט זיין זער קראַנק! אָ, מאַרק, שטאַרב ניט! אויב דו וועסט שטאַרבן וועל איך אויך שטאַרבן!

זי האָט זיך אים אַרויפגעוואָרפן אויפן האַלז און האָט זיך צו־וויינט. מאַרק איז געווען שטאַרק גערירט. ער האָט זיך אויך צו־וויינט, ניט וויסענדיק געגוי ווער עס טוט אים שטאַרקער באַנג צי ער אַליין צי זי. אויפן טומעל זענען אַנגעלאָפן די מוטערס און האָבן זיי בורטשענדיק צושיידט. פאַר איין אויגענבליק האָבן זיי זיך דערפילט אַזוי נאָענט...

צו מאָרגן האָט זיך מאַרק באַטראַכט. ווען ער האָט זיך באַרואיגט, האָט אים אין גאַנצן באַנג געטאָן (מען האָט אים אויסגעלאַכט כדי אים צו באַרואיקן) וואָס ער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּיגלינג. ער איז געווען אין כעס אויף אָדעט וואָס האָט אים געבראַכט דערצו מיט איר נאַרישער אומרואיגקייט. און אויסער דעם... (ער האָט געהערט איר געלעכטער און האָט געזען איר פּנים, וואָס האָט געשפּראָצט מיט גע־זונט) ער איז געווען אין כעס אויף איר דערפאַר וואָס זי איז געווען אַזוי געזונט. שוין צופיל געזונט. ער האָט איר מקנא געווען און זיך געפילט דערנידעריגט.

ווען ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער אַ לאַנגע צייט געדיינקט דערפון וואָס זיין געשוועסטערקינד ווייסט וועגן זיין קליינמוטיגקייט. דאָס האָט אים נאָך מער פאַרדראָסן, ווייל ער האָט אויף אַן אמת איבערגעלעבט אַ שרעק, און זי האָט דאָס געזען. ווען אָדעט האָט זיך באַרואיגט, האָט זי זיך עראינערט אין אָט די מינוטן ניט אָן פאַר־ביסענקייט. איר האָט זיך איינגעגעבן אים צו זען אָן זיינע שטאָלצן. ער איז געווען אַ געווינלאַכער, שרעקענדיקער קליינער אינגעל. זי האָט אים דערפאַר נאָך מער ליב געקראָגן. אָבער ער האָט איר דאָס ניט געקענט מוחל זיין.

XXX

מאַרק איז צוריק געוואָרן געזונט און אָדעט האָט געבליט. דעם פאַריקן זומער האָט זי זיך מיט שטאָלץ קאָנפאָרמירט. (דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די קירכע האָט, ווי דזשאַקאָנדאַ אין אירע זוכע־נישן פון אומשולד, דערשמעקט מיט איר לאַנגן נאָז די נייע ווינטן און האָט באַשלאָסן אַז אין קינדער עלטער פון זיבן יאָר איז אַ זאַך ווי אומשולד ניטאָ). פון יענער צייט האָט אָדעט געקוקט אויף זיך ווי

אויף אַ דערוואַקסענער פרוי און האָט אָנגענומען די פּאַסיקע מאַניערן. אַ שטיפעריש האַסטיקע, ווי אַ ציגעלע, האָט זי זיך פּראָבירט צו האַלטן אויפן שטריקל. נאָר אָפט פלעגט זי זיך מיט איין שפּרונג אָפּרייסן... סילוויע איז געווען גליקלאַך. אירע געשעפטן זענען געגאַנגען גוט. און אַנעט, וואָס האָט אין איר שוועסטערס היים געפונען שפּייז אויף צו באַפרידיקן איר באַדערפעניש אין ליבע איז אין דעם לויף פון יאָרן פאַרנימפטיקער געוואָרן, און עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי זי וואָלט דערגרייכט די הימלישע הויכן פון רו. אַלץ איז געווען גוט.

אין אַ הייסן נאָך מיטאָק צווישן דריי און פיר אַזייגער, סוף אָקטאָבער, אין איינעם פון יענע גאָלדענע טעג ווען דער לויטערער הימעל זעט אויס פונקט אַזוי נאַקעט ווי די אָפּגעפּליקטע ביימער. דורך די אָפענע פענסטער האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין שטוב די שטראַלן פון דער הערבסט זון, אַזוינע מילדע און גאָלדענע ווי האָניק. דאָס איז געווען אַ טאָג נאָך אַדעטס אַכטן געבורטסטאָג. אַנעט איז געווען ביי סילוויען אין צימער, וואָס האָט געהאַט זיינע פענסטער צום הויף. זיי האָבן צוזאַמען אונטערזוכט און באַטראַכט פאַרשידענע שטאָפן. זיי האָבן געפּלאַפּלט, כאָטש זיי האָבן ביידע זער ערנסט און אויפמערקזאָם געטאָן זייער אַרבייט. אַדעט איז געווען אין אַ צווייטן צימער אויף דער אַנדערער זייט פון דורכגאַנג וואָס האָט געהאַט זיינע פענסטער צום גאַס. בלויז מיט אַ פּאָר מינוט צוריק האָט דאָס נייגעריקע קינד אַריינגעקוקט דורך דער האַלב אָפענער טיר כדי צו זען וואָס זיי טוען. זיי האָבן זיך קלוימערשט אָנגעבייזערט אויף איר און האָבן איר אַוועקגעשיקט צו ענדיקן אַ קליינע אַרבייט איידער זיי וועלן אַלע צוזאַמען אַרונטערגיין צו טיי. מאַרק איז געווען אין שול: זיי האָבן אים דערוואַרט צו קומען אַהיים אין אַ האַלבער שעה אַרום. די צייט איז געפלאָסן אַזוי רואיק אַן אַ קנייטשעלע אַדער פעלדעלע, אַזוי פּאַמעלאַך ניט איילענדיק, אַז ווי עס וואָלט איר באַשערט זיין אייביק אַזוי צו פליסן ביז צום סוף פון זייער לעבן. אַלעמען איז געווען גוט און קיינעם איז אַפילו ניט איינגעפאַלן זיך פריין דערמיט, אַזוי נאַטירלאַך האָט דאָס אויסגעזען. אויף די צווייגן פון דעם פּליושטש וואָס האָט אַרומגעדרייט און פאַרוויקעלט די וואַנט אין הויף האָבן טשיר־טשירט די גליקלאַכע שוואַלבן. די לעצטע הערבסט פליגן האָבן פריילאַך געזשומעט פון פאַרגעניגן און

געוואַרעמט זייערע שווערע פֿליגעלאַך אין די קוועלענדע שטראַלן פֿון דער זון...

זיי האָבן גאָרניט געהערט... גאָרניט... און נאָך זענען זיי ביידע גלייכצייטיק אַנטשוויגן געוואָרן, אַז ווי זיי וואָלטן דערפֿילט, אַז דער דינער פֿאָדים אויף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן זייער גליק האָט זיך אָפּגעריסן!...

מען האָט אָנגעקלונגען.

— מאַרק? אַזוי פֿרי? עס קען ניט זיין!

מען האָט ווידער אָנגעקלונגען; מען האָט געקלאַפּט אין טיר... ווי מענטשן האָבן דאָס אַביסעל קיין געדולד ניט! מען וועט צו־וואַרטן!... סילוויע איז געגאַנגען עפֿענען. אַנעט איז איר נאָכגעגאַנגען. אין טיר איז געשטאַנען די אויפֿזעהערין פֿון הויז; שווער אָטעמענדיק און ברעכ:ענדיק מיט די הענט האָט זי עפּעס געשריען. צוערשט האָבן זיי גאָר ניט פֿאַרשטאַנען.

— די מאַדאַם ווייסט נאָך ניט?... ס'אַ אומגליק!... די קליי־נע מיידעלע...

— ווער?

— מאַדעמאָוזעל אָדעט... אָרימע קינד...

— וואָס? וואָס?

— זי איז געפֿאַלן...

— זי איז דאָרטן פֿון הינטן.

סילוויע האָט אַ געשריי געטאָן, זי האָט אָפּגעשטופּט די הויז אויפֿ־זעהערין און איז אַראָפּגעפֿלויגן פֿון די שטיגן... אַנעט האָט געוואָלט טאָן דאָסזעלבע נאָר די פֿיס אירע האָבן זיך אָפּגעזאָגט איר צו דינען זי האָט געמוזט וואַרטן ביז איר האַרץ וועט איר דערלויבן צו גיין. זי איז נאָך געוועזן פֿון אויבן, ווען צו איר האָבן זיך דערהערט סילוויעס ווילדע געשרייען פֿון דרויסן. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין די פּאַרענטשעס...

וואָס זשע האָט פּאַסירט? וואַרשיינלאַך האָט אָדעט, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּע ליבע צו אירע לעקציעס, געשטיפֿט, זיך אומגעדרייט איבערן צימער און צום סוף זיך אַריבערגעבויגן איבערן פֿענסטער אום צו זען צי עס גייט מאַרק... דאָס אָרימע קינד האָט אַפֿילו קיין צייט ניט געהאַט צו באַגרייפֿן... ווען אַנעט האָט זיך אַ וואַקלענדיקע קוים דערשלעפּט צום גאַס האָט זי דערזען אַן עולם און סילוויען אַ ווילדע,

ווי געריךט פון זינען, און אויף אירע הענט דאָס צוקאַלעטשעטע קער־פּערל. דער מיידעלעס קעפּעל און אירע הענטלאַך זענען געהאַנגען באַ־וועגלאָז, אינגאַנצן האָט זי דערמאָנט אין אַ געשאָכטן לעמעלע. די ברוינע האָר האָבן פאַרדעקט דעם צובראָכענעם שאַרבן; עס האָט זיך בלויז געמערקט אַ קליין שטראָמעלע בלוט אויפן נאָז און די אָפענע אויגן האָבן אַזוי ווי געפרעגט וועגן עפּעס. זיי האָט געענטפערט דער טויט.

אַנעט וואָלט זיך געוועזן אַוואָרפגעטאָן אויף דער ערד אין איר דערשיטערענדן אַנגסטלאַכן צאָרן, ווען סילוויעס ווילדער צער וואָלט ניט אַריינגענומען אין זיך די גאַנצע פאַרצווייפלונג און פּיין פון דער וועלט. סילוויע איז געפאַלן אויף די קני אויף די שטיינער פון טראָ־טואַר און כמעט ליגענדיק אויפן קינד, וואָס זי האָט נאָר וואָס אויפ־געהויבן האָט זי איר געדרייט און געטרייסעלט. זי האָט פאַרטגעזעצט משוגע שוידערלאַך צו שרייען, און האָט איר גערופן... גערופן... זי האָט געשאָלטן, וועמען? וואָס? דעם הימל, די ערד... שוים האָט זיך באַ־וויזן אויף אירע ליפּן פון האַס און פאַרצווייפלונג.

צום ערשטן מאָל האָט אַנעט אַנטפּלעקט אין איר שוועסט̇ר אָט יענע וואַנזיניק ברעגלאָזע ליידענשאַפט, וואָס סילוויע האָט אומבאַ־וואוסט געטראָגן אין די טיפעניש פון איר נשמה. ליידענשאַפטן וואָס איר לעבן האָט איר ביז אהער פאַרשפּאָרט די מיה צו ברענגען צום אויסדרוק. אַנעט האָט דערקענט און דערפילט אַלס אירן אַן אייגענעם אָט דעם ווילדן ליידענשאַפטלאַכן שטורעם פון איר שוועסטער.

די איבערמעסיקע ליידן פון איר שוועסטער האָבן איר ניט דער־לויבט זיך איבערצוגעבן צו איר אייגענעם צער. עס איז געוועזן אומבאַ־דינקט נויטיק אַז זי זאָל אַרויסווייזן מוטיגקייט און שטאַרקייט. זי האָט דאָס פאַרשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו סילוויען. סילוויע האָט איר אָפּגעשטויסן. אַנעט האָט זיך איבערגעבויגן איבער איר און האָט איר אויפגעהויבן. סילוויע האָט זיך אונטערגעגעבן צו אָט דער באַ־פוילענדער איידעלקייט און איז אַנטשוויגן געוואָרן; זי האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ און דערזען אַ רעדעל אַרום איר, זי האָט געוואָרפן אַ דערשראָקענעם בליק אויפן עולם און מיטן קינד אויף אירע הענט איז זי שטיל אַריין אין הויז.

זי איז נאָר אַריבער די שוועל, אַנעט האָט געזאָלט אַריינגיין

נאך איר, ווען זי האט באמערקט מארקן קומען. ניט קוקענדיק אויף דער גרויסער ליבע צו דער ארימער קליינער מיידעלע האט זיך איר הארץ דאך א צאפּעל געטאן פון פרייד: ס'ארא גליק וואס דער אומגליק האט געטראפן ניט מיט אים!

זי איז געלאפן מארקן אנטקעגן, כדי אים צו פארהיטן פון זען וואס עס האט פּאסירט. ביי אירע ערשטע ווערטער איז מארק בלאס געווארן און האט פארציפעט די ציין. זי האט אים אפגעפירט א היים. זי האט אים געזאגט, אז אדעט האט זיך ערנסט צושלאגן, אבער ער האט אינסטינקטיוו פארשטאנען אז זי איז טויט. און מיט צוזאמענגעלייגטע פויסטן האט ער מיט אלע כוחות געטריבן פון זיך אט דעם שרעקלאכן געדאנק. ניט קוקענדיק אויף זיין גרויסער אויפרעגונג האט ער ניט אויפגעהערט צו באאבאכטן זיך אליין און זיינע אייגענע באוועגונגען, ער האט געקוקט אויף די דורכגעהער און האט באמערקט, אז זיין מוטער גייט איבערן גאס אן א הוט און ציט צו זיך אויפמערקזאמקייט; ער האט זיך דערפילט אומאנגענעם. דאס האט אים בארואיגט. ווען אנעט האט זיך איבערצייגט, אז ער פילט זיך רואיגער, האט זי אים געהייסן גיין ווייטער אליין, און זי האט זיך אין איילעניש אומגעקערט צוריק. זי האט געפינען סילוויען א פארשמאכטע זיצענדיק אין א ווינקעל ביים בעט פון דער טויטער מיידעלע. זי איז געווען אומפעאיק צו הערן אדער פארשטיין; זי האט שווער געאטעמט ווי א פארוואונדעטע חיה. איר ארבייטערינס זענען געווען פארנומען מיטן קינד. אנעט האט אויסגעבאדן דעם קליינעם קערפערל און האט איר אנגעטאן אין ווייסע אונטערוועש און האט איר צוריק אריינגעלייגט אין בעטעלע, אט ווי אין יענע אווענטן, — (וואס זענען אקארשט געווען און האבן שוין אויסגעזען אזוי אומענדלאך ווייט, ווייט) — ווען דאס קינד האט איר אויפן אויער פארציילט אירע סודות. ווען זי איז פארטיק געווארן דערמיט איז זי צוגעגאנגען צו סילוויען און האט איר אנגענומען ביים האנט. אט די פייכטע און קאלטע האנט איז מאט געלעגן אין אירער. אנעט האט געדריקט די פינגער, פון וועלכע דאס לעבן איז ווי אנטרונען געווארן, אבער זי האט קיין מוט ניט געהאט ארויסצוריידן צו איר א צארט ווארט, ווייל עס וואלט ניט דורכגעדרינגן די וואנט פון פארצווייפלונג. בלויז די שוועסטערלאכע בארירונג פון זייערע קערפערס האט געקענט לאנגזאם גע־

פינען אַ וועג פאַר אַנעטס מיטגעפיל צו סילוויעס האַרצן. זי האָט איר אַרומגענומען מיט בײדע הענט האָט צוגעפּרעסט איר שטערן צו סילוויעס באַק, אירע טרערן זענען געפאַלן אויף איר שוועסטערס האַלז, אַט ווי מיט זיי וואָלט זי געוואָלט צושמעלצן דאָס אייז וואָס האָט פאַרדעקט איר האַרץ. סילוויע האָט געשוויגן און האָט זיך ניט גערירט, אָבער אירע פינגער האָבן ביסלאַכווייז אָנגעהויבן צו ענטפערן צו איר שוועסטערס האַנט. ווען עס איז געקומען סילוויעס מאַן איז אַנעט אַוועקגעגאַנגען.

זי איז געקומען אַ היים און האָט דערציילט מאַרקן דעם אמת. ער האָט אים שוין געוואוסט. עס האָט זיך געדוכט, אַז ער איז רואיק, ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין אייגענער אויפרעגונג און האָט געוואָלט אַרויסווייזן שטאַרקייט, אָבער רעדן איז אים געווען שווער. ווי נאָר ער האָט געעפענט דאָס מויל אַזוי האָט זיין שטים אָנגעהויבן ציטערן און ער איז אַוועק צו זיך אין צימער זיך אויסוויינען. דער מוטערלאַכער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט אַנעט ווי שרעקלאַך עס מוז זיין פאַר אַ קינד זיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיטן טויט. זי האָט ניט גערעדט מיט אים דערפון וואָס האָט פּאַסירט, נאָר זי האָט אים אַרויפגעזעצט צו זיך אויף די קני, ווי אין יענע צייטן, ווען ער איז געווען נאָך גאָר אַ קלייניקער. ער האָט זיך צוגעדריקט צו דער מוטערס וואַרימער ברוסט אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט שוץ און הילף ביי איר פון אַלדאָס בייז. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך ביידע באַרואיגט, איינגעוויגט זייער שרעק און האָבן דערפילט, אַז זיי זענען אינצווייען צו באַשיצן איינע די אַנדערע, האָט זי אים אַריינגעלייגט אין בעט און אים געבעטן צו זיין מוטיק און זיך ניט שרעקן, אויב זי וועט אַוועקגיין און וועט אים איבערלאָזן אַליין אויף אַ טייל פון דער נאַכט. ער האָט פאַרשטאַנען און האָט צוגעזאָגט.

זי האָט זיך אַרויסגעלאָזן ביי נאַכט דורך דער פינסטערניש צום הויז פון דער טראַגעדיע. זי האָט געוואָלט וואַכן איבערן טויטן קינד. סילוויע איז מער ניט געווען אין איר פאַרגליווערטן צושטאַנד. זי האָט זיך אויך מער ניט אומגעקערט צו איר ווילד אַנגסטלאַכער פאַרצווייפלונג. אָבער צו קוקן אויף איר איז געווען נאָך שווערער נאָך שמערצלאַכער. זי איז געווען גערירט פון זינען. אויף אירע ליפּן האָט געשפּילט אַ שמייכעל. ווען אַנעט איז אַריינגעקומען, האָט סילוויע אויפ־

געהויבן די אויגן, און איז צוגעגאנגען צו איר און האָט געזאָגט:

— זי שלאָפט.

אַנעמענדיק אַנעט פאַר אַ האַנט האָט זי איר צוגעפירט צום בעטעלע און געזאָגט:

— זע נאָר, ווי שיין זי איז.

איר פּנים האָט געשטראַלט, נאָר אַנעט האָט באַמערקט אַז פונ־דעסטוועגן שוועבט אַ מין אומרואיגקייט איבער איר. אַ ווײַלע שפּעטער האָט סילוויע שטיל ווידערהאָלט:

— ניט אמת אפשר, אַז זי שלאָפט אַזוי ליב?... אַנעט האָט באַ־געגנט אַ פיבערהאַפטן בליק וואָס האָט זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל זאָגן:

— יאָ, זי שלאָפט.

און זי האָט דאָס געזאָגט.

זיי זענען אַריין אין שכנ'ישן צימער וואו לעאָפּאָלד איז געזעסן מיט איינער פון די אַרבייטערינס. זיי האָבן פּראָבירט כאָטש אַביסעלע צו צושטרייען סילוויען און האָבן זיך אַלע געצוואונגען צו רעדן. אָבער איר פאַרוואונדעטער געדאַנק האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון געשפּרעך האָט זיך געוואָרפן פון איין טעמא צו אַ צווייטער און האָט אויף קיין זאַך זיך ניט געקענט אָפּשטעלן. זי האָט גענומען אַז אַרבייט איז האַנט און האָט איר גלייך אַוועקגעוואָרפן. ווידער גענומען און ווידער געוואָרפן. אַלע ווײַלע איז זי צוגעגאַנגען צום טיר פון שלאָף צימער זיך צוגעהערט און ווידערהאָלט.

— ווי גוט זי שלאָפט!...

און איר בליק האָט געוואַנדערט איבער די פּנימער פון די אַרו־מיקע כדי זיי און זיך אַליין אין עפּעס צו איבערצייגן... זי האָט זיך אַפילו אָפּגעשטעלט איינמאָל ביים קליינעם בעטעלע און איבערבויגענדיק זיך איבערן קינד האָט זי גענומען שעפּטשען צו איר צאַרטע ווערטער. אַנעט האָט דאָס ניט געקענט אַריבערטראָגן. זי האָט געוואָלט צווינגען סילוויען אַנטשוויגן צו ווערן. לעאָפּאָלד האָט איר שטילערהייד געבעטן ניט צושטערן די אילוזיע.

די אילוזיע איז פונדעסטוועגן דאָך צושטערט געוואָרן. סילוויע האָט

זיך אומגעקערט אויף איר אָרט און האָט זיך צוריק גענומען צו דער אַרבייט. זי האָט אויפגעהערט רעדן. די איבעריקע האָבן גערעדט, אָבער זי האָט זיי ניט געהערט. זענען זיי אויך אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער זיי אַלעמען אַ פּיינלאַכער שווייגן. פּלוצלינג האָט סילוויע אויסגעבראָכן אין אַ שרעקלאַכן געשריי. דאָס איז געווען אַ לאַנגער געשריי אָן ווערטער. פּאַלענדיק אויפן טיש האָט זי זיך גע־שלאָגן מיטן קאָפּ אין טיש. אויף שנעל האָבן זיי אָפּגעראַמט פון דאָרטן די נאָדלען און די שער. ווען דאָס לשון האָט זיך אומגעקערט צו איר האָט זי גענומען שילטן גאָט. זי האָט ניט געגלויבט אין אים אָבער זי האָט זיך געמוזט אין אימיצן נוקם זיין. אירע אויגן זענען פאַרטונקעלט געוואָרן, און צוּאַווילדעוועטע גראָבע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אירע ליפּן.

נאָכדעם איז געקומען אַ פּאָלקאָמענע דערשעפּונג. מען האָט איר אָוועקגעטראָגן אויפן בעט. זי האָט זיך מער ניט געקענט רירען. אַנעט איז פאַרבליבן אַרום איר ביז זי האָט איינגעדרימעלט.

אַנעט האָט זיך אומגעקערט אַ היים אַ צובראָכענע. די גאַסן האָבן אויסגעקוקט טויטבלאַס, ס׳איז שוין געווען פאַרטאָג. מאַרק איז ניט גע־שלאָפן. ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער האָט זי זיך אויסגעטאָן. נאָר איידער זי האָט זיך געלעגט (אין משך פון די לעצטע צוועלף שעה האָט זי צופיל געליטן און צופיל זיך איינגעהאַלטן) איז זי אַ באָרוועסע אין איין העמד אַריינגעלאָפן צו איר זון אין צימער און האָט באַדעקט מיט קושן זיין מויל, זיינע אויגן, זיינע אויערען. זיין האַלז און זיינע הענט און געמורמעלט דערביי:

— מיין טייער אינגעלע, אינגעלע טייערער... דו וועסט מיך קיינ־מאָל ניט פאַרלאָזן ? ניין ?

ער איז געווען זער צורודערט, באַאומרואיגט און דערשראָקן. ער האָט געוויינט צוזאַמען מיט איר, פיל מער איבער זיך ווי איבער אַנדערע, נאָר אויך איבער אַנדערע. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען וואָס ער האָט פאַרלוירן. ער האָט באַוויינט דעם געפיל, וועלכן ער האָט קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט. ער האָט זיך ערינערט אין יענעם אָוונט, ווען ער איז געווען קראַנק און אָדעט איז אים געקומען געוואָר ווערן. טרויער און צאַרטלאַכקייט האָבן אָנגעפילט זיין האַרץ און ער האָט געטראַכט:

— און פונדעסטוועגן, איז מיר באַשערט צו לעבן.

אַנעט האָט אויפגעשווידערט פון דעם געדאַנק אַנצוהויבן אַ צווייטן טאָג וואָס זאָל ווידערהאָלן דעם פאַרגאַנגענעם. עס האָבן איר אויסגעפעלט כוחות דערצו. אָבער די שווידערלאַכע אַנשטרענגונג פון די ערשטע שעהן זענען פאַריבער. ווען מענטשלאַכע ליידן דערגרייכן דעם העכסטן פונקט, דעם זעניט, מוזן זיי אַרונטערפאַלן. אָדער מען שטאַרבט, אָדער מען געוויינט זיך צו.

סילוויע איז געקומען צו זיך. זי איז געווען טויט בלאָס אין די ווינקלען פון אירע ליפּן און נאָזלעכער האָבן זיך איינגעפּרעסט טיפע און גרויזאַמע קנייטשן, וועלכע עס איז שוין ניט באַשערט געווען צו פאַרגיין און זיך אויסגלייכן. אָבער די געלאַסענקייט האָט זיך אומגעקערט צו איר. צוזאַמען מיט אירע אַרבייטאַרינס האָט זי געשניטן און גענייט די טריוער קליידער. זי האָט געבאַלאַבאַטעוועט, אַכטונג געגעבן און מיטגעאַרבייט, און אירע הענט זענען געווען פּונקט אַזוי זיכער און שטאַרק ווי איר בליק. זי האָט אַנגעמאָסטן אַנעט איר קלייד. אַנעט האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט וואָס וואָלט איר געקענט דערמאָנען אין דער לויה. אָבער סילוויע האָט אַליין קאַלט גענומען רעדן וועגן איר. זי האָט קיינעם ניט דערלויבט זיך פאַרנעמען דערמיט. זי האָט אַלץ געטאָן אַליין. און אַזוי אומנאַטירליך רואיק האָט זי זיך פאַרהאַלטן ביזן סוף פון דער צערעמאָניע. מיט אַ קאָנצענטרירטן קאַלטען כעס האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פון יעדער קירכלאַך רעליגיעזער צערעמאָניע. זי האָט ניט געקענט מוחל זיין!.. ביז אַהער האָט זי גיכער ניט געגלויבט ווי יאָ געגלויבט, אָבער קיין ספּעציעלע פיינטשאַפט צו רעליגיע האָט זי ניט געהאַט, און אין יענעם טאָג, ווען איר ליב טעכטעריל האָט זיך אויסגעפּוצט אין גאַנצן אין ווייסן און איז געגאַנגען צו איר ערשטער קאָנפאַרמאַציע, האָט זי טאַקע אַביסל געלאַכט אָבער אין גרונט איז זי געווען טיף גערירט...

ווי נאַריש זי איז דאָס געווען!... מען האָט איר אָפּגעטאָן אַזאַ שפּיצל... ס'איז גרויזאַמקייט!... אַט דעם פּדחון, אַט דעם פייגלינג־גאָט וועט זי קיינמאָל ניט מוחל זיין, קיינמאָל!...

אַנעט האָט דערוואַרטעט, אַז פאַר דער איבערמענטשלאַכער אַנשטרענגונג, וואָס סילוויע האָט געמאַכט איבער זיך פאַר אַ לייַנגערער צייט, זאָל זי נאָכדעם ווי זיי וועלן זיך אומקערן אַ היים פון דער לויה באַצאָלן מיט אַ נייעם קריזיס. אָבער עס איז איר ניט געווען דערלויבט

צו שטיין מיט איר שוועסטער. סילוויע האָט דאָס שטרענג פֿאַרבאָטן. אַנעטס אַנוועזנהייט איז געווען פֿאַר איר אומדערטרעגלאַך... אַנעט האָט געהאַט איר זון!

אויף מאָרגן איז צו אַנעט געקומען סילוויעס מאַן און האָט איר דערציילט, אַז סילוויע האָט זיך אַפֿילו ניט פּראָבירט צו לייגן שלאָפֿן פֿאַריגע נאַכט. זי האָט ניט געוויינט און ניט געקלאָגט, נאָר שווייגנדיק האָט זי זיך אויסגעגעסן איר האַרץ אין דער שטיל. זי האָט אָן רחמנות ווידער זיך גענומען צו איר אַרבייט אין וואַרשטאַט. איר איז געווען לייכטער זיך אומצוקערן צו אירע מעכאַנישע פֿליכטן, ווי צום לעבן. קיי־נער וואָלט ניט געקענט באַמערקן איר נשמה צושטאַנד, ווען ניט אַ פּאָר אינצידענטן, טעותן וואָס האָבן קיינמאָל פֿריער ניט געטראָפֿן. זי האָט ניט ריכטיק צוגעשניטן אַ קלייד און ניט זאָגנדיק קיין וואָרט האָט זי דאָס אַרויסגעוואָרפֿן. זי האָט זיך צושניטן די פֿינגער מיט דער שער. זיי האָבן איר קוים איינגערעדט זיך צולייגן ביינאַכט, אָבער זי האָט זיך בלויז צוגעזעצט אויפֿן בעט און איז געזעסן אַ וואָכעדיקע, זי האָט זיי ניט געענטפֿערט ווען זיי האָבן גערעדט צו איר. און יעדער פֿרימאָרגן איידער זי איז אַריינגעקומען אין וואַרשטאַט האָט זי באַזוכט דעם בית עולם.

דאָס האָט אָנגעהאַלטן פֿופֿצען טעג. אין איין שיינעם נאָכמיטאָק איז סליוויע פֿאַרשוואונדן. קונים זענען געקומען און האָבן געוואַרט אויף איר. זי האָט זיך אויך ניט אומגעקערט צו וועטשערע. דער זייגער איז שוין געווען צען, דערנאָך עלף און זי איז נאָך אַלץ ניט געווען. איר מאַן האָט זיך שטאַרק געשראָקן, ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט איר זאָל ניט האָבן פּאַסירט אַן אומגליק. אַרום איינס אַזייגער איז זי גע־קומען, און יענע נאַכט איז זי געשלאָפֿן. אָבער אַרויסקריגן פֿון איר אַ וואָרט וועגן דעם וואו זי איז געווען אָדער וואָס זי האָט געטאָן איז גע־ווען אוממעגלאַך. אָבער אין דעם קומענדן אָוונט איז זי ווידער ניט גע־וואָרן. און אין די צוויי פֿאָלגענדע טעג האָט זי געטאָן די זעלביקע זאַך. איצט האָט זי גערעדט און האָט אויסגעזען אַביסעל באַרואיגט. די אַר־בייטערינס האָבן אָנגעהויבן טרייבן רכילות, איר גוטער מאַן האָט גע־צווּנגען מיט די אַקסלען און האָט געזאָגט צו אַנעט:

— אויב זי איז מיר אַפֿילו ווירקלאַך אומטריי קען איך אויך ניט זיין אין כעס אויף איר דערפֿאַר. זי האָט צופֿיל געליטן... און אויסער

דעם, אויב דאָס זאָל זי נאָר ראַטעווען פון דער פינסטערער פאַרצוויי־פלונג וואָס האָט זי באַהערשט !... זאָל זיין אַזוי !...

איינמאָל האָט זיך אַנעט איינגעגעבן טרעפען סילוויען אין יענעם מאָמענט, ווען זי איז געווען גרייט אַרויסגיין פון הויז. פאַרזיכטיק מיט גרויס טאַקט האָט זי איר געגעבן צו פאַרשטיין וואָס פאַר אַן אומרו־איגקייט און וואָס פאַר אַ אמת׳ע שמערצן אירע פאַרבאָרגענע וואַנדערונ־גען פאַרשאַפן איר מאַן און אַלע אירע נאָהענטע. עס ווערט פאַרדעכטיק און מענטשן רעדן. צוערשט האָט סילוויע אַפילו ניט געוואָלט הערן דערפון. עס איז איר ניט אָנגעגאַנגען וואָס מענטשן דיינקן און רעדן וועגן איר. נאָר איר מאַנס גוטסקייט האָט זי שטאַרק גערירט.

און אַט ווי זי וואָלט מיט אַמאָל דערפילט אַ פּלוצלינגע באַדער־פעניש אין אָפענהאַרציגקייט האָט זי אַריינגעפירט אַנעט צו זיך אין צימער און האָט פאַרמאַכט די טיר. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט האַרט נעבן איר און האָט מיט אַ נידעריקער מיסטעריעזער שטימע און שיי־נענדע אויגן פאַרטרויט, אַז זי איז יעדן אָווענט געגאַנגען אין קרייז פון ספּיריטואַליסטן וואָס האָט זיך פאַרזאַמעלט ביי אַ טיש כדי צו רעדן צו איר קליינער מיידעלע. אַנעט האָט זי אויסגעהערט מיט שרעק און האָט ניט געוואָגט אַרויסצוואַווייזן אירע אמת׳ע באַציאונגען דערצו. סילוויע האָט דערוויילע מיט אַ ווייכער שטים איר איבערדערציילט דעם קינדס ענטפערס. עס איז מער ניט געווען נויטיק איר בעטן רעדן; זי האָט זיך ווירקלאַך מחיה געווען איבערצוחזר׳ן פאַר זיך אַליין אין דער הויך די קינדישע ווערטער. אַנעט איז ניט געווען בכוח צו צושטערן אַן אילוזיע וואָס האָט דערהאַלטן איר שוועסטער ביים לעבן.

לעאָפּאָלד איז געווען גרייט זי צו דערמוטיקן: פאַר זיין איינפאַך געזונטן פאַרשטאַנד איז דאָס געווען פונקט אַזוי גוט ווי יעדער אַנדער רעליגיע. אַנעט האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט אַ דאָקטאָר. ער האָט איר געראָטן צו לאָזן סילוויען צו רו ביז וואַנעט איר שמערץ וועט זיך פאַרציען פון זיך אַליין...

סילוויע האָט ממש געשיינט. אַנעט וואָלט זיכער פאַרגעצויגן אַ הייליקע און שטילע פאַרצווייפלונג צו אַט דער באַטריגערישער פרייד, וואָס האָט פראַפּאַנירט דעם טויט. אין וואָרשטאָט האָט סילוויע מער ניט באַהאַלטן פון די אַרבייטערינס אירע באַציאונגען מיט יענער וועלט.

די מיידלאַך האָבן זי געבעטן צו באַשרייבן די סעאַנסן ; דאָס האָט זיי אַלעמען פאַרשאַפן דעם פּלאַטערינדן פאַרגעניגן פון אַ פּאָפּולאַרער נאָ־װעלע. װען אַנעט איז אַרײַנגעקומען האָט זי געהערט װי די מיידלאַך פּלאַפּלען װעגן זײערע לעבעדיקע אײַנדריקע פון דעם לעצטן געשפּרעך װאָס סילװיע האָט געהאַט מיט אָדעט. אײנע פון די מיידלאַך האָט אַפילו געלאַכט דערפון, באַהאַלטענדיק זיך הינטער די פאַלדן פון דער מאַטעריע װאָס זי האָט געהאַלטן אין צוזאַמענװיקלען. און סילװיע װאָס האָט אַלעמאָל אַזוי שאַרף דערשפּירט אַפילו דעם שאָטן פון איראָניע האָט איצט גאָר ניט באַמערקט און האָט װײַטער גערעדט, אינגאַנצן פאַרכאַפּט פון איר פאַנטאַסמאַגאָריע.

זי האָט זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגענט. אײנמאָל אין אָװענט, ניט זאָגנדיק אַנעט אַ װאָרט װעגן דעם, האָט זי מיט זיך מיטגענומען מאַרקן. זי האָט צוריק דערפילט צו אים איר אַמאָליקע באַגײַסטערטע ליבע. װי נאָר זי האָט אים דערזען אַזוי האָט איר פּנים אױפגעלױכטן. װען אַנעט האָט אין אָװענט ניט געפינען מאַרקן אין הויז האָט זי זיך אָנגעשטויסן װאָס עס האָט פּאַסירט. אָבער װען ער איז צוריק געקומען זער שפּעט אַן אויסגעמאַטערטער, אַ בלאַסער און נערװעזער האָט זי שוין געמאַכט אַזוי, אַז ער זאָל איר גאָרניט דערציילן פון דעם װאָס ער האָט געהערט און געזען. בײַנאַכט האָט דאָס קינד געשריען פון שלאָף אַנעט איז אויפגעשטאַנען, האָט אים אויפגעװעקט און באַרואיקט. זי האָט אַרויפגעלייגט אירע צאַרטע הענט אויף זײַן ברענענדיקן שטערן.

אין דער פרי איז זי געגאַנגען צו סילװיע און האָט שטרענג געפאָדערט בײַ איר אַ דערקלערונג. עס האָט זיך געהאַנדעלט װעגן איר זון. און זי האָט מער ניט געקענט שאַנעװען איר שװעסטער. דאָס מאָל האָט זי ניט באַהאַלטן פון סילװיען איר עקעל און פאַראַכטונג צו אַט די גע־פערלאַכע נאַרישקייטן. זי האָט בייז און שטרענג פאַרבאָטן איר שװעס־טער אַרײַנצושלעפּן דאָס אינגעל אין דעם. סילװיע װאָס װאָלט צו יעדער צייט איר געענטפערט ניט װייניקער שאַרף האָט דאָס מאָל אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און מאָדנע שמייכלענדיק, האָט זי עקשנות'דיק אויסגעמיטן אַנעטס בליק ; דער אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז איר אַנט־פּלעקונג איז ניט גענוג באַגרינדעט כדי זיך געגן שטעלן דער לײדענ־שאַפטלאַכער קריטיק פון איר שװעסטער.

זי האט גארניט אפגעענטפערט און האט אויך גארניט צוגעזאגט. זי איז געווען מילד ווי א באשטראפט קעצעלע, וואס מיט זיך צו פארגלעטן איר שולד, און צו דער זעלבער צייט האט זי פעסט באשלאסן צו טאן ווי איר געפעלט.

זי האט פונדעסטוועגן ניט ריזיקירט נאכאמאל צו נעמען מארקן צו א סעאנס. נאר זי פלעגט ווייטער פארטרויען אים אלץ וואס דארטן איז פארגעקומען. עס איז געווען אומעגלאך ניט צו דערלאזן, אז זיי זאלן זיך טרעפן, ווייל מארק האט פונקט אזוי עקשנות'דיק פארשוויגן אט די געשפרעכן ווי זיין מומע. סילוויע האט דערציילט מארקן, אז ארעט רעדט וועגן אים. דערמיט האט זי אים צוגעבונדן צו זיך. אט ווי דאס וואלט געווען ארעטס לעצטער ווילען. מארק האט ניט צופיל געגלויבט אין אט דעם אלעמען. דער קריטישער שכל, וואס ער האט גע'ירשנ'עט פון זיין זיידן האט אים באשיצט פון אט די אלע אומגעלומפערטע נארישקייטן. אבער דאס האט אויפגערודערט זיין פארשטעלונגס קראפט. ער פלעגט זיך איינהערן מיט אינטערעס און דאך מיט א געוויסן ווידערווילן, אפילו דאן ווען ע רהאט זיך געלאזט אריינציען אין אט דער אומגעזונטער שפיל האט ער שטרענג פארדאמט סילוויען, און האט איבערגעטראגן אט דעם געפיל פון פארדאמונג אויף אלע פרויען אין אלגעמיין. אבער אט די קבר אטמאספערע איז געווען ווי גיפט פאר א אינגעל פון זיין עלטער. דער שוידערלאכער שפאס פון לעבן און טויט האט אים צו פרי אנגהויבן צו פארפאלגן. ער האט דערפילט לעבן זיך דעם גערוך פון פלייש ווען עס הויבט אן צו פוילן. עס זענען געווען מאמענטן ווען ער האט געפילט אז ער ווערט דערשטיקט. זיין געדאנק איז נאך ניט געווען שטארק גענוג, כדי ארויסצואווייזן דעם נויטיקן ווידערשטאנד. אין די פיבערהאפטע לעבענס קראפט פון די איבערגאנגס יארן צווישן קינדהייט און יוגענט האט געזוכט פאר זיך א רעטונג פלאץ, און זיינע צורודערטע אינסטינקטן האבן געלויערט איבער אים ווי ווילדע חיות ביינאכט. דאס איז געווען א שרעקלאכע מחנה! עס זעט אוים פונקט ווי דער פסיכישער ארגאניזם וואלט נאכגעפאלגט די זעלבע געזעצן וואס די אנטוויקלונג פון א קינד פארן געבורט ביים דורך, א גאנצע רייע פון אלע שחיה'שע פארמען,—עס מוז דורכמאכן אלע ברוטאלע שטופן פון עוואלוציע, איידער דער פסיכישער ארגאניזם דערגרייכט די שטופע ווען ער קען דערהויבן ווערן צו א שכל'דיקן ווילן און פארשטאנד. צום

גליק דויערט דער צוריקער צו אונזער ווילדער אפשטאמונג זייער א קורצע צייט. עס איז א פראצעסיע פון גייסטער, און די בעסטע זאך איז זיי לאזן פארבייגיין אזוי שנעל ווי מעגלאך און ניט טאן קיין זאך וואס קען אויפוועקן זייער אומקלארן באוואוסטזיין. אבער אט דער פעריאד איז פול מיט געפארן, און די גרעסטע השגחה און ליבע קענען דאס קינד איינגאנצן ניט פארהיטן פון זיי. ווייל אויסער דעם קליינעם מאקבעט זעט קיינער ניט אט די שאטענס, פאר אלע אנדערע אפילו פאר די נאענסטע פארבלייבט באנקאס פלאץ ליידיק. זיי הערן דעם קינדס פרישע שטים, זיי זען די ריינע שטריכן פון זיין געזיכט; זיי זען, אבער זיי באמערקן ניט די גרויזאמע שאטענס וואס טראגן זיך דורך אין די טיפענישן פון זיינע קלארע אויגן. אפילו דער איינציקער נייגעריקער באאבאכטער, דאס קינד אליין באמערקט זיי אויך קוים. ווי אזוי זאל ער זיי דערקאנען, ווען זיי קומען צו אים פון וועלטן לאנג פארגאנגענע, וועלטן אין וועלכע ער איז ניט געבוירן געווארן. אט די אינסטינקטן פון באזיץ און גוואלדטאט און אפילו פארברעכן, עס איז ניטא יענער פארדארבענער געדאנק וואס זאל זיך ניט דורכטראגן דורך זיין קאפ און וועלכן ער זאל ניט האבן פארזוכט מיטן שפיץ פון זיין צונג.

קיין איינציקע פון די צוויי פרויען וואס האט ליב געהאט מארקן האט ניט פארדעכטיגט וואס פאר א קליינינקן מאנסטער זיי האבן צוגעדריקט צום הארצן.

ביסלאכווייז האט זיך סילוויע בארואיגט. אירע דערציילונגען וועגן די סעאנסן האבן פארלוירן זייער מיסטישן כאראקטער, זי האט גערעדט וועגן זיי שנעל און געפיל, זי האט בכלל ניט ליב געהאט לאנג צו רעדן וועגן זיי, און פלוצלינג האט זי איינגאנצן אויפגעהערט צו רעדן וועגן די סעאנסן; זי האט אפילו אויפגעהערט צו ענטפערן אויף פראגן וואס מען האט איר געשטעלט... צי דאס איז געווען דער רעזולטאט פון עפעס אן ענטוישונג, וואס זי האט ניט געוואלט צוגעבן, צי האבן איר די סעאנסן בכלל דערעסן, האט זי קיינעם ניט געזאגט. נאר אין די לאנגע געשפרעכן וואס זי האט געפירט מיט מארקן האט די וועלט פון מיסטיציזם פארנומען אלץ ווייניקער פלאץ, ביז זי איז איינגאנצן פארשוואונדן. סילוויע האט, זעט אויס, צוריק געוואונען איר גלייכגעוויכט. דאס וואס זי האט איבערגעלעבט האט אין די אויגן פון אירע נאענטע זיך אויסגעדריקט בלויז אין דעם וואס זי האט זיך אביסעל

פארעלטערט. דער צער און די ליידן האבן אנשטאט צו פאראיי־
דעלן איר אויסזען, גאר עטוואס פארגרעבט איר פנים און האבן אים
צוגעגעבן א מאטעריעלן אויסדרוק. אירע שטריכן זענען עטוואס שווע־
רער געווארן און איר פיגור עטוואס פולער. זי האט נאך אלץ פארמאגט
די זעלבע גראציע, און האט אויסגעזען נאך לעבעדיגער ווי פריער. א
שטארקע דורשט צום לעבן האט פארביטן די לאנגע אגאניע. נייע פריידן,
און נייע ליידן, די ארא‌פגעפאלענע בלעטער פון דער צייט, דער שטויב
פון וועג האבן ביסלאכווייז פארשאטן דעם אפענעם קבר אין איר הארצן.

XXXI

די אויסערלאכקייט איז אפנארעריש...

די משפחה ריוויער האט ווי ווידער אויפגעלעבט. אבער די קא־
טאסטראפע האט איבערגעלאזן טיפע סמנים אין זייערע נשמות.

דאס ניט ווערן פון א קינד איז זייער א קליינע פאסירונג אין דער
אלגעמיינער ארדנונג פון זאכן. מיר זענען ארומגערינגעלט מיט טויט ;
און דער טויט דארף אונז קיינמאל ניט איבעראשן. פון יענעם מאמענט
ווען מיר הויבן אויף אונזער בליק און הויבן זיך אן ארומקוקן ארום זיך
זען מיר דעם טויט ביי דער ארבייט און געוואוינען זיך צו דערצו.
אלענפאלס דאכט זיך אונז, אז מיר האבן זיך צוגעוואוינט. מיר וויסן,
אז אין א געוויסן טאג וועט קומען דער טויט און וועט אפטאן זיין
שליחות אין אונזערע אייגענע היימן. מיר זעען פארויס אונזער אנגסט!
זאל יעדער איינער אריינקוקן אין זיין אייגענעם הארצן ! עס וועלן זיך
געפינען זער ווייניק מענטשן וואס וועלן ניט אנערקענען די רעוואלוציע
וואס דער טויט האט פאראורזאכט אין זייער גאנצער עקזיסטענץ. מיטן
קומען פון טויט הויבט זיך אן א נייע ערא.. אנטע, פאסט מארטום (בע־
פאר, און נאכן טויט)..- א לעבן איז פארשוואונדן. און דאס לעבן אלס
גאנצעס איז אנגעגריפן, א גאנצע קעניגרייך פון מענטשן, וואס איז
געבטן געווען דאס קעניגרייך פון טאג, איז היינט דאס קעניגרייך פון
שאטן ! אויב אט דער קליינער שטיין, בלויז אט דער איינציקער שטיין
פאלט ארויס פון געוועלבטן דאך, פאלט איין דער גאנצער דאך. גאר־
נישטקייט האט ניט קיין מאס. אויב אט דער קליינער איך איז גארניט ;
איז יעדער „איך“ גארנים. אויב דער וועמען איך האב ליב איז גארנים,

דאָ בין איך וואָס האָב ליב גאָרנישט. ווייל איך עקזיסטיר, בלויז אין דעם וואָס איך ליב... און אַזוי ווערט פּלוצלינג קלאָר ווי ניט רעאַל עס איז אַלעס וואָס לעבט און אָטעמט. יעדער איינער דערבפילט דאָס טיף מיט זיין גאַנצן באַוואוסטזיין; כאָטש ניט אַלע נעמען דאָס אויף אויף דעם אייגענעם שטייגער; יעדער דערפילט די אייטעלקייט פון לעבן מיט אַלע זיינע גלידער, מיט דעם אינסטינקט און מיטן שכל. צי ער קוקט דעם אמת גלייך אין די אויגן, צי ער קערט אָפּ זיין בליק אַן אַ זייט און אַנטלויפט פון אמת.

אין דעם פאַמיליען בוים פון וועלכן עס איז אָפּגעבראָכן געוואָרן דער קליינער צווייג, אָדעט, זיינען די אַנדערע צווייגן ווייטער געוואַקסן. אָבער ווייניגסטענס אין דער אַנטוויקלונג פון דריי פון די פיר זענען פאָרגעקומען ענדערונגען.

ווייניקער פון אַלע האָט געליטן דער פאָטער. אין דעם טאָג פון דער לויה איז געווען אַ צער צו קוקן אויף אים. ער האָט געסאָפּעט מיטן האַלז, און אַזוי שווער געאָטעמט ווי אַ געפאַלענער פערד. אָבער מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז ער צוריק געווען פאַרכאַפּט פון זיינע געשעפטן און פון די מעכטיקע פאָדערונגען פון זיין פיזישן לעבן. ער האָט געאַרבייט, געגעסן פאַר צוויי, אַרומגערייזט און פאַרגעסן.

פון די צוויי פרויען האָט אָנעט אויסגעזען צו זיין די אמת'ע מוטער פון דער פאַרשטאָרבענער מיידעלע. זי האָט זיך ניט געקענט טרייסטן. איר טרויער איז אויף אַזוי פיל טיפער און ביטערער געוואָרן אויף וויפיל די שפּאָרן פון דעם קינד זיינען אָפּגעווישט געוואָרן. אָדעט איז געווען פאַר איר אַ מין אויסדערווײלט קינד, ניט געשאַפן פון איר קערפּערלאַך, אָבער פון איר באַדערפעניש פאַר ליבע; מער איר קינד, ווי סילוויעס, מער אירס ווי איר אייגענער זון. זי האָט זיך באַשולדיגט אין דעם, אַז זי האָט געקאַרגט פאַר אָדעטן צערטלאַכקייט, און אַט דאָס קליינע דורשטיקע האַרץ האָט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט גענוג אָנזעטיקן דערמיט. זי האָט זיך איינגערעדט אַז בלויז זי איז די איינציקע וואָס איז געבליבן טריי דעם אָנדענקען פון קינד צו וועמען אַלע אַנדערע זיינען געווען פאַלש.

סילוויע איז איצט געווען מאָדנע פריילאַך, לעבעדיק און באַשעפטיגט. זי האָט גערעדט הויך אויפן קול, מיט אַ לאַנגווייליקן פליסענדן שטראָם פון ווערטער וואָס איז דאָ און דאָרט געווען באַלעבט מיט אַ

פרייעם שפּאַס, אָדער געפּעפּערטן גראַבן וויץ, פון וועלכן איר קליינע גרופּע ארבייטעריגס האָבן זיך געקייקעלט פון געלעכטער. מארק, ווען עֵר פלעגט אים אַמאָל אויסקומען זיין דערביי, האָט דאָס אַלעס שטילינ־קערהייד ממש אריינגעזאַפּט אין זיך. ער האָט זיך אויך געזוכט צו פארווײלן; ער האָט ווייניקער געארבייט און איז מער ארומגעלאָפן איבער די גאַסן, זוכענדיק אַלע מאָל די געלעגענהייט צו טאָן גאָרניט און צו לאַכן. זיין אָרגאַניזם האָט געקעמפט געגן די שרעקן און פאַר־צווייפלונג וואָס האָבן אָנגעפילט זיין נשמה. ווער האָט דאָס געקענט באַמערקן? מענטשן זענען ניט דורכזיכטיק איינע פאַר די אַנדערע; מיר זעען אוים גלייכגילטיק אַפילו דאַן ווען מיר וואָלטן זער שטאַרק געוואָלט עפענען אונזער נשמה, נאָר מיר קענען דאָס ניט טאָן... ווייל אין ליידן איז אומעגלאַך זיך צו באַהעפטן.

די אינטעסיווע צוגעבונדענקייט צו דער פארשטאָרבענער, האָט געוועקט אין אַנעט אומגערעכטיגקייט צו די לעבעדיקע. זי האָט געזען בלויז זייער עגאָאיזם. מיט אַלע מיטלן האָט דאָס לעבעדיקע זיך גע־זוכט אומקערן צום לעבן, עס האָט פּראָבירט זיך ארויסרייסן און באַ־פרייען פון דער שווערער מאַסע פון ערינערונגען. זי איז געווען ברוגז אויף זיי דערפאַר.

איינמאָל, — דאָס איז געווען אַ זונטיק, — מארק איז אוועקגע־גאַנגען מיט לעאָפּאָלדן צו אַ באַל־שפּיל. אַנעט קומענדיק צו סילוויען האָט געפונען די טיר אָפן. זי איז אריין אין הויז און האָט דערהערט אַ שווערן און טיפן קרעכצן. סילוויע איינע אַליין, פארשלאָסן ביי זיך אין צימער האָט עפּעס גערעדט און געוויינט. אַנעט איז ארויסגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און האָט פארשלאָסן די טיר. זי האָט אַנגעקלונגען. סילוויע האָט איר געעפנט; אירע אויגן זענען געווען רויט. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז פארקילט און האָט גערעדט מיט אַ טומעלדיקער אָדער בעסער געזאָגט וואָלגאַרער לעבהאַפטיגקייט. זי האָט אַנגעהויבן צו דערציילן איינע פון יענע שונד מעשיות וואָס האָבן זיך ביי איר לעצטענס גאָר ניט אויסגעלאָזן. אַנעט איז אַנטפאַלן דאָס האַרץ. איז דאָס מעגלאַך, האָט זי זיך געמאַכט? געמאַכט האָט זי זיך בלויז אויף האַלב. אָפּנאַרן האָט זי געשטרעבט אַ סך מער זיך אַליין ווי אַנדערע. אַ שרעקלאַכע און טיפע פארצווייפלונג אָן אַן אויסוועג, אָן אַ שטראַל פון האָפנונג האָבן געבראַכט צו אַ שפּאַסהאַפטיגער פאַראַכטונג צום לעבן.

אויב זי האָט ניט געוואָלט שטאַרבן איז פאַר איר ניט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג ווי זיך צו פאַרגעסן הינטער אַ מאַסקע פון זאַרגלאָזן ציניזם וואָס האָט ביסאַלכוויז געענדערט אירע שטריכן און האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין איר אמת'ן פּנים. אַלץ איז נאַרישקייטן! קיין זאַך פאַרדינט ניט קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט! אייגענטום, עהרע... ס'אַרא אומגעלומפּערטע נאַרישקייטן!... מען דאַרף קיין זאַך ניט נעמען ערנסט... מען דאַרף לאַכן פון לעבן, און געניסן אַלע פאַרגעניגענס. בלויז אַרבייט האָט נאָך אַלץ עקזיסטירט. ווייל אַרבייט איז געווען פאַר איר אַן אמת'ע נויטווענדיגקייט, אָן אַרבייט האָט זי ניט געקענט אויס־קומען. אַ סך אַנדערע זאַכן האָבן פאַרטגעזעצט צו לעבן אונטער אַט די אַלע חורבות. דער אינסטינקט איז געווען אין סילוויען אַ סך שטאַרקער אַנטוויקעלט ווי דער שׂכל. זי איז געווען גרייט אַלעס אין זיך צו צו־שטערן, בלויז איר געפיל צו אַנעט און איר זון זענען פאַרבליבן אומ־באַרירט. אַט די דריי זענען געווען איין גאַנצעס, ווי איין פערזאָן! אָבער אַט די אינסטינקטיווע, כמעט דורכאויס מאַטעריעלע ליבע האָט זיך זייער גוט איינגעלעבט מיט שלעכטע געפילן. סילוויע האָט ניט גע־שפּירט קיין שום צערטלאַכקייט ניט צו זיך ניט צו אַנעט. זי האָט זיך באַנומען ו איר מיט שפּאָט און חוצפּה, ווייל אַנעטס שטענדיקע ערנסט־קייט, איר שטילער טרויער אַנגעלאָדן מיט ערינערונגן האָט גערייצט סילוויען ווי אַ שטומער פאַרוואורף.

יאָ, אַן אמת'ער פאַרוואורף. אַנעט איז ניט געווען גרויסמוטיג גענוג אום צו שאַנעווען איר שוועסטער, כאָטש זי האָט גוט געוואוסט, אַז סיל־וויע ליידט פון איר פּיין און אַנגסט, ווי אַ געיאָגטע חיה אַנטלויפט פון הינט, און עס האָט איר ווי געטאָן פאַר איר. רחמנות און מיטגעפיל האָט אַרויסגערופן ביי אַנעט די הילפלאָזיגקייט און פאַרביטערקייט פון דער מענטשלאַכער נאַטור. צו דער אייגענער צייט האָט זי געפילט אַ גרויס פאַראַכטונג צו איר דערפאַר וואָס צוליב איר אייגענער רעטונג איז זי פעהיק צו אָפּפערן אירע טייערסטע אוצרות און איז אימער גרייט צו פאַרראַטן אירע פאַרבאַרגענע געפילן, אבי יי זאָל נאָר אויף אַזאַ אופן קענען אויסמיידן די גרויזאַמע פאַרפאָלגונגן פון אירע ליידן. דאָס האָט איר נאָך מער פאַרדראָסן דערפאַר וואָס אין איר אייגענעם האַרצן האָט זיך דערוועקט אַ קליינמוטיקער דורשט צום לעבן. זי האָט זיך אַליין געוואָלט באַשטראָפן דערפאַר.

אין די ערשטע עטלאכע מאנאטן נאכן אומגליק האט אנעט ארויפגעצוואונגען אויף איר הארצן א שטרענגע און הארטע דיסציפלין. אונטער א שטאלצער און פעסעמיסטישער צוריקגעהאלטענקייט האט זי באהאלטן איר פארוואונדעטע ליבע.

נאכן פינסטערן ווינטער איז געקומען פסח. אין אט דעם זונטיקדיקן פרימארגן האט אנעט ארומגעוואנדערט איבער פאריז. דער הימעל האט צוריק געבליט; די לופט איז געווען באוועגלאז. מיט איר נשמה איינגעהילט אין טרויער האט זי געהערט די נאך דער היים פארביינקטע טענער פון די קירכן גלאקן, די העלע קלאנגען האבן איר פארכאפט אין א נעץ־געוועב און האבן איר ווי ארויסגעשליידערט פון שטראם פון אט דעם גלייכגילטיגן דור צו די ברעגן וואו עס רוט דער טויטער גאט. זי איז אריינגעגאנגען אין א קירכע. זי איז קוים איבערגעטראטן די שוועל ווי די טרערן האבן איר אנגעהויבן צו שטיקן. די טרערן וואס זי התא אזוי לאנג אונטערדריקט און צוריקגעהאלטן האבן זיך געגאסן און געגאסן ווי פון א קוואל. אין א ווינקל פון קלויסטער האט זי זיך אראפגעלאזן אויף די קני און מיט א געבויגענעם קאפ האט זי לאנג, לאנג געוויינט. קיינמאל ביז איצט האט זי געפילט אזוי טיף די גאנצע טראגישע באדייטונג פון אט דעם טאג. זי האט גהערט דעם ארגאן, זי האט געהערט דאס געזאנג, דאס פריידיקע לויב געזאנג!... פרייד!... סילוויעס געלעכטער, דאן ווען איר נשמה וויינט אין דער שטיל... יא, איצט האט זי דאס קלאר פארשטאנען. דער ארימער פארשטארבענער קען קיינמאל ניט לעבעדיק ווערן. נישטא קיין תחית המתים פאר די טויטע. בלויז די אייביגע פארצווייפעלטע ליבע צו דעם אייגענעם בלוט מאטערט זיך דורות לאנג און מאכט פון זיך א תל זוכנדיג אפצולייקענען די ווירקלאכקייט פון טויט. דאך, וויפיל מער פראכט און רעליגיעזן געפיל ענטהאלט אין זיך אט דער שוידערלאכער אמת, ווי די אילוזיע וועגן תחיית המתים! אט די ליידענשאפטלאכע און הארצרייסענדע זעלבסט־נארעריי פון הערצער וואס ווילן ניט און קענען ניט שלום מאכן מיט דעם פארלוסט פון זייערע ליבע.

זי האט זיך מיט קיינעם ניט געקענט טיילן מיט אירע געדאנקען. איינגעשלאסן אין זיך מיט דער קליינער טויטער מיידעלע, האט זי איר באשיצט פון דעם סאמע שרעקלאכן טויט, פארגסענהייט. זי איז

געוואָרן איבערמעסיג שטריינג סיי צו זיך, סיי צו אַנדערע. נאָר אין לעבן האָט יעדער ווידערשטאַנד צו אַ געוויסער אידעע, שטימונג, אָדער אַרט דענקען פּונקט די פאַרקערטע ווירקונג. ווי די, צו וועלכער מיר שטרעבן. אַנעטס נייגונג צו טאַדלען האָט געצוואונגען יענע וועמען זי האָט געטאַדעלט נאָך בולטער צו אונטערשטרייכן, אַז זיי זענען ניט איינשטימיק מיט איר. דער אָפּגרונט איז געוואָרן נאָך טיפער.

אַ פאַלקאַמענער אָפּגרונט האָט זיך אַנטוויקעלט צווישן דער מוטער מיטן זון. מאַרק האָט זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט פון אַנעט. דער אַנטאַגאַניזם צווישן זיי איז שוין פון לאַנג רייף געוואָרן. נאָר ביז איצט איז דאָס קינד געווען פאַרשלאָסן, פאַרביסן און פאַרזיכטיק. אין לויף פון דעם לאַנגען פעריאָד וואָס ער האָט פאַרבראַכט אויסשליסלאַך אין דער געזעלשאַפט פון זיין מוטער האָט ער זייער שטאַרק אויסגע־מיטן זיך צו קריגן מיט איר. די כוחות זענען ניט געווען קיין גלייכע. מער פון אַלץ האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים לאָזן צו רו. ער האָט מער געהערט ווי גערעדט. אויף אַזאַ אופן האָט זי בּיסלאַכווייז אַנטפּלעקט פאַר אים אַלע אירע שוואַכקייטן; ווען ער האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אויסגעגעבן.

אָבער איצט, ווען ער האָט געפונען, אַז זיין מומע איז איינשטימיק מיט אים, האָט ער אָנגעהויבן פאַרנאַנדערעפענען זיינע קאָרטן? פריער פלעגט זיין מוטער אָפט אין כעס ווערן אויף אים דערפאַר, וואָס ער באַהאַלט זיך ווי אַ מאַלוסק אין זיין שאָלאַכץ. זי פלעגט אים זאָגן:

— אַ נו, קריך נאָר אַרויס! שטעק אַביסל אַרויס דאָס קעפּעל! האָסטו אַ צונג? ער האָט געהאַט אַ צונג. אַנעט האָט איצט געקענט זיין צופרידן. ער האָט איצט גערעדט. אָדער עס וואָלט שוין געווען אַ סך בעסער ווען ער וואָלט ווייטער געשוויגן. וואָס פאַר אַ דיספּוטאַנט איז ער געוואָרן! ניין, ער האָט זיך מער ניט געשראָקן צו ווידערשפּרעכן זיין מוטער... ער האָט געהאַט וואָס אויסצוזעטצן געגען יעדן וואָרט אירען. און נאָך אין וואָס פאַר אַ חוצפּהדיקן טאָן...

דאָס האָט פּאַסירט פּלוצלינג, אומדערוואַרטעט; זיכער איז, אַז סילוויע, וואָס האָט אים שטילערהייט צוגעגעבן מוט דערצו איז ניט גע־ווען ריין פון זינד אין דער אינזיכט... אָבער די אמת'ע אורזאַכע איז גע־לעגן אַ סך טיפער. די ענדערונג אין זיין אויפירונג איז צוזאַמענגעפאַלן מיט דער ענדערונגען אין זיין אָרגאַניזם. ווייל עס איז אָנגעקומען דער אי־

בערגאַנגס עלטער. אין פאַרלויף פון עטלאַכע מאָנאַטן איז דער אינגעל געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער. — אַ ווילדער און קאַפּריזנער. ווי פריער פלעגט ער צייטנווייז גאַנצע טעג ניט רעדן אַ וואָרט. אָבער דאָס איז שוין מער ניט געווען דער העפלאַכער און שלום זוכענדער און עטוואָס שעמעוודיקער שווייגן פון אַ קינד וואָס שטרעבט צו גע־פעלן די דערוואַקסענע; אין אים האָט זיך איצט געפילט אַ מין שטייפ־קייט און פיינטלאַכקייט.

זיין שאַרפקייט, גראָבקייט, אומהעפלאַכקייט און אומפאַרשטענד־לאַכע גרויזאַמקייט מיט וועלכער ער האָט פאַרשטויסן יעדן פאַרזוך זיך צו דערנעהענטערן צו איר, האָבן פאַרשאַפן אַנעט אַ טיפן און שמערצ־לאַכן ווייטאַק. זי איז געווען גאַנץ גוט באַוואָפנט פאַר דעם קאַמף אין לעבן, אָבער אין באַצוג צו נאָהענטע האָט זי זיך געפילט אינגאַנצן אַנטוואָפנט. איין איינציג גראָב וואָרט פון איר זון האָט זי פאַרוואונ־דעט ביז טרערן. זי האָט זיך געמיט אים דאָס ניט אַרויסווייזן, אָבער ער האָט זער גוט דאָס פאַרשטאַנען, און דאָך האָט ער ווייטער געטאָן דאָס זעלבע; ער האָט אַזוי ווי געזוכט צו טאָן פונקט דאָס וואָס איז געווען אומאָנגענעם פאַר זיין מוטער.

ער וואָלט זיך געשעמט צו באַנעמען אַזוי מיט פרעמדע. אָבער זי איז דאָך זיכער ניט געווען פאַר אים קיין פרעמדע! מיט איר איז ער געווען פאַרבונדן — און נאָך ווי אַזוי! ווי אַ לעבעדיקע פרוכט, וואָס רייסט זיך אַרויס, ווען עס שלאָגט די שעה, פון דער מוטערס געבויר־מוטער. ער איז באַשאַפן געוואָרן פון איר בלוט און פלייש, און כדי אָט דאָס פלייש צו פאַרוואַנדלען אין זיין אייגנס מוז ער דאָס צוביסן.

מאַרק האָט פאַרמאָגט אַ סך עלעמענטן, וואָס ער האָט געירשענט פון אַ גאָר אַנדערע ראַסע ווי זיין מוטערס. אָבער ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט קלינגען, די גרעסטע קאָנפליקטן צווישן אים און זיין מוטער זענען פאָרגעקומען ניט אויף דעם באָדן פון אָט די פרעמדע עלעמענטן, נאָר גראָד אויף דעם באָדן פון די געמיינשאַפטלאַכע. מאַרק האָט אויפּער־זיכטיק געדורשט נאָך זעלבסטשטענדיגקייט, און האָט נאָך ניט גע־וואוסט געגוי וואָס ער דאַרף איז זיך פאַרטיידיקן. אים האָט זיך גע־דוכט אַז די מינדסטע ענלאַכקייט צו זיין מוטער דראָהט אים מיט פאַרניכטונג פון זיין אינדיווויד. דער אינסטינקט פון זעלבסטשוץ האָט אים געצוואונגען צו אונטערשטרייכן זיין ניט ענלאַכקייט צו איר.

וואָס זי האָט ניט געזאָגט אָדער געטאָן האָט ער געזאָגט אָדער געטאָן פּונקט דאָס פאַרקערטע. ווען זי האָט אים אַרויסגעוויזן צערטלאַכקייט, איז ער געווען גלייכגילטיק, ווען זי איז געווען פאַרטרווילאַך, איז ער געווען פאַרשלאָסן אין זיך, ווען זי איז געווען היציק איז ער געווען קאַלט און שניידענד. און אַלץ וואָס זי האָט באַקעמפט, אַלץ וואָס איז איר געווען דערווידער (אַ, ווי גוט ער האָט זיך אין דעם פאַרנאַנדער־געקליבן) איז עס שוין צוליב דעם אַליין געוואָרן אַנציהענד פאַר אים. און ער האָט זיך זער געאײַלט דאָס איר מיטטיילן. זי האָט דער מאָראַל צוגעגעבן זער אַ גרויסע באַדייטונג... דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז דאָס אינגעל זאָל זיך באַטראַכטן פאַר אַ אוממאָראַלן. וועגן דעם האָט ער גערעדט און ממש פראָקלאַמירט עס אין אַלע גאַסן.

— מאָראַל איז אַ פיקציע — אַן אויסגעטראַכטע נאַרישקייט, האָט ער דערקלערט צו זיין מוטער. די צוטרווילאַכע אַנעט האָט דאָס גענומען ערענסט. זי האָט דאָס אַלעם צוגעשריבן צו דער שלעכטער ווירקונג פון סילוויע, וועמען עס האָט פאַרשאַפן פאַרגעניגן צו זייען אומאָרדנונג אין דער קליינער פאַרנומפטיקער קולטיווירטער נשמה... זי האָט אַריינ־געוואָרפן אין די בלומען בייטן ווילדע קערן! זי האָט אַריינגעטראָגן אומאָרדנונג אין די אונטערגעשווירענע אַלעען!.. און איר האָט זיך געדוכט אַז זי טוט דאָס אין די אינטערעסן פון דעם קינד!... „דאָס אָרימע אינגעל וואָקסט אין אַ אָראַנזשערעיע אונטער אַ גלעזערנעם קאָלפּעק!... מען דאַרף אים צושטרייטן“! איר ליבע צו איר שוועסטער האָט צו דער זעלבער צייט איר ניט געשטערט פאַראַבירן אַוועקצוגנבענען ביי איר דאָס האַרץ פון איר זון. אין דעם האָט זי געפינען אַ גרויזאַמען פאַרגעניגן. מיט דער שאַרפקייט וואָס ער געשפּירט אַלץ וואָס האָט געהאַט צו אים די מינדסטע שייכות האָט דאָס קינד באַמערקט דעם געפעכט וואָס האָט זיך צו ליב אים פאַרבינדן צווישןביידע שוועסטער. און נאַטירלאַך האָט ער דאָס אויסגענוצט אויף זיין שטייגער. דאָס דורכגעטריבענע אינגעל האָט קלוימערשט אָפּגעגעבן דעם פאַרצוג סילוויען און האָט שטאַרק הנאה געהאַט און זיך האַרציק געפרייט ווען ער האָט געזען, אַז זיין מוטער איז אייפערזיכטיק. אַנעט האָט מער ניט פראַבירט צו באַהאַלטן איר אייפערזוכט. זי האָט באַרעכטיקט איר אייפערזוכט אַ סך גרינדלאַכער פון סילוויען מיט איר אויפמערקזאַמ־קייט צו די אינטערעסן פון קינד. זיכער האָט סילוויע ליב געהאַט דאָס

אינגעל, און האט אויך פארמאגט א געזונטן פארשטאנד, איר לייכטזיניקע חכמה האט זיך אפשר געקענט פארמעסטן מיט אן אנדער טיפזיניגער — אפשר! אבער אלענפאלס האט זי ניט געטויגט פאר א דרייצען יאריקן אינגעל. ער האט פון איר ארויסגענומען בלויז דאס שלעכטע. וועקענדיק אין אים דעם אפעטיט צום לעבן האט די מומע ניט געפלאנצט אין אים קיין רעספעקט צו דעם. און ווי צו יענע מענטשן וואס האבן צו פרי פארלוירן זייער רעספעקט צום לעבן, סילוויע האט אויך ניט געקענט האבן קיין גוטע ווירקונג אויף דער אויסבילדונג פון מארקס געשמאקן, א חוץ אפשר אין באצוג צו קליידונג. זי האט אים גענומען צו נארישע קינא בילדער און אומזינקע מוזיק־האלס פון וואנענט ער האט א היים געבראכט נארישע באטויבענדע לידלאך און פארשטעלונגען, וואס האבן ניט געלאזן קיין פלאץ פאר ערענסטע געדאנקען. דאס האט זיך אויך אפגעשפיגעלט אויף זיין לערנען. אנעט איז געווארן אין כעס און האט פארבאטן סילוויען מיטצונעמען מיט זיך דאס אינגעל. דאס איז געווען דער בעסטער מיטעל ווי צו פארשטארקן דעם בונד צווישן מארקן און זיין מומע. ער האט גענומען קוקן אויף זיך ווי אויף א קרבן פון טיראניי און האט זיך דורכגעדרינגען מיט דער איבערצייגונג, אז דער לאזונג פון אן אונטערדריקטן פאלק — איז נקמה. אויף אזא אופן האט אנעט דורך דערפארונג געלערנט, אז די ראלע פון א פאלקס אונטערדריקער איז ניט אלע מאל אן אנגענעמע.

ביי יעדער פאסענדער געלעגנהייט האט מארק געלאזט פילן אנעט אז ער איז א קרבן און אז זי מיסברויכט איר מאכט. גוט, זאל זיין אזוי! זי מוז מיסברויכן איר מאכט כדי אים צו האלטן אין די לייצעס. זי האט מער ניט געקענט טאלארירן זיין חוצפה'דיקן ארט ריידן, און אומאנשטענדקע געוואוינהייט אלץ אויסצולאכן. זי האט זיך באמיט אנטקעגנשטעלן זיינע אנשויאונגען אירע שטרענגע פרינציפען. אט דא טאקע האט ער איר געוואוסט וואס צו ענטפערן! ער האט שוין פון לאנג ארויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט.

איינמאל, ווען ער האט פארטיידיגט א זאך וואס זי האט אים פארבאטן, האט ער זיך געשטיצט אויף דער מומעס ווערטער. אנעט האט פארלוירן איר געדולד און האט דערקלערט אז סילוויע האט א רעכט צו ריידן און טאן וואס זי וויל, אבער דאס וואס עס איז גוט

פאַר איר איז ניט גוט פאַר אים; און ער דאַרף איר ניט נעמען פאַר קיין ביישפּיל.

— ווייל ניט אַלץ אין איר איז ווערט צו אימיטירן... מאַרק האָט אויסגעהערט די טיראַדע און האָט נאָכלעסיג באַמערקט:

— יאָ, זיכער, אָבער זי האָט דאָך אַ מאַן.

אַנעט האָט ניט גלייך געענטפערט. זי האָט ניט געוואָלט פאַרשטיין. וואָס האָט ער געזאָגט?... ניין, דאָס קען ניט זיין!... דערנאָך איז זי רויט געוואָרן. זי איז פאַרגליווערט געוואָרן איבער איר אַרבייט. מאַרק איז געשטאַנען באַוועגלאָז. ער איז ניט געווען איבעריק צופרידן מיט זיך און האָט זיך געשראָקן פאַר דעם, וואָס וועט באַלד פאָרקומען... דאָס שווייגן האָט לאַנג געדויערט, אַ כוואַליע פון כעס און צאָרן האָט פאַרגאָסן אַנעטס שטורעמדיק האַרץ. זי האָט זיך גענומען צייט אויף צו באַרואיקן. דער כעס איז פאַריבער. איראָניע און רחמנות האָבן פאַרנומען זיין אָרט. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן מיט פאַראַכטונג. — אומגליק־לאַכער! — האָט זי געטראַכט. און נעמענדיק זיך צוריק צו דער אַר־בייט, האָט זי געזאָגט:

— און דו, וואַרשיינלאַך, ביזט זיכער אַז אַ פרוי וואָס האָט ניט קיין מאַן און אַרבייט אַליין כדי דערנערן איר קינד פאַרדינט ווייניקער רעספּעקט?

מאַרק האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט גאָרניט געענטפערט און האָט ניט געבעטן מען זאָל אים אַנטשולדיקן. ער איז געווען פאַרשעמט.

אַנעט איז אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן. הייסט עס אַז זי האָט זיך נאָר אומזיסט מקריב געווען! אַז די וועלט זאָל זי טאַדלען — איז זעלבסט פאַרשטענדלאַך. אָבער ער, וועמען זי האָט אַזוי פיל געגעבן! ווי אַזוי האָט ער זיך דערוואוסט? ווער האָט אים אונטערגעזאָגט אַט דעם געדאַנק?... זי האָט ניט געקענט זיין בייז אויף אים, נאָר זי האָט זיך געפילט דערשלאָגן. מאַרק איז רואיק געשלאָפן. אמת אַז ער האָט שטאַרק, שטאַרק חרטה געהאַט און זיין געוויסן האָט אים געפּלאָגט אָבער דער שלאָף איז געווען שטאַרקער און האָט אים גובר געווען. איבער נאַכט וואָלט ער געווען אַלץ פאַרגעסן אָבער דער באַזאָרגטער בליק פון דער מוטער האָט אים ווידער דערמאָנט. עס האָט אים פאַר־דראָסן וואָס די מוטער האָט ניט פאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה אַזוי ווי ער. עס האָט אים באַנג געטאָן, אָבער צוגעבן אַז עס טוט אים באַנג

האָט ער ניט געקענט. און דאָס האָט אים באַאומרואיגט און דערפאַר איז ער, לויט זיין קינדערשער לאָגיק, געווען בייז אויף זיין מוטער.

וועגן דעם געשפּרעך האָבן זיי ביידע קיין וואָרט ניט דערמאָנט. נאָר זייערע באַציאונגען האָבן זיך געענדערט. אין זייער קושן זיך האָט זיך געפילט אַן אַנגעצויגענקייט. אַנעט האָט אויפגעהערט צו באַהאַנדלען איר זון ווי אַ קינד.

ווי אַזוי האָט ער זיך דערוואוסט? די געשפּרעכן אין שול האָבן אים געצוואונגען זיך צו פאַרטראַכטן וואָרום טראָגט ער דעם נאָמען פון זיין מוטער. ער האָט זיך דערמאָנט אין איינציגע אומפאַרשטענדלאַכע אַנדייטונגען וואָס ער האָט אַמאָל געהערט אין זיין מומעס פאַרשטאָט. און איצט האָט ער זיי פאַרשטאַנען, אין עטלאַכע אומפאַרזיכטיקע ווערטער וואָס סילוויע האָט געזאָגט צו אַנעט... ער האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז זיין מוטער איז פּאַב אים אימער געווען אַ רעטעניש, און אַז אָט דאָס אומפאַרשטענדלאַכע אין איר האָט אים אימער אי גערייצט, אי געצויגן. מיט דעם שאַרפן געהער פון אַ יונגן הונט האָט ער דערשמעקט אין איר ליידנשאַפטן; דער פאַרגעפּיל פון וועלכע האָט שוין געפלאַטערט אין זיין האַרצן. אויפן גרונט פון אָט דעם גאַנצן מאַטעריאַל זענען אים געקומען אין קאָפּ פאַרשידענע מאָדנע אומגעלומפּערטע איינפאַלן. דער סוד פון זיין געבורט האָט געוועקט אין אים נייגעריגקייט. ווי אַזוי דערגייט מען אָט דעם סוד? די ווערטער וואָס האָבן אַזוי שטאַרק באַליידיגט זיין מאַמען, זענען אין אַ געוויסער מאָס געווען אַ נעץ אין וועלכער ער האָט איר געוואָלט אַריינכאַפּן, אין זיין האַרצן איז געווען אַ געמישטער געפיל פון פאַרביטערטקייט און נייגעריגקייט, אין באַצוג צו דעם וואָס האָט פּאַסירט און וועגן וועלכן ער האָט גאָר ניט געוואוסט. ער האָט ניט געוואָגט זיך פאַרנאַנדערפרעגן ביי סילוויען; ער האָט אויף זיין אייגענעם שטייגער שטאַלצירט מיט זיין מוטער, און האָט פאַרדעכטיגט אַז אימיצער איז באַגאַנגען גענען איר אַן אומרעכט. ער האָט אָבער געדיינקט אַז ער האָט דאָס רעכט צו זיין ברוגז אויף איר דערפאַר, וואָס זי באַהאַלט פון אים אַזאַ וויכטיקן סוד. אָט דער סוד איז געשטאַנען צווישן זיי ביידן ווי אַ פרעמדער מענטש.

באמת אַ פרעמדער... מאַרקן איז אַפילו ניט איינגעפאַלן אַז ער האָט גאַנץ אָפט אַרויסגערופן אין אַנעטס נשמה דאָס געשטאַלט פון

דעם פרעמדן — זיין פאָטער — און וואָס איז נאָך געווען אַ סך ער־גער, — די פאַמיליע בריסאָט. אין דעם פאַרבאַרגענעם קאַמף וואָס איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען צווישן דער מוטער און זון, האָט ער זיך אינסטינק־טיוו באַנוצט מיט אַלץ וואָס איז אין זיין נאַטור געווען געגענגעזעצט צו פונקט אַזוי ווי עס האָט אַמאָל געהאַנדלט בריאָט: דער באַרימטער פונקט אַזוי ווי עס האָט אַמאָל געהאַנדלט בריסאָט: דער באַרימטער שמייכעל, יענע זעלבסט צופרידענהייט, יענע געמאַכטע וויצעלדיגקייט, און פאַרבאַרגענע פיינטלאַכקייט, וואָס איז אומעגלאַך צו באַקעמפן! דאָס אַלץ האָט געשוועבט אין אים ווי אַ שאָטן, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון ליכט און וואַסער. דערקענענדיק אין אים ראַדושערס משפּחה, האָט אַנעט געטראַכט:

— זיי האָבן אים צוגענומען ביי מיר!

— אַ פרעמדער? שוין זשע, באמת אַ פרעמדער? — ניין, זיכער ניט. ער האָט בלויז איבערגענומען זייערע שטריכן און זייער געווער. אָבער די האַנט וואָס האָט דאָס געווער געהאַלטן איז געווען באַשאַפן פון דיזעלבע עלעמענטן וואָס די מוטער האָט פאַרמאָגט. אָט די ניט געהאַרכזאַמע האַנט וואָס האָט אויפגעהויבן אַ קאַמף צווישן צוויי איי־גענע און נאָענטע וועזענס האָט געפאָלגט דעם מאָדנע אומפאַרשטענד־לאַכן ווילן פון ליבע און שיקזאַל.

XXXII

ער האָט ניט געהאַט קיין פריינט. אָט דער דרייצן יאָריק אינגעל וואָס האָט פאַרבראַכט יעדן פרימאָרגן און נאָכמיטאָג אין אַ קלאַס מיט דרייסיק אַנדערע קינדער איז געווען אָפּגעזונדערט פון זיינע חברים. ווען ער איז געווען קלענער האָט ער געהאַט פאַרגניגן פון אַרומלויפן, פלאַפּלען, שפּילן און שרייען. אָבער אין לויף פון די לעצטע צוויי יאָר פלעגט אים אָפט אַרומכאַפּן אַ פאַרלאַנג צו שווייגן, און אַ דורשט נאָך איינזאַמקייט. אָבער דאָס האָט נאָך ניט געמיינט אַז ער האָט ניט געהאַט מער קיין באַדערפעניש אין חברים. ער האָט זיך גענויטיגט אין זיי אפשר אַ סך מער ווי פריער. און דאָס איז טאַקע געווען די גאַנצע זאַך. ער האָט זיך צופיל גענויטיגט אין חברים. ער האָט צופיל געפאָ־דערט פון זיי ווייל ער האָט געקענט אַ סך געבן. אַ פרילינגס שטאָם

באַדעקט מיט שטעכאַלקעס, אַן אַרומגעצאַמטע זעלבסט־ווירדע. די מינדסטע קלייניגקייט איז געווען גענוג אים צו באַליידיקן. און ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר באַליידיגונגען. און נאָך מער צו באַווייזן אַז ער פֿילט זיך באַליידיגט: דאָס איז געווען אַ שוואַכקייט וואָס מען האָט ניט געטאָרט אַנטפּלעקן פֿאַר קיין שונא. (אין יעדער פּרינץ איז אין דערזעלבער צייט אַביסעל אַ פּיינט).

דאָס וואָס ער האָט זיך אַנגעשטויסן, אָדער ריכטיגער זיך פֿאַרגעשטעלט וועגן זיין אַפּשטאַם און זיין מוטערס פֿאַרגאַנגענהייט, האָט אַרויסגערופֿן ביי אים אַן אומרואיקע מאַטערניש און עס האָט דערגרייכט אין אים ביז אומגעלומפּערטקייט, קאַמיזם אַון קליינלאַכקייט. די ראָמאַנען וואָס ער האָט געלייענט האָבן צוגעהאָלפֿן דערצו. ער איז געווען איבערצייגט אַז ער איז ניט קיין „גווזעצלאַך" קינד (די ראָמאַנען וואָס ער האָט געלייענט האָבן אים אָנגערופֿן מיט אַ האַרבן וואָרט), ער האָט געפֿונען אַ וועג ווי צו זיין שטאָלץ אויף דעם. ער איז געווען נאָענט דערצו, אַז ער זאָל געפֿינען אין דער אַרכאַאישער באַליידיגונג דעם פֿאַרשימלטן צויבער פֿון עטוואָס אַריסטאָקראַטישעס. אים האָט זיך געדוכט אַז ער איז אינטערעסאַנט, ניט ענלאַך צו אַנדערע, איינזאַם און פֿאַרשטויסן. ער האָט מיט פֿאַרגעניגן געטראַכט דערפֿון אַז ער באַלאַנגט צו די דעמאָנישע, ניט געזעצלאַך געבוירענע טיפּן פֿון שילער און שעקספּיר. דאָס האָט אים געגעבן דאָס רעכט אַרויסצואווייזן פֿאַראַכטונג צו דער וועלט אין גדלות'דיקע מאָנאָלאָגן — שטילערהייד.

אָבער אין „געזעלשאַפֿט", אין שול למשל, אין קרייז פֿון חברים האָט ער זיך געפֿילט אומאַנגענעמן; זיין סוד האָט אים געדריקט און ער האָט מורא געהאַט אַז זיי זאָלן זיך ניט אָנשטויסן. זיין מאָדנע באַנעמונג, זיין באַשטימטער פֿון שיקזאַל בליק, זיין דין קול וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ברעכן, זיין צאַרט מיידלש פּנים, זיין פֿאַררויטלן זיך, צוזאַמען מיט דער חוצפּה פֿון אַ יונגען האָהן, — האָט צוגעשמידט צו זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון זיינע חברים. אַ קליינינק נידערטרעכטיג אינגעל האָט אים גענומען פֿאַרפֿאָלגן מיט ליבעסדערקלערונגען האַלב אין שפּאַס און האַלב ערענסט. דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַ דערשיטערנדן איינדרוק: ביי נאַכט האָט ער זיך דערפֿילט קראַנק פֿון כעס און פֿאַראַכטונג. ער האָט זיך מער ניט געוואָלט אומקערן אין שול, און האָט ניט געקענט דערציילן דער מוטער די אור־

זאַכן. ער האָט אַליין אָן אימיצענס הילף געמוזט געווינען רעספּעקט פאַר זיך. און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— איך וועל אים ערמאָרדן!

כוואַליעס פון עטוואָס נייעס האָבן זיך אויפגעהויבן אין אים און האָבן אָנגעפּליט מיט אומרואיגקייט זיינע גראַנקן.

ער האָט דערגרייכט די צייט, ווען אין אים האָבן דערוואַכט די סעקסועלע כוחות. זיי האָבן אים אי צוגעצויגן אי געשראָקן. זיין מו־טער איז געווען מאָדנע נאַאיוו אין דער אינזיכט, די גאַנצע צייט איז זי געווען מיט אים, און דאָך האָט זי גאָרניט געוואוסט און גאָרניט געזען. ווען זי זאָל זיך געווען דערוויסן אָדער דערזען וואָלט ער געווען געשטאָרבן פון שאַנד. אָבער פאַרבלייבענדיק מיט זיך, האָט ער מיט פאַראַכטונג זיך איבערגעגעבן צו די שרעקלאַכע און דערנידערענדע פאָדערונגען פון אינסטינקט... וואָס האָט געזאָלט טאָן אַ קינד, אָן אַרים קינד וואָס האָט זיך געפונען אין דער מאַכט פון אָט די וואַנזיניקע כוחות? די שוידערלאַך היה׳שע נאַטור צינדט אָן אַ מעכטיקן פייער אין אַ דרייצען יאָריקן קערפּער, און ניט געפינענדיק אין אים קיין שפּייז פרעסט זי אין גאַנצן אויף דאָס קינד. וואו געפינט מען רעטונג? איניקע וואַרפן זיך פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן און פאַרטרינקן זיך אינגאַנצן אין אָן עקזאַלטירטן אַסקעטיזם וואָס רואינירט אויך גאַנץ אָפט דעם קערפּער.

די מאָדערנע יוגנט געפינט זיך אין דער הינזיכט אין גינסטיקערע באַדינגונגען ווי די יוגנט פון פריערדיקן דור. זיי גיבן זיך איבער צו די פאַרשידענאַרטיגסטע אַטלעטישע שפּילן און ספּאָרטן. מאַרק וואָלט מיט פאַרגעניגן געפאָלגט דעם ביישפּיל פון אַנדערע אינגלאַך. אָבער אויך דאָ איז די נאַטור געווען געגען אים. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין פי־זישע קראַפט. אַך, ווי ער האָט מקנא געווען די שטאַרקע! און מיט וואָס פאַר אַ אייפערזוכט ער האָט זיך געשפּיגעלט אין זייער שיינ־קייט ... ער איז געווען באַגייסטערט.. ער האָט געהאַסט.. ער וועט קיינמאָל, קיינמאָל ניט זיין אַזוי!...

פאַרלאַנגען, באַגערן, אַלערליי פאַרלאַנגען, ריינע, אומריינע — אַ גאַנצער כאַאָס!... זיי האָבן ווי טייוואַלים אים אַרומגערינגעלט. ער וואָלט זיך געווען פאַרוואַנדעלט אין אַ שפּילצייג פון צופאַל (קיינער האָט אים ניט געקענט העלפן!) ווען ניט דאָס גייסטיקע און אַנשטענ־

דיקע וואָס איז געווען טיף איינגעוואָרצעלט אין אים. און אפשר איז דאָס געווען עטוואָס מער: אַ פּרעקטיקער געטלאַכער אַנהויב וואָס איז געווען די פרוכט פון אַרבייט, מוטיגקייט און לאַנגער אויס־דויערונגס קראַפט פון די בעסער פאַרשטייער פון זיין ראַסע, וואָס וואָלט קיינמאָל ניט אָנגעגאַנגען אויף קיין שאַנדע, שמוץ און געפאַלענ־קייט, וואָס האָט אַזוי אומרואיק און געפילפול אונטערגעהיט אַלץ וואָס איז קליינמוטיק און נידעריק, וואָס האָט פאַרפאָלגט דאָס מיאוסע, און האָט אַריינגעדרונגען אין דעם קלענסטע ריר פון דעם געדאַנק, און אויב אָט דאָס געטלאַכע האָט ניט אַלע מאָל געראַטעוועט פון דערנידערי־גענדע באַרירונגען, האָט דאָס אָבער אים אַלע מאָל געהאָלפן זיך פאַר־נאַנדערקלייבן אין זיך, זיך טאַדלען און שטראָפן...

שטאָלץ!... געלויבט זאָל זי זיין די שטאָלץ!... סאַנקטוס!... ביי אַזעלכע קינדער ווי מאַרק פאַרנעמט שטאָלץ דעם פּלאַץ פון געזונט. זי באַפעסטיקט דאָס געטלאַכע צווישן דעם שמוץ און דינט אַלס אַ רעט־טונגס פונקט. ווער וואָלט אַריבערגעטראָגן דעם קאַמף אין איינזאַמ־קייט, אַן ליבע ווען ניט די שטאָלץ? נאָכוואָס קעמפן, אויב עס פעלט דער גלויבן אין דעם, אַז מען דאַרף פאַרטיידיגן אין זיך עטוואָס הע־בערעס, אין נאָמען פון וואָס מען מוז אָדער זיגן אָדער שטאַרבן!. מאַרק האָט באַשטימט צו באַזיגן אַלץ... צו באַזיגן דאָס וואָס ער האָט פאַר־שטאַנען און ניט פאַרשטאַנען. באַזיגן דאָס פאַרבאָרגענע און עקלהאַפ־טע, באַזיגן די רעטעניש פון דער וועלט און די נידערטרעכטיגקייט אירע. אַך, ער איז אויך דאָ באַזיגט, ווי אין אַלעם! אין זיינע פאַרזוכן צו אַרבייטן לייענען, זיך קאָנצענטרירן, גליטשט ער זיך אַרויס פון זיך אַליין, און געפינט ניט קיין אינהאַלט... אַלע מאָל פאַראַטען אים זיינע כוחות. זיי זענען דאָ — אין אים. נאָר עפּעס אַזוינע אומבאַשטימטע! און זיי פּאַסן זיך אַזוי ווייניק צו דער אָנשטרענגונג פון זיין ווילן און פאַר יענע פּראָבלעמען וואָס ער שטעלט זיך. עס פרעסן אים אימער אויף זיינע פאַרלאַנגען און נייגעריגקייט. בעזונטע און אומגעזונטע ניי־געריגקייט ציט אים אין אַלע זייטן, — אָדער ער ווערט גאָר ווי פאַר־גליווערט און קען זיך צו קיין זאַך ניט נעמען, ער קען זיך אויף קיין זאַך ניט אָפּשטעלן. אי ער פאַרלירט צייט אי ער איילט זיך צופיל. ער איז שוין פאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן אַ צוקונפט, מיט דעם אויסוואַל פון אַ קאַריערע, ער ווייסט, אַז גאָר אין גיכן וועט אים אויסקומען אַנ־

צייכענען זיין ריכטונג, און ער קען זיך אויף קיין זאַך ניט באַשליסן ווייל צו אַלץ האָט ער אַ געמישטע באַציאונג פון אינטערעס און גלייכ־גילטיגקייט, נייגונג און עקל. ער וויל און וויל ניט; ער איז אַפילו ניט אימשטאַנד צו וועלן אָדער ניט וועלן. די מאַשין איז ניט אין אָרדנונג. ער וואַרפט זיך פאַראויס, און ווערט פאַרגליווערט אויפן אָרט. ער קומט אַן צוזאַמענשטויס מיט שטערונגען און פאַלט...

און פאַלנדיק קוקט ער זיך אום. עס טוט אים ווי... ער פייניגט זיך... און פאַר אים איז געווען קלאָרער ווי פאַר אימיצן אַנדערש, אַז די צייט שטרעבט און שטראַמט צו פאַרניכטונג. ס'אַרא אַגנסטלאַכע און נאַגענדע פוסטקייט! ער האָט שאַרף דערשפירט דעם אָפגרונט...

פון דעם אַלעמען האָט זיין מוטער גאָר ניט געזען. זי האָט געזען פאַר זיך אַ קורצזיכטיקן, גאָר קינדיש אינגעל, אַ אינגעל וואָס האָט צו שטאַרק פון זיך געהאַלטן וואָס האָט אימער רעוואָלטירט און איז געווען קרענקלאַך. ער האָט גערעדט מיט אַזוינע הויך קלינגענדע פראַזן, שטענדיק נאָר פאַראורזאַכט צרות, צייטענווייז האָט ער גע־שעפט פאַרגעניגן פון רעדן שמוציגע רייד, און אַן אַנדערש מאָל האָט אים געקענט שאָקירן אַ גאַנץ אומשולדיק פרייער וואָרט. אָבער מער פון אַלץ האָט איר פאַרדראָסן זיין אָפשפּעטן און אָפלאַכן פון אַלץ און אַלעמען. זי האָט אַפילו ניט פאַרדעכטיגט דעם געפיל פון פאַר־ביטערקייט אין אים, נאָך ווייניקער האָט זי פאַרדעכטיקט זיין קאַמף געגן זיין שיקזאַל. ער האָט גרויזאַם געפילט די אומגערעכטיגקייט פון שיקזאַל צו אים. ער האָט געקוקט אויף זיך ווי אויף ניט קיין שיינעם, ניט באַגאַבטן און שוואַכן אינגעל, וואָס טויג צו גאָר ניט; די ווירקלאַכע דורכפאַלן האָט ער געשטעלט אויף איין ברעטעל מיט די אויסגעטראַכ־טע, און אין אַלצדינג האָט ער געזוכט צו געפינען עטוואָס דערנידערי־גענדעס פאַר זיך...

אַט זענען פאַרביי אים דורכגעגאַנגען לאַכענדיק צוויי יונגע אַר־בייטערינס; ער האָט געדיינקט אַז זיי לאַכן פון אים; עס איז אים ניט איינגעפאַלן אַז זיי האָבן דאָס געמאַכט חיינדלאַך צו אים, ווייל זיי איז געפעלן געוואָרן זיין באַשיידענער במעט מיידעלשער אויסזען... אין די אויגן פון זיינע לערער האָט ער געלייענט אַ פאַראַכטענדן רחמנות צו זיין מיטעלמעסיגקייט... ער איז געווען זיכער אַז זיינע חברים פאַראַכטן אים פאַר זיין שוואַכקייט און זען אויף דורך און

דורך זיין קליינמוטיגקייט; ער איז אמאל ווירקלאך קליינמוטיג — ער איז אזוי נערוועז — זיין אויפריכטיגקייט צווינגט אים זיך מודה צו זיין אין דעם; ער פילט זיך באפלעקט פון שאנד, און כדי זיך באשטראפן הויבט ער אן טאן אומיסטן זייער געפערלאכע זאכן, פון וועלכע עס באשלאגט אים א קאלטער שוויים. און דאס דערמוטיקט אים א קליין ביסעלע און קערט אים אום א טראפעלע פון זיין זעלבסט־ווירדע... יא, דער קליינינקער ניקאדים האט אפט אפגעלאכט פון זיך אליין און פון זיינע אייגענע דורכפאלן אבער באשולדיקן באשולדיקט ער אין אלץ די וועלט וואס האט אים אזוי באשאפן און פריער פון אלעמען זיין מוטער.

זיך פארשטייט ניט פארוואס ער האט אזא פיידלאכן אויסזען... ער איז אזא עגאאיסט! ער טראכט נאר וועגן זיך...

יא, ער טראכט טאקע בלויז וועגן זיך. וואס וואלט געווארן פון אים ווען ער וואלט וועגן זיך ניט געוועזן טראכטן? ווער וואלט אים פארטיידיקט ווען ער זאל זיך אליין ניט געוועזן פארטיידיקן?...

פארבלייבענדיק אין צווייען, דערפילן זיי זיך איינזאם און פרעמד. די צייט פון פארטרויליכקייטן איז פאריבער. אנעט ווידער־האלט די געוויינלאכע קלאגן פון מוטערס: וויפיל צוגעלאזענער און צערטלאכער איז ער געוועזן ווען ער איז געוועזן א קליינינקער!

און ער זאגט זיך, אז מוטערס האבן ליב זייערע קינדער בלויז פאר זייער אייגענעם פארגעניגן וועגן. און יעדער מענטש האט בלויז זיך ליב.

ניין, זיי ביידע וואלטן געוואלט ליב האבן איינע די אנדערע! אבער געפינענדיק זיך אין געפאר, דארף מען טראכטן וועגן זיך. דערנאך וועט מען אויך קענען טראכטן וועגן אנדערע. ווי אזוי נעמט מען זיך פאר דער רעטונג פון אנדערע ווען דו ביזט נאך ניט אימ־שטאנד צו באזארגן דיין אייגענע רעטונג? און ווי ראטעוועט מען זיך, ניט אפשטייסנדיק די וואס הענגען זיך אויף דיר?...

XXXIII

ווען אנעט האט דערפילט אז איר זון שטויסט זי אפ פון זיך איז זי אליין אויך געווארן קעלטער צו אים. זי האט מער ניט פאר־

שווענדט אירע כוחות אויף ליבעס געפילן. אַ דאַנק דעם איז איר גייסט געוואָרן פרייער. זי האָט זיך געמיט צו שטילן איר אינטעלעקטועלן הונגער און באַפרידיקן איר באַדערפעניש אין טעטיגקייט. זי האָט אַ גאַנצן טאָג געאַרבייט און דעם גאַנצן אָוונט געלייענט, און ביינאַכט איז זי גוט געשלאָפן. מאַרק האָט איר מקנא געווען אויף איר געזונט און אויך אויף דעם וואָס זי האָט געקענט, — ווי אים האָט זיך געדוכט — ניט ליידן. צו דערזעלבער צייט האָט ער איר פאַראַכטעט דערפאַר.

אַנעט האָט שטאַרק געליטן דערפון וואָס זי האָט ניט געהאַט קיין חבר מיט וועמען זי זאָל קענען טיילן אירע געדאַנקען. די פוסטקייט וואָס האָט זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן האָט אַנעט פּראָבירט צו פאַרלייגן מיט אַרבייט... אָבער אַרבייט, צוליב אַרבייט איז אַזוי פוסט און זינלאָז... וועמען זאָל אַ מענטש אָפּפערן זיינע כוחות?...

אָפּפערן... אָט די באַדערפעניש אין אָפּפערן, וואָס אַנעט האָט געפינען אומעדום אַרום זיך איז אָפּט געווען פאַטעטיש, אָפטער לעכערלאַך. אַנעט איז געווען אַ גוטער בעאָבאַכטער, זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו יענע מענטשן און נשמות מיט וועלכע עס איז איר אויסגעקומען צו קומען אין באַרירונג; זי האָט זיך אַריינגעטאָן אין פרעמדע צרות אַזוי אַז זי איז אַוועק געריסן געוואָרן פון אירע אייגענע. אפשר האָט די נייגעריגקייט אַריבערגעוואונען אין איר דעם מיטגעפיל. אין אָט דעם פּעריאָד פון לעבן ווען איר האַרץ פאַרשטיינערט (אַלענפאַלס האָט זי אַזוי געדיינקט) פון צוזען אַזוי פיל ליידן און ספּעציעל אַזוי פיל דורכפאַלן אויף אַזוי פיל פאַרשידענע געביטן.

פון די פרויען וואָס האָבן, ווי זי געפירט אַ קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ זענען זער אַ סך צוריבן געוואָרן ניט אַזוי פיל פון דער גרויזאַמקייט און האַרטקייט פון לעבן, וויפיל פון זייער אייגענער שוואַכקייט און זעלבסט אָפּפערונג. כמעט יעדער איינציקער פון זיי איז געווען עקספּלאָטירט פון אַ וועלכן ניט איז געפיל, אַז דעם האָבן זיי זיך ניט געקענט באַגיין. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז געווען דער איינציקער זין פון זייער לעבן — דער איינציקער זין פון זייער שטאַרבן.

איינע האָט געאָפּפערט מיט זיך צוליב אַן אַלטער מוטער, אָדער

צוליב אַן ענגאַאיסט אַ פֿאָטער. אַן אַנדערע צוליב אַ נאַרישן מאַן. אָדער אַ מענטשן וואָס האָט זי באַטראָגן. אַ דריטע... (די דריטע — דאָס בין איך אַליין!...) צו ליב אַ קינד וואָס איז גלייכגילטיק צו איר, וואָס וועט זי פֿאַרגעסן. וואָס איז פּעאיק איר צו באַטריגן... אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס! ווען איך געפֿין פֿרייד אין דעם. וואָס איך ווער פֿון אים באַטראָגן, אָפּגענאַרט און פֿאַרגעסן!... אַז עס פֿאַר־שאַפֿט מיר פֿאַרגעניגן צו זיין געשלאָגן... נאַריש און אומגעלומ־פּערט דאָס איז! און אַנדערע, די וואָס האָבן ניט פֿאַר וועמען זיך צו אָפּפֿערן, זענען מיר מקנא! זיי טראָגן זיך אַרום מיט אַ הונט אָדער מיט אַ קאַץ אָדער מיט אַ פֿויגעל!... יעדער פֿרוי האָט עפּעס אַ מין אָפּגאָט. אויב אַן קיין אָפּגאָט קען מען ניט אויסקומען, טאָ זאָל שוין בעסער זיין אָרט פֿאַרנעמען אַ גאָט! אין אים איז כאָטש, אַמ־ווייניגסטן דאָ גרויסקייט... און ביי מיר איז אויך דאָ אַ גאָט. מיין אומבאַקאַנטער גאָט, — איז מיין פֿאַרבאָרגענער אמת... און דאָס איז וואָס טרייבט מיך אַזוי לײַדענשאַפֿטלאַך אַט דעם אמת צו זוכן. אפשר איז דאָס אויך אַ זעלבסט נאַרעריי. דערוויסן זיך וועגן דעם וועל איך בלויז דאַן ווען איך וועל דערגרייכן מיין ציל. און אויב דער אמת איז אפילו פֿאַלש, און איז קיין אמת ניט, איז אין אים, אַמווייניגסטן, דאָ עטוואָס גרויסעס, דערהויבענעס, און ער איז ווערט די מי אים צו זוכן...

אַנעט האָט רעוואָלטירט געגען דער אומזיניגקייט פֿון אייניקע קרבנות. ניין, די נאַטור קען ניט פֿאַרלאַנגן אַז דער בעסערער זאָל אָפּפֿערן מיט זיך פֿאַרן ערגערן... און, אויב זי זאָל דאָס אפֿילו יאָ וועלן, — אין נאָמען פֿון וואָס, מוז איך זיך אונטערגעבן? אָבער זי וויל דאָס אפֿילו ניט. די נאַטור פֿאָדערט אַז מען זאָל זיך מקריב זיין פֿאַר דאָס בעסטע, פֿאַר דאָס גרעסטע, פֿאַר דאָס שטאַרקסטע...

אָפּפֿערן, אום יעדער פּרייז. אָפּפֿערן זיך פֿאַר דאָס בעסטע, ווי פֿאַר דאָס ערגסטע, ווייל אַזאַ אָפּפֿער איז פֿאָלקאָמענער, אַן אָפּפֿער צוליב אָפּפֿער. — יאָ, דאָס אַלעס שטימט מיט דער פֿאָרשטעלונג וואָס זיי האָבן וועגן גאָט!... קרעדאָ קוויאַ אַבסורדום. וואָס פֿאַר אַ הערשער אַזאַ דינער!... דאָס, איז פֿאַרשטייט זיך, דער זעלבער גאָט. וואָס דיינקט, אַז אַלץ וואָס איז אויפֿגעטאָן געוואָרן פֿון אים איז אויסגעצייכענט. — אויפֿן זיבעטן טאָג האָט ער זיך איבערגעגעבן צו

זיין רו. ווען דער מענטש וואָלט געווען געהאָרכזאַם צו אים וואָלט דער רייט־וואָגן זיך אָפּגעשטעלט ביים ערשטן דריי פון ראָד. דער גאַנצער פּראָגרעס פון דער מענטשהייט איז געמאַכט געוואָרן געגן זיין ווילן... מיר וועלן ווייטער טרייבן אונזער רייט־וואָגן... ער דאַרף גיין פאָראויס, אויב עס וואָלט אים אַפילו באַשערט זיין אונז צו צורייבן.

XXXIV

א טראַגישע פּאַסירונג האָט אַרויסגעהאָלפן אַז אַנעט זאָל אָנ־נעמען נאָך אַ נעגאַטיווערע שטעלונג צו יענע פעלע ווען דער בע־סערער אָפּפערט זיך פאַר דעם ערגערן.

מיט אַ צייט צוריק זוכענדיק אַרבייט, האָט זי זיך געטראָפן אין איינע פון די אינסטיטוציעס אין ניעליע, מיט אַ יונגער פרוי וועמענס ענטשלאָסן און ווילד דאַרפיש פּנים איז איר זייער געפעלן געוואָרן. זי האָט פּראָבירט צו פאַרבינדן מיט איר אַ שמועס. אָבער יענע האָט זיך באַצויגן דערצו מיט מיסטרויען, און האָט, זעט אויס, געטראַכט בלויז דערפון ווי אַזוי אָפּשלאָגן פון איר די אַרביים. אַנעט איז נאָך דאַן ניט געוואוינט געווען צו אַזאַ מין קאַמף, און האָט זער שלעכט פאַרטיידיקט אירע אינטערעסן. דערצו האָט זיך איר גע־גלוסט געווינען די פריינדשאַפט פון אָט דער פרוי, האָט זי זיך פרייוויליק אָפּגעזאָגט פון דער קאָנקורענץ. די אַנדערע האָט איר ניט אַרויסגעוויזן קיין שום דאַנקבאַרקייט דערפאַר. איר האָט קיין זאַך ניט אינטערעסירט אויסער דעם פאַרדינסט. זי האָט זיך גע־איילט ווי אַ מוראַשקע, וואָס קלייבט צונויף אירע קערענדלאַך פאַר דער נעסט פון די מוראַשקעס... אַנעט אַליין האָט איר ניט אינטע־רעסירט.

אַנט האָט איר פאַרלוירן פון אויג. מיט זעקס יאָר שפּעטער האָט אַ צופאַל זיי ווידער צוזאַמענגעבראַכט. ביידע האָבן זיך פאַרענ־דערט. אַנעט איז ניט געווען געשטימט צו זיין גרויסמוטיק, און איז שוין ווייט ניט געווען אַזוי איבערקלייבעריש... דאָס לעבן האָט זיינע געזעצן. צו ענדעירן זיי איז ניט ניט אין מיין מאַכט. איך וויל לעבן. דיר וועט אויסקומען מיר אָפּצוטרעטן.

דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. ער האָט ניט לאַנג געדויערט.

נאָך דער ערשטער שלאַכט איז דער שונא געווען געשלאָגן... ווי זי האָט זיך פאַרעלטערט! אַנעט איז געווען ערשטוינט פון דער ענ־דערונג וואָס אין איר איז פאָרגעקומען. זי האָט איר געדיינקט פאַר אַ קליינער ברונעטן מיט אַ צוויי דריי חן פינטלען אין די רויטע באַקען. וואָס האָבן אויסגעזען ווי ראַזשינקעס אין ברויט. זי איז געווען אַ סאָלידע דאָרפס מיידעל, מיט אַ קורצער טאַליע און אַן אָפענעם פּנים מיט טרוקענע שטריכן, זי וואָלט געווען גאַנץ אַנציהענד ווען ניט איר בייז־אַנגעכמורעטער אויסזען, אירע ניט פאָלירטע מאַנערן און איר אייביק נערוועזע באַוועגונגען. איצט איז איר פּנים געווען אויסגע־צויגן און אויסגעדאַרט, דער בליק האַרט און דאָס מויל אַרומגעריני־געלט פון פאַרביטערטע טיפע קנייטשן, די באַקן איינגעפאַלן. די יונגע פרוי איז געווען פאַרוועלקט ווי פאַרשרפּעטע גראָז.

די אַרבייט פאַר וועלכער זיי האָבן קאָנקורירט איז געווען דער אַמט פון סעקרעטאַר ביי אַן אינזשעניר; פאַר דער אַרבייט האָט זיך געפאָדערט בלויז צוויי פּרימאַרגענס אַ וואָך; מען האָט באַ־דאַרפט קומען דורכקוקן די קאָרעספּאָנדענץ און אויפנעמען באַזוכער.

אַנעט האָט זיך באַגעגנט מיט רוט גוליאַן אין פּאַרצימער. זייערע פיינטלאַכע בליקן האָבן זיך איינגעגעסן איינע אין די אַנדערע. רוט גוליאַן האָט געזאָגט:

— איר זוכט צו קריגן אָט די שטעלע? זי איז שוין מיר פאַר־שפּראָכן.

— מיר איז זי ניט פאַרשפּראָכן נאָר איך בין געקומען זוכן אָט די שטעלע, — האָט אַנעט אָפּגעענטפערט.

— דאָס איז אַן אומזיסטע מי. איך וועל די שטעלע קריגן.

— אומזיסט אָדער ניט אומזיסט דאָס איז אַלץ איינס. די שטע־לע וועט קריגן דער וועמען מען וועט זי געבן.

אין אַ מינוט אַרום האָט מען אַריינגערופן אַנעט אין קאַבינעט און זי האָט די אַרבעט געקראָגן. זי האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ פּינקט־לאַכער און אינטעליגענטער אַרבייטערן.

אַרויסגעהענדיק האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף רוט און איז קאַלט פאַרביי געגאַנגען. רוט האָט זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— איר האָט געקראָגן די שטעלע?

— געקראָגן.

— אַ מאָדנע פאַרב האָט זיך באַוויזן אויפן פּנים פון דער יונגער פרוי. אַנעט האָט ערוואַרטעט אַ שאַרפע באַמערקונג. אָבער רוט האָט גאָר ניט געזאָגט. אַנעט האָט פאַרטגעזעצט איר וועג; רוט האָט איר נאָכגעפאָלגט. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן פון די שטיגן. אין גאַס האָט זיך אַנעט אויסגעדרייט און האָט געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף איר באַזיגטער קאָנקורענטקע. רוטס דערשלאָגענער אויסזען האָט זי גערירט. ניט קוקנדיק אויף אירע גרויזאַמע באַשליסע איז זי דאָך צוגעגאַנגען צו איר און האָט געזאָגט:

— עס טוט מיר זער לייד. אָבער מען דאַרף דאָדלעבן.

— אַ זיכער, — האָט געענטפערט רוט. — אַנדערע גליקט שטענ־דיק, מיר קיינמאָל ניט. איך טאָן האָט זיך געענדערט. ער איז געווען טרויעריק, אָבער ניט פיינטלאָך. אַנעט האָט געמאַכט אַ באַוועגונג צו נעמען איר האַנט; אָבער רוט האָט זיך אָפּגעטרייסעלט דערפון.

— ערגערט זיך ניט אַזוי שטאַרק! דאָס מזל שמייכעלט היינט צו איינעם און מאָרגן צו אַנדערע.

— צו מיר שמייכעלט דאָס מזל קיינמאָל ניט.

אַנעט האָט איר דערמאָנט וועגן זייער ערשטער באַגעגעניש. ווען די אַרבייט האָט געקראָגן רוט ניט זי.

רוט האָט גאָר ניט געענטפערט. און איז אַ פאַראומערטע ווייטער געגאַנגען נעבן איר.

— וואָלט איך אייך ניט געקענט מיט עפּעס באַהילפיק זיין? — האָט געפרעגט אַנעט.

רוט איז ווידער רויט געוואָרן. צי איז דאָס געווען באַליידיגטע זעלבסט ווירדע, אָדער פאַרלעגנהייט?

— ניין, האָט זי געענטפערט.

— עס וואָלט מיר געווען זייער אַנגענעם. איז אַנעט באַשטאַנען. זי האָט איר צערטלאָך גענומען אונטערן האַנט. רוט האָט אַ פאַר־וואונדערטע נערוועז צוגעדריקט איר האַנט, דערנאָך האָט זי זיך אָפּגע־קערעוועט און פאַרביסן אַ ליפּ, זי האָט זיך בייז אַרויסגעריסן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַנעט האָט איר ניט אָפּגעהאַלטן. זי האָט איר בלויז נאָכגע־קוקט. יאָ, זי האָט איר פאַרשטאַנען: מען טאָר ניט פאַרשלאָגן קיין מיטלייד צו די וואָס בעטן דאָס ניט.

מיט עטלאכע טעג שפעטער האבן זיי זיך באגעגענט אין מילך קראם. אנעט האט איר דערלאנגט די האנט. דאס מאל, — אמת זייער קאלט, — האט רוט געענטפערט אויף דער באגריסונג און געדריקט אנעט די האנט. רוט האט זעט אויס געמאכט אז אנשטרענגונג צו זיין עטוואס פריינטלאכער. זי האט ארויסגעמורמעלט א פאר באנאלע ווערטער. צופרידן מיט דעם קליינינקן פארשריט, האט איר אנעט ווארעם געענטפערט. אנעט, האט זיך געוואונדערט וואס רוט האט אויסגעגעבן אויף אייער און מילך מער פון איר. רוט האט שטארק געוואלט זיך צוצאלן די ערשטע. ווען זיי זענען ארויס פון קראם האט אנעט באמערקט.

— דאס לעבן קאסט אזוי טייער!

און אט ווי זי וואלט זיך אנטשולדיגט דערפאר וואס זי האט גע־קויפט די אייער האט זי צוגעגעבן.

— איך קויף דאס פאר מיין קינד.

רוט האט שטאלץ אויפגעהויבן דעם קאפ.

— און איך פאר מיין מאן.

אנעט האט גאר ניט געוואוסט ווענן איר לעבן. זי האט גע־פרעגט:

— ער איז קראנק?

— ניין. ער איז נאר זייער שוואך.

זי האט מיט שטאלץ דערציילט ווענן דער אויפמערקזאמקייט וואס זייז געזונט פאדערט. וויסענדיק ווי קרענקלאך רוט איז, האט אנעט איר ניט געשטעלט קיין פראגן; זי האט געוואַרט, אז רוט זאל אליין אנהויבן רעדן. אבער רוט האט מער גארניט געזאגט. זיי האבן געהאלטן אין געזעגענען זיך, ווען אנעט האט זיך דערמאנט אז זי קען איבערגעבן רוט אן ארבייט וואס מען האט איר פארגעשלאגן, און פאר וועלכער זי האט ניט געהאט קיין צייט. רוט האט איר הארציג באדאנקט: זי האט זיך שטארק גענויטיגט אין געלט. אנעט האט גע־בעטן ביי איר דעם אדרעס, זי האט זיך געקווייקלעט און האט ניט גערן געענטפערט. אנעט האט פארלוירן דעם געדולד און האט געזאגט:

— דאס איז דאך פאר אייער טובה ווען. אלענפאלס וואוין איך...

און זי האט איר געגעבן איר אדרעס...

רוט האָט דאָן ניט ווילענדיק איר געגעבן איר אַדרעס. אַנעט אַ באַליידיגטע האָט באַשלאָסן מער ניט האָבן צו טאָן מיט איר.

נאָר אין עטלאַכע וואָכן אַרום איז רוט אַליין געקומען צו איר. זי האָט זיך אַנטשולדיגט פאַר איר אומפריינטלאַכקייט. און דאָס מאָל האָט זי אַביסעלע (אָבער גאָר אַביסעלע) דערציילט וועגן זיך. זי איז געוועזן אַ טאָכטער פון אַ רייכן לאַנד אייגענטימער. נאָר זי האָט זיך צוקריגט מיט איר פאָטער דערפאַר וואָס זי האָט געוואָלט פאָרן קיין פאַריז און ווערן אַ לערערין. נאָכדעם ווי דער פאָטער האָט איר באַליידיגט, האָט זי זיך פאַרשוואָרן קיינמאָל ניט נעמען פון אים קיין הילף און לעבן אויסשליסלאַך אויף אירע אייגענע פאַרדינסטען. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז זער שווער.

זי איז געוועזן זער ענערגיש. אָבער אינטעלעקטועלע אַרבייט האָט איר מיד געמאַכט. זי האָט געאַרבייט שווער איבער די ביכער, ווי אַ פערד אין שפּאַן, דאָס בלוט פלעגט איר אַריין אין די שלייפן, און זי פלעגט מוזן די אַרבייט איבעררייסן. אַ וואַקסענדע נעוראַסטעניא האָט איר געצוואונגען אויפגעבן די עקזאַמענעס, צו וועלכע זי איז שוין כמעט געוועזן גרייט. זי האָט זיך פאַרנומען מיט פּריוואַטע לעקציעס. מיט גרויס שוועריגקייט האָט זי קוים פאַרדינט פאַר זיך אויף אַ לעבן. אין גיכן האָט זי זיך פאַרליבט און האָט חתונה געהאַט מיט אַ מענשן וואָס איז געוואָרן פאַר איר אַן איבעריקע לאַסט. וועגן דעם האָט זי ניט דערציילט. נאָר אַנעט האָט זיך אַליין אַנגעשטויסן אויף אַט דעם אמת. זי איז געוועזן קלוג גענוג צו קומען צו אירע אייגענע שלוסן פון די פראַגן וואָס זי האָט געשטעלט איר נייעם פריינט. זי האָט זיך דערוואוסט, אַז רוטס מאַן האָט ניט קיין באַשטימטע פּראָפעסיע, אַז ער איז אַן „אינטעלעקטועלער מענטש" אַ „קינסטלער", אַ „שרייבער". און זי האָט ניט באַדאַרפט ווייט גיין אויסצוגעפינען וואָס ער שרייבט. פערזען!...

רוט האָט פאַרשטאַנען אין פּאָעזיע ניט מער ווי יעדע קליינינקע פּראָווינציאַלקע. אָבער פּאָעזיע האָט איר אימפּאָנירט.

זי האָט זיך ניט זער געאײַלט צו באַקענען אַנעט מיט איר „קינסטלער". זי האָט אים אויסבאַהאַלטן! נאָר מיט אַנעט האָט זי זיך אָנגעהויבן זען אָפט — שוין צו אָפט. זי האָט איר פאַרוואַרפן מיט פאַרזיכערונגען אין פריינטשאַפט, מיט בלומען, און אויפמערקזאַמקייטן

וואס זיינען זעלטן געווען אם פלאץ, און האבן אפט באלעסטיגט אנעט. זי האט אין קיין זאך ניט געוואוסט קיין מאס. אינגאנצן אדער גארניט! אנדערש האט זי ניט פארשטאנען. זי האט קיינמאל ניט געהאט קיין פריינט. און האט מיט קיינעם ניט געקענט זיין אפנהערציק. און פון דער מינוט וואס זי האט באשלאסן ליב צו קריגן אנעט, האט זי איר אינגאנצן מאנאפאליזירט. אנעט האט אנגעהויבן צו לייבן פון רוטס פריינטשאפט. און האט פארשטאנען, אז דעם מאן מוז אויך ניט זיין לייכט מיט איר.

אם ענדע האט זיך איר איינגעגעבן צו זען אט דעם זעלטענעם פויגל. דאס איז געווען א טעמפער און נישטיקער בחור מיט צוּשוואומענע בלויע אויגן, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק פון א פארבארגענעם אנהענגער פון אבסינט. ער איז געווען זער לייכטזיניק, פאלשטענדיק טאלאנטלאז און האט ווייניק געגלויבט אין זיך; אנעטס מיינונג האט אים זער באאומרואיגט... ער האט ניט ליב געהאט זיין ווייב און האט גארניט געהאט דאגעגן אז זי זאל אים פעסטשן. ווען ער האט גערעדט וועגן זיין געזונט, ניט אנערקענטע טאלאנטן, און וועגן דער קינה פון חברים האט ער אויסגעזען אזוי טרויעריק און פארביטערט...

מיט אירע קלארע אויגן האט אנעט אים דורכגעגומן אויף דורך און דורך. מיט איר האט ער זיך געהאלטן פארזיכטיק און האט אויסגעמיטן זיך באקלאגן אויף זיין ביטער מזל; ווייל די שווייגענדיקע איראניע פון זיין צוהערן האט ווי געווארט אויף דעם. רוט האט ממש געשלונגען זיינע ווערטער, פארלירנדיק דערביי די פעהיגקייט צו דיינקן, און האט זיך געפילט שטאלץ ווי „ארטאבאן“...

— צו וואס צו צושטערן אירע אילוזיעם? — האט געטראכט אנעט. — זי מוז דאך אימיצן ליב האבן, פאר אימיצן זארגן. זי האט א נשמה פון א לײדנשאפטלאכער און אפפערוויליגער דינסט. זי איז גרייט זיך אונטערצולייגן אונטער זיינע פיס... עס פלעגט אויך טרעפן אז זי פלעגט זיך קריגן מיט אים. איינמאל אויפהויבנדיק זיך אויף די שטיגן האט אנעט דערהערט די קוויטשעדיקע שטים פון דעם „פאעט“, וואס האט זיך באקלאגט אז רוט שלאגט אים. זי האט אים דערלאנגט עטלאכע פעטש.

אנעט איז געווען איבערצייגט, אז די גרעסטע טייל פון רוטס

פּאַרדינסטן גייט אַוועק אויף זשאַזעס פּאַרווייַלונגן, און אַבסינט. ער האָט אויך ליב געהאַט זיך וועטן אויף פערד. רוט האָט זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט. זי האָט זיך געמיט אָפּצושפּאָרן געלט, אויף אַרויס־צוגעבן אַ באַנד פון זיינע שריפטן. אָבער ער האָט זיך ניט געאיילט זיי אָנשרייבן. און ווען איר איז אַמאָל איינגעפאַלן צוזאַמען רעכענען אירע אָפּגעשפּאָרטע גראָשענס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דריי פערטל פון זיי האָט ער שוין אַוועקגעגנב'עט. ער האָט זיך אַליין באַ'גנב'עט.

איר שטאָלץ איז געווען געבראָכן. און זי האָט דערציילט וועגן איר אומגליק אַנעט. וואָלט זיך געווען האַנדלען בלויז אין איר וואָלט זי קיין וואָרט ניט געוועזן געזאָגט. אָבער אין לויף פון עטלאַכע יאָר האָט זי זיך ממש אויף שטיקלאַך צוריסן צוליב אים (זי האָט געזאָגט „צוליב זיין באַרימטקייט"). און צום סוף האָט ער דאָס מיט זיינע אייגענע הענט צושטערט ...

דאָס ערשטע אָפּריידן זיך פון האַרצן פירט געוויינטלאַך צו אַ צווייטן, און אַזוי האָט אַנעט ביסלאַכווייז זיך דערוואוסט פון אַלע רוטס ליידן, פון אַלע אירע צרות. איר געזונט איז געווען רואינירט, זי האָט אויף קיין זאַך ניט געקענט קאָנצענטרירן אירע געדאַנקען, די דערנעהענטערונג פון טויט האָט געעפנט אירע אויגן: זי האָט פאַרשטאַנען ווי נישטיק איר מאַן איז און ווי ווייניק ער האָט איר ליב. זשאַזע איז כמעט ניט געווען אין דער היים. די געזעלשאַפט פון זיין קראַנקער און פאַרטרויערטער פרוי האָט אים פאַרשאַפן ווייניק פאַרגעניגען. אין די לעצטע טעג פון איר לעבן האָט רוט שוין ניט געהאַט קיינע אילוזיעס. ניט קוקענדיק דאַרויף האָט זי מיט אויפריכ־טיקער שטאָלץ געערדעט דערפון, אַז עס טוט איר קיין זאַך ניט באַנג און זי וואָלט געווען גרייט אָנהויבן פון דאָס ניי...

— דאָס האָט מיך דער'הרג'עט, אָבער דערמיט האָב איך געלעבט.

זי האָט אין גאַרניט ניט געגלויבט און האָט קיין זאַך ניט דער־וואָרט, — ניט אויף דער וועלט, ניט אויף יענער וועלט.

אַנעט אַליין איז געווען מיט איר אין די לעצטע מינוטן. אַ צושטראָם פון רלוט אין מוח האָט זי דערענדיגט...

זשאַזע, וועלכער איז ניט געוואָרן ביים דערנענטערונג פון טויט, איז אַריינגעקומען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער ווען אַלץ איז שוין גע

וועז פאריבער. זיין פנים איז געווען דערשראקן. ער האט זיך אביסל אויסגעוויינט, געקרעכצט, און געזאגט:

— נעמט דאס דער טייפעל! וואס וועט איצט זיין מיט מיר?

אנעט האט געענטפערט:

— איר וועט אפזוכן אן אנדער פרוי וועלכע וועט אייך אויסהאלטן...

ער האט געווארפן אויף איר א בליק פול מיט האס. נאר פונדעסטוועגן האט ער איבערגעלאזן צו איר דאס רעכט צו באצאלן פאר דעם באערדיגן פון רוט.

זיצענדיק ביי דער טויטערס צוקאפענס, האט אנעט געטראכט:

— אין איר זענען געווען כוחות. דער כוח פון שטאלץ, פון ווילן און פון אסקעטישער זעלבסט אפפערונג... אויף וואס האט זי פארברויכט אירע כוחות? ס'ארא אונזין זיך אוועקצושיינקן צו עפעס א הונט!... אין דער ארימער רוט איז געווען גרויזאמקייט. אבער זי איז ניט געווען גרויזאם גענוג. מען מוז נאך גרויזאמער, נאך פארהארטעוועטער ווערן...

XXXV

רעאקציע געגען די אילוזיעס פון הארצן, געגען מיין פארשאלטענעם הארץ, וואס עקזיסטירט בלויז כדי מיך צו פארפירן. מיין קאפ און מיינע געפילן ווילן און ווייסן. מיין הארץ איז בלינד. און אויף מיר ליגט דער חוב דאס צו ליידן... א רעאקציע געגן ליבע, געגן זעלבסט אפפערונג, און געגן גוטסקייט.

אין יעדן מענטשנס לעבן, ווי אין לעבן פון דער געזעלשאפט, זענען דא פאזן פון געפילן, וואס פאלגן שנעל איינע די אנדערע אן יעדער ענלאכקייט צווישן זיך. זייער ערשטער געבאט איז, ווירקלאך, ניט צו האבן קיין ענלאכקייט צווישן זיך. ווען א געוויסע פאזע באהערשט די געזעלשאפט, נעמט יעדער אנטייל אין איר מיט א פולשטענדיקער ערנסטקייט, און פילט ניט מער ווי פאראכטונג צו דער לעכערלאכקייט פון די פאזען וואס זענען ארויס פון מאדע. דערביי איז ער איבערצייגט אז זיין פאזע איז און וועט תמיד זיין די בעסטע... אנעט האט דורכגעמאכט די פאזע פון פארהארטעוועטקייט...

אבער וואס פאר א קליידער מען זאל ניט טראגן, דער תמצית פון

מענטשן פאַרבלייבט דער אייגענער. קיינער קען זיך ניט באַגעז אַן אַנדערע מענטשן. ווי שטאַלץ אַ מענטש זאָל ניט זיין פילט ער דאָך אַ באַדערפעניש אין אַ וועלכער ניט איז צוגעבונדענקייט; און וואָס מער די אומשטענדן צווינגען אַזאַ מענטשן זיך איינצושליסן אין זיך, אַלץ שטאַרקער וועבט זיין פאַררעטערישער מוח די נעץ, כדי אים צו באַטריגן.

אַנעט האָט זיך געפילט זער שטאַרק. שטאַרק מיט איר דער־פאַרונג, און שכל, שטאַרק מיט איר אַנטשלאָסענקייט, פּראַקטישקייט און ענטווישונג; זי איז איצט געווען איבערצייגט אין דעם אַז זי לעבט ווי זי וויל. זי האָט אמת טאַקע, געאַרבעט, אָבער די אַרבעט איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון איר ווילן. זי האָט ניט מורא געהאַט עס זאָל איר אויספעלן אַרבייט. און עס האָט איר ניט געקימערט צי זי גע־פעלט, צי ניט.

פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך אַנעט אָנגעהויבן טרעפן מיט גאָר אַ נייעם מין קאָנקורענט: מענער קאָנקורענטן. זי האָט געגעבן לעקציעס צו אינגלאַך. זי האָט זיי צוגעגרייט צו די עקזאַמענס. זי איז געווען ערפאָלגרייך אויף דעם געביט: אָבער צוזאַמען מיט איר ער־פאָלג איז געוואַקסן צו איר די שנאה פון די איבער וועמען מען האָט איר אָפּגעגעבן דעם פאָרצוג. זיי האָבן זיך געפילט באַרויבט. וועגן ריטערלאַכקייט איז שוין אָפּגערעדט!

די פאַרהייראַטע מענער זענען ניט געווען פון די העפלאַכערע; זייערע פרויען האָבן זיי אונטערגעבן היץ צום קאַמף. מען האָט איר אָנגעהויבן באַרעדן. וואָס .זאָט מען ניט אויסגעטראַט וועגן די מיטלן מיט וועלכע זי האָט זיך קלוימערשט געמוזט באַנוצן אום צו געווינען די בעסערע אַרבייטן! — אַנעט מיט איר האַרטן און אָנציהענדן שמייכעל אויף אירע ליפּן איז זיך געגאַנגען איר אייגענעם וועג, טויב פאַר רכלות.

אָבער אין די טיפענישן פון איר וועזען האָט זיך פונדעסטוועגן געשפּירט — אַן אומבאַמערקבאַרע אויסגעמאַטערקייט, אַרויסגערופן פון אַט די לאַנגע יאָרן אומברחמנות'דיקער אַרבייט. זי איז שוין געווען ביי דער ענדע פון איר פערטן צענדליג יאָרן. דאָס לעבן איז פאַריבער אומבאַמערקט. אַן אומקלאָרער געפיל פון רעוואָלט האָט אויפגעברויזט אין איר נשמה. אַט דאָס גאַנץ פאַרוואָלגלטע לעבן, אַ

לעבן אַ פרייד, אַ ליבע אַן טעטיגקייט, אַ לוקסוס און אַן גרויסע פריידן...

אַך, ווי זי וואָלט דאָס געקענט געניסן פון לעבן, געניסן פון אַלץ וואָס האָט איר געפעלט!

צו וואָס טראַכטן דרפון? עס איז שוין צו שפּעט!
צו שפּעט?

דריטער טייל.

XXXVI

סאַלאַנדזש האָט געהאַט אַ קליין דאָרפיש רונד פּנימל פון אַ גאָטישער מאַדאָנאַ; מיט אַ פאַרעלטערטן קינדישן אויסדרוק, לאַ־בענדיקע אויגן פול מיט קנייטשן, אַ שיינע נאָז, און אַ ברעקל מייל־כעל, אַן עטוואָס שווערע מאָרדע, אַ דינע הויט און אַ העלן קאָליר אין פּנים.

זי האָט ליב געהאַט רעדן וועגן ערנסטע זאַכן אין אַ ערנסטן טאָן, און אַט דער זייער ערנסטער טאָן איז געווען אַ קאָמישער קאָנ־טראַסט צו איר פריינדלאַכן שמייכעלדיקן פּנים, וואָס האָט זיך אַזוי געמאַטערט אָנצונעמען אַן ערנסטען אויסדרוק; אָבער גערעדט האָט זי זער געאײלט אוים מורא צו פאַרלירן דעם פאָדים פון איר ערנסטע געדאַנקען; און טאַקע ניט איינמאָל פלעגט זי זיך פלוצלינג אָפּשטעלן אין מיטן אַ פראַזע מיט אַ פוסטקייט אין קאָפּ;

— וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?...

אירע צוהערער האָבן זיך זעלטן אָבגערופען פשוט דערפאָר, וואָס זיי האָבן זיך קוים צוגעהערט צו דעם וואָס זי האָט געזאָגט. אָבער אויף איר האָט קיינער ניט געטראָגן קיין פאַרדרוס, ווייל זי האָט ניט באַלאַנגט צו יענע פלאָפלערקעס, וועלכע שטייען צו אייך צו און פאַר־לאַנגען דוקא, אַז איר זאָלט זיך איינהערן אין זייערע נאַרישע רייד. זי האָט זיך ניט געהאַלטן גרויס און איז געווען גרייט אויפריכטיק צו בעטן אַנטשולדיגונג דערפאַר וואָס זי האָט אייך דערעסן. פון דער נאַטור איז זי ניט געווען פעאיק צו דיינקן לאָגיש, אָבער דערפאַר איז זי געווען באַהערשט מיט אַ נאַאיווער שטרעבונג און הייסען פאַרלאַנג

צו טראכטן. דער סך הכל איז געווען ניט זער גרויס: די געדאנקען זענען זיך צוקראכן איבערן וועג; די צופעפנטע ערנסטע ביכער, פלאטאן, גיוהא, פוליע זיינען פארבליבן פאר וואכן און מאנאטן אפן אויף דעם זעלבן בלעטל; און די שיינע גרויסע אידעאליסטישע און אלטרואיסטישע אידעאלן און פלענער פאר דער געגנזייטיקער סאציאלער הילף, אדער נייע דערציאונגס סיסטעמען — זענען פאר איר שכל געווען שפילצייג וואס זי האט אינגיכן פארגעסן אין דעם אדער יענעם ווינקעל און הינטערן מעבעל, ביז עפעס א צופאל פלעגט ווידער ציהען איר אויפמערקזאמקייט צו זיי. א גוטע קליינבירגערן, זייער א וואוילע, א צוגעלאזענע, א שיינע, פארנונפטיקע און איינגעהאלטענע, עטוואס פעדאנטישע, און ניט איבערגעשפיצט פרייליכע, האט זי זיך אויפריכטיג איינגעבילדעט, אז זי האט אינטעלעקטועלע באדערפנישן. און זי האט באמת געמוזט רעדן וועגן איר אידעאל און אנדערע הויכע מאטעריעס, אלץ אין דעם זעלבן נוסח, רואיק, ציכטיק, מיטלמעסיק־העפלאך, און אומשולדיק־נישטיק.

זייענדיג יונגער פון אנעט מיט א דריי פיר יאר האט זי פון סאמע אנפאנג אנגעהויבן פילן צו איר אט דעם מין פאראדאקסאלע ליבע, וואס אומשעדלאכע נאטורן פילן אפט צו געפערלאכע נאטורן. אמת אזוינע דערשיינונגן טרעפן בלויז אויף א געוויסן מהלך. דער אמת איז אז אין שולע זענען זיי געווען אין פארשידענע קלאסן און זי האט ווירקלאך זער ווייניק פארקערט מיט אנעט. עס איז געווען גענוג פאר דער קליינער סאלאנדזש, ווען ניט ווען איר זען פארבייגעהענדיק, ביים קומען אדער אוועקגיין, כאפען דא אדער דארט א ווארט וועגן איר אין א געשפרעך פון עלטערע, אז זי זאל זיך דורכדרינגען מיט א מין אונטערטעניקער ליבע צו איר עלטערן חבר. אנעט האט דאס אפילו ניט פארדעכטיגט. שפעטער האט סאלאנדזש אינגאנצן פארגעסן אן אנעט. סאלאנדזש האט געהייראט און איז געווען גליקלאך. אויף ניט צו זיין גליקלאך, וואלט איר מאן באדארפט זיין אדער א מאנסטער, אדער א מענטש וואס איז ליידענשאפטלאך פארקאכט אין עפעס. אבער געלויבט איז גאט, וויקטאר מוטאן שעוועליע איז דאס ניט געווען. לויטן פאך א סקולפטאר, האט ער זיך חלילה ניט געפייניגט מיטן אגנסט פון שאפן. ער האט ניט געדארפט מאכן קיין לעבן פון זיין קונסט און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין געוואלדיקער געלאסענ־

קייט. עס האָט אים ניט אויסגעפּעלט קיין געשמאַק, אָבער ער האָט ניט געפילט קיין דרינגענדע נויט אויסצודריקן אין זיין קונסט עפּעס וואָס זאָל זיין פאַרשידן דערפון וואָס עס האָט שוין געשאַפן דער אָדער יענער פון די באַרימטע קינסטלער, פון אַלע דורות און אַלע צייטן. און אַזוי ווי ער איז געווען ריין פון אַמביציעס, און קליינלאַכע געפילן (מעגליך אַז געפילן בכלל) זענען אים געווען פרעמד, איז ער געווען פאַלשטענדיק צופרידן, ווען ער האָט געפינען אַזאַ וואונדערלאַך שיינעם אויסדרוק פאַר זיינע אידעען ביי מיקאַל אַנדזשעלאָ, ראַדען און בורדעלע, אָדער ביי אַנדערע קלענערע שטערן, אַזוי האָט ער אַלעס פאַלס געדענקט. ער איז געווען אַן עקלעקטיקער און האָט געשעפּט פון אומעטום. ביי אַזאַ גליקלאַכער נייגונג וואָלט ער זיך זיכער ניט באַדאַרפט אָנשטרענגען צו שאַפן עפּעס אייגנס, ווען דאָס וואָלט ניט פאַרשטאַרקט זיין פאַרגעניגן מיטן ספּעציעלן בייגעשמאַק, מיט דער שמייבעלהאַפטער אילוזיע וועגן זיין צוגעהעריגקייט צו דער גרויסער משפּחה פון קינסטלער. ער האָט גערן געלאָזט פאַר זיך אַליין אַ טייל פון יענער טיפער שעצונג, וואָס ער האָט געפילט פאַר נויטיק אַרויסצואווייזן פאַר די העלדן פון קונסט מיט זייער אַנגסט און פיין. ער האָט געטיילט זייערע איבערלעבונגען — פון וויטעגס; און ער האָט געצוואונגען זיין פרייליך פּנים אָנצונעמען אַן אויסדרוק פון מאַיעסטעטישער אַנגסט. ווען ער פלעגט הערן זיין פרוי שפּילן בעטהאָווענס פּאַטעטישע סאָנאַטע — ווייל בעטהאָווען האָט אויך באַלאַנגט צו דער משפּחה קינסטלער — סאָלאַנדזש איז געווען פאַר אים אַ באמת אידעאַלע פרוי. איר רואיקע איבערגעבענהייט, איר איידעלע גוטסקייט, איר מילדער איינגענעמער כאַראַקטער, איר היימישער אידעאַליזם וואָס האָט ניט דיזיקירט אַרויסווייזן די נאָז אין גאַס ווען דאָרטן איז קאַלט, ווינטיק און בלאָטיק, איר איינגעשאַפּט אַלץ צו באַוואונדערן — וואָס מאַכט דאָס לעבן אויף אַזוי פיל באַקוועמער! — מיט איין וואָרט, זיכערקייט — איז געווען זייער אמת׳ער אידעאַל... זייערע אומשטענדן, די מאַטעריעלע און פּסיכאָלאָגישע האָבן דאָס געמאַכט פאַר זיי. זיי זענען געווען באַשיצט פון מאַטעריעלע זאָרגן. און ס׳איז ניט געווען וואָס מורא צו האָבן, אַז זיי וועלן אַריינברייננגן שוועריגקייטן צו זיך אין הויז.

פונדעסטוועגן האָבן זיי אַהין אַריינגעבראַכט אַנעט. ווען זיי

וואָלטן געוואוסט וואָס פאַר אַ באַהאַלטענע קרעפטן אַט די „פרוי־זאַרגע" האָט געטראָגן אין איר האַרצן, וואָלט דאָס זיי שרעקלאַך צורו־דערט. אָבער זיי האָבן קיין אַהנונג דערפון ניט געהאַט. ווי אומשול־דיקע קינדער האָבן זיי זיך געשפּילט מיט פּולווער; און זייערע נער־ווען וואָלטן צוזאַמענגעבראָכן, ווען זיי וואָלטן זיך געקענט אָנ־שטויסן וואָס זיי האַלטען אין זייערע הענט. אָבער ניט וויסענדיק קיין זאַך און אָנשפּילענדיק זיך איבער גענוג, האָבן זיי אַן אַ שלעכטער כונה, אַריבערטראָגן דאָס געפּערלאַכע שפּילכל אין גאָרטן פון זייערן אַ פריינט, — זיי האָבן איבערגעלאָזט אַנעטן אין דעם גאָרטן פון די וויל־לאַרדס.

XXXVII

ווען סאַלאַנדזש האָט זיך ווידער געטראָפן מיט אַנעט, האָט זיך גלייך אין איר צופלאַקערט דער אַלטער געפיל; זי האָט זיך פאַרליבט אין איר. זי האָט גלייך מיט אַלעמען געוואוסט וועגן אַנעטס „אומרע־געלמעסיקן" לעבן. אָבער אין איר גוטסקייט — איר גוטסקייט איז טאַקע געווען אַ גאַנץ אויבערפלעכלאַכע, אָבער דערפאַר איז זי געווען אַן אויפריכטיקע, ניט קיין געפעלשטע, — האָט זי קיינמאָל ניט גע־טראַכט ערגער וועגן אַנעט ווי פריער. מען מוז באַמערקן אַז זי האָט ניט זער גוט פאַרשטאַנען די גאַנצע זאַך. מיט איר נייגונג צו מילדע אָפּשאַצונגען, וואָס איז געווען דער סימפּאַטישסטער שטריך אין איר פריינטלאַער נאַטור האָט זי גערייכנט, אַז אַנעט איז אַן צווייפעל געווען פשוט אַ קרבן, אָדער אפשר האָט זי געהאַט איר אייגענע ערנסטע אור־זאַכע צו האַנדלען אַזוי ווי זי האָט געהאַנדעלט. אַלענפאַלס איז דאָס געווען איר פערזענלאַכע זאַך; און סאַלאַנדזש איז געווען אין כעס אויף דער געזעלשאַפטלאַכער מיינונג. נאָכדעם ווי זי האָט זיך ווידער געטראָפן מיט איר פריינט, האָט זי זיך פאַרנאַנדערגעפרעגט וועגן איר און האָט אויסגעפונען וועגן איר מוט און זעלבסטאָפּפערונג; זי האָט זיך דורכגעדרינגען מיט אַ איבערטריבענער באַגייסטערונג פאַר אַנעט. ביי סאַלאַנדזש איז דאָס געווען איינע פון יענע פריאַדישע געפילן וואָס האָבן איר אינגאַנצן פאַרכאַפּט, ניט איבערלאָזענדיק אין איר האַרצן קיין פּלאַץ פאַר קיין אַנדער זאַך, אָדער געפיל. איר מאַן,

ווען זי האָט געשפּייזט מיט איר ענטוזיאַזם, האָט אין דעם געפינען אַ געלעגנהייט זיך צו צושמעלצן איבער דער איידעלקייט פון אַנעטס האַרץ, און במילא שוין אויך פון זיין גרויס און זיין אייגענער איידעלקייט. (איז דען דאָ אַ בעסערער מיטל צו געניסן די אייגענע מאָראַלע שיינקייט, ווי צו באַוואונדערן די מאָראַלע שיינקייט פון דיינע מיטמענטשן?) מאַן און ווייב האָבן געשטרעבט איבערצושטייגן איינע די אַנדערע אין זייער איידעלער אויפמערקזאַמקייט צו אַנעט. זיי האָבן ניט געקענט זי פאַרלאָזן עלנד און אָן סימפּאַטיע, אַט די אָרימע פרוי, דער קרבן פון סאָציאַלער אומגערעכטיגקייט! די ווייכהערציקע רימער האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויפצוזוכן אַנעט און האָבן אַרויפגעקלעטערט אַלע שטיגן ביז צום פינפטען שטאָק.. זיי האָבן איר איבעראַשט אין רעכטן מיטן פון איר הויז אַרבייט. דאָס האָט זיי נאָך מער גערירט. די קאַלטע אויפנאַמע, וואָס זיי האָבן געקראָגן פון איר האָט אין זייערע אויגן אויסגעזען פול מיט זעלבסט רעספּעקט. און זיי זענען ניט אַוועקגעגאַנגען ביז אַנעט האָט זיי ניט צוגעזאָגט צו קומען דעם קומענדיקן אָוונט צו זיי אויף מיטאָק מיט איר זון.

אַנעט האָט זיך זער ווייניק געפרייט מיט אַט דער באַנייטער פריינטשאַפט. זי האָט קלאָר געזען ווי אומאינטערעסאַנט עס איז. די יאָרן פון מאָראַלער איינזאַמקייט האָבן אַנטוויקעלט אין איר אַ ווילדן אינסטינקט. עס איז ניט גוט זיך צופיל צו דערווייטערן פון מענטשן; שפּעטער ווערט שווער ווידער צו קומען אין באַרירונג מיט זיי; מען ווערט עמפּפינדלאַך צום גערוך פון פאַרדאָרבנקייט אונטער די בלומען. אין דעם שטילן ווינקל פון די ווייכהערציגע ריטער האָט אַנעט זיך ניט געפילט היימיש. זייער פאַמיליען גליק האָט ניט אַרויסגערופן ביי איר קיין קנאה. „צו מילד, צו מילד, צו מילד!" — ווי אימיצער זאָגט ביי מאָליערן. „ניין איך דאַנק אייך! דאָס איז ניט פאַר מיר"... זי האָט דערגרייכט אַ שטופּע ווען זי האָט זיך גענויטיגט אין די האַרטע ווינטן פון לעבן.

יאָ, זי האָט געמעגט זיין צופרידן! די ליבע סאַלאַנדזש וועט שוין זאָרגן דערפאַר, אַז זי זאָל זיי האָבן.

XXXVIII

אַנעט האָט זיך אַנגעטאָן צו גיין צו מיטאָג. אין אָוונט האָט זי זיך באַדאַרפֿט טרעפֿן ביי די ווייכהערציגע ריטער, מיט זייערע באַקאַנטע, וועגן וועלכע סאַלאַנדזש האָט איר שוין אַנגערעדט אַזוי פֿיל, אַז עס איז איר שוין מיאוס געוועזן צו הערן. — דאָקטאָר ווילאַרד, אַ פּאָפּולערער כירורג מיט אַן עטוואָס איבערטריבענער באַרימטקייט און זיין יונגע שאַרפזיניגע פֿרוי. זי איז געווען באַאומרואיגט.

— וואָס וואָלט געווען, ווען איך גיי אינגאַנצן ניט? זי איז שוין כמעט געווען גרייט צו שיקן אַ צעטעלע און זיך אַנטשולדיקן. גאָר מאַרק, וועמען עס איז שוין איבערדריסיג געוואָרן צו זיין כסדר אַליין מיט זיין מוטער, איז געווען מער ווי צופֿרידן מיט יעדער געלעגנהייט ערגעץ אַרויסצוגיין. אַנעט האָט ניט געוואָלט אָוועקרויבן ביי אים אָט דאָס פֿאַרגעניגען. אויסער דעם האָט זי געוואוסט, אַז עס איז נאַריש פֿון איר זייט. וואָס איז דאַרטן אַזוינס? וואָס באַאומרואיגט איר?... דאָס איז געווען אַ מין פֿאַרגעפֿיל פֿון שלעכטס!... נאַרישקייטן! דער ראַציאָנאַלער גייסט וואָס האָט געלעבט אין איר נשמה צוזאַמען מיט די אינסטינקטן, וואָס האָבן זיך גאָר ווייניק געוואָלט רעכענען מיט אים, האָט איר געצוואונגען אָוועקצומאַכן מיטן האַנט. זי האָט פֿאַרענדיקט איר טואַלעט, און האָט גענומען איר זון אונטערן האַנט און האָט זיך געלאָזן גיין צו די סאַלאַנדזשעס.

דער אַבערגלויבערישער געפֿיל האָט ניט פֿאַרפֿעלט גלייך צו נעמען פֿון איר נקמה. עס איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס אַ פֿאַרגעפֿיל ווערט אַמאָל אויף אַן אמת פֿאַרווירקלאַכט. אַ פֿאַרגעפֿיל איז אַ וואָרנונג דערצו, וואָס מען האָט מורא צו דערפֿילן. פֿאָלגלאַך אויב עס פּאַסירט אַזוי איז ניטאָ אין דעם קיין שום וואונדער. ווי דער אינסטרומענט אויף אויסצוגעפינען קוואַלן; ווען אָט דער אינסטרומענט קומט נאָהענט צו אַ קוואַל קריגט ער אַ וואָרנונג דורך אַ ספּעציעלען מין ציטער, אַז די וואַסער עסט זיך אויס אַ וועג פֿון אונטער דער אויבערפֿלאַך.

אויפֿן שוועל פֿון גאַסט צימער האָט אַנעט דערפֿילט די וואָרנונג; אָבער זי האָט צוזאַמענגעצויגן אירע ברעמען, און אַזוי שנעל ווי זי איז אריין אין גאַסט צימער האָט זי זיך באַרוהיגט. אַפֿילו נאָך איידער

סאַלאַנדזש האָט איר פֿאַרגעשטעלט פּיליפּ ווילאַרד, האָט זי שוין באַ־
שלאָסן ביים ערשטן בליק אויף אים, אַז ער געפֿעלט איר נים. זי האָט
זיך דערפֿילט לייכטער.

פּיליפּ איז נים געווען קיין שיינער. ער איז געווען אַקליינער
פּעסט געבוימער מיט אַ ברייטן שטערן איבער די אויגן, מיט שטאַרקע
באַקן ביינער, מיט אַ פֿאַרשפּיצט קורץ בערדעל און מיט אַ שטאָלענעם
בליק אין זיינע בלויע אויגן. ער איז געווען אַ פֿאַלשטענדיקער באַ־
לעבאָס איבער זיך; ער איז געווען העפֿלאַך אָבער קאַלט און דאָמיני־
רענד. זיצענדיק ביים טיש לעבן אַנעט האָט ער אַנטייל גענומען אין
צוויי געשפּרעכן; אין דעם אַלגעמיינעם געשפּרעך וואָס איז אָנגעפֿירט
געוואָרן פֿון סאַלאַנדזש, אויף איר געוויינלאַכן איבערפֿלעכלאַכן שטיי־
גער, און אין דעם געשפּרעך וואָס ער האָט אין צווישן צייט פֿאַרפֿירט
מיט זיין שכנה. איןביידע געשפּרעכן האָט ער זיך געפּאַסט קורץ,
און שאַרף. ער האָט קיינמאָל זיך נים אָפּגעשטעלט צו זוכן אַן
אויסדרוק אָדער אַ געדאַנק. וואָס מער אַנעט האָט זיך צוגעהערט צו
אים, אַלץ פֿיינטלאַכער געשטימט האָט זי זיך געפֿילט געגען אים. זי
האָט געענטפֿערט באַהאַלטנדיק זיך הינטער אַן עטוואָס טרוקענער און
ווייטער גלייכגילטיגקייט. עס האָט נים אויסגעזען אַז ער זאָל צוגעבן
אַ באַזונדערע וויכטיגקייט צו דעם וואָס זי האָט געזאָגט. ער האָט אַן
צווייפֿעל געאורטיילט וועגען איר לויט די נאַרישע לויב געזאַנגען וואָס
ער האָט זיך אָנגעהערט פֿון סאַלאַנדזש. ער איז קוים געווען העפֿלאַך.
דאָס האָט קיינעם נים איבעראַשט. זיי זענען געווען געוואוינט צו זיין
איבערמעסיגער שאַרפֿקייט. אָבער זיין באַנעמונג, האָט אויפֿגערעגט
אַנעט. זי האָט דאָס נים געקענט אַריבערטראָגן. זי האָט אים באַ־
אָבאַכטעט פֿון דער זייט. אומבאַמערקט האָט זי געפּאַרשט אַ שטריך
נאָך אַ שטריך, און האָט נים געקענט געפֿינען קיין איינציקן וואָס זאָל
איר געפֿעלן. אָבער דער אַלגעמיינער איינדרוק האָט נים פֿאַרגעשטעלט
מיט זיך די סומע פֿון אירע איינצעלנע איינדריקן; און ווען זי האָט אַן
שוועריגקייטן געענדיגט באַאָבאַכטן די איינצעלנע שטריכען פֿון זיין
אויסזען און כאַראַקטער האָט זי זיך ווידער דערפֿילט אומרואיק. אַ
באַוועגונג פֿון האַנט אַ קנייטש פֿון געזיכט... זי האָט מורא געהאַט פֿאַר
אים און זי האָט גערייכט:

— אבער, אונטער קיינע אומשטענדען טאר ער ניט דורכזען דורך מיר!

סאלאנדזש האט גערעדט וועגן א שרייבער וואס איז, ווי זי האט געזאגט געווען באשאנקען מיט דער מתנה פון טרערן.

— א שיינע מתנה! האט באמערקט פיליפ. טרערן אין לעבן זעענען ניט פיל ווערט, אבער אין קונסט ווייס איך ניט פון קיין העסלאַבערער זאך ווי אויפצוקלייבן טרערן אין א פלאש.

די דאמען האבן געמאכט א גוואלד. מאדאם ווילארד האט געזאגט, אז טרערן זענען איינע פון די פארגעניגענס פון לעבן, און סאלאנדזש האט געזאגט, אז זיי זענען א צירונג פאר דער נשמה.

— נו, און וואס זאגט איר, איר פראטעסטירט גארניט? — האט ער געפרעגט ביי אנעט. — איר קריגט זיי אויך פונם מאן, וואס באזארגט די אקטיארן מיט זייער שמינק?

— איך האב גענוג מיינע אייגענע טרערן, און נויטיק זיך ניט אין קיין פרעמדע.

— איר שעפט זיי פון אייערע אייגענע קוואלן?

— קענט איר מיר אפשר אנווייזן א וועג ווי אזוי פון זיי פטור צו ווערן?

— זייט הארט און שטארק.

— איך לערן זיך, — האט זי געענטפערט.

ער האט אויף איר געווארפן א קורצן בליק פון דער זייט.

די ארומיגע האבן נאך אלץ אויסגעגאסן זייערע הערצער.

— זעט איר, האט געזאגט פיליפ צו אנעט, אט דארטען איז א וואוילער בחור'ל, וואס וואלט זיך נויטיק באדארפט דאס אויסלערנען.

מיט א ווינקעל פון אויג האט ער אנגעוויזען אויף מארקן. וועמענס אויסדרוקפולער פנים האט נאאיוו אפגעשפיגלט די אלע פארשידנארטיקע רעגונגען וואס די שיינע מאדאם ווילארד, וואס איז געזעסן ארום אים, האט אויפגעוועקט אין אים.

— איך האב מורא, האט געזאגט אנעט, אז ער האט שוין א צו גרויסע נייגונג אין דער ריכטונג.

— איז נאך בעסער!

— איז עס נאך בעסער פאר די, וועמען ער טרעפט אין זיין וועג?

— זאל ער אריבערשפרינגען איבער זיי!

— דאָס איז לייכט פאַר אייך צו זאָגן.

— איר אַליין דאַרפט בלויז אָפּטרעטן אַן אַ זייט.

— דאָס וואָלט געווען געגן דער נאַטור.

— נ, ניין, וואָס איז באמת געגן דער נאַטור איז צו ליב האָבן צו שטאַרק.

— אַן אייגן קינד ?

ווען עס זאָל ניט זיין, און באַזונדערס אַן איינן קינד.

— ער דאַרף מיך האָבן.

— קוקט אים נאָר אָן ! טראַכט ער וועגן אייך? ער וועט זיך אָפּזאָגן פון אייך צוליב אַ ברעקעל פון מיין פרוים האַנט.

אַנעטס פינגער האָבן צוזאַמען געדריקט דעם טישטאָך... אַ, ווי זי האָט אים געהאַסט !... ער האָט געזען אירע פינגער.

— איך האָב אים ניט באַשאַפן בלויז צוליב דעם, אַז איך זאָל זיך אָפּזאָגן פון אים.

— ניט איר האָט אים באַשאַפן, שוין גאָר ניט איר, אים האָט באַשאַפן די נאַטור. זי האָט אייך אויסגענוצט און נאָכדעם שטויסט זי אייך אַוועק.

— איך וועל זיך ניט לאָזן אַוועקשטויסן.

— הייסט עס אַ קאַמף?

— יאָ, אַ קאַמף !

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין פּנים :

— איר וועט געשלאָגן ווערן, האָט ער געזאָגט.

— איך ווייס דאָס, מענטשן ווערן מערסטענס באַזיגט. אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס ? סיי ווי קעמפט מען.

אונטער דער קאַלטער מאַסקע האָבן אירע אויגן אַרויסרופּענדיק געשמייכלט, דער בלויער בליק פון פיליפּן האָט טיף אַריינגעדרונגען אין איר נשמה. זי האָט זיך אויסגעגעבן.

פיליפּ איז געווען אַ גוואַלדיק שטאַרקער מענטש. זיין שטאַרקייט איז געווען אַ טייל פון זיין טאַלאַנט. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט זיין קראַפט אומעטום ; אין זיין קליניק, אין זיינע ערשטוינענדע געוואַגטע דיאַגנאָזן, אין זיין זיכערער טעכניק ביים אָפּעראַציאָנס טיש, אַזוי גוט ווי אין די האַנדלונגען און באַשלוסן, אין זיין פערזענלאַכן לעבן, צוגעוואוינט צו לייענען מיט איין בליק, אין די

טיפּעני‍שן פון מענטשלאַכע קערפּערס, האָט ער גליַיך און פאַלשטענדיק פאַרשטאַנען אַנעט מיט אירע ליַידנשאַפטן, איר שטאָלץ און אירע זאָרגן, מיט איר טעמפּעראַמענט און שטאַרקער נאַטור. אַנעט האָט דערפילט אַז ער האָט איר דורכגעדרינגען דורך און דורך. אויסער זיך פון פאַרדרוס, האָט זי זיך אָפּגעצאַמט פון די בליקן פון איר געגנער מיט אַן אײַז פּאַנצער. אָבער לויט דעם ווי עס האָט פאַרקלעמט איר האַרץ האָט זי דערקענט דעם שונא. יאָ, דער שונא איז געקומען. ליבע... (אָ, אַט דאָס באַנאַלע וואָרט, וואָס איז אַזוי וויַיט פון אַט דער דער גרויזאַמער קראַפט!...) ווען זי האָט באַמערקט דעם אינטערעס צו איר וואָס האָט פּלוצלונג דערוואַכט ביַי אים, האָט זי דערויף געענטפערט מיט אַן איראָנישער גליַיכגילטיקייט. וואָס האָט ניט געקענט באַהאַלטן די פיַינטשאַפט וואָס זי האָט געפילט. דאָס האָט געמיינט איַינגאַנצן ביזן סוף זיך אויסגעבן. זי איז געווען צו אויפריכטיק, צו ליַידנשאַפטלאַך, זי האָט ניט געקענט מאַכן קיין אָנשטעל. אַפילו אַט די פיַינטלאַכקייט אירע האָט אַנטפּלעקט ביז די טיפעני‍שן איר נשמה. פיליפּ איז געווען דער איינציקער וואָס האָט דאָס געזען. ער האָט שוין מער ניט פּראָבירט אויפצולעבן דעם געשפּרעך; ער האָט געלערנט געַנוג און גליַיך ווי אים וואָלט דאָס גאָרניט אָנגיין האָט ער שוין ווידער דערציילט איינע פון זיינע ביטערע אַמוזאַנטע געשיכטעס. וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּעל פון זיין אייגענער ביַיטערער דערפאַרונג. און מיט זיינע אויגן האָט ער געמאַסטן די פרוי וואָס ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַנגען.

די אַרומיקע האָבן גאָרניט באַמערקט. די וויַיכהאַרציקע ריטער האָבן זיך מיט פאַרדרוס איבערציַיגט אַז אַנעט און פיליפּ געפעלן זיך ניט; צווישן אַט די צוויי כאַראַקטערע איז ניט געווען קיין איינציקער אַלגעמיינער שטריך. צוזאַמענברענגענדיק אַנעט מיט די ווילאַרדס האָבן זיי געהאָפט, אַז אַנעט וועט זיך באַפריַינדן מיט מאַדאַם ווילאַרד. „זיי זענען געווען ווי באַשאַפן איינע פאַר די אַנדערע". און אין דער הינזיכט האָבן זיי געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו זען, אַז זיי האָבן ניט געמאַכט קיין טעות.

נאָעמי ווילאַרד איז געווען אַ באַצויבערנדע קרעאָלאַ: מיט שמאָלע ביַינער און אַן אויסגעפילטן קערפּער, אָפּגעגילט ווי אַן אייַנגעבראָטענע טויב; זי האָט פאַרמאָגט צוויי הירשן אויגן, אַ שיי־

נעם נאָז, דינע באַקן מיט אַ קליינעם פּראָמינענטן מויל, וואָס האָט אויסגעזען ווי עס וואָלט שטענדיק זיין גרייט עפּעס אַריינצוכאַפּן; אירע אומשולדיק־יונגע בריסט זענען אימער געווען גרויסמוטיק אַנט־פּלעקט. זי האָט געהאַט צאַרטע הענט, אַ שלאַנקע טאַליע און דעלי־קאַטע פיס. זי האָט געשפּילט די ראָלע פון דער פרוי־קינד, מיט איר פאַרבלענדונג, מיט איר מאַטקייט, מיט איר באַגייסטערונג, מיט אירע געלעכטערס און אירע טרערן, און ניט קלאָרן אַרויסרעדן פון ווערטער זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ שוואַן: אַ פליענדן, אָפּ־פינדלאַכן, נאָר ניט קיין אינטעליגענטן. אין דער ווירקלאַכקייט איז זי געווען פונקט דאָס פאַרקערטע. אַ קלוגע, זער אַ קלוגע, פול מיט תאוה, אַ טרוקענע און ליידנשאַפטלאַכע האָט זי אַלץ באַמערקט, אַלץ גע־פאָרשט און אויסגערעכנט. זי איז געווען אומדערמידלאַכע און ס׳איז געווען אוממעגלאַך זי צו ברעכן. זי איז געווען שוואַך — יאָ, שוואַך אָבער ווי אַ צווייג פון אַ ווערבע וואָס בויגט זיך און — פּיף — קומט צוריק שמייסענדיק, אָט ווי געמאַכט פון פעסטען צעמענט און בלויז באַדעקט מיט בויגזאַמען עמאַל. בלויז זי אַליין וואָלט געקענט זאָגן וויפיל ענערגיע אָט דער צאַרטער ענעמאַל פאָדערט. און וואָס אָנבאַ־לאַנגט אינטעליגענץ האָט זי געהאַט איבער גענוג, זי וואָלט נאָך גע־קענט אַביסעל פון איר אינטעליגענץ אַוועקגעבן צו נויט באַדערפטיקע: איר אינטעליגענץ האָט זי געהאַלטן ווי אין אַ באַנק, און האָט איר באַ־נוצט בלויז פאַר דער איינאונאיינציקער זאַך וואָס האָט זי אינטערע־סירט, פאַר איר מאַן, וועמען זי האָט אייפערזיכטיק געהאַלטן אין אירע הענט. זייער הייראַט איז פון ביידע זייטן געווען אַ הייראַט פון ליבע, זיי זיינען געווען פאַרליבט איינע אין די אַנדערע מיטן קאָפּ, אַזוי גוט ווי מיטן האַרצן — אַ ליידנשאַפטלאַכע ליבע מיט אירע פאַרגעניגנס און פעסטן שטאָלץ, נאָעמיס באַשלוס איז געקומען אַ סך פריער, פון פיליפּס אויסוואַל, אפילו פריער פון זיין אויפמערקזאַמקייט... אָט דער מאַן וואָס האָט לויט דער מאָדע פון פאַריזער וועלט־מענש אַנט־וויקלט גלייכצייטיק און מיט גרויס אימפּעט אַ גוואַלדיקע טע־טיגקייט אין זיין ספּעציאַליטעט און אַן אומדערמידלאַך געזעלשאַפט־לאַך לעבן, האָט נאָך געפינען צייט צו פירן צאָלרייכע ראָמאַנען. זיין רום אַלס באַזיגער פון פרויען האָט געהאַט זער אַ סך צוטאָן מיט נאָ־עמיס וואַנזיניגער ליבע און איר אַנשטאַלטסנעם פאַרלאַנג צו פאַנגען

אים פאַר זיך אַליין און פאַר אימער. פיליפּ האָט זיך ווייניק געקי־מערט וועגן דער אינטעליגענץ פון פרויען. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן זיין שיין געבויט, געזונט, עלעגאַנט און טעמפּ. ער איז גע־גאַנגען אַזוי ווייט אַז ער האָט געזאָגט, אַז פרויען קענען קיינמאָל ניט זיין טעמפּ גענוג. נאָעמי איז דאָס זיכער ניט געווען, אָבער דאָס האָט ניט אויסגעמאַכט! אַ פרוי וואָס גאַרט אַ מאַן, קען אָננעמען פאַרן שפּיגעל דעם שכל פּונקט אַזוי גוט ווי די אויגן וואָס געפעלן אים. זי האָט פאַרשיכורט פיליפ'ן מיט איר יונגן קערפּער און מיט איר פאַר־געטערונג. זי האָט דורשטיק אים אַריינגעזויגן אין זיך.

אָבער די קאַריערע פון אַ געליבטער איז בכלל ניט קיין גרינגע. דערצו פאָדערט זיך אַ באַזונדער מין געניאַליטעט. דערביי איז קיין מאָל ניט נימאַ קיין מינוט רו! נאָך אַ לאַנגן פעריאָד פון געגענזייטיגער פאַרליבטער קנעכטשאַפט האָט פיליפּ אָנגעהויבן פילן עטוואָס מיד. נאָעמי, וועלכע האָט מיט אַ וואונדערלאַכער געשיקט־קייט אימער דערשפּירט אין הארצן פון איר מאַן ־ געליבטן די מינדסטע סמנים פון דער קלענסטער ענדערונג פון ווינט, איז געשלאָפן מיט איין אויג אָפן; אימער אייפערזיכטיק, אויף דער וואַך, איז זי געווען פעאיק, אומבאַמערקט פאַר פיליפן, מיט איין דריי אָפּווישן די געפאַר און צוריק איינשמידן דעם מאַן וואָס איז געווען גרייט זיך צו באַפרייען פון איר. עס איז געווען אַ שפּיל צוערשט, אָבער ניט פאַר לאַנג. נאָר מער ווי פיליפן האָט מען געמוזט היטן זיך אַליין, צו זיין אַלע מאָל אויפמערקזאַם, אימער גרייט זיך צו באַשיצן פון די אומדערוואַרטע און אומפריינטלאַכע אַטאַקעס פון די באַטריגערישע מיינונגען פון דער צייט. נאָעמי האָט שוין מער ניט געהאַט איר אַמאָליגע פרישקייט. דער קאָליר פון איר געזיכט האָט אָנגעוואָרן דעם פריערדיקן חן, די פיינקייט פון פּנים האָט זיך פאַרביטן מיט טרוקענקייט, די בריסט זיינען געוואָרן פולער, די ריינע ליניע פון האַלדז זיינען געווען אין גע־פאַר. קונסט איז געקומען צו הילף צו דעם אָנגעגריפענעם קונסט ווערק,און האָט מיט זיך געבראַכט נאָך נייע אָנציהענדע שטריכן. אָבער וואָס פאַר אַ אָנשטרענגונג דאָס האָט געמיינט! עס וואָלט געווען זינלאָז דאָס צו לאָזן גיין ווי ס'גייט בלויז פאַר איין מאָמענט, און דער סוד וואָלט זיך אַנטדעקט פאַרן שאַרפן בליק פון הערשער, וועלכער וואָלט דאָס שוין קיין מאָל ניט פאַרגעסן. מען טאָר קיינמאָל זיך

ניט ערלויבן געזען צו ווערן אומגעריכטערהייד!... ס'ארא טראגעדיע ווען אין א געוויסן פרימארגן האט זיך ביי איר צובראכן אן אויבערשטער צאן! נאעמי איז פארבליבן א גאנצן האלבן טאג אין באהעלטעניש ביים דענטיסט ווייל, אויב ניט דער אומבאשעדיגטער פרייער שמייכעל אירער, ווען זי איז צוריקגעקומען, וואלטן זיך ביי פיליפן אריינגעגנבעט פארדאכטן, ריינע פון אייפערזוכט, (אבער אפילו אייפערזוכט איז ניט אזוי שרעקלאך ווי א צובראכענער צאן!) זי האט באדארפט שפילן א שנעלע שפיל. פיליפ איז ניט געווען איינער פון יענע מענער וועמען עס איז לייכט אפצונארן אין באצוג צו די מעלות פון אימיצענס פיזישען צושטאנד. ער האט אליין באלאנגט צו דעם פאך, און איז געווען א גרויסער מבין. נאעמים הארץ האט אימער געקלאפט שטארקער ווען פיליפ פלעגט אנשטעלן אויף איר איינעם פון זיינע עקס־ריי בליקן (ווי זי האט זיי אין שפאס גערופן, כדי אים אראפפירן פון גלייכן וועג), מיט וועלכע ער פלעגט איר ווי אונטערזוכן.

— זעט ער? — פלעגט זי זיך פרעגן.

יא, ער האט געזען, אבער ער האט דאס ניט ארויסגעוויזן. נאעמים קונסט האט אויסגעזען ביי אים ווי א טייל פון איר נאטור; און אזוי לאנג ווי דער עפעקט פלעגט געפעלן, איז אלץ געגאנגען גוט... אבער היט זיך פאר יענעם טאג, ווען דער עפעקט וועט זיין א דורכפאל... זי האט ניט געקאנט דורכשלאפן קיין צוויי נעכט כסדר אויף אירע אלטע לארבער קראנצען, זי האט געמוזט געווינען לארבער קרענץ יעדן פרימארגן אויף דאס ניי. און זי האט ניט געטארט אויסזען פארזארגט. כדי געפעלן דעם הערשער האט זי אלע מאל באדארפט אויסזען פריילאך, יונג און שטראלענד. צייטענווייז איז דאס געווען זער־זער שווער. אין מאמענטן פון מידקייט, ווען זי איז געווען זיכער אז קיינער זעט זי ניט, פלעגט זי אנידערפאלן אויף א סאפא מיט א הארטן און טיפן קנייטש צווישן די אויגן און מיט א צוזאמענגעצויגענעם שמייכעל אויף די ליפן, וועלכע זי האט איינגעביסן ביזן בלוט... אבער דער איבערפאל פון שוואכקייט האט קיינמאל ניט געדויערט לענגער ווי א מינוט אדער צוויי. זי האט זיך ווידער באדארפט לאזן אין וועג. און זי האט זיך געלאזן יונג, פריילאך און שטראלנד... פארוואס ניט? אזוי איז זי געווען. און זי איז ניט נאכלעסיק געווארן... אויסער דעם, זענען דא

װעגן װי זיך נוקם זײַן אין אַ טיראַן, אַן װעלכן מען קען זיך ניט באַגײן. און װעלכער מיסברױכט זײַן מאַכט. גענוג! זי האָט געהאַט אירע סודות... מיר װעלען רעדן װעגן זײ שפּעטער אױב זי װעט דאָס דער־לױבן. דערװײַל לאַכט זי ניט נאָר מיט אירע ליפּן; זי איז צופרידן מיט זיך אַלײן און מיט אים; זי איז זיכער, אַז זי האָט אים אײַנגע־האַלטן!... און נאַטירלאַך איז דאָס די שטונדע װען ער גליטשט זיך אַרױס פון אירע הענט... אומזיסט זענען אַלע אירע טאַלאַנטן! די גאַנצע מי איז אומזיסט עס מוז קומען אַ מאָמענט װען די אױפמערק־זאַמקײט װערט אָפּגעשװאַכט. אַפילו אַרגוס איז געשלאָפן. און די חיה אין שטײג, דאָס האַרץ פון אַ אײַנגעצאַמטן געליבטן געװינט װידער זײַן פרײַהײט.

דורך אײנעם פון יענע פאַרבלענדנישע, צו װעלכע די נאַטור איז געװאױנט, און װעלכע די מאַראַל פאַרמיטלער נוצט אַזױ אױס, האָט נאָעמי צום ערשטן מאָל געזען אַ פרױ צו װעמען זי האָט ניט געהאַט קײן מיסטרױען. און אָט די פרױ איז געװען אַנעט.

זי האָט זיך פאַרלאָזט אױף אַן איבערצײַגונג אַז פיליפּ האָסט אינטעלעקטועלע פרױען. אַנעט איז געװען די לעצטע װאָס האָט איר געקענט פאַרשאַפן אומרואיקײט. לױטן אױסערלאַכן געשטאַלט פון יענע פרױען װאָס האָבן צוגעצױגן פיליפּן אין דער פאַרגאַנגענהײט, לױט איר אײגענעם פאַרטרעט האָט זי פאַר זיך געמאָלן דאָס געשטאַלט פון אַ פרױ װאָס װאָלט געקענט פון איר אַװעקנעמען איר מאַן. זי האָט איר געזען פונקט אַזױ קלײן װי זי אַלײן, אַ טונקעלע, זיכער אַ שײנע און אײדעלע, אַ קאָקעטקע װאָס װײסט װי אַזױ אױסנוצן אַלע אירע מעלות. פיליפּ האָט זיך געהאַלטן בײַ דער הומאָריסטישער מײנונג אַז פרױען, זײַענדיק אױסשליסלאַך באַשאַפן פאַר דעם פאַרגעניגן פון מאַן, דאַרפן אין מאָדערנעם לעבן זײַן אײנע פון די זעלטענסטע שײן אַרומגײענדיקע הױז שפּילכלאַך, אַרום װעמען עס זאָל ניט זײַן שװער אַרומגײן, און װעלכע זאָלן אױך ניט פאַרנעמען צופיל פּלאַץ, און זאָלן אױך אַן אײגענעם אופן באַצירן מיט זיך דעם גאַסט צימער און דעם שלאָף צימער. ער האָט ניט ליב געהאַט קײן גרױסע פרױען. און האָט געשעצט גראַציע העכער פון שײנקײט. װאָס אַנבאַלאַנגט שכל, פלעגט ער זאָגן, אַז װען ער דאַרף שכל געפינט ער עס בײַ מע־נער, און אַז דעם אײנציקן שכל װאָס ער פאָדערט פון דער פרױ איז

דער „שׂכל פֿון דעם קערפּער“. נאָעמי האָט זיך איבערדעם מיט אים
ניט געאַמפּערט; זי האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין די ראַמען פֿון דעם
פּאָרטרעט. אַנעט האָט ניט געהאַט קיין שום געמיינשאַפֿטלאַכעס מיט
אָט דעם פּאָרטרעט. גרויס און שטאַרק, מיט אַ שווערער שיינקייט.
געלאַסן. ווען קיין זאַך האָט איר ניט געערגט; אָבער אין גאַנצן אָן
גראַציע ווען זי האָט ניט געוואָלט האָבן קיין גראַציע. יאַנאָנע — די
מוטער וואָס דרעמלט אויף דער לאָנקע — זי האָט ניט אַרויסגערופֿן
ביי נאָעמין קיין פֿאַרדאַכט; דער פֿאַקט וואָס אַנעט האָט זיך גע־
האַלטן אַזוי אייז־קאַלט מיט פֿיליפּן האָט איר געמאַכט נאָך אָנציהענ־
דער אין נאָעמיס אויגן. אַנעט פֿון איר זייט האָבענדיק אַן אַנטוויי־
קעלטן געפֿיל פֿאַר פֿרויען שיינקייט און אַ נייגונג צו שעצן אין אַנ־
דער דאָס, וואָס איז ניט געווען ענלאַך צו איר, איז געווען אַנטציקט
פֿון נאָעמין. שמועסנדיק מיט נאָעמין האָט זי באַוויזן אַז זי קען
אויך ליבלאַך שמייכלען ווען זי וויל. פֿיליפּ האָט קיין זאַך דערפֿון ניט
פֿאַרלוירן. און זיין ניי־געבוירענער פּלאַם האָט זיך צופֿלאַקערט אין
אים פֿאַר אָט דער אַנעט מיט אירע ביידע מאַסקעס, פֿון וועלכע איינע
איז געווען ניט פֿאַר אים. (איז אָט די אַנדערע מאַסקע, ווירקלאַך גע־
ווען ניט פֿאַר אים, צוריק געשטויסענע ליבע געפֿינט אַזוינע קלוגע איינ־
פֿאַלן און וועגן ווי אַזוי זיך אומקערן צוריק צו דעם אָרט פֿון וואַ־
נעט מען האָט איר פֿאַרטריבען). אין דער אייגענער צייט ווען אַנעט
האָט ניט דערלאָזט אַז פֿיליפּ זאָל אַריינקוקן אין איר און האָט זיך באַ־
האַלטן אונטער איינע פֿון אירע סאַמע אומדאַנקבאַרסטע מאַסקעס,
האָט זי גאָרניט געהאַט געגען דעם, אַז ער זאָל זען איבער דער וואַנט
דעם סאַמע אָנציהענדן אויסדרוק אירן... יאָ, ער האָט דאָס קלאָר גע־
זען. פֿון דעם צווייטן ווינקעל פֿון גאַסט צימער, באַשרייבענדיק פֿאַר
די באַלאַבאַטים פֿון הויז איינע פֿון זיינע דערפֿאַרונגען, האָט ער באַ־
אָבאַכטעט זיין ווייב, וואָס האָט זיך אומבאַוואוסטזיניק געמיט פֿאַר
אים. אַנעט און נאָעמי האָבן פֿאַרשווענדט איינע אויף די אַנדערע אַלע
קליינינקע העפֿלאַכקייטן. וואָס נאָעמי האָט אימער פֿאַרמאָגט אין אַ
גרויסער מאָס, אַרויסרופֿענדיק אין אַנעט אַ פֿאַרוויקעלטן געפֿיל, וואָס
איז ניט געווען פֿריי פֿון אַן אומרוהיקן געדאַנק וועגן פֿיליפּן. און
איר אויער האָט זיך פֿון דעם צווייטן עק צימער צוגעהערט צו דער

פעסטער שטימע, וואָס האָט געוואוסט אַז מען הערט זיך צו צו איר...

זי האָט אים געהאַסט, זי האָט אים געהאַסט... ער האָט פאַר־קערפּערט דעם טיפסטן טייל פון איר אומטערדריקטער נאַטור, די נאַטור וואָס זי האָט געוואָלט אונטערדריקן, דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, דעם האַרטן דאָמינירענדן שטאָלץ, די באַדערפעניש צו באַהערשן די פאָדע־רונגען פון דעם ווילן, די פאָדערונגען פון דעם פאַרשטאַנד, די פאָדערונגען פון דעם ליידנשאַפטלאַכן שטאַרקן קערפּער, ליידנשאַפט אָן ליבע, שטאַרקער פון ליבע און אַזוי ווי זי האָט געהאַסט אַט דעם פּאַון פון דער נשמה, געהאַסט עס אין זיך האָט זי עס במילא אויך געהאַסט אין אים. אָבער דאָס וואָלט געהייסן אַריינטרעטן אין אַ ניט גלייכן קאַמף. זי האָט געהאַט צוויי געגנער זיך — אים און זיך אַליין.

XXXIX

פיליפּ ווילאַרד האָט געשטאַמט פון דעם קליינעם און אָפּהענגיקן סוחרישן קלאַס.

זיין פאָטער איז געווען אַ דרוקער אין אַ קליין שטעטל. אַ טיכ־טיגער, רירעוודיקער דרייסטער מענטש, און ער האָט געהאַט די ענער־גיע און די פייאיגקייט ניט צו קימערן זיך וועגן די מיטלען וועלכע זיי־נען נויטיג פאַר דערפאָלג; אָבער ער איז ניט געווען דערפאָלגרייך, ווייל פאַר דערפאָלג, איז דאָ אַ געוויסע מאָס פון אומפאַרשעמטקייט וועלכע מען טאָר ניט איבערטרעטן, און ער האָט אַלע מאָל איבערגעכאַפּט די מאָס. ער איז געווען דער פאַרוואַלטער פון אַן אָרטיקער צייטונג וואָס איז געשוואומען אויף די אומרוהיקע וואַסערן פון פּאָליטיק. אַ גאַמבאַטיסט־רעפּובליקאַנער, אַן אומדערמידלאַכער אַנטי־קלעריקאַל, אַ גרויסע קראַפט אין די וואַלן, האָט ער איינמאָל איבערגעטראָטן די גרעניצן פון פאַרלוימדונג, וואָס זיינען דערלויבט פון געזעץ (נייז. פון מנהג) און די, וועמען ער האָט געדינט, האָבן אים פאַרדאַמט און פאַרלאָזן. צו אַלעם דעם איז ער נאָך געווען קראַנק. ער האָט געזען אַז ער איז רואינירט; זיין דרוקעריי האָט מען פאַרקויפט. און אַזוי שנעל, ווי ער האָט פאַרלוירן די מיטלען מיט וועלכע ער האָט זיך געקענט מאַכן ניצלאַך, אָדער צוליב וועלכע מען האָט געדאַרפט

פאר אים מורא האבן, האט דער גאנצער אנגעגליבענער האס זיך אויס־גגאסן אויף אים. מיט א ווילדן צארן האט ער געקעמפט געגען קראנק־הייט, ארימקייט, און דעם ביטערן מזל. די פארביטערטקייט האט פארערגערט זיין לאגע און ער איז געשטארבן אויסדריקענדיג מיט זיין לעצטן אטעם זיין אומפארגעבלאכע ביטערקייט געגען דעם פאראט פון זיינע געוועזענע פריינט. דער זון איז געווען צען יאר אלט; אבער קיין איינציקע פון זיין פאטערס קללות איז ניט פארלוירן געגאנגען פאר אים.

זיין מוטער, א שטאלצע פויערטע, האט געשטאמט פון די יורא בערג. זי איז געווען צוגעוואוינט צו קעמפן מיט אן אומדאנקבארן באדען וואס איז געווען געביסן פון שארפע ווינטן. ביי טאג פלעגט זי גיין ארבעטן אלס וועשערין ביים קאנאל און פלעגט אונטערנעמען די שווערסטע ארבייט. זי איז געווען שטארק ווי א פערד, און פלעגט זיך ארייננווארפן אין דער ארבייט מיט איר גאנצן אייזערנעם קערפער. דורשטיק נאך א פארדינסט, אבער ארבייטזאם, ערלאך, שטרענג צו זיך און קארג; מען האט פאר איר מורא געהאט און דאך האט מען איר פארלאנגט. זי האט פארמאגט א שארפן צונג, וועלכן זי האט געהאלטן אין צוואנג, און מען האט געוואוסט אז צוליב איר מאנס טויט, איז זי געווען באקאנט מיט די געהיימניסע פון פילע פאמיליעס. זי האט זיך ניט באנוצט דערמיט, אבער זי האט דאס געקענט טאן, און עס איז געווען א סך קליגער איר צו באַ־צאלן פאר איר ארבעט איידער זיך צו באגיין אן דעם. זי איז ניט געווען אינטעלעקטועל איבערקלייבעריש, און איז גע־ווען אנגעשטרענגט טיכטיק און עטוואס מעלאנכאליש (ווייל אין אט דער ראסע האט שפאניען איבערגעלאזן איר בלוט). זי האט פארמאגט א קוואל פון ענדלאזער ליידנשאפטלאכער ענער־גיע, אויסגעמישט מיט דער אנטוישונג פון דער גאלישער ראסע וועלכע גלויבט אייגענטלאך ניט אין קיין זאך און דאך האנדעלט זי אזוי, ווי דאס וואלט געווען א פראגע פון אייביקער דערלייזונג אדער פארדאמונג. זי האט גארנישט ליב געהאט אויסער איר זון. זי איז געווען גרויזאם אין איר ליבע. זי האט ניט באהאלטן פון אים קיין איינציקע פון די זאכן, וועלכע זי האט פארשוויגן פון אנדערע מענטשן; זי האט זיך באנומען מיט אים ווי מיט א שיתוף. אמבי־

ציִען בלויז פון זיינעטוועגן, האָט זי זיך מקריב געווען פאַר אים, און ער וועט זיך אויך מקריב זיין — פאַר וועמען? פאַר איר נקמה. (איר ראַכע־געפיל? יאָ, איר אייגענע, סיי דעם זונס, סיי דער מוטערס — עס איז די זעלבע זאַך!) זיי ניט צערטלאַך, זיי ניט נאָכגעביג — און איבער אַלץ ניט געקרעכצט. באַגיי זיך ווי עס איז, וועסט שפּעטער לאַכן דערפון! ווען ער פלעגט קומען אהיים פון שול! (איין גאָט האָט געוואוסט מיט וויפיל אנשטרענגונג פון אַרבייט און דיפּלאָמאַטיע, זי האָט געקראָגן פאַר אים אַ סטעפּעינדיע צוערשט אין דער עלעמענטאַרער שול, און דערנאָך אין ליציי אין דער הויפּט שטאָט פון דער פּראָווינץ!) ווען ער פלעגט קומען אַ היים געשלאָגן און באַליידיגט פון די קליינע רייכע אינגלאַך, די נאַרישע יורשים פון דעם פאַרבאָרגענעם האַס פון זייערע פאָטערס, פלעגט זי אים זאָגן: — דו וועסט שפּעטער זיין שטאַרקער פון זיי. זיי וועלן קושן דיינע פיס. פאַרלאָז זיך אויף זיך אַליין! זאָלסט זיך אויף קיין אַנדערן קיינמאָל ניט פאַרלאָזן.

ער האָט זיך אויף קיינעם אויסער זיך ניט פאַרלאָזט, און אינגיכן האָט ער קלאָר באַוויזן אַז זיי וועלן זיך מוזן רעכענען מיט אים. עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו דערציען איר לעבן ביז איר זון האָט גלענצענד געענדיקט מיטעל שול, און האָט פאַרענדיגט זיין ערשטן יאָר אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון פאַריזער אוניווערזיטעט. אין מיטן פון זיינע עקזאַמענס איז זי קראַנק געוואָרן מיט לונגן אַנטצינדונג. זי האָט אים ניט געוואָלט שטערן איידער ער האָט געענדיקט זיינע עקזאַמענס און איז געשטאָרבן אָן אים. מיט איר פעסטער האַנטשריפט, וואָס האָט זיך געשלענגלט, ווי צווייגן פון וויינטרויבן אין פרילינג, מיט אַלע קאָמאַס און פּונקטען צושטעלט ריכטיק אויף זייערע ערטער, האָט זי אָנגעשריבן אויף אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר, וואָס זי האָט פאַרזיכטיק אויסגעשניטן פון איינע פון איר זונס בריוו, וועלכער האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פּאַפּיר:

— איך שטאַרב. זיי שטאַרק, מיין זון! גיב זיך ניט אונטער!

ער האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. זיך אומקערענדיק אַ היים צו באַערדיקן זיין מוטער, האָט ער געפינען אַ קליינע סומע געלט געזאַמעלט פון טאָג אויף טאָג, וואָס האָט אים געגעבן די מעגלאַכקייט, צו באַצאָלן פאַר דעם צווייטן לערן־יאָר אין אוניווערזיטעט. דערנאָך, אי־

בערגעלאָזן צו זיך אַליין, האָט ער אָוועקגעגעבן האַלב פון זיינע טעג און צייטנווייז זיינע נעכט אויף צו פאַרדינען גענוג צו קענען עקזיס־טירן די צווייטע העלפט. קיין אַרבעט איז ניט געווען צו שווער פאַר אים. ער האָט געאַרבייט ביי נאַטור געשיכטע, פאַר איינעם וואָס שטאָפּט אָן די פעל פון חיות. ער האָט געדינט אַלס מאָדעל פאַר אַ סקולפּטאָר, ער האָט אויך געאַרבעט אַלע זונטאָג אין קאַפעס, אָבער שבת ביינאַכט אויף חתונות אין רעסטאָראַנען. ווינטער, האָט ער אין אַ געוויסן פרימאָרגן ווען ער איז געווען הונגעריק, אָנגענומען אַ שטעלע צו רייניגן דעם שניי. ער האָט זיך ניט געקווייקלט ווען אים איז אפילו אויס־געקומען פּשוט צו בעטלען פון צדקה אַנשטאַלטן ,אָדער זיך צו דערנידעריגען און לייען קליינע סומען וועלכע ער האָט ניט געהאַט די מעגלאַכקייט אומצוקערן, כאָטש דאָס האָט געגעבן די קלייניקע מענטשן אַ געלעגנהייט פאַר אַ פינף פראַנק שטיק צו באַהאַנדלען אים אָן אַכטונג... (די נידריגע נפשות האָבן דאָס ניט געוואָלט טאָן נאָך אַמאָל, נאָך דעם בליק וואָס ער האָט זיי צוגעוואָרפן! נאָר דאָן, ניט האָבנדיק די מעגלאַכקייט זיך צו באַלוינען מיט שפּאָט און פאַראַכטונג, האָבן זיי געזוכט זייער באַלוינונג אין האַס, פאַרזיכטיק און אונטער זיינע פּלייצעס: זיי האָבן אים באַרעדט). אין פאַרלויף פון עטלאַכע מאָנאַטן פון אומדערמידלאַכער אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז ער געגאַנגען אַזוי ווייט אַז ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון דעם געלט וואָס אַ מיידל פון דער נאַכבאַר־שאַפט האָט אים פאַרגעשלאָגן. ער איז ניט רויט געוואָרן דערביי, ווייל דאָס איז ניט געווען פאַר אים (ער איז פּשוט אויסגעגאַנגען פון נויט), ווייל ער האָט דאָס געטאָן ניט צוליב זיך נאָר פאַר זיין ערפאָלג. זיכער האָט ער געהאַט באַדערפעניש! ער האָט געוואָלט יעדע זאַך, אָבער ער האָט אונטערדריקט זיין פאַרלאַנג. שפּעטער צו! צוערשט מוז ער זיגען. און אום צו זיגן מוז ער לעבן. לעבן אונטער אַלע אומ־שטענדן, לעבן אום יעדן פּרייז. זיג מאַכט אַלעס גוט. און דאָס איז אים געקומען. ער האָט געפילט אַז ער איז אַ געניאַלער מענטש.

ער האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע לערער און חברים. עס זיינען אים אַנפאַרטרויט געוואָרן אַרבייטן, וואָס זיינען שפּעטער אונטערגעשריבן געוואָרן פון מענטשן מיט נעמען, נאָך דעם ווי זיי האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי האָבן דאָ און דאָרט זי עט־

וואָס אויסגעבעסערט. ער האָט זיך געלאָזן עקספּלואַטירן, כדי צו
געווינען די מאַכט איבער יענע, וואָס פאַרשליסן די טירן פאַר די ניי
געקומענע. זיי זענען ניט געווען אין קיין צו גרויסער איילעניש אים
אַריינצולאָזן. זיי האָבן אים רעספּעקטירט, אָבער רעספּעקט איז אַ
מין געלט, וואָס דערלויבט ניט זיך צו באַגיין אָן דעם ריכטיגן געלט.
זיי האָבן אים געשעצט, אַ געוויס. אָבער פון דער אָנערקענונג האָט
ער ניט געקענט פעט ווערן. ניט קוקענדיק אויף זיין גאַנצער איינגע־
באַרענער קראַפט און שטאַרקייט, אויף דער שטאַרקייט פון זיין מו־
טערס יורא בערג, איז ער געווען אויפן פונקט פון אונטערגאַנג, פון
מידקייט, דערשפּעטקייט פון הונגער, ווען סאַלאַנדזש האָט אים צופע־
ליק געטראָפען. דאָס איז געווען איין איינער פון די פילע צדקה אַנ־
שטאַלטן וואָס זי האָט מער וועניג רעגעלמעסיג געשטיצט מיט אַן אויפ־
ריכטיקער גוטמוטיגקייט, מיט איר האַרצן און מיט איר געלט; אַ
קליניק פאַר קינדער. סאַלאַנדזש האָט דאָרטן געזען פיליפּן ווען ער
האָט זיך איבערגעגעבן צו דער אַרבייט מיט אַזאַ אָנגעשטרענגטן אימ־
פעט און באַגייסטערונג — אַט די באַגייסטערונג צו זיגן וואָס ער
האָט געפילט איבעראַל וואו עס איז נאָר געווען די מינדסטע מעגלאַכ־
קייט דערפאַר—ביי די בעטלאַך פון די קליינע פאַציענטן וואָס זיינען
שיינבאַר געווען פאַראורטיילט צו אינטערגאַנג. ער האָט פאַרבראַכט
נעכט אַרום זיי און איז אוועקגעגאַנגען פון אַט די שלאַכטען דערשעפּט
און אָפּגעשוואַכט אָבער מיט אויגן וואָס האָבן געפלאַמט מיטן פייער
און אינערלאַכער קראַפט. ווען ער האָט געזיגט, איז ער געווען כמעט
שיין און האָט אויסגעזען מער ווי גוט. ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט
אַרום דעם קלייניקן לײדענדן, וועמן ער האָט נאָר וואָס אָפּגעראַטע־
וועט פון טויט. האָט ער אים ליב געהאַט? עס איז געווען מעגלאַך.
אָבער ניט זיכער. אָבער ער האָט באַזיגט די קראַנקהייט.

ווען סאַלאַנדזש האָט זיך דערוואוסט וועגן פיליפּס לאַגע האָט זי
איבערגעלעבט איינעם פון יענע פּעריאָדישע קריזיסן, ווען איר גאַנצער
אַריזאַנט איז געווען אויסגעפילט פון איין און איינציקן געגנשטאַנד.
ווען מען האָט געוואָלט דאָס אויסנוצן האָט מען ניט געטאָרט פאַרלירן
קיין צייט. פיליפּ האָט קיין צייט ניט פאַרלוירן. אַט דער מאַן וואָס
האָט זיך געטרונקן האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער האַנט וואָס מען האָט
צו אים אויסגעשטרעקט. ער וואָלט גענומען דעם גאַנצן אָרעם

און ער וואָלט געווען גענומען דאָס איבעריקע אויך, ווען ער זאָל ניט געווען באַמערקן אַז סאַלאַנדזש, אין איר פאַרבלענדונג, האָט ניט געהאַט אין זינען קיין ליבע. זי האָט ליב געהאַט זיך צו פילן דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה. אָבער דאָס האָט אין קיין הינזיכט ניט געשטערט איר גלייכגעוויכט. פיליפּ האָט קיינמאָל ניט געזען קיין פרוי, וואָס זאָל זיין פאַראינטערעסירט אין אים ניט זוכענדיק צו באַפרידיקן דורך אים אַזוי אָדער אַנדערש אירע אייגענע אַניטערעסן. די גוטע סאַלאַנדזש האָט געפונען איר פאַרגעניגן אין איר אַליין. אַלץ וואָס זי האָט געפאָדערט פון אַנדערע, איז געווען דאָס, אַז זיי זאָלן ניט אָפּלייקענען די פאַרשטעלונג וואָס זי האָט זיך פאָרמירט וועגן זיי. טיף אין האַרצן האָט זי זיי באמת ניט געוואָלט קענען. זי האָט זיך גענומען די מי ניט צו זען אין דער צווייטער פּערזאָן קיין זאַך וואָס האָט איר ניט געקענט געפעלן, זאָגנדיק צו זיך אַליין, אַז דאָס איז ניט געווען זיין „אמת'ע נאַטור"; אַלס אמת האָט זי אָנגענומען בלויז דאָס וואָס איז געווען ענלאַך צו איר. און אַזוי האָט זיך איר איינגעגעבן צו באַשאַפן מיט איר אייגענעם שכל אַ גאַנצע וועלט וואָס איז באַשטאַנען פון גוטע, ערלאַכע נשמות לויט איר אייגענעם שאַבלאָן.

פיליפּ האָט מיט אַ ביסעל פאַראַכטונג און אַביסעל רעספּעקט זי געלאָזן גיין איר אייגענעם וועג. ער האָט ניט ליב געהאַט קיין טעמפּע אַכטונג און אַביסעל רעספּעקט. ער האָט ניט ליב געהאַט קיין טעמפּע מענטשן, און אַלס אַזעלכע האָט ער באַטראַכט אַלע די וואָס האָבן ניט געזען די וועלט ווי זי איז; אָבער גוטסקייט וועלכע טוט טאַקע גוטעס און באַגרעניצט זיך ניט מיט בלויז רעדען איז פאַר אים געווען ניט קיין אַלטעגלאַכע דערשיינונג. וואָס זייער ווערט זאָל ניט זיין, אַ מאָראַלער אָדער אונמאָראַלער, וויכטיג איז וואָס אַזוינע מענטשן האָבן אַ ווערט. סאַלאַנדזשעס גוטסקייט איז ניט געווען קיין אַרויפגעצוואונגענע. אַזוי שנעל ווי זי האָט זיך דערוואוסט וועגן פיליפּס עלענד און זיין שווערען אַרבייטער לעבן, האָט זי אים געגעבן אַ פּענסיע ביז וואַנעט ער וועט ענדיקן דעם אוניווערזיטעט און וועט קריגן זיין דיפּלאָם; זי האָט אים אויך באַזאָרגט מיט מיטלען צום לעבן, אַזוי אַז ער זאָל קענען אַרבייטן אין פרידען. זי האָט געטאָן נאָך מער, זי האָט אויסגענוצט אירע גרויסע פאַרבינדונגען אום צו פאַראינטערעסירן אין אים אַן איינפלוסרייכן פּראָפעסאָר. בעסער געזאָגט, זינט אַט

דער פּאָרזיכטיגער מאַן האָט אַליין ניט פאַרפעלט צו באַמערקן די אומ־רואיגע קראַמפּט פון אָט דעם הונגעריקן וואָלף, האָט ער איינגעאָרדנט זאַכן אַזוי, אַז אָט דער אינטערעס זיינער זאָל ניט פאַרבלייבן קיין פּריוואַטער סוד, נאָר זאָל אַרויסקומען אין דער עפנטלאַכקייט. צום סוף האָט זי אים געבראַכט אין באַרירונג מיט אַן אַמעריקאַנער אויל־קעניג, וואָס האָט זיך געוואָלט דורך אימיצן פּאַראייביקן. און ער האָט געעפנט פאַר אים אַ שנעלן וועג צו באַרימטקייט. דעם פונדא־מענט פאַר זיין רוים האָט ער געלייגט אויף דער אַנדערער זייט ים, מיט זיינע העלדישע אָפּעראַציעס אין דעם גרויסן האָספּיטאַל גע־גרינדעט פון אָט דעם פּרעה.

אָבער אין משך פון אָט די קריטישע יאָרן, האָט ווי געוויינלאַך ניט איינמאָל געטראָפן אַז סאָלאַנדזש האָט פאַר מאַנאַטן לאַנג זיך גאָר איינגאַנצן פאַרגעסן וועגן איר פּראַטעזשע, און אַלס רעזולטאַט פון איר נאַכלעסיגקייט האָט די צוגעזאָגט פּענסיע אויפגעהערט צו קומען. ביי זייער בעסטן ווילן קענען די רייכע ניט פאַרשטיין אַז געוויסע מענטשן מוזן טראַכטן וועגן געלט די גאַנצע צייט. געלט דאָס איז די אייביקע זאָרג פון די אָרימע. סאָלאַנדזש פלעגט צושיקן פיליפּן בילעטן פאַר קאָנצערטן. פיליפּ האָט געמוזט פאַרבייגען זיין שטאָלץ און דערמאָנען אָט דער באַצויבערענדער פרוי, אין איר לאָזשע אין טעאַטער, וועגן דער ניט אָפּגעצאָלטער פּענסיע. ער האָט דאָס אַראָפּ־געשלונגען. צייטנווייז איז דאָס געווען די איינציקע שפּייז וואָס ער האָט געהאַט דורכן טאָג. אין אַזעלכע פעלע פלעגט סאָלאַנדזש אין איבעראַשונג ברייט צעעפענען אירע אויגן:

— וואָס איז דאָס... אַך, מיין ליבער פריינט, ווי ערשטוינט איך בין! די מינוט ווי איך קום נאָך אַהיים...

זי פלעגט צוזאָגן און ווידער פאַרגעסן אויף אַ טאָג אָדער צוויי און צום סוף צושיקן די פּענסיע, מיט אַזאַ האַרציקער אַנטשולדיגונג, ווי נאָר מעגלאַך. פיליפּ פלעגט משוגע ווערן פון אָט די פאַרשפּעטי־גונגען און דערנידריגונגען, און פלעגט זיך פאַרשווערן אַז אַ צווייטן מאָל וועט ער בעסער שטאַרבן איידער נאָך אַמאָל דאַרפן בעטן. אָבער שטאַרבן איז ניט גוט פאַר מענטשן וואָס פילן די נויטווענדיג־קייט צו לעבן! און ער האָט געפילט אָט די נויטווענדיגקייט... ער פלעגט ווידער דערמאָנען וועגן דער פּענסיע, אַזוי אָפט ווי ער איז

געווען געצוואונגען דאָס צו טאָן... אָבער סאָלאַנדזש איז קיינמאָל ניט געווען אין כעס אויף אים. אויב זי האָט אָפּט פאַרגעסן — איז דאָס געווען פּשוט דערפאַר וואָס זי האָט געהאַט „אַזוי פיל אויפן קאָפּ“ — און ווען ער האָט איר דערמאָנט, איז דעם האָט זי אַלע מאָל געהאַט דעם אייגענעם פאַרגעניגן פון געבן.

ווי מאָדנע עס זענען געווען די באַציאונגען צווישן אָט דעם מאַן, יונג, היציג און אויסגעהונגערט נאָך אַלע גוטע זאַכן אויף דער ערד און אָט דער פרוי, וואָס איז געווען כמעט אין איינע יאָרן מיט אים, עלעגאַנט, שיין, איידל און גוט. זיי זיינען אין לויף פון די יאָרן אָפט געווען צוזאַמען אַליין, און אַ הויך פון עטוואָס צווייִדייטיקעם אין זייער פריינטשאַפט! די געלאַסענע סאָלאַנדזש, האָט גע־ריכן פיליפּן מוטערלאַכע עצות מכוח זיין קליידונג און וועגן די פּראָבלעמען אין געזעלשאַפט און אין פּראַקטישן לעבן. פיליפּס שמאָלץ האָט זיך ניט געשעמט צו באַנוצן מיט אירע עצות, אָדער צו פרעגן אַן עצה און אַפילו צי פאַרטרויען צו איר זיינע אַמביציעס און אַנטוישונגען. ער האָט דאָס געקענט טאָן אָן מורא. סאָלאַנדזש האָט ניט געהערט קיין זאַך וואָס איז געווען שלעכט, קיין זאַך וואָס האָט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. וואָס האָט דאָס אויסגעמאַכט? זי האָט געהערט און דערנאָך געזאָגט מיט איר ליבן שמייכל:

— איר ווילט מיך איבערשרעקן, אָבער איך גלויב אייך ניט.

ווייל זי האָט געגלויבט בלויז אין דעם, וואָס איז ניט געווען רעאַל.

און אָט דער מענטש וואָס איז געווען אַזוי רחמנות'לאָז צו אַלעם וואָס איז געווען מיטעלמעסיק, האָט געמאַכט בלויז איין און איינציקן אויסנאַם פאַר סאָלאַנדזש. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון אורטיילן איבער איר.

זיין באַרימטקייט איז געקומען שנעל. פיליפּ האָט זיך ער־וואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין אַמעריקאַ: אין אַ ריין אַמעריקאַנעם גייסט אָבער באַזירט אויף אומבאַשטרייטבאַרע פאַקטן. מיט אַ יאָר זיבעצן אָדער אַכט צוריק האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין פּאַריז... די שטיצע פון זיין מעצענאַט האָט אויסער די חוצפּה'דיגע דאָלאַרס אויך געבראַכט אָפיציעלע טובות וועלכע האָבן געעפנט פאַר אים אַ וועג, דורך דעם דרייענדיקן צוים פון רוטינע, אייפערזוכט און גע־

רעכטע פארערונגען פון די, וואס האבן שוין פון לאנג געווארט אין רייע פאר זייער געלעגנהייט. גערעכט אדער אומגערעכט האט מען פאר פיליפן געעפנט דעם וועג צו העכערע פאזיציעס פאר די אלע אנדערע. פיליפ וואלט זיך ניט דערלויבט אננעמען קיין שום עהרענפלאץ אדער פארצוג וועלכע ער זאל ניט געווען האבן פארדינט. אבער ווייסענדיק, אז ער האט זיי יא פארדינט, האט ער זיך ניט געקימערט וועגן די מיטלן, מיט וועלכע ער האט זיי דערגרייכט. ער האט שטארק פאראכטעט מענטשן אום ניט צו אנטלייען ביי זיי זייער אייגענע געמיינע געווער, ווען נויטיק, כדי צו געווינען געגען זיי. ער האט זיך ניט אפגעקערעוועט מיט פאראכטונג פון דעם טומעל פון די צייטונגען, וואס באטויבן די אויערן פון מענטשן ווי מעשענע טרומייטן וואס פלעגן באגלייטן די דארפישע ציין רייסער אויף זייערע בינעס. ער איז געווען א גרויסער מענטש פאר עפענטלאכע יום טובים, ערעפענונגען פון בילדער אויסשטעלונגען, ערשטע נעכט אין אריסטאקראטישע פארזאמלונגען. ער האט געגעבן סענסאציאנעלע אינטערוויוס, ער האט אליין געשריבן — קיינער קען קיינמאל ניט דינען א מענטשן בעסער ווי ער אליין — און מיט איינעם אדער צוויי ביישפילן האט ער באוויזן די וואס האבן אים ווידערשפראכן אז ער באזיצט די פען ניט ערגער ווי דעם מעסער. א ראט צי דעליטאנטן... קיינמאל ניט צו זיין צווידייטיק! זיין וועג צו דערלאנגן די האנט. האט באטייט „א פארבאנד אדער מלחמה?“ ער האט קיינעם אונטער קיינע אומשטענדן ניט דערלויבט זיך אויסצובאהאלטן פון אים אונטער דער מאסקע פון נייטראליטעט.

אין דער זעלבער צייט האט די געוואוינהייט צו ארבייטן לײדענשאפטלאך מיט מער איינזעהעניש פאר זיך ווי פאר אנדערע, די גלייכגילטיגקייט צו געפארן, די אומבאשטרייטבארע גלענצענדע רעזולטאטן, האבן געמאכט די אסיסטענטן פון דעם שפיטאל וואס ער האט אנגעפירט פאר זיינע באגייסטערטע אנהייגנער. זיינע געוואגטע באריכטן אין דער אקאדעמיע האבן ארויסגערופן פארצארנטן סקעפטיציזם צווישן רואיק געשטעלטע נשמות וואס האבן ניט ליב געהאט צו זיין איבערגעקערט מיטן קאפ אראפ; און פון זיינע האמערישע פארמעסטונגען, איז ער כמעט אלעמאל ארויסגעקומען מיט אן אנטשיידענעם ווארט, און אלע מאל מיט דעם לעצטן.

ער האָט אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק אויף די שעמעוודיקע. ער האָט ניט געהאַט קיין שום אַכטונג פֿאַר מענטשן דאָרטן, וואו אים האָט געשיינט, אַז די אינטערעסן פֿון דער וויסנשאַפֿט אָדער דער מענטשהייט זענען אָנגעגריפֿן. ער וואָלט געמאַכט עקספּערימענטן איבער פֿאַרברעכער. וואָלט פֿאַרניכטעט פֿאַרזעהעניש און געמאַכט פּרוכטלאָז די ניט־נאָרמאַלע וועלט, אונטערנומען העראָאישע אָפּעראַציעס אויף לעבעדיקע מענטשן. ער האָט פֿאַרהאַסט סענטימענטאַליטעט. ער האָט זיך אויך ניט אָפּגעגעבן מיט קיין מיטגעפֿיל צו זיינע פּאַציענטן און האָט ניט דערלויבט קיין רחמנות צו זיך אַליין. זייערע קרעכצן האָבן אים ניט אינטערעסירט. אָבער ווען ער האָט נאָר געקענט זיי ראַטעווען האָט ער זיי געראַטעוועט — אָן איבעריקער סימפּאַטיע; ער האָט געשניטן ביזן ביין כדי שנעלער צו היילן דעם לעבעדיקן מענטשן. ער האָט געהאַט אַ שלעכט האַרץ, אָבער זיינע הענט זיינען געווען איידעל. מענטשן האָבן מורא געהאַט פֿאַר אים און זיינען נאָכגעלאָפֿן נאָך אים. ער האָט געריסן די הויט פֿון די רייכע און האָט גאָרניט גענומען ביי די אָרימע.

ער האָט געלעבט ברייט. ער האָט ליב געקראָגן לוקסוס. אָבער ער וואָלט זיך, ווען נויטיק, אין איין טאָג געקענט אינגאַנצן אָפּזאָגן דערפֿון. אָבער פּירנדיק אָט דעם אָרט לעבן האָט ער אים געפֿירט מיטן גאַנצן האַרצן. זיין פֿרוי איז געווען אַ טייל פֿון זיין לוקסוס. ער האָט זיך געפֿרייט אי מיט דעם גאַנצן אי מיט דעם טייל. ער האָט קיינמאָל ניט געפֿאָדערט פֿון זיי וואָס זיי האָבן אים ניט געקענט געבן. ער האָט ניט געפֿאָדערט פֿון נאָעמין, אַז זי זאָל אַנטייל נעמען אין זיינע געדאַנקען, אין זיין אינטעלעקטועלן לעבן; ער האָט איר ניט געגעבן קיין געלעגנהייט דאָס צו טאָן. און נאָעמין האָט דאָס ניט אויסגעמאַכט; אַזוי לאַנג ווי זי האָט געהאַט דאָס איבעריקע, האָט זי געדענקט אַז זי האָט דעם וויכטיגסטן טייל. ער האָט באַשלאָסן אַז סיי ווי סיי איז דאָס אַלץ וואָס אַ פֿרוי דאַרף האָבן. אַ דיינקענדע פֿרוי איז אַן אומגעלומפּערטע שטיקל מעבל. פֿאַרוואָס זשע איז ער גלייך געפֿאַנגען געוואָרן פֿון אַנעט?

דורך דעם וואָס איז געווען ענלאַך צו אים. דורך דער אייגנשאַפֿט אין אַנעט אין אָט דעם פּעריאָד, וואָס איז געווען ווי ער אַליין; די אייגנשאַפֿט וואָס בלויז ער איינער האָט געקענט באַמערקען. ווען

זייערע בליקן האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגגעגנט, האָבן די ערשטע ענטפערס אָפּגעקלונגען ווי שטאָל געגן שטאָל. און ער האָט געזאָגט צו זיך:

— זי קוקט אויף אַט די מענטשן און זעט זיי ווי איך זע זיי. זי איז איינע פון מיין מין.

פון זיין מין? צו אורטיילן פון די פאַקטן, האָט דאָס ווייט ניט געשטימט. אַנעט איז אַרויסגעפאַלן פון יענע געזעלשאַפטלאַכע ספערען וואוהין פיליפּ האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג, און זיי האָבן זיך באַגעגענט אויף אַ צווישן טרעפּעל. אָבער גראָד אין יענעם מאָמענט זענען זיי ביידע געשטאַנען אויף דער זעלבער מדרגה, ווייל ביידע זענען זיי געווען פרעמדע אין אַט דער וועלט, ביידע געגנער צו איר און ביידע האָבן ווי באַלאַנגט צו אַן אַנדער ראַסע, וועלכע איז אַמאָל געווען די הערשערן פון לאַנד און איצט איז זי דערנידעריגט, צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן און כמעט ווי אינגאַנצן פאַרשוואונדן. נאָך אַלעמען ווער ווייסט די מיסטעריעס פון ראַסען און די ענדערונגען פון זייער מזל, און דאָס אויסמישן זיך פון אַלע אין דער אַנטגילטיגער צוקונפט צו וועלכער די מענטשהייט, זעט אויס, קומט אַלץ נענטער נאָך דעם אַנטגילטיגן טריאומף פון מיטעלמעסיגקייט?... אָבער אַט די ראַסע האָט אויך אירע אומרוארטעטע פּעריאָדן פון ווידער אויפלעבונג און פון צייט צו צייט געווינט דער געוועזענער הערשער פון דער ערד צוריק זיין אייגנטום פאַר אַ טאָג. צי עס איז געווען זיין אייגנטום אָדער ניט. פיליפּ האָט דאָס געפאָדערט אויך ווי עס וואָלט געווען זיינס. און אויף אַזאַ אופן האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט אַז אַנעט מוז באַלאַנגען צו אים.

XL

אַנעט האָט זיך אומגעקערט אַ היים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ שווערן געמיט. אַ שווייגנדיקע האָט זי זיך געלייגט שלאָפן. זי האָט זיך געמיט צו פאַרטומלן, אָבער שלאָפן האָט זי ניט געקענט. זי האָט געמוזט קעמפן כדי צו פאַרטרייבן פון זיך אַ געוויסן בילד, ווייל ווי נאָר זי האָט איינגעדרימלט האָט זיך דאָס בילד באַוויזן ביים טיר פון איר פאַרשטעלונגס קראַפט. כדי זיך צו פאַרגעסן האָט זי פּראָ־

בירט פֿאַרנעמען איר גערדאַנק מיט אַלטעגלאַכע ענינים; זיי האָבן איר ניט אינטערעסירט. דאַן האָט זי אַפּעלירט נאָך הילף צו אַ פֿריינט, צו וועמען זי האָט געוויינטלאַך ניט ריזיקירט זיך צו ווענדן, ווייל זי האָט מורא געהאַט אויף אַזאַ אויפֿן אויפֿצורודערן די פֿילע צרות פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט: דזשוליאַן און יענע וועלט פֿון געדאַנקן, מער אויסגעטראַכטע ווי רעאַלע, וואָס איר ביינקשאַפֿט און טרוימען האָבן גערופֿירט אַרום דעם באַליבטן נאָמען. זיי האָבן זיך אומגעקערט אויף אַ ווײַלע און פֿאַרפֿרווירענע זענען זיי צוריק פֿאַרשוואונדען. זי האָט זיי איבערגוואַלד געוואָלט פֿאַרהאַלטן. עס איז געבליבן אין אירע אָרעמס בלויז פֿאַרוועלקטע גאַרבן. אַ הייסע זון האָט אויסגעטריקנט זייער פֿלאַנצן־זאַפֿט. אין איר באַגער זיי אויפֿצולעבן האָט זי זיי מיט ציטערנדע הענט אינגאַנצן פֿאַרברענט. זי איז געווען אויפֿגערעגט און האָט געדרייט און איבערגעדרייט די קישן. אָבער זי האָט געמוזט שלאָפֿן, צוליב דעם מאָרגעדיקן טאָג אַרבייט. זי האָט גענומען אַ שלאָף פּראַשעק און האָט זיך פֿאַרגעסן. אָבער ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַדריי פֿיר שעה שפּעטער, איז איר אומרואיגקייט געווען מיט איר, און איר האָט זיך געדוכט, אַז די אויפֿרעגונג אירע האָט זי ניט פֿאַרלאָזן אַפֿילו אין דער צייט פֿון איר שלאָף.

די אויפֿרעגונג האָט איר ניט אַפּגעלאָזן ניט אויף מאָרגן און ניט דורך די פֿאָלגענדע טעג. זי איז געקומען און אוועקגעגאַנגען, געגעבן אירע לעקציעס ווי תמיד, גערעדט און געלאַכט ווי געוויינטלאַך. די גוט איינגעשטעלטע מאַשין האָט געטאָן איר אַרבייט פֿון זיך אַליין. אָבער איר נשמה איז געווען אויפֿגערודערט.

אין אַ גרויסע טאָג, ווען זי איז געגאַנגען איבער פּאַריז, איז מיט אַמאָל אַלץ אַזוי ליכטיק געוואָרן. אויפֿן צווייטן זייט גאַס איז פֿאַרבייגעגאַנגען פֿיליפּ ווילאַרד. זי איז געקומען אַ היים איבערפֿילט מיט גליק.

ווען זי האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו דערגיין דעם גרונט פֿון אָט דעם גליק האָט זי זיך דערפֿילט ווי פֿון אַ דונער געטראָפֿן. עס איז געווען פֿאַר איר אַזוי ווי זי וואָלט אַנטדעקט אַ קאַנסער אין איר לייב.. און אַזוי איז זי ווידער אַריינגעפֿאַלן אין דער נעץ. ליבע? ליבע צו אַ מאַן וואָס האָט בלויז געקענט דינען פֿאַר איר אַלס אַ נייע אורזאַך פֿאַר נוצלאָזע ליידן, אַ מאַן, וואָס איז לויט איר איבערצייגונג געווען

אַ געפּערלאַכער, אַ האַרצלאָזער, אַ מאַן וואָס האָט ניט געקענט גע־
הערן צו איר, וואָס האָט געהערט צו אַ צווייטער, אַ מאַן וועמען זי
האָט ניט געקענט ליב האָבן, ווייל זי האָט ליב געהאַט אימיצן אַנ־
דערש. אימיצן אַנדערש? יאָ, יאָ, זי האָט נאָך ביז איצט ליב גע־
האַט דזשוליאַנען. נו גוט, אויב זי האָט אים ליב געהאַט, טאָ ווי איז
דאָס געווען מעגלאַך פאַר איר צו ליב האָבן אַן אַנדער מאַן? זי האָט
אים אָבער פאָרט ליב געהאַט... אָבער ווי אַזוי, ווי אַזוי האָט איר האַרץ
געקענט זיך אָוועקגעבן צו צוויי פּערזאָנען גלייכצייטיק? זיך אָפּ־
געבן אין גאַנצן יעדן איינעם פון זיי, ניט פאַרנאַנדערגעטיילט! ווייל
אַנעטס האַרץ האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן... זי האָט געפילט אַזוי
ווי זי וואָלט זיך פּראָסטיטואירט. מען קען זיין זיכער, אַז זיך אָפּ־
געבן קערפּערלאַך, וואָלט פאַר איר געווען אַ קלענער שאַנדע, ווי אָוועק־
געבן איר האַרץ צו צוויי געפילן גלייכצייטיק. איז זי איבערגעבן און
געטריי צו זיך אַליין?... זי איז דאָס זיכער געווען. אָבער זי האָט
ניט געוואוסט, אַז זי האָט געהאַט מער פון איין האַרץ און איז געווען
מער ווי איין וועזן. אין וואַלד פון דער נשמה עקזיסטירן גערדיכ־
טענישן פון געדאַנק, וועלדלאַך פון פאַרלאַנגען, צענדליגער פאַרשידענ־
אַרטיקע עסענצן־געוּוּכן. געווייינטלאַך קלייבט מען זיך אין זיי ניט
פאַרנאַנדער: זיי שלאָפן. אָבער ווען עס הויבט זיך אויף איבער זיי
אַ ווינט, שלאָגן זיך אַז זייערע צווייגן איינע אין די אַנדערע... דער
צוזאַמענשטויסן פון ליידענשאַפטן האָט שוין פון לאַנג אויפגעוועקט
אַט די פאַרשידענאַרטיקע געדיכטענישע וואָס האָבן געלעבט אין אַנעט.
זי איז געווען צו איינער און דער זעלבער צייט אַ פרוי פון פליכט, אַ
ליידענשאַפטלאַכע שטאָלצע פרוי, אַ ליידענשאַפטלאַכע מוטער, און
ליידנשאַפטלאַכע שטאָלצע פרוי, אַ ליידנשאַפטלאַכע מוטער, און אַ
וואַלד, וואָס האָט אין ווינט שטורם אויסגעצויגן זיינע צווייגן צו אַלע
עקן פון הימעל. אַנעט דערנידעריגט און דערשלאָגן פון אַט דער
קראַפט, וואָס האָט אַן איר צושטימונג געבאַלאַבאַטעוועט איבער איר.
האָט געטראַכט:

צו וואָס שטרעבן און קעמפן יאָרן לאַנג, ווען עס איז גענוג אַ
אויגענבליק אויף צו רואינירן יעדער זאַך? פון וואַנעט נעמט זיך
אַט די קראַפט?

זי האָט זיך אין ווילדן צאָרן אָפּגעטרייסעלט פון אַט דער קראַפט.

ווי פון עטוואָס פרעמדס. האָט זי דען ניט דערקענט אין איר עטוואָס פון איר אייגענער סובסטאַנץ? דאָס איז געווען נאָך פיל שרעקלאַכער. ווי אַזוי אַנטלויפט מען פון זיך אַליין.

ניט אַזאַ פרוי ווי אַנעט גיט זיך פאַסיוו אונטער צו אַ אינערלאַכן פאַטאַליזם, צו וועלכן זי האָט זיך באַצויגן מיט פאַראַכטונג. זי האָט באַשלאָסן צו דערשטיקן אין זיך דעם געפיל, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַ טויט שרעק... און מיט דער הילף פון איר אַרבייט וואָלט זיך איר דאָס געווען איינגעגעבן, ווען ניט נאָעמי.

זי האָט געקראָגן אַ בריוו פון אַט דער קליינינקער פערזאָן, געשריבן מיט אַ גרויסער האַנטשריפט. כאָטש נאָעמי האָט גרינדלאָד דערלערענט די עלעגאַנטע וועלטלאַכע העפלאַכקייט, איז זי אָבער געווען אומפעאיק צו באַהאַלטן די קאַלטקייט און טרוקענקייט וואָס איז געלעגען אונטער איר. אין אַ פּאָר פריינטלאַכע שורות האָט זי איר געלאַדן צו מיטאָג. אַנעט האָט זיך אַנטשולדיגט, צוליב איר אַרבייט. נאָעמי האָט ווידערהאָלט איר איינלאַדונג, דאָס מאָל האָט זי אויסגעדריקט אַ וואַרימען פאַרלאַנג איר נאָך אַמאָל צו זען, און האָט געלאָזן צו איר צו באַשטימען דעם אָוונט. אַנעט האָט באַשלאָסן אויסצומיידן די געפאַר, וואָס איז געווען פאַר איר קלאָר און האָט זיך ווידער אָפּגעזאָגט פון דער איינלאַדונג, פאַרנטפערנדיק זיך מיט דעם, וואָס צו ענדע פון טאָג איז זי אויסערגעוויינטלאַך פאַרמאַטערט און מיד. אַנעט האָט גערייכט, אַז זי איז פּטור; אָבער דער קליינינקער פאַנדאַרוס, ווען ער איז אין אַ בייזער און לאַנגווייליגער שטימונג, נעמט אָן איינע פון די טויזענדער פאָרמען פון ליבע. ער האָט ניט געלאָזן נאָעמין רוען ביז וואַנעט זי האָט ניט אַריינגעפירט אַנעט צו זיך אין הויז. איינמאָל אין אַ אָוונט, ווען אַנעט האָט זיך אומגעקערט אַ היים פון אירע לעקציעס און האָט צוגעגרייט מיטאָג — די צייט וואָס ליידיקגעהער קלייבן אַלע מאָל אויס פאַר זייערע באַזוכן — איז געקומען נאָעמי. זי האָט לוסטיק פאַרזיכערט אַנעט אין איר אייביקער פריינטשאַפט. אַנעט האָט זיך געפילט אין אַ פאַרלעגנהייט. זי איז ניט ווילנדיק געווען באַנישופט פון די ליבע מאַניערן פון אַט דער פרוי אין וועמען זי האָט אומבאַוואוסטזיניק געליבט די אָפּשפּיגלונג פון אַ „צווייטען", און ניט קוקענדיג דערויף האָט זי זיך געהאַלטן ביי אירס ניט קוקענדיק אויף נאָעמיס שטאַרקן בעטן האָט זיך אַנעט אַבסאָליוט

אָפּגעזאָגט צו קומען צו איר פאַר מיטאָג. אָבער זי האָט פאָרט געמוזט צוזאָגן צו קומען ווען ס'איז ניט איז. אַנעט האָט פאַרזיכטיק אויס־געפונען די שטונדן ווען זי האָט געקענט טרעפן נאָעמין אַליין אין הויז. נאָעמי האָט פאַרשטאַנען ווי שטאַרק אַנעט איז פאַראינטע־רעסירט זיך ניט צו טרעפן מיט פיליפן; זי האָט דאָס דערקלערט מיט שעמעוודיקייט און מיט אַ מאַנגל אין סימפּאַטיע צו אים, דערפאַר איז איר אייגענע סימפּאַטיע אויסגעוואַקסן. ווען זי האָט זיך אומ־געקערט אַ היים האָט זי אומפאַרזיכטיק איבערגעגעבן פיליפּן אַ פולן באַריכט וועגן איר וויזיט צו אַנעט. מיט אַ טריילאַזיגקייט פון אַ בעסטן גוטן פריינט האָט זי באַשריבן אַלץ, וואָס האָט לויט איר מיינונג באַ־דאַרפט אונטערשטעצן און פאַרמינדערן די ווערט פון אַ פרוי אין פיליפּס אויגן: די אָרימקייט, די אומאָרדנונג, דער געראָך פון טינט און גע־קעכץ — מיט איין וואָרט אַנעט אין קיך. פיליפּ, וואָס האָט געוואוסט אַלץ וועגן אַנעטס העלדישער געשיכטע, און נאָך בעסער פון איר גע־שיכטע איז אים געווען באַקאַנט דער געראָך פון אָרימקייט. ער האָט אַרויסגעטראָגן פון אָט דער דערציילונג אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק, ווי זיין פרוי האָט געוואָלט און דערוואַרטעט. אָבער ער האָט דאָס גע־האַלטן פאַר זיך.

עס איז ווייט ניט געווען קיין צופאַל, ווען מיט עטלאַכע טעג שפּעטער אַרויסקומענדיק פון נאָעמיס הויז, האָט אַנעט אין גאַס אָנ־געטראָפן פיליפּן, וואָס איז גוועון אויף זיין וועג אַ היים. אַזוי ווי זי האָט אים ניט דערוואַרטעט צו טרעפן, האָט זי געפילט, אַז זי האָט דאָס רעכט ניט צו באַקעמפן דעם פאַרבאָרגענעם גליק, וואָס האָט זי דורכגענומען. זיי האָבן זיך אומגעביטן מיט אַ פּאָר ווערטער. ווען זיי זענען געשטאַנען און גערעדט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ יונגע פרוי פאַר וועמען פיליפּ האָט זיך פאַרנייגט. אַנעט האָט איר דערקענט. זי איז געווען די אינטעליגענטע אַרטיסטין, וואָס האָט דאַן געשפּילט מאַסלאָוואַ. אַנעט איז געווען באַגייסטערט פאַר איר, און דאָס האָט קלאָר אויסגעדריקט איר בליק. פיליפּ האָט געפרעגט:

— איר קאָנט איר?

— איך האָב איר געזען אין „תחית המתים“ האָט זי געענטפערט.

— „אה“, האָט ער געענטפערט און האָט מיט פאַראַכטונג פאַר־קרומט זיין מויל.

— געפעלט אייך ניט ווי זי שפילט?
— איר שפילן איז ניט דער הויפט.
— איז דאָס די פּיעסע, הייסט עס וואָס אייך געפעלט ניט?
— ניין, — האָט געזאָגט פּיליפּ. און זעהענדיק, אַז אַנעט איז נייגעריק צו וויסן זיינע מאָטיוון, האָט ער צוגעגעבן. — לאָמיר זיך אַביסל דורכגיין. עס איז אַפילו ניט אַנגענומען אַזוי צו טאָן. אָבער דאָס אַנגענומענע איז ניט פון אונזערטוועגן געמאַכט געוואָרן.

זיי האָבן שפּאַצירט צוזאַמען. אַנעט האָט זיך געפילט אי אומאַנגענעם, אי געשמייכלט. פּיליפּ האָט גערעט וועגן דער פּיעסע מיט אַ געמישטן געפיל פון פיינטלאַבקייט און הומאָר, פּונקט ווי טאָלסטאָי אַליין, — וואָס ער האָט גאַנץ אָפט באַנוצט צו מענטשן וועמען ער האָט ניט ליב געהאַט. ער האָט זיך אַליין איבערגעריסן, אונטערהאַלטן פון זיין שטרענגקייט:

— איך בין ניט גערעכט... ווען איך זע אַ פּיעסע, זע איך יענע וואָס זעען זי, איך זע איר אונטער דעם הייטל פון זייער מח. און דער ספּעקטאַקל איז שוין גאָר ניט אַזוי שיין.

— דאָס איז בלויז מיט געוויסע מענטשן אַזוי, — האָט געזאָגט אַנעט.

— יאָ, עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען באַשאַנקען מיט דער מתנה צו מאַכן דעם אומגליק פון דער וועלט אויסצוזען שיין, און דאָס באַפרייט זיי פון דער נויטווענדיקייט איר צו באַקעמפן. אָט די גוטע אידעאַליסטן דערוווייזן צו געניסן פילע שעה׳ען פון פאַרגעניגן צוקוקנדיק די אומגליקן פון אַנדערע. די אַנדערע דינען פאַר זיי אַלס אַ באַרואיקונג פאַר זייערע קינסט־לערישע און מיטגעפיל־עמאָציעס, און ווערן אַ סך מער אויס־גענוצט פון די שווינדלער וואָס עקספּלאָטירן זיי. די סענטימענטאַ־ליטעט צעשפּרייט איר באַשיצונגס פאָן איבער די פּאַטריאָטישע ליגעס, ליגעס פון פאַרמערן די באַפעלקערונג, מיסיאָנערע טעטיג־קייטן, קאָלאָניאַלע מלחמות און אַנדערע פילאַנטראָפּישע אונטער־נעמונגען... אַן עפּאָכע פון לויטער טרערן... ס׳איז נאָך ניטאָ אַזאַ עפּאָכע, וואָס זאָל זיין קעלטער, און מער זעלבסט פאַראינטער־רעסירט! אַן עפּאָכע פון דעם גוטהאַרציקן אונטערנעמער — איר האָט געלייענט פּיער האַמפּ? — וואָס בויט אַ קלויסטער, אַ שלאַכט־הויז, אַ

האָספּיטאַל און אַ שאַנד הויז אַרום זיין פאַבריק. זייער לעבן איז צוטיילט אין צוויי טיילן: איינע באַשטייט אין ריידן וועגן ציוויליזאַציע, פּראָגרעס און דעמאָקראַטיע, די אַנדערע אין עקספּלואַטאַציע און פאַרניכטונג פון דער גאַנצער צוקונפט פון דער וועלט, אין פאַרדאַרבן די ראַסע און צעשטערן די אַנדערע ראַסן פון אַזיע און אַפריקע... און דערנאָך גייען זיי און ווערן צעשמאָלצן פון עמאָציעס איבער מאַסלאָווא, און באַפן זייער נאַכמיטאָג דרימל אונטער די ווייכע האַרמאָנישע קלאַנגען פון דעביוסי... זאָלן זיי זיך היטן פאַר דער דערוואַכונג! עס זאַמלט זיך אָן אַ גרויזאַמער האַס, די קאַטאַסטראָפע דערנענטערט זיך... אַזוי איז בעסער! אַלץ וואָס זייער שמוציקע מעדיצין טוט, איז אָנצוהאַלטן די קראַנקהייט. אין אַ געוויסן טאָג וועלן זיי זיך מוזן ווענדן צו כירורגיע.

— וועט דער קראַנקער געזונט ווערן?

— איך נעם אַוועק די קראַנקהייט. דאָס איבעריקע בלייבט שוין צום גליק פון חולה?

אַ שפּאַס. אַנעט האָט געשמייכלט. פיליפּ האָט געוואָרפן אויף איר אַ זייטיקן בליק.

— עס שרעקט אייך ניט?

— איך בין ניט קראַנק, האָט געזאָגט אַנעט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אָקוקגעטאָן אויף איר.

— ניין, איר זענט ניט. אין אייער אַנוועזנהייט זאַפּט מען אין זיך אַריין דעם אַראָמאַט פון געזונט. דאָס באַפרייט מיך פון מיינע פיזישע און מאָראַלעליידן. די לעצטע זיינען די ערגסטע. ענטשולדיגט מיין ביטערע קריטיק! אָבער איך קום איצט פון אַ זיצונג, וואו איך האָב זיך געקריגט מיט אַ גאַנצער מחנה היפּאָקריטן איבער דער פראַגע פון אָפיציעלער שטיצע צו קראַנקהייטן — דאָס הייסט, איבער גיגיענע. איך בין געווען ווילד און האָב זיך ממש געשטיקט פון עקל, און ווען איך האָב אייך דערזען מיט אייערע קלאָרע אויגן, אייער פרייען גאַנג, ווייל אַלץ איז אייך איז דורכגעדרונגען מיט שטאָלץ און געזונט, האָב איך עגאָאיסטיש זיך אָנגעטרונקען מיט אַ קליין ביסל פון אייער לופט. און איך פיל זיך בעסער איצט. אַ דאַנק.

— אזוי, האָט איר מיך געקרוינט מיטן טיטול דאָקטאָר און נאָכדעם וואָס איר האָט נאָר וואָס גערעט וועגן זיי?

— אַ דאָקטאָר, ניין. מעדיצין זיינט איר, זויער שטאָף. איר גייט צו גלייך צו אַ מענטשן! — אָט אזוי קלאַסיפיציר איך זיי: אריינאָטעמונג, און ארויסאָטעמונג. די וואָס ברייגנען אייך צום לעבן און די וואָס מאָרדן אייך, ווען איר מוזט דערמאָרדן.

— וועמען ווילט איר איצט מאָרדן?

— איצט? — האָט ער אונטערגעכאַפּט. — דיינקט איר אפשר, אז פאַר מיר זיינען ניט גענוג מיינע פּאַציענטן?

— ניין, ניין, עס האָט זיך ביי מיר ניט ווילנדיק ארויסגעריסן, — האָט אָנעט געענטפערט לאַכנדיק. — דאָס האָט גערעדט אין מיר מיין אַלט קלאַסיש בלוט... אָבער איז מיר דערלויבט צו פרעגן אויף וועמען זיינט איר געווען אזוי אויפגעבראַכט, ווען איך האָב אייך באַגעגנט?

— איך וואָלט דאָס אזוי שטאַרק געוואָלט פאַרגעסן, גראָד איצט, ווען איך בין מיט אייך. צו מאַכן די זאַך קורץ, ס'איז דאָרטן באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אַ קוואַרטאַל פון אומסאַניטאַרע הייזער, וואָס זיינען געווען אַ קוואַל פון קרעבס און טובערקולאָז נאָך פון העגריק דעם פערטנס צייטן. עס איז אויסגעפונען געוואָרן, אז 80 פּראָצענט פון זייערע איינוואוינער זיינען פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר אָנגעשטעקט מיט די קראַנקהייטן. איך האָב אָט די אנגעלעגנהייט געבראַכט פאַרן סאַניטאַרן קאָמיטעט און האָב געפאָדערט ראַדיקאַלע מיטלען: פּשוט, מען זאָל די הייזער עקספּראָפּריאירן און אַרונטערוואַרפן. עס האָט אויסגעזען, אז זיי זיינען איינשטימיק מיט מיר, און האָבן מיך געבעטן אַריינברייגען אַ באַריכט. האָב איך אָנגעשריבן דעם באַריכט און האָב זיך אומגעקערט צוריק צו זיי. דאָ האָב איך אויסגעפונען אז דער אָראַקול האָט געביטן זיין מיינונג . . . „אַ, יאָ, יאָ. אַיין איינדרוקספולער באַריכט, טייערער און אָנגעזעענער קאָלעגע, אַ פיינער דאָקומענט. אָבער מיר וועלן זיך איבערלייגן. מיר מוזן זיך גוט אַריינטראַכטן אין אָט דעם ענין. קיין צווייפל ניט, אז אָט די אַלע מענטשן זיינען טאַקע געשטאָרבן אין אָט די הייזער, אָבער צי זיינען די הייזער ווירקלאָך שולדיק

אין זייער טויט, איז נאָך א פראגע״. ... איינער פון זיי האָט מיר געבראַכט עטלאַכע באַווייזן דורך די איינוואוינער אַליין. (פילע פון זיי זיינען טאַקע געווען אונטערגעקויפט פון דעם אייגנ־טימער) זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז איין מאָן איז געווען שוין לאַנג קראַנק, נאָך איידער ער האָט זיך אין די הייזער אריינגע־קליבן. בּאַ אַ צווייטן איז דער קרעבס געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אומגליקס פאַל. אַן אַנדער מיטגליד פון קאָמיטעט האָט געזאָגט, אַז די אַלטע הייזער זיינען ניט אומגעזינטער פון די נייע און, אַז זיי זיינען אפילו גראַמער און לופטיקער פון די נייע און אַלס ביישפיל גיט ער אָן זיין אייגן הויז. מיר מוזן מאַכן די הייזער געזונט, אָבער ניט צעשטערן. מעסיגקייט אין אַלע זאַכן. זיי גוט אויסרייניקן וועט זיין גענוג; דער אייגנטימער האָט צוגעזאָגט דאָס הויז צו דיזינפעקצירן... אויסער דעם זיינען מיר אָרים, אונזערע קעשענעס זיינען ליידיק, מיר האָבן ניט דאָס געלט זיי צו עקספּראָפּריאירן... אהו! ווען עס זאָל זיין די פראגע פון מאַכן ביקסן. נייע ביקסן... אָבער נאָך אַלעמען, דערמאָרדעט אַ ראָק פיל זי־בערער פון אַ ביקס... כדי צו פאַרענדיקן דעם פאַרס האָט איינער פון די אוונורן זיך גאָר צערעדט וועגן שיינקייט. שוין צוליב דעם אַליין וואָס די הייזער באַלאַנגען צו העגרי דעם פערטנס צייטן מוז מען זיי דערהאַלטן, אויס ריין געשיכטלאַכע און קונסט טעמים. — איך אַליין האָב אויך זייער ליב קונסט. ביי מיר אין דער היים קען איך אייך ווייזן געוויסע בילדער פון פאַרצייטיקע און מאָדערנע קינסטלער אָבער אַלטקייט (סיידן מיר ריידן וועגן דער שיינער מאַדאַם די און די...) איז נאָך ניט קיין סימן פון שיינקייט; און שיין אָדער ניט, וועל איך קיינמאָל ניט דערלויבן דער פאַר־גאַנגענהייט צו פאַרסמען די געגנוואַרט. פון אַלע היפּאָקריט־סטווס רעגט מיך אַמשטאַרקסטן די עסטעטישע, ווייל דאָס שטרעבט צו באַשאַפן איידלקייט פון דער אייגענער טרוקענער נאַקעטקייט; אַזוי אַז איך האָב אויף דעם חשבון זיי אריינגעזאָגט אַ היבש ביסל הארבע זאַכן... אין מיטן דער דיסקוסיע האָט אַ קאָלעגע מיר אַ וואונק געטאָן און נעמענדיק מיך אָן אַ זייט האָט ער געזאָגט: „ווייסט איר דען ניט, אַז אָט דער אַלטער זשול, וואָס שפּייזט זיך אויף די קברים פון זיינע שכנים איז אַן אינטימער פריינט

פון פרעזידענט פון גרויסן קאמיטעט פון האנדל און שפייז געברויך: אט דער זעלבער קאמיטעט פירט אן די וואלן און די קאאליציעס, איינער פון יענע פינסטערע הערשער, וואס רעגירט איבער די פאליטישע צוזאמענפארן און באנקעטן; דער איז דער אומזיכטבארער מאן מיט וועמענס שמוציקער קליקע עס ווערט אויפגעהאלטן די וואקלענדיקע געביידע פון אונזער רעפובליק. און אט דער פאלקס פריינט וויל ניט ארויסזעצן דאס פאלק פון זיינע קברים... ווייל... דאס איז דאס שענסטע דערביי... ווייל ער באשעפטיקט זיך מיט פילאנטראפיע..." צום סוף האבן זיי מיר דערלאנגט א פעטיציע פון די שכנים, געשריבן אין אזא שיינעם סטיל, אין וועלכער זיי פראטעסטירן און בעטן מען זאל זיי ניט ארויסווארפן פון זייערע דירות. וואס דיינקט איר, קען איך טאן קעגן אט די אלע מענטשן? די אוונגורן לאכן, זאגן זיי. האב איך אויך געלאכט, האב דערביי צוגעגעבן, אז א מענטש טאר קיינמאל ניט האלטן פאר זיך קיין גוטן וויץ, און אז איך בין ניט קיין עגאאיסט און קליב זיך צו טיילן דעם וויץ מיט די לעזער פון מאטען. זיי האבן אויפגעהויבן א טומל. אבער איך וועל טאן ווי איך האב געזאגט. איך ווייס וואס עס דערווארט מיך; יעדער מעסער וועט אויפגעהויבן ווערן קעגן מיר... די נאכפאלגער פון די היפאקריטן, וועמען איך האב ערשט אוועקגעגעבן דעם ריכטיקן חלק, וועלן ניט פארפעלן די געלעגנהייט. זיי האבן שוין זייערע אייגענע וועגן ווי אזוי זיך מיט מיר אפצורעכענען. אבער, ווי איר זאגט, "מלחמה", ווערטע קריגספירערן! וואס איז מכח יענעם אוונט ביי סאלאנדזש? עס זעט אויס אז דאס אלעם אונטערהאלט אייך?

— יא, עס איז אויסגעצייכנט. איך האב ליב דעם קאמף געגן אומגערעכטיקייט. עס וואלט מיר געפעלן צו זיין א מאן.

— עס איז ניטא קיין נויטווענדיקייט צו זיין א מאן. איר האט אייער חלק געטאן...

— איך האב זיך קיינמאל ניט באקלאגט אויף מיין חלק אין קאמף. נאר בלויז אויף דער שטיקעניש. אונזער מזל איז צו קעמפן אין א הייל, אבער אייער קאמף קומט פאר אויף דער פרייער לופט, אויפן שפיץ פון א בארג.

— אַ, אַט דער ציטערן פון די נאַז לעבער! אַ פערד וואָס שמעקט פולווער. איך האָב דאָס שוין געזען. איך האָב דאָס באַמערקט אין יענעם אָוונט.

— איר האָט געלאַכט פון מיר אין יענעם אָוונט.

— עס הויבט זיך אפילו ניט אָן. ס'איז צו פיל איך זעלבסט, אַז אַנב זאָל קענען דערפון לאַכן. — איר האָט זיך גערייצט מיט מיר, מיך אנגעצווינגן.

— יאָ, איך האָב דאָס גלייך געזען... איך האָב זיך ניט אָפּגענאַרט...

— סיי ווי האָט איר זיך באַצויגן צו מיר פון אָנפאַנג מיט פאַראַכטונג.

— ווי אַזוי, צום טייוול, האָב איך געקענט דערוואַרטן אייך צו טרעפן, ספּעציעל אייך, ביי סאַלאַנדזש אין הויז?

— גוט, אָבער וואָס הערט זיך מכח אייך אַליין? פאַרוואָס זיינט איר דאָרטן געוועזן?

— מיט מיר איז דאָס אַ גאַנץ אַנדער זאַך.

— אַ ליבע פאַר סענטימענטאַליטעט?

— איצט איז אייער צייט צו רייצן זיך!... אַרימע סאַלאַנדזש!.. ניין, לאָמיר ניט ריידן וועגן איר. איך וויים אַלץ וואָס עס קען געזאָגט ווערן. אָבער סאַלאַנדזש איז טאַבו.

זי האָט אים גאָר ניט געפרעגט, זי האָט בלויז געקוקט אויף אים.

— איך וועל אייך דערציילן אַן אַנדערש מאָל... יאָ איך האָב איר זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. גרייט זיך צו שיידן. — אַנעט האָט אַ שמייכל געטאָן, — איר זענט ניט אַזוי שלעכט, ווי איר זעט אויס.

— און איר פיליכט גאָר ניט אַזוי גוט.

— איינס גלייכט אויס דאָס צווייטע.

ער האָט איר געקוקט גלייך אין די אויגן :

— איר ווילט?

ער האָט מער ניט געשפּאַסט. דאָס בלוט האָט זיך אַריינ־געגאָסן אַנעטן אין פנים און זי האָט ניט געפונען וואָס צו ענט־פערן. פיליפּס אויגן האָבן איר צוגעהאַלטן און ניט געלאָזן גיין.

„האָט ער עפּעס געזאָגט? צי ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט? אויף זיינע ליפּן האָט זי געלייענט: „איך וויל דיך".

ער האָט זיך פאַרנויגט פאַר איר און איז אַוועקגעגאַנגען.

XLI

אַנעט איז געבליבן אַליין אין אַ שטראָם פון פלאַמען. זי איז געגאַנגען גלייך פאַרויס און אין צען מינוט אַרום האָט זי זיך געפונען אויפן זעלבן אָרט פון וואַנען זי איז אַוועקגעגאַנגען. ניט באַגרייפנדיק דאָס האָט זי געמאַכט אַ פאַלשטענדיקן קרייז אַרום דער אייזערנער צאַם פון די לוקסענבורגער גאָרטנס. זי איז געקומען צו זיך כדי אויסצוגעפינען, אַז זי איז אינגאַנצן אין פייער און די דריי פלאַמענדיקע ווערטער אויסגעקריצט אויף אַ שוואַרצן הינ־טערגרונט זיינען געשטאַנען פאַר אירע אויגן. זי האָט זיך אָפּ־געשטערנגט זיי אָפּצואווישן. האָט ער זיי אַרויסגערעדט?... זי האָט ווידער געזען דעם אומעמפּפינדלאַכן פנים, זי האָט פּרובירט ניט צו גלויבן. אָבער דער שריפט איז געווען דאָרטן און איר ווידער־שטאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און פּלוצלונג איז ער אינגאַנצן פאַר־שוואונדן. גוט, אַזוי איז געווען באַשערט... זי האָט דאָס גע־וואוסט פאַרויס... אַנשטאָט צו רעוואָלטירן, ווי זי האָט געטראַכט דאָס צו טאָן מיט אַ שעה צוריק, האָט זי גאָר דערפילט אַ פאַר־לייכטערונג. דער גורל איז געווען באַשטימט...

זי איז אַוועקגעגאַנגען אַ היים מיט אַ קלאָרן קאָפּ, אָן פיבער. זי האָט באַשלאָסן. זי האָט געוואוסט, אַז וואָס פיליפּ זאָל ניט ועלן, וועט ער טאָן. און דאָס וואָס פיליפּ האָט געוואָלט האָט זי אויך געוואָלט. זי איז געווען פריי, און קיין זאַך האָט איר ניט געקענט צוריקהאַלטן... דער געדאַנק וועגן נאָעמין? צו איר איז זי געווען פאַרפליכטעט בלויז מיט איין זאַך, מיט דעם אמת. זי וועט ניט זאָגן קיין ליגן. זי וועט נעמען דאָס וואָס געהערט צו איר... וואָס געהערט צו איר? אַ צווייטער פרויס מאַן... אָבער די בלינדע ליידנשאַפט האָט איר אַריינגערוימט, אַז נאָעמי האָט אים אַוועקגעגנבעט ביי איר.

זי האָט גאָר ניט געטאָן כדי צו פאַרשנעלערן דאָס אומפאַר־

מיידלאַכע. זי איז געוועזן זיכער, אַז פיליפּ וועט קומען. זי האָט געוואַרט.

ער איז געקומען. ער האָט אויסגעקליבן אַ שעה, ווען ער האָט געוואוסט, אַז זי איז אַליין.

ווען זי איז געגאַנגען עפענען די טיר איז זי געווען דורכגע־דרונגען מיט שרעק. אָבער עס האָט געמוזט זיין אַזוי, ווי עס איז געווען. זי האָט געעפנט די טיר, און האָט ניט אַרויסגעצייגט קיין זאַך דערפון וואָס זי האָט געפילט, סיידן די בלאַסקייט פון איר פּנים האָט דאָס געטאָן. ער איז אַריין אין צימער. זיי זיינען פאַרבליבן שטיין, אַ פּאָר טריט איינע פון די אַנדערע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דאַן האָט ער אַ קוק געטאָן אויף איר מיט זיינע ערנסטע אויגן. נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער געזאָגט:

— איך האָב אייך ליב, ריוויער.

און אַט דער נאָמען ריוויער האָט אין זיין מויל אַרויסגערופן די פאַרשטעלונג פון אַ וואַסער שטראָם.

אַנעט, ציטערנדיק און באַוועגלאָז, האָט געענטפערט:

— איך ווייס ניט אויב איך האָב אייך ליב, איך דיינק ניט, אַז איך האָב אייך ליב, אָבער איך ווייס אַז איך בין אייערע.

דער שימער פון אַ שמייכל האָט זיך דורכגעטראָגן איבער פיליפּס ערנסטן פּנים.

— גוט, האָט ער געזאָגט, איר לייגט ניט. און איך אויך ניט.

ער איז צוגעגאַנגען אַ טראָט נעענטער צו איר. זי האָט אינ־סטינקטיוו אָפּגעטראָטן אויף צוריק, און האָט זיך געפונען אַנגע־שפּאַרט אין וואַנט פון צימער, שוצלאָז, די דאַלאַניעס פון אירע הענט צוזאַמענגעפּרעסט הינטער זיך. די פיס האָבן זיך איר אונטערגעבראָכן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ קוקצוטאָן אויף איר.

— האָט ניט מורא, — האָט ער געזאָגט. און אין זיין האַרטן בליק איז געווען עטוואָס צערטלאַכעס.

ווי אַ געפאַנגענע וואָס נעמט קאַלטבלוטיק איר מזל האָט זי געזאָגט מיט אַ הויך פון שפּאָט:

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? מיין קערפּער פאַרלאַנגט

איר? איך וועל זיך ניט קריגן מיט אייך איבער דעם. איז דאס די איינציקע זאך, וואס איר פארלאנגט?

ער האט געמאכט נאך א טראט און האט זיך אנידערגעזעצט אויף א נידעריקן ביינקעלע ביי אירע פיס. זיין באק האט זיך אנגערירט אן איר קלייד. ער האט גענומען אנעטס האנט, וועלכע זי האט ווילנדיק איבערגעלאזט צו אים. ער האט ארייגעאטעמט אין זיך איר איינגענעמען גערוך און האט זיך צוגערירט מיט די ליפן צו די שפיץ פינגער פון איר האנט. איינבויגנדיק זיך האט ער ארויפגעלייגט איר האנט אויף זיין קאפ און אויף זיינע אויגן.

— אט דאס פארלאנג איך.

אונטער אירע פינגער האט אנעט געפילט זיינע הארטע געדיכטע האר, דעם ארויסטריט פון שטערן און דאס קלאפן פון די שליפן. אט דער באפעלערישער מאן האט זיך איבערגעגעבן איר, אין איר רשות. זי האט זיך איינגעבויגן איבער אים און ער האט אויפגעהויבן זיין פנים. דאס איז געווען זייער ערשטער קוש.

זיינע ארעמס האבן ארומגעכאפט אנעט, וועלכע האט זיך אראפגעלאזן אויף די קני ארום אים און האט זיך מער ניט געווערט. אט ווי עס וואלט אין איר מער ניט פארבליבן קיין אטעם. און פיליפ, ווי האסטיק ער איז ניט געווען, האט אפילו ניט געטראכט זיך צו באנוצן מיט זיין טריאומף.

— איך פארלאנג אלצדינג, — האט ער געזאגט, — אייך אינגאנצן, אלס געליבטע, פריינט, חבר, מיין פרוי, אינגאנצן...

אנעט האט זיך באפרייט. פאר איר איז ארויסגעוואקסן נאעמים געשטאלט. בלויז מיט א קורצער ווייל צוריק האט זי אליין איר ארויסגעטריבן פון איר באוואוסטזיין. אבער אז פיליפ זאל טאן די זעלבע זאך האט עס איר פארדראסן. עס האט איר געקריינקט לויט יענער אינסטינקטיווער אייניגקייט פון פרויען, וואס אפילו זייענדיק פערזענלאכע שונאים, פילן זיי זיך אייניק ווען עס קומט צו דעם אנגרייפן פון מאן, אזוי ווי זיי וואלטן זיין איין קערפערשאפט אין אלגעמיין.

— איך קענט ניט, האט געזאגט אנעט. איר געהערט צו אן אנדערער.

ער האט געצויגן מיט די אקסלען.

— קיין איינציקע זאַך אין מיר באַזיצט זי ניט.

— זי האָט אייער נאָמען און אייער וואָרט.

— וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער נאָמען? איר האָט דאָס איבעריקע.

— מיך הארט ניט דער נאָמען, אָבער איך מוז האָבן אייער טרייהייט. איך גיב מיין טרייהייט און פאָדער אייערע.

— איך בין גרייט אייך דאָס צו געבן.

אָבער אַנעט, וואָס האָט דאָס געפאָדערט, האָט דערפילט אַ געוויסן רעוואָלט ווען מען האָט איר דאָס פאָרגעשלאָגן.

— ניין! ניין! דיינקט איר עס אָוועקנעמען פון איר, וואָס האָט יאָרן און יאָרן געטיילט מיט אייך אייער לעבן און וועט עס אָפּגעבן מיר, וועמען איר זעט צום דריטן מאָל?

— עס האָט מיר ניט באַדאַרפט נעמען קיין דריי מאָל אייך צו זען.

— איר קענט מיך ניט.

— איך קען אייך יאָ. איך האָב זיך אויסגעלערנט שנעל צו זען אין לעבן. דאָס לעבן פליסט פאַרביי. און קיין איינציקער מאָמענט ווידערהאָלט זיך ניט קיין צוויי מאָל. איר מוזט באַשליסן ווענגן זאַכן אָדער גלייך אויפן פלאַץ, אָדער איר קענט זיי קיינמאָל ניט באַשליסן. איר גייט פאַרביי. ריוויער, און אויב איך וועל אייך ניט נעמען וועל איך אייך פאַרלירן. נעם איך אייך!

— איר קענט דאָך מאַכן אַ טעות.

— מעגלאַך. איך ווייס, אַז ווען אַ מענטש מאַכט אַ באַשלוס קען ער אָפּט מאַכן אַ טעות. איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט פאַרגעבן די זינד, אַז נאָך דעם וואָס איך האָב אייך געזען, האָב איך ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אייך צו באַזיצן.

— וואָס ווייסט איר וועגן מיר?

— אַ סך מער ווי איר דענקט. איך ווייס, אַז איר זענט געווען רייך און זענט אָרים, איך ווייס, אַז אייער יוגנט איז געווען אויסגעפילט מיט אַלע פאַרגעניגנס פון רייכטום, און, אַז איר זענט רואינירט געוואָרן און אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון אייער געזעלשאַפט. איך ווייס, אַז איר האָט געקעמפט און זענט ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. איך ווייס, וואָס אייער קאַמף האָט געמיינט, ווייל איך

האָב אים אַליין דורכגעמאַכט יעדען טאָג, אין לויף פון די דריי־סיק יאָר פון מיין לעבן, אַ שווערן קאַמף, און צוואַנציק מאָל בין איך געווען גרייט אים אויפצוגעבן. איר האָט אויסגעהאַלטן. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, בין איך געווען געוואוינט דערצו. ווייל דעם געגענשטאַנד פון אָרימקייט האָב איך געקענט פון וויגעלע. איר האָט אַ דינע הויט, און זענט געוואַקסן אין רייכטום, און איר האָט זיך ניט אונטערגעגעבן. איר האָט קיינמאָל ניט צוגעשטימט צו אַ שענדלאַכן קאָמפּראָמיס. איר האָט קיינמאָל ניט פּרובירט זיך אַרויסדרייען פון קאַמף מיט די מיטלען וואָס פרויען האָפּט באַנוצן זיך: דורך פאַרפירן, אָדער דורך אַן ערלאַכע, פּאַסנדע הייראַט פאַר געלט.

— דענקט איר, אַז מען האָט דאָס מיר אַ סך מאָל פאָרגע־שלאָגן?

— דאָס איז דערפאַר ווייל זיי האָבן זייער גוט געוואוסט, אפילו די געמיינסטע פון זיי, אַז איר זענט ניט די פּערזאָן, וועמען מען קען קויפן מיט אַ קאָנטראַקט.

— ניט פאַרקויפבאַר, יאָ.

— איך ווייס, אַז נאָכדעם ווי איר האָט ליב געהאַט און געהאַט אַ קינד, האָט איר זיך אָפּגעזאָגט צו חתונה האָבן מיטן פאָטער פון אייער קינד. איך מוז ניט וויסן די מאָטיוון פון אייער האַרצן. אָבער איך ווייס, אַז אין די אויגן פון דער שרעקנדיקער געזעלשאַפט האָט איר געוואָגט צו פאָדערן ניט דאָס רעכט צו פאַרגעניגן, נאָר דאָס רעכט צו ליידן, דאָס רעכט צו האָבן אַ זון און אין אייער אָרימקייט אַליין דערציען. עס איז ניט וויכטיק נאָר צו פאָדערן דאָס רעכט, אָבער איר האָט דאָס דורכגעפירט אין לעבן איינע אַליין, פאַר דרייצן יאָר לאַנג. און וויסנדיק לויט מיין אייגענער דערפאַרונג, וואָס אַט די דרייצן יאָר מיינען אין ליידן און טעג־לאַכער אנשטרענגונג, זע איך אייך פאַר זיך אַן אומבאַרירטע, גלייך און שטאָלץ און אָן אַ סמן פון אָפּגענוצטקייט אָדער אָפּגעטראָגנקייט. איר האָט אויסגעמיטן צוויי נידערלאַגעס: די נידערלאַגע פון דורכ־פאַל, און די נידערלאַגע פון פאַרביטערטקייט... איך אַליין האָב ניט אויסגעמיטן דעם שטעמפּל פון דער צווייטער... איך בין אַ מבין אויף די שלאַכטן פון לעבן. איך ווייס די ווערט, וואָס אַ

כאַראַקטער פון אייער שניט האָט. אַט דער ערנסטער שמייכל, אַט די קלוגע אויגן, די רואיקע ליניע פון די ברעמען, די געטריישאַפט פון אַט די הענט, די שטילע האַרמאָניע — און אונטער דעם אַלעמען אַ ברענענדיקער פייער, דער פריידיקער רוף און ציטער פון קאַמף. אפילו דאַן ווען איר זענט געשלאָגן. שטעלט איר זיך פאָר, אַז אַ מאַן ווי איך ווייס ניט די ווערט פון אַ פרוי, ווי איר? אָדער, אַז וויסנדיק, זאָל ער ניט זיין גרייט אויף אַלץ, כדי איר צו געווינען?... ריוויער, איך וויל אייך. איך דאַרף אייך. הערט זיך איין! איך וויל אייך. איך וויל איך! ניט נאַרן. כאָטש איך וויל זיכער אייער וואוילזיין, אָבער ניט פאַר אייער טובה וועגן וויל איך אייך, נאַר פאַר מיין אייגענער. איך אָפּפער אייך ניט קיינע פאַרצוגן, נאַר בלויז מערער ליידן... איר ווייסט גאַרניט וועגן מיין לעבן... זעצט זיך אַנידער, אַט דאָ אַרום מיר, מיין שיינהייט!

אוועקזעצנדיק זיך אויפן דיל האָט זי אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן. ער האָט געהאַלטן אירע ביידע הענט און האָט זיי ניט אַרויסגעלאָזן אַזוי לאַנג ווי ער האָט גערעדט צו איר.

— איך האָב אַ נאָמען, איך האָב דערפאָלג, איך האָב געלט און אַלצדינג וואָס דאָס גיט. אָבער איר ווייסט ניט, ווי אַזוי איך האָב זיי געקראָגן און ווי אַזוי איך האַלט זיי. איך האָב זיי גענומען מיט גוואַלד און איך האַלט זיי מיט גוואַלד. איך האָב פאַרשקלאָפּט מיין מזל, אויב עס איז גאַר דאָ אויף דער וועלט, אַזאַ זאַך ווי מזל. איך האָב זיך דורכגעשלאָגן איבער אַלץ און איבער אַלעמען: איבער אומשטענדן און מענטשן. און איך האָב קיינמאָל ניט פרובירט און קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט צו געווינען מחילה צוליב מיין דערפאָלג, דורך איבערבינדן דעם פאַרוואונדעטן זעלבסט־דערספּעקט פון די, וועמעס אינטערעסן כ׳האָב צעטראָטן מיט די פיס אויפן וועג צום דערפאָלג. מיינע ליבע קאָלעגן האָבן דערוואַרט, אַז דער דערפאָלג וועט, אַמווייניקסטן האָבן אויף מיר אַ נאַרקאָטישע ווירקונג. אָבער דאָס האָט ניט פּאַסירט. זיי האָבן זיך געמיט זיך צו׳חנפ׳ענען און צו שמייכלען צו מיר; זיי פילן אָבער, אַז איך בין ניט און וועל קיינמאָל ניט זיין איינער פון זיי. איך קען ניט פאַרגעסן וואָס איך האָב געזען אויף דער צווייטער זייט פון פאַרקאַן.

די צאַלרייכע נידערטרעכטיקייטן און געמיינהייטן. איך האָב געהאַט גענוג מוט זיך צו פאַרטראַכטן איבער די סאָציאַלע ליגנס, פאַר וועלכע דער בעסטער הונט־שלעגער איז אַלע מאָל געווען דער אינטעלעקטואַלער קלאַס, ניט קוקנדיק דערויף אויף וואָס ער פּרע־טענדירט און וואָס מענטשן דערוואַרטן פון אים. אויסער אייניקע געשיקטע חברה־לייט, וואָס אין די גרעניצן פון זייער קונסט אָדער דיינקען, זיינען זיי באַקאַנט אַלס אָפּלייקענער פון אַלץ, אָבער ווי נאָר זיי קומען אַרויס פון די אינטימע גרעניצן פון זייער אייגענעם גאָרטן, ציען זיי זייער העפלאַך די היטל פאַר דער הערשנדער דומ־הייט. און איך האָב די חוצפה קיינמאָל ניט אָפּ־צוגעבן קיין כבוד צו אָט דער הערשנדער דומהייט. ביי דעם איצטיקן מאָמענט פּלאַן איך אַז איבערפאַל אויף אייניקע פון זייערע הייליקע שווינדלערייען, וואָס פאַראורטיילן טויזנטער און טויזנטער מענטשן צו אָרימקייט און ענדלאָזע צרות און פּיין. איך גיי אויפוועקן דאָס בילן פון דעם דריי קעפּיק־צערבער: די דריי היפּאָקריטסטוועס פון מאָראַל, פּאַטריאָטיזם און רעליגיע. איך וועל אייך אַלץ דערציילן וועגן דעם שפּעטער. איך וועל אויך אויף זיבער זיין געשלאָגן, איך ווייס דאָס. אָבער איך וועל קעמפן סיי ווי סיי, צוליב דער פרייד פון קאַמף, צוליב די שוועריגקייטן פון קאַמף, און דערפאַר, ווייל דאָס מוז געטאָן ווערן.. איצט זעט איר שוין פאַרוואָס אייערע ווערטער האָבן אין יענעם אָוונט מיר געבראַכט אַ שליחות, וועלכע איר האָט קיינמאָל ניט פאַראויסגעזען. אייערע ווערטער זיינען מיינע. דאַרף דאָס מויל אויך זיין מיינס.

אַנעט האָט אים דאָס געגעבן. ער האָט צערטלאַך גענומען איר שטערן און אירע באַקן אין זיינע שטאַרקע הענט.

— ריוויער, איך דאַרף אייך האָבן. איך האָב קיינמאָל זיך ניט געריכט אייך צו געפינען. און איצט ווען איך האָב אייך, מוז איך אייך האַלטן.

— האַלט מיך שטאַרק, ווייל איך האָב מורא, אַז איך זאָל ניט אַנטלויפן.

— איך ווייס ווי אייך צו האַלטן. איך אָפּפער אייך מיין שווערן לעבן, מיינע שונאים און מיינע געפאַרן.

— יאָ, איר קענט מיך. אָבער קיין איינציקע פון זיי קען

ניט זיין מיינע. עס איז אויך ניט אייערס איר זאָלט קענען טאָן דערמיט וואָס איר ווילט. עס געהערט צו אייער נאָעמיז.

— וואָס קען זי טאָן דערמיט? זי וויל קיין זאַך דערפון ניט וויסן. זי איגנאָרירט דעם גאַנצן אמת, יעדער זאַך וואָס איז שמערצלאַך אין לעבן.

אַנעט האָט געקוקט אויף פיליפן און ער האָט געלייענט אין אירע אויגן די פראַגע, וואָס זי האָט באַהאַלטן.

— איר דענקט, „פאַרוואָס האָט ער מיט איר געהייראַט?"

די פרוי לייגט, יאָ, איך ווייס דאָס. איר גאַנצער קערפּער איז אַ ליגן, פון די וואָרצלען פון אירע האָר ביז דעם שפּיץ פון אירע נעגל. און טאָקע דערפאַר, האָב איך איר גענומען. און דאָס איז כמעט די אורזאַכע פאַרוואָס איך האָב איר ליב. ווען פאַלשקייט איז אַזוי פאָלקאָם און ווערט אַ קונסט, האָט עס די ווערט אַ גוטן טעאַטער. (ווייסן מיר דען ניט אַז דער טעאַטער און כמעט די גאַנצע קונסט־לייגט. אויסער אפשר אַ פּאָר משוגעים, וואָס פירן אַראָפּ פון וועג עטלאַכע פון זייערע קינסטלער חברים; דערנאָך זאָגן זייערע חברים, אַז יענע זיינען גאָר קיין קינסטלער ניט, אַז זיי רואינירן דעם פאַך). אויב די וועלט איז אַ ליגן, האָבן מיר אַמווייניגסטן דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל זיין אַנגענעם. נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט יעדער זאַך, פאַר מיין אייגענער באַפרידיקונג גיב איך אָפּ דעם פאָרצוג צו דער געזעלשאַפט פון יענע, וואָס לייגן שיין. זיי נאַרן מיך ניט אָפּ. איך זע זיי אויף דורך און דורך. נאָעמיס גראַציע איז פּונקט אַזוי קינסטלאַך, ווי אירע געפילן. אָבער זי מאַכט דערפון אַ דערפאָלג. דאָס פאַרשאַפט איר אַנערקענונג. איך האָב דערפון פאַרגעניגן ווען איך קום אין אָוונט אַהיים מיט מיינע אויגן אויסגעמאַטערט פון דעם שניידן פוילע פלייש, איז זי ווי אַ לאַבענדיק וואַסער. איך באָד זיך אין איר. זאָל זי לייגן! דאָס איז ניט וויכטיק. ווען זי זאָל זאָגן דעם אמת, וואָלט זי ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— איר זענט גרויזאַם. זי האָט אייך ליב.

— אַ צווייפל, און איך האָב איר אויך ליב.

— אויב איר האָט איר ליב, טאָ אויף וואָס דאַרפט איר מיך?

— איך האָב איר ליב אויף איר אייגענעם שטייגער.

— דאָס איז זייער אַ סך.

— אַ גרויסע זאַך פאַר איר, פּילייכט, אָבער דאָס איז ניט פיל פאַר מיר.

— אָבער צי קען איך אייך געבן דאָס, וואָס זי גיט אייך?

— איר זענט ניט קיין שפּילכל.

— איך וואָלט אויך וועלן זיין אַ שפּילכל. דאָס לעבן איז אַ שפּיל.

— יאָ, אָבער איר גלויבט אין דעם. איר זענט איינער פון יענע שפּילער, וואָס נעמען די שפּיל ערנסט.

— איר זענט אויך אַזוי.

— דערפאַר ווייל איך וויל אַזוי זיין.

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך וויל אויך ניט אַזוי?

— גוט, לאָמיר וועלן צוזאַמען.

— איך וויל ניט קיין גליק, וואָס איז געבויט אויף חורבות. איך האָב געליטן און וויל ניט פאַראורזאַכן קיין ליידן.

— דאָס גאַנצע לעבן איז געקויפט דורך ליידן. און יעדער גליק אין דער נאַטור איז געבויט אויף חורבות. און צום סוף ווערט יעדע זאַך חרוב.. אַמווייניקסטן וואָלטן מיר געקענט עפּעס אויסבויען!

— איך קען זיך ניט באַשליסן צו מקריב זיין אַן אַנדער פּערזאָן. קליינינקע אָרימע נאָעמי!

— זי וואָלט געהאַט ווייניקער רחמנות, ווען זי האָט אייך אונטער אירע פיס.

— איך שטעל מיך פאָר. אָבער זי האָט אייך ליב, און פאַר מיר איז אַ פאַרברעכן צו הרגענען אַ ליבע.

— צי איר האָט געוואָלט, צי ניט, דאָס איז אַן אָפּגעטאָנענע זאַך. אייער אַנוועזנהייט האָט איר דער׳הרג׳עט.

— איר טראַכט וועגן קיין זאַך ניט, אויסער זיך אַליין.

— קיינער טראַכט ניט פון קיין אַנדער זאַך אין ליבע, אויסער זיך אַליין.

— ניין, ניין, דאָס איז ניט אמת. איך דענק וועגן זיך, וועגן אייך, און וועגן דער פרוי וואָס האָט אייך ליב, וועגן אַלץ וואָס איר ליבט, און וועגן יעדער זאַך, וואָס איך האָב ליב. איך וואָלט גע־

וואָלט, אַז מיין ליבע זאָל זיין גוט און פול מיט פרייד פאַר יעדן איינציקן.

— ליבע איז אַ געפעכט. מען טאָר זיך ניט פאַרקוקן, און האָט איר זיך פאַרקוקט, זענט איר פאַרלאָרן. קוקט גלייך פאַרויס אין די אויגן פון אייער קעגנער.

— מיין קעגנער?

— מיר.

— איר זענט דאָס טאַקע, אָבער פאַר אייך האָב איך קיין מורא ניט . . . אָבער נאָעמי איז ניט מיין קעגנער. זי האָט מיר קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. קען איך זיך אריינרייסן אין איר לעבן און דאָס צעשטערן?

— וואָלט דען געווען בעסער איר צו נאַרן?

— איר צו נאַרן? שוין אַ סך בעסער איר צו פאַרניכטן!...

אָדער צו פאַרניכטן זיך. זיך אָפּזאָגן.

— איר וועט זיך ניט אָפּזאָגן.

— ווי אַזוי ווייסט איר?

— פרויען ווי איר זאָגן זיך קיינמאָל ניט אָפּ אויס שוואַכקייט.

— פאַרוואָס ניט, אויס שטאַרקייט?

— איך וועל קיינמאָל ניט צושטימען, אַז עס איז דאָ וועלכע ניט איז שטאַרקייט אין זעלבסט פאַרלייקענונג... איך האָב אייך ליב, און איר האָט מיך ליב און איך האָב ניט קיין מורא, אַז איר וועט זיך אָפּזאָגן.

— רופט מיך ניט אַרויס אויף קיין קאַמף.

— איר האָט מיך ליב.

— נו איז וואָס?

— גוט, דאָס וואָס איר זאָגט איז אמת. איך קען ניט, איך קען זיך ניט אָפּזאָגן.

— הייסט עס?

— הייסט עס, זאָל זיין אַזוי!

XLII

זיי האָבן נאָך אַלץ גאָרניט געזאָגט דער „צווייטער פרוי“.

אַנעט האָט זיך פאַרשוואָרן, אַז זי וועט ניט געהערן צו פיליפּן ביז וואַנען ער וועט זיך ניט דורכריידן מיט נאָעמין. אָבער די קראַפט פון דער ליידנשאַפט איז געווען שטאַרקער פון איר באַשלוס. קיינער באַשטימט ניט די שעה פאַר ליידנשאַפט. זי נעמט איר אייגענע. און איצט איז שוין אַנעט געווען די, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן פיליפּן. זי האָט מורא געהאַט ער זאָל ניט ברוגז ווערן.

פיליפּ וואָלט ניט געווען געהאַט קיינע געוויסן־ביסע צו לאָזן נאָעמין אין דער אומוויסנקייט. ער האָט איר ניט רעספּעקטירט גענוג אַז ער זאָל זיך פילן פאַרפליכטעט צו איר מיט דעם אמת. אָבער קוים וואָלט ער געווען געצוואונגען צו זאָגן איר דעם אמת, וואָלט ער איר אים געזאָגט אָן אַ טראָפּן פון רחמנות. דאָס איז געווען אַ שווידערלאַכער מענטש, שווידערלאַך אָן דעם מינדסטן סמן פון איידלקייט אָדער ווייכקייט, ווען ער איז געווען אַרומגעכאַפּט פון אַ ליידנשאַפטלאַכן געפיל. קיין אַנדער זאַך האָט ניט עקזיסטירט. די ליבע וואָס ער האָט געפילט צו נאָעמין איז געווען די ליבע פון אַ הערשער צו אַ ווערטפולן שקלאַף, און זי איז ווירקלאַך, קיינמאָל ניט געווען פאַר אים קיין שום אַנדער זאַך. ווי אַ סך אַנדערע פרויען האָט זי זיך צוגעפּאַסט דערצו: אָבער ווען דער שקלאַף באַזיצט זיין הערשער איז זיין מאַכט ברעגלאָז. זי איז אַלץ, ביז עס קומט דער טאָג ווען זי פאַרפעלט צו זיין עפּעס. נאָעמי האָט דאָס געוואוסט, אָבער זי האָט געהאַט צוטרויען צו איר יוגנט און צו איר צויבער נאָך פאַר אַ סך אַ סך יאָרן. נאָך אונדז מעג אפילו קומען דער מבול. אויסער דעם איז זי געווען אויף דער וואַך. זי האָט געוואוסט וועגן פיליפּס פאַרבייגייענדיקע אומטרייהייטן. זי האָט זיי ניט צוגעגעבן קיין צו ערנסטע באַדייטונג, ווייל זי האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיינען צייטווייליקע. זי האָט זיך פּשוט געטרייסט מיט דעם לוקסוס פון קליינינקע נקמות, ווען וועלכע זי האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט צו פיליפּן. זי האָט אים בלויז איין און איינציקן מאָל בייז פאַראַטן. ווען זיין אומטרייהייט האָט איר געטראָפן שטאַרקער ווי געוויינלאַך.

דאָס האָט איר פאַרשאַפט זייער ווייניק פאַרגעניגן, עס איז איר אפילו געווען דערווידער. אָבער דאָס האָט גאָר ניט אויסגעמאַכט, זי האָט אים אָפּגעצאָלט. נאָכדעם איז זי געווען נאָך צערטלאַכער מיט איר מאַן. עס האָט איר פאַרשאַפט צופרידנהייט צו זאָגן צו זיך אַליין ווען זי האָט אים אַרומגענומען:

— מיין טייערער, איך נאַר דיך. דאָס וועט דיך אָנלערנען! דאָס מאָל ביזטו צום נאַר!

די שרעק וואָס זי וואָלט דערפילט, ווען פיליפּ זאָל זיך געווען דערוויסן דעם אמת, האָט נאָך צוגעגעבן אַ גרעסערן אינטערעס דער־צו. פיליפּ האָט ניט געוואוסט וועגן קיין זאַך באַשטימט, ער האָט ניט געוואוסט קיין פאַקטן. אָבער דעם ליגן האָט ער געלייענט אין אירע אויגן. צי נאָעמי איז אים געווען אומטריי, אָדער ניט, ער אָבער האָט געוואוסט, אַז זי טראַכט דערפון. און זי האָט געזען דעם בליק, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן אין זיינע אויגן; זיינע הענט וואָלטן איר צעריבן. אָבער ער האָט גאָר ניט גע־וואוסט, און וועט קיינמאָל גאָרניט וויסן; זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן מיט אַ ביינקנדיקן אויסדרוק פון אַ טייבעלע.

ער האָט ברוטאַל געזאָגט:

— גיב אַ קוק אויף מיר.

זי האָט צייט געהאַט צו געבן אירע אויגן אַן אומשולדיקן אויסדרוק. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז פאַלש — און האָט זיך ניט געוועדט. ער איז ניט געווען אין כעס אויף איר. נאָר וואָלט ער איר געכאַפּט אויפן אָרט, וואָלט ער איר צעבראָכן די ביינער. ער האָט ניט דערוואָרט פון איר דאָס, וואָס זי האָט אים ניט גע־קענט געבן: אָפנהערציגקייט און טרייהייט. אַזוי לאַנג ווי זי איז אים געווען געפעלן, און אַזוי לאַנג ביז וואַנען זי וועט אים זיין געפעלן, איז אַלץ געווען גוט. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט פריי מיט איר צו צערייסן, אַזוי שנעל ווי זי וועט אים אויפערן צו געפעלן.

אַנעט האָט געהאַט מער געוויסנביסע. זי איז געווען אַ פרוי און האָט בעסער געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין נאָעמיס הארצן. נאָעמי האָט געקענט זיין פאַלש און פוסט און נאַרן פיליפּן, אָבער זי האָט אים ליב געהאַט. ניין, פאַר איר איז דאָס ניט געווען

נאָר אַ שפּיל, ווי ער האָט געזאָגט, אַז עס איז. זי איז געווען צו־געבונדן צו אים אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אַ טייל פון איר אייגן לייב, נית נאָר צוליב דעם פייערדיקן בונד פון געשלעכטלאַכן פאַר־געניגן, נאָר פון די טיפסטע טיפּעניש! פון איר האַרצן. אין ליבע רעכנט זיך קיין זאַך ניט אַ חוץ דער שטאַרקייט פון דער ליבע, אַט יענער הערשנדיקער מאַגנעט, וואָס ציט צו דעם גוף מיט דער נשמה פון איין מענטשן צו אַ צווייטן. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אים, ווי ער וואָלט געווען די איינציקע שטערבונג און ציל פון איר לעבן, ווי ער וואָלט געווען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, געגאַרט, און ניט אויפגעהערט צו גאַרן פאַר יאָרן און יאָרן לאַנג. ניט אַלע מאָל ווייסט אַ פרוי פאַרוואָס זי האָט זיך פאַרליבט. אָבער דערפאַר ווייל זי האָט זיך פאַרליבט קען זי זיך שוין מער ניט באַפרייען. זי האָט פאַרשווענדט צופיל פון אירע כחות און אירע פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל קענען זיי אַריבערטראָגן אויף אימיצן אַנדערש. זי לעבט ווי אַ פּאַראַזיט אויף דעם ווען וואָס זי האָט אויסדערוויילט. עס איז געווען נויטיק צו שניידן און פאַרוואונדי־ביידן כדי זיי צוצעשיידן.

אַ פאַרדאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אַריינרייסן אין נאָעמין. צו־ערשט ווי דאָס גריזשען פון אַ מויז. עס איז ניט פאַרגעקומען קיין שום ענדערונג אין זייער לעבן. פיליפּ האַרט ווי תמיד, אימער אין איין איילעניש, מיט אַ קליינעם פאַרלאַנג צו ריידן. האָט ער זי אויסגעהערט, ניט הערנדיק, פאַרטיפט אין זיך, מיט אַ פּייערל אין די אויגן. פונקט איצט איז ער געווען טיף פאַר־זונקען אין אַן אומאָנגענעמער אַנגעלעגנהייט, אין אַ ביטערן שטרייט, אין וועלכן ער האָט זיך אַליין אַריינגעוואָרפן. נאָעמי האָט גע־וואוסט דערפון, אָבער זי האָט אַמווייניקסטן געזוכט צו זיין אויס־פירלאַך אינפאָרמירט וועגן אַט די אַלע אומאָנגענעמע זאַכן. אין רעכטן מיטן פון אַזעלכע שטרייטן האָט ער מער פון קיין זאַך ניט געטראַכט און האָט איר געוויינטלאַך פאַרנאַכלעסיגט. זי האָט נעמוזט וואַרטן און אים לאָזן פּאַסטן; און ער פלעגט זיך שוין שפּעטער אומקערן צו איר מיט נאָך אַ גרעסערן אַפּעטיט ווי תמיד. אָבער ער האָט איצט געפאַסט צו לאַנג! אַן אַנדערש מאָל פלעגט זי זיך פאַרווילן דערמיט וואָס זי האָט אים געגרייצט און ער האָט

איר גראָב צוריקגעשטויסן, ווייל אים האָט פאַרדראָסן, ווען מען האָט אים געשטערט און אָפגעריסן פון די געדאַנקען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרטאָן מיט ליבע און לעבן און כאָטש זי פלעגט שטאַרק פראָטעסטירן קעגן זיין גראָבקייט, איז זי דאָך דערפאַר ניט געווען אין כעס אויף אים. זי איז געווען, ווי אַ קינד, וואָס שפּילט זיך מיט פייערווערק; וואָס מער טומל עס מאַכט אַלץ אָנגענעמער, אַלץ בעסער. אָבער דאָס מאָל, אַ אומגליק! דאָס פייערווערק האָט זיך ניט צעבראָכן, עס האָט ניט אויסגעשאָסן... נאָכ'ן רייצונגען זיינען ניט באַגעגנט געוואָרן נאָר מיט גלייכגילטיקייט. פיליפ האָט זיי אַפילו ניט באַמערקט... די מויז פון איר פאַרדאַכט איז אַוועקגעגאַנגען און צוריק געקומען און האָט זיך אויף אַ צייט איינגאַנצן באַזעצט אין איר. זי האָט געגריזשעט אַזוי לאַנג ביז זי האָט זיך דערקליבן צום פלייש... עס איז געקומען אַ טאָג, ווען נאָעמי האָט אַ געשריי געטאָן...

איינמאָל אין דער פרי, זיי זיינען ביידע געווען אין בעט, זייט ביי זייט. זיינע אויגן זיינען געווען אָפן. זי האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט. אָדער זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי שלאָפט און האָט אים באַאָבאַכטעט. אינסטינקטיוו האָט זי דערפילט, אַז די אָפּשפּיגלונג פון אַן אַנדער פנים האָט דורכגעשוועבט פאַר אים. (ווייל די אויסערלאַכע איינפאַסונג פון געדאַנק, נעמט אָן, אַן אונדזער וויסן, די פאָרמע פון יענעם געשטאַלט וואָס לעבט אין אים). איר אייפערזיכטיקע אויפמערקזאַמקייט איז אויגנבליקלאַך פאַרכאַפּט געוואָרן. פון אונטער אירע אויגן דעקלאַך האָבן אירע אויגן אים דורכגעשטאָכן ווי אַן עגבער. זי האָט שאַרף שטודירט אָט דעם מאַן, וואָס איז געווען אַזוי נאָענט און אַזוי אומגעהייער וויַיט פון איר. אָט דער מאַן וואָס האָט באַלאַנגט צו איר, אָט דער אייביגער פרעמדער, וועמעס זייט האָט אָנגערירט אירע און דאָך איז צווישן אים און איר געלעגן אַן אומענדלאַכער תהום. ניין, זי האָט ניט געהאַט קיין טעות, ער האָט געהאַט נאָך אַנדערע זאָרגן אַ חוץ זיינע אידעען.. זאָרג... זי האָט אים געזען שמייכלען. ער האָט געטראַכט וועגן אַן אַנדער פרוי. כדי אים אַוועקרייסן פון זיין צויבער־דערשיינונג און צו דער זעלבער צייט אויספרואוון איר אייגענע מאַכט, האָט זי אַ קרעכץ געטאָן אַזוי ווי אין אַ חלום און האָט

זיך אויסגעדרייט צו אים. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון אַט דעם קערפּער, וואָס האָט אים געזוכט. פאַרזיכערנדיק זיך אַליין, אַז זי שלאָפט, האָט ער זיך שטילינקערהייט אויפגעהויבן, האָט זיך אָנגעטאָן, און איז אַרויסגעגאַנגען. זי האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן... אָבער ער האָט נאָך ניט באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, ווי זי איז שוין געזעסן אין בעט מיט אַ צוקרימט פּנים. מיט אירע קליינינקע פויסטן האָט זי זיך געקלאַפּט אין די ברוסטן דערשטיקנדיק אַ געשריי פון ווילדן כעס, ווייטאָק און אַגאָניע.

פון אַט דעם מאָמענט איז זי געוואָרן אַ יעגערן. אנגעשטרענגט, ציטערנדיק האָט זי אומעטום אַרומגעקוקט און אַרומגעשמעקט, זי האָט אַרומגעזוכט די שפּורן. די נעגל פון אירע צוזאַמענגעפּרעסטע הענט האָבן איר ווייגעטאָן; זי האָט געברענט פון דעם פאַרלאַנג צו צערייסן דעם שונא אין שטיקער... אָה, שטילערהייט, איידל... אַרויסצורייסן דער פרוי'ס האַרץ... אָבער זי האָט ניט געקענט געפינען אַט דאָס האַרץ. וואו איז דאָס געווען באַהאַלטן? זי האָט זיך געיאָגט איבער די וועלדער, מיט אַ פיבעראַפּטער גענויקייט האָט זי אונטערזוכט דעם קרייז פון זיינע באַקאַנטע. מיט איר געפאַרבטן יונגטלאַכן שמייכל, באַהאַלטנדיק די שאַרפע ציין, האָט זי ניט פאַרלאָרן די מינדסטע ענדערונג אין פיליפּס פּנים אין דער אנוועזנהייט פון צווייטן געשלעכט, זי האָט זיך צוגעקוקט צו די הענט, צו די אויגן, זיך איינגעהערט צו דעם ציטער פון יעדנאיינעם. דערווייל האָט די מחנה יעגער־הינט וואָס זי האָט געטראָגן ביי זיך אין האַרצן, זיך שטענדיק געוואָרפן און זיך נאָכגעיאָגט נאָכן גערוך... אָבער די שפּורן זיינען אימער געווען פאַלשע און די חיה איז פאַרשוואונדן. די מאָדנע פאַרבלענדעניש, וואָס האָט גלייך פון אָנפאַנג אַרויסגענומען אַנעט פון דער צאָל פון די פאַרדעכטיקטע, האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. פאַר וואָכן לאַנג האָט זי זיך גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן אין איר. אַנעט האָט זיך ניט באַוויזן. זי האָט זיך געפילט שולדיק, און זייער ווייט פון צו זיין שטאָלץ, ווייל זי האָט זיך געשעמט פאַר נאָעמין, פאַר איר פאַרבאָרגענעם טריאומף, פאַר דעם אַוועקגעגנבעטן זיג. זי האָט אויסגעמיטן זיך צו באַווייזן ביי די ווילאַרדס אין הויז, און זי וואָלט געפונען גענוג תרוצים, ווען נאָעמי וואָלט געווען אויסגעדריקט

אזאַ וואונש, זי האָט געהאַט צופיל אויף איר קאָפּ, אַז זי זאָל קענען געדענקען אַנעט.

זי האָט אומזיסט פּרובירט זיך צו פאַרזיכערן, אַז פיליפּס קאַפּריזן וועלן מיט דער צייט פאַרשווינדן. אָבער ניט נאָר זיינען זיי ניט פאַרשוואונדן געוואָרן, נאָר, אַלע שוין צו קלאָרע סימפּטאָמען פון זיין אומצופרידנקייט, זיינען נאָך שטאַרקער געוואָרן: אַ קאַלטע אומאויפמערקזאַמקייט צו וואָס זי האָט געזאָגט, און ווי זי האָט אויסגעקוקט, און אַפילו צו דער אַנוועזנהייט פון זיין קליין ווייבל, אָפּט אַ פאַלשטענדיקע גלייכגילטיקייט — אַפילו ווען נאָעמי האָט פּרובירט אויף אים אַרויפצווינגען דעם פאַקט פון איר עקזיסטענץ; אַ צערייצטע מידקייט אַ ניט פאַרבּאַהאַלטענער עקל, וואָס האָט אויסגעמיטן אומאַנגענעמע צאַרטלאַכע באַרירונגען... זי האָט זיך געצאַפּלט, געציטערט פון ווילדן גרימצאָרן און פון פאַרשטויסענער ליבע! זי האָט לענגער ניט געקענט באַהאַלטן פון זיך די ערנסטקייט פון אָט דעם אומגליק, זי איז ממש פון זינען אַרונטער. אָבער זי איז געווען פאַרזיכטיק זיך אימער צו צווינגען דאָס ניט אַרויסצואווייזן... אימער און שטענדיק זיין פריילאַך, אימער זיכער אין זיך און אין אים. האַלטן אין איין אַנבאָטן אים די נעץ אויף וועלכער ער האָט אַפילו ניט געוואָלט קוקן! זי האָט זיך אויסגעגעסן דאָס האַרץ... און קעגן אָט דעם אומבאַרירטן שונא איז אויסגעוואַקסן אין איר אַ שווידערלאַכער האַס און פאַרדרוס, וואָס זי קען איר ניט כאַפּן, זי איז געווען גרייט צו צעשלאָגן זיך די קאָפּ אין דער וואַנט. זי האָט זיך צוגעקוקט און געהיט יעדער איינע פּרובטלאָז — יעדער איינע, נאָר ניט אַנעט. אַנעט איז געווען די לעצטע פּערזאָן, וועגן וועמען זי וואָלט זיך פאַרטראַכט.

און אַנעט האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן.

אַנעט איז געגאַנגען איבערן גאַס, ווען אין אַ צוואַנציק טריט פון זיך האָט זי דערזען נאָעמין גייענדיק איר אַנטקעגן. נאָעמי האָט איר ניט געזען. זי איז געגאַנגען מיט שטאַרע אויגן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ; איר שיינער פּנים איז געווען בלאַס און האָט אויסגעזען פאַרעלטערט און אויסגעמאַטערט פון זאָרג. אין דעם מאָמענט איז זי ניט געווען באַוואוסטזיניק ניט אויף זיך אַליין און ניט אויף קיין זאַך אַרום איר; פאַר טעג און

טעג אַז זי איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ מאַנאַמאַניאַק, וואָס דרייט מיט איין איינגעשפּאַרטן כעס די מיל שטיינער פון אַן אידעע־פיקס. אַנעט האָט אויפגעשווידערט פון איר אויסזען. זי וואָלט געקענט דורכגיין האַרט פאַרביי איר, און אפילו ניט זיין באַמערקט, אָדער זי וואָלט געקענט פאַרקירעווען אויף צוריק, אָבער אין איר אומגעלומפּערטן אימפּעט איז זי אַרונטער פון טראָטואַר און איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט גאַס. אָט די באַוועגונג האָט געבראָכן דעם אומאויפהערלאַכן טראָט פון דורכגייער און האָט מעכאַניש צוגעצויגן צו זיך נאָעמיס אויפמערקזאַמקייט. זי האָט דערקענט אַנעט, וואָס האָט זיך געמיט איר אויסצומיידן, און נאָכפאָלגנדיק איר מיט די אויגן האָט זי געזען, ווי אַנעט האָט אויף איר בגנבה אַ קוק געטאָן פון דער צווייטער זייט גאַס, און האָט אָפּגעקערעוועט דעם קאָפּ. דאָס איז געווען ווי אַ בלענדענדע ליכט... דאָס איז זי!

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איר האַרץ איז איר שיער ניט אַרויסגעפאַלן, אירע נעגל האָט זי אַריינגעטריבן אין די דאַלאָניעס פון אירע הענט, זי האָט געקריצט מיט די ציין, שטייענדיק שטייף, ווי אַ קאַץ מיט איר רוקן אויסגעבויגן; אמתע מערדעריי האָט אַרויסגעקוקט פון אירע אויגן. דער בליק פון אַ פאַרבייגייער האָט איר דערמאָנט, אַז זי געפינט זיך אין אַ וועלט וואו מענטשן לעבן אין פאַלשקייט. די וועלט, וואָס זי האָט איין איינציקן מאָל פאַרלאָזן. זי האָט זיך באַלד צו איר צוריק אומגעקערט. אָבער מיט צען טריט ווייטער האָט זי גרויזאַם געלאַכט. זי האָט איר געכאַפּט...

XLIII

אַנעט איז געווען פאַלשטענדיק צעבראָכן פון נאָעמיס אויסזען. פון יענעם מאָמענט אָן וואָס זי האָט זיך אָוועקגעגעבן האָט איר געמאַטערט איר געוויסן. ניט דערפאַר, וואָס זי האָט זיך באַטראַכט פאַר שולדיק צו ליבהאָבן דעם מאַן, וואָס האָט איר ליב געהאַט: זייער ליבע איז געווען אַן אויפריכטיקע, געזונטע און שטאַרקע און האָט זיך ניט גענויטיגט אין קיינע אנטשולדיקונגען אָדער תרוצים. קיינע געזעלשאַפטלאַכע פאַראורטיילן האָבן ניט געקענט

אריבערוועגן אָט דעם געפיל. אין איר פיבערהאַפטער ליידנשאַפט וואָלט זי אפילו ניט צוגעגעבן, אַז זי אָט וועלכע עס איז פליכטן אין באַצוג צו נאָעמין. זי איז געווען פיליפּס אמת'ע פרוי. זי האָט געקענט ניט אַנערקענען די צווייטע, וואָס איז ניט געווען פּייאיק צו טיילן מיט אים זיין אַרבעט, זיין קאַמף און שיינקען אים גליק. אָבער אָט די גאַנצע איבערצייגונג האָט ניט פאַר־מינדערט דעם פאַקט, אַז נאָך אומיצער צאָלט אַ פּרייז פאַר איר גליק, אַז זי האָט צעשטערט דאָס גליק פון אַן אַנדערער. זי האָט זיך באַמיט צו גלויבן, אַז נאָעמי איז צו לייכטזיניק, כדי צו קענען צו שטאַרק ליידן, און אַז פאַר איר וועט ניט זיין זייער שווער זיך אָפּצוזאָגן פון אים. אָבער זי האָט געוואוסט, אַז עס איז ניט אַזוי. און אַלץ, וואָס זי האָט געקענט טאָן איז אויסמיידן צו דענקען וועגן נאָעמין. די זעלבסט־קאָנצענטרירטקייט פון די ערשטע טעג פון ליידנשאַפטלאַכן באַהעפטן זיך האָט דאָס געמאַכט מעגלאַך. אָבער עס איז מער ניט מעגלאַך געווען איצט ווען זי האָט באַ־געגנט נאָעמין. אַנעט איז געווען באַשאַנקען מיט דער שלימזלדיקער פּייאיגקייט זיך אויפהויבן איבער זיך און מיטפילנד אַריינדרינגען, ניט קוקנדיק אויף אירע אייגענע ליידנשאַפטן, אין די ליידנשאַפטן פון אַנדערע — און באַזונדערס אין זייערע ליידן, וואָס זייער אַ בליק האָט אַנטפּלעקט פאַר איר...

זי איז אַוועק אהיים כמעט ניט ווייניקער געפּלאָגט, ווי נאָעמי, פון אָט דער אויפרעגונג, וואָס האָט איר פאַרשלונגען. זי האָט זיך ניט געקענט צופרידנשטעלן מיט קיין ווערטער; זי האָט זיך ניט געקענט רעכטפאַרטיקן מיט דער רעכט פון ליבע... נאָעמי האָט אויך ליב געהאַט, און נאָעמי האָט געליטן. האָט דען די ליבע, וואָס ליידט, ווייניקער רעכט פון דער ילבע וואָס פאַראורזאַכט די ליידן? עס איז אינגאַנצן ניט קיין פראַגע פון רעכט. איינע פון די צוויי מוז ליידן, זי אָדער איך!

זי! אַנעטס געפיל האָט איר ניט איבערגעלאָזן קיין אויסוואַל... אָבער עס איז געווען זייער, זייער אומאַנגענעם.

אַמווייניקסטן זאָל מען כאָטש אָט די ליידן ניט פאַרטיפן. ניט שווערער מאַכן. עס איז אַן אומרעכט צו פאַרלענגערן אָט די ליידן, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן, צו לאָזן די וואונד ערגער

ווערן און ניט צולייגן צו איר קיין שטארקע האנט, די וואונד מוז אפעריירט און איבערגעבונדן ווערן. נאר א פייגלינג קען אויסמיידן אפנהארציקייט און ארויפווארפן אויף נאעמין די גאנצע אנגסט אליין אויסצוגעפינען איר אומגליק. פון ערשטן טאג אן האט אנעט באשטאנען אויף דעם, אז זי וויל זיך ניט באהאלטן. ווי אזוי זשע האט זי דערלאזט, אז זי זאל פון טאג אויף טאג אלץ מער פארזינקען אין אזא אומווירדיקער לאגע?... דאס איז געווען איר אייגענע שולד, איר אייגענע שוואכקייט די גאנצע צייט.

— מיר מוזן ריידן צו איר, — האט זי געזאגט צו פיליפן.

אבער די מינוט וואס פיליפ איז געווען גרייט צו ריידן, האט זי אים ניט געלאזן. זי האט מורא געהאט פאר זיין ברוטאלער אפנהארציגקייט. ווי אן אויסגעדריקטע לימענע האט ער אוועקגעווארפן דאס, וואס ער האט מער ניט געליבט. זיינע אלטע פארפליכטונגען האבן אים דערעסן...

— קום, לאמיר מאכן א סוף דערצו.

און אנעט האט געענטפערט:

— ניין, ניין, ניט היינט. — זי האט געזען די לײדן, וואס ער וועט פארשאפן. גאט אין הימל! ס'ארא פיינלאכע זאך עס איז צו פארניכטן א הארץ!

פיליפ האט געהאט גענוג אנדערע זאכן וועגן וואס צו טראכטן! זיינע טעג זיינען געווען אויסגעפילט מיט פארהארטעוועטער קריג קעגן דער פרעסע און דער געזעלשאפטלאכער מיינונג, וואס איז אויפגעהויבן געווארן קעגן אים. עס איז ניט געווען קיין גינסטיקע צייט פאר אנעט צו באאומרואיקן אים מיט אירע אייגענע צרות. ער איז געווען אריינגעצויגן אין א געפערלאכער קאמפאניע. ער האט גענומען אויף זיך די איניציאטיווע צו שאפן א ליגע פאר געבורט־קאנטראל. ער האט געהאסט די אומפארשעמטע צוויי'פנים'דיגקייט פון דער פירנדיקער בורזשואזיע, וואס האט ניט געהאט דעם מינדסטן אינטערעס צו פארבעסערן די גיגיענע, אדער פארלייכטערן די ארימקייט און נויט פון די ארבעטער קלאסן, זי איז אבער געווען פאראינטערעסירט צו פארגרעסערן די צאל פון די ארבעטער מאסן, כדי עס זאל איר ניט אויספעלן קיין שפייז פאר די פאבריקן און קאנאנען. וואס אנבאלאנגט איר אליין, איז זי געווען זייער

פארזיכטיק ניט צו שטערן איר וואוילזיין אדער קאמפליצירן איר לעבן מיט האבן צופיל קינדער. אבער עס קימערט איר זייער ווייניק, אויב א שלעכט רעגעלירטע געבורט־ראטע וועט פאראייביקן ארימ־קייט, קראנקהייט און שקלאפעריי אין פאלק. זיי מאכן דערפון א רעליגיעזן און נאציאנאלן פליכט. פיליפ האט זייער גוט גע־וואוסט, וואס פאר א שטארקע אויפרעגונג און ווילדן כעס דאס וועט ארויסרופן, אבער קיין געפאר האט אים קיינמאל ניט אפגע־שטעלט. ער האט זיך גלייך אין זיי אריינגעווארפן כאטש זיי זיינען געווען שטארקער ווי ער האט דערווארט.

ער האט זיך געשאפט א סך שונאים: צוערשט צווישן זיינע קאלעגן, די כוהנים גדולים, וועמעס פוסטער שטאלץ, דאקטרינען און אינטערעסן זיינען אנגערירט געווארן, דערנאך צווישן זיינע נעגנער, ער האט אפילו פארזייט האס צווישן אייניקע פון זיינע אנהענגער, וועמען ער האט זיך ניט געקווינקלט צו זאגן דעם אומפארפוצטן ביטערן אמת. ווייל ער איז ניט געווען דער מענטש, פאר אויסצובייטן לייכטע קאמפלימענטן מיט מענטשן, וואס האבן אים געליבט, און דאנקבארקייט איז געווען די לעצטע פון זיינע פעלערן, ער האט גענומען דאס, וואס עס איז אים געקומען און האט געגעבן בלויז דאס, וואס ער האט געדענקט, אז עס איז פארדינט — וואס איז געווען גאר ניט פיל. מיט דער אויסנאם פון סאלאנדזש, האט דער נאמען פון א בעל צדקה ניט געמאכט אויף אים קיין שטארקן איינדרוק. קיין פייווארעטיזם! אזוי, אז ער האט געקענט דערווארטן א גרויזאמען איבערפאל און זייער א שוואכע פארטיידיקונג. ער האט געשטערט די מאנעוורן פון די, וואס שלאגן קאפיטאל פון אידעאלן. יעדעס מאל ווען עס האט זיך ארגאנ־ניזירט אן איידעלע, א פילאנטראפישע, מיט רויבערישע סכעמען, ארגאניזאציע, האבן די גרינדער געקענט זיין זיכער, אז ער וועט ארויסטרעטן קעגן זיי. עס האט אים פארשאפן א סקאנדאליעזן פארגעניגן צובלוטיקן די נעזער פון זייער הייליקייט ביי דער ארבעט פון זייערע גנבישע שפיצלאך. אויף אזא אופן האט ער זיך פארדינט אין די רעספעקטאבלע קרייזן די רעפוטאציע פון א פאר־דארבענעם כאראקטער, א צעשטערער און אן אנארכיסט. אט דער נעמורמל איז נאך ניט געגאנגען אזוי ווייט, אז ער זאל דערגרייכן

צום אויער פון דער ברייטער עפנטלאכקייט, — דעם שוידערלאכן אויער פון פאסקווינא, די פארשקלאפטע פרעסע. זיי האבן געווארט אויף דעם ריכטיקן מאמענט. עקסאלא! די וואונדער שיינע געלעגנהייט איז דא!... דאס איז געוועזן אן אויפרייס פון פאטריאטישן כעס. אלע צייטונגען האבן אנטייל גענומען אין אים. דער אפקלאנג פון דער עפנטלאכער אויפרעגונג האט דערגרייכט דעם פארלאמענט, וואו אומשטערבלאכע רעדעס זיינען געהאלטן געווארן, כדי צו פארטיידיקן די רעכט פון די ארימע צו האבן גרויסע פאמיליעס. א פאר באגייסטערטע נשמות האבן ארײנגעטראגן א פארשלאג פון א געזעץ, וואס זאל זייער שטרענג באהאנדלען די גאנצע פראפאגאנדע, וואס האט דירעקט אדער אומדירעקט געשטרעבט צו פארקלענערן די באפעלקערונג. די איבערטרייבונגען פון דער פרייער און לייכטער פרעסע אין וועלכער דער עגאאיזם פון דעם פארגעניגנליבהאבער האט איבערגעוואויגן אלע הומאניטארע געדאנקען, האבן געשאפן ארגומענטן צו דיסקרעדיטירן די גאנצע זאך. פיליפ האט געפונען זיינע אנהענגער צווישן די „שונאים פון דער געזעלשאפט“. אויף יעדן זאלפ האט ער אפן און אויפריכטיק אליין געענטפערט אין איינער פון די גרויסע צייטונגען, אבער ער איז געוועזן אין געפאר אט די טריבונע צו פארלירן. ווייל פראטעסט בריוו האבן ממש פארטרונקען די רעדאקציע פון דער צייטונג. ער האט געגעבן לעקציעס און האט געערדט אויף גרויסע טומלדיקע פארזאמלונגען. אין זיין שטורמדיקייט האט ער זיך אויסגעגליכן מיט זיינע אפאנענטן. זיי האבן ארויסגעקוקט אויף אן אומפארזיכטיקן אויסדרוק, וואס זאל זיי געבן די מעגלאכקייט צו נעמען די אויבערהאנט איבער אים. אבער אט דער אומדערשראקענער קעמפער איז געוועזן א פאלקאמער באלעבאס איבער זיינע לײדנשאפטן און האט זיך ניט דערלויבט אפטרעטן אויף קיין האר דערפון וואס ער האט געוואלט זאגן. ער האט זיך ערווארבן אן אומגעהייערע פאפולאריטעט; ער איז געוועזן לויטער באגייסטערונג פאר איינע, און לויטער שפאט און האס פאר די אנדערע. אין דעם שטויב פון שלאכט האט זיך אים נעאטעמט לייכט.

אין רעכטן מיטן פון אָט דעם שטורם, וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט נאָעמי?

XLIV

נאָעמי האָט זיך געאײַלט אַ היים. זי האָט זיך דערמאָנט אין פיליפּס ערשטער באַגעגעניש מיט אַנעט, ווען זי איז אויך געווען דערבײַ — אין איר אייגענער נאַרישקייט און אין זייער פאַלשקייט. זי איז געווען שרעקלאַך אויפגעבראַכט. ווי נאָר זי האָט זיך צוריק געפונען אין איר אייגענער וואוינונג, אַזוי האָט זי זיך איבערגעגעבן צו איר צעווילדעוועטן כעס. ער איז געווען ווי אַ וואַסער־זײַל. אין אַן אויגנבליק האָט זי אַלץ אַרום זיך צושליידערט און פאַרוויסט. און ווער עס וואָלט איר געזען וויינענדיק, אויפגעדרייט אין קאָנוואולסן, וואָלט מיט גרויסע שוועריקייטן איר געקענט דערקענען. איר שיינער פּנים איז געווען צוקרימט פון ווילדער אויפרעגונג, זי האָט געביסן און געריסן איר נאָזטיכל. זי האָט צעשליידערט אַלע פּאַפּירן אויף איר מאַנס שרייב־טיש, און האָט אויסגעלאָזן איר גאַנצן ווייטאָק צום קליינעם הינטל וואָס איז צוגעלאָפן צו איר נאָך אַ גלעט, און צום פּאַפּוגאַי, וועלכן זי איז גרייט געווען צו דערשטיקן... זי האָט אָבער ניט פאַרגעסן זיך פאַרשליסן אויפן שלאָס. די ראָלע פון אַ פוריע מוז זיכער געשפּילט ווערן ביי פאַרמאַכטע טירן. זי האָט זיך ניט פאַרשענערט אין אָט דער ראָלע. זי האָט אויסגעקוקט גרויזאַם, אַלט און אָפּגעטראָגן. אָבער צו זען זיך אַליין אין שפּיגל, אָן עדות, מיאוס און שלעכט איז איר ניט געווען אומאַנגענעם; עס האָט איר כמעט צופרידנגעשטעלט. דאָס איז אויך געווען אַ געוויסע פאָרמע פון נקמה. זי האָט אָנגעהויבן צו רחמנות האָבן אויף זיך אַליין, אויף איר געזיכט, מיט אָט דעם מיטלייד געפיל האָט זי זיך געקייקלט איבערן טעפּיך און האָט געקלאָגט און געיאָמערט הויך אויפן קול. דאָס האָט ניט געקענט לאַנג דויערן, ווייל פיליפּ האָט נאָך געקענט אָנקומען; זי מוז זיך אײַלן, שלינגען צוווייענדיקע דאָזעם טרערן אויף איין מאָל, זיך פאַרכליניען און כליפּען מיט גרויס אימפּעט אויף שנעל, זי מוז זיך אויף גיך גוט, גוט אויס־

וויינען פאר אלעם און אלץ וואס זי איז ווערט געווען... זי האט פארטגעזעצט געשמאק צו כליפן, אבער די ערגסטע טייל פון שטורעם איז שוין געווען פאריבער. דאס קליינע הינטל האט זיך אומגעקערט, ניט האבנדיק קיין פאריבל, און האט איר א לעק געטאן דעם אויער. זי האט עס ארומגענומען. זיצנדיק אויפן טעפיך און וויינענדיק שטילערהייט, האט זי געגלעט איינע פון זיינע פיס, ביז זי איז שטיל געבליבן. זי האט געטראכט. פלוצלונג, אננעמענדיק א באשלוס, האט זי זיך אויפגעהויבן פון דיל, האט פארנומען די האר וואס זיינען געפאלן איבער אירע אויגן, האט צוזאמענגעקליבן די זאכן וואס זיינען געווען צעווארפן איבערן צימער, האט צוזאמענגעלייגט די צעשאטענע פאפירן, און האט אויפמערקזאם געבראכט אין ארדנונג איר געזיכט און טואלעט. דאן האט זי געווארט.

פיליפ האט איר געפונען א רואיקע און צוגעלאזענע. צוערשט האט זי אויסגעפרואווט די איינפאכסטע געווער. אין לויף פון זייער געשפרעך האט זי אומשולדיק ארייגעווארפן א פאר אנגרייפנ־דיקע ווערטער וועגן איר פארהאסטער קעגנערן. מיט א זיסער שטים האט זי געמאכט א צוויי דריי שוידערלאכע באמערקונגען — מכח איר אויסערלאכן אויסזען, פארשטייט זיך. די מאראלע פראגע איז געווען אויפן צווייטן פלאן. ווייל אויב מען האט אפילו ליב דעם גייסט, איז דאס אויך א דאנק דעם קערפער.

נאעמי איז געווען א ספעציאליסטן אויף צו געפינען אין דער שיינקייט פון א פרוי די זאכן, וואס האבן איר געמאכט אויסצוקוקן מיאוס, זאכן וואס קוים האט מען זיי נאר איינמאל באמערקט, האט מען זיי שוין קיינמאל ניט געקענט פארגעסן. דאס מאל האט זי זיך אליין איבערטראפן. צו פארסמען דאס געשטאלט פון א קאנקורענטן אין די אויגן פון א געליבטן איז א באגייסטערנדיקע ארבעט... פיליפ האט זיך קיין קרים ניט געטאן.

דאן האט זי געביטן איר טאקטיק. זי האט פארטיידיגט אנעט פון געוויסע באשולדיקונגען און רכילות; זי האט געלויבט אירע מעלות. (לויב געזאנג פארפליכטעט צו קיין זאך ניט!) זי האט זיך גענומען אים צו מאכן ריידן, ער זאל אליין ארונטערייסן פון זיך די מאסקע, און ארויסגיין אין שלאכט מיט איר אויף דעם פעלד.

וואו זי האָט אים דערוואַרטעט. אָבער פיליפּ איז פאַרבליבן פונקט אַזוי גלייכגילטיק צו די גוטע זאַכן וואָס זי האָט געזאָגט, ווי צו די שלעכטע.

דאַן האָט זי אויסגענוצט איר גאַנצע צערטלאַכע פאַרפירערשקייט. זי האָט פּרובירט אַרויסצורופן פיליפּס אייפערזוכט. לאַכנדיק האָט זי אים געדראָט, אַז אויב ער נאַרט זי, וועט זי אים דערפאַר אָפּצאָלן צווייפאַך. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז געשעפטלאַך פאַרנומען און האָט זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין.

זי איז שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן. זי האָט אויסגעשריען, אַז זי ווייסט אַלץ. זי ווייסט, אַז ער איז אַנעטס געליבטער. זי האָט אים געגומען דראָען, זידלען און בעטן. זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס, זיך אויסגעדרייט אויף צוריק און האָט זיך געלאָזט גיין צום טיר. ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, איז זי אים נאָכגעלאָפן, האָט אים גע־כאַפּט ביים האַנט, און האָט אים געצוואונגען זיך אויסדרייען, און קוקנדיק אים גלייך אין פּנים אַריין האָט זי מיט אַ פאַרענדערטער שטים ביי אים געפרעגט:

— פיליפּ!... דו האָסט מיך מער ניט ליב?...

ער האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן, און האָט געענטפערט:

— ניין! — און איז אַרויסגעגאַנגען.

אויב נאָעמי איז פריער געווען צעדרייט, איז זי איצט באמת משוגע געוואָרן. פאַר שעה'ען האָט אַ וואַנזיניגער ווילדער גרימ־צאָרן געשטורעמט ביי איר אין קאָפּ. זי האָט געטראַכט פון די אומגעלומפּערטסטע און שוידערלאַכסטע מיטלען פון נקמה: דער־מאָרדן פיליפּן, דערמאָרדן אַנעט, דערמאָרדן זיך אַליין; אָדער צו שענדן פיליפּן, צו פאַרלוימדן אַנעט, פאַרשאַפן אַנעט ליידן, צו באַגיסן אַנעט מיט אַלעאום.. ס'אַרא פאַרגעניגן צו פאַרדאַרבן אַנעטס געזיכט, מאַכן איר העסלאַך! אָדער צו שרייבן און צו שיקן אַנאָנימע בריוו... זי האָט פיבערהאַפט אָנגעצאַראַפּעט אַ פּאָר שורות, האָט זיי צעריסן, ווידער אָנגעהויבן און ווידער געריסן... זי איז געווען גרייט אונטערצוצינדן דאָס הויז.

אָבער זי האָט דאָס ניט געטאָן. ביסלאַכווייז האָט זי זיך באַרואיקט און האָט צוזאַמענגעקליבן אירע כחות. אין איר האָט

זיך צעשפּילט דער אמתער זשעני פון א פרוי, וואָס איז פאַר־ליבט.

זי האָט קלאָר געזען, אז מיט פיליפּן אליין וועט זי גאָרניט מאַכן. ער וועט איר אמאָל דערפאַר באַצאָלן. דערווײַלע מוז זי האַנדלען מיט אנעט... זי איז געגאַנגען זען אנעט.

זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי וועט טאָן. זי איז געווען גרייט אויף אַלץ. זי האָט אַריינגעלייגט איר רעוואָלווער אין רענצעלע. אויפן וועג האָט זי אין קאָפּ געמאַכט פּראָבן פון אַלערליי סצענעס ווען זי האָט שפּעטער אָפּגעוואָרפן. ווייל דער אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט אנעטס ענטפער, און אין איינקלאַנג מיט זיי האָט זי פאַרריכט אירע פּלענער. אפילו אין דער לעצטער מינוט האָט זי אַלץ אומגעביטן. א פאַרפּלייצונג פון אויפגעבראַכטקייט האָט זיך אויפגעהויבן אין איר, ווען זי האָט שווער אָטעמדיק, כמעט לויפנדיק זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגן. און דורך דער צייג פון רענצל האָט זי צוזאַמענגעדריקט דאָס געווער אין איר פויסט. אָבער ווען די טיר האָט זיך געעפנט און זי איז געבליבן שטיין פאַר אנעט, האָט זי פון איין בליק פאַרשטאַנען... אז איין אויפגערעגטע באַוועגונג אָדער איין וואָרט, וואָלט צע־רייצט אנעט, און זי וואָלט געוואָרן נאָך גרויזאַמער אין איר ליידנ־שאַפט.

אַלע סימנים פון נאָענטע אויפרעגונג זיינען אויגנבליקלאַך פאַרשוואונדן. און רויט, אָט ווי עס וואָלט איר אויסגעפעלט אָטעם פון אַרויפקלעטערן די שטיגן צו שנעל, האָט זי לאַכנדיק זיך אַרויפגעוואָרפן אנעט אויפן האַלדז. איבעראַשט פון אָט דעם אויסברוך, באַלעסטיקט פון דעם אומאַרמען האָט אנעט ווי גע־ווינלאַך זיך געהאַלטן זייער קאַלט. די צווייטע, ווי נאָר זי איז אַריין אין הויז, אַזוי איז זי אָן קונצן גלייך אַריין אין שלאָף צימער אום זיך גלייך איבערצייגן אויב פיליפּ איז דאָרטן ניטאָ. דאָן האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף א ווענטל פון א בענקל און גענומען ריידן ליבע, זיסע רייד, צו אנעט, וואָס איז שטייף גע־שטאַנען ביי איר זייט. ריידענדיק האָט זי אפילו אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף דער טאַליע און האָט זיך געשפּילט מיט איר קאָלנער. פּלוצלונג האָט זי אויסגעבראַכן אין א געוויין... צוערשט האָט

אַנעט געמיינט אַז נאָעמי מאַכט אַן אָנשטעל... אָבער, ניין! דאָס איז געווען ערנסט; דאָס זיינען געווען אמתע טרערן...

— נאָעמי, וואָס איז מיט אייך?

צופרעסנדיק איר פּנים צו אַנעטס בוזעם, האָט זי ניט גע־ענטפערט און האָט ווייטער געוויינט. אַנעט האָט זיך איבער־געבויגן איבער אַט דעם גרויסן צאַרן און האָט זיך געמיט איר צו באַרויקן. צו ענדע האָט נאָעמי אויפגעהויבן איר קאָפּ און אַרויס־געקרעכצט דורך איר געוויין:

— גיט אים מיר אָפּ.

— וועמען? — האָט געפרעגט אַנעט. דערשראָקן.

— איר ווייסט!

— אָבער...

— איר ווייסט, איר ווייסט! איך ווייס, אַז איר האָט אים ליב... פאַרוואָס האָט איר אים צוגענומען ביי מיר?

און ווידער טרערן. אַנעט מיט אַ צעבראָכן האַרץ האָט גע־הערט ווי נאָעמי האָט זיך געקלאָגט, און דערמאָנט דעם צוטרויען און ליבע וואָס זי האָט איר אַרויסגעוויזן; אַנעט האָט איר ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ווייל זי האָט זיך אַליין געמאַכט פאַר־ווירפע, און אַט די שטילע ניט אויפגערעגטע, נאָר פול מיט פיין, פאַרווירפע, האָבן איר געטראָפן גלייך אין האַרצן אַריין. אָבער ווען נאָעמי האָט מיט פאַרביטערטקייט געזאָגט, אַז אַנעט האָט מיסברויכט איר פריינטשאַפט און האָט איר באַטראָגן, האָט זי זיך פּרובירט ריין וואַשן און דערקלערט, אַז דער געפיל איז געקומען קעגן איר ווילן און האָט איר גובר געווען, אַט די ודוי ניט געקענט זיין איינגענעם פאַר נאָעמי און זי האָט איר פּרובירט צו געבן אַן אַנדער ווענדונג. זי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי וויל העלפן אַנעט זיך רעכטפערטיקן. און האָט איר געגעבן צו פאַר־שטיין, אַז זי האַלט פאַר דעם הויפּט שולדיקן פיליפּן; זי האָט גענומען ריידן וועגן אים אין אַ אומפאַרשעמטן חוצפה'דיקן טאָן, כדי אויסצוגיסן איר אייגענע פאַרביטערטקייט, און נאָך מער כדי אים פאַרמיוסן אָדער כאָטש אים מאַכן פאַרדעכטיקט אין אַנעטס אויגן. אָבער די אַנדערע האָט זיך גענומען אים פאַרטיידיקן. זי וועט קיינעם ניט דערלויבן צו באַשולדיקן פיליפּן אין דעם, אַז ער

איז געווען דער אַנגרייפער. ער איז געווען אפנהארציק. דאָס איז זי אַליין באַגאַנגען דעם פאַרברעכן ניט דערלויבנדיק אים זיך מודה זיין. דאַן פול מיט האַס, האָט נאָעמי פאַרצווייפאַכט אירע באַשולדיקונגען. אַנעט האָט זיך איר אַנטקעגן געשטעלט. דאָס שטרייטן איז אַלץ ביטערער געוואָרן. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז פון זיי ביידן איז אַנעט געווען פיליפּס אמתע פרוי. און פּלוצלונג האָט דאָס נאָעמי פאַרשטאַנען. זי האָט פאַרלאָרן איר גאַנצן קאָנטראָל איבער זיך, און אין אַ נייעם צושטראָם פון ווילדן כעס האָט זי אויסגעשריען:

— איך פאַרווער אייך צו ריידן וועגן אים! איך פאַרווער אייך! ער איז מיינער.

אַנעט האָט געצויגן מיט די פּלייצעס:

— ער געהערט ניט אייך, און אויך ניט מיר. ער געהערט בלויז זיך אַליין.

— ער איז מיינער, — האָט נאָעמי ליידנשאַפטלאַך ווידערהאָלט — מיינער זאָל ער זיין. — און זי האָט גענומען ריידן וועגן אירע רעכט.

— עס זיינען ניטאָ קיינע רעכט אין ליבע, — האָט אַנעט שאַרף באַמערקט.

— ער איז מיינער! — האָט ווידער אויסגעשריען נאָעמי.

— מיינער מוז ער זיין.

— איך בין זיינע — האָט געענטפערט אַנעט. — איר האָט אים קיינמאָל ניט געהאַט.

ביידע פרויען האָבן זיך אַנגעקוקט מיט האַס אין זייערע אויגן. אַנעט, איינגעשמידט אין עגאָאיזם און שטאַרקייט, נאָעמי ברענענדיק מיטן פאַרלאַנג צו דערשטעכן אַנעט. זי האָט איר געהאַסט אינגאַנצן, פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט געגאַרט איר צו באַליידיקן, אָפּשפּאָטן פון איר העסלאַכקייט, זי אָפּשמייסן מיט די גרויזאַמסטע ווערטער, מיט די ווערטער וואָס איז אומעגלאַך דערנאָך צו פאַריכטן. דאָס וואָלט געווען אַ גוואַלדיקער פאַרגעניגן. אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן; זי וואָלט דערביי צופיל פאַרלאָרן.

נאָעמי האָט אויף שנעל זיך אַנגעבויגן אויפצוהויבן דאָס

רענצעלע וואָס איז אַרונטערגעפאַלן צו אירע פיס, זי האָט אַרויס־געכאַפּט פון דאָרטן דעם רעוואָלווער און האָט אים אַנגעשטעלט... גענן וועמען?... זי האָט נאָך אַליין ניט געוואוסט. גענן זיך אַליין!.. צוערשט איז דאָס געווען אַן אָנשטעל, אָבער ווען אַנעט האָט זיך אוואָרף געטאָן צו איר כדי אָנכאַפּן זי ביים האַנט, האָט זיך דער אָנשטעל פאַרוואַנדלט אין אַ ווירקלאַכקייט. די צוויי פרויען האָבן געקעמפּט. נאָעמי איז געפאַלן אויף די קני, אַנעט האָט זיך איבער־געבויגן איבער איר. עס איז ניט לייכט געווען איינצוהאַלטן די צעווילדעוועטע קליינע באַשעפעניש. זי האָט זיך איצט באמת גע־וואָלט ערמאָרדן. פונדעסטוועגן, ווען דאָס געווער זאָל געווען אָנרירן אַנעטמס ברוסט, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן וואָלט זי איר דערשאָסן... אָבער אַנעט האָט אָפּגעפירט איר האַנט אַן אַ זייט, דער רעאָלווער האָט אויסגעשאָסן, די קויל איז אַריין אין וואַנט און נאָעמי אַליין איז קיינמאָל ניט דערגאַנגען דעם סוד אין וועמען פון זיי האָט זי געצילט די קויל.

דאָס געווער איז אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט און זי האָט מער ניט געקעמפּט. עס איז אַנטשטאַנען אַ נערוועזע רעאַקציע. איצט איז זי וויינענדיק געפאַלן און זיך אויסגעצויגן פאַר אַנעטס פיס. זי איז געווען אין אַ איסטעריקע. אינטואיטיוו האָט אַנעט פאַרדעכטיקט, אַז נאָעמי שפּילט אַ קאָמעדיע... ביז צו אַ געוויסן גראַד (אָדער קען דען אַ מענטש ווען ניט איז וויסן גענוי ביז צו וואָס פאַר אַ גראַד?) זי איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט פון אָט דעם אומזיניקן פאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד... אָבער ווי אַזוי האָט זי געקענט צווייפלען אין די ליידן פון אָט דער קליינער אָרי־מער צעבראָכענער פרוי? זי האָט געקעמפּט צו זיין און פאַרבלייבן שטאַרק, זיך אָפּקערעוון אין אַ זייט, אָבער זי האָט ניט געקענט; זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר איר צווייפלהאַפטיקייט. פול מיט רחמנות אין הארצן האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני אָרום נאָעמין האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און האָט פּרובירט איר צו טרייסטן, זאָגנדיק מוטערלאַך: — מיין קינד.. גענוג שוין! גענוג!...— זי האָט איר אַריינגענומען אין אירע שטאַרקע הענט און האָט איר אויפגעהויבן. זי האָט געפילט, ווי אָט דער יונגער קערפּער איז אויפגעטרייסלט פון געוויין און גיט זיך איבער אינגאַנצן שוצ־

לאַז, און זי האָט געטראַכט: — איז דאָס מעגלאַך, אַז איך פאַרשאַף דאָס אַזוינע ליידן?

און אַנדער שטים אין איר האָט געפרעגט:

— וואָלסטו דען ניט געקויפט דיין ליבע מיט דער העכסטער פרייז פון ליידן?

— מיינע אייגענע ליידן, יאָ.

— דיינע אייגענע, און אַנדערע מענטשנס? פאַרוואָס קומט די אַנדערע צו זיין פריווילעגירט?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף נאָעמין, וועמען זי האָט גע־האַלטן אַ האַלב געחלשטע... ווי גרינג... אַ פויגל... עס האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז איר טאָכטער, און ניט מיינענדיק דאָס צו טאָן האָט זי איר צוגעדריקט צו זיך מיט אירע אָרעמס. נאָעמי האָט געעפנט די אויגן און אַנעט האָט געטראַכט: ווען זי וואָלט געווען אויף מיין אָרט וואָלט זי מיך דען געשאָנעוועט?

נאָעמי האָט אָנגעשטעלט אויף איר אַ צעבראָכענעם בליק. אַנעט האָט איר אַנידערגעלייגט אויף דער סאָפע און שטייענדיק אַרום איר האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף נאָעמיס קאָפּ. (נאָעמי האָט אויפגעציטערט פון דער פאַרהאַסטער באַרירונג, אָבער זי האָט דאָס ניט אַרויסגעוויזן). און האָט ביי איר געפרעגט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך ווענדן צו אַ וויינענדיק קינד: — איר האָט אים שטאַרק ליב?

— איך האָב קיין אַנדער זאַך ניט ליב, אויסער אים.

— איך האָב אים אויך ליב.

— נאָעמי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן פון אייפערזוכט.

— האָ, — האָט זי געזאָגט שאַרף, — אָבער איך בין יונג... און איר, איר (זי האָט זיך געקווינקלט), איר האָט שוין געהאַט אַזוי פיל אין אייער לעבן, איר קענט זיך באַגיין אָן אים.

אַנעט האָט פאַרביטערט ווידערהאָלט צו זיך אַליין די ווערטער וואָס זי האָט ניט אַרויסגערעדט אין דער הויך:

— טאַקע דערפאַר וואָס איך וועל שוין באַלד זיין אַלט, קליפּ איך זיך אַזוי שטאַרק צו אָט דער לעצטער שעה פון מיין יוגנט צו אָט דער אויבערליכט, און איך וועל זידפון אים ניט־

אָפּזאָגן... אָ! ווען איך זאָל ווי דו האָבן פאַר זיך דעם עוצר פון יוגנט!

נאָר זי האָט טרויעריק צוגעגעבן: „איך דענק, אַז אַ צווייטן מאָל וואָלט איך דאָס צעריבן און געמאַכט דאָס צו גאָרנישט".

נאָעמי האָט געזען, ווי אַנעטס פּנים איז פינסטער געוואָרן. און זי האָט מורא געהאַט, אַז זי האָט פאַרלאָרן יענע שוואַכע פּאָזי־ציעס וואָס זי האָט נאָר וואָס געוואונען. און זי האָט געזאָגט מיט אימפּעט:

— איך ווייס גאַנץ גוט אַז ער האָט אייך ליב, און אַז איר זענט שיין, — (אַנעט האָט געטראַכט „ליגנערן"). אַז איר שטייט העכער פון מיר אין אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט ליב. איך קען אייך אפילו ניט האַסן, ווייל ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָב איך אייך אַליין אויך ליב. („ליגנערן!" „ליגנערן!" — האָט ווי־דערהאָלט אַנעט) דער קאַמף איז ניט קיין גלייכער, עס איז ניט גע־רעכט!... אָבער איך בין בלויז אַן אָרימע אומגליקלאַכע פרוי וואָס קען בלויז וויינען. איך האָב קיין ווערט ניט איך ווייס... אָבער איך האָב אים ליב, איך האָב אים ליב און קען אָן אים ניט לעבן. וואָס דענקט איר וועט ווערן פון מיר, אַז איר וועט אים צונעמען? פאַרוואָס האָט ער מיך אַמאָל ליב געהאַט, אויב ער וויל מיך איצט אוועקוואַרפן? איך קען דאָס ניט אַריבערטראָגן. ער איז מיין גאַנ־צער לעבן. דאָס איבעריקע איז פאַר מיר גאָרניט ווערט.

עס איז ניט געווען קיין שום פאַלשע נאָטע אין איר טאָן איצט, און אַנעט האָט אויף איר צוריק רחמנות געקראָגן. עס האָט איר ניט גערירט, ווען נאָעמי האָט גרופן צו הילף אירע רעכט איבער איר מאַן, ווייל זי האָט ניט געגלויבט אין די רעכט פון איין מענטשן איבערן אַנדערן. זי האָט ניט געגלויבט אין די קאָנטראַקטן פון קעגנזייטיקן באַזיץ, וואָס מענטשן שרייבן אונטער אויף זייער גאַנצן לעבן. אָבער עס האָבן זי געפּייניגט די קונצן פון דער גרויזאַמער נאַטור, וועלכע, ווען עס קומט צום צעשיידן פון הער־צער וואָס האָבן זיך ליבגעהאַט, וועט זי קיינמאָל ניט אויסוואַרצלען דעם געפיל פוןביידע הערצער גלייכצייטיק, נאָר וועט אַלע מאָל זען, אַז נאָר איינער זאָל פריער אויפהערן צו ליבן, און דער וואָס האָט שטאַרקער ליב ווערט אַלע מאָל געבראַכט אַ קרבן. און

עס איז איר געווען דערווידער צו הינען די פּלענער פון דער גרויּ־סער פיניגערן. — דאָס לעבן געהערט צו די שטאַרקסטע. יאָ, ליּ־בע ווייסט ניט פון קיין וואַקלעניש. אום צו דערגרייכן איר ציל צעטרעט זי אַלע אַנדערע זאַכן אונטער אירע פיס... ווי צו די שוואַכע!... אָבער פאַרוואָס קען איך דאָס ניט זאָגן? איך וואָלט וועלן, אָבער די ווערטער בלייבן שטעקן אין מיין האַלדז און איך קען ניט. עס פאַרדריסט מיך. איז עס דערפאַר וואָס איך ליב ניט געננוג? איך בין אַלט, ווי זי זאָגט, איך געהער צו דער צאָל פון די שוואַכע... ניין! ניין! עס איז אַ שפּיצל!... מיט וואָס פאַר אַ רעכט קומט זי און שטעלט זיך צווישן מיר און מיין גליק? איך וועל ניט אַוועקגעבן צו איר מיין טראָפּן גליק!... אירע טרערן, וואָס זיינען פאַר מיר אירע טרערן?... איך וועל איבערשפּאַנען איבער איר!

אָבער ווייל זי האָט אַזוי בייז געקוקט אויף נאָעמין וואָס איז געלעגן ביי אירע פיס, האָט נאָעמי וואָס האָט איר באַאָבאַכטעט דורך אירע טרערן, גענומען די האַנט, דעם אָרעם וואָס איז אַראָפּ־געהאַנגען פון ווענטל פון בענקל, און אים צוגעדריקט צו איר באַק און געבעטן:

— גיט אים מיר אָפּ!

— אַנעט האָט זיך פּרובירט צו באַפרייען. נאָעמי האָט איר שטאַרק געהאַלטן. זיך אויפהויבנדיק אויפן בענקל, האָט זי מיטביידע הענט אַנגעכאַפּט אַנעטס אָרעם, און געצוואונגען איר זיך אַנביינגן און אַ קוק טאָן אויף איר.

— גיט אים מיר אָפּ!

אַנעט האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אונטער די פינגער וואָס האָבן זיך איינגעדרייט אין איר. זי האָט רעוואָלטירט:

— ניין! ניין! איך וועל ניט, ער דאַרף מיך האָבן.

— ער דאַרף קיין זאַך ניט, אויסער זיך אַליין. האָט נאָעמי געזאָגט מיט ביטערניש. ער געפינט איצט זיין פאַרגעניגן אין אייך, ווי ער האָט אים אַמאָל געפונען אין מיר. ער וועט אייך פאַרלאָזן, ווי ער האָט פאַרלאָזט מיך. ער בינדט זיך צו קיין זאַך ניט צו.

זי האָט אים געאורטיילט שטרענג און טיף. אַנעט איז געווען

ערשטוינט פון איר אינטעליגענץ. מיט וואס פאר א שארפקייט, געבארן פון פארביטערטקייט און לייד האט אט דאס קליינע באַשעפעניש וואס האט אויסגעזען צו זיין אזוי לייכטזיניק און צעשטרייט, געלייענט אין די טיפסטע טיפענישן פון זיין וועזן. אייניקע פון אירע שוידערלאכע באמערקונגען האבן פאלשטענדיק געשטימט מיט די פארדאכטן וואס איר אייגענע דערפארונג האט אויפגעוועקט אין איר.

— און דאך האט איר אים ליב? — האט געזאגט אנעט.

— איך האב אים ליב. ער דארף מיך נים. דאס דארף איך אים האבן... א! דענקט איר, אז איך לייד נים דערפון וואס איך נויטיק זיך אין א מאן וואס דארף מיך נים, אין א מאן וואס פארדאמט מיך, און וועמען איך פארדאם?... איך פארדאם אים! איך פארדאם אים! אבער איך קען נים לעבן אן אים.. פארוואס האב איך אים גאר דערקענט? דאס האב איך אים געוואלט. איך האב אים געוואלט, איך האב אים געכאפט... און איך בין דאס די, וואס איז געכאפט געווארן... א, ווען איך וואלט אים בעסער קיינמאל, קיינמאל נים געקענט! און איך קען דאס אפילו נים ווינשן!... איך האב נים דעם כח. איך האב אים צו שטארק ליב. ער באזיצט מיך פאלקאם. איך האס אים. איך האס ליבע. פארוואס, פארוואס דארף א מענטש ליבן?

זי איז אנטשוויגן געווארן, דערשעפט. מיט אירע געיאגטע אויגן האט זי אומגעוואנדערט, געזוכט אויף רעכטס און לינקס א וועג צו פארשווינדן. אט די צוויי פרויען האבן ביידע געבויגן זייערע קעפ, פארשקלאפט אונטערן יאך פון אט דער דערנידעריקנדער קראפט.

נאעמי האט צוריק אויפגעכאפט איר רעפרען אין א פארומערטן שווערן טאן:

— גיט מיר אים אפ.

אנעט האט געפילט אז א ווילן, שטארק און קלעפיק ווי א יםטייפל, האלט פעסט אלע אירע גלידער מיט זיינע ארעמס באדעקט מיט זויגלינגס. זי האט זיך ווידער ארויסגעריסן דערפון און האט אויסגעשריען:

— איך וועל נים.

א בליץ פון כעס האָט זיך דורכגעטראָגן אין נאָעמיס אויגן און אין אירע צוזאַמענגעפּרעסטע פינגער, דערנאָך האָט זי מיט א ווייכער און איינפאַכער שטים געזאָגט:

— האָט אים ליב! זאָל ער אייך ליבהאָבן! אָבער נעמט אים ניט אוועק פון מיר. לאָמיר אים ביידע האָבן, איר און איך.

אַנעט האָט געמאַכט א באַוועגונג ווי עס זאָל איר עקלען.

נאָעמיס ווילדער כעס האָט צוריק אויפגעבליצט:

— דענקט איר, אַז דאָס איז מיר ניט דערווידער? איר זענט מיר דערווידער. איך האָס אייך. אָבער איך וויל אים ניט פאַרלירן.

אַנעט האָט זיך אָפּגערוקט פון נאָעמין און האָט געזאָגט:

— איך האָס אייך ניט. איר ליידט און איך לייד. אָבער עס איז געמיין צו טיילן זיך אין ליבע. איך בין איינשטימיק צו זיין דער קרבן, איך בין איינשטימיק צו זיין דער הענקער, אָבער איך וויל ניט זיין געמיין. כדי צו ראַטעווען וואָס איך האָב ליב, בין איך ניט איינשטימיק אָפּטרעטן האַלב דערפון. איך גיב אַלץ. און איך וויל אָדער אַלעס אָדער איך וויל גאָרניט.

נאָעמי צענויפּדריקנדיק אירע ציין האָט אויסגעשריען פון די טיפענישן פון איר האַרצן:

— גאָרניט! (ווייל אפילו ווען זי האָט געאָפּפערט נאָכגעבן א טייל, האָט זי געהאָפט אָפּצוגעווינען אינגאַנצן).

דאַן האָט זי מיט א שפּרונג זיך אויפגעהויבן פון איר בענקל איז צוגעלאָפן צו אַנעט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזן פאַר איר אויף די קני האָט אַרומגענומען אירע פיס און האָט געזאָגט:

— זייט מיר מוחל! איך ווייס ניט, איך ווייס ניט וואָס איך בעט. איך ווייס ניט וואָס איך וויל. אָבער איך בין אומגליקלאַך. איך קען דאָס ניט אַריבערטראָגן... וואָס זאָל איך טאָן? זאָגט מיר! העלפט מיר!

— העלפן אייך! איך! האָט געזאָגט אַנעט.

— איר. צו וועמען קען איך זיך ווענדן נאָך הילף? איך בין אַליין, — אַליין מיט דעם מאַן וואָס איז ניט פאַראינטערעסירט אין מיר, אפילו ווען ער ליבט מיך, צו וועמען איך קען ניט האָבן קיין ברעקל צוטרויען... און איידער ער איז געקומען, האָב איך

געהאַט אַ מוטער וואָס האָט זיך מיט קיין זאַך ניט אינטערעסירט אויסער זיך און אירע פאַרגעניגנס... איך האָב ניט קיינעם וואָס זאָל מיר געבן אַן עצה... איך האָב ניט קיין איינציקן פריינט... ווען איך האָב אייך געזען האָב איך געדענקט, אַז איר וועט זיין מיין פריינט. און איר זענט גאָר געווען מיין ערגסטער שונא... פאַרוואָס האָט איר מיר געטאָן אַזאַ אומרעכט?

אַנעט איז געווען דערשיטערט.

— מיין אָרים קינד, עס איז ניט געווען מיין שולד. איך האָב דאָס ניט געוואָלט...

— נאָעמי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר אָט דעם מיטפילנדיקן וואָרט — אייער קינד, האָט איר געזאָגט... יאָ, זייט אַ מוטער, אַ עלטערע שוועסטער צו מיר! טוט מיר ניט וויי! גיט מיר אַן עצה. זאָגט מיר וואָס איך זאָל טאָן. איך וויל אים ניט פאַרלירן... זאָגט מיר, זאָגט מיר... איך וועל טאָן אַלץ וואָס איר וועט מיר זאָגן...

זי האָט בלויז אויף האַלב געערדט פאַלש. ווייל זי איז אַזוי געוויינט געווען צו מאַסקירן דאָס וואָס זי האָט געפילט, אַז זי האָט די מאַסקע געשפּירט ווי איר אייגענעם פּנים. און איר ליבע, איר צאָרן, איר באַדערפעניש אין אַנעט, איר האָפענונג זי צו רירן, זיינען זיכער געווען אויפריכטיק. אפילו אָט דעם צוטרויען וואָס זי האָט איר אַרויסגעוויזן, איז געווען איר לעצטע קאָרט וואָס זי האָט געהאַט צו שפּילן. זי האָט איר געשפּילט מיט אַ ליידנ־שאַפטלאָכער פאַרצווייפלונג. און אפילו ווען זי האָט געעפנט פאַר איר דאָס האַרץ, האָט זי ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם אומרו וואָס אַנעטס פּנים האָט ניט געקענט באַהאַלטן. אַנעט איז שוואַ־כער געוואָרן. נאָעמיס שוואַכקייט האָט איר אַנטוואָפנט. זי האָט איר מער ניט געהאַט קיין כח צו ענטפערן. זי האָט זיך דאָך ניט אָפּגענאַרט. די צוקער זיסע טענער פון איר געגנערנס רייד האָט באַוויזן יענערס פאַלשקייט. זי האָט איר געלאָזט ריידן. זי האָט געלייענט אין אירע טיפעניש. זי האָט געטראַכט:

— וואָס זאָל איך טאָן? זיך מקריב זיין? ס'אַרא נאַרישקייט! איך וועל ניט. איך האָב ניט ליב אָט די פרוי. זי זאָגט ליגן, זי האַסט מיך. אָבער זי ליידט. און זי האָט געגלעט דעם קאָפּ

פון דעם קניהענדיקן שונא, וואָס האָט פאַרטגעזעצט צו קרעכצן און איר באַאָבאַכטן, נאָכפאָלגנדיק די וואַקלענישן פון איר ווילן, ווי זי וואָלט געווען איר געפאַנג. מיט אַ ציטער פון שרעק און מיט אַ שאַרפער אָטעמלאָזער, אויף האַלב בלוטדורשטיקער פרייד, האָט זי אין דעם ריכטיקן מאָמענט געפּרעסט די הענט צו אירע ליפּן, וועלכע זי וואָלט מיט אַזאַ פאַרגעניגן צעביסן, און האָט אומער־מידלאַך ווידערהאָלט:

— ניט אים מיר אָפּ!

אַנעט מיט אַראָפּגעלאָזענע ברעמען, האָט איר געוואָלט פאַר־טרייבן פון זיך. זי האָט געזען אין אָט די אויגן, פאַרביסנקייט און פּיין, פאַלשקייט און ליבע און אַ פאַרצווייפלטע האָפנונג. זי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט רחמנות און ווידערווילן צו זיך אַליין, צו זיי ביידן — צו אַלץ; און אָפּקערעווענדיק דעם קאָפּ אין אַ זייט, האָט זי געזאָגט אין אַ מאָמענט פון שוואַכקייט:

— נעמט אים!

אַזוי ווי זי האָט דאָס וואָרט אַרויסגעזאָגט, אַזוי האָט זי דאָס גלייך געוואָלט נעמען צוריק. אָבער נאָעמי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אירע פיס און האָט איר אַרומגענומען מיט אַ וואַנזיניגער פייערלאַכער דערקלערונג... (זי האָט נאָך קיינמאָל ניט געהאַסט אַנעט אַזוי שטאַרק! צום סוף האָט זי איר אַריינגעכאַפּט!... אַריינגע־כאַפּט?) אַנעט האָט שוין געהאַלטן אין זאָגן:

— ניין, ניין!...

נאָעמי האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. זי האָט איר גערופן: טייערינקע, און בעסטער פריינט. זי האָט איר צוגעזאָגט אייביקע דאַנקבאַרקייט און אייביקע ליבע. זי האָט געלאַכט און געוויינט. אָבער זי האָט ניט פאַרלאָרן איר צייט און אומזיסטע האַרץ אויס־גיסונגען. זי האָט געוואָלט וויסן, וואָס אַנעט וועט טאָן כדי פּטור צו ווערן פון פיליפּן, אַנעט האָט רעוואָלטירט.

— איך האָב גאָרניט געזאָגט.

— איר האָט געזאָגט. איר האָט מיר צוגעזאָגט...

— אַ וואָרט וואָס האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן... איך האָט דאָס פון מיר אַרויסגעצויגן איבער גוואַלד.

— ניין, איך קען דאָס ניט נעמען צוריק. איר האָט געזאָגט

נעמט אים, איר האָט דאָס געזאָגט, אַנעט. זאָגט מיר, אַז איר האָט דאָס געזאָגט! איר קענט דאָס ניט אָפּלייקענען...

— לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך אָפּ, האָט געזאָגט אַנעט דער־שעפּט. — פּייניגט מיך ניט. איך קען ניט. איך קען ניט.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אַ צוזאַמענגעדריקטע, ווען נאָעמי שטייענדיק אַרום איר האָט איר ניט אויפגעהערט צו פּייניקן. זייע־רע ראָלן האָבן זיך געביטן. אַנעט האָט זיך אָפּגעזאָגט אים אויפ־צוגעבן; איר ליבע האָט זיך טיף איינגעוואָרצלט אין איר. נאָעמין האָט דאָס ניט געקימערט. אַנעט האָט זיך געקענט האַלטן מיט איר ליבע, אויב זי האָט נאָר ניט געהאַלטן פיליפּן. זי האָט געוואָלט, אַז אַנעט זאָל באַלד מיט אים צערייסן, באַלד און ניט וואַרטן אויף שפּעטער. און זי האָט איר געקענט פאַרשלאָגן פאַרשידענע וועגן ווי מיט אים צו צערייסן; איר קאָפּ איז געווען פול מיט זיי. זי האָט איר געאיילט, און איינגערעדט, זי געבעטן, געמאַטערט און געקושט; זי האָט איר באַטויבט מיט איר שטראָם פון ווערטער; זי האָט אַפּעלירט צו איר גרויסמוטיקן האַרצן, זי האָט געבעטן, פאַרשוואָרן, געפאָדערט און דיקטירט די ענטפערס.

אַנעט פאַרגליווערט און פאַרפרוירן האָט שוין מער קיין וואָרט ניט גערעדט. זי האָט אפילו ניט פּרובירט אָפּצושטעלן אָט דעם שטראָם. אירע ליפּן זיינען געווען שטייף צוזאַמענגעפּרעסט, די אויגן טעמפּ... צום סוף איז נאָעמי אַנטשוויגן געוואָרן, פאַר אָט דער אומבאַוועגלאַכקייט. זי האָט גענומען אירע הענט — זיי זיי־נען געווען קאַלט און פייכט. — „ענטפער, ענטפער!“ — האָט זי געזאָגט.

ניט קוקנדיק אויף איר האָט אַנעט אַרויסגעמורמלט:

— לאָזט מיך צורו.

(איר שטים איז געווען אַזוי נידעריק, אַז יענע האָט דאָס גיכער געלייענט אויף אירע ליפּן, ווי געהערט.)

— איר ווילט אַז איך זאָל אַוועקגיין? — האָט נאָעמי גע־פרעגט.

אַנעט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— איך גיי, אָבער איר האָט צוגעזאָגט?

אַנעט האָט מיד ווידערהאָלט:

— לאָזט מיך אָפּ, לאָזט מיך צורו... איך מוז זיין אַליין...

— נאָעמי האָט אויף שנעל פאַריכט די האָר פאַרן שפּיגל, און זיך אויסדריייענדיק צום טיר האָט זי געזאָגט:

— זייט געזונט, איר האָט צוגעזאָגט.

— אַנעט האָט געמאַכט די לעצטע באַוועגונג פון פּראָטעסט:

— ניין, איך האָב גאָרניט צוגעזאָגט.

נאָעמי האָט זיך ווידער דערפילט פאַרפלייצט פון כעס. נאָך אָט דער גאַנצער אַנשטרענגונג! אָבער איר אינסטינקט האָט איר אונטערגעזאָגט, אַז זי טאָר זיך ניט איילן, טאָר דעם פאַדים צופיל ניט אָנציהען... סיי ווי סיי, האָט דער קלאַפּ געהאַט זיין ווירקונג. זי איז אַוועקגעגאַנגען.

זי האָט געזען די שוואַכקייט פון דעם שונא. זי וואָלט געטראָטן אויף איר מיט די פיס.

XLV

אַנעט איז פאַר אַ צייט פאַרבליבן באַוועגלאָז אויף דעם זעלבן אָרט, וואו נאָעמי האָט איר איבערגעלאָזן. זי איז געווען אויסגע־מאַטערט און דערשעפּט נאָך אָט דער לאַנגער סצענע. זי וואָלט געוואָלט אויף געווען ארויסגעוויזן אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד, ווען דער איבער־פאַל וואָלט איר ניט איבעראַשט אין אַ מאָמענט, ווען זי איז שוין געווען אויפגעטרייסלט פון דעם צווייענדיקן יאָך פון ליידנשאַפט און אומאויפהערלאַכער אַרבעט: די שטענדיגע אויפרעגונגען וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן אין איר שטורמישער נשמה פון דעם אַנטייל נעמען אין פיליפּס קאַמף, די אונטערדריקטע געוויסנביסע, די אַגאָניע וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אונטער דער דערשעפּטקייט פון איר גייסט און קערפּער. אָט די שוואַכקייט האָט געגעבן נאָעמין איר שטאַר־קייט. זי האָט געפונען אַ צוגעגרייט פעלד און אַן ארויסהעלפער אין איר שונא.

נאָעמי אַליין האָט געשפּילט אַ קליינע ראָלע אין אַנעטס אויפ־רעגונגען. זי האָט איר ווייניק באַזאָרגט אַלס אַ פרוי ; און אַלס קאָנקורענטן האָט זי איר אינגאַנצן ניט געקימערט. זי האָט איר באַטראַכט פאַר אַ פאַלשער, באַטריגישער און הארצלאָזער. מיט אַן

אייפערזיכטיקער אומגערעכטיקייט האָט זי איצט געלייקנט דאָס, וואָס האָט איר צוערשט פאַרשאַפט פאַרגעניגן, איר צויבער. אַלץ אין איר האָט אויסגעזען צו זיין פאַלש, אויסער אירע ליידן. א חוץ דעם, עס האָט זייער ווייניק אויסגעמאַכט צי דאָס איז געווען נאָעמי אָדער אימיצער אַנדערש... „זי איז אַ לעבעדיקע באַשעפעניש, וואָס ליידט, און איך, איך פאַראורזאַך אַט די ליידן...‟ און אַ מאָדנער רחמנות האָט גענאַגט אַנעטעס האַרץ.

אָט די טענדענץ האָט זיך אַנטוויקלט אין איר פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר, פון צוזען אַזויפיל פיין און ליידן, פון קומען אין באַרירונג מיט די צוויי טויטן: אָדעטס און רוטס. זי איז געווען אויף אַ מיסטישן אופן אויפגעטרייסלט פון זיי. אַ שוואַכקייט זי האָט דאָס אַנגערופן קרענקלאַכקייט און אפשר איז דאָס אַזוי געווען. אַ מענטש וואָלט ניט געקענט לעבן, ווען ער וואָלט זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן פאַר די ליידן פון דער וועלט. יעדער גליק דערנערט זיך אויף אַ צווייטנס אומגליק. דאָס לעבן פאַרצערט לעבן, ווי אַ ווערימל פאַרצערט די לעבעדיקע געפאַנג אין וועלכער עס ווערט אַריינגעלייגט. און יעדער איינער טרינקט דאָס בלוט פון אַלמען... און אַנעט האָט דאָס שוין אַמאָל געטרונקען ניט טראַכטנדיק דערפון, און אָט דאָס בלוט האָט געבראַכט וואַרימקייט און גליק צו איר קערפער. ווען זי איז געווען יונג האָט זי קיינמאָל ניט געטראַכט פון די קרבנות. און פון יענעם מאָמענט ווען זי האָט טראַכטנדיק וועגן זיי געזאָגט צו זיך: — איך מוז זיין גרויזאַם, — האָט זי אָנגעהויבן שוואַכער ווערן. זי האָט דאָס געפילט; איצט האָט זי געקענט זיין גרויזאַם בלויז מיט איבעררייסונגען. זי האָט אָנגעהויבן אַלט ווערן. מיט צען יאָר צוריק וואָלט זי קיין איינציקע מינוט ניט געצווייפלט צוליב נאָעמין.

— מיין גליק איז מיין רעכט. ווי צו דעם וואָס וועט זיך צורירן צו דעם!...

זי וואָלט זיך דאַן ניט געניטיגט אין קיינע אויסריידן. איצט כדי אויסרייסן ביים לעבן איר חלק גליק, האָט זי באַדאַרפט זוכן אורזאַכן. זי איז שוין מער ניט געווען צופרידנשטעלנד פאַר זיך אַליין. זי האָט געפונען אין זיך דעם כח, ניט פאַרקרימענדיק זיך,

אוועקשטופּן אין אַ זייט די אַנדערע, ווייניקער גליקלאַכע קאָנקורענטן אין דער יאַגד פאַרן שטיקל ברויט. אָט דאָס ברויט איז געווען איר זונס; דאָ האָט איר אַרויסגעהאָלפן דער חיה׳שער אינסטינקט וואָס צווינגט די חיה שטייף צו ווערן כדי פאַרטיידיקן אירע יונגע, און זיי שפּייזן אויף דעם פלייש פון זייערע ברידער חיות. אָבער דער צווייטער חיה׳שער אינסטינקט, די זעלבסט ליבע — דאָס נעמען, האַלטן און האָבן פאַר זיך — האָט אָנגעהויבן אָפּ־שטאַרבן, און האָט זיך בלויז באַוויזן פון צייט צו צייט. די מור־טערשאַפט, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אָט דעם צווייטן אינסטינקט האָט אים טיילווייז פאַרניכטעט.

אין דעם איצטיקן קריזיס איז איר זון פאַר איר גאָר קיין הילף ניט געווען. גראָד פאַרקערט, ער איז געווען פאַר איר אַן איבעריקער קוואַל פון אומרוהיגקייט און געוויסנהאַפטיגקייט. זי האָט זיך אַליין ניט געקענט זאָגן קיין ליגן — איר געפיל האָט זיך ניט גערעכנט מיט איר זון. זי האָט געקענט איר זון. אין דער פאַר־גאַנגענהייט האָט זי באַמערקט די אייפערזוכט וואָס האָט אים גע־צוואונגען זיך אָנקלאַמערן מיט די נעגל אין אַלע די, וועמען זי האָט ליב געהאַט. זי האָט צו אים קיין טענות ניט געהאַט דער־פאַר. זי האָט זיך געפרייט וואָס ער האָט געוואָלט זיין דער איינציקער איר צו ליבן... און איצט האָט זי פאַרטיידיקט איר אוצר — קעגן וועמען? קעגן איר אוצר! ליידנשאַפט קעגן ליידנשאַפט. זי האָט ניט געוואָלט מקריב זיין קיין איינע פון די צוויי. און אַזוי ווי ביידע זיינען געווען אייפערזיכטיק, האַרטנעקיק, און באַ־פעלענד, האָט זי געדאַרפט באַהאַלטן פון יעדן איינעם פון זיי דעם סוד פון דעם אַנדערן. האָט זיך איר דאָס איינגעגעבן? מאַרק האָט געהאַסט דעם „צווייטן בחור“. ער האָט גאָרניט גע־וואוסט, אַין דעם איז זי געווען זיכער. — און כאָטש ער האָט ניט געוואוסט, האָט אים דען זיין אינסטינקט ניט אונטערגעזאָגט? עס איז איר געווען אַ שאַנדע זיך צו באַהאַלטן, און עס איז איר גע־ווען נאָך אַ גרעסערע שאַנדע אַז ער זאָל קענען פאַרדעכטיקן... ניין, ער האָט קיין זאַך ניט פאַרדעכטיקט; עס זיינען געווען אַנדערע אורזאַכן פאַרוואָס ער האָט געהאַסט פיליפּן...

וואָס אַנבאַלאַנגט פיליפּן, האָט ער אינגאַנצן ניט אָנגעטאָן

מארקן דעם כּבוד צו טראכטן וועגן אים. ווען ער וואלט חתונה האבן מיט אנעט וואלט ער גערן איינגעשטימט צו נעמען צוזאמען מיט איר א צוויי דריי קינדערלאך. דאס האט אים ניט אויסגעמאכט. סיי אין איינזיכט פון געפיל, סיי מאטעריעל האט דאס ניט געהאט פאר אים קיין ווערט. און דערפאר האט מען אים ניט באדארפט זיין דאנקבאר. ער האט ניט פיינט געהאט מארקן; ער האט אים באטראכט פאר א גאנץ קלוגן, היפּשלאך פוילן און ניט צו שארפן אינגל; ער וואלט אים אונטערוואָרפן אונטער א שארפער דיסציפּלין. אבער ער וואלט ניט געפילט קיין באדערפעניש זיך אפּגעבן מיט אים, און ער האט דערפון קיין סוד ניט געמאכט. ער האט גע־רעדט וועגן אים מיט א גראבן הומאר, וואס האט געקריינקט אנעט ביזן ביין. צוגעוויינט צו די גראב־אומאנגענעמע זאכן אין לעבן האט ער ניט געהאט קיין באגריף וואס א שטאלצע און אמפּפינד־לאכע נאטור פאדערט בנוגע זאכן וואס גרייפן אן אירע חושים פון אנשטענדיגקייט. אין די איינפאכסטע און גרעבסטע טערמינען האט ער שארף געקענט ווארנען דאס אינגל, און געבן אים מעדיציניש־עצות אין דער אנוועזנהייט פון זיין מוטער, וואס האט ביי ביידן: ביי דער מוטער און קינד ארויסגערופן פארב אין פּנים. די מוטער האט זיך גערוויטלט דערפון נאך מער פונם קינד. לויט פיליפּס טעאריע האט מען גאר ניט געטארט באהאלטן פון דעם אינגל. דאס איז אויב געווען אנעטס טעאריע. און אויך מארקס... אבער עס זיינען דא פארשידענע וועגן ווי ארויסצוברענגען זאכן! אנעט האט געליטן ממש קערפּערלאך, מארק, פילנדיק זיך באליידיקט. האט פארבארגן אין זיך א ביטערן פארדרוס. צווישן אים און פיליפּן האט קיינמאל ניט געקענט זיין קיין אנדער זאך אויסער מיספארשטענדניש. זייערע צוויי טעמפּעראמענטן זיינען געווען צו פארשידן. אנעט האט געקענט פארויסזען די צוזאמענשטויסן און ענדלאזן ניט שטימען. א שוידערלאכער געדאנק פאר איר, דער ליידנשאפטלאכער געליבטער און דער ליידנשאפטלאכער מוטער!

עס איז אויך ניט געווען קיינער צו ווענען זי האט זיך גע־קענט ווענדן נאך הילף ווען זי האט אנגענומען א באשלוס. זי האט געמוזט באשליסן אליין, ריין עגאאיסטיש. גוט. האט זי דען ניט געהאט דאס רעכט צו טראכטן וועגן זיך אויך? רעכט זיינען

גאַרניט אויב מען באַשטייט ניט אויף זיי. איז זי באַשטאַנען אויף אירע רעכט?... יאָ, מאָמענטנווייז, ווי אַ לייב, ווען זי האָט געזען יוגנט, גליק, לעבן וואָס האָט באַדאַרפט איינגעשלונגען ווערן... גליק?... דאָרטן איז ניט געווען קיין פראַגע וועגן גליק אין אַ פאַראייניגונג מיט אַזאַ מאַן ווי פיליפ! עטוואָס ווייניקער אָדער עטוואָס מער, געווים מער, פאַר אַ פרוי ווי אַנעט: אַ פולער דרייסטער אינטעליגענטער לעבן, ניט קיין לעבן פון רוהיקן דרימלען אין דער זיכערקייט, נאָר גרויסע ווינטן, שטורעמס, האַנדלונגען. און שלאַכטן מיט דער וועלט, מיט אים — אַ לעבן פון אומרו־היגקייט און מידקייט. אָבער צוזאַמען לעבן — אַ לעבן וואָס איז ווערט געלעבט צו ווערן, לעבן ביז דער סוף קומט. ווען מען איז שוין אויסגעמאַטערט און מען איז גליקלאַך צו לאָזן אונטער זיך די שווערע און פרוכטבאַרע טעג, גליקלאַך דערפון וואָס מען האָט זיי געהאַט... דאָס איז געווען פריידיק! אָבער מען מוז האָבן דעם כח... זי האָט אָט דעם כח געהאַט, זי האָט געהאַט גענוג כח צו טראָגן די שווערע משא, ווען זי וואָלט איר ברענגען אין אַ גוטער אָרדנונג וואָלט זי איר דערטראָגן ביזן סוף. אָבער מען האָט איר געמוזט העלפן און אפילו אַ ביסל אונטערשטופּן. פיליפ האָט גע־מוזט ארויפליינן דאָס פעקל אויף איר קאָפ און זאָגן, „טראָג דאָס! פאַר מיר! איך מוז דיך האָבן..." מיט אָט די ווערטער וואָלט ער געקענט פאַרניכטן אַלע אירע געוויסנביסע. איז זי געווען נויטיק פאַר פיליפן? אַזוי האָט ער איר פאַרזיכערט אין די ערשטע טעג, ווען ער האָט איר געוואָלט געווינען. ער האָט דאָס מער ניט געזאָגט; און אַנעט וואָלט דאָס געוואָלט הערן ווידער און ווידער אַמאָל כדי זיך איבערצייגן. זי האָט אים געזען פול מיט זיך אַליין. ער איז געווען געוואוינט צו אַרבעטן אַליין, קעמפן אַליין, זיך אַרויסדרייען פון אַלע שוועריגקייטן, איינער אַליין, ער האָט אַריינ־געלייגט זיין גאַנצע שטאָלץ אין דעם ; ער וואָלט זיך געפילט דער־נידעריגט ווען ער זאָל דאַרפן זוכן הילף. דער געשאַנק פון ליבע איז ניט נאָר דאָס וואָס זי גיט אונדז גלויבן אין אַן אַנדערן, נאָר פיל מער, זי קערט אונז אום צוריק דעם גלויבן אין זיך.

דאָס איז געווען אַ געפיל וואָס פיליפ האָט זעלטן אונטערהאַלטן. ווי די מערסטע פון זיין מין, האָט אָט דער גרויסער דאָקטאָר פון

קערפּער געשײַנקט זײער װײניק אױפמערקזאַמקײט צו די קראַנק־הײטן פון דער נשמה. ער האָט קײנמאָל קײן טראַכט ניט געטאָן װעגן די צװײפלען װאָס האָבן געלױערט איבער אָט דער פרוי, װעמענס קערפּער עס איז געלעגן בײַ זײַן זײַט. ער האָט איר ניט געטאָרט איבערלאָזן קײן צײַט פאַר קײן איבערטראַכטונגען און פראַגן... מאַך אַ סוף דערצו, האָב מיט איר חתונה!... שטיל און װײך פלעגט זי מורמלען צו אים:

— קום לאָמיר אַװעקגײן צוזאַמען אַזױ, אַז איך זאָל זיך שױן קײנמאָל ניט קענען נעמען צוריק!

פיליפ האָט זיך שױן מער ניט געאײַלט. ער איז געװען לײַדנשאַפטלאַך, יאָ, אָבער ער האָט געהאַט אַ סך אַנדערע לײַדנ־שאַפטן װאָס האָבן געהאַט פאַר אים אַ סך אַ גרעסערע און װיכ־טיקערע באַדײַטונג: זײַנע אידעאַלן, זײַן קאַמף. דער שטרײַט װאָס האָט אים אײַנגאַנצן אַרײַנגעצױגן אין זיך, פונקט אין דער צײַט, װען אַנעט װאָלט געװאָלט ער זאָל טראַכטן בלױז װעגן איר. ער האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרלאַנג אױפצוהױבן אַ פאַ־מיליען סקאַנדאַל און זיך פאַרבינדן מיט אַ ראַשיקן גט פּראָצעס אײדער ער װעט אַרױס פון דעם פײַער פון דעם איצטיקן קאַמף. ער האָט בײַ זיך פעסט באַשלאָסן צו האַלטן זײַן װאָרט. אָבער שפּעטער! אַנעט מוז האָבן געדולד. עס איז געװען לײַכט פאַר אים צו האָבן געדולד. ער האָט געהאַט דעם פולן פאַרגעניגן און פרײד מיט איר, און ער איז געװען אײַנשטימיק צו לאָזן דערװײַלע אַלץ װי עס איז. ער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז ער קען אױך אױף נאָעמין אַרױפצװינגען זײַן געדולד. ער האָט זיך צופיל אײַנ־גערעדט. ער האָט ניט געװאָלט אײַנזען, װי אומדערטרעגלאַך אָט דאָס װאַרטן איז פאַר בײדע פרױען...

— יאַטירלאַך, האָט געטראַכט אַנעט, — אַ מאַן — אַ מאַן װאָס איז װערט אונזער ליבע — װעט אונז קײנמאָל ניט ליב האָבן אַזױ שטאַרק, װי זײַנע אידעען, זײַן װיסנשאַפט, זײַן קונסט, זײַן פּאָליטיק. אַ נאַאיװער עגאָאיזם װאָס דענקט אַז ער איז ניט אײַגננוציק דערפאַר װײַל ער איז פאַרטאָן אין אידעען. דער עגאָאיזם פון מאַרך איז נאָך מערדערישער, װי דער עגאָאיזם פון האַרצן. װיפיל הערצער זײַנען צובראָכן געװאָרן צוליב אים!

זי איז ניט געווען איבעראַשט דערפון, ווייל זי האָט געקענט דאָס לעבן; נאָר עס האָט איר ווי געטאָן. וואָלט דאָס בלויז געווען אַ פראַגע פון ליידן, וואָלט זי דאָס אָנגענומען, ווי געוויינטלאַך, אפשר נאָך מיט דעם פאַרבאָרגענעם פאַרגעניגן פון זעלבסט אָפּפּערונג, וואָס איז אַזוי נאָענט צו פרויען און וואָס זיי צאָלן גערן פאַר דער פרייז פון ליבע. אָבער ניט אַזוי ווייט, אַז זי זאָל אָפּפּערן איר זעלבסט רעספּעקט און איר זונס הערע. עס האָט איר וויי געטאָן וואָס פיליפּ האָט דאָס ניט געפילט. אַ, געווים איז ער ניט געווען אַמפּפינדלאַך. זי האָט געוואוסט וואָס ער האָט געטראַכט וועגן פרויען און ליבע. ער האָט זיך ניט געקענט העלפן וואָס ער האָט געטראַכט אַזוי און ניט אַנדערש. ער איז געווען פאַרמירט פון זיין בילדונג און די גראָבע דערפאַרונגען פון לעבן, און טאַקע דערפאַר האָט זי אים ליב געהאַט. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער שמייכלהאַפטער האָפנונג אַז זי וועט אים ענדערן. אַנשטאָט דעם, האָט זי זיך איבערצייגט, אַז פון טאָג צו טאָג פאַרלירט זי איר מאַכט איבער אים. און וואָס איז נאָך ערגער, איבער זיך אַליין. אַנעט האָט זיך געפילט אָנגעגריפן פון דעם דעמאָן פון תאוה; פון טאָג צו טאָג איז זי געוואָרן אַלץ אַ קלענערער באַלעבאָס איבער איר ווילן, זי איז געוואָרן אַלץ מער פאַרשקלאַפט.

דער געפעכט פון ליידנשאַפט אַנטהאַלט זיין איידלקייט בלויז אַזוי לאַנג, ווי עס איז דאַ גלייכהייט צווישן די קעמפנדיקע צדדים. ווען איינער ווערט באַזיגט, מיסברויכט דער צווייטער זיין טריאומף און פאַרמינדערט דעם באַזיגטנס ווערט. אַנעט האָט איבערגעלעבט יענעם שמערצלאַכן מאָמענט וואָס גייט פאָרויס און אַנטשיידט אַ נידערלאַגע. זי האָט דאָס געוואוסט: אירע כחות וועלן איר מער ניט דינען. פיליפּ האָט דאָס אויך געוואוסט, און זיין אויפפירונג האָט דאָס קלאָר באַוויזן. עס האָט גאָר ניט אויסגעמאַכט וואָס ער האָט געליבט פונקט אַזוי שטאַרק, — און אפשר מער פאַר אַנעט; ער האָט זיך זייער ווייניק מיט איר גערעכנט און האָט ברוטאַל אויסגענוצט דאָס וואָס האָט געהערט צו אים. ער האָט איר באַהאַנדלט ווי אַ באַזיגטע פראָווינץ. זיינע טעג זיינען געווען פאַרשלונגען פון זיין רעגלמעסיקן און ליידנשאַפטלאַכן לעבן און זיין אַרבעט. זיינע נעכט האָט ער פאַרבראַכט מיט נאָעמין (ווייל

ער האָט געוואָלט אָנהאַלטן די אויסערלאַכקייט פון זיין פאַמיליען לעבן), האָט ער זיך געזען מיט אַנעט בלויז אין דער קורצער ווייל פון זייערע ברענענדיקע באַגעגענישן; קיין אינטימיטעט פון הארצן. און ער האָט ציניש באַהויפּטעט אַז זי האָט דעם בעסטן חלק.

זי האָט זיך געוואָלט אַוועקרייסן פון אָט דער דערנידערונג אין וועלכער אירע געפילן האָבן אַנטייל גענומען, אָדער מיט יעדן טאָג זיינען זיי געוואָרן אַלץ באַפעלנדער. איינמאָל, ווען זי האָט געוואָלט אַנטלויפן פון זייער טיראַניי, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו זיין געהאָרכזאַם, מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז עס האָט אָנגעוואָרפן אויף איר אַ שוידער. ווען אַ פרוי פון אַזאַ גליהענדער ענערגיע וואָס האָט פאַר צען יאָר שטרענג דיסציפּלינירט און אונטערדריקט אירע ליידנשאַפטן, עפנט מיט אַמאָל אויף די טיר פון זייער שטייג אין דעם פייערדיקסטן מאָמענט פון אַ שטורמישן זומער, ריזיקירט זי צו פאַרניכטעט ווערן פון זיי.

אַנעט האָט זיך געקענט ראַטעווען בלויז דערמיט, ווען זי וואָלט צווינגען פיליפּן צו רעספּעקטירן איר אַלס זיין פרוי — וואָס זי האָט געוואָלט זיין — דער חבר — די גליבע. זי האָט זיך געבעטן ביי פיליפּן זי האָט אים פאַרשוואָרן, ער זאָל איר לאָזן צופרידן ביז יענער צייט, ווען זיי וועלן קענען אָפן ליבן און הייראַטן. פיליפּ האָט זיך אָפּגעזאָגט: ער האָט פונקט אַזוי ניט געוואָלט זיין געשטערט אין זיינע ליידנשאַפטן ווי אין זיין עפנטלאַכן לעבן. ער האָט ניט איינגעשטימט זיך באַגיין אָן אַנעט, און האָט אויך ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט איר אין אַ צייט, וואָס האָט פאַר אים ניט געפּאַסט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַטראַכט אַנעטס פאַרלאַנג איס צו פאַרלאָזן אַלס אַ ניט שיינעם מיטל אים שטאַרקער צובינדן צו זיך. און דאָס האָט ער געזאָגט כאָטש ער האָט זייער גוט געוואוסט, אַז זי האָט זיך אים אוועקגעשענקט — אוועקגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן! זי איז געווען באַליידיקט פון אָט דעם שענדלאַכן פאַרדאַכט און האָט זיך ווידער אָפּגעגעבן מיט אַ פאַרצווייפלטער ליידנשאַפט און ווידערווילן.

ער אַליין האָט קיין זאַך ניט געזען. ער פלעגט צוריק קומען, פאַדערנדיק זיינע אייגענע עגאָיסטישע רעכט אַלס געליבטער, און האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז כאָטש זי האָט צוגעשטימט צו זיי, האָט

יעדער איינער פון אַט די תּאוהדיקע טריאומפן איבערגעלאָזן אַ וואונד אין זיין שותּף.

אַנעט איז געפאַלן אין אירע אייגענע אויגן; זי האָט זיך שוין אויפגעהערט אָפּגעבן; זי האָט זיך פּשוט פּראָסטיטואירט צו ליבע. סיידן זי זאָל זיך איבערגעוואַלד אַרויסרייסן פון דער בלאָטע אין וועלכער עס איז פאַרזונקען איר וואַנזיניגער קערפּער, זי איז געווען פאַרלאָרן.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז זי אַנטלאָפן. זי איז געקומען צו סילוויען און האָט איר געבעטן, אַז איר קינד זאָל שטיין מיט איר עטלאַכע טעג ווייל זי מוז אַוועקפאָרן. סילוויע האָט ניט געבעטן קיינע דערקלערונגען; איין בליק איז געווען גענוג. אַט די פרוי וואָס איז אין איר נייגעריגקייט אַזוי אָפט געווען אומפאַר־זיכטיק, און וואָס איז געווען אין אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע וועגן אומפייאיק צו פאַרשטיין איר שוועסטערס אידייען, האָט געהאַט אַן אינסטינקט פאַר ליבע און אירע טראַגישע שפּיצלאָך. אין אַמאָ־ליקע טעג, ווען זי איז געווען אַזוי אינטים מיט איר שוועסטער, האָט זי איר קיינמאָל ניט פאַרטרויט די סודות פון אירע אייגענע ליבעס, און זי האָט ניט דערוואַרט, אַז אַנעט זאָל עפענען פאַר איר דאָס האַרץ. זי האָט געוואוסט, אַז יעדע פרוי האָט אַ רעכט צו אירע שעה'ען פון שווייגן, אירע גרויסע שעה'ען און אַז אין אַזעלכע צייטן קען איר קיינער ניט העלפן. מען מוז זיך אַליין ראַטעווען אָדער אַליין אונטערגיין. זי האָט איר פאַרגעשלאָגן זיך באַהאַלטן אין דער קליינער הויז וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין אַ געגנט ניט ווייט פון פאַריז. אַנעט איז געווען גערירט, האָט צו־געשטימט און האָט זייער האַרציק געקושט סילוויען. אין אַט דעם קליינעם דאָרפישן הייזל האָט זיך אַנעט פאַרשפּאַרט אויף צוויי וואָכן. זי האָט אַפילו ניט געזאָגט מאַרקן וואוהין זי גייט. בלויז סילוויע האָט געוואוסט פון איר באַהאַלטעניש.

ווי נאָר זי האָט פאַרלאָזן פאַריז און זיין פאַרכשופטן קרייז, אַזוי האָט זי דערזען און פאַרשטאַנען די עקסצעסן פון די לעצטע עטלאַכע פאַרגאַנגענע וואָכן און איז געווען אימשטאַנד זיי צו אורטיילן. זי האָט אויפגעשווידערט פון זיי. זי אַט די וואַנזיניקע באַשעפעניש, אַט דער נידעריקער שקלאַף איז אַליין פאַרשכורט געוואָרן פון איר

אײגענער שקלאַפערײ! לײדנשאַפט, די צעשטערערן פון דער נשמה!..
די צוואַנגען פון דער לײדנשאַפט האָבן נאָכגעגעבן. זי האָט צוריק אָפּגעאָטעמט, אין דעם אוונט האָט זי איבעראַניים געזען און געפילט די פעלדער, די װעלדער און די געלאַסענע רואיגקייט פון דער ערד. פאַר צוויי מאָנאַטן האָט א געדיכטער רויטער שלייער פאַרשטעלט פון איר די לעבעדיקע וועלט. אפילו אירע נאָענטסטע, איר זון, האָט אויסגעזען אַזוי ווייט, ווייט... אָבער, ווען זי האָט דער־גרייכט דאָס הויז אין די פעלדער, איז דער שלייער אַראָפּגעפאַלן.
זי האָט געהערט די גלעקער, די פויגלען, די שטימען פון די פויערים; זי האָט געוויינט פון דערלייכטערונג. זי איז, א דערשעפּ־טע ווי געווייגטלאַך, אַנטשלאָפן געוואָרן, און מיטן נאַכט, האָט זי זיך פּלוצלונג אויפגעכאַפּט מיט א פּייניקונג פון אַנגסט. זי האָט דערפילט אַרום איר האַלדז ווי רינגען פון א שלאַנג.
זי האָט פאַרבראַכט אירע טעג אין א שטורם פון געפילן, דערנידעריגקונגען, פּייניקונגען, בלינדע אימפּולסן, און מאָמענטן פון פּלוצלאַכער שאַרפן באַלייכטונג וואָס האָט דורכגעבויערט דעם גרויסן שווינדל, די גרויסע אילוזיע. זי האָט געהאַט א באַשטענדיקן געפיל פון אומזיכערקייט. כאָטש זי איז געווען צוגעגרייט און גוט באוואָפנט, האָט די מינדסטע קלייניגקייט געקענט איר צווינגען נאָכצוגעבן. זי האָט פאַרלענגערט איר אָפּוועזנהייט.
זי איז ניט געווען אויסער געפאַר צו פאַרערגערן איר מאַטע־ריעלער לאַגע. צוליב אָט דעם פּלוצלונגן פאַרשווינדן, האָט זי אָנגעהויבן פאַרלירן אירע לעקציעס. די קליינע קליענטור וואָס זי האָט פאַר זיך געשאַפן מיט אַזוי פיל מיה איז איבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט. סילוויע האָט אַריבערגעשיקט ברייוו און נייעס צו איר שוועסטער, אָבער זי האָט מער גאָר ניט צוגעגעבן אויסער די גוטע נייעס וועגן דעם קינדס געזונט. זי האָט אויס־געמיטן איר צו געבן וועלכע עס ניט איז עצה. אַנעט אַליין האָט באַדאַרפט אורטיילן.

אַנעט האָט גוט געוואוסט, אַז זי דאַרף זיך אומקערן, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ אָפּגעהאַלטן... איר שטיין לענגער איז געווען אַרויסגעוואָרפן; זי האָט ניט געקענט פאַרווערן אירע געדאַנקען זיך אומקערן צו פיליפּן. וואָס טוט ער? זוכט ער זי אַרום?... פון אים

זיינען ניט געקומען קיינע ידיעות. זי האָט זיך געשראָקן פאַר גייעם און האָט געגאַרט נאָך זיי. זי האָט אים צוריקגעוויזן אין איר געדאַנק, און זי האָט געדענקט, אַז זי–האָט זיך באַפרייט. אָבער ער האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט פון איר, און פלוצלונג איז ער אויס־געוואַקסן פאַר איר.

איינמאָל אין אָוונט האָט זי פויל, פול מיט מאַטערנדיקע געדאַנ־קען אַרומגעוואַנדערט אונטער די בוימער ביי דער נידעריקער וואַנט פון גאָרטן, ווען זי האָט דערזען פון צווישן די צווייגן אַן אַטאָמאָביל וואָס איז איר געקומען אַנטקעגן אין דער ווייטקייט פון ווייסן וועג. און זי האָט געטראַכט: — דאָס איז ער!... זי האָט זיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס. דער אַטאָמאָביל איז פאַרבייגע־לאָפן ביים וואַנט ביז צום סוף פון קליינעם הויף. אָנעט מיט אַ שטייף געוואָרענעם האַרצן, האָט זיך איינגעהערט אין דעם לאַנג־זאַמען רודערן. מיט דרייסיק שפּאַן ווייטער האָט זיך דער וועג צעטיילט אויף צוויי‌ען און דער אַטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָנעט, פון הינטער דעם פאָרהאַנג פון בלעטער, האָט זיך דער־לויבט אַרויסקוקן און האָט געזען דעם רוקן פון מאַן וואָס האָט אומענטשלאָסן, ביך אַרומגעדרייט אַרום און אַרום, פאַרשנדיק דעם האָריזאָנט. זי האָט אים דערקענט. אַ שרעק האָט זי אַרומגע־כאַפּט. זי איז אַנטלאָפן, האָט זיך באַהאַלטן אונטער די קוס־טעס און האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. אירע נעגל האָבן געדראַפּעט די ערד; זי האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ און דאָס בלוט איז איר אַריין אין פּנים. זי האָט געטראַכט: — ער וועט מיך ווידער נעמען! זי האָט געוואָלט זאָגן „ניין", נאָר איר בלוט האָט געשריען „יאָ!" זי האָט געפילט ווי די טרוקענע ערד ברעקלט זיך אונטער אירע פינגער און מיט איר פּנים באַגראָבן אין קוס־טעס, האָט זי פּרובירט אָפּשטעלן דאָס רוישן פון בלוט אין אירע אויערן, כדי זי זאָל קענען הערן די טריט פון דער אַנ־דערער זייט וואַנט. זי האָט געהערט ווי דער אַטאָמאָביל האָט זיך גערירט, זי איז צוגעלאָפן צום עק פון גאָרטן וואָס איז אַרויס־געגאַנגען צום וועג צו און האָט אויסגעשריען: „פיליפּ!"

דער אַטאָמאָביל איז פאַרשוואונדן.

אויף מאָרגן איז אָנעט געפאָרן צוריק אין פּאַריז.

האָט זי געוואוסט וואָס זי וויל, אָדער וואָס זי וועט טאָן?

סילוויע האָט איר באַגעגנט מיט מיטלייד און האָט געזאָגט צו זיך אַליין: „עס איז ניט בעסער". אָבער זי האָט בא איר גאָרניט געפרעגט.

אַנעט, מיד און צעבראָכן, פול מיט דאַנקבאַרקייט, איז פאַר־בליבן זיצן, ניט ריידנדיק אַ וואָרט, אין אַ ווינקל פון איר שוועס־טערס צימער, זוכנדיק רו אין דער וואַרימקייט פון איר שוועסטערס אַנוועזנהייט. סילוויע איז אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען און האָט איר געלאָזן קומען צו זיך אין דער שטיל. צום סוף האָט זיך אַנעט אויפגעהויבן אויף צו גיין אַהיים. ווען זי איז שוין געווען גרייט אַוועקצוגיין, האָט סילוויע אַרופלייגנדיק אירע הענט אויף ביידע זייטן פון איר שטערן, לאַנג געקוקט אויף אַנעט, גע־שאָקלט מיטן קאָפּ און האָט געזאָגט:

— אויב דו קענסט אַנדערש ניט, גיב נאָך; קעמף ניט מער־רער. עס וועט פאַריבער. יעדער זאַך גייט דורך, סיי דאָס גוטע, סיי דאָס שלעכטע, און מיר אַליין... עס איז אַלץ גאָרנישט ווערט!

אָבער פאַר אַנעט איז דאָס ווערט געווען שוין גאָר אַ סך. די פראַגע איז ניט געווען אַזוי פיל צווישן פיליפּן און איר, ווי צווישן איר און זיך אַליין. זיך אומקערן צו פיליפּן און צוגעבן, אַז זי איז באַזיגט פון אים, וואָלט איר פאַרשאַפן אַ ביטערן פאַר־גניגן, אָבער וואָס איר האָט געשראָקן איז געווען אַ אינטימערע פערזענלאַכע נידערלאַגע, וואָס וואָלט ניט געהאַט קיינע אַנדערע עדות אַ חוץ זי אַליין. זי האָט געטראָגן איר ערגסטן שונא אין זיך אַליין. פאַר אַ סך יאָרן איז איר ניט איינמאָל אויסגעקומען דאָס צו אָנערקענען, נאָר אַ דאַנק איר שטאָלץ און פאָרזיכטיגקייט, האָט זי זיך פּיליכט אָנגעטאָן דעם פאַרגעניגן ניט צו טראַכטן דערפון. אָט דער שטראָם פון פאַרלאַנגען און סעקסועלן פאַרגעניגן וואָס אַ פריערדיקער לעבן (איר פאָטער) האָט אַריינגעבלאָזן אין איר... אַלץ וואָס האָט איר גענעבן כחות און שטאָלץ אין לעבן: איר ווילן, איר געזונטער גייסט, דער פרייער ריינער אָטעם וואָס האָט גע־באָדן אירע לונגען, אַלץ איז אַריינגעזויגן געוואָרן אין דעם. מאָרס אַנימאַי... און אַנעט וועמענס שכל האָט אפשר ניט געגלויבט

אין גייסט, האָט פונדעסטוועגן ניט געוואָלט, אַז איר נשמה זאָל שטאַרבן.

אַן אומגעקערטע צוריק קיין פּאַריז, וואו פיליפּ איז געווען, ווי אַ געפאַנגענע אויף די אַסירישע באַרעליעפן, מיט אַ שטריק אַרום איר האַלדז, האָט אַנעט ניט געזוכט פיליפן. זי האָט אים אויסגעמיטן.

פיליפּ באַהערשט פון אַנעט פונקט אַזוי גוט ווי אַנעט איז געווען באַהערשט פון אים, איז געקומען און האָט געקלאַפּט אין איר טיר אין איר אַפּוועזנהייט. ער איז געווען אויפגעבראַכט פון אַט דעם פּלוצלונגן אָפּפאָרן. ער וואָלט ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל פון אים אַנטלויפן. ער האָט פּרובירט צו געפינען איר אַדרעס. ער האָט געהאַט סילוויעס אַדרעס און איז געגאַנגען איר זען. דער ערשטער בליק איז געווען אַ דערקלערונג פון מלחמה. סילוויע האָט פאַרשטאַנען. באַוואָפנט מיט אַ ביטערן ווידערשטאַנד, האָט זי אָפּגעמאָסטן פיליפן מיט אירע אייגענע אויגן, ניט מיט די אויגן פון אַנעט — אַ מאַן וואָס איז געפערלאַך אַלס אַ שונא און נאָך פיל געפערלאַכער אַלס געליבטער. יענער סאָרט מאַן וואָס צעשטערט דאָס וואָס ער ליבט. זי האָט געקענט אַט דעם מין און האָט קיינמאָל ניט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אים. אויף פיליפּס אַנטשיידענע פראַגן וואו געפינט זיך אַנעט, האָט זי קאַלט געענטפערט אַז זי ווייסט ניט, געבנדיק אים דערביי צו פאַרשטיין, אַז זי ווייסט אַלץ. פיליפּ האָט זיך אַנגעשטרענגט צו באַהאַלטן זיין פאַרדרוס. ער האָט איר פּרובירט צו געווינען מיט זיסע רייד. סילוויע איז פאַרבליבן ניט גערירט. ער איז אַוועק אַן אויפגעבראַכטער.

ער האָט ניט פאַרלאָרן קיין צייט אויף אַרומזוכן אַנעט אין וועלכע עס איז ניט קוסטעס. עס איז אים אפילו ניט איינגעפאַלן זיך באַדעקן מיט שטויב פון אַרומרייזן אין די געגנטן וואו אַנעט האָט זיך געפונען. ער האָט איר אפילו ניט געזוכט. ער האָט ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו אָפּפערן זיינע טעג אויף אומזיסטע זוכענישן. ער איז געווען זיכער אַז זי וועט קומען צוריק. אָבער אַז זי זאָל אים אויספעלן אַז זי זאָל זיך דערלויבן צו צעשטערן זיין רוה אין אַזאַ מאָמענט אין וועלכן ער האָט זיך געפונען, איז

געוועזן מער ווי ער האָט געקענט פאַרגעבן; זיין שטאַרקער פאַרדרוס, ניט קלענער פון זיין ווילדער באַדערפעניש און פאַרגעניגן האָט אים געבראַכט צוריק צו זיין ווייב. עס איז געווען אַ צייטווייליקער, און אין אַ גענוגענדער מאָס דערנידעריגענדער צוריקקער צו אָט דער פרוי, וואָס האָט געדינט בלויז אַלס שטעלפאַרטרעטערין. ווייל דאָס איז געווען בלויז צוליב דער ביינקשאַפט נאָך עפּעס בעסערס, ער האָט געוואַרט אויף דער צווייטער.

אָבער נאָעמי האָט זיך ניט געקליבן צו זיין שטאָלץ דאַרטן וואו אירע אינטערעסן האָבן דאָס ניט געפאָדערט. אָט די שווערע פרואוו האָט איר געעפנט די אויגן אויף אירע פריערדיקע טעותן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז כדי איינצוהאַלטן אַ מאַן איז נאָך ניט גענוג אים מאַכן דיך צו ליבן, מען מוז נאָך חנפענען זיין שטאָלץ און זיינע משוגעתן. פיליפּ איז געווען ערשטוינט פון דעם אינטערעס וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן צו זיין איצטיקן קאַמף, ערשטוינט וואָס זי האָט זיך גענומען די מיה אויסצוגעפינען וועגן דעם. ער האָט פאַרדעכטיגט אירע מאָטיוון, אָבער צי איר אינטערעס איז געווען אַן אויפריכטיקער אָדער ניט, איז עס אים דאָך געווען זייער אנגע־נעם. עס איז אים געווען אנגענעם צו אַנטדעקן נאָעמיס אינטעל־ליגענץ, זי האָט דאָס מער ניט באַהאַלטן. דורך דעם האָט איר אַנעט אַרויסגעשטויסן. זי האָט אויסגענוצט אָט דאָס געוועהר און האָט דאָס פאַרבעסערט. זי האָט ניט ווי אַנעט זיך גענומען די מיה צו דערגרונטעווען זיך צו די וואָרצלען פון שטרייט, דאָס האָט זי איבערגעלאָזן צו איר מאַן און הערשער. זי האָט באַגרעניצט איר ראָלע דערמיט, וואָס זי האָט אים אונטערגעזאָגט די געשיקטסטע טאַקטיק אויף צו פאַרזיכערן זיין זיג. פיליפּ האָט באַוואונדערט איר שאַרפזיניקע דערפינדערישקייט.

אין דעם מאָמענט האָט דער קאַמף דערגרייכט זיין ווילדסטע און פאַרביסנסטע שטופּע. נאָעמי בייקומענדיק אין זיך איר ווידערווילן און לאַנגווייליגקייט וואָס זי האָט געפילט צו אָט די שטרייטן צווישן מענער, האָט געפילט אַז זי מוז זיך מיט אַנטשלאָסנ־קייט וואַרפן אויף דער אַרענא. זי האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט צו פאַרטיידיקן אין די סאַלאָנען מיט וויץ און שאַרפזיניגער אומ־פאַרשעמטקייט די געוואַגטע אַרגומענטן וואָס איר מאַן האָט

ארויסגעשטעלט. איר גראַציע, איר הומאָר, איר לאַכנדיקע באַגייסטערונג, איר טווייַלשקייט, איר ליידנשאַפטלאַכע ערנסטקייט האָבן פאַראורזאַכט אַ לייכטן סקאַנדאַל און אַ פּיל גרעסערע פאַרווייַלונג פאַר דער געזעלשאַפט. זי האָט געוואוינען אויף איר זייט אַ געוויסע צאָל יונגע פרויען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויס פאַרגעניגן צו באַווייַזן, ווי פריי זיי זייַנען פון געזעלשאַפטלאַכע פאַראורטיילן. די געשיקטע נאָעמי איז געווען פאַרזיכטיק גענוג ניט צו צעברעכן מיט דער קעגנערישער וועלט. טאָקע אין דער זעלביקער צייט וואָס זי האָט דערלאַנגט די פאַראורטיילן די אומהעפלאַכסטע קלעפּ, האָט זי געזען דורך פאַרשידענע קונץ־שטיק שאַפן פאַר זיך אַ גינסטיקע באַהאַנדלונג אין דעם לאַגער פון מאָראַלע און אַנשטענדיקע מענטשן. זי האָט פּייערלאַך באַהויפּטעט, אַז דאָס רעכט פון די אָרימע ניט צו האָבן קיין קינדער מוז אויסגעגליכט ווערן מיט דער פליכט פון די רייכע צו באַזאָרגן מיט זיי דעם שטאַט און די געזעלשאַפט. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסער מוט דאָס צו זאָגן און ניט פאַרלירן די זיכערקייט, ווייל אין לויף פון זיבן יאָר פאַרהייראַט לעבן האָט זי אַליין ניט געפונען קיין צייט אויסצופילן אַט דעם חוב. אָבער זי איז געווען העראָאיש. זי האָט דאָס אויך אַנטדעקט.

XLVI

עס האָט פיליפּן ניט גענומען לאַנג אויסצוגעפינען, אַז אַנעט האָט זיך אומגעקערט. ער האָט איר געפּרואווט געפינען אין דער היים אין יענע שטונדן, ווען ער האָט געוואוסט, אַז זי איז אַליין אין הויז. אָבער אַנעט האָט זיך ניט געטרויט. און ער האָט געפונען די טיר פאַרשלאָסן. ניט קוקנדיק אויף זייַן טיפער באַליידיקונג און צושטרייטיקייט איז זייַן געפיל ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַנעטס ווידערשטאַנד האָט אים דערצאָרנט. ער איז ניט געווען דער מאַן, וואָס זאָל דערלויבן מען זאָל אים צוריקווייַזן.

אַנעט האָט אים דערזען אַ פּאָר טריט פון זיך אין גאַס. זי איז בלאַס געוואָרן, אָבער זי האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו

אנטלויפן פון אים. זיי זיינען צוגעגאַנגען נעהענטער איינע צו די אנדערע. ער האָט אָנטשלאָסן געזאָגט:

— איר גייט אהיים, איך גיי מיט אייך.

— ניין, — האָט זי געענטפערט. צוזאַמען זיינען זיי אריין אין אַ קליינעם גאָרטן פון אַ קלויסטער. די פאַרשטויבטע בלעטער פון די ביימער האָבן זיי קוים באַהאַלטן פון דעם שטראָם פאַרבייגייער אין גאַס. זיי האָבן זיך געמוזט צוריקהאַלטן.

— איר האָט מורא פאַר מיר.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — פאַר זיך.

פיליפ האָט געברענט פון ליידנשאַפט און צאָרן.

ווען זיין שאַרפער בליק האָט דורכגענומען אַנעט, וואָס האָט אים ניט אויסגעמיטן, האָט ער פאַרשטאַנען די ליידן וואָס זי האָט מוטיק קאָנטראָלירט און זיין כעס איז צערונען. מיט אַ ווייכער שטימע האָט ער ביי איר געפרעגט:

— פאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפן?

— ווייל איר הרגעט מיך.

— ווייסט איר דען ניט וואָס עס מיינט צו ליבן?

— איך ווייס, און טאַקע דערפאַר בין איך אַנטלאָפן. איך האָב מורא איך זאָל אייך ניט אנהויבן האָסן.

— גוט, האָסט מיך, אויב אייך געפעלט דאָס. האָסן איז אַ וועג פון ליבן.

— ניט פאַר מיר, — האָט זי געזאָגט, — איך קען דאָס ניט אריבערטראָגן.

— איר זענט ניט אַזוי שוואַך, אַז איר זאָלט ניט קענען אריבערטראָגן דאָס גוטע און שלעכטע פון אַ פאָלשטענדיגער ליבע?

— איך בין ניט אַזוי שוואַך, ווילים, איך וויל אַ פאָלקאָמענע ליבע. איך וויל דעם קערפער און דעם גייסט. איך וויל ניט קיין האַלבע.

— די נשמה איז אינגאַנצן אַ נאַרישקייט, — האָט ער געזאָגט.

— צו וואָס פאַר אַ צוועק דען האָט איר געווידמעט אייער גאַנצע ענערגיע? פאַרוואָס האָט איר זיך מקריב געווען זינט איר זענט געבוירן אויב ניט פאַר אייער אידעע?

ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס. „אַן איינבילדונג“ — האָט ער געזאָגט.

— איר לעבט דערמיט., איך האָב אויך מיינע. דערהרגעט זי ניט.

— וואָס ווילט איר ?

— איך וויל מיר זאָלן אויסמיידן זיך באַגעגענען און זען זיך ביז עס וועט קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן באַשליסן צו מיר פאַראייניקן אונזערע לעבנס צו נייַן.

— פאַרוואָס ?

— דערפאַר וואָס איך וויל ניט, איך וויל זיך מער ניט באַהאַלטן, איך וויל זיך מער ניט טיילן. איך וויל דאָס ניט, איך וויל ניט.

אָבער זי האָט ניט אַרויסגעזאָגט אירע טיפערע מאָטיוון. (אויב איך זאָל נאָך איינמאָל נאָכגעבן, וואָלט איך שנעל פאַרלאָרן דעם פאַרלאַנג פאַר עפּעס אַנדערש. איך וואָלט מער ניט געהערט צו זיך. איך וואָלט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שפּילכל וואָס איז צעבראָכן נאָכדעם ווי מען האָט דאָס קאַליע געמאַכט).

אָבער ער האָט ניט געקענט באַגרייפן אַט דעם אינסטינקטיוון רעוואָלט קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון איינעם צו זיינע שטאַרקסטע פאַרלאַנגען. ער האָט אין דעם אַלעם ניט געקענט זען גאָרניט אויסער ווידערשטאַנד, און אַ פרוּיען שפּיצל אַרויסצוקריגן דאָס בעסטע פון אים. אויב ער האָט דאָס ניט אויסגעדריקט אין ווערטער, האָט ער אָבער בשום אופן ניט באַהאַלטן זיין געפיל. ווען אַנעט האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט זי אומגעדולדיק געמאַכט אַ באַוועגונג אים צו פאַרלאָזן. פיליפּ ציטערנדיק מיט אומגעדולד, און פון דער אַנשטרענגונג וואָס ער האָט געמאַכט דאָס ניט אַרויסצוּווייזן פאַר די פאַרבייגייער, האָט אָנגעכאַפּט אַנעט ביים האַנט. האָט איר געדריקט און געזאָגט מיט אַן אויפגעבראַכטער שטים וואָס ער האָט פּרובירט צו פאַרשטיקן:

— וואָס אַנבאַלאַנגט מיך, וועל איך זיך ניט אָפּזאָגן פון אייך. איך וועל אייך זען. זייט שטיל! ענטפערט ניט... מיר קענען אַט דאָ ניט רעדן... איך וועל קומען אייך זען היינט אין אָוונט.

— ניין, ניין! האָט זי געזאָגט.

— איך וועל קומען, — האָט ער געזאָגט. — איך קען ניט לעבן אָן אייך. פּונקט ווי איר קענט ניט לעבן אָן מיר.

— איך קען, — האָט זי געזאָגט רעוואָלטירנדיק.

— איר לייגט!

— זיי האָבן געקעמפט שטילערהייד, מיט נידעריקע אויפגערעגטע שטימען, זיי האָבן געשמיסן איינע דעם אַנדערנס נשמה. זיי האָבן געמאָסטן איינע די אַנדערע מיט זייערע אויגן. פיליפּ האָט זיך אונטערגעגעבן.

— אַנעט! — האָט ער זיך געבעטן ביי איר.

אָבער אירע אויגן און אירע באַקן האָבן נאָך אַלץ געברענט פון דעם ברוטאַלן ליגן מיט וועלכן ער האָט איר מכבד געווען, און פון דעם שענדלאַכן געדאַנק אַז זי האָט ווירקלאַך געלייגט. זי איז שטייף געוואָרן, האָט זיך באַפרייט פון דער האַנט וואָס האָט איר געהאַלטן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין אוונט איז פיליפּ געקומען. זי האָט פאַרבראַכט דעם גאַנצן טאָג אין טויט שרעק פאַר אָט דעם מאָמענט. אין טויט שרעק, אַז אפשר וועט זי ניט האָבן קיין כח צו האַלטן די טיר פאַרשלאָסן. ווייל זי האָט ניט געוואָלט זיך נאָך אַמאָל טרעפן פּנים אל פּנים מיט אָט דער אומברחמנותדיקער ליידנשאַפט. זי איז געווען איבערצייגט אין דער אוממעגלאַכקייט צו לעבן מיט אָט דעם פאַקעל צוגעבונדן צו איר ברוסט. זי מוז אים אָפּרייסן אַזוי לאַנג ווי עס איז איר נאָך פאַרבליבן כח. איז נאָך פאַרבליבן גענוג? זי האָט אים ליב געהאַט. זי האָט ליב געהאַט דעם פייער וואָס האָט איר פאַרברענט; אינגיכן וועט זי אויך ליב האָבן די שאַנדע און דערנידערונג אויף וועלכע זי איז איינגעגאַנגען. זי איז רויט געוואָרן אַנערקענענדיק פאַר זיך אַליין, אַז אפילו אין איר רעוואָלט קעגן אים אין דערפרי, איז אַנַך געווען אַן עלעמענט פון סעקסועלן פאַרגעניגן.

זי האָט דערקענט זיינע טריט, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די שטיגן. זי האָט אים געהערט קלינגען און האָט זיך ניט גערירט פון איר בענקל. ער האָט ווידער געקלונגען און האָט אַנגעקלאַפּט אין טיר. אַנעט מיט אַראָפּגעהאַנגענע אָרעמס און פאַר־

וואַרפֿענע אויף צוריק פּלייצעס האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן:
„ניין! ניין!“.

וואָלט זי אפילו געווען געוואָלט זיך אויפהויבן און עפענען די טיר, וואָלט איר געווען אויסגעפעלט אָטעם דערצו.

זי האָט מער גאָרניט געהערט. איז ער אַוועקגעגאַנגען? זי איז געווען אויף אירע פיס, נאָך איידער זי האָט אַ טראַכט געטאָן דערפון. זי איז צו צום טיר מיט שטילע וואַקלענדיקע טריט. אַ ברעט פון דיל האָט אַ סקריפּע געטאָן. אַנעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס זיינען פאַריבער אַ פּאָר סעקונדן... קיין זאַך האָט זיך קיין ריר ניט געטאָן. אָבער זי האָט געשפּירט פיליפּס אַנוועזנהייט הינטערן טיר. און פיליפ האָט געוואוסט, אַז אַנעט הערט זיך צו אויף יענער זייט. עס האָט געפאָלגט אַ שווערער שווייגן. זיי האָבן געהיט איינע די אַנדערע... פיליפּס שטים נאָענט פון טיר, האָט געזאָגט:

— אַנעט, איר זענט אין הויז, עפנט!

אַנעט, אַנשפּאַרנדיק זיך אָן דער וואַנט, האָט געפילט אַז איר האַרץ גייט אויס. זי האָט ניט געענטפערט.

— איך ווייס, איר זענט דאָרטן. פּרובירט זיך ניט באַהאַלטן! אַנעט עפנט, עפנט! איך מוז ריידן צו אייך.

ער האָט גערעדט שטיל, כדי מען זאָל אים ניט הערן אויף די שטיגן, אָבער אַ שטראָם פון געמישטע געפילן האָט זיך אויפ־געהויבן אין אים. ער איז געווען גרייט אויפצורייסן די טיר.

— איך מוז אייך זען... צי איר ווילט, צי איר ווילט ניט. דענק איך אַריינגיין.

אַ שטיל שווייגן.

— אַנעט איך האָב אייך פאַרשאַפט שמערצן אין דער פרי. זייט מיר מוחל!... איך וויל אייך. וואָס ווילט איר זאָל איך טאָן? זאָגט מיר. וועל איך דאָס טאָן...

אַ שטיל שווייגן. אַ שטיל שווייגן.

פיליפּ האָט פאַרקוועטשט זיינע פויסטן. ער וואָלט איר גע־קענט דערשטיקן. מיטן מויל אַנטקעגן דער טיר האָט ער אַרויס־געקרעכצט:

— איר זענט מיינע, איר האָט קיין רעכט זיך צוריקנעמען.

— באַטראַכט זיך גוט! — האָט ער געזאָגט, — אויב איר עפנט ניט, איז אויף אייביק אַ סוף.

— אַנעט, מיין אַנעט! — האָט ער געזאָגט.

— פייגלינג! — האָט ער אויסגעשריען אין ווילדער אויפ־געבראַכטקייט, — איר האָט מיך מורא זען. איר זענט שטאַרק בלויז אונטער אַ פאַרשלאָסענער טיר.

— פאַרוואָס פייניגט איר מיך? — האָט געענטפערט אַ שטים הינטער דער טיר.

פיליפ איז שטיל געבליבן.

— מיין פריינט, — האָט די מידע שטים ווייטער געזאָגט, — איר הרגעט מיך.

פיליפ איז געווען גערירט, נאָר זיין פאַרוואונדעטע שטאָלץ איז ניט געווען איינשטימיק דאָס אַרויסצווייזן.

— וואָס ווילט איר? — האָט ער געפרעגט.

— באַרמהערציגקייט! — האָט זי געענטפערט.

דער טאָן פון איר שטים האָט אים גערירט, אָבער ער האָט ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס ווילט איר?

— לאָזט מיך צופרידן! האָט זי געזאָגט. זיין כעס האָט ווידער אויפגעברויזט.

— איר טרייבט מיך אַרויס?

— איך בעט ביי אייך רוה! . . . לאָזט מיך צופרידן אויף עטלעכע וואָכן.

— איר האָט מיך מער ניט ליב.

— איך פאַרטיידיק מיין ליבע.

— קעגן וועמען? קעגן וואָס?

— קעגן אייך.

— וואַנזיניגקייט! . . . איר וועט מיר עפענען.

— ניין!

— איך פאָדער דאָס. איך וויל אייך.

— איך בין ניט אייער געפאַנג.

ציטערנדיק האָט זי זיך געהאַלטן גלייך און שטאָלץ. אירע אויגן האָבן אים דורכגעדרונגען דורך דער פאַרשלאָסענער טיר.

כאָטש ער האָט זיי ניט געקענט זען, האָבן אָט די אויגן אים גע־שטאָכן.

— זייט געזונט! — האָט ער אויסגעשריען צו איר

זי האָט אים געהערט אװעקגיין, און איר בלוט איז פאַר־פרוירן געװאָרן. ער װעט קיינמאָל ניט פאַרגעבן.

XLVII

ער האָט ניט פאַרגעבן. פיליפּ האָט זיך ניט אומגעקערט. אנעט האָט געהאַלטן אין איין װידערהאָלן צו זיך אַליין:

— עס האָט געמוזט זיין אַזוי, עס האָט געמוזט אַזוי זיין!...

אָבער אָננעמען דאָס האָט זי ניט געקענט. זי האָט גענאַרט נאָך אַמאָל צו זען פיליפּן, און רואיק אים געבן צו פאַרשטיין — פאַר־װאָס איז ער געװען אַזוי אויפגעבראַכט? — אַז זי האָט אים ניט פאַרלאָזן, נאָר זי האָט בלויז אייפערזיכטיק פאַרטיידיקט איר ליבע, זייער ליבע, זייער געמיינזאַמען שטאָלץ, װאָס ער האָט צעשטערט מיט אַן אומבאַװאוסטזיניקער גרויזאַמקייט. זי האָט געװאָלט, אַז זיי זאָלן ביידע האָבן די געלעגנהייט זיך אַרומקוקן און קומען צו זיך אין דעם שטראָם פון ליידנשאַפט, װאָס האָט זיי מיטגעריסן מיט זיין קויט און שוים, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען רואיק באַטראַכטן זאַכן, און פריי אָננעמען אַ באַשלוס. און אויב צום סוף קלייבט ער איר אויס, זאָל דאָס זיין מיט דער פאַראיינבאַרקייט פון דעם רעספּעקט צו זיין פרוי, און זעלבסט רעספּעקט צו זיך אַליין.

אָבער פיליפּ װעט קיינמאָל ניט פאַרגעבן דער פרוי װאָס ער האָט געליבט, אַז זי זאָל אַװעקשטעלן אַ באַריער קעגן זיין װילן. װאָלט ער געהערט צו אַן אַנדער געזעלשאַפטלאַכן קלאַס, װאָלט ער איר באַקומען מיט גװאַלד. אָבער אַזוי װי ער איז געװען געבונדן אין שטייג פֿון זיין אייגענעם קלאַס און געצװאונגען צו באַהאַנדלען מיט טאַקט די װעלט איבער װעלכער ער האָט געװאָלט הערשן, האָט זיין פאַרװאונדעטע ליידנשאַפט זיך פאַרװאַנדלט אין אַ איבערטריבענער זעלבסט־פאַרלייקענונג. פאַרלירנדיק די פרוי, האָט ער צעשטערט דעם געפיל װאָס ער האָט געהאַט צו איר. דאָס, האָט ער געװאוסט װעט איר טרעפן גלייך אין האַרצן. װייל זיין

אינסטינקט האָט אים געזאָגט, אַז ניט קוקנדיק אויף קיין זאַך, האָט אים אַנעט ליב.

נאָך דריי מאָנאַטן פון ברענענדיקער איינזאַמקייט, האָפנונג, זעלבסט אָפּלייקענונג, שטאָלץ, פאַרשקלאַפּטקייט פון דער נשמה, אינערלאַכע פאָרווירפע, נאָך דריי מאָנאַטן האָפנונגסלאָזן און אומזיסטן וואַרטן, האָט זיך אַנעט דערוואוסט פון דער דערפרייטער סאַלאַנדזש, פון דעם גליק וואָס האָט געטראָפן די ווילאַרדס, — נאָעמי ווערט מוטער. און עס וועט זיין אַ סוף צו זייער בענקשאַפט נאָך אַ קינד.

XLVIII

אַנעט וואָלט געוואָלט געפינען אַ רעטונגס־אָרט אין איר קינד, און באַהאַלטן איר אומגליקלאַכן קאָפּ אונטערן פליגל פון דער ליבע וואָס, ווי מען זאָגט, נאַרט קיינמאָל ניט אָפּ, — אין דער ליבע פון דעם זון צו זיין מוטער. ליידער, נאַרט זי אָפּ, פּונקט אַזוי גוט ווי אַלע אַנדערע. אַנעט האָט ניט געקענט דערוואַרטן פון מאַרקן קיין טראָפּן צערטלאַכקייט אָדער אַפילו אינטערעס. קיינמאָל איז נאָך דאָס אינגל ניט געווען צו איר קעלטער און גלייכגילטיקער. ער האָט גאָרניט געזען פון די פּייניקונגען וואָס האָבן באַהערשט זיין מוטער. עס איז זיכער, אַז זי האָט געטאָן אַלץ כדי זיי באַהאַלטן פון אים. אָבער דאָס האָט זיך איר אַזוי ווייניק איינגעגעבן. ער וואָלט זיי געקענט זען אין אירע אויגן, איינגעזונקען פון שלאָפלאָזיגקייט, אין איר בלאַסן פּנים, אין די דינע הענט, אין איר גאַנצן קערפּער, וועלכן עס האָט אויפגעפרעסן די גרויזאַמע ליידנשאַפט. ער האָט גאָרניט געזען, ער האָט אַפילו ניט געקוקט. ער איז געווען פאַרנומען בלויז מיט זיך, און דאָס וואָס עס איז פאָרגעקומען אין אים האָט ער געהאַלטן פאַר זיך. ער האָט איר געזען בלויז צו די מאָלצייטן, ווען ער האָט זעלטן אויסגערעדט אַ וואָרט. די אָנשטרענגונגען וואָס אַנעט האָט געמאַכט אַז ער זאָל רעדן, האָט אים געמאַכט נאָך איינגעשפּאַרטער צו שווייגן. זי האָט אים קוים געקענט באַוועגן צו זאָגן אַ גוט מאָרגן און גוטע נאַכט אין אָנהויב און צום סוף פון טאָג, ווייל ער האָט באַשלאָסן, אַז אַלע אַזוינע זאַכן זיינען

ניט מער ווי פוסטע אויספיינערײ. און ער האָט צוגעשטימט דאָס צו טאָן, בלויז צוליב שלום בית; אי דאָס ניט יעדן טאָג. ער פלעגט אויף שנעל צוטראָגן צו זיין מוטערס ליפּן זיין אָנגעכמורעטן שטערן, און ווען ער פלעגט ניט גיין אין שול אָדער אַוועקגיין צוליב זיינע אייגענע אָנגעלעגנהייטן, פלעגט ער זיך פאַרשליסן אין זיין אַרבייטס צימער, אַ קעמערל אַזוי גרויס ווי אַ שאַפע, וואָס האָט זיך געפונען צווישן עס־צימער און זיין שלאָף־צימער ; צו שטערן אים דאָ וואָלט געווען אַ טעות. ביים טיש אָדער אין גאַסט־צימער, האָט ער זיך געהאַלטן ווי אַ פרעמדער. אַנעט פלעגט זאָגן צו זיך מיט פאַרביטערטקייט :

— ווען איך זאָל שטאַרבן, וואָלט ער אפילו ניט געוויינט.

זי האָט געטראַכט וועגן טרוים, וואָס זי האָט זיך אַמאָל גע־שאַפט וועגן אים, דעם קליינעם טייערן חבר, בלוט פון איר בלוט, וואָס איז נאָענט צוגעדריקט צו איר, טרעפט און טיילט אָן ווערטער אַלע סודות פון איר האַרצן. ווי שטאַרק עס האָט אים אויסגעפעלט צערטלאַכקייט! פאַרוואָס איז ער געווען אַזוי האַרט? מען האָט געקענט אין געוויסע מאָמענטן זאָגן, אַז ער איז ברוגז מיט איר. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס זי האָט אים צופיל ליב גע־האַט ?

— יאָ, דאָס איז מיין שוואַכקייט, צו ליבן צופיל. מענטשן נוי־טיקן זיך ניט אין דעם. עס פאַרדריסט און באַלעסטיקט זיי... מיין זון האָט מיך ניט ליב! ער איז אַזוי גערן מיך צו פאַרלאָזן, מיין זון איז אַזוי ווייניק מיין זון ! ער פילט גאָרניט וואָס איך פיל ער פילט גאָרניט !

אין אָט די זעלבע טעג האָט מאַרקס' יונג האַרץ אויפגעפלאַמט פון ליבע און פּאָעזיע. ער האָט זיך ביז צו משוגעת פאַרליבט אין נאָעמין. דאָס איז געווען איינע פון יענע קינדערשע ליבעס, וואָס זיינען אַזוי אומזיניק און אַזוי פאַרצערנד. ער האָט כמעט ניט געוואוסט וואָס ער האָט געוואָלט פון אָט דער פרוי : האָט ער געוואָלט איר זען, פילן, אָנרירן אָדער פאַרזוכן? זיכער האָט ער קיינמאָל ניט געטרוימט דערפון וואָס באַהערשן, באַזיצן מיינט : ער איז געווען דער, וואָס איז געווען באַהערשט. מאַרק פלעגט כמעט

חלשן ווען ער פלעגט זיך צורירן צו נאָעמיס קליינער האַנט, וואָס זי האָט אים דערלאַנגט, מיט זיינע ליפּן און מיטן שפּיץ נאָז, מיט אָט דער זשעדנער נאָז פון אַ יונגן הינטל וואָס האָט איינגע־אָטעמט, אין דער איידעלער בלום פון האַנט, די פאַרשיכורנדע מיסטע־ריע פון פרויען קערפּער. פאַר אים איז זי געווען אַ לעבעדיקע פרוכט און אַ בלום. ער איז אויסגעגאַנגען פון דעם פאַרלאַנג אַריינצולאָזן זיינע ציין אין אָט דער פרוכט — לייכט און פּאַמעלאַך, — ער איז אויסגעגאַנגען פון שרעק אַז ער קען נאָך אָט דעם פאַרלאַנג נאָכגעבן. און איינמאָל, — אָ, סאַראַ שאַנדע ! — ער האָט נאָכגעגעבן... וואָס וועט זיין? רויט און פלאַטערנדיק האָט ער דערוואַרטעט דאָס ערגסטע: אַן עפּנטלאַכע דערנידעריקונג, אויפגעבראַכטע ווערטער, און אַ שענדלאַכע צוריקווייזונג. אָבער זי האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכ־טער און האָט אים אָנגערופן, „קליין הינטעלע“, האָט אים געשלאָגן איבערן אויער, און האָט אָנגעריבן זיין נאָז, איינס, צוויי, דריי מאָל, אין דעם אָרט וואָס ער האָט אַ ביס געטאָן, זאָגנדיק :

— בעט ביי מיר אַנטשולדיקונג, דו קליינינקער ליידאַק !

פון דעם מאָמענט אָן האָט זי זיך אונטערהאַלטן שפּילנדיק זיך מיט דער יונגער חיה. זי האָט ניט געמיינט שלעכטס, און אויך ניט געמיינט קיין גוטס. עס איז איר ניט אומאָנגענעם געווען צו רעגן דעם יונגן געליבטן. פאַר איר האָט די גאַנצע שפּיל ניט געהאַט קיין ברעקל ווערט, און זי האָט קיינמאָל ניט פאַרדעכטיגט ווי ערנסט דאָס קען ווערן פאַר דעם אינגל. אָבער פאַר אים (פאַר אים, כאָטש ער איז אויסערלאַך גאָרניט געווען געראָטן אין זיין מאַמען, איז ער דאָך געווען דער אמתער זון פון אַנעט) איז דאָס געווען טראַ־גיש.

פון דעם ערשטן מאָל וואָס ער האָט איר געזען, איז זי געווען פאַר אים דער פאַרבאָטענער גן־עדן, אָט יענער וואונדערלאַכער מיראַזש, די פרוי וואָס באַווייזט זיך פאַר דעם ערוואַכנדיקן בליק פון אַן אומשולדיק קינד. דאָס באַצויבערנדע געשטאַלט באַשטייט פונקט אַזוי פיל דערפון וואָס עקזיסטירט, וויפיל דערפון וואָס עק־זיסטירט ניט, אַזוי פיל פון דעם וואָס ער זעט, וויפיל דערפון וואָס ער זעט ניט, וואָס ער ווייסט ניט, וואָס ער שרעקט זיך, וואָס ער פאַרלאַנגט, וואָס ער וויל, און וואָס ער וויל ניט; די שווי־

דערלאַנגע צוציהונגס קראַפט וואָס נעמט דורך דעם רייפנדן קערפּער מיט דעם עכסט באַגייסטערנדן און ברוטאַלן רוף פון דער נאַטור. וואָס אַנבאַלאַנגט נאָעמים שטריכן, האָט ער, וואַרשיינלאַך קיין איינציקן פון זיי ניט געזען. אָבער יעדער שטריך אירער און יעדער באַוועגונג אירע, די פאַלדן פון איר קלייד, די קרייזלען פון אירע האָר, איר שטימע, איר פּאַרפיום, דער שימער פון אירע אויגן. יעדע זאַך האָט אויפגעהויבן אין זיין הונגעריק האַרץ און קערפּער די ווילד שפּרינגענדיקע כוואַליעס פון גליק און האָפנונג, דעם געוויין פון פרייד, און די נויט אין טרערן.

אין דעם זעלבן טאָג וואָס אַנעט האָט מיט אַ געבראָכן האַרץ אים געזען אַזאַ שלעכטן, פיינטלאַכן און אייז קאַלטן, און ווען אין איר אַנשטרענגונג אויסצוגעפינען די אורזאַך דערפון און אַרויסציהען פון אים אַ וואָרט, כאָטש איין איינציקן וואָרט פון ליבע, האָט זי אַרויסגעקראָגן ביי אים אַ גראָבן ענטפער — פונקט אין דעם טאָג האָט דאָס יונגע קינד, איבערגעלעבט די העכסט רירנדע אַנטפּלעקונג פון זיין פאַרכישופטן טרוים. פאַר אַכט טאָג צייט האָט ער געלעבט אין אַ צושטאַנד פון פאַרשיכורטקייט. נאָעמין האָט ער פאַרטגעזעצט צו זען אָן זיין מוטערס וויסן, און זי האָט אים אויסגענוצט אַלס שפּיאָן וואָס האָט איר אומשולדיקערהייט געבראַכט די ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין פיינטלאַכן לאַגער — נאָעמי וועמען ער האָט איינמאָל איבעראַשט אין איר סאַלאָן, וואָס האָט ריידנדיק צו אים געקוקט אין קליין שפּיגעלע, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין די פאַלדן פון איר נאָז־טיכעלע, האָט זיך אונטערהאַלטן דערמיט, וואָס זי האָט געפאַרבט זיינע בלאַסע ליפּן, מיט איר ליפּ־פּאָמאַדע. ער האָט דערפילט אין זיין מויל דעם געשמאַק פון דעם באַליבטן מויל. און זינט דאַן האָט ער אַלע מאָל אים אַרומגעטראָגן אויף זיין צונג וואָס האָט אים געזויגן; ער האָט זיך איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט אים. ער האָט געזען האָט דעם רויטן גראַנאַט־עפּל, אָט דעם שטענדיק אָפענעם מויל, מיט זיין פאַריסענער אויבערשטער ליפּ, צו קורץ און צו אומרוהיק צו אַנרירן די אַנדערע ליפּ, וואָס איז געווען אַזוי פול ווי ווייַנשל. ער האָט געזען אָט דעם מויל אומעטום אין אָט דעם פרימאָרגן, ווען ער האָט פאַרלאָזן זיין מוטערס הויז מיט אַ האַסטיקן קלאַפּ פון טיר, און ער

האָט באַשלאָסן צו פאַרבויגן די שול און גיין שפּאַצירן. אָט דער מויל האָט געבליט אין דעם וואַלקן־גאָרטן פון דעם שיינעם יולי הימל, אין די קליינע שפּילענדיקע וואַסער־כוואַליעס פון פאַנטאַז. אין די צעשטרייטע שמייכלען פון פאַרבייגייענדיקע פרויען. עס האָט אים געפּלאָגט ווי אַ בייזער גייסט.

ער איז געגאַנגען גלאַט אין דער וועלט אַריין. זיין בלאָנדער קאָפּ אַנטבלויזט אַנטקעגן דעם זומער ווינט. אָבער ווי צעטראָגן און פול מיט זיינע אייגענע פאַרשטעלונגען ער איז ניט געווען, האָבן דאָך זיינע שאַרפזיכטיקע אויגן דערקענט זיין מומע סילוויע פון דערווייטנס, וואָס איז אים געגאַנגען אַנטקעגן אויפן צווייטן טראָטואַר. ער האָט זיך האַסטיק פאַרקערעוועט אין אַ זייטיקער גאַס. אַמווייניקסטנס האָט ער געוואָלט זיך באַגעגענען מיט איר. ניט דערפאַר וואָס ער האָט מורא געהאַט צו זיין געכאַפּט אַלס פוסט און פּאַסניק: דערפון וואָלט זי זיכער געלאַכט. אָבער ווען ער האָט געהאַט אַ סוד, איז ער ניט געווען זיכער מיט איר — ווי מיט זיין מוטער! — ער האָט קיינמאָל ניט געפילט זיכער, ווייל פאַר סודות פון אָט דעם מין, זיין אינסטינקט האָט דאָס אים אונטערגעזאָגט, איז די מומע סילוויע געווען אַ דערפאַרענער לעזער.

זי האָט אים ניט געזען. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט געקענט געניסן זיין ליבע דעם גאַנצן פרימאָרגן. און ווי ער האָט אַזוי אומגעוואַנדערט — האָט אים זיין ליבע ניט געשטערט זיך אָפּשטעלן פאַר די פענצטער פון די קראָמען און אַ קוקצוטאָן אויף אַ שניפּס, אַ שטעקעלע אָדער אויף אַן אילוסטרירטן זשורנאַל — זיינע טריט האָבן אים אָן זיין וויסן געפירט גלייך צו זיין ציל. ער איז געווען ווי יענע פאַריזער טויבן וואָס פליען יעדן פרימאָרגן איבער די גרויסע שורות ריזיקע שטויביקע הייזער צו די גרינע גאָרטנס און שאָטנדקע אַלטע ביימער. דאָס אינגל האָט זיי אויך געזוכט. ער האָט געפילט די באַדערפעניש אין זייער רוישיקן שאָטן.

ער איז אַרונטערגעגאַנגען פון דעם מאָן־סאָן־זשענעוויעוו און, פאַרלאָזנדיק די אַלטע איבערפילטע רוישנדיקע גאַסן, האָט ער זיך געפונען אין די קלאָרע און רואיקע רוימען פון דעם באָטאַנישן גאָרטן.

נאָך איידער ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז דאָס אָרט וואוהין ער האָט געוואונשן צו קומען.

דאָרטן זיינען געווען ווייניק מענטשן אין אָט דער צייט, אַ פּאָר צוועלקלאַזע וואַנדרער. פּאַריז האָט געזשומעט פון ווייטנס ווי אַ בינשטאָק, דאָס בלויע וויברירן פון דעם שיינעם זומער פרי־מאָרגן, ער האָט אויסגעקליבן אַ באַנק וואָס איז געווען באַהאַלטן צופוסן פון אַ גרופּעביימער, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער זיך פאַרקוקט אויף זיין אוצר. ער האָט צוגעדריקט זיינע לאַנגע פיבערהאַפטע צייטיק וועדנדיקע הענט צו זיין האַרצן, אָט ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט באַשיצן פון ניט באַ־שיידענע אויגן. וואָס האָט ער באַהאַלטן ? וואָס פאַר אַ זאַך איז געווען אַזוי ווערטפול פאַר אים, אַז ער האָט זיך קוים דערלויבט פון איר צו טראַכטן? אַ באַמערקונג וואָס נאָעמי האָט אומבאַטראַכט אַרויסגערעדט, אַ באַמערקונג פון וועלכער ער האָט באַשאַפן פאַר זיך אַ וועלט... דאָס לעצטע מאָל וואָס ער האָט איר געזען האָט זי אים צוגעוואָרפן אַ צופעליקן בליק. זי האָט כמעט ניט באַ־מערקט דעם אינגלס אַנוועזנהייט, ווייל איר אויפמערקזאַמקייט איז געווען פאַרנומען מיט די גרויסע זאַכן וואָס האָבן געטראָפן (דאָס ווידער־ערוואַכונג פון פיליפן, די דערנידעריקונג פון אַנעט, דער אַנטגילטיקער טריאומף!... אָבער מען קען קיינמאָל ניט וויסן ! קיין זיך איז ניט זיכער. לאָמיר זיין צופרידן מיטן היינטיקן טאָג!..) זי האָט געזיפצט פון מידקייט, דערלייכטערונג און פאַרגעניגן. מאַרק האָט געפרעגט פאַרוואָס זי זיפצט. אונטערהאַלטן פון דעם אינגלס באַאומרואיקטן און גייסטרייכן בליק, האָט זי געזאָגט מיט אַ צווייטן, נאָך אַ גרעסערן זיפץ, כדי אים פאַראינטערעסירן :

— דאָס איז אַ סוד.

— וואָס פאַר אַ סוד?

אַ בייזוויליקער געדאַנק האָט זיך דורכגעטראָגן אין איר קאָפּ און נאָעמי האָט געענטפערט :

— איך קען דיר ניט זאָגן. דו מוזט אַליין טרעפן.

ציטערנדיק פון אויפרעגונג האָט ער געזאָגט :

— איך וויים ניט. זאָגט מיר.

זי האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן דעקלאַר איבער די פאַר־בײנקטע אויגן.

— ניין, ניין, ניין!

רויט־ווערנדיק, פלאַטערנדיק, האָט ער מורא געהאַט צו פאַר־שטיין!

כדי אָנצוהאַלטן די שפּיל, האָט זי געמאַכט אַ מיסטעריעזע מינע און האָט געזאָגט:

— וואָלסטו דאָס וועלן וויסן!?

אין זיין גרויסער אויפרעגונג איז ער גרייט געווען אויסצו־שרייען: „ניין"!

— גוט, אָבער ניט היינט... איך וועל דיר זאָגן אַן אַנדערש מאָל.

— ווען?

— אינגיכן.

— ווי גיך?

— אין גיכן... קומענדע וואָך ווען דו וועסט קומען צו מיטאָג.

די וואָך איז פאַריבער. דאָס איז געווען דער אַוונט, ווען ער האָט געדענקט אַז ער וועט איר ווידער זען. בלויז מיט דער דערוואַרטונג פון אָט דעם מאָמענט האָט ער געלעבט. אָט דעם מאָמענט האָט ער אַ מאָל צוואַנציק איבערגעלעבט אין פאַרויס. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָגט צו גיין ביזן סוף פון דער סצענע. עס איז געווען צו פיינלאַך... אָבער צו פאַרוויילן אויפן וועג איז געווען אַזוי אַנגענעם! אויפן באַנק אין גאָרטן האָט ער זיך אָפּגעגעבן זיין בענקשאַפט. אַ זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, פון אונטער די גרינע בוימער האָט די זאַמד פון אַ זוניקער סטעזשקע געדרוישט אונטער די פיס פון אַ קלייניקער מיידעלע וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען זינגענדיק. אַביסל ווייטער, אין אַ פויגל הויז, האָבן געוויסע עקזאָ־טישע פויגלען געצוויטשערט אין אַ פרעמדער רעגענדער שפּראַך; פון ווייט־ווייט האָט זיך דערטראָגן פון דער סענא אַ לאַנגער אויס־געצויגענער פייף פון אַ בוקסיר. און שטיל ניט באַמערקנדיק אים, איז לאַנגזאַם פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרליבטע פּאָרל, אַ הויכע טונ־קעלע מיידל מיט אַ בלאַסן יונגן אַרבעטער, וועמענס ליפּן האָבן

זיך בארירט, און וואס האבן אויפגעגעסן איינע די אנדערע מיט זייערע אויגן. פארהאלטנדיק דעם אטעם, האט דאס אינגל זיי נאכגעקוקט, ביז זיי האבן זיך פארקערעוועט און זיי זיינען פאר־שוואונדן. ער האט געוויינט פון גליק, פון דעם גליק, וואס איז פאר־ בייגעגאנגען, פון דעם גליק וואס דארף ערשט קומען. די פרייד וואס איז געווען אין זיי, און אין אלץ וואס האט אים ארומגערינגלט, אין אט דעם יולי בייטאג — אין זיין אייגען ברענענדן הארצן וואס האט דאס אלץ ארומגענומען.

ער איז אוועק אהיים ארומגערינגלט מיט דער הייליגער שיין פון אט דעם מאמענט פון באגייסטערונג. עס איז געווען אומ־ געהייער גרעסער פון דעם פרויען געשטאלט וואס האט דאס ארויס־ גערופן. דער שאטן פון נאמען איז זיך צוגאנגען אין א ים פון גאלד, און ער האט בארארפט מאכן אן אנשטרענגונג אים ווידער צו־ זאמעננעמען. מארק האט דאס פרובירט צו טאן, אבער עס איז פון אים אנטלאפן. ער האט זיך אליין באשווינדלט, ווען ער האט זיך איינגערעדט אז ער געפינט איר, אונטער אט דער פרייד, וואס איז געווען אזוי שארף אז עס האט אזש ווי געטאן. אין יעדער זאך וואס האט איבערפילט זיין הארץ: די ענדלאזע האפנונ־ גען, די העלדישע באשלוסן, די קראפט, דער גוטער ווילן, וואס האט אים אויפגעהויבן ווי פליגל און ער איז געלאפן ארויף איבער פיר שטיגן מיט אמאל. אבער ווי נאר ער האט דערזען דעם שטרענגן אויסזען פון זיין מוטער — ער האט פארשפעטיקט צו אנבייסן אויף דריי פערטל שעה — איז זיין פרייד פארשוואונדן און ער איז צוריק ארייננעפאלן אין א כמורנעם וואלקן פון שווייגן.

אנעט האט ניט פרובירט צוריידן צו אים. זי האט געהאט איר אייגענעם פעקל צרות און האט ניט געקענט טיילן זיך מיט זיינע. איר זון זיצנדיק קעגן איר ביים טיש, האט אויסגעזען צו זיין פארטיפט אין זיך און ווייט ווייט פון דאנען. ער איז געווען הונגעריק, האט געגעסן שנעל און האט זיך געאיילט צו ענדיקן דאס עסן, כדי ער זאל זיך צוריק קענען ארייננווארפן אין זיינע טאג־טרוימען.

אנעט האט געטראכט : איך בין פאר אים ניט מער ווי א פרוי וואס גיט אים עסן.

זי האָט שוין אפילו ניט געהאַט קיין מוט צו פּראָטעסטירן. זי האָט זיך געפילט דערשלאָגן! צום סוף פון מאָלצייט האָט ער באַמערקט אַז ער האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, און ער האָט דערפילט אומבאַשטימטע געוויסנביסע. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט נאָר זאָגן אַ וואָרט, וועט זי אים אָנהויבן פאַנאַנדערפרעגן. ער האָט צוריק אַריינגעלייגט אין רינג זיין נאָכלעסיג צוזאַמענגעלייגטע סערוועטקע, האָט זיך האַסטיק אויפגעהויבן, און זיך באַמיהענדיק ניט אויפצוכאַפּן זיין מוטערס בליק, האָט ער זיך געלאָזן אַרויסגיין... ער איז שוין געווען ביים טיר, ווען פּלוצלונג האָט ער געפרעגט — ער איז געווען זיכער, ווייל נאָעמי האָט אים געהאַט געזאָגט, אָבער ער האָט געוואָלט אַ באַשטעטיגונג — :

— האָבן מיר היינט מיטאָק ביי די ווילאַרדס?

אַנעט, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן אויף איר אָרט באַוועגלאָז און באַטריבט, האָט געזאָגט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן:

— מיר גייען היינט ערגעץ ניט פאַר מיטאָק.

מאַרק איז אַ דערשטוינערטער געבליבן שטיין אויפן שוועל.

— וואָס? זיי האָבן מיר דאָך געזאָגט?

— ווער האָט דיר געזאָגט.

אין זיין פאַרלעגנהייט האָט דאָס אינגל ניט געענטפערט.

זיין מוטער האָט גאָר ניט געוואוסט וועגן זיינע וויזיטן צו נאָעמין. ער האָט זיך צוגעאיילט אָפּשטופּן אָט די פראַגע מיט אַן אַנדער פראַגע:

— ווען דען גייען מיר?

אַנעט האָט געצויגן מיט די פּלייצעס. זיי וועלן שוין מער קיינמאָל ניט האָבן קיין מאָלצייט ביי די ווילאַרדס. נאָעמי האָט געזאָגט אין שפּאַס, „קומענדע וואָך“. אַזוי גוט ווי זי וואָלט געקענט זאָגן, „אין דעם יאָר פערציג“.

מאַרק האָט אָפּגעלאָזן דאָס הענטל פון טיר און האָט זיך אויסגעדרייט אין אַנגסט. אַנעט האָט אַ קוקגעטאָן אויף אים און האָט געזען ווי אַנטוישט ער איז און האָט געזאָגט:

— איך ווייס ניט.

— וואָס הייסט, דו ווייסט ניט?

— די ווילאַרדס זיינען אוועקגעפאָרן, — האָט געזאָגט אַנעט.

— ניין! — האָט אויסגעשריען מארק.

זי האָט אים, ווי עס ווייזט אויס, ניט געהערט. מארק האָט ארויפגעלייגט אַן אומגעדולדיקע האַנט אויף זיין מוטערס אָרעם. וואָס איז געווען אויסגעצויגן אויפן טיש, און האָט זיך געבעטן ביי איר:

— עס איז ניט אמת?

אַנעט האָט זיך ארויסגעריסן פון איר פאַרגליווערונג, האָט זיך אויפגעהויבן און אָנגעהויבן אָפּראַמען פון טיש.

— אָבער, וואוהין, וואוהין? — האָט געשריען מארק אַ פאַרצווייפלטער.

— איך ווייס ניט, — האָט געזאָגט אַנעט. זי האָט צוזאַמענגעקליבן דאָס געפעס און איז ארויסגעגאַנגען. מארק איז געבליבן שטיין אַ ווילדער, פאַר זיין צערונענעם טרוים. ער האָט ניט פאַרשטאַנען. אָט דער פּלוצלונגער אוועקפאָרן ניט זאָגנדיק, ניט לאָזנדיק וויסן מיט קיין איינציקן וואָרט... אומגליק!... ער האָט אָנגעהויבן נאָכגיין זיין מוטער, כדי ארויסצוציהען פון איר אַ דערקלערונג. אָבער, ניין! ער האָט זיך שאַרף אָפּגעשטעלט... ניין. דאָס איז ניט געווען אמת! איצט האָט ער פאַרשטאַנען... אַנעט האָט אַנטדעקט זיין ליבע. זי האָט זיי געוואָלט צעשיידן. זי האָט געלייגט, זי האָט געליגט! נאָעמי איז ניט אוועקגעפאָרן... און ער האָט געהאַסט זיין מוטער.

ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון הויז און איז אַרונטערגעשפּרונגען פון די שטיגן; ער איז געגאַנגען, ממש געלאָפן מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן צו די ווילאַרדס. ער איז געגאַנגען אויסגעפינען אויף זיכער, אַז זיי זיינען ניט אוועקגעפאָרן. און עס איז אַ פאַקט, אַז זיי זיינען געווען אין דער היים. דער דינער האָט געזאָגט, אַז דער הער איז נאָר וואָס אוועקגעגאַנגען, און די מאַדאַם איז מיד און נעמט קיינעם ניט צו. אָבער מארק האָט זיך געבעטן און האָט זיך געשפּאַרט מיט אים, אַז זי וועט אים צולאָזן האָבן מיט איר אַ קורצן געשפּרעך. דער דינער איז אוועק אַנפרעגן. האָט זיך אומגעקערט. דער מאַדאַם פאַרדריסט זייער, אָבער עס איז איר אוממעגלאַך. דאָס אינגל האָט פיבערהאַפט באַשטאַנען, אַז ער מוז

איר זען, בלויז פאַר איין מינוט, ער האָט עטוואָס זייער וויכטיגעס איר צו זאָגן... דערווייל האָט ער אָנגערעדט אַלערליי זאַכן אין וועלכע עס האָט זיך ניט געקלעפּט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, זיך ווערגנדיק און שטאַמלענדיק מיט אַ געבראָכענער שטים און אומגעלומפּערטע באַוועגונגען פון די הענט; ער איז רויט געוואָרן און איז געווען גרייט זיך צו צעוויינען. דער נייגעריקער אָפּשפּעטנדער בליק פון .דעם גלייכגילטיקן דינער, האָט אים געמאַכט צו פאַרלירן דעם פאָדים פון זיינע געדאַנקען. מען האָט אים גענומען שטופּן צום טיר. ער האָט זיך נאַריש געוועדט, און געשריען, אַז ער פאַרבאָט מען זאָל זיך צורירן צו אים. דער דינער האָט אים געהייסן אַרויסגיין, און האָט אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט ניט אַנשווייגן ווערן, וועט ער אָפּטעלעפאָנירן צום אויפזעהער פון הויז און מען וועט אים אַרויסטרייבן מיט גוואַלד... און די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער אים. פאַרשעמט און אויפגעבראַכט, איז ער פאַרבליבן שטיין אויפן שוועל, ער האָט ניט געקענט ביי זיך פועלן אַוועקצוגיין. מעכאַניש זיך אָנשפּאַרנדיק אָן טיר, האָט ער דערפילט, אַז די טיר איז ניט גוט פאַרמאַכט און גיט זיך אונטער. ער האָט איר געעפנט און איז צוריק אַריין אינעווייניק. ער האָט געוואָלט אום יעדן פרייז גרייכן נאָעמין. אין פאָרצימער איז קיינער ניט געווען. ער האָט געוואוסט וואו איר צימער איז און איז אַריין אין קאָרידאָר. ער האָט דערהערט נאָעמיס שטים פון אינעווייניק. זי האָט געזאָגט צום דינער:

— קיינמאָל אין דער וועלט ניט ער לאַנגווייליגט מיך צום טויט! איר האָט געטאָן זייער גוט, וואָס איר האָט אים אַרויסגעטריבן, אָט דעם קליינעם נאַר!

ער האָט זיך צוריק געפונען אויפן זעלבן אָרט ווי פריער. ער איז געפלויגן, ער האָט געוויינט. ער האָט געקריצט מיט די ציין, ער איז געווען צומישט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ טרעפּל פון די שטיגן און געשטיקט זיך מיט טרערן. ער האָט ניט געוואָלט, אַז מענטשן זאָלן אים זען וויינען אין גאַס.

ער האָט אויסגעווישט די טרערן און האָט אָנגענומען אַ רואיקע מינע וואָס האָט פאַרדעקט זיין ווילדן צאָרן. ניט וויסנדיק וואוהין ער גייט, האָט ער זיך געלאָזן גיין אַהיים. ער איז געווען

פאַרצווייפֿלט. שטאַרבן, ער האָט געוואָלט שטאַרבן! עס איז אומ־מעגלאַך געווען ווייטער צו לעבן. דאָס לעבן איז געווען צו עקל־האַפֿט, געמיין, עס איז פֿאַלש, אַלץ און יעדע זאַך איז פֿאַלש. ווען ער האָט דורכגעשניטן די סענאַ, האָט ער זיך געוואָלט אַריינ־וואַרפֿן אין טייך. אָבער אַ צווייטער אומגליקלאַכער האָט דאָס געטאָן פֿריער פֿאַר אים. די ברעגן פֿון דער סענאַ האָבן אויס־געקוקט ווי זיי וואָלטן געווען שוואַרץ פֿון פֿליגן. טויזנטער פֿרויען און קינדער האָבן זיך איבערגעבויגן איבער דער פּאַרענטשע פֿון בריק און נאָכגעקוקט מיט גרויסן חשק, ווי מען ציט אַרויס פֿון וואַסער דעם דערטרונקענעם. וואָס פֿאַר אַ געפֿיל האָט זיי באַוועגט? זייער ווייניק האָבן געפֿילט אַ טראָפּן פֿאַרדרוס. און נאָך אַ קלע־נערע צאָל האָט געהאַט דעם געפֿיל פֿון מיטלייד. די אומגעהויער גרויסע מאַיאָריטעט האָט געפֿילט דעם רייץ פֿון דער זעלטענער פּאַסירונג, פֿויל און נייגעריק. און אַ היבשע צאָל, האָט פֿילייכט, אַריינגעקוקט אין איר אייגענעם האַרצן, צו זען ווי אַ מענטש ליידט. (ווי איך וואָלט געקענט ליידן), צו זען ווי אַ מענטש שטאַרבט (ווי איך וואָלט געקענט שטאַרבן).

מאַרק האָט דערזען די געמיינע נייגעריגקייט און עס האָט אויף אים אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק. באַגיין זעלבסטמאָרד, יאָ, אָבער ניט עפֿנטלאַך! ער איז געווען ווי אַנעט. ער האָט פֿאַרמאַגט אַ שעמעוודיקע, ווילדע שטאָלץ; ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו מאַכן פֿון זיך אַ ספּעקטאַקל פֿאַר אָט דעם המון, באַשמוצט ווערן פֿון דער באַרירונג פֿון זייערע הענט, און זיין נאַקעטקייט זאָל פֿאַר־גוואַלדעוועט ווערן פֿון זייערע שמוציקע בליקן. ער האָט פֿאַרציפּעט די ציין און האָט זיך גענומען איילן אַ היים, ער האָט זיך געאיילט אַלץ מער, מיט דעם פֿעסטן באַשלוס צו באַגיין זעלבסטמאָרד.

אין לויף פֿון די קורצע אונטערזוכונגען, וואָס ער האָט געוויד־מעט דער הויז אין דער צייט פֿון זיין מוטערס אָפּוועזנהייט, האָט ער געפֿונען אַ רעוואָלווער. דאָס איז געווען נאָעמיס; אַנעט האָט אויפֿגעהויבן דעם רעוואָלווער נאָכדעם, ווי זי איז אוועקגעגאַנגען און האָט אים אומפֿאַרזיכטיק באַהאַלטן אין אַ שיפֿלאַד. ער האָט אים יעצט אַרויסגענומען און באַהאַלטן. זיין באַשלוס איז געווען פֿאַרטיק. ווי יעדער קינד ביי וועמען דער טאַט קומט גלייך נאָכן

גערדאַנק, ווי עס איז נאַר מעגלאַך, האָט מאַרק באַשלאָסן גלייך אויסצופילן זיין באַשלוס. אריינקומענדיק אין הויז פונקט אַזוי שטיל, ווי שטיל ער איז אַרויס פון הויז, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין זיין צימער און האָט אָנגעלאָדן דעם רעוואָלווער, אַזוי ווי ער האָט דאָס געזען טאָן זיינעם אַ שול חבר: דער לעצטער איז כמעט ניט געווען עלטער פון אים, האָט אַלע מאָל אַרומגעטראָגן מיט זיך אָט דאָס געפערלאַכע שפּילכל אין קעשענע, און האַלטנדיק דאָס צווישן זיינע פיס אין קלאַס צו דער גריכישער לעקציע, האָט ער דערקלערט צו זיינע אויפמערקזאַמע שכנים ווי זיך צו באַגיין דערמיט. דאָס געווער איז איצט געווען פאַרטיק. מאַרק איז געווען צוגעגרייט צו שיסן... וואו זאָל ער זיך אַנידערשטעלן? ער טאָר ניט פאַרפעלן. אָט דאָרטן שטייענדיק אַנטקעגן זיין שפּיגל... אָבער וואוהין וועט ער דערנאָכדעם פאַלן? עס וועט זיין בעסער צו זיצן אָט דאָ אַנגעשפּאַרט אָן טיש מיטן שפּיגל פאַר אים. ער האָט אַראָפּגענומען דעם שפּיגל פון וואַנט, האָט אים אַוועקגעשטעלט אויפן טיש און האָט אים אונטערגעשפּאַרט מיט אַ ווערטער־בוך... איצט קען ער זיך זען דאָרטן פאַלשטענדיק. ער האָט גענומען דעם רעוואָלווער און האָט אים אָנגעשטעלט... אַנטקעגן שלייף; מען זאָגט, אַז דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ... וועט עס זייער שטאַרק וויי טאָן? ער האָט אפילו קיין טראַכט ניט געטאָן וועגן זיין מוטער זיין ליידנשאַפט, זיינע ליידן און פאַרבאַרייטונגען האָבן אים פאַלשטענדיק פאַרנומען. זיינע אויגן אין שפּיגל האָבן גערירט זיין האַרץ... אָרימער מאַרק!... ער האָט געפילט די באַדערפעניש זיך אויסצודריקן, באַקאַנט מאַכן איידער ער פאַרשווינדט, וואָס ער האָט זיך אויסגעשטאַנען און אָנגעליטן פון אָט דער וועלט און אויף וויפיל ער פאַראַכטעט איר... די באַדערפעניש צו באַלוינען זיך. נעמען נקמה, איבערלאָזן הינטער זיך חרטה און אויפוועקן אָנערקענונג און באַוואונדערונג... ער האָט אויף שנעל געפונען אַ גרויסן בויגן שול־פּאַפּיר, האָט דאָס צוזאַמענגעלייגט אין צווייען — ער האָט זיך זייער געאיילט — און האָט אָנגעשריבן מיט זיין אומבאַשטימטער אַרבייטזאַמער האַנטשריפט: „איך קען מער ניט לעבן ווייל זי האָט מיך באַטריגט. די גאַנצע וועלט איז שלעכט. איך האָב מער קיין זאַך ניט ליב און אַזוי וועל איך בעסער שטאַרבן.

אַלע פרויען זיינען ליגנערינס. זיי זיינען געמיין. זיי ווייסן ניט ווי צו ליבן. איך באַצי זיך צו איר מיט פאַראַכטונג. ווען זיי וועלן מיר באַגראָבן, בעט איך, אַז זיי זאָלן אָט דעם פּאַפּיר ארויפ־לייגן אויף מיר: איך שטאַרב פאַר נאָעמין".

ביי אָט דעם באַליבטן נאָמען האָט ער זיך צעוויינט ער האָט פאַרשטאָפּט זיין מויל מיטן נאָזטיכל כדי ניט מאַכן קיין טומל. ער האָט אויסגעווישט זיינע טרערן, האָט איבערגעלייענט זיינע שורות, און באַטריבט געטראַכט: — איך טאָר איר ניט קאָמ־פּראָמעטירן. — דאַן האָט ער צעריסן דעם בויגן און האָט אָנ־געהויבן אויף דאָס ניי. כמעט איבער מענטשלאַכער אנשטרענגונג. אין איין אָטעם האָט ער אָנגעצייכנט זיינע פאַרצווייפלטע שורות. ווען ער האָט דערגרייכט דעם זאַץ: „זיי ווייסן ניט ווי צו ליבן". האָט ער פאַרטגעזעצט: „איך אָבער האָב געוואוסט, און איך שטאַרב". אין רעכטן מיטן פון זיין פיין איז ער געווען שטאַרק צופרידן מיט אָט דער פראַזע: זי האָט אים כמעט געטרייסט. עס האָט אים באַוועגט צו זיין גוט צו די, וועמען ער האָט געלאָזן אונטער זיך. און ער האָט פאַרענדיקט גרויסמוטיק: „איך פאַרגיב אייך אַלע־מען". און האָט זיך אונטערגעשריבן. נאָך אַ פּאָר סעקונדן און אַלץ וועט זיין פאַריבער; און ער וועט זיין באַפרייט; ער האָט געזען אין פאָרויס, דעם שיינעם איינדרוק וואָס דאָס וועט שאַפן. און פּונקט אין יענעם מאָמענט, ווען ער האָט נאָך אַמאָל איבער־געפירט מיט דער פען די אותיות אין וועלכע עס האָט אויסגע־פעלט טינט, האָט זיך די טיר פון זיין קליינעם צימער פלוצלונג געעפנט הינטער אים. ער האָט בלויז צייט געהאַט צו באַהאַלטן דאָס געווער מיטן פּאַפּיר אונטער זיין אָרעם. אַנעט האָט בלויז געזען דעם שפּיגל אונטערגעשפּאַרט מיט דעם ווערטער־בוך, און זי האָט געטראַכט, אַז מאַרק באַוואונדערט זיך אַליין. זי האָט ניט געמאַכט קיין שום באַמערקונג. זי האָט אויסגעזען שרעקלאַך מיד. מיט אַ נידעריקער שטים, אָט ווי זי וואָלט געווען אינגאַנצן דער־שעפּט, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט פאַרגעסן קויפן מילך פאַר מי־טאָק, און אַז מאַרק וואָלט געווען זייער אַ גוטער ווען ער פאַר־שפּאָרט איר די אַרבעט צו קלעטערן די פיר שטאָק שטיגן. וואָס אָנבאַלאַנגט אים, האָט ער בלויז איינס געהאַט אין זינען, אַז זי

זאָל ניט זען וואָס זיינע אָרעמס האָבן צוגעדעקט. ער האָט זיך מורא געהאַט רירן און גראָב גענענטפערט, אַז ער האָט ניט קיין צייט, אַז ער איז זייער פאַרנומען. מיט אַ טרויעריקן שמייכל האָט אַנעט פאַרמאַכט די טיר און איז אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט איר געהערט לאַנגזאַם אַראָפּגיין די טרעפּ. (זי האָט אויסגעקוקט פאַרמאַטערט) עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ געפיל פון חרטה. ער האָט ניט געקענט פאַרגעסן דעם אויסדריק פון איר פנים און איר מידע שטים... ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם רעוואָל־ווער אין אַ שופלאָד און האָט באַגראָבן זיין „זיי־געזונט צום לעבן" אונטער אַ באַרג פון ביכער און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז. ער האָט דעריאָגט זיין מוטער אויף די שטיגן און אין אַ כמורנעם טאָן האָט ער איר געזאָגט, אַז ער גייט איר טאָן די געפעליגקייט. אַנעט איז צוריק אַרויף אין הויז, מיט אַ קוים באַמערקבאַרער דערלייכ־טערונג אין האַרצן. זי האָט געטראַכט, אַז דאָס אינגל איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, ווי ער זעט אויס. אָבער זי איז געווען גע־קריינקט פון זיין אומפּאָלירטקייט און האַרטקייט. גאָט אין הימל, ווי אומצערטלאַך ער איז! גוט אַזוי איז בעסער פאַר אים! אָרים קינד, ער וועט ניט דאַרפן אַזוי פיל ליידן פון לעבן . . .

ווען מאַרק איז געקומען צוריק האָט ער שוין געהאַט פאַר־געסן, אַז ער האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. עס האָט אים פאַרשאַפט ווייניק פאַרגעניגן צו געפינען זיין באַרימטע צוואה, וואָס איז געווען אומפּאַלקאָם באַהאַלטן אויף זיין טיש. ער האָט זיך צוגעאײַלט איר אַוועקנעמען פון די אויגן, און האָט איר פאַררוקט אין אַ שאַכטל אונטער אַ סך פּאַפּירן. ער האָט געטריבן פון זיך דעם דריקנדן געדאַנק, ער האָט דערפילט, וואָס פאַר אַ פייגלינג ער איז און ווי גרויזאַם דאָס וואָלט געווען צו זיין מוטער, וועמעס געזונט האָט אים באַאומרואיגט. אָבער זיין אומרואיקייט האָט ער אויסגעדריקט זייער אומגעשיקט; ער האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי צו פרעגן ביי איר וועגן דעם, און זי האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אים צו ענטפערן. צוליב דעם פאַלש פאַרשטאַנענעם שטאָלץ האָט ער ניט געוואָלט באַווייזן זיינע אמתע געפילן; עס וואָלט אויסגעזען ווי ער וואָלט אויף אַן אומגעלומפּערטן אויפן אויסגעפילט אַ חוב פון חעפלאַבקייט. זי, פונקט אַזוי שטאָלץ ווי ער, האָט

אים ניט געוואָלט באַאומרואיקן, און האָט אָפּגעווענדעט דעם גע־שפּרעך דערפון, און זיי זיינען צוריק אַריינגעפאַלן אין זייער שווייגן. באַפרייט פון זיין אויפרעגונג האָט ער דערפילט, אַז איצט האָט ער דאָס רעכט צו זיין ברוגז אויף זיין מוטער, ווייל צוליב איר האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זעלבסטמאָרד.

ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער האָט שוין מער ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרלאַנג דאָס צו טאָן... אָבער ער האָט געמוזט נקמה נעמען דערפאַר, וואָס ער האָט דורכגעליטן. און ווען איר קענט ניט נעמען קיין נקמה אין אַנדערע, נעמט איר נקמה פון אייער מוטער; זי איז אַלע מאָל אונטערן האַנט. און זי ענטפערט ניט אָפּ צוריק.

אַזוי זיינען זיי פאַרבליבן איינגעוויקלט און פאַרטיפט יעדער איינער אין זיין אייגענער אַנגסט און פּיין. און מאַרק אויף ווענען זיינע אייגענע צרות האָבן זיך צו שווער געלייגט, האָט דערפילט זיין אַז זיין פיינטלאַכקייט צו אַנעטס פּיין וואַקסט. עס איז אים לייכטער געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט דעם קלונג פון טיר־גלעקל, וואָס האָט געלאָזט וויסן וועגן סילוויעס קומען, — ער האָט געקענט איר קלונג. זי איז געקומען אים נעמען צו אַ ספּעקטאַקל פון איזידאָרע דונקאַן, ווייל זי איז פּלוצלונג משוגע געוואָרן פאַר טאַנצן. ניט קוקנדיק אויף דער פליכט וואָס ער האָט געפילט אַנצוהאַלטן אין זיך און אויפן פּנים — באַזונדערס אויפן פּנים — דעם פאַטאַלן צייכן פון דעם וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, האָט ער ניט געקענט באַהאַלטן זיין פרייד פון אַנטלויפן פון הויז. ער איז געלאָפן זיך אָנטאָן, ער האָט געלאָזן זיין טיר אָפן, כדי ער זאָל ניט פאַרלירן קיין וואָרט פון זיין מומעס פריילאַכע רייד, וועלכע גלייך ווי זי איז אַריינגעקומען האָט זיך גענומען דערציילן עפּעס אַ פוסטע מעשה. אַנעט וואָס האָט זיך געצוואָונגען צו שמייכלען, כאָטש איר האַרץ איז געווען צעבראָכן, האָט געטראַכט: — איז דאָס מעגלאַך, אַז דאָס זאָל זיין די זעלבע פרוי, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק אויסגעוויינט איר האַרץ איבער דעם טויטן קערפּער פון איר קינד? האָט זי פאַרגעסן?

זי האָט איר ניט מקנה געווען אויף אָט דער עלאַסטישקייט. אָבער איר זונס געלעכטער וואָס האָט געענטפערט און זיך אָנגעס־

געטווישט מיט סילוויעס האָט דערציילט פון דער זעלבער פייאיקייט זיך צו פאַרגעסן. אַנעט, וואָס איז געווען געקריינקט פון אָט דער שייגבאַרער הארצלאָזיגקייט, האָט ניט געוואוסט אַז זי אַליין האָט אויך באַזעסן האָט די גרויזאַמע און וואונדערלאַכע מתנה. ווען מאַרק האָט זיך צוריק באַוויזן, אונטערזינגענדיק, גרייט אַרויס־צוגיין, האָט זי ניט געקענט באַהערשן געגוג איר געזיכט צו באַהאַלטן דעם אויסדרוק פון שטרענגן טאַדל. מאַרק איז געווען מער געטראָפן דערפון, ווי ער וואָלט געווען פון אַ שטרענגן אויס־רייד. ער האָט נקמה גענומען אין איר, איבערטרייבנדיק זיין פריי־לאַכקייט. ער איז געוואָרן כמעט טומלדיק און האָט זיך אַזוי געאיילט אַוועקצוגיין, אַז ער האָט פאַרגעסן זיך צו זעגענען מיט דער מוטער. ער האָט זיך דערמאַנט אין דעם נאָכדעם, ווי ער איז שוין אַרויסגעגאַנגען. זאָל ער זיך אומקערן צוריק? ניין. זאָל זי זיין באַזאָרגט ! ער האָט זיך אַנגעבלאָזן. עס איז אים געווען אַנגענעם וואָס ער האָט געלאָזן הינטער זיך אָט דאָס געזיכט וואָס איז געווען פול מיט פאָרווורפע, אָט דעם אומעט, אָט די געדריקטע אַטמאָספערע וואָס ער האָט געפילט אין הויז, און די סמנים פון די צרות פון דעם טאָג... אָט דער אומגעהייערער טאָג!.. אַ גאַנצע וועלט... עטלאַכע לעבנס אין עטלאַכע שעה, דער שפּיץ פון גליק און דער תהום פון פאַרצווייפלונג... ער וואָלט באַדאַרפט געווען צעריבן ווערן אונטער אַזאַ משא פון געפילן, אָבער עס האָט זיך ניט געלייגט שווערער אויף דער עלאַסטישער, רייף־ווערנדער יוגנט, ווי אַ פייגלס וואָג אויף אַ צווייג. דער פייגל פליט אַוועק און דער צווייג גלייכט זיך אויס, און וויגט זיך צוריק אויפן ווינט. עס זיינען אַוועקגעפלויגן די פריידן און ליידן פון אָט דעם טאָג, וואָס איז שוין געווען פאַריבער און איז שוין געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט. כדי צו געניסן פון די נייע פריידן און נייע ליידן האָט ער זיך געאיילט אויסמעקן די אַלטע.

אָבער אַנעט וואָס האָט ניט געהאַט דעם מינדסטן באַגריף וואָס עס קומט פאָר אין זיין קאָפּ, אַנעט, וואָס איז ווי ער געווען אַ ליידנשאַפטלאַכע נשמה, האָט אַלצדינג צוגעשריבן צו זיך, האָט זיך צוגעהערט צו זיין געלעכטער, ווען ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזן פון די שטיגן, און איז געווען טיף געקריינקט פון זיין פרייד איר

איבערצולאָזן אַליין. זי האָט געדענקט, אַז ער האָסט איר, ווייל איר לײדנשאַפט האָט איבערטריבן יעדע זאַך אין יעדער אינזיכט... זי איז געווען אַ לאַסט פאַר אים, יאָ, דאָס איז געווען אַזוי קלאָר. ער האָט געגאַרט צו זײַן פרײַ פון איר. ווען זי זאָל שטאַרבן, וואָלט ער זיך געפילט גליקלאַכער ... גליקלאַכער! זי וואָלט אויך געווען גליקלאַכער. עס האָט איר דורכגעשטאָכן אויף דורך און דורך אָט דער מגושמדיקער געדאַנק, אַז איר זון, איר אייגן קינד ווינשט איר טויט... (נאַרישקייטן! ווער קען זאָגן? אין די טיפענישן פון דער נשמה, אין אַ מאָמענט פון משוגעת וואָס פאַר אַ קינד האָט ניט געוואונשן זײַן מוטערס טויט?)... דער שוידער פון אָט דער אינטואיציע האָט געטראָפן אָנעט אין אַ מאָמענט, ווען זי האָט זיך געהאַלטן פאַרן לעבן מיט אַ שוואַכער האַנט, און איז געווען פאַר איר אַ טויט קלאַפּ.

דעם גאַנצן טאָג איז זי געווען געפלאָגט פון אַ ווילדן צוריק־קער פון איר לײדנשאַפט. איצט ווען איר באַשלוס איז געווען אָנגענומען און דורכגעפירט, און דער אומפאַריכטבאַרער טאָט, גע־בראַכט צו זײַן ענדציל, איצט ווען זי האָט פרײַוויליק געטאָן איר פליכט, האָט זי שוין מער ניט געהאַט קיין כח ווידערצושטיין דעם איבערפאַל פון שונא פון אינעווייניק. און דער שונא איז אָנגעלאָפן אויף איר ווי אַ שטראָם.

זי האָט אים מיטגעהאָלפן אין דעם, זי האָט געעפנט פאַר אים די טירן. ווען אַלץ איז פאַרלאָרן, האָט אַ מענטש דאָס רעכט צו געניסן אין דער פולער מאָס זײַן פאַרצווייפלונג! מײַנע לײדן האָבן אַ שייכות בלויז צו מיר אַליין. לאָם איך זיי דורכפילן אינגאַנצן. בלוטיק, בלוטיק, מײַן האַרץ! לאָז מיך דיך פאַרוואונדן. צווינגענדיק דיך נאָך אַמאָל צו זען אַלץ וואָס דו האָסט פאַר־לאָרן! פיליפּ... ער איז געווען דאָרטן פאַר איר... די פאַרשטעלונגס קראַפט איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט אים ממש געזען. גערעדט צו אים און זיך צוגעצירט צו אים... ער, אַלץ וואָס זי האָט געליבט אין אים, די צוציהונג פון ענלאַכקייט, און די צו־ציהונג פון דעם אַנטקעגנגעזעצטן, די אַנטאַגאָניסטישע פאַראייניקונג וואָס ברענט מיט דעם צווייפאַכן פײַער פון ליבע און קאַמף, די אומאַרמונג און דער קאַמף: זיי זײַנען די זעלבע זאַך. אָט די

אויסגעטראַכטע אומאַרמונג איז געווען אַזוי תּואהדיק — ווילד, אַז די באַהערשטע נשמה, באַהערשט פון ליבע, האָט זיך געבויגן ווי לעדאַ אונטערן שוואַן. דער צופלוס פון ליידנשאַפט איז אין פאַר־צווייפלונג שטופּעגווייז צוריק געפאַלן. דערנאָך איז אַנשטאַנען די אַגאַניע וואָס איז אַ טייל אין דעם לעבן פון יעדער פרוי, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן פאַר ליבע, און וועמען דער חלק ליבע איז ניט געגעבן געוואָרן. — אַגאַניעס וואָס קומען אין יענער צייט פון לעבן, ווען אויב עס שטאַרבט אַ ליבע, דענקט מען אַז די ליבע אַליין שטאַרבט. אין אָט דער נאַכט, אַנעט, איינע אַליין אין איר צימער, פאַרלאָזן פון איר זון מיט איר צעקאַליעטשעטער ליידנ־שאַפט, האָט אין די טעפּעניש פון איר האַרצן געליטן די גרעסטע ליידן. עס האָט איר געמאַטערט דער געדאַנק, אַז ליבע פאַר איר איז אויף אייביק פאַרלאָרן און אַז לעבן אָן ליבע איז גאָרנישט ניט ווערט. אָט דער געדאַנק האָט איר ניט אָפּגעלאָזן אויף קיין מינוט. זי האָט אים פאַרטריבן, אָבער ער האָט זיך אומגעקערט צוריק. אַנעט האָט אומזיסט זיך געמיט צו פאַרנעמען איר געדאַנק מיט אַנדערע זאַכן. זי האָט זיך גענומען צו אַן אַרבייט און האָט איר באַלד פאַרוואָרפן, זי איז יעדער ווייל אויפגעשטאַנען און זיך ווי־דער געזעצט. אָנשפּאַרנדיק דעם קאָפּ אויפן טיש, האָט זי פאַר־בראַכן מיט די הענט. די אידעע פיקס האָט איר משוגע געמאַכט. זי האָט דערגרייכט יענעם פונקט אין אירע ליידן, ווען כדי אַנטלויפן פון זיך אַליין, איז אַ פרוי גרייט אויף דאָס ערגסטע... אַנעט האָט געפילט, אַז זי איז אויפן ברעג פון משוגעת, און זי האָט דערפילט אין איר וואַנזין דעם שקלאַפישן אימפּולס, דעם שרעקלאַכן פאַרלאַנג, אַרונטערצוגיין אין גאַס און זיך דערנידעריקן, צעשטערן איר קערפּער און איר צופייניגט האַרץ, זיך פּראָסטיטואירן צום ערשטן מאַן וואָס זי וועט באַגעגענען. ווען זי האָט דערשפּירט אָט דעם חיהשן געדאַנק האָט זי אויסגעשריען אין שוידער; און אַלס רעזולטאַט פון אָט דעם שוידער, האָט איר שוין אָט דער שענדלאַכער געדאַנק ניט געוואָלט אָפּלאָזן. דאַן האָט זי, ווי איר זון, געטראַכט פון באַגיין זעלבסטמאָרד. זי האָט שוין מער ניט געקענט קאָנטראָלירן איר וואַנ־זין.

זי האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט גיין צום

טיר, נאָר כדי צו גרייכן די טיר האָט זי געמוזט זייער נאָענט פאַרבייגיין די אָפענע פענסטער; ניט דערגרייכנדיק די טיר האָט זי באַשלאָסן זיך אַרויסוואַרפן דורך דעם אָפענעם פענסטער... א מאָדנער אינסטינקט פון ריינקייט, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די נשמה פון פאַראומריייניקונג! אָט די אויסגעטראַכטע נשמה! זי איז ניט געווען באַאיינפלוסט אָדער פאַרבלענדט פון דער אָנגענומענער מאָראַל, נאָר איר אינסטינקט איז געווען שטאַרקער און האָט געזען קלאָרער... פאָלשטענדיק פאַרשלונגען פון דעם צווייענדיקן בייזן גייסט — די טיר און דער פענסטער — האָט זי ניט געזען וואו זי איז. און גייענדיק צום פענסטער האָט זי זיך א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן מיטן בויך אין דעם שאַרפן ווינקל פון בופעט. דער וויטאָק איז געווען אַזוי שאַרף, אַז עס האָט איר פאַרכאַפּט דער אָטעם; צוזאַמענגעדרייט אין דרייען האָט זי זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט פאַר דעם פאַרוואונדעטן אָרט. זי האָט געפילט א שאַרפן פאַרגעניגן פון נקמה, וואָס דער בויך האָט געכאַפּט דעם קלאַפּ. עס וואָלט איר געווען זייער אַנגענעם צו צערייסן אויף שטיקער אין איר קערפּער דעם בלינדן און שכורן הערשער, דעם טיגער־גאָט... דאָן איז געקומען די רעאַקציע. זי איז אַראָפּגעזונקען אויף א נידעריקן בענקל וואָס איז געשטאַנען צווישן בופעט און פענסטער, און אירע כחות האָבן איר פאַרלאָזן. אירע הענט זיינען געווען אייז קאַלט, דאָס פּנים אין פאַסן שוויס; דאָס קלאַפּן פון האַרצן האָט פאַרלאָרן זיין ריטם. גבייט אַריינפאַלן אין אָפּגרונט, האָט זי געהאַט בלויז איין געדאַנק: „שנעלער, שנעלער!...“

XLIX

ווען זי האָט צוריק געעפנט אירע אויגן — (ווען איז דאָס געווען? אין עטלאַכע סעקונדן אַרום?... אָן אייביקייט...) — איר קאָפּ איז געווען פאַרוואָרפן אויף צוריק אַזוי ווי אויף א קלאָץ. דער האַלדז איז געלעגן אויפן ראָם פון פענסטער, איר קערפּער איז געווען אַריינגעשפּאַרט אין דעם שמאָלן ווינקל פון וואַנט. זי האָט געעפנט אירע אויגן און איבער די טונקעלע דעכער, אין אָט דער יולי נאַכט, האָט זי געזען די שטערן... איינער פון זיי האָט זי דורכגענומען מיט זיין געטלאַכן בליק.

שטילקייט, אַן אומגעהערטע שטילקייט, אַזוי גרויס ווי אַ פלאַך... און דאָך זיינען די וועגן אומגעפאָרן אונטן אין גאַס; די שויבן פון דער שאַפע האָבן געציטערט. זי האָט גאָרניט געהערט... זי איז געהאַנגען צווישן הימל און ערד...״ אַ אומטומלענדיקער פליען״... „זי האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן אויפגעכאַפּט...״

זי האָט אָפּגעשטופּט דעם מאָמענט. זי האָט מורא געהאַט צוריק צו געפינען דאָס, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך — דאָס שוידערלאַכע מידקייט, די פּייניקונג, און די נעץ פון ליבע; ליבע, מוטערשאַפט, דעם אומפאַרגעבלאַכן עגאָאיזם — יענער עגאָאיזם פון דער נאַטור, וואָס קימערט זיך אַזוי ווייניק פאַר מיינע ליידן, וואָס וואַרט בלויז אויף דעם, אַז איך זאָל זיך אויפכאַפּן כדי צו צעברעכן מיין האַרץ... בעסער זיך מער קיינמאָל ניט אויפ־כאַפּן!...

זי איז דאָך געקומען צום באַוואוסטזיין. און זי האָט געזען, אַז דער שונה איז שוין מער ניטאָ. איר פאַרצווייפלונג איז פאַר־שוואונדן... פאַרשוואונדן? ניין עס איז נאָך אַלץ געווען דאָרטן. אָבער עס איז ישוין מער ניט געווען אין איר. זי האָט געזען איר פאַרצווייפלונג פון דער זייט, זי האָט עס געהערט רוישן... כישוף... אַ שוידערלאַכע מוזיק, וואָס האָט אַנטפּלעקט אומבאַ־וואוסטע ווייטן... פאַרגליווערט האָט אַנעט געהערט, ווי אַן אומ־זיכטבאַרע האַנט האָט ווי דורך כישוף אַריינגעבראַכט אין צימער דעם קלאַנג פון געוויין, די קלאַנגען פון פּאַטום פון שאָפּענס אַ פּרעליוד. איר האַרץ איז איבערפילט געוואָרן מיט אַזאַ גליק, וואָס זי האָט נאָך קיינמאָל אין איר לעבן ניט דורכגעלעבט. עס האָט גאָרניט געהאַט קיין געמיינזאַמעס, אַ חוץ דעם נאָמען, מיט דער אָרימער פרייד פון אַלטעגלאַכן לעבן וואָס האָט מורא פאַר ליידן, לייקנט אָפּ אָט די אָנגעהויערע פרייד וואָס איז אויך ליידן... אַנעט האָט זיך איינגעהערט מיט פאַרמאַכטע אויגן. די שטים איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ שווייגן פון דער־וואַרטונג. פּלוצלונג האָט זיך פון דער צעריסענער נשמה אַרויסגעריסן אַ ווילדער געשריי פון דערלייזונג, און האָט זיך, ווי אויף פליגל אויפגעהויבן און איז אַוועקגעפלויגן. אַזוי ווי אַ דימענט אויף אַ שטיקל גלאָז, אַזוי האָט ער זיך דורכגעשניטן דורך דעם

געוועלב פון דער נאַכט. אין איר דערשעפּטקייט, ליגנדיק אויף איר האַרטן קישן, האָט אַנגעט אויפן שוועל פון אָט דער נאַכט פון פּיין, געבוירן אַ נייע נשמה...

דער שווייגנדיקער געשריי האָט זיך אָוועקגעטראָגן אין דער ווייטקייט און איז פאַרשוואונדן אין דעם אָפּגרונט פון געדאַנק. אַנגעט איז פאַר אַ לאַנגער צייט פאַרבליבן שטיל און באַוועגלאָז... צום סוף האָט זי זיך אויפגעהויבן, עס האָט איר ווייגעטאָן איר האַלדז, און אַלע עברים אירע זיינען געווען שטייף. אָבער איר נשמה איז געווען דערלייזט. אַן אומבאַשטרייטבאַרע קראַפט האָט איר גע־שטופּט צום טיש. זי האָט ניט געוואוסט וואָס זי וועט טאָן. איר האַרץ האָט מורא׳דיק גיך געקלאַפּט. זי האָט דאָס אַלעס ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך. זי האָט גענומען איר פּען, און אין שטורמווינט פון ליידנשאַפט, אָן אַ מעטער, אין אַ ניט פּאָלירטן און קאַפּריזנעם ריטם, אין איין אָטעם האָט זי אויסגעגאָסן די פאַר־פלייצונג פון אירע ליידן...

דו ביזט געקומען, דיין האַנט האַלט מיך, — איך קוש דיין האַנט.
מיט ליבע, און מיט שרעק, — איך קוש דיין האַנט.

ליבע, דו ביזט געקומען מיך צו פאַרניכטן. איך ווייס דאָס זייער גוט.
מיינע קני ציטערן. קום, פאַרניכט מיך, — איך קוש דיין האַנט.

דו עסט די פרוכט און וואַרפסט איר אָוועק: ביים מיין האַרץ, עס איז דיינס!
געבענטשט זאָל זיין די וואונד, וואָס עס מאַכן דיינע ציין! —
איך קוש דיין האַנט.

דו ווילסט מיך אינגאַנצן: נאַ, נעם! איך גיב זיך אינגאַנצן אָוועק.
דו לאָזט איבער בלויז חורבות — איך קוש דיין האַנט.

מאָרגן וועט דיין האַנט מיך צערטלענדיק דערמאָרדן.
אפילו קושנדיק דיין האַנט, דערוואַרט איך פון איר דעם טויט קלאַפּ.

הרגע מיך! שלאָג מיך ! טוענדיק מיר שלעכטס, וועסטו מיר גוטס טאָן.
דו דערלייזט מיך, צעשטערער. — איך קוש דיין האַנט.

יעדער שטויס, וואָס מאַכט מיך בלוטן, צעברעכט אַ קייט.
דו רייסט אַוועק די קייטן צוזאַמען מיטן פלייש. — איך קוש דיין
האַנט.

דו צעברעכסט די געפיינקעניש פון מיין קערפּער, מערדער,
און דורך דעם בראָך צערינט מיין לעבן. — איך קוש דיין האַנט.

איך בין די צעאַקערטע ערד, אויף וועלכער עס גייט אויף דער קערן
פון ליידן, וואָס דו האָסט פאַרזייט. — איך קוש דיין האַנט.

זיי די הייליקע פּיין! זאָל די גאַנצע פּיין פון דער וועלט
רייף ווערן אין מיין ברוסט. — איך קוש דיין האַנט, איך קוש
דיין האַנט...

אַ שטאַרקער שטורעם, ים כוואַליעס צעשלאָגענע אָן פעלזן, אַ נשמה, אָנגעלאָדן מיט וואַסער־שטויב, דערהיצט פון בליצן, האָט זיך געשליידערט צום הימל אין דעם שוימיקן שטויב פון ליידנ־שאַפטן און טרערן... און ביים לעצטן אויסגעשריי פון די ווילדע פייגל, איז די נשמה פּלוצלונג צוריקגעפאַלן. אָנעט אָן אויסגע־מאַטערטע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און איז איינגע־שלאָפן.

L

אויף אין דער פרי, איז פון די ביינאַכטיקע אַנגסט און פּיין, פאַרבליבן בלויז אַ לייכטער שניי, וואָס איז צעגאַנגען אויפן זון... און דער ווייטאָקהאַפטער פרידן פון אַ קערפּער, וואָס האָט געקעמפט און ווייסט, אַז ער האָט געוואונען. זי האָט זיך געפילט זאַט. איבער זאַט מיט אירע ליידן. ליידן זיינען ווי ליידנשאַפט, כדי צו באַפרייען זיך פון זיי מוז מען זיך מיט זיי איבערזעטיקן. אָבער

זייער ווייניק מענטשן זיינען שטארק גענוג, אז זיי זאלן וואגן דאס צו טאָן. זיי האָדעווען דעם ברומענדן הונט מיט ברעקלאַך פון זייער טיש. די איינציקע באַזיגער פון לײַדן זיינען יענע מענטשן, וואָס וואַגן אַריינגעמען אין זיך דעם איבערפלוס פון לײַדן און זאָגן צו זיי :

— איך נעם דיך צו זיך, און דיינע ווייטערדיקע קינדער זאָל־סטו ברענגען דורך מיר... די מעכטיקע אומאַרמונג פון דער שאַפנ־דער נשמה, אַזוי ברוטאַל און פּראָדוקטיוו ווי דאָס באַהערשן...

אויפן טיש האָט זי געפונען דאָס, וואָס זי האָט אַנגעשריבן. זי האָט דאָס צעריסן. אַט די אָרדנונגסלאָזע ווערטער, זיינען גע־וואָרן פאַר איר פּונקט אַזוי אומדערטרעגלאַך ווי דער געפיל וואָס זיי האָבן אויסגעדריקט. זי האָט ניט געוואָלט צעשטערן דעם געפיל פון וואוילזיין, וואָס האָט איר דורכגעדרונגען. זי האָט געהאַט דעם געפיל פון דערלייכטערונג, ווי אַ קנופּ אָדער אַ רינג פון דער קייט וואָלט זיך נאָר וואָס צעבראָכן... און ווי אין דער באַלייכטונג פון אַ בליץ האָט זי דערזען די קייט פון קנעכטשאַפטן, וואָס די נשמה וואַרפט לאַנגזאַם אַראָפּ איינע נאָך איינער און באַפרייט זיך דורך אַ גאַנצער רייע פון עקזיסטענצן, איר אייגענער און פון די אַנדערע (זיי זיינען אַלע אַלצאיינס)... און זי האָט ביי זיך געפרעגט:

— צו וואָס, צו וואָס טויגן אַט די הייביקע צונעבונדנקייטן, אַט די אייביקע ריסן? צו וואָס פאַר אַ באַפרייהונג טרייבט דער פאַר־לאַנג — באַגער אין זיין בלוטדאָרשטיקן פּראָגרעס?

דאָס איז געווען בלויז פאַר איין מאָמענט. צו וואָס זיך זאָרגן דערפאַר וואָס עס וועט אַמאָל פּאַסירן? עס וועט פּאַריבער פּונקט אַזוי גוט, ווי דאָס וואָס האָט שוין פּאַסירט. מיר ווייסן זייער גוט, אַז עס מאַכט גאָר ניט אויס וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן מיר וועלן שוין דורכמאַכן אונזער וועג דורך דעם. ווי גייט דאָס ווערטל: דער אַלטער העראַאישער שפּרוך פון געבעט און פאַר־טיידיקונג :

— מיין גאָט, לייג נאָר ניט אַרויף אויף מיינע פּלייצעס קיין שווערערן פעקל ווי איך קען פאַרטראָגן!

איר פּרואוו האָט זי אַריבערגעטראָגן, די פּרואוו פון דעם היינטיקן טאָג... זי האָט זי אָפּגערוט קערפּערלאַך, און גייסטיק.

„טו סטרייק, טו סיק, נאָט טו פיינד, ענד נאָט טו יעלד..."

„עס איז גוט. עס איז גוט... איך האָב ניט פאַרלאָרן מיין צייט... לאָז דאָס איבעריקע אויף מאָרגן!"

זי האָט זיך אויפגעהויבן. זי איז געווען נאַקעט, און פון איבער די דעכער האָט די פרימאָרגן־זון געבאָדן איר קערפּער און דעם צימער אין אירע שטראַלן... זי איז געווען גליקלאַך... יאָ, ניט קוקנדיק אויף אַלץ!

אַלץ אַרום איר איז געווען פּונקט אַזוי ווי עס איז געווען נעכטן: דער הימל, די ערד, די פאַרגאַנגענהייט און די צוקונפט. אָבער אַלץ וואָס האָט איר נעכטן אונטערדריקט, האָט היינט גע־לויכטן.

מאַרק איז געקומען אַהיים זייער שפּעט אין אָוונט. ער האָט דעם אָוונט פאַרבראַכט אַליין אָן זיין מוטער, און איצט האָט ער געפילט זייער שלעכט, וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזן אַליין, און צוליב אים האָט זי געמוזט זיצן שפּעט. ער האָט געוואוסט, אַז אַנעט וועט זיך ניט לייגן שלאָפן ביז וואַנעט ער וועט ניט קומען אַ היים און האָט דערוואַרט אַן אייז־קאַלטע באַגעגעניש. כאָטש ער האָט זיך געפילט שולדיק, — טאַקע דערפאַר — האָט ער זיך אויפהויבנדיק אויף די שטיגן, געגרייט אָננעמען אַ שטאָלצע מינע, מיט אַ חוצפּהדיקן שמייכל אויף די ליפּן, כאָטש טיף אין האַרצן איז ער ניט געווען אַזוי זיכער מיט זיך. האָט ער אַרויסגענומען דעם שליסל פון אונטער דער טיר שטעשקע און האָט געעפנט די טיר. אויפהענגענדיק זיין מאַנטל, האָט ער זיך צוגעהערט. שאַ, שטיל. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט. שטילענקערהייט, אויף די שפּיץ פינגער איז ער אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך געלייגט שלאָפן. ער האָט זיך דערפילט לייכטער. ערנסטע זאַכן קענען וואַרטן ביז מאָרגן! אָבער נאָך איידער ער איז געווען איינ־גאַנצן אויסגעטאָן האָט אים אַרומגעכאַפּט אַן אומרואיגקייט. אַט די שטילקייט איז ניט געווען קיין נאַטירלאַכע... ווי זיין מוטער, האָט ער פאַרמאָגט לעבעדיקע פאַרשטעלונגס קראַפט, וואָס איז זייער לייכט געווען צו באַאומרואיקן... וואָס האָט פּאַסירט? ער איז געווען טויזנטער מיילן ווייט פון פאַרדעכטיקן די טויטלאַכע שטור־

רעמס וואָס האָבן די נאַכט געהערשט אין דעם צימער וואָס האָט זיך געגרעניצט מיט זיינעם. זיין מוטער איז געווען פאַר אים אַן אומדערקלערבאַרער און רעגנדער וועזן. ער האָט קיינמאָל ניט גע־וואוסט וועגן וואָס זי טראַכט. פול מיט שרעק, אין איין העמד, אַ באָרוועסער, איז ער צוגעגאַנגען און האָט צוגעלייגט דעם אויער צו זיין מוטערס טיר. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז דאָרטן. זי איז געשלאָפן; געאָטעמט האָט זי שווער און אָפּגעריסן. ער האָט אַ שטופּ געטאָן און געעפנט די טיר, מורא־האָבנדיק, אַז זי איז קראַנק, ער האָט זיך צוגעגנבעט צום בעט. ביים ליכט, וואָס איז אריינגעדרונגען אין צימער פון גאַס האָט ער איר געזען. זי איז געלעגן אויסגעצויגן גלייך אויפן רוקן, די האָר צעוואָרפן איבערן פּנים מיט אַ טראַגיש געזיכט וואָס האָט אַמאָל אין די נעכט פון די אַלטע צייטן, אויפגעוועקט די נייגעריגקייט פון איר קאָמ־פּאַניאָן, סילוויע. איר ברוסט האָט זיך געהויבן און געפאַלן אַזוי שווער, ביז און שטורמיש. עס האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק און רחמנות פאַר דער גאַנצער אויסגעמאַטערטקייט, פאַר אַלע ליידן וואָס האָבן, ווי ער האָט זיך אָנגעשטויסן, געפּייניגט אָט דעם קערפּער. זיך איבערבויגנדיק איבערן קישן, האָט ער מיט אַ ני־דעריקער, ציטערנדער שטים אַרויסגעמורמלט: „מאַמאַ".

זי האָט געמאַכט אַן אַנשטרענגונג זיך צו באַפרייען, אָט ווי זי וואָלט דערהערן דעם רוף פון וווייט, ווייט, און האָט אַ זיפץ געטאָן. דאָס קינד האָט זיך אַ כאַפּגעטאָן אויף צוריק, אַ דערשראָקענער. זי איז צוריק אריינגעפאַלן אין איר אומבאַוועגלאַכקייט. ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין בעט. די זאָרגלאָזיקייט פון זיין עלטער און די מידקייט פון טאָג האָבן איבערגעוואויגן זיין אומרואיגקייט. ער איז גוט דורכגעשלאָפן די נאַכט.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי, האָבן זיך צו אים אומגעקערט די פאַרשטעלונגען און שרעקן פון לעצטן אוונט. ער איז געווען איבערראַשט וואָס זיין מוטער האָט זיך נאָך ביז איצט ניט באַוויזן. געוויינטלאַך, פלעגט זי אריינקומען אין זיין צימער, אים אַ קושטאָן און זאָגן אים גוט־מאָרגן, ווען ער איז נאָך געווען אין בעט. זי איז ניט אריינגעקומען דעם פרימאָרגן. אָבער ער האָט איר געהערט אַרומגיין אַהין און צוריק אין דעם שכנישן

צימער. ער האָט געעפנט די טיר. קניענדיק אויפן דיל האָט זי ארומגעשטויבט דאָס מעבל און האָט זיך ניט אויסגעדרייט. מארק האָט איר געזאָגט אַ גוט מאָרגן. זי האָט אויסגעדרייט צו אים אירע שמייכלענדיגע אויגן, און געזאָגט: — אַ גוט מאָרגן דיר, מיין טייערער. — דערנאָך איז זי ווידער אָנגעגאַנגען מיט איר אַרבעט, ניט שיינקענדיק אים קיין שום אויפמערקזאַמקייט.

ער האָט דערוואַרט, אַז זי זאָל אים פרעגן וועגן זיין נעכטיקן אוונט. ער האָט געהאַסט אָט די פראַגן, אָבער ווען זי האָט אים ניט געפרעגט, האָט ער זיך באַליידיקט. זי איז אריין צו זיך אין צימער. האָט אים געבראַכט אין אָרדנונג, און האָט פאַרענדיקט זיך אָנטאָן. דאָס איז געווען די צייט פון אירע קלאַסן; זי האָט זיך געגרייט אַוועקגיין. ער האָט איר געזען קוקן אין שפּיגל, מיט בלויע רינגען אַרום די אויגן, איר פּנים האָט נאָך אַלץ געוויזן לייכטע סימנים פון מידקייט, אָבער מיט אַ פייער אין אירע אויגן! איר מויל האָט געשמייכלט. ער איז געווען ערשטוינט פון איר אויסזען. ער איז געווען גרייט איר צו געפינען באַטריבט, און, ער איז אפילו גרייט געווען צו האָבן מיטלייד מיט איר; דאָס האָט צעשטערט זיינע פּלענער. דעם קליינינקן מאַנס לאָגיק, איז געווען אויף אַזאַ אופן צעדרייט.

אָבער אַנעט האָט געהאַט איר אייגענע לאָגיק. „דאָס האַרץ האָט זיין אייגענע לאָגיק", וואָס ווייסט פון אַ העכערן זין, ווי דער גלייכער פאַרשטאַנד. אַנעט האָט אויפגעהערט צו זאָרגן דערפאַר וואָס אַנדערע ווילן, אָדער קענען דענקען. זי האָט געוואוסט. אַז מען טאָר ניט פאָדערן פון אַנדערע, אַז זיי זאָלן דיך פאַרשטיין. אויב זיי האָבן דיך אפילו ליב, איז דאָס אויך מיט פאַרמאַכטע אויגן. זיי פאַרמאַכן זיי אָבער ניט אָפט!... „זאָלן זיי זיין ווי זיי ווילן זיין! ווי אַזוי זיי זאָלן ניט זיין, האָב איך זיי ליב. איך קען ניט לעבן, אָן ליבע צו זיי. און אויב זיי ליבן מיך ניט, האָב איך גענוג ליבע אין מיין האַרצן פאַר ביידן... אי פאַר מיר, אי פאַר זיי."

זי האָט געשמייכלט אין שפּיגל מיט אַ שמייכל וואָס איז געקומען פון טיפערע טיפענישן, ווי אירע אויגן, זי האָט געשמייכלט פון דעם פייער, פון וועלכן זיי זיינען געווען אַ פונק פון דער

אייביקער ליבע. זי האָט געלאָזן פאַלן אירע הענט פון איר קאָפּ, און האָט זיך אויסגעדרייט צו איר זון. זי האָט באַמערקט דעם קינדס באַאומרואיגטן פּנים, האָט זיך דערמאָנט אין זיין אוונט אין טעאַטער. האָט אים אָנגענומען פאַר דער מאָרדע, און אויסציהענדיק די ווערטער האָט זי געזאָגט צו אים פריילאַך:

— דו האָסט געטאַנצט? עס פרייט מיך באמת! און איצט דאַרפסטו זינגען!

זי האָט זיך צעלאַכט, ווען זי האָט דערזען זיין פאַרוואונדערטן אויסדרוק, האָט אים געצערטלט מיט אירע אויגן, האָט אים אַ קוש געטאָן אין נאָז, און אויפהויבנדיק איר רענצעלע פון טיש, איז זי אַרויסגעגאַנגען, זאָגנדיק, „זיי געזונט מיין קליינער גריל".

אין קאָרידאָר האָט ער איר געהערט אויספייפן אַ זאַרגלאָזן ניגון. (זי האָט געהאַט אמתן טאַלאַנט דערצו און ער האָט איר מקנה געווען דערויף. כאָטש ער האָט דאָס פאַראַכטעט, ווייל זי האָט געפייפט אַ סך בעסער פאַר אים.)

ער איז געווען אויפגעבראַכט! אַזאַ אומאַנשטינדיקע פריי־לאַכקייט נאָך אָט די אַלע אויפרעגונגען פון דעם נעכטיקן אוונט... ער האָט איר ניט געקענט באַגרייפן. ער האָט דאָס צוגעשריבן צו די אייביקע קאַפּריזן פון די פרויען, צו דער מאַנגל אין ערנסט־קייט ווי עס טוען דאָס אַלע אַנדערע... „לאַ דאָנאַ מאָבילע".

ער איז געווען גרייט אַרויסצוגיין, ווען אַ שטיקל פּאַפּיר אין מיסט קעסטל האָט פאַרכאַפּט זיין אויפמערקזאַמקייט. פון דער־ווייטנס האָבן זיינע שאַרפע, פאַרשענדע אויגן פון אַ נייגעריקן קינד, ניט טראַכטנדיק אויפגעכאַפּט אַ פּאָר ווערטער פון דעם שטיקל פּאַפּיר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט... אָט די ווערטער... זיין מוטערס האַנטשריפט! ער האָט זיי אויפגעקליבן, האָט זיי פיבערהאַפט אי־בערגעלייענט, צוערשט, האָט ער געלייענט גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין, יעדער וואָרט באַזונדער. אָט די פייערדיקע ווער־טער!... נאָר אַזוי ווי זיי זיינען געווען צעריסן אין שטיקלאַך, איז דער געפיל. וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן, איבערגעריסן אין רעכטן מיטן פון זיין פלי געווען נאָך שטאַרקער... ער האָט צוזאַמענ־געקליבן אַלע שטיקלאַך, ער האָט איבערגעקערט דאָס קעסטל. אויס־זוכנדיק די קלענסטע טיילן פון דעם צעריסענעם בויגן פּאַפּיר, האָט

זיי אַלע צענויפגענומען און געדולדיק זיי צוזאַמענגעקליבט. זיינע הענט האָבן געציטערט האַלטנדיק דעם סוד וואָס ער האָט אומדערוואַרט געפאַנגען. ווען ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַלע שטיקלאַך אַזוי, אַז ער האָט געקענט איבערלייענען די פּאַעמע אין גאַנצן איז ער געווען פּאַלשטנדיק ערשטוינט. ער האָט דאָס ניט פאַרשטאַנען אַזוי גוט, אָבער דער ווילדער פייער פון אָט דער איינזאַמער ליד, האָט אַנטפּלעקט פאַר אים אומבאַוואוסטע טיפענישן פון ליידנשאַפט און פּיין, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין עקסטאַז, און האָט אָנגעוואָרפן אויף אים אַ שוידער. איז דאָס מעגלאַך, אַז אָט די שטורמישע אויסגעשרייען זאָלן קומען פון זיין מוטערס ברוסט?... ניין, ניין, דאָס איז אוממעגלאַך! ער וואָלט דאָס ניט ווען. ער האָט זיך געזאָגט, אַז זי האָט איבערגעשריבן דאָס ליד פון אַ בוך... אָבער פון וואָס פאַר אַ בוך? ער האָט איר ניט געקענט פרעגן... און דאַך, און אויב עס איז אפילו גענומען פון אַ בוך...? די טרערן זיינען געקומען, די באַדערפעניש אויסצואווייינען זיין געפיל, זיין ליבע, אַ באַגער זיך אַריינוואַרפן אין זיין מוטערס אָרעמס, זיך וואַרפן צו אירע פיס, אויפעפענען פאַר איר דאָס האַרץ, און אַריינקוקן און זען וואָס עס טוט זיך ביי איר אין האַרצן... אָבער ער האָט דאָס ניט געקענט טאָן.

ווען זיין מוטער איז אַהיים געקומען מיטאָג צייט פאַר אַן איבערבייס, האָט דאָס אינגל וואָס האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן פאַרשוועדט אויף לייענען און איבערשרייבן די צעריסענע טיילן און האָט זיי באַהאַלטן אין אַ קאָנווערט ביי זיך אין בוזים קעשענע, איר גאָרניט געזאָגט. זיצנדיק ביי זיין טיש האָט ער זיך אפילו צוריקגעהאַלטן פון אויפשטיין און אויסדרייען דעם קאָפּ אין איר זייט ווען זי איז אַריין אין צימער... וואָס ברענענדער עס איז געווען זיין פאַרלאַנג צו וויסן, אַלץ שטאַרקער איז געווען די צוריקהאַלטונג, וואָס האָט אים געצוואונגען צו באַהאַלטן זיין רעגונג אונטער אַ מאַסקע פון געפיללאָזיגקייט. און אויב, נאָך אַלעמען זיינען אָט די טראַגישע ווערטער ניט אַנטעטס! דער צווייפל האָט זיך צו אים צוריקגעקערט, זעהענדיק זיין מוטערס רואיק געזיכט... אָבער דער אַנדערער, דער באַאומרואיקנדער צווייפל, איז פאַרבליבן... און

פּילייכט זיינען זיי אירע?... אַט די פרוי, מיין מוטער?... באַגעגנדיק איר ביים טיש, האָט ער ניט געוואַגט צו קוקן אויף איר... ווען זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט די פּלייצעס, און זי איז אומ־געגאַנגען איבערן צימער, זוכנדיק וואָס, אָדער דערלאַנגענדיק אַ טעַ־לער, האָט ער זיך דורשטיק אַנגעשטעלט אויף איר, און מיט פאַרשנ־דיקע אויגן ביי איר געפרעגט:

— ווער ביסטו?

ער האָט ניט געקענט דערקלערן זיינע באַזאָרגטע, אויפגערו־דערטע, און אומרואיקע איינדריקע. אָבער אַנעט פול מיט איר נייעם לעבן האָט גאָרניט באַמערקט.

LI

ביי טאָג זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען, יעדער פאַר זיינע אייגענע געשעפטן. מאַרק האָט באַאָבאַכט זיין מוטער פון דער ווייטנס. ער איז געווען באַהערשט פון קעגנזעצטע געפילן: ער האָט איר באַוואונדערט און איז געווען גערייצט פון איר... פרויען האָט ער ניט געקענט באַגרייפן. פרויען, יעדער פרוי. אַמאָל זיינען זיי געווען אַזוי נאָענט, און אַן אַנדערש מאָל אַזוי ווייט! אַ מאָדנע ראַסע... מיט קיין זאַך זיינען זיי ניט געראָטן אין אונדז. מען קען קיינמאָל ניט וויסן וואָס עס טוט זיך מיט זיי, וואָרום זיי לאַכן און פאַרוואָס זיי וויינען. ער האָט זיי געהאַסט. ער האָט זיי פאַראַכטעט, ער האָט זיך גענויטיגט אין זיי, און ער האָט געוויייטאָגט פאַר זיי! און ער איז געווען בייז אויף זיי טאָקע פאַר אַט דעם געפיל. ער וואָלט געקענט זיך איינבייסן אין דעם האַלדז פון דער פרוי וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען ווי ער האָט זיך איינגעביסן אין נאָעמיס האַנט — ווי ער וואָלט אים וועלן בייסן — אַזוי לאַנג ביז בלוט וואָלט געדונען. ביי אַט דער פּלוצ־לונגער עראַינערונג האָט זיין דערשראָקן האַרץ זיך אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז בלאַס געוואָרן און האָט אַ שפּיי געטאָן מיט עקל.

ער האָט דורכגעשניטן די לוקסענבורגער גאָרטנס ווי די יונגע האָבן זיך געשפּילט. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט קינה. דאָס

בעסערע אין אים, זיינע פאַרבאַרגענע פאַרלאַנגען האָבן זיך געריסן צו אַט די מענלאַכע טעטיגקייטן, אַן ליבע און אַן פרויען — נאָך ספּאָרטס און העלדישע שפּילן. אָבער ער איז געווען אַ שוואַכער: אַן אומגערעכטער שיקזאַל, זיין קראַנקהייט, ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט אים געהאַלטן שוואַכער פון זיינע חברים פון זיין דור. און זיין זיצנדיקער אַרט לעבן, זיינע ביכער און זיינע טרוימען, די פרויען געזעלשאַפט, ביידע שוועסטער, האָבן אים פאַרסמט מיט דעם סם פון ליבע וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אים דורך זיין מוטער, זיין מומע און זיין זיידן, דורך דער גאַנצער בלוט פון די דיוויערס. אים וואָלט זיך ווען אויסגיסן אַט דאָס בלוט, צו עפענען זיינע אָדערן! און ווי שטאַרק ער האָט מקנא געווען אַט די יונגעלייט, מיט זייערע שיינע עברים, פוסטע מוחות, פול מיט זונ־שיין!

אַלע רייכטימער, וואָס זיינען געווען זיינע האָט ער פאַראַכ־טעט. ער האָט ניט געקענט טראַכטן פון עפּעס אַנדערש אַ חוץ פון דעם וואָס ער איז געווען באַרויבט. די שפּילן, די געוועטן פון די האַרמאָנישע קערפּערס. און אין זיין אומגערעכטיגקייט האָט ער ניט געזען די אַנדערע שלאַכטן וואָס זיין מוטער האָט געפאַכטן האַרט ביי זיין זייט...

זי איז געגאַנגען אַלץ ווייטער. דער זומער האָט צוגאָסן זיינע גלענצנדע כוואַליעס איבערן שטאָט. דער בלויער שימער פון הימל האָט באַגאָסן די שפּיצן פון די הייזער... ווי גוט עס וואָלט געווען צו זיין ווייט אַוועק פון שטאָט, אין די פעלדער!... אָבער דאָס איז געווען מער, ווי זי האָט געקענט ווינטשן: אַנעט האָט ניט געהאַט קיין מעגלאַכקייט צו פאַרלאָזן פּאַריז. אַן צוויי־פל מאַרק וועט קענען אַוועקפאָרן אויף עטלאַכע וואָכן מיט זיין מומע צום ים אין נאָרמאַנדיע, אָבער אַנעט וועט ניט פאָרן; איר שטאָלץ וועט איר ניט דערלויבן צו פאָרן אויף איר שוועסטערס חשבון. אַ חוץ דעם, נאָך פון דער צייט, ווען זי האָט געזען די קוראָרטן מיט איר פאָטער, איז איר פאַרבליבן אַ געפיל פון עקל צו זיי. צו אַלע זייערע לאַנגווייליקע מענטשן, און צו די ליידיקגייער. זי וועט בלייבן אין דער היים אַליין, אַזוי וועט זיין בעסער. זי האָט געטראַגן אין זיך דעם ים און דעם הימל, דעם זונען אונטערגאַנג הינטער

די בערג, די מילך נעבלען, די פעלדער אויסגעצויגן אונטער דעם שיין פון דער לבנה, און דעם רואיקן אָפּשטאַרבן פון די נעכט. אין אַ דעם אויגוסט נאָך מיטאָג, איינאָטעמענדיק די וואַרימע לופט און דעם רעש פון די גאַסן צווישן די שטראָמען מענטשן, איז אַנעט געגאַנגען איבער פּאַריז, מיט דעם שנעלן און זיכערן טראָט, מיט דעם לייכטן און ריטמישן טראָט פון די אַמאַליקע טעג. באַמערקנדיק יעדער זאַך וואָס זי איז פאַרבייגעגאַנגען, ווען זי איז געווען אַזוי ווייט ווייט פון דאַנען... אין די שטויביקע גאַסן, וואָס האָבן געציטערט אונטער די רעדער פון שווערע אויטאָבאָסעס, האָט זי מיטן געדאַנק געוואַנדערט אונטער די געוועלבער פון די וועלדער, אין יענע זומער פּלעצער, פון בורגונדיע, וואו זי האָט פאַרבראַכט איר גליקלאַכע יוגנט. און אירע נאָז־לעכער האָבן איינגעזאַפּט אין זיך דעם געשמאַקן גערוך פון קאַרע און מאַך. זי האָט שפּאַצירט איבער די אַראָפּגעפאַלענע הערבסט בלעטער. אַ ווינט אָנגעזאַפּט מיט רעגן האָט זיך געטראָגן צווישן די אָפּגעפליקטע צווייגן, באַרירנדיק איר באַק מיט זיין פייכטן פליגל; דאָס געזאַנג פון אַ פויגל האָט זיך ווי דורך כישוף געגאָסן אין דער שטילקייט; דער ווינט דורכגעזאַפּט מיט רעגן האָט זיך דורכגעטראָגן דורך איר... דורך אַ די וועלדער איז דורכגעגאַנגען די יונגע אַנעט מיט איר ווייענדיקן געליבטן און דאָרטן איז געווען די געדיכטע קוסטעס, דאָ זיינען אויך געווען די בינען אַרום דעם פאַרלאָזטן הויז... פריידן און ליידן... זיי זיינען אַלע אַזוי אומגעהויער ווייט, ווייט! זי האָט געשמייכלט צו איר אייגענעם יונגנטלאַכן געשטאַלט, צו וועמען ליידן זיינען נאָך אַלץ געווען אַזוי ניי... „וואַרט, מיין אָרימע אַנעט, דו ביזט ערשט ביים סאַמע אָנפאַנג...“

— האָסט אויף קיין זאַך קיין חרטה ניט?

— אויף קיין זאַך ניט!

— ניט אויף דעם וואָס דו האָסט געטאָן און אויך ניט אויף דעם וואָס דו האָסט פאַרפעלט צו טאָן?

— קיין זאַך ניט, דו באַטריגערישער גייסט! האָסטו פּראָבירט צו אויסצוגעפינען וואָס איך באַדויער? וועסטו אויסגעפינען, אַז דיין מיה איז אַרויסגעוואָרפן! איך נעם צו אַלץ, אַלץ וואָס איך

האָב געהאַט און אַלץ וואָס איך האָב ניט געהאַט, מיין גאַנצן גורל, מיט זיין חכמה און נאַרישקייט. אַלץ איז געווען, ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין, סיי די חכמה, סיי די נאַרישקייט. אַ מענטש מאַכט טעות׳ן: דאָס איז דער לעבן. אָבער עס איז קיינמאָל ניט קיין טעות צו האָבן געליבט. כאָטש די עלטער איז נאָענט, האָט דאָך פונדעסטוועגן מיין האַרץ קיין איינציקן קנייטש. און כאָטש מיין האַרץ האָט געליטן, איז דאָס גליקלאַך, ווייל עס האָט געליבט. און איך דאַנקבאַר פאַרשטאַנד, האָט זיך מיט אַ שמייכל אויסגעדרייט צו די, וועמען זי האָט געליבט.

עס איז געווען זייער אַ סך צערטלאַכקייט אין אָט דעם שמייכל, און אַ היבש ביסל פראַנצויזישע איראָניע. ווי שטאַרק זי איז ניט געווען געריהרט ביים געדאַנק וועגן זיי, האָט אָבער דאָך געזען די גאַנצע לעכערלאַכקייט פון אָט די פייניקונגען: סיי אירע אייגענע, סיי אויך פרעמדע... אָט דער רחמנותדיקע רפיבער פון פאַרלאַנג און דערוואַרטונג! אויך וואָס האָט יז געוואַרט? אליין האָ טזי מיט ליבע שוין געענדיק אירע חשבונות! די אַנדערע וועלן דאָס טאָן אין זייער צייט.

זי האָט געזען פאַר זיך די אַנדערע: איר זון וואָס זוכט מיט זיינע ברענענדיקע הענט אַרומצונעמען די אומזיכערע צוקונפט; פיליפ אומצופרידן מיט דער מיטלמעסיקער שפייז וואָס די געזעלשאַפט האָט אים געאָפּפּערט צו זעטיקן זיין הונגער; סילוויע, וואָס מיט זיך צו פאַרגעסן, און קוקט אין דער צוקונפט וואָס דאַרף אויספילן די אומגעהויערע פוסטקייט פון איר האַרצן; די גרעסטע צאָל פון געוויינלאַכע מענטשן, וואָס געניצן איבער דער לאַנגווייליקייט פון זייער לעבן; און די יוגנט. די אומרואיקע יוגנט, וואָס וואַנדערט אום אין דערוואַרטונג... אויף וואָס וואַרט זי? און צו וואָס שטרעקט די יוגנט אוים אירע הענט?

באַפרייט פון זיך אַליין, האָט זי געקוקט אויף אָט די אַלע פעקל־טרעגער, זי האָט געזען די מחנה, דעם המון אין די גאַסן זיך איילנדיק, לויפנדיק, וואו יעדער איינער איגנאָרירט אַלע איבעריקע, יעדער איינער, ווי געטריבן פון די פאַסטוכערס הינט, און אונטער דער אומצוויייפלהאַפטער אומאָרדנונג, דעם אַלערהעכסטן דיטם — דעם גלויבן, אַז זיי אַלע גייען זייער אייגענעם וועג, ווען

אין דער אמתן זיינען זיי אלע געפירט... וואוהין? וואוהין האט זיי געפירט דער אומזיכטבארער פאסטוך?... דער גוטער פאסטוך?... גיין! אויף דער אנדערער זייט פון גוטס און שלעכטס...

זי האט געגעבן אירע לעקציעס ווי געווײנטלאך, געדולדיק און אויפמערקזאם, זי האט מילד אויסגעהערט, און קלאר דערקלערט, גיט מאכנדיק קיינע טעותן. אפילו ווען זי האט גערעדט האט דער טרוים פארטגעזעצט זיך וועבן אין איר. ווער עס האט פאר זיך אויסגעארבעט די געוואוינהייט, דעם איז ניט שווער צו לעבן צוויי לעבנס פאר איינס, איין לעבן אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד, צוגלייך מיט אלע אנדערע מענטשן, דעם אנדערן אין די טיפענישן פון טרוים, וואס באדט זיך אין דער אינערלאכער זון. קיי־נער פארנאכלעסיגט ניט קיין איינעם פון די צוויי לעבנס. מען לייענט זיי ביידן מיט איין בליק ווי א מוזיקער לייענט זיינע נאטן. דאס לעבן איז א סימפאניע: און יעדער מאמענט פון לעבן ווערט געזונגען אין עטלאכע טיילן. דער אפקלאנג פון אט דער ווארימער הארמאניע האט געבראכט א קאליר אין אנעטס געזיכט. אירע שילער זיינען היינט געווען ערשטוינט פון איר יוגנטלאכן אויסזעץ. און זיי האבן זיך דורכגעדרונגען צו איר מיט איינעם פון יענע שטארקע געפילן וואס דאס יונגווארג פילט צו אירע עלטערע, די אנזאגער פון לעבן און אין וועלכע זיי וואגן זיך ניט מודה זיין. אנעט האט גארניט געוואוסט ווענן די שפארן פון ליבע וואס איר פארבייגיין האט אין אט דעם טאג איבערגעלאזט אין די הערצער פון די וואס זיינען געווען צו איר נאענט.

אין אוונט איז זי געקומען א היים אין דעם זעלבן צושטאנד פון רוחניותדיקייט. מיט איר לייכטן הארצן, האט זי געפילט ווי זי וואלט זיך באוועגט אין דער לופטן. זי וואלט דאס ניט געקענט דערקלערן. די מעכטיקע רעטעניש פון דער פרוי, איינגעהילט אין איר אייגענער שטראלנדיקייט, אין א פרייד און א באשטימטער אור־זאך, ווען אפילו די אורזאך איז פאר די אויגן! אלצדינג וואס רינגלט איר ארום, די גאנצע אויסערלאכע וועלט, זיינען אין אזוינע מאמענטן בלויז א טעמא פאר דעם פרייען שאפן פון דער ליידנ־שאפטלאכער פארשטעלונג פון אירע טרוימען.

זי האט געמאכט איר וועג אין גאס דורך אויפגערעגטע גרופעס

מענטשן. די צייטונגס אינגלאַך זיינען אומגעלאָפן און האָבן אויס־געשריען די נייעס צו די פאַרבייגייער, וואָס האָבן זיי דיסקוטירט. זי האָט גאָרניט געזען און האָט גאָרניט געהערט. פון אַ דורכלויפנדן טראַמוויי האָט אימיצער צו איר עפּעס אַראָפּגעשריען; זי האָט זיך דערמאָנט ווער דאָס איז געווען אין אַ מינוט שפּעטער — סילוויעס מאַן. ניט הערנדיק וואָס ער האָט געזאָגט, האָט זי געענטפערט מיט אַ פריילאַכן מאַך מיטן האַנט... ווי אויפגערעגט יעדער איינער איז געווען... ווידער אַמאָל האָט זיך איר אויף אַ ווייל פאַרגעשטעלט אַ קאָפּ־פאַרדרייענדער שטראָם וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַן אָפּגרונט און איז דאָרט פאַרשוואונדן געוואָרן... וואָס פאַר אַן אָפּגרונט?...

זי איז אַרויף צו זיך אין הויז. מאַרק האָט איר דערוואַרט אויפן שוועל, זיינע אויגן האָבן געלויכטן, און הינטער אים סילוויע, זייער שטאַרק אויפגערעגט. זיי האָבן געדורשט איר צו דערציילן די נייס.

...וואָס איז דאָס געווען? ביידע האָבן גערעדט גלייכצייטיק; יעדער פון זיי האָט געוואָלט זיין דער ערשטער... — אָבער וואָס, אום הימלס ווילן, ווילט איר מיר דערציילן? — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק.

זי האָט קוים דערהערט און פאַרשטאַנען איין וואָרט, „מלחמה“.

— מלחמה? וואָסער מלחמה? — זי איז ניט געווען איבעראַשט.

...דער תהום... „ביזטו, הייסט עס, דאָס געווען? פאַר אַ לאַנגער צייט האָב איך שוין געפילט דיין אָטעם וואָס ציט אונדז אַרונטער....“

זייערע דערקלערונגען זיינען פאַרטגעזעצט געוואָרן. כדי זיי צופרידנצושטעלן האָט זי זיך אויפגעהויבן — אַביסל — פון דעם סאָמנאַמבוליסטישן צושטאַנד... מלחמה? זאָל זיין אַזוי! מלחמה, שלום, דאָס איז אַלץ לעבן, אַלץ איז אַ טייל פון דער שפּיל... איך וועל נעמען מיין חלק...

זי איז געווען אַ גוטער שפּילער, די פאַרכישופטע נשמה!

— איך פאָדער אויף גאָט צום קאַמף!

ע נ ד ע

פאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

חיים שווים:		
די גרויסע אידישע געשיכטע 4 בענדער — —		10.00
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער	.30	.70
ראָבערט אינגערסאָל: טעות'ן פון משה רבנו —	.40	.75
א. שאָפּענהויער: "די חכמה פון לעבען", און אַנדערע עסייען — — — — — — — —		2.00
דר. מוזיקאַנט: דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראָס — — — — — — — — —		2.25
ברוך שפּינאָזא: טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט		2.25
טאָמאַס פּיין: די צייט פון פאַרשטאַנד — — —		2.00
אַנאַטאָל פראַנס: דער אויפשטאַנד פון די מלאכים		2.00
מ. אַרציבאַשעוו:		
סאַנין — — — — — — — — — — — —		1.50
מיליאָנען — — — — — — — — — —		1.20
פרויען — — — — — — — — — — — — —		1.00
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענד.) — — —		3.50
אָסקאַר ווילד: דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי —		1.50
לעאָניד אַנדרעיעוו: דער רויטער געלעכטער —		.70
ראָמען ראָלאַן:		
שוועסטער נאַנעט און סילוויאַ — — — —		1.75
זומער, ראָמאַן אין 3 טיילען — — — — — —		2.25
פ. דאָסטאָיעווסקי:		
אָרעמע מענשען — — — — — — — — — —		1.00
ערנידעריגטע און בעליידיגטע (אין 2 בענד) —		3.00
פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) — —		3.50
אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — —		5.00
וויקטאָר הוגאָ: דער מענש, וואָס לאַכט אין 2 ב.		3.00
אויגוסט סטרינדבערג: דאָס רויטע צימער — —		1.50
פּראָפ. א. פאָרעל: געשלעכטספראַגע. פולשטענדיג אין 2 בענדער — — — — — — — — —		4.00
ס. פּשיבישעווסקי: דעם טייוועל'ס קינדער — —		1.50
וויניטשענקאָ: עהרליך צו זיך אליין — — — — —		2.00